STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08786

DI NAYE VIRKLEKHKAYT

Melech Noy

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.) - התאחדות, תל־אביב
Ichud Olami Poale Zion (Z.S.) - Hitachduth
Tel-Aviv, Israel, P.O.B. 1607

מלך נוי (נײַשטאַדט)

די נײַע ווירקלעכקייט

ציוניסטישע און אַרבעטער־ציוניסטישע באַוועגונג
נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל

מלך נוי (ניישטאַדט)

די נייע ווירקלעכקייט

ציוניסטישע און אַרבעטער־ציוניסטישע באַוועגונג
נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל

אַרויסגעבער: איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.) ־ התאחדות

תשרי תשט״ו תל־אביב אָקטאָבער 1954

נדפס בישראל
PRINTED IN ISRAEL

MEILECH NOY (Neustadt)

THE NEW REALITY

Essays on the Zionist and Labour Zionist Movements after the Emergence of the State of Israel.

Published by the Ichud Olami — World Union of Poale Zion (Z.S.)-Hitachduth, Tel-Aviv, Israel, P.O.B. 1607.

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב, רח' לבונטין 5, טל. 3644

אינהאַלט:

זייט

פאָרבאַמערקונג 9
איפֿן שוועל 13
מדינת ישראל און ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג 26
אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע 42
די פּאַרטיי נאָך דער גרינדונג פֿון דער מדינה 52
וועגן צו באַנייאונג 63
מיר מוזן זיין אַ באַוועגונג וואָס פּאַרווירקלעכט 70
פאָדערונגען פֿון דער באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ 86
וואָס פירט צום קריזיס 94
כינוס פֿון איחוד עולמי אין צופית (1950) 101
נישט ווער עס טוט — נאָר וואָס מען טוט 109
גיט לעבנס־אינהאַלט דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע 116
ערב דעם 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס 124
מדינה און ציוניזם — איין ציל 127
ציוניסטישע טאָג־פֿראַגן 133
אַ וועג צו ליקווידאַציע 141
פֿאַר ווּיכטיקע אָנטשיידונגען 149
וויאַזוי שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג 151
רעכענען זיך מיט דער פאַקטישער לאַגע 155
אייראָפּעאישע איחוד־באַראַטונג (1951) 171
גלות־אַרבעט — אַ ציוניסטישע פליכט 173
אַ קאָאַליציע צוליב נעגאַציע 183
אַ קאָנפֿערענץ פֿון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין אַמעריקע 189
אַ וויכטיקער מעמד (איחוד וועלט־קאָנפֿערענץ — 1951) 193
וויאַזוי בויען אונזער באַוועגונג 200
וועגן וואָס גייט דער וויכוח? 210
מער אינטערעס פֿאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ 217

אָרגאַניזירן די תפוצות פאַר דער מדינה 225
אַ פול־זיצונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע (1952) 231
עס איז נויטיק קלאָרקייט 234
מיטן פנים צום גלות — אַ צענטראַלע אויפגאַבע 244
„שנת שרות" — די נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע זייטן 252
אַ נאָמען וואָס איז מחייב 258
איבערבוי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע 263
צום וויכוח וועגן נייע וועגן 275
אויפגאַבן פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ 287
באַריכט וועגן אַ באַזוך אין חוץ־לארץ (1953) 301
אָפּהיטן אונזער אייגענעם וועג 306
אַ באַשיידענער שריט פאָרויס 311
אַ גרויסע, אָדער אַ קליינע עקזעקוטיווע ? 316
מיט פאַראייניקטע כוחות 319
קעגן שטראָם, ווען דאָס איז נויטיק 332
עפּענונגס־ווערטער (איחוד וועלט־קאָנפערענץ — 1954) 341
דער רוף איז געווענדעט צו אַלע 346

*

באַמערקטע דרוק־פעלער 357
אינהאַלט פונם בוך אין דער פראַנצויזישער שפּראַך 358
אינהאַלט פונם בוך אין דער ענגלישער שפּראַך 359

פֿאָרבאַמערקונג

דאָס דאָזיקע בוך באַהאַנדלט דער עיקר איין טעמע: וואָס דאַרפֿן זיין די אויפֿגאַבן און פֿליכטן, און לויט די אויפֿגאַבן — דער בוי פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — דער עיקר פֿון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, און אויך פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָך דער אויפֿריכטונג פֿון מדינת ישראל, אין דער תקופה פֿון איר אויפֿבוי און פֿעסטיקונג? צוליב דעם איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ריי אַרטיקלען און רעדעס פֿון נאָכן אויפֿקום פֿון דער מדינה, אין די יאָרן 1948—1954, וועלכע באַהאַנדלען פֿראַגן פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פֿון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ליכט פֿון דער נייער ווירקלעכקייט — די נייע אידישע ווירקלעכקייט פֿון נאָך חורבן־היטלער און אויפֿקום פֿון מדינת ישראל.

מיר זיינען איצט אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג עדות פֿון אַ פּראָצעס פֿון זוכענישן, ווי אַזוי צוצופּאַסן אידעאָלאָגישע פֿאָרמולירונגען און אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרמען צו דער דאָזיקער נייער ווירקלעכקייט. דער דאָזיקער פּראָצעס נעמט אויך אַרום די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג. איז דעריבער וויכטיק יעדער פּרוּוו אַריינצוברענגען קלאָרקייט; אָנצוּווייזן אויף די ווירקלעכע סיבות (לויט ווי יעדער זעט זיי) פֿון דער משונהדיקער דערשיינונג, וואָס די אויפֿריכטונג פֿון דער אידישער מדינה — האָט נישט גלייכצייטיק געבראַכט מיט זיך אַ באַדייטנדיקע פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לאַרץ; אויך אָנווייזן קאָנקרעט אויף די וועגן, וואָס זיינען בכוח אונז צו דערנעענטערן צו אַ מצב, אַז וואָס ברייטערע קרייזן פֿון אידישן פֿאָלק אין חוץ־לאַרץ, וועלכע האָבן ליב מדינת ישראל, העלפֿן איר און ווילן זיין אַן אָנלען פֿאַר איר, זאָלן קענען אַרומגענומען ווערן אין איין ציוניסטישער ראַם. איז אָנצונעמען, אַז אַ זאַמלונג אָפּהאַנדלונגען, בלויז אויף דער טעמע, געשריבן און אַרויסגעבראַכט ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן, אין די וויניקע יאָרן, וואָס עס

באַשטייט די מדינה, וועט פאַרלייכטערן יעדן איינעם וואָס אינטערעסירט זיך און ראַנגלט זיך מיט די פראַגן, זיך נעענטער צו באַקענען מיט די ענינים, מיט די גורמים, וואָס זיינען משפיע אויף זייער געשטאַלטונג און זיך שאַפן אַן אייגענע מיינונג וועגן זיי.

דאָס וואָס ווערט דאָ איצט פאַרעפנטלעכט, איז געשריבן און געזאָגט געוואָרן אינם גאַנג פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און אין לויף פון אַקטועלע געשעענישן, על פי רוב כדי צו באַפרידיקן אַ נויטווענדיקייט פון דער געגעבענער שעה. עס איז דעריבער זייער שווער געווען לגמרי אויסצומיידן איבערחזרונגען פון געוויסע ענינים און אַרגומענטן. עס זיינען, אמת, געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען אין דער ריכטונג: נישט אַריינצונעמען אין דער זאַמלונג אָפּהאַנדלונגען, אויך אַרום דער הויפּט־טעמע, אויב זיי האָבן געטראָגן אַ באַגרעניצט אַקטועלן כאַראַקטער און אַרויסצולאָזן אין די פאַרעפנטלעכטע אַרטיקלען שטעלן, וואָס ווערן באַרירט אַנדערשוואו אין דעם בוך. פונדעסטוועגן איז נישט מעגלעך געווען לגמרי אויסצומיידן געוויסע ווידערהאָלונגען.

די באַמיאונג זיך צו קאָנצענטרירן בלויז אויף דער דאָזיקער טעמע, האָט דיקטירט דעם באַשלוס נישט אַריינצונעמען אין דער זאַמלונג אָפּהאַנדלונגען וועגן דער גרינדונגס־צייט און די ערשטע שריט פון דער מדינה, ווי אויך אָפּהאַנדלונגען, געשריבענע אין די זעלבע יאָרן, וועגן באַוועגונגס־ענינים, וואָס באַרירן נישט דירעקט די הויפּט־טעמע פון דעם בוך. די אַרטיקלען זיינען געגעבן געוואָרן לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, לויט דער צייט ווען זיי זיינען געשריבן און געזאָגט געוואָרן, און נישט לויט די צוויי הויפּט־טעמעס פון בוך: פראַגן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פראַגן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער אמתן איז טאַקע נישט לייכט געווען צו מאַכן אַזאַ טיילונג, ווייל איין געביט איז ביי אונדז פאַרבונדן און פאַרפלאָכטן מיטן צווייטן און דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אין אַ ריי אָפּהאַנדלונגען.

די מיינונגען וועלכע קומען צום אויסדרוק אין די דאָ פאַרעפנטלעכטע אַרטיקלען, דריקן, נאַטירלעך אויס די פערזענלעכע שטעלונג פונם מחבר.

מאַנכע פון זיי, בפרט בנוגע דעם בוי און די אויפגאַבן פון די ציוניסטישע לאַנד־פאַרבאַנדן, זיינען אַנגענומען געוואָרן פון די אינסטאַנצן פון דער וועלט־באַוועגונג. אָבער בנוגע דעם צוקונפטיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי פון דער וועלט־באַוועגונג פון איחוד עולמי, איז פאַראַן אין דער באַוועגונג אַ קעגנערשאַפט צו געוויסע פאָרשלאַגן, וואָס קומען צום אויסדרוק אין די פאַרעפנטלעכטע אָפּהאַנדלונגען. מיר גלויבן אָבער, אַז עס איז נוצלעך געווען אַז די פראַגן זאָלן אָפנהאַרציק און קלאָר געשטעלט ווערן פאַר אונזערע חברים און נאָענטע, וואָס עס פאַרלייכטערט צו באַהאַנדלען די ענינים און זיך אויסבילדן וועגן זיי אַ קאָנקרעטע מיינונג.

די פראַגן פון עליה־צוגרייטונג און עליה אַלס פאַרפליכטנדיקע אויפגאַבע פון ציוניסטן אין אַלע לענדער און דעסגלייכן נאַציאָנאַלע דערציאונג און דער לימוד פון העברעאיש אין חוץ־לארץ, פאַרנעמען איצט דעם ערשטן אָרט אין אַלע וויכוחים וועגן דער צוקונפט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע פּראָבלעמען ווערן אין די פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלעך קלאָר אַוועקגעשטעלט, און די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג ווערט אויפגעפאָדערט, געטריי איר טראַדיציע, וואָס האָט זי גרויס געמאַכט און איר דערוואָרבן דעם דרך־ארץ און צוטרוי פון גאַר ברייטע קרייזן, אָפּצוהיטן אויך להבא איר ערשטן דעוויז מקיים צו זיין אַליין דאָס וואָס ווערט דורך איר פּראָקלאַמירט און געפּרעדיקט. פון די אַרטיקלען, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין דעם בוך איז קלאָר, אַז די פאָדערונג צו זען אין עליה־צוגרייטונג און עליה אַ פאַרפליכטנדיקע אויפגאַבע פון ציוניסטן אין אַלע לענדער, איז נישט קיין פועל־יוצא פון דעם עליה־טיפשטאַנד אין די לעצטע צוויי יאָר. די פאָדערונג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די מערב־לענדער אין די יאָרן 1949—1950, די יאָרן פון דער געוואַלדיקער מאַסן־עליה קיין ישראל. דער עליה־טיפשטאַנד אין די לעצטע יאָרן האָט נאָר נאָך מער פאַרשטאַרקט די ריכטיקייט און דרינגלעכקייט פון דער פאָדערונג. אויך די פאָדערונג, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג און די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, זאָלן

זיך ווידמען די ענינים פון דערציאונג און דעם לימוד פון העברעאיש אין חוץ־לארץ, און זעען אין דעם אַ הויפט־אויפגאַבע — ווערט כסדר אויפסניי אַוועקגעשטעלט, ביי אַלע געלעגנהייטן, זינט 1948.

דער מחבר פון די שורות פאַרטרעט די מיינונג, אַז עס איז אַ ציוניסטישע פליכט אויפצוהאַלטן און צו שטאַרקן אין חוץ־לארץ אַלדאָס פּאָזיטיווע און שעפערישע אין אידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן און ווענדן עס אין נאַציאָנאַלע, ישראל־טרייע קאַנאַלן; זאָרגן פאַר דער שאַפונג פון אַן אַלגעמיינער אידישער ראַם אין יעדן אידישן קיבוץ: מיט איין וואָרט, זיך פאַרנעמען מיט אַלע אַרטיקע נויטן פון אידישן לעבן. לויט זיין מיינונג פאַרלאַנגט די היינטיקע ווירקלעכקייט פונם אידישן לעבן די עקזיסטענץ פון איין אַלוועלטלעכער אידישער ראַם, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַלע ענינים און נויטן פון אידישן פאָלק אין חוץ־לארץ. דאָס דאַרף זיין די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. זי וועט נאָר דאַן קענען דערפילן אירע אויפגאַבן כלפי מדינת ישראל; איינפלאַנצן אין די הערצער פון ציוניסטן אין חוץ־לארץ די פליכט פון גרייטשאַפט צו עליה; דערפילן איר פליכט אויפצוהאַלטן און שטאַרקן אידיש באַוואוסטזיין אין חוץ־לארץ — אויב זי וועט זיין די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג און שטרענג אָפּהיטן איר דעמאָקראַטישן פאָלקס־כאַראַקטער. דאָס דאָזיקע בוך איז אַ פּרוּואו אויפצוקלערן דידאָזיקע פּראָבלעמען און באַגרינדן דידאָזיקע אויספירן.

מ. נ.

סעפּטעמבער 1954 — אלול תשי״ד.

אויפֿן שוועל *

ווען איך לאָז פֿאַרבײַגײן פֿאַר מײַנע אויגן די לעצטע חדשים, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין לאַנד און דעם אָפּרוף פֿון אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, איר טעטיקייט, די ענינים מיט וועלכע זי האָט זיך אָפּגעגעבן א.א.וו. — קען איך נישט זײַן צופֿרידן. דאָס זײַנען, אמת, געצײלטע חדשים זינט דעם אויפֿקום פֿון דער מדינה, אָבער אין דער געשיכטע פֿון אונזער באַוועגונג און נישט בלויז אין דער געשיכטע פֿון אונזער באַוועגונג, נאָר אין דער געשיכטע פֿון אונזער פֿאָלק, וועגן זיי אַ סך מער ווי תּקופֿות פֿון יאָרן.

אין דידאָזיקע ווינציקע חדשים — הגם עס איז נישט גרינג זיך צוצו־געוואוינען צום געדאַנק, אַז בלויז דרײַ חדשים זײַנען אַריבער זינט די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן — איז אַזוי פֿיל געשען. און זיי האָבן אונז גאָר אַ סך געלערנט.

איך ווייס נישט, צי איך וועל איצט אויסדריקן די מיינונג פֿונעם סעקרעטאַריאַט פֿון איחוד עולמי — דאָס איז מײַן פּערזענלעכע מיינונג. מיר דאַכט זיך, אַז אין די לעצטע גרויסע חדשים האָט אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ נישט באַוויזן צו באַנעמען ווי געהעריק וואָס אייגנטלעך איז פֿאָרגעקומען און וואָס קומט פֿאָר בײַ אונז. אויף יעדן פֿאַל האָט די באַוועגונג נישט רעאַגירט אויף דער הייך פֿון דער גרויסקייט פֿון די געשעענישן און פֿון די סכנות, פֿאַר וועלכע מיר זײַנען געשטאַנען און מיר שטייען. איך גלויב נישט, אַז דאָס איז אַ גוטע דערציערישע שיטה, אַ ריכטיקער וועג צו געווינען השפּעה און סימפּאַטיע, אויב מיר באַמיען זיך אין חוץ־לארץ צו באַלײַכטן די לאַגע אין אַזאַ ליכט, אַז אין ארץ־ישׂראל איז אַלע מאָל גוט, אַז בײַ אונז קען מען קיינמאָל קיין טעות נישט מאַכן, אַז מיר קענען גאָרנישט לײַדן קיין מפּלה, אַז מיר מוזן אַלעמאָל זיגן, אַז מיר זײַנען בכוח צו פֿירן קריג קעגן טאַנקען מיט ליידיקע הענט און קעגן אַעראָפּלאַנען מיט רעוואָל־ווערן. און אַזאַ רושם באַקומסטו, אַז דו לייענסט די אויסלענדישע אידישע

* אויף אַ באַראַטונג פֿון איחוד עולמי אין תּל־אביב, 15־טן אויגוסט, 1948.

פרעסע און אויך אונזער פרעסע, סיי אין דער תקופה פונעם באַפרייאונגס־קריג, פאַרן אויפקום פון דער מדינה און בפרט איצט, בעת זי איז שוין אַ ממשות.

דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ געפערלעכער צוגאַנג. מיר האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט די מלחמה — און עס קענען נאָך קומען ענדערונגען. עס קענען נאָך קומען זייער שווערע צייטן, און מיר קענען זיך נאָך געפינען אין גאָר שווערע סיטואַציעס.

איך וויל אייך איבערגעבן אַ פרט, וואָס איז אפשר פאַר זיך אַליין נישט אַזוי וויכטיק, איז אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער לאַגע. אין די ערשטע וואָכן פונעם באַפרייאונגס־קריג, נאָך דער אינוואַזיע פון די אַראַבישע לענדער, אין דער צווייטער העלפט פונעם חודש מאַי, האָבן מיר זיך געפונען אין זייער אַ שווערער לאַגע. היינט קען מען וועגן דעם אָפן דערציילן. עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס מיר האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין אַזאַ שווערער לאַגע. וואָרים ביזן 14־טן מאַי זיינען די ענגלענדער געווען אין ארץ־ישראל און זיי האָבן זייער שטרענג אָפּגעהיט, אַז אידן זאָלן נישט אַריינפירן געווער אין לאַנד. עס זיינען פאַראַן קאַטעגאָריעס געווער, וואָס מען קען זיי — אפילו ביי דער גרעסטער בריה׳שקייט — און אונזערע מענטשן זיינען געווען זייער פלינק און פעאיק — נישט אַדורכשמוגלען. אין דער זעלבער צייט האָבן די אַראַבישע מדינות זיך געקענט באַוואָפּענען אומבאַגרעניצט, און ס׳איז געווען אַ גרויסע אימפּעריע, וואָס האָט זיי גע־ליפערט געווער. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, אַז אין יענע טעג, איז אונזער לאַגע געווען זייער שווער און ערנסט. האָבן מיר, אין יענע טעג, באַשלאָסן צו שיקן צו אונזערע פאַרטייען אַ דרינגענדע טעלעגראַפישע ידיעה, כדי זיי זאָלן האָבן אַ געטריי בילד פון דער לאַגע און פון די סכנות וואָס לויערן אויף אונז. דעם 21־טן מאַי 1948 האָבן מיר טעלעגראַפירט צו די צענטראַל־קאָמיטעטן פון אונזערע פאַרטייען די ווייטערדיקע ווערטער:

„עס ליגט אויף אייך די פליכט דורכצודרינגען תיכף די הערצער פון די אידישע מאַסן מיט דעם ערנסט פון דער סיטואַציע און דער גוואַלדיקייט פון דער מלחמה אין וועלכער מיר געפינען זיך. אונזער יוגנט קעמפט און וועט ווייטער קעמפן ווי עס האָט נאָך קיין אַרמיי נישט געקעמפט. זי ווייס, אַז דאָס איז אונזער לעצטע ברירה. אָבער מיר האָבן נישט דאָס געפיל, אַז דאָס פאָלק אין די תפוצות איז אַדורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין פון דער גרויסקייט פון די שוועריקייטן און פון דער איינשטעלעניש און

פאַרשטייט, אַז זיין היים וויל מען פאַרטיליקן און זיין זיכערקייט איז אין געפאַר. די שאַבלאָנע ווערטער פון פראָטעסטן און פאַרזאַמ־לונגען זיינען איצט נישט פאַסיק. עס פאָדערט זיך אַ מעכטיקער אויפברויז און אַקציעס פון מאַסן־דרוק. עס פאָדערט זיך, אַז צענדליקער, צענדליקער טויזנטער זאָלן כסדר פאָדערן פון זייערע רעגירונגען באַלדיקע עפעקטיווע אַקציעס און אָפּשטעלן די הילף פאַר די מערדער פון זייערע ברידער. זאָלן אונזערע פיינט און די סימפּאַטיקער פון אונזערע מערדער דערשפּירן, אַז עס איז נאָך דאָ אַן עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט. די אידן אין גלות וועלן נישט קענען פאַרענטפערן פאַר די דורות און פאַר דער אידישער געשיכטע דעם פאַקט, אַז אין די טעג פון כפר עציון, פון אַלט־ירושלים, פון עמק הירדן, פון דער פאַרטיידיקונג פונעם נגב און פון דער באָמבאַרדירונג פון תל־אביב האָבן זיי נישט געמאַכט די מאַקסימאַלע פאַרצווייפלטע טריט צו זיין געהעריקע שותפים צום קאַמף פון זייערע ברידער, וועלכע גיבן זייער לעבן פאַר דער אויסלייזונג פון זייער פאָלק און פאַר דער אויסלייזונג פון די אידן פון די תפוצות. זאָלן אַהערקומען די יונגע און דערפאַרענע, זאָל געבראַכן ווערן די בלאָקאַדע, וואָס בינדט די הענט פון אונזערע פאַרטיידיקער, אויף אַלע דרכים און ביי אַלע באַדינגונגען. די איינשטעלעניש, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, איז נישט גרעסער ווי די איינשטעלעניש פון אונזערע פאַרטיידיקער דאָ. יעדער טאָג און יעדע שעה איז אַנטשיידנדיק. געדענקט דאָס גוט. מען דאַרף אייערע מעשים און טעטיקייטן נישט מעסטן לויט נאָרמאַלע באַדינגונגען און לויט דעם וואָס עס איז אָנגענומען אָדער נישט אָנגענומען אין נאָרמאַלע צייטן״.

דאָס איז נישט געווען קיין פאַרצווייפלונג־רוף, און נישט, חלילה, קיין מעלדונג, אַז עמיץ פון אונז וועט אָפּשטעלן די מלחמה, אָדער אַן אויס־דרוק פון ספק אין אונזער גרייטקייט צו טאָן אַלץ וואָס עס ליגט אויף אונז, נאָר אַ רעאַליסטישע אָפּשאַצונג פון דער סיטואַציע — כדי אונזערע נאָענטע אין די תפוצות זאָלן וויסן וואָס עס קומט פאַר ביי אונז, ווי אַזוי צו ווירקן און וואָס צו טאָן אין דערדאָזיקער לאַגע. מיר זיינען נישט זיכער, אויב דער פולער אינהאַלט פון אונזער מעלדונג איז איבעראַל דערגאַנגען צו ברייטערע קרייזן פון חברים און נאָענט־שטייענדיקע.

*

צענדליקער יאָרן האָט זיך אונזער באַוועגונג געגרייט צו דעמדאָזיקן מאָמענט. די פראַגע, וואָס הויבט זיך אויף פון זיך אַליין איז, צי ווען דער מאָמענט איז געקומען, איז אויך געקומען עפּעס אַ נייע התעוררות, צי דער אָפּקלאַנג פון דער גוואַלדיקער געשעעניש האָט אויך געבראַכט אַן ענדערונג אין דער באַוועגונג, וואָס זאָל אויסהאַלטן וואָסער עס איז פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס קומט איצט פאָר אין לאַנד. און איך באַדויער זייער וואָס איך האָב נישט דערויף קיין פּאָזיטיווע תשובה. פאַרשטייט זיך, די חברים פרייען זיך זייער, זייער, און מיר האָבן באַקומען אַ סך ברכות. איך האָב נאָכגעפאָלגט די פּרעסע אין גלות און די באַריכטן פון דאָרט, און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ סך פייערונגען, און טיילמאָל אויך פייערונגען, אויף וועלכע מען האָט געמעגט מוותר זיין. אָט, צום ביי־שפּיל, סוף מאַי און אָנהויב יוני, ווען אונזערע בעסטע קינדער זיינען גע־שטאַנען אין פראָנט (מיר וועלן נאָך דערפון דערציילן וויפיל און וואָסערע טייערע קרבנות מיר האָבן געבראַכט אין יענע טעג) — האָב איך געפונען אין אונזער צייטונג אין פאַריז אַנאָנסן וועגן פינף־זעקס טאַנץ־אָוונטן, וואָס זיינען אין יענע טעג איינגעאָרדנט געוואָרן פון אונזער כבוד וועגן. אָבער נישט דאָס איז דאָס וויכטיקע. די וואָס האָבן איינגעאָרדנט די טאַנץ־אָוונטן האָבן עס זיכער געטאָן בתמימות און זייערע כוונות זיינען אודאי געווען די סאַמע בעסטע. אָבער דאָס איז אויך אַ סימן, אַז אונזערע חברים אין חוץ־לארץ זיינען נישט דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן גאַנצן ערנסט פון דער היסטאָרישער שעה.

וואָרים נישט בלויז מיר אין ארץ־ישראל זיינען געווען אין געפאַר אין דערדאָזיקער מלחמה. דידאָזיקע סכנה האָט געשוועבט איבערן קאָפּ פונעם גאַנצן פאָלק. ווייל מען דאַרף זיך נישט אויסמאָלן, אַז אונזערער אַ דורכפאַל, חלילה, דאָ וואָלט געבליבן אָן רעזולטאַטן אויך פאַר אונזער פאָלק אין גלות. אין אַנבליק פון דערדאָזיקער סכנה האָט דער אָפּרוף געדאַרפט זיין אַן אַנדערער ווי אין נאָרמאַלע צייטן. אַוודאי איז געווען זייער גוט, וואָס אונזער חבר מ. ראָזעטי האָט גערעדט אויף דער לייבאָר־קאָנפערענץ אין ענגלאַנד און מאָריסאָן האָט געענטפערט וואָס ער האָט געענטפערט. אָבער אויך דאָס איז אַן ענין פון רוטין. אין אַזעלכע טעג ווי די איצטיקע, מוז מען אַ ביסל אַנדערש רעאַגירן. מען מוז אפילו טאָן זאַכן, וואָס זיינען אפשר נישט „פּאַרלאַמענטאַריש". מען קען אין אַזעלכע צייטן אַמאָל אויך נישט אויסמיידן אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי. אַז מיר האָבן דאָ געהערט וועגן דער

מעלדונג פון דעם פראַנצויזישן מיניסטער בידאָ, אַז זיי מוזן ווייטער שיקן געווער אין לבנון, האָב איך געוואַרט אויף דעם אָפּרוף פון די צענדליקער טויזנטער אידן אין פּאַריז, וואָס זייערע הערצער זיינען מיט אונז. איך ווייס די דעליקאַטע לאַגע אין וועלכער די אידן אין פראַנקרייך געפינען זיך; די מערסטע פון זיי זיינען פּליטים. פונדעסטוועגן, און נישט געקוקט דערויף, האָב איך גערעכנט, אַז עס וועט אויסברעכן עפּעס אַ „נישט ראַציאָנעלע" אַקציע אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק, אין פּאַריז. דידאַזיקע „נישט ראַציאָנעלע אַקציע" איז דאָך נישט פאַרבונדן מיט קיין גרעסערע געפאַרן ווי דאָס געפינען זיך אין יענע טעג לעבן לאַטרון און אפילו אין די סאַמע זיכערסטע ערטער אין לאַנד.

דאָס וואָס אַלץ איז געגאַנגען אַזוי ראַציאָנאַל, אַזוי באַרעכנט, אַזוי „פּאַרלאַמענטאַריש", באַטראַכט איך פאַר אַ דורכפאַל פון דער דערציאונג, וואָס מיר האָבן געגעבן אונזערע חברים אין חוץ־לארץ. דערין איז שולדיק נישט בלויז אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ; דאָס איז אונזער אַלעמענס שולד. מיר אַלע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם און אַלע זיינען מיר מחוייב דערפון צו לערנען, אַז מען דאַרף אַנדערש דערציען אונזער באַוועגונג.

איך געהער נישט צו די וואָס זוכן כסדר פּגימות ביי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. איך בין געגן דעם געדאַנק פון אָפּשיידן זיך פון דער עקזיסטירנ־דיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אונזער אייגענע סאָציאַליסטישע פּראַק־טיק און בדרך־כלל נישט פיל אַנדערש פון דער פּאָליטיק פון די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען. עס טוט מיר וויי, ווען איך הער אונזער שאַרפע קריטיק אויף אַנדערע, בעת מיר אַליין טוען דאָסזעלבע אין ענלעכע סיטואַציעס. אָבער אויב די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין געוויסע לענדער האַנדלט נישט ווי געהעריק — און איך בין נישט אויסן דווקא ענגלאַנד — זיינען מיר מחוייב דאָס אַרויסצוזאָגן אָפן.

איך האָב אין זינען די פירונג פון אַ טייל סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע, בנוגע דער פּאָליטיק פון דער בריטישער אַרבעטער־רעגירונג לגבי אונז. מיר האָבן פּרובירט דערויף צו רעאַגירן פון דאַנען. אָנהויב חודש יוני איז אין ווין פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ. מיר האָבן אַהינצו געשיקט אַן אויספירלעכע פּראָטעסט־טעלע־גראַמע, אין וועלכער מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דער הילף וואָס די בריטישע אַרבעטער־רעגירונג האָט געגעבן די אַראַבער אין זייער מלחמה קעגן אונז; אויף דעם כאַראַקטער פון די מלוכות, וואָס קעמפן קעגן אונז; מיר האָבן

געפאָדערט פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו שטיין אויף אונזער זייט אין דעמדאָזיקן געראַנגל. די טעלעגראַמע איז טאַקע געבראַכט געוואָרן פאַר דער קאָנפערענץ.

מיר האָבן געוואוסט, אַז אויף דער קאָנפערענץ גופא, וואו עס זיצן בדרך־כלל געניטע פּאָליטיקער, וועלכע וועלן באַלד מאַכן דעם געגויעם חשבון אויף ווי ווייט עס לוינט זיך אָדער עס לוינט זיך נישט צו קומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד — וועלן מיר אַ סך נישט דערגרייכן. אָבער מיר האָבן געוואָלט, אַז דער ענין זאָל געפינען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין אַלע לענדער. מיר האָבן דעריבער געשיקט קאָפּיעס פון דערדאָזיקער טעלעגראַמע צו אַלע אונזערע צענטראַל־קאָמיטעטן. מיר האָבן געהאָפט, אַז זיי וועלן אַרום דעם ענין אויפהויבן אַ באַוועגונג. זיי וועלן זיך ווענדן אין יעדן לאַנד צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — דורך פאַר־זאַמלונגען, דורך ווענדונגען, אַפילו דורך דעמאָנסטראַטיווע אַקטן, כדי זיי צו צווינגען צו האַנדלען. צו מיין באַדויערן איז ווינציק געטאָן געוואָרן. איך מאָל זיך אויס, אַז עס איז אַוודאי נישט תמיד באַקוועם צו זיין צו־דרינגלעך, אַז מען האָט זיך געקווייקלט קאַליע צו מאַכן אַלטע וויכטיקע פאַרבינדונגען. אין אַ ריי לענדער האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען בפירוש געמעלדעט, אַז הגם מיר זיינען גערעכט, זעען זיי נישט קיין מעגלעכקייט צו אָן אָפענער קריגעריי מיט דער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ענגלאַנד. אָבער דאָס האָט נישט פאַרענטפערט די קאַרגע אַקטיוויטעט מצד אונזערע חברים, אין שיין פון יענער לאַגע אין וועלכער מיר האָבן זיך געפונען אין יענע טעג. און איך מוז נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז צו מיין באַדויערן האָט אונזער באַוועגונג נישט אַרויסגעוויזן יענע מאָס איניציאַטיוו, און יענע שטויסקראַפט, וואָס מיר האָבן געהאָפט, אַז זי וועט אַרויסווייזן און זי איז מחוייב אַרויסצוווייזן אין אַזעלכע היסטאָרישע מאָמענטן.

*

עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן, אַז מיר דאַרפן שטרעבן צו אַ טעאָרע־טישער באַנייאונג, אפשר צו אַן אומוווערטונג פון ווערטן אין אונזער באַוועגונג. איך בין, חלילה, נישט קעגן דעם. איך בין מיטן גאַנצן האַרצן מיט יענע חברים וואָס זאָגן, אַז אין דער נייער תקופה, אין וועלכער מיר געפינען זיך, בויטיקן מיר זיך אין נייע מענטשן. אָבער וועגן דעם אַלעמען איז גרינגער צו רעדן ווי עס צו טאָן. די פראַגע איז, ווי אַזוי באַקומט מען די נייע מענטשן, וואָס טוט מען ביז עס וועט קומען אַן אידעאישע אומ־ווערטונג, ביז עס וועלן אויפשטיין נייע סירקינס און באָראָכאָווס. דערווייל

זע איך זיי נישט. אויף יעדן פאַל וועט אַריבער אַ צייט ביז זיי וועלן נתגלה ווערן. עס איז נישטאָ קיין גרונט, אַז די באַוועגונג זאָל דערווייל מבטל זיין דעם „יש״ וואָס איז שייך מענטשן און אידעען. אַזעלכע סתמיקע דיבורים — פירן צו ביטול, צום איגנאָרירן פון יענע ווערטן, וואָס האָבן געשאַפן דאָס וואָס מיר האָבן דערגרייכט ביזן היינטיקן טאָג. דערדאָזיקער „אַלטער דור״ האָט עפּעס אויפגעטאָן און צו עפּעס דערפירט. אַלץ וואָס מיר האָבן דערגרייכט איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל. די פערציק—פופציק יאָרן אַרבעט פון דער באַוועגונג זיינען נישט אַוועק אין ניוועץ.

ווען איך זע אין אונזער פּרעסע אין חוץ־לארץ און אין לאַנד, וויפיל געהירן־אַרבעט און אויסדרוק־קראַפט מען פאַרלייגט, כדי מבטל צו זיין באַראָכאָוון, אָדער אַנדערע ראשונים, אָדער דעם מאַרקסיזם, טראַכט איך ביי מיר אין האַרצן: די מענטשן האָבן טאַקע נישט קיין אַנדערע דאגות? האָבן זיי שוין געשאַפן עפּעס אַנדערש? צי האָבן מיר שוין צוגעגרייט נייע ווערטן, כדי אויף זיי צו דערציען די באַוועגונג? איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז באַך איידער עס ווערן געשאַפן די נייע ווערטן, זאָלן מיר מבטל זיין אַלטע ווערטן, וואָס זייער וויטאַליטעט איז נאָך ביז היינט נישט אויסגע־וועפּט געוואָרן.

מיר מוזן אָפּהיטן אונזער גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט ביי אַלע באַדינגונגען. עס איז נישט גרינג, און אין אַ סך פאַלן איז עס אַפילו שווערער ווי מיר שטעלן זיך פאָר. דאָס איז אָבער אונזער פליכט. מיר, ווי אַ וועלט־באַוועגונג, מוזן טיילמאָל נעמען אין באַטראַכט די באַזונדערע לאַגע פון אונזערע באַוועגונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין צפון־אַפריקע און אין דרום־אַמעריקע און אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. עס קען זיין, אַז טיילמאָל וועלן מיר דערגיין צו אַ טאַקטישער מסכנה, אַז מיר דאַרפן אין דעם אָדער אין יענעם לאַנד, אין באַשטימטע פּאָליטישע סיטואַציעס, נישט פירן קיין אַקטיוון קאַמף קעגן געוויסע דערשיינונגען. אָבער דאָס מוז זיין אַ קעגנזייטיק אין־באַטראַכט־נעמען. דאָס אַלץ טאָר נישט אָנרירן אונזער גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט.

מיר זיינען אין דער לעצטער צייט עדות פון אַ באַשטימטער טאַקטיק, וואָס ווערט אָנגעווענדט קעגן אונז — אַ זייער אויסגערעכנטע און דורכ־זיכטיקע טאַקטיק. מיר וועלן קענען באַשטיין קעגן דערדאָזיקער טאַקטיק אויב מיר וועלן וויסן וואָס מיר האָבן פאַר זיך און מיר וועלן דערויף פּאַסיק רעאַגירן פון ערשטן מאָמענט אָן. אין דער לעצטער צייט האָבן מיר נישט איינמאָל פון ערגיץ־וואו באַקומען אַ מעלדונג: אָט האָט אייער צייטונג

אין אַרגענטינע, אָדער אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אָדער אין פּאַריז געשריבן דאָס און דאָס, און דאָס געשריבענע מאַכט אונז דאָ אַן שוועריקייטן און צרות. איך האָב נישט קיין שום טענות צו די וואָס האָבן אונז דאָס געמעלדעט. אָבער אויך די וואָס שרייבן — און איך נעם אָן, אַז זיי שרייבן וואָס זיי שרייבן מיט אַ שווער האַרץ — דאַרפן וויסן, אַז מיר וועלן זיך נישט קענען אונטערגעבן קיין אינטעלעקטועלן טעראָר, בלויז כדי איינצושפּאָרן אונזערע חברים אין דעם אָדער יענעם לאַנד אַן אומאַנגענעמלעכקייט. פאַרשטייט זיך, עס איז נויטיק די מאַקסימאַלע פאָרזיכטיקייט; מיר דאַרפן קיינעם נישט רייצן. אָבער מיר וועלן זיך נישט קענען אָפּהאַלטן פון אַן אַנאַליז פון דער אָדער יענער דערשיינונג, פון אויסדריקן די מיינונג, אַז, למשל, דאָס דערציאונגס־וועזן אין אַ באַשטימטן לאַנד, דער וועג ווי אַזוי מען פירט דאָרט די דערציאונגס־אַרבעט, אָדער דער וועג ווי מען פירט דאָרט די אָדער יענע טעטיקייט — האָט נישט אונזער סימפּאַטיע און האָט נישט אונזער הסכמה. מיר וועלן זיך נישט קענען אונטערגעבן דעם פאָרזוך צו באַנוצן אונזערע חברים אין דעם אָדער יענעם לאַנד ווי ערוב׳ניקעס, כדי צו צווינגען די חברים אין אַן אַנדער לאַנד נישט צו שרייבן וואָס זיי טראַכטן. דאָסגלייכן וועלן חברים אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד, וועלן קומען מיט תרעומות, פאַרוואָס אונזער צייטונג אין פּוילן, אַ שטייגער, קריטיקירט די אויפפירונג פון די אידן אין זייערע לענדער.*

פון אַ סך לענדער מעלדעט מען אונז, אַז די אידישע קאָמוניסטן פירן איצט אַ העפטיקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר מדינת ישראל. זיי זענען מער ציוניסטיש איידער מיר. מיר דאַרפן נישט צופיל נתפעל ווערן פון דערדאָזיקער „געטריישאַפט״. אויף קיין מאָמענט טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע לאַגע קען זיך ענדערן. איך וויל מיר אויסמאָלן, למשל, עפּעס אַ פאַנטאַסטישע סיטואַציע: אין איראַק איז אויסגעבראָכן אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע און דאָרט איז אויפגעקומען אַ קאָמוניסטישע רעגירונג. זי ענדערט נישט איר באַציאונג לגבי די אידן און איר פּאָליטיק לגבי ארץ־ישראל בלייבט געגוי די זעלבע וואָס היינט. וואָס וועט דעמאָלט זאָגן די אידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג אין דער וועלט? מיר מוזן זיין גרייט צו אַזעלכע און ענלעכע סיטואַציעס, און מיר ווייסן דאָך, אַז עס איז פאַראַן אַ באַשטימטער צענטער, וואָס ער וועט באַשטימען אין דידאָזיקע ענינים און נישט די אידישע

* דאָס דאָ געזאָגטע באַציט זיך צו דער לאַגע וואָס האָט עקזיסטירט אין דער ערשטער תקופה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אונזערע פּאַרטייען אין די לענדער פון דער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע״ האָבן נאָך געהאַט טעטיקייט־מעגלעכקייט.

קאַמוגיסטן, וואָס זיינען איצט אַזוי געטריי צו דער מדינת ישראל. מיר מוזן דערציען און לערנען אונזער באַוועגונג, אַז מדינת ישראל און ציוניזם זיינען ביי אונז נישט קיין פראַגע פון אַ קאָניונקטור און מיר טאָרן נישט איבעריק נתפעל ווערן, אָדער מאַכן עמיצן גייסטיקע וויתורים צוליב זיין שטיצע. מיר נעמען אָן מיט שעצונג און טיפן דאַנק יעדע הילף און יעדע אַנטפּלעקונג פון סימפּאַטיע. אָבער נתפעל ווערן דערפון טאָר מען נישט. ביי אַלע באַדינגונגען און אין אַלע סיטואַציעס דאַרפן מיר זיך קודם־כל אָנשפּאַרן אויף זיך אַליין.

און איצט צו דער עיקר־פראַגע — וועגן אונזערע כוחות: מיר זיינען, ווייזט אויס, אויך אין די איצטיקע טעג, אויך אין די לענדער פון אייראָפּע, אַן אָנזעעוודיקער כוח צווישן די אידן, נישט געקוקט אויף דער פּאַרטיליקונג פון די עיקר׳דיקע אידישע קיבוצים אין די מלחמה־יאָרן. אויך אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע זיינען מיר איינער פון די שטאַרקסטע געזעלשאַפטלעכע כוחות צווישן די אידן. מען דאַרף זיך איבער דעם נישט וואונדערן. אונזער באַוועגונג האָט אַ וויכטיקן אָנשפּאַר אין אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד. דער פאַקט, וואָס אונזער פּאַרטיי אין ישראל האָט אַזאַ אַנשיידנ־דיקע השפּעה אין אַלץ וואָס עס שאַפט זיך דאָ — דערדאָזיקער פאַקט איז אַ מעכטיקער אָנשפּאַר פאַר אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. אָבער אויך דאָ בין איך געצוואונגען פעסטצושטעלן מיט צער, אַז אונזערע חברים אין די לענדער האָבן נישט געוואוסט אויסצונוצן אָרגאַניזאַציאָנעל דידאָזיקע שטימונג און די סימפּאַטיע אין דער וועלט פאַר דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

מען האָט דאָ דערמאָנט אונזער באַוועגונג אין פראַנקרייך. דערפאַר וועל איך נעמען פאַר אַ ביישפּיל דאָסדאָזיקע לאַנד. אַ סך קאָנצענטרירן זיך אַרום אונזער פּאַרטיי אין פראַנקרייך. פאַרשיידענע פאַרייניקונגען, אַ „פאָלקס־פאַרבאַנד״, וואָס טוט געבענטשטע אַרבעט און קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ סך מענטשן, אַ פּליטים־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַוויזן צו שאַפן אין פּאַריז, אין דעם פּאַריז, וואו ס׳איז אַזוי שווער עפּעס צו שאַפן, אַ שטענדיקע אוידיטאָריע פון הונדערטער מענטשן, וועלכע באַזוכן יעדע פאַרזאַמלונג. מיר זעען, אַז די פאַרזאַמלונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט דורך אונזער פּאַרטיי זיינען די געלונגענסטע, עס באַזוכן זיי מער מענטשן, איידער אַנדערע פאַרזאַמלונגען. מענטשן האָבן זיך צוגעוואוינט צו קומען אויף אונזער רוף. אָבער אָרגאַניזאַציאָנעל האָבן מיר לגמרי נישט אויסגענוצט דידאָזיקע שטימונג. און מען טאָר זיך דאָך נישט פאַרלאָזן אויף דער פריינטלעכער

אַטמאָספערע, וואָס עקזיסטירט איצט, אויף דער פעריפעריע, וואָס איז היינט מיט אונז און מאָרגן קען זי נישט זיין מיט אונז. אויב מיר וועלן נישט אויסנוצן אָרגאַניזאַציאָנעל דידאַקטישע שטימונג און נישט באַוויזן צו דער־ציען אַ קערן פון איבערגעגעבענע, טאַט־פעאיקע חברים, וועלן מיר באַגיין אַ גרויסע זינד. די אייגענע לאַגע איז אין בעלגיע און אין אַנדערע אייראָפּע־אישע לענדער. מיר האָבן געהערט וועגן דער סימפּאַטיע־שטימונג פאַר אונזער באַוועגונג אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער. אָבער ווידער דאָס אייגענע: אָרגאַניזאַציאָנעל האָבן מיר לע״ע נישט באַוויזן צו קאָנצענטרירן גרויסע מאַסן אין אונזערע פּאַרטייען. דאָס איז אַ גרויסער פעלער און עס איז עלול זיך נוקם צו זיין און עס האָט אַ נעגאַטיווע השפעה אויף אונזער גאַנצער אַרבעט.

איך האָב געהערט פון חברים מיינונגען וועגן אויפשטעלן ראַיאָן־צענטערן: אין אייראָפּע, אין דרום־אַמעריקע, אפשר אויך פאַר די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. אָבער דאָס וועט זיין אַ גרויסער טעות, אויב די חברים וועלן מיינען, אַז יענע ראַיאָן־צענטערן, וואָס זיינען וויכטיק אַליין פאַר זיך, קענען טאָן די ממשות׳דיקע אַרבעט אין די לענדער פון זייער ראַיאָן. דער שווערפּונקט פון דער באַוועגונג — פאַרשטאַרקן די פּאַרטייען — וועט תמיד בלייבן אינעם וואוין־לאַנד פון די חברים און וועט תמיד זיין אָפּהענגיק פון זייער איבערגעגעבנקייט און אַקטיוויטעט. בדרך־כלל האַלט איך נישט, אַז מיר זיינען בכוח אויפצושטעלן אין פּאַריז און אין פּראַג, אָדער אין בוענאָס־איירעס, אַ שטאַרקן אויטאָריטאַטיוון צענטער, וואָס דאָס מיינט, אַז דריי־פיר צענטראַלע חברים פון ישראל זאָלן דאָרט זיצן סטאַביל און אָנפירן מיט דער אַרבעט. עס איז שווער אָנצונעמען, אַז מען קען דאָס אויספירן. אויב עס וועט ווידער קומען איין חבר אָדער צוויי חברים, — קענען זיי אין בעסטן פאַל בילדן אַ פאַרבינד־ביוראָ. דאָס איז אַ וויכטיקע זאַך — און מען דאַרף עס נישט גרינגשעצן און נישט פאַרנאַכלעסיקן. אָבער בשום פנים ואופן קען דאָס נישט ווערן דער צענטער פון אַ גרופּע לענדער. אויך די פּאַרטייען אין די לענדער וועלן דאָס נישט וועלן, ווייל זיי ווילן זען דעם צענטער פון דער באַוועגונג אין ישראל און זיי ווילן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיטן לאַנד, דאָס איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך.

דער אויספיר דערפון איז, אַז דער שווערפּונקט פון אונזער פּראַק־טישער אַרבעט גייט אַריבער צו די לענדער. וואָס מיר וועלן קענען וועלן מיר טאָן, כדי העלפן די חברים אין די לענדער דורך גוטע פאַרבינדונגען, אָבער דאָס אַלץ קען נישט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אַרבעט אין די

לענדער. מיר וועלן זיך באַמיען צו שיקן שליחים. מיר האָבן עפּעס געטאָן בנוגע דעם און דאָס איז אַוודאי נישט גענוג. אמת, אונזער אַרבעט פירט זיך אין זייער שווערע באַדינגונגען אויך צוליב דער נישט גענוגנדער פינאַנ־סיעלער הילף פון די פּאַרטייען; און יעדער איינער ווייסט דאָך, אַז מען קען נישט פירן קיין אַרבעט אָן מיטלען.

אָבער דאָס איז נאָר איין שטערונג, אפשר אַפילו נישט די עיקרשטע שוועריקייט. מיר האָבן גערעדט וועגן די ענינים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אירע אויפגאַבן. איך זע דערין איינע פון די צענטראַלע פראַגן פון אונזער באַוועגונג. מיר זיינען געוואָקסן האַנט־ביי־האַנט מיטן וואוקס פונעם כוח פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אונזער גרויסער כוח האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי די וואַלן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן. דערפון האָבן מיר געשעפּט דערמוטיקונג, געוואונען השפעה און אויטאָריטעט. מיר זיינען זייער פאַראינטערעסירט צו פאַרגרעסערן און אויסצוברייטערן דעם פאַרנעם, די אויפגאַבן און קאָמפּעטענצן פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע. דאָס האָט אַ שטאַרקע שייכות צו די אינטערעסן פון אונזער באַוועגונג.

*

אָבער ווען מיר פאַרנעמען זיך מיט די אַלע פראַגן, קען מען זיך נישט אָפּהאַלטן פון באַרירן די פראַגע וועגן די אינערלעכע באַציאונגען, וועגן דער אינעווייניקסטער פאַרבינדונג צווישן די אינסטאַנצן פון אונזער באַוועגונג, צווישן די חברים וואָס רעפּרעזענטירן אונז אויף די הויפּט־פּאָזיציעס אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. נישט תמיד איז געווען גענוג קאָנטאַקט, אַ זאַך וואָס האָט נישט פאַרגרינגערט אונזער אַרבעט. די חברים פון די לענדער ווענדן זיך צו אונז אין אַלע פראַגן, וואָס זיינען נוגע צו דער טעטיקייט פון די פאָנדן, צו דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, שליחים א. אַ. וו. און אין אַ סך פראַגן האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן די פאַרטייען אין די לענדער, ווייל מיר זיינען נישט געווען באַקענט מיט די ענינים, מיר זיינען נישט געווען באַטייליקט אין די אַנטשיידונגען, אונזערע רעפּרעזענטאַנטן האָבן זיך מיט אונז נישט באַראָטן. נישט תמיד איז באַקוועם און אָנגענעם דאָס צו דערציילן די חברים. נישט איינמאָל האָבן מיר אויף זיך גענומען די שולד אַנטקעגן די חברים, כדי אויסצומיידן אַזאַ מין ברייוור־אויסטויש.

ווען מיר וועלן רעדן וועגן דער דערגאַנצונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וועלן מיר זיך דאַרפן דורכרעדן קלאָר מיט די חברים וואָס

מיר וועלן איצט שיקן אין דער עקזעקוטיווע, צי האַלטן זיי זיך פאַר פאָרשטייער פון דער באַוועגונג און אין וואָס באַשטייט זייער קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג, וועגן דער מאָס וויכטיקייט וואָס די באַוועגונג האָט אין זייערע אויגן. אויב דער איחוד עולמי, די וועלט־באַוועגונג, קלייבט אויס אריע רעפּרעזענטאַנטן אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס — איז וואָסער קאָנטאַקט האָבן די אויסגעקליבענע מיט די וואָס קלייבן זיי? ווען דערמאָנט מען זיך אָן זיי? ווען גיט מען זיי אָפּ אַ דין וחשבון? לאָמיר רעדן קלאָר וועגן דידאָזיקע פראַגן.

אַז מיר האַלטן ביי די פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דאַרפן מיר אויך אויפקלערן דעם ענין שקל און די פּראַגע וועגן די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אויפן יסוד פונעם שקל. מיר וועלן דאַרפן ערנסט אויפקלערן, צי דאַרף מען נישט ענדערן די עקזיסטירנדיקע שיטה. לויט מיין מיינונג דאַרפן איינגעפירט ווערן ראַדיקאַלע ענדערונגען בנוגע דעם שקל און די וואַלן צום קאָנגרעס. איינע פון די וויכטיקסטע ענדערונגען איז, אַז די דעלעגאַטן צום קאָנגרעס זאָלן געוויילט ווערן נישט אויפן יסוד פון דער צאָל פאַרשפּרייטע שקלים, נאָר אויפן יסוד פון וואַלן ממש. דעלעגאַטן לפי דער צאָל אַקטיווע וויילער. דער מהלך צווישן דער צאָל שקלים, וואָס ווערט פאַרשפּרייט, און דער צאָל פאַקטישע וויילער ווערט אַלץ גרעסער. די פאָרם פון פאַרשפּרייטן דעם שקל, אָן וואַלן, פעלשט דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר וועלן דאַרפן פאָרלייגן אויסבעסערונגען, און מעגלעך ווייטגייענדיקע אויסבעסערונגען.

אָבער פאַר אַלעמען מוזן מיר ענדערן דעם צוגאַנג צו זיך אַליין, צו אונזער באַוועגונג. מיר האָבן אינוועסטירט אַ סך אָנשטרענגונגען אין אַלגעמיינע ענינים און מיר דאַרפן וועגן דעם קיין צער נישט האָבן. מיר האָבן געשיקט אונזערע בעסטע מענטשן אין די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, און אויך וועגן דעם דאַרפן מיר קיין צער נישט האָבן. עס איז אָבער געקומען די צייט, אַז אין אַלע לענדער, — אין אַלע לענדער אָן אַן אויסנאַם — זאָלן מיר נעמען טראַכטן אויך וועגן זיך אַליין, ווייל אויב מיר אַליין וועלן נישט זיין שטאַרק, וועלן מיר אויך אָפּשוואַכן די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, וואָס מיר ווילן זיי זאָלן שטאַרק זיין.

איך וועל צוגעבן אַ פּאַראַדאָקסאַלע זאַך בנוגע ארץ־ישראל, אַ זאַך, וואָס מיר קענען אָנווענדן אויך אויף אַלע לענדער. נאָך די לעצטע וואַלן צו דער הסתדרות־קאָנפערענץ (אין יאָר 1944), ווען אונזער פּאַרטיי האָט

באַקומען קרוב 54% שטימען (היינט־צו־טאָג איז די סיטואַציע אַ ביסל אַנדערש, אויב מיר וועלן דורכפירן וואַלן, וועט דער פּראָצענט פון אונזער פּאַרטיי אַוודאי שטייגן), האָב איך געטראַכט, און איך רעכן אַז אויך אַנדערע חברים האָבן אַזוי געטראַכט: עס קען זיך דאָך שאַפן אַ סיטואַציע, אַז אונזער פּאַרטיי זאָל באַקומען בלויז 49%. אַ פּאָליטישע באַוועגונג דאַרף טראַכטן וועגן דעם אויך אין צייטן ווען איר פּאָזיציע איז פעסט און זיכער. עס איז נישט קיין סימן פון שוואַכקייט, ווען זי נעמט דאָס אין אַכט. עס איז אַ סימן פון כוח, ווען זי נעמט אין אַכט יעדע מעגלעכע סיטואַציע און באַמיט זיך צו זיין גרייט צו יעדער סיטואַציע. די פּאַרטיי אין ישראל האָט געבויט די הסתדרות און עס איז אין ארץ־ישראל כמעט נישטאָ קיין שום אַנטשיידנדיקע דערגרייכונג, וואָס איז אויפגעקומען נישט מיט אונזער הילף, נישט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אונזער פּאַרטיי. פלוצים קען זיך אַרויסווייזן, אַז די גאַנצע ענערגיע און איניציאַטיוו אירע האָט די פּאַרטיי אינוועסטירט אין אַלגעמיינע אינסטיטוציעס און זי בלייבט פלוצים אָן אַ געגנזייטיקער באַזע פאַר זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ. זי האָט זיך נישט צוגעגרייט באַצייטנס אַ געגנזייטיקן אָנשפּאַר, אַ געגנזייטיקע זעלבשטענדיקע טעטיקייטס־באַזע. צי איז דאָס געזונט? צי איז דאָס נאָרמאַל?

אויך אין חוץ־לארץ דאַרפן די חברים ערנסט טראַכטן וועגן דעם. אויך ווען מען רעדט וועגן שאַפן אַ ציוניסטישע פעדעראַציע, ווען מען רעדט וועגן אויפשטעלן אַ פּרוויען־אָרגאַניזאַציע, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן די נויטיקייט אָפּצוהיטן און צו שטאַרקן אונזער באַוועגונג — נישט אויס עגאָאיסטישע מאָטיוון, נאָר ווייל מיר ווייסן גוט, אַז אויב אונזער באַוועגונג איז שטאַרק, אויב זי האָט כוח, אויב זי האָט סימפּאַטיקער און איבער־געגעבענע חברים, ווערט דורך דעם אויך געשטאַרקט די אַלגעמיינע טעטיקייט.

גראָד אין דער איצטיקער שעה איז גרויס אונזער זאָרג פאַר אונזער באַוועגונג. מיר ווילן, אַז דידאָזיקע זאָרג זאָל זיין בשותפות׳דיק אַלע אונזערע חברים אין די לענדער. אָן שטאַרקע פּאַרטייען אומעטום און ביי אַלע באַדינגונגען וועלן מיר נישט אויספירן אונזער פליכט אויך אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין די אַנדערע אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, און קודם־כל אויף די עיקר׳דיקע טעטיקייטס־געביטן — ע ל י ה און ה כ ש ר ה. מיר דאַרפן וויסן וואָס די לאַגע פאָדערט פון אונז היינט — און האַנדלען אין איינקלאַנג דערמיט.

מדינת ישראל און ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג

I פאַר דער סעסיע פון ציוניסטישן א. ק.

א.

דער מוח קען עס קוים תופס זיין, אַז נאָר דריי חדשים טיילן אָפּ צווישן דער סעסיע פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז פאָר־געקומען אין תל־אביב דעם 6—12 אַפּריל 1948 און דער סעסיע, וואָס מען וויל, אַז זי זאָל פאָרקומען אין ארץ־ישראל אין דער דריטער יולי־וואָך.* פאַר דער צייט זיינען פאָרגעקומען אַזעלכע פאַר אונז וויכטיקע פּאַסירונגען און ענדערונגען, אַז עס ווייזט אונז אויס, אַז יאָרן זיינען שוין אַוועק. בעת דער א.ק.־סעסיע אין חודש אַפּריל האָבן מיר געבלאָנדזשעט אין אַ פינסטערן לאַבירינט פון השערות און ספקות וועגן אונזער נאָענטסטער צוקונפט און וועגן דעם וועג, וואָס מיר דאַרפן אויסקלייבן פאַר דער נאָענטסטער צייט. מיר האָבן געוואוסט וואָס מיר ווילן, מיר האָבן געפילט, אַז מיר מוזן האַנדלען, מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין שום זיכערקייט וועגן דעם עפעקט, דעם רעזולטאַט און דעם דערפאָלג פון אונזער האַנדלען.

אויך די אָפּטימיסטן צווישן אונז האָבן זיך דעמאָלט — ערשט, מיט דריי חדשים צוריק — נישט אויסגעמאָלט, אַז שוין היינט וועט די מדינת ישראל — וואָס וועגן איר פראָקלאַמירונג האָבן מיר דאַן באַשלאָסן, — זיין אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע רעאַליטעט, ביי אייגענע און ביי פרעמדע, ביי פריינט און ביי שונאים.

אָט די אומזיכערקייט איז בולט געווען בעת דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט דעמאָלט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן די קאָמפּעטענצן פון דער אידישער רעגירונג און פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. מען האָט נישט געוואוסט וועלכער פון די צוויי פאַקטאָרן וועט אייגנטלעך זיין אין דער נאָענטסטער צוקונפט דער שטאַרקערער. בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן האָט מען אין דער אַפּריל־סעסיע פעסטגעשטעלט, וואָס עס דאַרפן להבא זיין די קאָמפּעטענצן און די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

---

* פאַקטיש איז די סעסיע ערשט פאָרגעקומען ענדע אויגוסט.

דאָס וואָס מען האָט דעמאָלט באַשלאָסן איז געווען נאָר אַן אַלגעמיינער וועג־ווייזער. אַ סך פּרטים זיינען נישט באַשטימט געוואָרן, און דער עיקר — מען האָט נישט געגנוי אַדורכגעטראַכט וועגן די אינסטרומענטן אויף דורכ־צופירן די אַרבעט. איצט, אַז די רעגירונג פון ישראל שטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג, און איר אויטאָריטעט וואַקסט — זי פאָדערט אָבער פון אונז די בעסטע און שעפערישסטע כוחות — מוז מען ערנסט טראַכטן ווי־אַזוי ווייטער איינצוהאַלטן די אויטאָריטעט און אַקציע־פעאיקייט פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ב.

די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע מוז ווייטער עקזיסטירן — און זי האָט צו דערפילן גאָר וויכטיקע אויפגאַבן. וועגן דעם איז ביי קיינעם נישטאָ קיין שום ספק. געגנוג צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אין ארץ־ישראל לעבן איצט נאָר בערך 6—7 פּראָצענט פון די אידן אין דער גאָרער וועלט. דאָס מיינט, אַז אונזער חלום פון קיבוץ גלויות איז נאָך ווייט נישט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן. מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז די אַסימילאַציע, וואָס איז איצט אַ ביסל אַראָפּ פון דער בימה, איז נאָך נישט פאַרשוואונדן און האָט זיך נאָך נישט אָפּגעזאָגט פון ווידער פּרובירן איר מזל אויף אַ ברייטן פאַרנעם, ביי דער ערשטער געלעגנהייט. מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז מען קען זיך איצט גאָרנישט פאָרשטעלן דאָס אידישע נאַציאָ־נאַלע, גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע לעבן אין חוץ־לארץ, אָן דעם ענגסטן צוזאַמענבונד מיט ארץ־ישראל און אָן איר אינספּיראַציע און הילף. אָט די פּאַקטישע לאַגע באַשטימט אין אַ געוויסער מאָס אין פאָרויס דעם אויפגאַבן־קרייז און אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע: וואָס ברייטערע אויפגאַבן און אַ וואָס ענגערע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל.

ג.

פון איצט און ווייטער רעפּרעזענטירט מדינת ישראל זיך אַליין אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום און כלפּי איינצלנע מדינות — פונקציעס, וואָס די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע (פאָרמעל דורך דער אידישער אַגענטור), האָט ביז איצט אויסגעפירט. אָבער אַפילו אויף דעם געביט וועט די ציוניס־טישע וועלט־אָרגאַניזאַציע נאָך דאַרפן דערפילן אַ וויכטיקע אויפגאַבע: ווערבירן פריינט און פריינטשאַפט צווישן די פעלקער פאַר דער מדינת ישראל. די אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנץ פון דער מדינה קען נישט קומען אין

פֿאַרבינדונג מיט איינצלנע פּאַרטייען און פּאָליטישע פירער אין פּאַר־שיידענע לענדער. דאָס איז אויך נוגע דעם געביט פון האַנדלס־באַציאונגען און זאָרג פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אונזער פּראָדוקציע.

אויפן געביט פון עליה מוז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דערפילן די וויכטיקסטע צוגרייטונגס־אַרבעט: צוגרייטן די עולים — דאָס מיינט אָנפירן מיטן גאַנצן הכשרה־ווערק. אין די פּאָרשלאָגן, וואָס די אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, צוזאַמען מיטן פּרעזידיום פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, ברענגען צו דער נאָענט־סטער סעסיע פון ציוניסטישן א. ק., ווערט געזאָגט, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין דער פאַקטאָר, וואָס שלאָגט פאָר דער רעגירונג פון ישראל וויפיל עולים זאָלן קומען אין לאַנד אַריין אין יעדן באַשטימטן צייט־אָפּשניט. דאָס איז אַ וויכטיקער פּרינציפּיעלער באַשלוס, וואָס שטרייכט אונטער די ענגע פאַרבינדונג און אינטערעסן־שותפות פון מדינת ישראל מיטן פאָלק ישראל. אויך דאָס צעטיילן די עליה־קוואָטע לויט לענדער און קאַטעגאָריעס און דאָס אויסקלייבן די עולים פאַרבלייבט די פּרעראָגאַטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז מדינת ישראל באַשטעטיקט ענדגילטיק די עליה־קוואָטע און זי טיילט אויס די וויזעס.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע פון נייע עולים וועט ווייטער אָנגעפירט ווערן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. דאָס זעלבע בנוגע דער יוגנט־עליה: איר אָרגאַניזירונג אין חוץ־לארץ און איר איינאָרדענונג אין לאַנד. אויך די טעטיקייט צווישן דער יוגנט אין חוץ־לארץ בכלל און דאָס אויפשטעלן אַ שטאַרקע החלוץ־באַוועגונג, אין אַלע לענדער, מוז זיין איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט וועט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איצט מוזן ווידמען דער קולטור־ און דערציאונגס־טעטיקייט. פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן דעם נעץ פון העברעאישע שולן אין אַלע לענדער. לויט די באַשלוסן פון די פריער דערמאָנטע אָרגאַנען וועט קומען אַ פאָרשלאַג וועגן גרינדן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די ענינים פון ירושלים. עס איז איבעריק צו באַגרינדן די וויכטיקייט דערפון און די גרויסע אויפגאַבן, וואָס אַזאַ אָפּטיילונג וועט דאַרפן דערפילן. עס קומען נאָך די אָרגאַניזאַציע־ענינים, אויפקלערונג און פּראָפּאַגאַנדע, שליחים קיין חוץ־לארץ וכדומה. דאָס וועט ווייטער זיין אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אויך דער געביט פון פינאַנסן וועט

ניט זיין וויניקער וויכטיק ווי ביז אַהער. קודם־כל די פינאַנסירונג פון די אַלע אויבן אָנגעצייכנטע טעטיקייט־געביטן, די באַציאונגען מיט די ציוניס־טישע פאָנדן — קרן קיימת לישראל, קרן היסוד, יוגנט־עליה און אַנדערע, און צום סוף דער פינאַנסיעלער אָנטייל אין די טעטיקייט־געביטן, וואָס ליגן אינם קאָמפּעטענצן־קרייז פון דער רעגירונג פון ישראל. ביי דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע וועט אויך געשאַפן ווערן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, וועלכע וועט זיך פאַרנעמען מיט ווערבירן אינוועסטיציע־קאַפּיטאַל און אַריבערפירן אין מדינת ישראל אינדוסטריעלע און האַנדלס־אונטערנעמונגען, בעלי־מלאכות מיט זייערע וואַרשטאַטן וכדומה.

ד.

מיר האָבן אין קורצע ווערטער געפּרוּווט אויפצוציילן די צוקונפטיקע טעטיקייט־געביטן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן דערביי נישט באַוויזן אַלץ צו דערמאָנען. עס זיינען אויך פאַראַן פראַגן, וועגן וועלכע עס הערשן נאָך חילוקי־דעות. למשל, ווער דאַרף זיך פאַרנעמען מיט די נייע עולים אין דער ערשטער תקופה נאָך זייער קומען אין לאַנד. אַ טייל האַלטן, אַז די מדינה, און אַ טייל מיינען — די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָרים עס קען ווערן אַ צו גרויסע לאַסט פאַר דער יונגער מדינה. פאַראַן חילוקי־דעות אויך אַרום דער פראַגע, צי דער קאַמף פאַר אידישע רעכט אין די גלות־לענדער דאַרף אַריינגיין אינם אויפגאַבן־קרייז פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. עס קען נישט עקזיסטירן אַ גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציע און אין דער אמתן ד י אידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, — וואָס זאָל זיך דערמיט נישט פאַרנעמען. מען וועט אין דער באַציאונג זיך דאַרפן צונויפרעדן מיטן אידישן וועלט־קאָנגרעס, אָבער מוותר זיין דערויף קען מען נישט. נאָך אַנדערע ענינים וועלן דאַרפן אויפגעקלערט ווערן און מען וועט וועגן זיי דאַרפן באַשליסן.

אָבער שוין די געביטן, וועגן וועלכע עס זיינען נישטאָ קיין חילוקי־דעות, ווייזן די ברייטפאַרצווייגטע, ערשט־ראַנגיקע און פאַר מדינת ישראל און פאַר די אידישע מאַסן אין חוץ־לארץ לעבנס־וויכטיקע ענינים, וועלכע וועלן פאַרבלייבן אינם אויפגאַבן־ און קאָמפּעטענץ־קרייז פון דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. זיי באַווייזן אויך, אַז אין אַ ריי פראַגן וועט מוזן זיין אַן ענגע קאָאָפּעראַציע מיט דער רעגירונג פון ישראל — באַזונדערס אין די פראַגן פון קאָלאָניזאַציע און עליה.

אויך נישט־יוריסטן פאַרשטייען, אַז צווישן מדינת ישראל און דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע קענען נישט זיין אַזעלכע פאַרבינדונגען ווי עס זיינען געווען צווישן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער אידישער אַגענטור. אָבער פונם פאַרשטיין און אָנערקענען דעם פאַקט און זוכן אַ פּאַסיקע פאָרם, וואָס זאָל קיין שאָדן נישט מאַכן און גלייכצייטיק אַנטשפּרעכן דעם שטאַרקן ווילן און הייסן וואונטש פון די אידישע מאַסן אין דער גאָרער וועלט צו אַ וואָס ענגערער פאַרבינדונג מיט דער אויס־געבענקטער אידישער מדינה — ביז די פאָרשלאָגן פון ד״ר ע. ניומאַן, איז אַ גאָר ווייטער מהלך. דאָס וואָס ד״ר עמנואל ניומאַן האָט פאָרגעשלאָגן אויף דער קאָנפערענץ פון די אַלגעמיין־ציוניסטן אין פּיטסבורג אין די ערשטע יולי־טעג (אויף וויפיל די טעלעגראַפישע באַריכטן האָבן גענוי איבערגע־געבן זיינע פאָרשלאָגן) — די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף פון איצט אָן זיין נאָר אַן אָרגאַניזאַציע פון אידן אין חוץ־לארץ; שאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָ־נעלע מחיצה צווישן די אידן פון חוץ־לארץ און די אידן אין דער אידישער מדינה; נישט אַריינמישן זיך איינער אין די ענינים פונם אַנדערן — מיינט גראָד דער היפוך דערפון, וואָס עס איז די כוונה פון די באַשלוסן וועלכע מיר האָבן פריער סקיצירט. מיר האָפן, אַז די גרויסע מערהייט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע וועט זיין פאַר דער ליניע, וואָס איז אָנגעצייכנט אין די פאָרשלאָגן פון דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע און פּרעזי־דיום פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.

(אָנהויב יולי 1948)

II נאָך דער סעסיע

א.

לאָמיר האָפן, אַז די צוקונפט וועט באַרעכטיקן דעם וויכטיקן עקס־פּערימענט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ביים סאַמע שלוס פון דער סעסיע פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט * און איז אויפגענומען געוואָרן מיט צופרידנקייט — די בילדונג פון דער ציוניסטישער לייטונג, אין וועלכער אַלע פאַרטייען אַן אויסנאַם זיינען פאַרטראַטן. די איצטיקע סעסיע פון א. ק., וואָס האָט גענומען כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל צייט ווי די פאַרלעצטע סעסיע אין תל־אביב, 6—12 אַפּריל 1948, האָט אָן ספק געהאַט אַ ריי וויכטיקע מאָמענטן, בפרט אין די ערשטע דריי טעג, ווען די זיצונגען זיינען פאָר־געקומען אין ירושלים. אָבער נישט אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די

* 22־טן אויגוסט—3־טן סעפּטעמבער 1948.

זיצונגען אין ירושלים און דער שלוס־זיצונג פון 3־טן סעפּטעמבער פאַרטאָג אין תל־אביב — האָט בייגעטראָגן צו שטאַרקן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און צו הויבן איר פּרעסטיזש.

ב.

די פּאָזיטיווע אויפטוען פון דער לעצטער א.ק.־סעסיע זיינען באַ־דייטנדיקע. ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו דעם עקספּערימענט פון פאַר־ברייטערן די קאָאַליציע און אַריינעמען אין דער ציוניסטישער לייטונג אַלע פּאַרטייען אָן אויסנאַם, מוז מען צוגעבן, אַז דאָס איז אַן עקספּערימענט פון פּאָזיטיווער באַדייטונג — אַ וויכטיקער פּרואוו אויפן וועג פון קאָנסאָלידירן אַלע כוחות פאַר פאַרשטאַרקטע קאָנסטרוקטיווע מעשים, פון שאַפן אַ גע־שלאָסענעם פראָנט כלפּי חוץ און אפשר אויך אָפּשוואַכן די אינעווייניקסטע רייבונגען אין דער איצטיקער ערנסטער שעה.

וואָס נוגע דער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי (מפלגת פועלים מאוחדת — מפ״מ) האָט אויך פריער קיינער נישט געשטעלט ערנסט אין ספק זייער קאָאַליציע־פעאיקייט. אַלגעמיין־ציוניסטן און „מזרחי״ האָבן אָבער אָפנהאַרציק געזאָגט, אַז זיי וועלן נישט איינזייטיק פאַרשטאַרקן דעם אַרבעטער־פליגל אין דער קאָאַליציע. אויב מען נעמט אַריין מפ״מ ווילן זיי, אַז מען זאָל די רעוויזיאָניסטן אויך אַריינעמען. דער איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.)—התאחדות האָט אָבער נישט אָנגענומען אַזאַ צוגאַנג. אויך מפ״מ האָט דערקלערט, אַז צוזאַמען מיט די רעוויזיאָניסטן וועלן זיי נישט זיין אין דער עקזעקוטיווע. די הויפּט־טענה פונם איחוד עולמי איז געווען, אַז די רעוויזיאָניסטן אַקצעפּטירן נישט די אַבסאָלוטע און פולשטענדיקע אָפּגרעניצונג פון די דיסידענטן־גרופּן (אצ״ל און לח״י). אין דעם פּרט איז דאָסמאָל געקומען אַן ענדערונג. די רעוויזיאָניסטן האָבן אָפּגעגעבן אַ דער־קלערונג אין נאָמען פון דער וועלט־צענטראַלע און דער ארץ־ישראל־צענטראַלע פון הצה״ר, אין וועלכער זיי דערקלאַרירן, אַז זיי אָנערקענען:

צבא ההגנה לישראל איז די איינציקע באַוואָפנטע קראַפט פון דער מדינת ישראל, און זי דאַרף שטיין אין רשות פון דער ישראל־רעגירונג;

ב) זיי זאָגן זיך אַרויס קאַטעגאָריש קעגן יעטוועדן פּרואוו ווייטער צו לאָזן די עקזיסטענץ און טעטיקייט פון סעפּאַראַטע באַוואָפנטע פאָרמאַציעס אין גאַנץ ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ און זיי וועלן באַקעמפן יעדן אַזעלכן פּרואוו;

ג) זיי נעגירן יעדן קאָנטאַקט און יעטוועדע געמיינזאַמע טעטיקייט — דירעקט אָדער אומדירעקט, אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ — מיט וועלכער עס איז פּאָליטישער גרופּע אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, וואָס ווירקט אין ווידערשפּרוך צו די פריער דערמאָנטע פּרינציפּן;

ד) זיי פאַרפליכטן זיך נישט צו פירן קיין שום סעפּאַראַטע פּאָליטישע טעטיקייט, וואָס שטייט אין קעגנזאַץ צו דער ציוניס־טישער דיסציפּלין.

אָבער אויך נאָך דער דאָזיקער גענוג קלאָרער דערקלערונג, איז נישט לייכט געווען גובר צו זיין דעם טיפן אומצוטרוי, וואָס אַ סך האָבן נאָך צו די רעוויזיאָניסטן. וועלן זיי לאָיאַל אָפּהיטן די פריער אויסגערעכנטע פיר פּונקטן? וועט די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג אומעטום טאַקע אָפּהיטן די התחייבותן פון זייערע פירער ביי דער א.ק.־זיצונג? בפרט, אַז באַלד נאָך דער א.ק.־זיצונג, קומט פאָר אין תל־אביב דער וועלט־ראַט פון הצה״ר און די קאָנפערענץ פון הצה״ר אין ארץ־ישראל און מען רעדט ערנסט וועגן דעם, אַז אין ארץ־ישראל־הצה״ר איז פאַראַן אַ מערהייט פאַר אַ פאַרייניקונג מיט דער פּאָליטישער פּאַרטיי פון אצ״ל — תנועת החרות (פרייהייט־באַוועגונג).

דער פאַקט, וואָס מען האָט גובר געווען אויך דידאָזיקע ערנסטע פּסיכאָלאָגישע שוועריקייט און אַלע אָן אויסנאַם — פון מפּ״ם ביז רעווי־זיאָניסטן — האָבן אַקטיוו געשטימט פאַר די נייע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, איז אַ וויכטיקע פאַסירונג אין ציוניסטישן לעבן. שוין זינט אַ סך יאָרן האָבן מיר נישט געהאַט קיין ציוניסטישע עקזעקוטיווע, וואָס נעמט אַרום אַלע אָן אויסנאַם פּאַרטייען.

ג.

די יעניקע וואָס האָבן גערעכנט, אַז מיט דער גרינדונג פון דער מדינה איז כמעט אויסגעליידיקט געוואָרן דער טעטיקייט־געביט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות. אַפילו די פּאָליטישע אַקטיוויטעט וועט להבא אויך זיין אַ וויכטיקער טייל פון איר אַרבעט. נאַטירלעך, אין אַ גאַר אַנדערער פאָרם, די פאָרם פון אויפקלערונג, פון שאַפן באַציאונגען און ווערבירן פריינט, פּאָליטישע סימפּאַטיע און פּאָליטישע הילף פאַר מדינת ישראל. צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער דעפּאַרטאַמענט וואָס וועט ווירקן אין ירושלים און אין ניו־יאָרק. דער דעפּאַרטאַמענט פון (Public relations) (קיין גענויע העברעאישע

איבערזעצונג פון דעם וואָרט האָט מען נאָך נישט געפונען). אַ צווייטער נייער דעפּאַרטאַמענט וועט דאַרפן מאָביליזירן פּריוואַטן אינוועסטיציע־קאַפּיטאַל און געבן ווירטשאַפטלעכע אינפאָרמאַציע. דער דעפּאַרטאַמענט וועטווירקן אין ניו־יאָרק און אין ירושלים און זיין טעטיקייט־געביט הענגט אָפּ קודם־כל פון זיין אייגענער איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט. אָבער זיין וויכטיקייט איז גאָר גרויס. אַ דריטער נייער דעפּאַרטאַמענט איז איצט געשאַפן געוואָרן — פאַר דער אַנטוויקלונג פון ירושלים. יעדער איינער פאַרשטייט גוט, וואָס פאַר אַ וויכטיקע אויפגאַבע אָט דער דעפּאַרטאַמענט קען און מוז דערפילן. אויב מען מיינט ערנסט, אַז ירושלים דאַרף פאַרבלייבן אידיש, מוז מען אויך ערנסט זאָרגן, אַז אַ טייל פון דער נייער עליה זאָל אַהין גיין, אַז צענטראַלע אינסטיטוציעס זאָלן דאָרט זיין, אַז געוויסע אינ־דוסטריע־צווייגן זאָלן אַריבער קיין ירושלים.

אין שייכות מיט די נייע אַרבעטס־געביטן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע דאַרף אויך דערמאָנט ווערן דער באַשלוס וועגן שאַפן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר די ענינים פון די אידן אין נאָענטן מזרח. די אָפּטיילונג וועט זיין פאַרבונדן מיט די אָרגאַניזאַציע־ און עליה־דעפּאַרטאַ־מענטן. יעדער פאַרשטייט די דרינגענדיקע אויפגאַבן פון אַזאַ אָפּטיילונג אין דער איצטיקער שווערער שעה פאַר די אידן אין די אַראַבישע לענדער.

נאָך אַ העפטיקן וויכוח און אַ סך אָפּשטימונגען איז באַשלאָסן געוואָרן וועגן דער שאַפונג פון אַ נייעם דעפּאַרטאַמענט פאַר קולטור־ און דערציאונג־אין חוץ־לארץ. „מזרחי" איז געווען קעגן דעם, אַז די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע זאָל זיך פאַרנעמען מיט דערציאונגס־אַרבעט. ער איז קעגן דעם, אַז נישט רעליגיעזע עלעמענטן זאָלן משפּיע זיין אויפן יונגן אידישן דור. „מזרחי" האָט מסכים געווען נאָר צו אַן אָפּטיילונג פאַר קולטור־אַרבעט. צוליב אומפאַרשטענדלעכע טעמים האָבן אין פּלענום די אַלגעמיין־ציוניסטן און רעוויזיאָניסטן געשטיצט די שטעלונג פון „מזרחי", הגם ביי פריערע באַראַטונגען און אין דער קאָמיסיע האָבן זיי באַקעמפט די מיינונג פון „מזרחי".

עס זיינען איצט פאַראַן נישט ווייניק אידישע קיבוצים, וואָס קענען אַליין נישט שאַפן קיין דערציאונגס־אַנשטאַלטן. ווער זאָל עס טאָן, אויב נישט די ציוניסטישע באַוועגונג? און, אַפילו ווען עס זיינען פאַראַן גענוג אָרטיקע כוחות, און מען דאַרף נישט קיין איניציאַטיוו און הילף פון דרויסן, קענען מיר דען זיין גלייכגילטיק צום כאַראַקטער פון אונזער דערציאונגס־וועזן אין חוץ־לארץ? דערביי איז דעם „מזרחי" פון פאָרויס פאַרזיכערט

געוואָרן, אַז זיינע אַנשטאַלטן וועלן געניסן אויטאָנאָמיע און ער וועט קענען אָפּהיטן די רעליגיעזע דערציאונג. די מערהייט פונם א. ק. האָט נישט אַקצעפּטירט די מיינונג פון „מזרחי", און די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַני־זאַציע האָט פאַר זיך אַ גאָר וויכטיקן נייעם טעטיקייטס־געביט.

אויפן געביט פון עליה האָט די ציוניסטישע באַוועגונג באַקומען גרויסע אויפגאַבן און פולמאַכטן. דאָס מיינט, אַז די אידישע מאַסן אַליין וועלן איצט קענען משפיע זיין אין אַ גאָר גרויסער מאָס דעם טעמפּאָ און דעם פאַרנעם פון דער עליה. אויף דעם געביט האָט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַר זיך קאָלאָסאַלע אויפגאַבן: צוגרייטונג אין חוץ־לארץ, טראַנספּאָרט, ערשטע איינאָרדענונג אין לאַנד א. אַ. וו. מען רעדט ביי אונז וועגן אַ מינימום עליה פון 10—15 טויזנט אַ חודש. דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ תיכפדיקן בודזשעט פון מיליאָנען, אויפן חשבון פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אַליין.

דער קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט פון דער ציוניסטישער עקזע־קוטיווע וועט דאַרפן זאָרגן פאַר דעם גאַנצן געביט פון נייער קאָלאָניזאַציע. און הגם איצט וועט עס זיין אַ לייכטערע אויפגאַבע — די רעגירונג וועט העלפן אויפן געביט פון דערווערבן און קולטיווירן דעם באָדן, וואַסער־פאַרזאָרגונג, שאַסעען א. אַ. וו., א. אַ. וו., וועט דער עיקרדיקער אַרבעטס־שטח פאַרבלייבן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג — די פינאַנסירונג פונם באָדן־קויף (קרן קיימת), די פּלאַנירונג און די פאַרזאָרגונג פונם גאַנצן אינוועטאַר. און מען מוז געדענקען, אַז צוליב אַ סך טעמים מוז די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע איצט אָננעמען אַ ברייטן פאַרנעם און דורכ־געפירט ווערן מיט אַ ראַשן טעמפּאָ.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דרינגענדיקע עליה־ און קאָלאָניזאַציע־נויטן איז איצט געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערער דעפּאַרטאַמענט פאַר יוגנט און החלוץ. זיין ערשטע אויפגאַבע וועט זיין צו שאַפן אין אַלע לענדער אַ גרויסע החלוץ־באַוועגונג. מיר שטייען פאַר גרויסע חלוצישע אויפגאַבן אין ארץ־ישראל: שנעלע קאָלאָניזאַציע אין נגב, פאַרשטאַרקן דעם גליל, ירושלים און נאָך אַנדערע וויכטיקע חלוצישע אַרבעטן. מיר האָבן אָבער איצט כמעט נישט קיין חלוצישן רעזערוואואַר אין חוץ־לארץ און אָן אַ גרויסער חלוצישער באַוועגונג וועלן אָט די דרינגענדיקע אויפגאַבן נישט קענען דערפילט ווערן.

עס וועלן אויך זיין דעפּאַרטאַמענטן פאַר דער יוגנט און קינדער־עליה; פאַר אָרגאַניזאַציע און אויפקלערונג; דער פינאַנץ־דעפּאַרטאַמענט

איז דער לעבעדיקער נערוו פון אַט די אַלע אַקטיווּיטעטן. די באַראַטונגען פון דער פינאַנס־קאָמיסיע ביי דער א.ק.־זיצונג האָט בולט געמאַכט די גרויסע וויכטיקייט פון אַט דעם דעפּאַרטאַמענט. די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף איצט אַ יאָר־בודזשעט פון לכל הפחות 150 מיליאָן דאָלאַר. אַנדערש וועט מען נישט קענען דורכפירן די דרינגענדיקסטע אויפגאַבן אויפן געביט פון עליה און קאָלאָניזאַציע. אַט דער בודזשעט פון 150 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די דירעקטע מלחמה־אויסגאַבן און נויטן פון דער אידישער מדינה. דאָס דאַרף מען האָבן פאַר תיכפדיקע אַקטיווּיטעטן, וואָס וועלן לכל הפחות טיילווייז זיין אין איינקלאַנג מיט די באַדערפעענישן פון אידישן פאָלק און פון דער אידישער מדינה אויף די געביטן פון שנעלער מאַסן־עליה און קאָנסטרוקטיווער אויפבוי־אַרבעט אין אונזער מדינה.

דער אויבן קורץ־דערמאָנטער רייכער אַרבעט־געביט, וואָס דער ציוניסטישער א. ק. האָט באַשטימט, שטרייכט אונטער די פּאָזיטיווע זייט פון דער סעסיע.

ד.

אין פלוג קען מען זאָגן, אַז דאָס זיינען געווען אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, פראַגן פון פּראַקטישער צוועקמעסיקייט, וועגן וועלכע מען האָט זיך שטאַרק געאַמפּערט. דער וויכוח האָט זיך געפירט וועגן דעם, אויב מיניסטאָרן פון דער ישראל־רעגירונג זאָלן זיין מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אָדער נישט; אויב דער הויפּט־צענטער פון אַלע ציוניסטישע אַקטיווּיטעטן זאָל זיין אין ירושלים אָדער נישט? און פילע האָבן טאַקע מיט געמאַכטער אָדער אמתדיקער נאַאיוויטעט געפרעגט: וואָס איז דער רעש? ממילא זיינען דאָך די ישראל־מיניסטאָרן איבערן קאָפּ פאַרנומען מיט אַרבעט. ווי אַזוי קען מען אויף זיי נאָך אַרויפלייגן דעם עול פון אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון דער אידישער אַגענטור? קיינער לייקנט נישט, האָט מען ווייטער געזאָגט, אַז ירושלים איז דער צענטער, אָבער צוליב פּראַקטישע טעמים און פשוט׳ער „איפישנסי״ דאַרף מען דעצענטראַליזירן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע און אַריבערפירן אַ היפּשן טייל פון דעם צענטראַלן אַפּאַראַט קיין ניו־יאָרק און אפשר אויך אין אַנדערע צענטערן.

עס וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה, אַפילו צוליב מאָטיוון פון שלום־בית, איבערצולאָזן דעם רושם, אַז עס איז געווען נאָר אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער וויכוח און נישט אונטערשטרייכן די פּרינציפּיעלע זייט פון די חילוקי־דעות. אמת, מען האָט זיי גובר געווען; מען האָט געמאַכט אַ פשרה און אויסגעמיטן אַ פּרינציפּיעלע אַנטשיידונג. און עס איז זיכער גוט, וואָס מען האָט געפונען

אַ וועג, כדי אויסצומיידן אַ פאַרשאַרפטן סכסוך. דערמיט זיינען אָבער די עצם חילוקי־דעות נישט פאַרשוואונדן. זיי שטייען אויפן סדר־היום און זיי וועלן ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט — אין דער אָדער אין אַן אַנדערער פאָרם, ווידער ווערן אַקטועל. איז בעסער, אַז די אידישע עפנטלעכקייט זאָל זיין צוגעגרייט דערצו און זי זאָל זאָגן איר מיינונג.

ה.

אַ גרויסער טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — און קודם־כל די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס זאַמלט זיך אַרום פּועלי ציון (צ.ס.)—התאחדות, וואַרפט אָפּ קאַטעגאָריש דעם געדאַנק, אַז אַ איד, אַ ציוניסט, ווען ער איז אַ מיניסטער אין ישראל, זאָל לכתחילה זיין אויסגע־שלאָסן פון קענען זיין אַ מיטגליד אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. און די קעגנערשאַפט דערצו ווערט וואָס נאָך גרעסער, ווען מען הערט די באַגרינדונג פאַרוואָס ער קען נישט זיין. מען זאָגט, אַז נישט־אידן, אין געוויסע לענדער, וועלן דאַן אַוועקשטעלן די פראַגע, אויב די אָנגעהעריקייט צו דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס אין איר שפּיץ שטייען מיניסטאָרן פון אַ צווייטער מדינה איז נישט קיין פגיעה אין דער לאָיאַליטעט צו דער אייגענער מדינה.

מיר ווילן בכלל נישט לייקענען, אַז אַזאַ פראַגע קען אַמאָל אויפ־שווימען און זי קען גורם זיין שוועריקייטן. מיר זיינען אין פאָרויס מסכים, אַז מען דאַרף אויסמיידן אומנויטיקע קאָמפּליקאַציעס און שוועריקייטן פאַר אידן אין די פאַרשיידענע לענדער. אָבער אָט די פראַגע, אַזוי ווי זי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, איז אַ קינסטלעך אויפגעבלאָזענער ענין, וואָס נישט גויים האָבן זי אַוועקגעשטעלט, דאָס האָבן אידן זיך צוגעאיילט צו זוכן אַ תשובה אויף אַ פראַגע, וואָס נישט־אידן וועלן אפשר אַמאָל פרעגן. און די תשובה, וואָס אָט די אידן ווילן געבן, איז בכלל קיין תשובה נישט. וואָרים ווער זאָגט עס, אַז יענע נישט־אידן, וואָס וועלן פרעגן שאלות, וועלן זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מען האָט מקריב געווען די מיניסטאָרן פון ישראל. פאַרוואָס זאָל מען נישט פסל׳ען אויך דעפּוטאַטן אין ישראל־פּאַרלאַמענט, מיטגלידער פון ישראל־געזאַנדשאַפטן, און בכלל רעגירונג־באַאַמטע פון דער אידישער מדינה א. אַ. וו.; און פאַרוואָס נאָר פאַרווערן זיי צו זיין מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און נישט פאַר־ווערן זיי אויך צו זיין מיטגלידער פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און ציוניסטישן קאָנגרעס און אַזוי ווייטער, אָן אַ סוף?

אידן־פיינט און שונאי־ציון וועלן תמיד אויסגעפינען תירוצים פאַר זייער אידן־האַס. די אידישע אַסימילאַציע האָט אַמאָל געגלויבט, אַז מען דאַרף זיך פירן אַזוי, אַז נישט־אידן זאָלן נישט קענען האָבן קיין שום טענות. דעמאָלט וועט שוין אַלץ זיין גוט. האָבן מיר עס נישט אָנגענומען, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז אַליין־אָפּנאַרעריי. איצט האָבן מיר דערלעבט, אַז אין ציוניסטישע קרייזן האָט מען אויפגענומען דעם אַרגומענט. בדרך־כלל האָבן נישט־אידן נישט געזען קיין שום סתירה אין דעם, וואָס אידן פאָדערן פאַר זיך אַ רעכט אויפצובויען די אידישע מדינה.

אגב, אין דער צייט ווען די הגנה האָט געפירט דעם קאַמף קעגן דעם בריטישן ווייס־בוך און די בריטישע רעגירונג האָט באַשולדיקט די אידישע אַגענטור, אַז זי פירט אָן מיט דעם קאַמף; אין דער צייט ווען די אידישע אַגענטור האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קאָאָפּערירן מיט דער בריטישער רעגירונג אינם קאַמף קעגן די אידישע טעראָר־גרופן, איז די סיטואַציע פון בריטישע אידן, מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע און פון אַנדערע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, געווען אַ סך קאָמפּליצירטער און שווערער, ווי זי וועט עווענטועל זיין, ווען עס וועט קומען יענער גוי מיט זיינע שאלות וועגן די אידישע מיניסטאָרן. פונדעסטוועגן האָבן בריטישע אידן נישט געקלערט וועגן ציען וואָסערע עס איז שייד־ליניע צווישן זיך און דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. וואָס איז פלוצים געשען איצט, מיטן אויפקומען פון דער אידישער מדינה?

ו.

מיר ווילן, חלילה, נישט פאַרמינערן די אויטאָריטעט פון די פירער פון די אַלגעמיין־ציוניסטן און „מזרחי" אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. מיר האָפן אָבער, אַז אין דעם פרט האָבן זיי נישט אויסגעדריקט די מיינונג פון די אידישע מאַסן אין זייערע לענדער. מיר גלויבן, אַז אידן ווילן נישט קיין קינסטלעכע שייד־ליניע צווישן דער פירערשאַפט פון דער אידישער מדינה און דער פירערשאַפט אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אידן ווילן, אין קעגנטייל, אַ וואָס ענגערע פאַרבינדונג. זיי ווילן, אַז מען זאָל געפינען אַ וועג, וואָס זאָל אויסדריקן זייער פאַקטישע שותפות און זייער מעגלעכקייט משפיע־צו־זיין אויף די ענינים פון דער אידישער מדינה.

אידן אין גאַר־דער־וועלט ווילן נישט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס איז נישטאָ קיין פאַקטישע שותפות צווישן זיי און דער אידישער מדינה.

זיי וועלן נישט שלום־מאַכן מיט אַ ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט נאָר די אויפגאַבן צו געבן הילף. און אויך די אידישע מדינה קען נישט און טאָר נישט מוותר־זיין אויף דערדאָזיקער אַקטיווער מיטבאַטייליקונג. זי וועט נאָך אַ סך יאָרן מוזן האָבן פיל הילף פון אידן אין חוץ־לארץ. קען עס ווערן אַ געפערלעכע שוועריקייט פאַר דער אידישער מדינה, אויב די פאַרבינדונג צווישן איר און די אידן אין דער גאָרער וועלט, וועט גראָד איצט שוואַכער ווערן. די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל מיינט נאָך נישט די פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם. נייַנציק פּראָצענט פונם אידישן פאָלק לעבט נאָך מחוץ די גרעניצן פון דער מדינה און מיר ווילן דאָך אונזער נאַציאָנאַלע היים פאַרן גאַנצן פאָלק. כדי דאָס צו דערגרייכן איז נויטיק די סאַמע ענגסטע פאַרבינדונג און קאָאָפּעראַציע צווישן דער מדינה און דעם פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט.

קען זיין, אַז עטלעכע ישראל־מיניסטאָרן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, אַפילו אָן פּאָרטפעלן, וואָלט געוועזן דער וועג דערצו. וואָרים אויב דאָס איז נישט דער וועג, וועט מען אָן־אַ־ספק פריער אָדער שפּעטער מוזן זוכן אַזאַ וועג. און וואָס שפּעטער וועט זיין שווערער. און פּראַקטיש גענומען, וואָלטן, אָן־אַ־ספק, עטלעכע מיניסטאָרן אין דער עקזעקוטיווע געהויבן איר פּרעסטיזש.

ז.

די אָרגאַניזאַציע־פאָרשלאַגן פון די אַלגעמיין־ציוניסטן אין אַמעריקע, וואָס אין דער אמתן האָבן זיי געמיינט טיפע, פּרינציפּיעלע ענדערונגען אינם בוי פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך במשך אַ קורצער צייט באַדייטנדיק געענדערט. גאָר שנעל האָבן זיי מוותר געווען אויף דעם משונהדיקן געדאַנק, אַז אידן פון מדינת ישראל זאָלן מער נישט זיין קיין מיטגלידער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. און עס איז גוט, וואָס זיי האָבן באַצייטנס פאַרשטאַנען, אַז עס איז בעסער צו פאַרשווייגן דעם אומגליקלעכן פאָרשלאַג און אונז איינגעשפּאָרט אַ וויכוח אין דער פראַגע. זיי האָבן זיך בעיקר קאָנצענטרירט אויפן פאָרשלאַג פון דעצענטראַליזירן די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

אין דער גענעראַל־דעבאַטע האָבן עטלעכע רעדנער באַרירט די פראַגע, און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ גרויסער טייל אין דער באַוועגונג איז קעגן דעם געדאַנק פון דעצענטראַליזאַציע. די אַלגעמיין־ציוניסטן האָבן, לכן, געבראַכט אַ מין פשרה־פאָרשלאַג, וואָס האָט געזאָגט: צוויי דע־

פּאַרטאַמענטן האָבן זייער צענטער אין ניו־יאָרק —ווירטשאַפטלעכע ענינים און (Public relations). אָרגאַניזאַציע און אויפקעלרונגס־דעפּאַר־טאַמענט און דער דעפּאַרטאַמענט פאַר יוגנט און החלוץ וועלן האָבן צו צוויי ביוראָען — אַ ביוראָ אין ירושלים און אַ ביוראָ אין ניו־יאָרק פאַרן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט; די דעפּאַרטאַמענטן פאַר עליה און יוגנט־עליה וועלן האָבן ביוראָען אין ירושלים און אין אייראָפּע.

מען האָט אויך דעם פאָרשלאַג נישט אָנגענומען, און נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז מען געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס. דער דעפּאַרטאַמענט פאַר מאָביליזירן פּריוואַטן אינוועסטיציע־קאַפּיטאַל וועט ווירקן אין ניו־יאָרק און דער טייל פאַר ווירטשאַפטלעכע אינפאָרמאַציע וועט זיין אין ירושלים; די ניו־יאָרקער אָפּטיילונג פונם דעפּאַרטאַמענט פאַר Public relations וועט ווירקן אין דער מערבדיקער העמיספּערע; דער אָרגאַני־זאַציע־דעפּאַרטאַמענט וועט האָבן אַ ביוראָ אין ניו־יאָרק נאָר פון צפון־אַמעריקע. דערמיט איז פאַרענדיקט געוואָרן דער קאַפּיטל דעצענטראַלי־זאַציע.*

ח.

עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן דעם, צי די ציוניסטישע עקזעקוטיווע עפנט אַ ביוראָ מער אָדער וויניקער אין ניו־יאָרק אָדער אין אייראָפּע. וועגן אַזעלכע פראַגן קען מען לייכט קומען צו אַ הסכם. עס גייט וועגן אַ פּרינ־ציפּיעלער פראַגע: וואו איז דער פאַקטישער צענטער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — דער גייסטיקער און דער אַדמיניסטראַטיווער צענ־טער. די יאָרן־לאַנגע דערפאַרונג האָט אונז געלערנט, אַז וועגן דעם זיינען נישטאָ און קענען נישט זיין קיין שום חילוקי־דעות. דער צענטער מוז זיין אין ארץ־ישראל. און דוקא איצט, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו אַ אידישער מדינה האָט זיך ווער עס איז אַרומגעקוקט און געפונען, אַז דאָס איז נישט פּראַקטיש, אַז די מרחקים זיינען צו גרויסע און ענלעכע אַרגומענטן.

מען קען אַ סך ענטפערן אויף די מכלומרשטע זאַכלעכע טעמים. דער מרחק פון ניו־יאָרק קיין בוענאָס־איירעס איז כלל נישט קלענער ווי פון ירושלים קיין בוענאָס־איירעס. די גייסטיקע און שפּראַכלעכע נאָענטקייט פון אידן אַפילו אין טשילי און בראַזיל, איז בכלל נישט גרעסער מיט אידן אין ניו־יאָרק ווי מיט אידן אין תל־אביב. און עס זיינען פאַראַן נאָך אַ

* דער דרוק צו עפענען אין דער ניו־יאָרקער אָפּטיילונג פון דער עקזעקוטיווע ביוראָען פאַר ווייטערע טעטיקייט־געביטן, איז שפּעטער פאַרגעזעצט געוואָרן, מיט אַ געוויסן דערפאָלג.

גאַנצער באַרג זאַכלעכע אַרגומענטן — אויך פון פּאָליטישן כאַראַקטער — קעגן דעם פאָרשלאָג פון דעצענטראַליזאַציע.

פאַר אונז איז אָבער מאַסגעבנדיק אַן אַנדער מאָמענט. קיין שום באַשלוס וועט נישט ענדערן די געפילן וואָס דער גרויסער רוב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט לגבי זיי. אינם ציוניסטישן באַוואוסטזיין איז טיף איינגעוואָרצלט די דערקענטעניש, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָנפירונג איז און מוז זיין אין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע וועלט וועט נישט אָנעמען דעם געדאַנק, אַז אין ניו־יאָרק אָדער פּאַריז איז איר צענטער. דאָס אַריבער־פירן דעם ציוניסטישן צענטער אין אַן אַנדער אָרט, מיינט, למעשה, אָנרירן זיין אינהאַלט, פאַרקלענערן זיין גייסטיקע השפעה; פאַרקלענערן זיין אויטאָריטעט ביי אידן.

וועט עמיץ אַוועקשטעלן די פראַגע — און עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן עס אַזוי אַוועקגעשטעלט — מיינט עס, אַז ציוניסטן אין חוץ־לאַרץ דאַרפן זיין אויסגעשלאָסן פון דער פּראַקטישער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אפילו ווען זיי זיינען אין דער עקזע־קוטיווע? דאַרף מען ענטפערן און מען האָט עס אויך געענטפערט: נישט ריכטיק, בהחלט נישט ריכטיק. אדרבא, זאָלן די וויכטיקסטע און איינפלוס־רייכסטע ציוניסטן אין חוץ־לאַרץ, פאַר דער צייט ווען זיי זיינען אין דער עקזעקוטיווע, קומען קיין ארץ־ישראל און זיי וועלן דאָ איבערנעמען די סאַמע וויכטיקסטע אַמטן אין דער עקזעקוטיווע. אָט איז דאָך, למשל, ד״ר ישראל גאָלדשטיין געקומען קיין ארץ־ישראל און האָט איבערגענומען דעם גאָר וויכטיקסטן דעפּאַרטאַמענט — דעם פינאַנס־דעפּאַרטאַמענט פון דער אידישער אַגענטור. נאָך אַלעמען איז דאָך לייכטער, אַז ציוניסטישע פירער זאָלן קומען קיין ארץ־ישראל, פאַר דער צייט ווען זיי זיינען אין דער עקזע־קוטיווע, ווי אַריבערפירן קיין חוץ־לאַרץ דעפּאַרטאַמענטן פון דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע, כדי צו דערמעגלעכן פאַר די חברים פון דער עקזע־קוטיווע אין חוץ־לאַרץ צו זיין שותפים אין דער פּראַקטישער אָנפירונגס־אַרבעט.

ט

עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז דער איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.— התאחדות האָט געפירט דעם הויפּט־קאַמף קעגן די פאָרשלאָגן פון הפרדה (צעטיילונג צווישן ישראל־מיניסטער און עקזעקוטיווע־מיטגלידער) און דעצענטראַליזאַציע. מיר ווייסן נישט ווי עס וואָלט געווען, ווען עס קומט

צו אַן אָפּשטימונג. אויב רעוויזיאָניסטן און „מזרחי״ וואָלטן טאַקע געשטימט פֿאַר הפרדה און פֿאַר דעצענטראַליזאַציע, אַזוי ווי עס האָט אויסגעוויזן, לויט די רייד פֿון זייערע פֿירער, בעת די פֿאָרבאַראַטונגען. מיר זיינען נישט זיכער, אויב מען האָט די צוויי פֿראַגן פֿריער באַהאַנדלט אין דיביידע באַוועגונגען און אויב זיי האָבן טאַקע נאָך אַ ישוב־הדעת באַשלאָסן, אַז אַזוי און נישט אַנדערש דאַרף עס זיין. מיר האָבן מער געהאַט דעם רושם, אַז היות עס איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח צווישן איחוד עולמי און דער מערהייט פֿון אַמעריקאַנער אַלגעמיין־ציוניסטן, האָבן „מזרחי״ און רעוויזיאָניסטן געהאַלטן, וואָס עס זאָל נישט זיין מכוח דעם עצם ענין, דאַרף מען באַנוצן די געלעגנהייט, צו זיין קעגן דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז לכל הדעות נישט קיין פּאָזיטיווע דערשיינונג. דאָס פֿאַרשטאַרקט אויך דעם רושם, אַז די מבֿלומרשטע אומשולדיקע קאָנצעפּציעס פֿון הפרדה און דעצענטראַליזאַציע, זיינען גאָרנישט אַזוי אומשולדיק; אינערלעך פּאָליטישע חשבונות האָבן זיי געבראַכט אויף דער וועלט.

(סעפּטעמבער, 1948)

אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע

א

דער אינטערעס, וואָס די עפנטלעכקייט און די פּרעסע אין ישראל האָבן אַרויסגעוויזן צו דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט (ירושלים, צווישן 5־טן און 15־טן מאַי 1949), איז דאָסמאָל נישט באַזונדערס שטאַרק געווען. און דאָס איז גאָר נישט קיין פּאָזיטיווע דער־שיינונג. דערין איז נאָר געקומען צום אויסדרוק די שטימונג, וואָס הערשט אויך אין די גלות־לענדער, אַז איצטער, נאָך דער שאַפונג פון דער מדינה איז מער נישט נויטיק די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע; זי האָט שוין כלומרשט נישט קיין לעבנס־וויכטיקע טעטיקייטס־געביטן. אויב אָט די שעדלעכע און אפילו געפערלעכע שטימונג וועט נישט אויסגעוואָרצלט ווערן וואָס גיכער, קען זי מיט דער צייט ברענגען שווערע שאָדנס, און פריער פאַר אַלץ דוקא אונזער יונגער מדינה. די לעצטע זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אַ ספּעציעלע באַדייטונג אויך צוליב דעם פּרואוו, וואָס איז אויף איר געמאַכט געוואָרן, אויסצוּוואָרצלען דידאָזיקע אין תוך אָפּגעפרעגטע שטימונג.

פון פאַרשיידענע זייטן זיינען לכתחילה אַרויסגעזאָגט געוואָרן ספקות, צי מען האָט איצט געדאַרפט צונויפרופן די סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. די צווייפלער האָבן זיך געשראָקן פאַר צוויי זאַכן: א) אַז סילווער־ניומאַנ׳ס אַרויסטריט פון דער עקזעקוטיווע וועט האָבן אַ שווערע ווירקונג אויף דער סעסיע און אויף אַזוי פיל פאַרשאַרפן די אינערלעכע באַציאונגען, אַז דאָס וועט שטעלן אין אַ געפאַר די ביז־איצטיקע קאָאַליציע אין דער ציוניסטי־שער וועלט־אָרגאַניזאַציע; ב) אַז עס וועלן פאַרשאַרפט ווערן די באַצי־אונגען צווישן דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור און דער ישראל־רעגירונג. און אין דער אמתן האָט מען פון פאַרשיידענע זייטן טאַקע געפרואווט צעפלאַקערן אַ פייער אין אָט דער ריכטונג, פאַרן צונויפקום פון דער סעסיע. די שוואַרץ־זעעריי איז אָבער נישט מקויים געוואָרן. די פּראָבלעמען, וואָס האָבן באַשעפטיקט די פאַרגעקומענע סעסיע, זיינען געווען אַזוי דרינגענדיק און לעבנסוויכטיק, אַז אַלע באַטייליקטע האָבן גלייך איינ־געזען, אַז אַן געמיינזאַמער אויפריכטיקער אָנשטרענגונג, וועט מען בכלל

נישט קענען מאַכן קיין שריט פאָרויס. די ריזן־גרויסע לאַסט, וועלכע ליגט איצטער אויף דער מדינה און אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט גורם געווען, עס זאָל אויסגעמיטן ווערן דערדאָזיקער אינערלעכער קריזיס.

אָבער הגם אין אַלגעמיין שאַצן מיר אָפּ פּאָזיטיוו די לעצטע סעסיע פון א. ק., טאָרן מיר נישט פאַרשווייגן דעם פאַקט, וואָס וואַרפט איצטער אַ שאָטן אויף דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעט: די דרינגענדיקע ציוניס־טישע באַדערפענישן האָבן זיך אַזוי צעוואַקסן (און דאָס איז דאָך די קאָנ־קרעטע דעמאָנסטראַציע פאַרן זיג פון ציוניזם), אַז די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע וועט זיי בשום אופן נישט קענען באַפרידיקן בלויז מיט אירע אייגענע כוחות; זי וועט עס קענען טאָן נאָר ביי די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון אידישן פאָלק אין אַלע לענדער און פון מדינת ישראל. אמת, די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע איז אין די לענדער פון דער אידישער צעשפּרייטקייט די איניציאַטאָרין, די טאָן־געבערין און אָרגאַניזאַטאָרין, זי איז די נשמה פון דער גאַנצער אַרבעט, אָבער אייגנטלעך הענגט עס אָפּ נישט נאָר פון איר אַליין, צי עס וועט אונז געלינגען צונויפצוברענגען דעם גראַנדיעזן בודזשעט — וואָס לגבי די באַדערפענישן און אויפגאַבן איז ער נישט מער ווי אַ מינימום — פון איבער 50 מיליאָן פונט אין לויפנדיקן יאָר. אָט די לאַגע, וועלכע דערפירט דערצו, אַז די וואָס באַשטימען דעם בודזשעט זיינען געצוואונגען אַריבערצושפּרייזן די ראַמען פון זייערע אייגענע כוחות און מעגלעכקייטן, טראָגט אין זיך די סכנה, אַז זיי וועלן זיך צוגעוואוינען אויפצושטעלן ריזנגרויסע בודזשעטן, בעת עס איז לכתחילה אַ ספק, צי די ציוניסטישע באַוועגונג אַליין וועט האָבן די מעגלעכקייטן זיי צו רעאַליזירן.

ב

חבר בן גוריונס רעדע אויף דער עפענונגס־זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט צונישט געמאַכט די כוונות פון די אַלע, וואָס זיינען אויסן געווען צו פאַרשאַרפן די קעגנזייטיקע באַציאונגען. זיי האָבן געוואָלט אַוועקשטעלן אַלס הויפּט־פּונקט אויף דער טאָג־אָרדענונג די באַ־ציאונגען צווישן דער ישראל־רעגירונג און דער עקזעקוטיווע און פאַרייב־ועגס פעסטשטעלן די קאָמפּעטענצן און איינטיילן די פונקציעס צווישן זיי. אין דער ווירקלעכקייט, פאַרשטייט זיך, זעט נישט אַלץ אויס אַזוי ווי עס ווערט געשילדערט אין רעדעס. עס זיינען זיכער פאַראַן זאַכן, וועלכע דאַרפן אויסגעבעסערט ווערן. און דעריבער איז זייער בויטיק, אַז די פאַרשטייער פון דער רעגירונג און פון דער עקזעקוטיווע, וועלכע פירן די טעגלעכע

אַרבעט, זאָלן פאַרשטיין, אַז עס עקזיסטירן טאַקע צוויי אינסטאַנצן, אָבערביידע זיינען זיי אַקטיוו אויף איין טעטיקייטס־פעלד, מיט איין בשותפות־דיקן ציל.

חבר קאַפּלאַן האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק וועגן אַ גע־נעראַלן בודזשעט, וואָס זאָל באַפרידיקן אַלע באַדערפנישן, — סיי פון דער רעגירונג, סיי פון דער יידישער אַגענטור, — און לויט דעם זאָלן אויס־געאַרבעט ווערן די באַזונדערע פּאַראַגראַפן און פּונקטן. דער געדאַנק פאַרמאָגט אין זיך, אָן ספק, אַ געזונטן קערן. אָבער אין אַזעלכע ענינים דעצידירט נישט דער געדאַנק, מעג ער זיין ווי שיין, נאָר די דערפאַרונג פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט. אודאי וואָלט גוט געווען, ווען מען וואָלט געקענט געפינען אַן אויסוועג אויפן יסוד פון קעגנזייטיקער פאַר־שטענדעניש, אַז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זאָל אָפּגעגעבן ווערן דעם אַלגעמיינעם ציל און עס זאָל לחלוטין באַזייטיקט ווערן דער דעפּאַרטאַ־מענטאַלער עגאָצענטריזם. אודאי וואָלטן מיר אין אַזאַ פאַל אויסגעמיטן אומנויטיקע דיסקוסיעס, אומזיסטע באַשולדיקונגען און איבעריקע אויפ־רעגונגען. מען דאַרף פאַרשטיין און געדענקען, אַז פּונקט ווי עס איז אַבסורדאַל צו פאַרלאַנגען פון מדינת ישראל, זי זאָל אָפּגעבן דער אידישער אַגענטור „חובות" פון דער אַנטשטייאונגס־צייט פון דער מדינה, אַזוי האָט אויך קיין זינען נישט צו טענהן צו דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור, אַז געוויסע אויפגאַבן און פונקציעס — עליה, עליה־אויפנעם, קאָלאָניזאַציע א.אַ.וו. — געהערן צו איר, און דערביי נישט זאָרגן און נישט מיטהעלפן, אַז די אַגענטור זאָל טאַקע באַקומען די מיטלען, וועלכע זיינען נויטיק, כדי צו דורכפירן די דאָזיקע אויפגאַבן און התחייבותן, וואָס זי נעמט אויף זיך.

עס איז קיין ספק נישט, אַז די לעצטע סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אין דער הינזיכט מיטגעהאָלפן אויפצוקלערן די לאַגע. ביידע צדדים — וועלכע זיינען דאָך אין גרונט איין צד מיט איין געמיינזאַמער אויפגאַבע — אויפצובויען ארץ־ישראל און איינזאַמלען די גלותן, כאָטש פאָרמעל זיינען זיי צעטיילט — דאַרפן אַ סך לערנען פון דער פאַרגעקומענער סעסיע. און אויב זיי וועלן אויך פּראַקטיש ציען די גע־העריקע קאָנסעקווענצן דערפון, וועט די סעסיע האָבן זייער אַ סך אויפ־געטאָן.

אַן ערך 80 פּראָצענט פון די 51 מיליאָן פונט, וואָס דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט איצט באַשטימט אַלס בודזשעט פון לויפנדיקן יאָר, דאָס

הייסט בערך אַ 40 מיליאָן, זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר עליה־אויפנעם, וואוינונגס־בוי און קאָלאָניזאַציע. דאָס באַווייזט קלאָר ווי לעבנסוויכטיק עס זיינען די אויפגאַבן פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; פאַרוואָס עס איז אַזוי אומבאַדינגט נויטווענדיק זי אויפצוהאַלטן און שטאַרקן.

ג.

דאָס וואָס סילווער און ניומאַן מיט זייערע אָנהענגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען נישט געקומען צו דער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט זיי קיין כבוד נישט צוגעגעבן. אין אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט זיך כמעט נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל באַרעכטיקן זייער נישט קומען. זייערע אָנהענגער פון אַנדערע לענדער, וועלכע זיינען יאָ געקומען, האָבן זיך באַנוגנט מיט דער פאָדערונג, אַז דער אַקציאָנס־קאָמיטעט זאָל זיך צו זיי ווענדן טעלעגראַפיש און בעטן זיי קומען. זיי האָבן עס נישט אַדורכגעפירט. די גרעסטע מערהייט פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט געזען אַ באַליידיקונג אין דערדאָזיקער אויפפירונג, אין דעמדאָזיקן פרואוו אַרויפצווינגען אויף דער מערהייט דעם ווילן פון אַ מינדערהייט און איינפירן אַ נוסח פון תקיפותדיקע גבאים אין דער ציוניסטישער באוועגונג, וואָס איר גאַנצער כוח און שטאַלץ איז דאָך איר פאָלקסטימלעכער און דעמאָקראַטישער כאַראַקטער.

אין די פאַרשיידענע פראַקציעס — קודם־כל אין דער פראַקציע פון דעם איחוד עולמי, אָבער אויך ביי מפ״מ און „מזרחי״ — האָט געהערשט אַ נייגונג צו באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין פון אָננעמען אָדער נישט אָננעמען סילווער־ניומאַנס דעמיסיע ווי אַן אינערלעכע פראַגע פון דער קאָנפעדע־ראַציע פון די אַלגעמיין־ציוניסטן און זיי איבערלאָזן די אַנטשיידונג אין דער פראַגע. בלויז די רעוויזיאָניסטן זיינען גרייט געווען יעדן מאָמענט צו שטיצן סילווער־ניומאַנס חסידים. די רעזאָלוציע פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט צו באַשטימען אַנדערע עקזעקוטיוו־מיטגלידער אויף זייערע ערטער, דאָס הייסט פאַקטיש אָנצונעמען זייער דעמיסיע, איז אָנגע־נומען געוואָרן לויטן פאָרשלאַג פון דער קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיין־ציוניסטן.

אַזוי אַרום איז אין אַקציאָנס־קאָמיטעט אויסגעמיטן געוואָרן די דיסקוסיע וועגן אָננעמען אָדער נישט אָננעמען די דעמיסיע. דער סכסוך גופא אינם פאַראייניקטן קאָמפּיין אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער האָט

גורם געווען צו זייער דעמיסיע, האָט יאָ פאַרנומען אַן אָרט אין די פאַר־האַנדלונגען פונם אַקציאָנס־קאָמיטעט, אָבער אַ סך אַ קלענערן ווי עס האָבן דערוואַרט און געוואָלט די סילווער־ניומאַן־אַנהענגער. די אויפקלערונגען פון ד״ר ב. גאָלדמאַן און ב. לאָקער, און אויך פון ד״ר ישראל גאָלדשטיין, האָבן געמאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן איינדרוק און קיינער האָט אַפילו נישט געפּרואווט צו דערוועקן אַ צווייפל אין דער ריכטיקייט פון זייערע אויפקלערונגען, אַז די מערהייט אין דער עקזעקוטיווע, וואָס האָט אָנגענומען די באַשלוסן אין די קאַמפּיין־ענינים, האָט געהאַט פאַר זיך איינאונאיינציקן ציל — צו זיכערן דעם דערפאָלג פון דעם פאַראייניקטן קאַמפּיין אין צפון־אַמעריקע.

צום באַדויערן קען מען נישט אָננעמען, אַז דערמיט איז שוין פאַר־ענדיקט דאָס קאַפּיטל אינערלעכע רייבונגען אינעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער איז דאָך דער שטאַרקסטער כוח אין אַמעריקאַנער ציוניזם. נישט קוקנדיק אויף דער שטאַרקער עמפּינד־לעכקייט פון די ציוניסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן לגבי אַריינמישונגען אין זייערע ענינים, וועט די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע באַוועגונג נישט קענען שלום־מאַכן דערמיט, אַז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, אין דעם דאָזיקן פינף־מיליאָניקן אידישן ישוב, זאָל איצט נישט פאָרקומען קיין אַנטשיידנדיקע ווערטן־איבערשאַצונג. די ציוניסטישע באַוועגונג אין גלות מיינט איצט קודם־כל — די ציוניסטישע באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן; איר שוואַכקייט באַדייט — שוואַכקייט פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. און דערווייל זעען מיר נישט, צום באַ־דויערן, קיין שריט מצד דער ציוניסטישער באַוועגונג דאָרטן (מיט אַלע אירע שאַטירונגען) צו אַ גרינטלעכער ווערטן־איבערשאַצונג, און דאָס מיינט קודם־כל — אַ שטאַרקערע פּערזענלעך־פּראַקטישע פאַרבינדונג מיטן ציוניסטישן אויפטו אין ישראל, גרויסע עליה, ציוניסטישע דערציאונג, חלוצישע באַוועגונג און הכשרה אויף אַ ברייטן מאָסשטאַב. דידאָזיקע ווערטן־איבערשאַצונג איז, נאַטירלעך, אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַלע לענדער.

ד.

די עליה קיין ישראל האָט אָנגענומען אַ סך גרעסערע מאָסשטאַבן ווי ווער עס איז פון אונז וואָלט זיך געקענט ריכטן. שוין אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, סוף אויגוסט — אָנהויב סעפּטעמבער

1948 האָט זיך געפירט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע אַרום דער פראַגע, ווער וועט דאַרפן איבערנעמען די אויפגאַבע פון עליה־אויפנעם. די מערהייט האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט, אַז דאָס זאָל געהערן צו די אויפגאַבן פון דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע. די דאָזיקע פאָדערונג איז אויסן געווען צו זיכערן דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ צענטראַלן און לעבענסוויכטיקן טעטיקייטס־געביט. דאָס איז געווען אַ געזונטע און ריכטיקע שטעלונג. אָבער ביי די איצטיקע עליה־מאַסשטאַבן מוז מען האָבן פאַרן ממשותדיקן עליה־אויפ־נעם — וואָס דאָס הייסט אויך וואוינונגען־בוי און אַרבעטס־איינאָרדענונג פאַר אַן ערך אַ פערטל מיליאָן עולים אַ יאָר — אַ 200 מיליאָן פונט. ווען מען דערמאָנט נאָר דידאָזיקע ציפער, פאַרשטייט מען גלייך, אַז דאָס קען די ציוניסטישע באַוועגונג אַליין בשום אופן נישט דערגרייכן.

די סומע פון 16 מיליאָן פונט פאַר עליה־אויפנעם אינם בודזשעט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע איז נויטיק פאַר די הוצאות פון דער ערשטער איינאָרדענונג ביים אָנקומען אין לאַנד. דערביי פאַרשטייט יעדער איינער, אַז דאָס איז די מאַקסימאַלסטע סומע, וואָס די עקזעקוטיווע קען באַשטימען ביי די איצטיקע אומשטענדן. עס איז דעריבער אַ גרויסע אומגערעכטיקייט, ווען מען פּרואווט באַשולדיקן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אין געוויסע חסרונות ביים איינאָרדענען די עליה און מען טענהט צו איר, אַז זי האָט דאָך איבערגענומען די דאָזיקע פונקציע. מער ווי אין אַלע אַנדערע פונקציעס פאָדערט זיך גראָד ביי דער דאָזיקער אַרבעט אַן ענגע קאָאָפּעראַציע, אַן אַבסאָלוטע אָפּשאַפונג פון אַלע קינסטלעך געשאַפענע דעפּאַרטאַמענטאַלע מחיצות צווישן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און דער ישראל־רעגירונג, מיט אַלע זייערע אָרגאַנען. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט קענען פאַרקלענערט און פאַרלייכטערט ווערן די אַזוי אויך גרויסע, אומ־געוויינטלעכע שוועריקייט. עס איז דאָ אַ יסוד צו האָפן, אַז די סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט עפּעס אויפגעטאָן אויך אין דער דאָזיקער ריכטונג. דער פאָרשלאַג פון יצחק גרינבוים צו שאַפן אַ ספּעציעלן „קאָמיסאַריאַט" פאַר דער פראַגע האָט — מיט רעכט — נישט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין אַקציאָנס־קאָמיטעט. עס איז אָבער קלאָר, אַז עס דאַרף באַשטימט ווערן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, וואָס זאָל דינען ווי דער פאַרבינדער צווישן דער רעגירונג און דער עקזעקוטיווע, כדי עס זאָל צווישן זיי דערגרייכט ווערן די פולסטע קאָאָרדינאַציע אין דער דאָזיקער אַרבעט.

ה.

עס איז קיין סוד נישט, אַז אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע קען מען, אין דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג, נישט געקוקט אויף דער טעטיקייט פון דעם אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט, נישט פאַרצייכענען קיין גאָר גרויסן פּראָגרעס. אדרבא, די טענדענץ צו אַן ענגערער צוזאַמענאַרבעט צווישן די פאַרשיידענע שטרעמונגען אין ציוניזם האַלט נישט אין שטייגן. שוין אַ יאָר פופצן און מער ווי עס פירט זיך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ וויכוח וועגן אויפשטעלן די איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט שוין אַדורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים. צום אָנהויב זיינען די אַלגעמיין־ציוניסטן (אַ חוץ פון צפון־אַמעריקע) געווען הייסע אָנהענגער פון דעם געדאַנק. זייערע אַרויסטרעטונגען פלעגן זיין פול מיט חשדים קעגן דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס אַ טייל פון איר איז דעמאָלט געווען קעגן אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, געבויט אויף פּערזענלעכער מיט־גלידערשאַפט. פאַר אונזער באַוועגונג אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער איז דעמאָלט שווער געווען מסכים צו זיין אויף אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור, ווייל אין יענע לענדער איז אויפן אַלגעמיין־פּאָליטישן געביט און אויך אויפן אידיש־פּאָליטישן געביט (קהלות א. א. וו.) געווען אַ טיפער תהום צווישן איר און דעם בירגערלעכן טייל אין ציוניזם. אויך אונזערע חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען דעמאָלט געווען קעגנער פון אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (דאָס איז אויך אמת בנוגע די אַלגעמיין־ציוניסטן).

די קאַטאַסטראָפע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט גרינטלעך געענדערט דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון אידישן לעבן אין די גלות־לענדער. עס איז פאַרשוואונדן דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום. צווישן דער שארית הפליטה זיינען אין אַ גרויסער מאָס בטל געוואָרן די סאָציאַלע אונטערשיידן. עס איז איצטער כמעט נישט פאַראַן קיין לאַנד וואו אידן פירן אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטיק און אין זייער ווייניק לענדער עקזיסטירן נאָך וועלכע עס איז סימנים פון אַזאַ פּאָליטיק. אויסער דעם איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז אַ סך געביטן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט, ווי דערציאונג (שולן) און אויך די קולטור־טעטיקייט קענען געפלעגט ווערן, מיטן פאַרנעם וואָס די איצטיקע צייט פאָדערט, נאָר אויף וויפיל דאָס וועט געמאַכט ווערן געמיינזאַם, און אָפּטמאָל נאָר אויב די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע באַוועגונג וועט זיין די איניציאַטיוו־און הילף־געבערין.

אין פלוג האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס איז שוין טאַקע געקומען די צייט צו רעאַליזירן די פריערדיקע באַשלוסן פון די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וועגן שאַפן אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אָפּהיטנדיק דערביי די פולע אידעאישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבשטענדיקייט פון די איינצלנע פּאַרטייען. אָבער וואָס דרינגענדיקער עס איז געוואָרן די אָביעקטיווע נויטווענדיקייט דערפון נאָך דער מלחמה, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די קעגנערשאַפט אויך מצד קרייזן, פון וועלכע מען האָט זיך דאָס קיינמאָל נישט געריכט. די אַלגעמיין־ציוניסטן האָבן זיך געשטעלט בראש פון די קעגנער. און די טאָן־געבער פאַר אָט דער קעגנערשאַפט זיינען געווען די אַלגעמיין־ציוניסטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן מורא, אַז אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע קען באַגרעניצן זייער רעכט אויפצוטרעטן און צו רעדן אין נאָמען פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג.

אָבער נישט נאָר זיי. אויך די חברים פון מפ״מ האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן יעדער ענדערונג אין דער ריכטונג פון אַן ענגערן צונויפקניפּן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פעדים אין ציוניזם. דער „מזרחי״ איז דאָך נאָך פאַר דער וועלט־מלחמה געווען קעגן יעדן געדאַנק וועגן אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די, וועלכע לייגן איצטער פאָר אַ ציוניסטישע פעדעראַציע אַלס איבערגאַנג צו אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער צוקונפט, אָדער אַן ערזאַץ מיטן נאָמען „דאַך־פאַרבאַנד״, מיט דער טענה, אַז דאָס וועט אפשר מיט דער צייט ברענגען צו דער שאַפונג פון אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — ווייסן אַליין זייער גוט, אַז עס איז נישט אַזוי.

די ציוניסטישע פעדעראַציע אָדער דער „דאַך־פאַרבאַנד״, אין די לענדער וואו זיי עקזיסטירן, האָבן אין ערגעץ נישט דערוויזן די פעאיקייט צו דערנענטערן די פאַרשיידענע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פּראָדוקטיווער צו מאַכן זייער טעטיקייט. אדרבא, אין אַ סך לענדער זיינען זיי געוואָרן אַ באַזע פאַר אומאויפהערלעכע קאָנפליקטן און פאַר אַ פאַרשאַרפטער קעגנזייטיקער געשפּאַנטקייט. דער שווערפּונקט אין דעם גאַנצן וויכוח איז — די שאַפונג פון אַן אָבליגאַטאָרישער אָרגאַניזאַציאָנעלער ראָם, וואָס איר עקזיסטענץ זאָל נישט זיין אָפּהענגיק יעדן מאָמענט פון דעם אָדער אַנדערן באַשלוס פון איינער פון די אין איר באַטייליקטע פּאַרטייען. און אַן אָבליגאַטאָרישע ראָם קען דערגרייכט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן אין יעדן לאַנד דערגיין צו אַלגעמיינע וואַלן, צו אַן אַלגע־

מיינעם ציוניסטישן צוזאַמענפאַר, וואָס ער און נאָר ער וועט באַשטימען די ציוניסטישע אַנפירונג אין לאַנד. אַזעלכע וואַלן וועלן אויך לייזן דעם פּראָבלעם פון פּערזענלעכער מיטגלידערשאַפט; מען קען זיי אַדורכפירן אויפן יסוד פונם געקויפטן שקל אָדער פון וועלכן עס איז אַנדערן קען־צייכן. אַזאַ מין ציוניסטישע לאַנד־אַנפירונג וועט האָבן אַ שטאַרקן אָנזען און די אַלגעמיינע וואַלן וועלן איר געבן מער די קאָמפּעטענץ צו אַנטשיידן אין די ציוניסטישע ענינים אויפן אָרט.

אָט די איינשטעלונג האָט זיך, ווי געזאָגט, אָנגעשטויסן אויף דער פּאַרייניקטער קעגנערשאַפט פון די אַלגעמיין־ציוניסטן, „מזרחי" און מפ"מ. אַלע פּרוּוון עפּעס אויפצוטאָן אויף דעם געביט, די פּרוּוון, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן סיי אויפן 22־טן ציוניסטישן קאָנגרעס און סיי אויף די שפּעטערדיקע דריי סעסיעס פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, — זיינען פאַרבליבן אָן רעזולטאַטן. אויך דער קנאַפּער פּרוּוו, וועלכער איז איצט געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג, איז דורכגעפאַלן באַלד ביים אָנהויב.

מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, צוליב דעם נישט פאַרצווייפלען, און עס איז אונזער פליכט צו ברענגען די זאַך פאַר דער ברייטער ציוניסטישער עפנטלעכקייט, וועלכע אידענטיפיצירט זיך אין דער פראַגע זיכער נישט מיט די וואָס טרעטן אַרויס אין איר נאָמען. עס איז קלאָר, אַז די פראַגע רירט אָן די עצם עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַלגע־מיין. אָבער עס איז אויך קלאָר, אַז מיר וועלן דאַרפן פירן אַ שווערן און לאַנג־דויערנדיקן קאַמף, כדי צו דערפירן צו דער געוואונטשענער ענדע־רונג, און מיר מוזן ציען געוויסע קאָנסעקווענצן פון דער פאַקטישער לאַגע.

די שטרעבונג צו שטאַרקן און דערהויבן דעם אָנזען און דעם כוח פון די אַלגעמיינע אָרגאַנען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויסצובריי־טערן זייער טעטיקייטס־געביט, האָט אין אַ סך לענדער געבראַכט צו דער אָפּשוואַכונג און פאַרנאַכלעסיקונג פון אונזערע אייגענע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען. אין דער זעלבער צייט ווען אַלע אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען זיינען געווען באַשעפטיקט מיט שטאַרקן זייערע פּאַרטייאישע ראַמען, האָבן אונזערע בעסטע מענטשן, סיי אין צענטער און סיי אויף די ערטער אַוועק־געגעבן אַלע זייערע כוחות און אָנשטרענגונגען פאַר דער שטאַרקונג און פעסטיקונג פון דער אַלגעמיינער ראַם. אַזוי טאָר עס נישט זיין אויף ווייטער. די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן האָט אונז דערוויזן, אַז יעדע אָפּשוואַכונג פון אונזער אייגענער אָרגאַניזאַציאָנעלער ראַם, שוואַכט אויך אָפּ די האָפענונג צו שטאַרקן די אַלגעמיינע ציוניסטישע ראַם. עס איז דעריבער

אַ חוב פון אונזערע פּאַרטייען און אָנפירנדיקע חברים צו ווידמען אין דער נאָענטער תקופה אַלע זייערע כוחות צו שטאַרקן אונזער אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאַרטייאישע ראַמען אין אַלע לענדער. דער קרבן, וועלכן מיר ברענגען, אַפשוואַכנדיק אונזער אייגענע ראַם, כדי צו שטאַרקן די אַלגעמיינע ראַם, פירט נישט צום ציל, נאָר דערווייטערט פון אים. אויב מיר וועלן ציען אָט אַזעלכע מסקנות פון דער געשאַפענער לאַגע (און טאַקע וואָס פריער), וועלן מיר אפשר אין אַ געוויסער צייט אַרום קענען דערפירן צו דער שאַפונג פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די פאַרשיידענע לענדער.

ו.

די אינטערעסן פון דער אידישער מדינה און פון די אידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ פאַרפליכטן אונז צו הויבן דעם אָנזען פון דער אַלוועלטלע־כער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און שטאַרקן און אַקטיוויזירן אירע אינסטי־טוציעס. עס זיינען נויטיק פאַנאַטיזם און איבערגעגעבנקייט און אַ טיפע אינערלעכע פאַרבינדונג צו אָט דער אַרבעט. זי קען נישט געמאַכט ווערן דרך־אגבדיק. עס איז אונזער חוב צו באַשטימען חברים, וועלכע זאָלן זייער גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט אָפּגעבן נאָר דער דאָזיקער אַרבעט. מיר טאָרן נישט לאָזן, ווי ביז איצט, אַז אין די אָרגאַנען פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג (ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט, דירעקטאָריומס פון די פאַנדן א. א. וו., א. א. וו.) זאָלן זיצן איין און די זעלבע חברים, וועלכע זיינען פול באַלאַסטעט מיט דאגות און געשעפטן פון צענדליקער אינסטי־טוציעס און זיי האָבן פשוט נישט קיין פיזישע מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן מיט די ענינים. אמת, דאָס איז אונזערע אַן אינערלעכע באַוועגונגס־פראַגע, אָבער זי וואַרפט איר שאָטן אויף דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן זיינען מיר געווען די הויפּט־איניציאַטאָרן און די סאַמע אַקטיוויסטע אין דער גאַנצער ציוניסטישער טעטיקייט, און כאָטש מיר זיינען איצטער נישט די סאַמע גרעסטע פּאַרטיי אין דער אַלוועלט־לעכער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט קיין שום אַנדער פּאַרטיי ניט געירשנט אונזער אָרט אין דער הינזיכט. אויב אונזער אַקטיוויטעט און איניציאַטיוו איז שוואַכער — ווערט זיך דאָס אָפּרופן אויף דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג.

(מאַי, 1949)

די פּאַרטיי נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה

א.

אונזער באַוועגונג האָט זיך פון תמיד אָן נישט צו שטאַרק אויסגעצייכנט מיט איר אייגענער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט. אונזער איינפלוס אויף דער אידישער גאַס, אויף דער פּעריפעריע, וואָס פלעגט זיך זאַמלען אַרום אונז, איז תמיד געווען אָן אַ פאַרגלייך פיל גרעסער ווי מען וואָלט עס געקענט דערוואַרטן לויט דער צאָל פון אונזערע אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־מיטגלידער. דאָס איז חל כמעט אויף אַלע טיילן פון אונזער וועלט־באַוועגונג און אויף די פאַרשיידענע תקופות פון איר ווירקן, בפרט זינט דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער באַזונדערער קען־צייכן פון אונזער באַוועגונג איז, וואָס מיר זיינען בדרך־כלל ווייט פון אַן עגאָצענטרישן, ענגן פּאַרטיי־צוגאַנג ביים באַהאַנדלען אַלגעמיינע ענינים. דער אויסגאַנג־פּונקט פון אונזערע באַשלוסן, איז נישט, — וואָס וועט דער ענין געבן אונזער פּאַרטיי, נאָר תמיד, — וואָס באַדייט דער ענין אָדער די טעטיקייט פאַרן כלל פון פאָלק און קלאַס, וועלכע מיר דינען. לויט דעם קריטעריום האָבן מיר תמיד געהאַנדלט.

אונזערע בעסטע כוחות, אונזער הויפּט־ענערגיע און צייט פלעגן מיר אָפּגעבן אַלגעמיינע ענינים, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס אַזוי אַרום פאַרנאַכלעסיקן מיר און שוואַכן אָפּ במו ידינו אונזערע אייגענע פּאַרטיי־קערפּערשאַפטן. מיר האָבן עס געזען אין צפון־אַמעריקע אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביים אָרגאַניזירן דעם אידישן קאָנגרעס; מיר האָבן עס געזען אין דער זעלבער צייט, און אַביסל שפּעטער, אין אייראָפּע, ביים מאָביליזירן די עפנטלעכע וועלט־מיינונג פאַר די אידישע נאַציאָנאַלע רעכט און קעגן די פּאָגראָמען אויף אידן, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; מיר האָבן עס געזען אין ארץ־ישראל אין 1920, ביים גרינדן די הסתדרות און שפּעטער ביים אויסבויען און באַפעסטיקן זי; אַזוי איז עס דערנאָך געווען אין צפון־אַמעריקע, ביים אַדורכפירן צוערשט דעם געצייג־קאַמפּיין פון קפא״י * אין 1921, און שפּעטער די אַקציע פאַר דער אַרבעטער־

* קופת פועלים ארץ־ישראלית — קפא״י; פּאַלעסטינא־אַרבעטער־פאָנד — פ. א. פ.

באַנק — און אַזוי איז עס ביז צום היינטיקן טאָג מיט דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין; אַזוי איז עס אויך געווען אין אייראָפּע ביים גרינדן און אָפּהיטן דעם החלוץ, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין דער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות; ביים גרינדן די ליגעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, וואָס מיר זיינען די גאַנצע צייט געווען זייער איניציאַטאָרן, אָרגאַניזירער און הויפּט־טרעגער; מיר האָבן עס געזען אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, ווען די הויפּט־לאַסט פון ציוניסטישער איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט איז זינט 1933 אויסגעטראָגן געוואָרן דורך אונזערע מענטשן; מיר האָבן עס געזען ביי אומצאָליקע אַנדערע געלעגנהייטן, וואָס נישט דאָ איז דער אָרט זיי אַלע אויסצורעכענען, בפרט בעת דער אונטערערד־און רעטונגס־אַרבעט אין די ביטערע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה; ביים שאַפן אַן אָרגאַניזירטע, זעלבשטענדיקע און זעלבסטטעטיקע געזעלשאַפטלעכקייט צווישן דער צעשטויבטער און דערשלאָגענער שארית הפליטה אין אייראָפּע, באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, און ביים אָרגאַניזירן די בריחה און עליה פון אייראָפּע. מיר האָבן עס געזען אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויפריכטן די מדינת ישראל, ביים פּראָקלאַמירן דעם לאָזונג פון דער מדינה אַלס תיכפדיקע לייזונג; מיר זעען עס אויך היינט אינם עקשנותדיקן קאַמף, וואָס מיר פירן איצט, כמעט די איינציקע, אין אַלע לענדער, אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויף צו באַפעסטיקן איר אָרגאַניזאַציאָנעלע ראָם, פאַרברייטערן אירע קאָמפּעטענצן און פאַרשטאַרקן איר אויטאָריטעט; ועל כולם זעען מיר עס איצט אין דעם שווערן געראַנגל, וואָס אונזער ארץ־ישראל־פּאַרטיי פירט פאַר דער באַפעסטיקונג און זיכערונג פון דער מדינת ישראל.

אונזערע פירנדיקע פּאָזיציעס — פריער אין די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן און איצט אין מדינת ישראל — האָבן מיר נישט דערגרייכט דוקא אַ דאַנק אונזער צאָלרייכער אָרגאַניזירטער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט, נאָר אַ דאַנק דעם צוטרוי, וואָס די אידישע מאַסן האָבן געהאַט און האָבן ווייטער צו אונזער באַוועגונג און צו אונזערע מענטשן. מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין מערהייט אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, פונדעסטוועגן האָט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג במשך אַ ריי יאָרן געזען אין אונזער פּאַרטיי דעם אָנפירנדיקן און באַשטימענדיקן כוח אין ציוניזם (די אַלגעמיין־ציוניסטן, וואָס זיינען, זינט די וואַלן צום לעצטן קאָנגרעס אין 1946, דער ערשטער כוח אין דער ציוניס־

טישער אָרגאַניזאַציע, האָבן דעם אָרט נישט אויסגעפּילט)*. דאָס זעלבע זעען מיר היינט אין מדינת ישראל. פאַראַן ביי ברייטע קרייזן די זיכערקייט, אַז אונזער פּאַרטיי און אונזערע מענטשן בילדן די מאַקסימאַלסטע גאַראַנטיע פאַר דער רעאַליזירונג פון דעם מאַקסימום פון אונזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

ב.

מיר האָבן נישט חרטה אויף דעם וועג וואָס מיר זיינען געגאַנגען. מיר זיינען נישט מקנא יענע פּאַרטייען, וואָס האָבן געזען דעם שווערפּונקט פון זייער אַקטיוויטעט אינעם אויסבויען קודם־כל זייערע פּאַרטיי־קערפּערשאַפטן און קענען אפשר אויפווייזן אויף דעם געביט געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע דערגרייכונגען אין פאַרגלייך מיט אונז. די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט, האָבן באַשטימט אונזער וועג. אַלס מדינהלאָזפאָלק, וואָס האָט נאָך פאַרן אויפריכטן זיין מדינה געמוזט נעמען אויף זיך די דערפילונג פון מלוכהשע פונקציעס, און וואָס אַלע זיינע קאָנסטרוקטיווע אַקטיוויטעטן און פּאָליטישע אינסטאַנצן זיינען געווען געבויט אויף פרייוויליקייט, האָבן מיר קודם־כל געמוזט שטאַרקן די פאָרמען פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג און אַקטיוויטעט.

אין דעם פּרט איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג נאָכן אויפריכטן אונזער מדינה. אמת, די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, דער לעבנסוויכטיקער אינסטרומענט פון אידן אין חוץ־לארץ פאַר דער באַפעסטיקונג און זיכערונג פון אונזער מדינה, איז ווייטער געבויט אויף פרייוויליקייט. די הסתדרות איז פאַרבליבן אַ וויכטיקער קלאַסן־אינסטרומענט פון דער ארץ־ישראל־אַרבעטערשאַפט און אַ טרייע פעסטונג אויף צו באַשיצן די דעמאָקראַטישע און צום סאָציאַליזם געריכטעטע פּאָטענצן פון אונזער מדינה. אָבער דער פאַקט, וואָס דער וויכטיקסטער אינסטרומענט פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג דורך קיבוץ גלויות, וואָס איז אויך דער וויכטיקסטער אינסטרומענט פאַר סאָציאַליסטישער רעאַליזירונג, איז די מ ד י נ ה, אין וועלכער די השפעה פון דער פּאָליטישער פּאַרטיי שפּילט אַזאַ דעצידירנדיקע ראָלע, — אָט דער פאַקט פאַרפליכטעט אונז צו ערנסטע ענדערונגען אין אונזער פּאַרטיי־סטרוקטור און אַקטיוויטעט אין לאַנד און אין חוץ־לארץ. וויכטיקע אויפטוען, וואָס האָבן פריער געפאָדערט יאָרן־לאַנג מילבן־פלייס,

* זינט דעם קאָנגרעס אין 1951 איז אונזער באַוועגונג ווידער דער ערשטער כוח אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

און אָפּטמאָל איז מען דערביי לכתחילה געווען אָפּהענגיק פון אַן אַלגע־מיינער הסכמה — איצט הענגען זיי אָפּ פון אונזער פּאָליטישן כוח אין דער מדינה. זי קען אַמאָל דורך אַ געזעץ אויף איין מאָל רעאַליזירן דאָס וואָס עס האָט פריער גענומען פיל יאָרן. עס קומט נאָך צו, וואָס דאָס געוויכט פון די פאַרשיידענע לענדער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך מיטן פאַרלוסט פון אייראָפּעאישן אידנטום באַדייטנדיק געענדערט, צו אונזער אומגונסטן. עס ווערט אויך קלענער די האָפענונג, אַז מיר זאָלן קענען איבּגיכן אויפטרעטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָדער אין אַן אַנדער־ער אַלגעמיין־אידישער קערפּערשאַפט, ווי אַן איינהייטלעכער כוח, צוזאַמען מיט די אַנדערע טיילן פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. מוזן מיר פון דעם אַלעמען באַצייטנס אָנהויבן ציען געוויסע פּראַקטישע מסקנות בנוגע דער סטרוקטור, די אויפגאַבן און טעטיקייטן פון אונזער פּאַרטיי אין ישראל און אין חוץ־לארץ.

ג.

די שטודיר־קאָמיסיע פון די אַלגעמיין־ציוניסטן אין צפון־אַמעריקע, וואָס האָט אויך זיך גענומען. די אויפגאַבע פאָרצושלאָגן ענדערונגען אין דעם פּראָגראַם און דער קאָנסטיטוציע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע, (באַקאַנט אונטערן נאָמען: די ריווקינד־קאָמיסיע) האָט אין איר באַריכט פעסטגעשטעלט: „עס איז נישט אין די אינטערעסן פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, אַז אידן וואָס וואוינען מחוץ פון ארץ־ישראל זאָלן אויפהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די פּאָליטישע פּאַרטייען אין ישראל, זאָלן העלפן מיטבאַשטימען זייער פּאָליטיק אָדער זיין אונטערגעוואָרפן זייערע דירעקטיוון". אין די עטלעכע שורות קומט קלאָר צום אויסדרוק דער וועג פון דער מערהייט אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין צפון־אַמעריקע, וואָס די אַלגעמיין־ציוניסטן אין אַ ריי לענדער (באַזונדערס אין דרום־אַמעריקע) זיינען אַ בלינד ווערקצייג אין זייערע הענט. דידאָזיקע אַלגעמיין־ציוניסטן האָבן נישט קיין האָפענונג, אַז אין מדינת ישראל זאָלן אַמאָל די אַרבעטער אויפהערן זיין דער דעצידירנדיקער געזעלשאַפטלעכער כוח, פּשוט דערפאַר וואָס דער ישוב איז געווען און וועט פאַרבלייבן אין זיין מערהייט אַן אַרבעטער־ישוב. דערפאַר ווילן זיי דערפירן דערצו, אַז די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס זיינען משפיע אין מדינת ישראל, זאָלן נישט זיין מאַסגעבנדיק אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. זייער גע־דאַנקען־גאַנג איז בערך אַזוי: מדינת ישראל וועט דאָך נאָך במשך יאָרן דאַרפן האָבן די קאָאָפּעראַציע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

וועלן זיי, באַהערשנדיק די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, קענען דיקטירן זייערע באַדינגונגען און קינסטלעך שטאַרקן אין ישראל יענע געזעלשאַפט־לעכע כוחות, וואָס זיינען זיי אידעאָלאָגיש נאָענט.

די פריער ציטירטע באַהויפּטונג אין דעם ריוווקינד־באַריכט איז אַ ווייטערער עטאַפּ פון דער טעאָריע, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם פאָרשלאַג וועגן דער פּערסאָנאַלער צעטיילונג צווישן ישראל־רעגירונג און ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וואָס די זעלבע קרייזן האָבן געבראַכט צו דער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין סוף אויגוסט 1948. ליידער האָבן דעמאָלט אויך אַ טייל אונזערע חברים געמיינט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אומשולדיקער צוועקמעסיקייט־פאָרשלאַג. אַלס המשך דערפון איז איצט נאָך צוגעקומען דער פאָרשלאַג וועגן פאַרגרעסערן די אויטאָנאָמיע פון די ציוניסטישע לאַנד־קערפּערשאַפטן און פאַרקלענערן די קאָמפּעטענצן פון די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. עס רעדט זיך אויך וועגן דעם, אַז היות ווי קיין פאַרבינדונג מיט די געזעלשאַפטלעכע כוחות אין ארץ־ישראל דאַרף מען נישט האָבן און מיט זייערע פּראָבלעמען און אידעאישע ראַנגלענישן דאַרף מען זיך נישט פאַרנעמען, באַרעכטיקט נישט די פאַנד־אַרבעט, וואָס דאַרף איצט זיין כמעט די אויסשליסלעכע אויפגאַבע און טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, די עקזיסטענץ פון באַזונדערע ציוניסטישע פּאַרטייען. אַלע פאָר־שלאַגן גייען אין איין ריכטונג: די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וואָס זיינען משפיע אין ישראל, זאָלן וואָס מער אָפּגעשוואַכט ווערן אין דער ציוניסטי־שער וועלט־אָרגאַניזאַציע און וואָס ווייניקער קענען ווירקן אויף אירע האַנדלונגען.

נישטאָ קיין שום סיבה, אַז דער פּלאַן זאָל זיך איינגעבן. עס איז נישט אמת, אַז די ציון־טרייע אידישע מאַסן אין חוץ־לארץ ווילן נישט קיין אידישע מדינה, וואָס דער אַרבעטער־ישוב איז אין איר דער דאָמינירנ־דיקער כוח. עס איז נישט אמת, אַז די אידישע מאַסן, און בפרט די טרייע ציוניסטישע אידישע יוגנט, ווילן זיך באַנוגענען דערמיט וואָס זיי וועלן זיין פּאַסיווע צושויער פון די אידעאישע ראַנגלענישן אין ארץ־ישראל און ביים אויספורעמען פון דעם גייסטיקן און סאָציאַלן פּרצוף־פּנים פון אונזער מדינה. עס הענגט נאָר אָפּ פון אונז, אויף וויפל מיר וועלן באַווייזן אויפצור־קלערן די אידישע מאַסן, די אידישע יוגנט, די אידישע אינטעליגענץ, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און זיי זאַמלען אַרום אונזער פּאַרטיי. און דאָס מאָל מוז עס זיין קלאָר און דייטלעך: אַ ר ו ם א ו נ ז ע ר פּ אַ ר ט י י.

וואָרים מיר מוזן האָבן די פולע מעגלעכקייט קלאָר און אָפן צו רעדן מכּוח אַלע פּראָבלעמען און חילוקי־דעות אין מדינת ישׂראל און אין ציוניזם. עס האָט ניט קיין זינען און עס נוצט איצט נישט צו רעדן האַלבע ווערטער. אויך אויפצוקלערן די ענינים ביז צום יסוד — און נאָר דערמיט קענען מיר געווינען נייע, בפרט יונגע, מענטשן — געניגן מער נישט די אַלגעמיינע ראַמען, נישט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און נישט פון די קער־פּערשאַפטן פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל. דאָס קען געטאָן ווערן נאָר אין ראַמען פון דער פּאַרטיי. שטאַרקן אונזערע פּאַרטייען אומעטום (און, פאַר־שטייט זיך, אין דער ערשטער ריי, אין ישׂראל) — איז איצט אַ לעבנס־וויטווענדיקייט פאַר דער באַפעסטיקונג פון מדינת ישׂראל.

ד.

דער לאָזונג פון אונזערע פּאַרטייען אין אייראָפּע, בפרט אין דרום־מזרח און מיטל־אייראָפּע, איז געווען נאָך דער מלחמה און פאַרבלייבט אויך ווייטער: זייט עולה קיין ארץ־ישׂראל! דאָס מוז איצט ווערן דער לאָזונג פון אונזער באַוועגונג אין גאָר דער וועלט. אויך אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָבן מיר אין יענע אייראָפּעאישע לענדער זיך לחלו־טין נישט גערעכנט דערמיט, וואָס מיטן עולה־זיין פון דעם פּאַרטיי־אַקטיוו וועט די אָרגאַניזאַציע־טעטיקייט וועגנטועל אָפּגעשוואַכט ווערן. מיר האָבן גערופן דעם אַקטיוו, אַז ער זאָל זיך שטעלן בראש פון דער עליה. פונדעסטוועגן האָט עס, אין לעצטן סך הכּל, נישט אָפּגעשוואַכט אונזער באַוועגונג — נאָר גראָד פאַרקערט. מיר האָבן עס געזען אַמבעסטן אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. אונזער עליה־רוף מוז איצט גיין צו די חברים און צו די נאָענטע, צו די דערוואַקסענע קינדער פון די חברים און בפרט צו דער יוגנט אין צפון־און דרום־אַמעריקע, אין דרום־אַפריקע, אין ענגלאַנד און אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער. דער סימן מובהק פון אַקטיווער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט, פון עכטער ציוניסטישער געזינונג, דאַרף איצט ווערן: צוגרייטונג צו עליה און עליה. מען דאַרף דערביי, פאַרשטייט זיך, זיך גראָד נישט באַנוצן מיט לאָזונגען פון עוואַקואַציע און ליקווידאַציע — איצט דאַרף געבוג זיין דער פּאָזיטיווער רוף: עליה! מען דאַרף עס, נאַטירלעך, אויך נישט פאַרבינדן מיט וועלכער עס איז פאַר־נאַכלעסיקונג און אָפּשוואַכונג פון אָרטיקע אידישע אַקטיוויטעטן. בל זמן אידן וועלן ערגעץ וואו פאַרבלייבן, אפילו קליינע קהלות, וועלן מיר זיך ווידמען זייערע ענינים. אויפן אָרט פון די אַקטיווע טוער, וואָס וועלן עולה

זיין, ווערן, אָן־אַ־ספק, אויסוואַקסן אַנדערע, און זיי וועלן פאַרזעצן די אַרבעט.

עולה זיין מיינט איצט פאַר אַ סך חברים אין די מערב־אייראָפּע־אישע, אַמעריקאַנער און אַנדערע לענדער גובר זיין אַ סך שוועריקייטן — שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט עלטער, סאָציאַלער פּאָזיציע א.א.וו. טאָרן מיר נישט פאַרדעקן אָדער פאַרמינערן דידאָזיקע שוועריקייטן און שאַפן די אילוזיע, אַז פאַר נישט יונגע מענטשן, אָן אַ פאַך, מיט ווייניק קאַפּיטאַל, איז דאָס איינאָרדענען זיך אין לאַנד אַ לייכטע און פּשוט׳ע זאַך. עס איז אונזער פליכט פּינקטלעך צו אינפאָרמירן די חברים וועגן דער לאַגע, אַזוי ווי זי איז אין דער אמתן. אָבער אין די ראַמען פון די פּאַראַנענע מעגלעכקייטן מוזן מיר טאָן דעם מאַקסימום: די חברים קודם־כל פּינקטלעך צו אינפאָרמירן און זיי געבן די בעסטע עצה; באַשיצן זיי קעגן נישט סאָלידע „וועגווייזער״; זיין פאַר זיי דער פאַרמיטלער פון די ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין לאַנד ביי זייער פּרואוו זיך איינצואָרדענען. דאָס איז אַ גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע טעטיקייט, וואָס מוז געמאַכט ווערן מיט דער מאַקסימאַלער פאָרזיכטיקייט און געוויסנהאַפטיקייט און מיט וואָס ווייניקער רעקלאַמע. זי איז אָבער אַ וויכטיקע, דרינגענדיקע און געבענטשטע טעטיקייט, וואָס אונזער באַוועגונג מוז נעמען אויף זיך כּלפּי חברים און באַענטשטייענדיקע.

פאַר אונזערע פאַרטייען אין די אַמעריקאַנער און אַנדערע לענדער שטייט איצט די דרינגענדיקע אויפגאַבע אויסצובויען אַ גרויסע חלוץ־באַוועגונג מיט אַ שטאַרקער הכשרה־נעץ. דאָס האָבן פאַר דער וועלט־מלחמה געמאַכט אונזערע פאַרטייען אין פּוילן, אין ליטע און אַנדערע לענדער ביי אַ סך שווערערע באַדינגונגען און ביי אַ פיל ערגערער עקאָנאָמישער לאַגע. די איניציאַטיוו און די הויפּט־זאָרג זיינען געלעגן אויף אונזערע פאַרטייען. פון דער מאָס פון זייער ענערגיע איז געווען אָפּהענגיק דער פאַרנעם פון „החלוץ״. און מיר ווייסן דאָך ווי גרויס דער פאַרנעם איז געווען אין אַ ריי לענדער און וואָס פאַר אַ נוצן דער „החלוץ״ האָט געבראַכט. אויך איצט איז עס אין דער ערשטער ריי אָפּהענגיק פון אונזער אייגענער באַוועגונג, הגם פאָרמעל וועט עס זיין אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס מוזן זיין שטאַרקע פאַרטייען; דעמאָלט וועט זיין אַ החלוץ־באַוועגונג, אַ שטאַרקע חהלוץ־באַוועגונג. עליה, און אַ וואָס גרעסערע, ברענגט צו אַ שטאַרקונג פון דער באַוועגונג. אויך די טעטיקייט אויפן געביט פון הכשרה, פון שול און דערציאונג, קולטור־טעטיקייט, העברעאיש־לימוד

און אַנדערע אַלגעמיין־ציוניסטישע אָדער אפילו אַלגעמיין־אידישע אַקטי־וויטעטן, זיינען אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט פון אונזערע חברים. שטאַרקן אונזערע פּאַרטייען מיינט שאַפן אַ פעסטן אָנלען און באַדייטענדיק פאַרשטאַרקן אָט די אַלע טעטיקייט־געביטן.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרפן מיר איצט שענקען אונזער יוגנט־באַוועגונג. אויף דעם געביט האָבן מיר, נאָך מער ווי אויפן געביט פון פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, געגעבן אין די לעצטע יאָרן דעם פּאַרצוג, „אַלגעמיינע" אָרגאַניזאַציע־פאָרמען. מיר האָבן דערביי, אמת, אָפּגעהיט די אַלגעמיינע ווערטן פון דער ארץ־ישראל אַרבעטער־באַוועגונג. מיר האָבן אָבער נישט מקפיד געווען אויף אַ קלאָרער אָרגאַניזאַציאָנעלער צוגעהע־ריקייט צו דער פּאַרטיי.

איצט דאַרף קומען אַן ענדערונג אויף דעם געביט. אין אָנבליק פון דער אינערלעכער לאַגע אין דער הסתדרות און אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, באַזונדערס אין דער יוגנט־באַוועגונג פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, אין לאַנד און אין חוץ־לארץ, מוזן מיר קלאָר פאַרבינדן אונזער יוגנט מיט אונזערע פּאַרטייען אין די לענדער (פאַרשטייט זיך, אַז מיר דאַרפן דערביי אָפּהיטן די פולע זעלבשטענדיקייט פון אונזער יוגנט־באַוועגונג). אַ קלאָרע פּאַרטיי־פּאָליטישע זעלבסט־באַשטימונג מצד אונזער יוגנט, איז איצט אַ נויטווענדיקייט און פאָרבאַדינגג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט־באַוועגונג, און גלייכצייטיק אויך פאַר דער שטאַרקונג פון אונזערע פּאַרטייען. אין דער ריכטונג דאַרפן מיר איצט זיין טעטיק — און טאַקע באַלד. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן וואָס פאַר אַ לעבנסוויכטיקער טעטיקייט־געביט די יוגנט־באַוועגונג איז פאַר אונזערע פּאַרטייען.

ה.

אין די לעצטע צען יאָר זיינען אין אונזער באַוועגונג פאָרגעקומען קאַלאָסאַלע ענדערונגען. ביז דעם יאָר 1939, איז דער הויפט־צענטער פון אונזער פאַרווירקלעכונגס־טעטיקייט אין חוץ־לארץ געווען מזרח־אייראָפּע. דאָרט איז געווען אונזער גרויסע מאַסן־באַוועגונג, די אַרענע פון אונזער זעלבשטענדיקער פּאָליטישער אַקטיוויטעט אין חוץ־לארץ, דער קוואַל פון נאַציאָנאַלער אינספּיראַציע. שוין דעמאָלט איז שטענדיק געוואַקסן די באַדייטונג פון ענגליש־שפּראַכיקן סעקטאָר אין דער באַוועגונג: מיר האָבן געפילט, אַז מען מוז שענקען דעם דאָזיקן סעקטאָר אַ סך מער אויפמערק־

זאַמקייט. אַזוי ווי עס האָט אָבער נישט געדראָט דער באַוועגונג קיין באַל־דיקע געפאַר, אויב מען טוט עס נישט גלייך, האָט מען נאָר זייער לאַנגזאַם אָנגעהויבן טעטיק צו זיין אין די נייע קרייזן און זיך באַנוגנט מיטן באַטאָנען די נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער אָריענטאַציע אויף די אַזוי־גערופענע „ענגליש־רעדנדיקע".

דער מזרח־אייראָפּעאישער צענטער פון דער באַוועגונג איז פאַר־ניכטעט געוואָרן. דאָס האָט אויפגעטרייסלט אונזער באַוועגונג אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי אַנדערע באַוועגונגען. מיר ווייסן עס שוין זינט יאָרן, נאָר מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן דערפון צו ציען די נויטווענדיקע מסקנות לגבי אונזער אַרבעט. און אפשר האָבן מיר נישט גענוג כוח צו קוקן די דאָזיקע ווירקלעכקייט גלייך אין פנים אַריין. דאָס איז פאַר אונז אויך פאַרבונדן מיט קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, וועלכע מיר מוזן מיט אַלע כוחות גובר זיין. קודם־כל — די שפּראַכלעכע שוועריקייטן. פריער איז אידיש געווען די „אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך" פון אונזער באַוועגונג כמעט אין אַלע לענדער. אויף וויפיל מען האָט זיך באַדאַרפט באַנוצן מיט דער לאַנד־שפּראַך, האָבן עס די חברים אויף די ערטער אַליין געמאַכט. היינט פאָדערן די חברים אין די לענדער פון צענטער אין ארץ־ישראל ליטעראַטור און קאָרעספּאָנדענץ אין אַלע שפּראַכן. אָפּגערעדט פון ענגליש, פאָדערט מען אויך ליטעראַטור, אינפאָרמאַציע און אויפקלערונגס־בריוו אין פראַנצויזיש, שפּאַניש און נאָך אין אַ ריי אַנדערע שפּראַכן. דאַן קומען די געאָגראַפישע ווייטקייטן — די פאַרבינדונג מיט אייראָפּע איז דאָך געווען אַ לייכטערע. עס איז איצט אויך גרעסער געוואָרן די נויטווענדיקייט צו שיקן דירעקטע שליחים פון ארץ־ישראל אין אַלע ערטער. און פאַרשטייט זיך, אַז מען פאָדערט שליחים, וואָס זיינען באַהאַוונט אין די אָרטיקע ענינים און קענען די לאַנד־שפּראַך. מען דאַרף צו דעם אַלעמען האָבן קורח׳ס אוצרות און צענדליקער פּאַסיקע מענטשן, וואָס ווילן זיך אָפּגעבן מיט פּאַרטיי־אַרבעט. און עס פעלן אונז ביידע זאַכן.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן אָנהויבן. דאָס ווערט געטאָן זייער לאַנג־זאַם, צוליב די פריער אויסגערעכנטע און אַנדערע טעמים. מיר פילן אָבער זייער שטאַרק ווי דרינגענדיק די דאָזיקע נויטן זיינען און וויפל מיר זינדיקן כלפּי דער באַוועגונג מיט דערדאָזיקער לאַנגזאַמקייט. לאָמיר זיין גאַנץ אָפנהאַרציק: עס וועלן זעלטן פעלן פּאַסיקע שליחים צו גרויסע אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, פאַר אַ רעפּרעזענטאַטיווער מיסיע אין חוץ־לארץ, עס קומט אָבער אָן בקריעת ים סוף צו פועלן ביי אַ פּאַסיקן חבר

צו פאָרן אין פאַרטיי־שליחות. מען קען דידאַזיקע באַציאונג ענדערן אויב מצד אונזערע פירנדיקע מענטשן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין דער ישראל־רעגירונג וועט זיין אַ גרעסערע מאָס זאָרג פאַר די ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. דעמאָלט וועט אויך זיין מער דיסציפּלין, וואָס קאָן ברענגען נוצן דער באַוועגונג. מען אַנטפּלעקט נישט קיין אַמעריקע ווען מען חזרט איבער וועגן די אַלע נויטן פון דער באַוועגונג. ליידער הערט מען אָבער זעלטן, אויך פון יענע, וואָס רעדן אַ סך וועגן דער נויטווענדיקייט פון ענדערונגען, אַ קאָנקרעטן פאָרשלאַג ווי אַזוי זאָל מען גובר זיין די שוועריקייטן.

עס זיינען נויטיק נייע מענטשן, נייע אַרבעטס־מעטאָדן, אָבער די זאַכן גייען אַ סך לאַנגזאַמער ווי מיר וואָלטן וועלן און ווי עס איז נויטיק. מיר מוזן אויסברייטערן אונזער טעטיקייט אין די קרייזן פון דער אידישער אינטעליגענץ. מיר מוזן שטאַרקער אַריינדרינגען אין די סטודענטישע קרייזן און מיר טאָרן אויך נישט פאַרנאַכלעסיקן אונזער אַרבעט צווישן דעם סתם־אידן. די סאָציאַלע באַזע דינט נישט מער אַלס קען־צייכן פון דער פּעריפעריע, אויף וועלכער מיר דאַרפן זיך אָנשפּאַרן אין חוץ־לארץ. די סאָציאַלע אונטערשיידן צווישן די אידישע פאַרטייען זיינען דאָרטן אין אַ גרויסער מאָס פאַרשוואונדן. עס ברענגט דעריבער נאָר שאָדן דער באַוועגונג ווען איינער רעדט וועגן אונזער יש מיט ביטול, ווען מען מאַכט אַוועק מיט דער האַנט אונזערע אַרבעטס־מעטאָדן און אפילו דאָס וואָס מיר האָבן פריער באַטראַכט אַלס אונזער אידעאישע באַזע. וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט ביז אַהער האָט פונדעסטוועגן עפּעס אויפגעטאָן און צו עפּעס דערפירט. איז צוועקמעסיקער צו לערנען דעם נייעם דור, וואָס דאַרף איבערנעמען די באַוועגונג, און וואָס איז ליידער נאָך נישטאָ אין דער פּולער, נויטיקער מאָס, — לערנען אים רעספּעקט און אָנערקענונג צו די דערגרייכונגען און אידעאישע ווערטן פון דער באַוועגונג ביז אַהער. לאָמיר זיי לערנען זען אין דער פאַרטיי דעם וויכטיקסטן געזעלשאַפטלעכן כוח; לאָמיר זיי לערנען פאַנאַטישע ליבע און גרעניצלאָזע קרבנות־גרייטקייט פאַר דער באַוועגונג, איינגעשאַפטן, וואָס זיי האָבן ביים באַגינען פון דער באַוועגונג באַגלייט אונזערע מענטשן און אונז דערפירט ביז אַהער.

אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון דער באַוועגונג דאַרפן צוגעפּאַסט ווערן צו אונזער היינטצייטיקער ווירקלעכקייט. מיר זיינען איצט געבענטשט מיט אַ גרויסער לעבעדיקער און אַקטיווער פּרויען־אָרגאַניזאַציע אין צפון־אַמעריקע. פאַראַן אַן אָרט פאַר ענלעכע פּרויען־

אָרגאַניזאַציעס אין די מערסטע לענדער.* פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי דאַרפֿן איינגעפּאַסט ווערן אין די ראַמען פֿון דער פּאַרטיי, אָבער מיט אַ באַשטימטער מאָס אויטאָנאָמיע אין זייערע ספּעציפֿישע אַקטיוויטעטן. די פּרויעןאָרגאַניזאַציעס זיינען אַ גאָר וויכטיקער נייער צווייג אין אונזער באַוועגונג און מען טאָר אים נישט פֿאַרנאַכלעסיקן און נישט צוימען. דער גרויסער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד אין צפֿון־אַמעריקע, דאַרף אויך אָרגאַניזאַציאָנעל און אָפֿיציעל זיין אַ טייל פֿון אונזער פֿאַרייניקטער באַוועגונג, מיט אויטאָנאָמיע פֿאַר זיין באַזונדערער אַרבעט. מיר דאַרפֿן אויך טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט פֿון שאַפֿן סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס אין ראַמען פֿון דער פּאַרטיי. לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אַז אין צפֿון־אַמעריקע אַליין לערנען מער ווי הונדערט טויזנט אידישע סטודענטן אין די אוניווערזיטעטן און זיי וועלן אין דער נאָענטער צוקונפֿט באַשטימען אין אַ גרויסער מאָס דעם כאַראַקטער פֿון אידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין חוץ־לארץ.

איין זאַך איז קלאָר, און האָפֿנטלעך זיינען אַלע חברים איבערצייגט דערינען: די שטאַרקונג פֿון אונזערע פּאַרטייען איז איצט אַ דרינגענדיקער געבאָט, וואָס מוז שטיין אויפֿן ערשטן אָרט פֿון אונזערע זאָרגן און אָנשטרענגונגען.

(אויגוסט, 1949)

* זינט דעמאָלט זיינען טאָקע געגרינדעט געוואָרן פּרויען פּיאָנערן אָרגאַניזאַציעס אין אַ גאַנצער ריי לענדער און זיי פֿאַרנעמען אַ וויכטיקן אָרט אין דער באַוועגונג.

וועגן צו באַנייאונג

א.

די השפעה פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ איז נישט געוואַקסן נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל. מיר זיינען אפילו עדות פון אַ פאַרקערטער דערשיינונג און דאָס איז נוגע נישט נאָר אַ באַשטימטן טייל פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. אַלע אירע טיילן, ווער מער ווער ווייניקער, פילן, אַז די פּאָזיציע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף דער אידישער גאַס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. און דאָס איז אויך ליידער אמת בנוגע אונזער באַוועגונג — די פאַרטייען פון איחוד עולמי פועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות אין חוץ־לארץ.

עס האָט זיך געשאַפן אַ באמת פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע אין דער אַל־וועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג. צוזאַמען מיט דער אויפריכטיקער התלהבות און דער טיפער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, וואָס דער אויפקום פון דער מדינת ישראל האָט אַרויסגערופן ביי די אידן אין חוץ־לארץ — איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די גלייכגילטיקייט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג. מער פון אַלעמען האָבן דערפון געליטן די אַלגעמיין־ציוניסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן אינם לעצטן יאָר פאַרלוירן אַרום אַ דריטל פון זייערע אָרגאַניזירטע מיטגלידער, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַזוי שנעל געוואַקסן אין די לעצטע יאָרן. דער פאַקט, וואָס אין דער זעלבער צייט האָט אונזער פאַרטיי אין צפון אַמעריקע צובאַקומען אַ סך נייע חברים, קען נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ באַווייז, אַז עס איז שטאַרקער געוואָרן די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַלגעמיין, און נאָך ווייניקער אַלס אַ קאָמפּענ־סאַציע פאַר דעם מאַסן־פאַרלוסט אין די רייען פון די אַלגעמיין־ציוניסטן — די גרעסטע ציוניסטישע פאַרטיי אין אַמעריקע.

עס איז נישט די כוונה פון דעם שרייבער פון די שורות צו אַנאַליזירן די סיבות פון דערדאָזיקער אַנטוויקלונג, וועלכע איז אויך פאַר אים געקומען אומדערוואַרט. מיר קענען נאָר אָנווייזן אויף אייניקע חסרונות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן בלי ספק מיטגעווירקט זי אָפּ־צושוואַכן גראָד נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל.

ב.

דעם ערשטן אָרט אין דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס — און ביי זייערע בעסטע עסקנים — האָבן תמיד פאַרנומען די פּאָליטישע פראַגן. מיר האָבן דאָס גוט געזען אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן. נישט־פּאָליטישע פראַגן, אפילו גאָר וויכטיקע, האָבן נישט אַרויסגערופן קיין גרויסן אינטערעס, און אין די לאַנד־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי אפילו נישט זוכה געווען ערנסט צו באַהאַנדלט ווערן. עס איז נישט דערצויגן געוואָרן אַ ציוניסטישער דור וועלכער זאָל זיין אַריינגעטאָן אין זיי בלב ונפש, פאַרשטייענדיק זייער וויכטיקע באַדייטונג פאַר אונזער ווערק. און דעריבער האָט פּאַסירט דאָס וואָס עס האָט נישט געמוזט פּאַסירן: מיטן אויפקום פון מדינת ישראל און מיטן איבערטראָגן די פּאָליטישע טעטיקייט פון רשות פון די ציוניסטישע אינסטאַנצן צום רשות פון מדינת ישראל — האָט זיך געבילדעט אַ מין פוסטער חלל ביי דער אָנפירערשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ביי אירע מיטגלידער. ביי די מאַסן האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז אין גרונט אין שוין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נישט געבליבן וואָס צו טאָן. דער ציל איז דאָך שוין דערגרייכט געוואָרן. ביי אַ טייל מנהיגים איז משמע געקומען אַ מין געפיל פון פאַרדרוס, וואָס זיי זיינען פּלוצים אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ זייט, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויפגעטאָן וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן און זיינען יאָרנלאַנג געווען די פאַרשטייער פון דעם מדינה־געדאַנק — פון דעם אידנשטאַט אונטערוועגס.

ווען די פירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און די ציוניסטישע פעדעראַציעס אין די לענדער וואָלטן באַלד מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה, צוגעטראָטן מיט דער נויטיקער ענערגיע און מיטן גאַנצן שוואונג צו אַ פאַרשטאַרקטער טעטיקייט אויף אַנדערע ציוניסטישע אַרבעטס־געביטן, — וואָלטן זיי געוויס גובר געווען, ווייניקסטנס אין אַ געוויסער מאָס, די שוועריקייטן פון דער איבערגאַנגס־תקופה. אָט די אַנדערע געביטן זיינען דאָך פאַרן קיום פון ציוניזם און פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דער מדינה נישט ווייניקער לעבנסוויכטיק ווי די פּאָליטישע טעטיקייט. עס פעלן דאָך נישט קיין דרינגענדיקע אויפגאַבן — אויסער די טעטיקייט פון די פאָנדן — וועלכע האָבן אַן אַנטשיידענע באַדייטונג פאַר דער געשטאַלטונג פון אונזער צוקונפט.

צווישן די דאָזיקע טעטיקייטס־געביטן דאַרף קודם־כל דערמאָנט ווערן די נאַציאָנאַלע דערציאונגס־טעטיקייט אין חוץ־לארץ, וועלכע וואַרט אויף

אירע גואלים נישט וויניקער ווי די וויסטענישן אין אונזער לאַנד. ציוניסטישע און נאַציאָנאַלע דערציאונג — דידאָזיקע פעסטונג פאַר דעם גייסט פון אונזער פאָלק און אונזערע נאַציאָנאַלע ווערטן אין גלות — האָט פאַרדינט צו פאַרנעמען דעם ערשטן אָרט אין דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. גרינדן שולן, גרינדן קולטור־אינסטיטוציעס פאַר יוגנט און דערוואַקסענע, פאַרשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך צווישן די פאָלקס־מאַסן — עס איז נישטאָ קיין בעסערער מיטל אויף צו פאַרלייכטערן דאָס איינוואָרצלען זיך אין לאַנד פון די צוקונפטיקע עולים און אויף צו שאַפן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט און אַ קעגנזייטיקע השפעה צווישן חוץ־לארץ און דעם ישוב (ווער ווייסט וויפיל שוועריקייטן מיר וואָלטן פאַרשפּאָרט סיי די נייע עולים סיי אונזער יונגער מדינה, ווען מיר וואָלטן געטאָן אויף דעם געביט אין חוץ־לארץ אַלץ וואָס איז געווען נויטיק און מעגלעך צו טאָן). דאָס איז אַן אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ; דאָס קען קיין איינצלנע פאַרטיי נישט נעמען אויף זיך. דאָס קען נישט פאַרווירקלעכן אפילו אַ גאַנצער אידישער קיבוץ מיט די אייגענע כוחות, אַ חוץ אפשר דער אידישער קיבוץ אין די פאַרייניקטע שטאַטן. נאָר אַ אידישע וועלט־באַוועגונג — און דאָס קען בלויז זיין די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע — איז בכוח, מיט דער הילף פון אידישן ישוב אין דער מדינה, אויפצוהויבן אַזאַ לאַסט.

נישט וויניקער ווי די ציוניסטישע דערציאונג אין חוץ־לארץ, האָט אַ חלוצישע מאַסן־באַוועגונג מיט אַ ברייטער נעץ הכשרה־פּונקטן, געקענט געבן דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ לעבעדיקן אינהאַלט, הויבן איר פּרעסטיזש און זי ממשות׳דיק באַטייליקן אין דעם ברוינזנדיקן לעבן פון דער מדינה. אָט דאָס אַלץ — ציוניסטישע דערציאונג, אַ גרויסע חלוצישע באַוועגונג און עליה־גרייטקייט ווי די פליכט פון יעדן ציוניסט — דאָס איז דער לעבנס־זאַפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָן דעם האָט זי נישט קיין פעסטן באַזיס אונטער די פיס, אָן דעם איז זי בכלל נישט מסוגל צו פאַרשטאַרקן איר השפעה אויף די פאָלקס־מאַסן. און דוקא אין די דאָזיקע שטחים איז פיל פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. נאָך מער, אין אַ לאַנד, וואָס באַזיצט דעם גרעסטן אידישן קיבוץ פירט זיך אַ וויכוח צווישן אַ גרויסן טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צי די דאָזיקע טעטיקייטן דאַרפן בכלל אַריינגיין אין דעם אויפגאַבן־קרייז פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיקער טייל, נישט נאָר וואָס ער האָט נאָך נישט באַגריפן, אַז זיין אַ ציוניסט מיינט גרייט זיין צו עליה, נאָר ער זאָגט אפילו

אָפּן אַרױס ספקות, צי די עליה פון די דאָרטיקע אידן קײן ארץ־ישׂראל איז טאַקע אײנע פון די הױפּט־אױפגאַבן פון דער אָרטיקער ציוניסטישער באַװעגונג.

אַן אַנדער געביט, װעלכער פאַרדינט ערנסטע אױפמערקזאַמקײט מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ, איז די אָרטיקע אידישע געזעלשאַפטלעכקײט, אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען, אירע בױען, אירע לאָקאַלע קאָנסטרוקטיװע װערק און אינסטיטוציעס. מיר האַלטן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אױך מחױיב צו זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָלן געשאַפן װערן אידישע קהלות, דאָרטן װאו זײ זײַנען נאָך נישט פאַראַן. יעדנפאַלס, קענען די אָרטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס נישט זײַן גלײַכגילטיק צו די ענינים פון דער אָרטיקער אידישער געזעלשאַפטלעכקײט, װײַל עס איז נישט פאַראַן קײן אַנדערער כוח װעלכער זאָל זאָרגן פאַר די אָרטיקע אידישע ענינים אין גײַסט פון נאַציאָנאַלער אחריות.

ג

בײַ פאַרשײדענע געלעגנהײטן איז שױן געזאָגט געװאָרן, אַז די איצטיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרם אין דעם רוב לענדער איז נישט מסוגל צו שטאַרקן דעם כוח און צו פאַרגרעסערן די אַקציע־פעאיקײט פון די ציוניס־טישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. פאַקטיש איז די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַני־זאַציע נישט מער װי אַ בעסער אָדער ערגער פונקציאָנירנדע ביוראָ, אָן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די אידישע מאַסן. האָט דעריבער די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע נישט קײן מעגלעכקײט און נישט קײן אױסזיכט אױף אַן עפעקטיװער און ברײטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײט. דאָס װײסן גוט אַלע ציוניסטשע פאַרטײען, און פונדעסטװעגן װאַרפן זײ כמעט אַלע אַפּ — אַלגעמײן־ציוניסטן, מזרחי, מפ״מ, די רעװיזיאָניסטן — יעדן פאָרשלאַג, װעלכער צילט אױסצובעסערן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרם, דורך געבן יעדן אידן די מעגלעכקײט זיך אָנצושליסן אין דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זיך באַטײליקן אין די װאַלן פון איר לײטונג.

גאָר משונהדיק איז די קעגנערשאַפט פון די אַלגעמײן־ציוניסטן צו װעלכע עס איז אױסבעסערונגען. זײ, װעלכע באַקלאָגן זיך אַזױ שטאַרק אױף דער אַזױגערופענער פאַרטײען־הערשאַפט אין ציוניזם, טוען אַלץ כדי נישט צו דערמעגלעכן אַ אידן זיך אָנצושליסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, אױב ער אידענטיפיצירט זיך נישט מיט אַ געװיסער פאַרטײ!

צום באַדױערן האָט אױך די ציוניסטישע עקזעקוטיװע נישט געשענקט

געגנוג אויפמערקזאַמקייט דער דאָזיקער פראַגע. זי האָט נישט דערמוטיקט די כוחות, וועלכע האָבן געזען אין דער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דעם פאַסיקן מיטל צו פאַרשטאַרקן די אָרטיקע ציוניסטישע באַוועגונג, צו פאַרגרעסערן איר השפעה און אַקציע־פעאיקייט.

ד

אין דער לעצטער צייט הערט מען פון געוויסע קרייזן די טענה, אַז אין אַ סך פון די שוועריקייטן, מיט וועלכע עס ראַנגלט זיך איצט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, איז שולדיק די ישראל־רעגירונג, אָדער ווייניקסטנס אַ טייל פון אירע מיטגלידער. מיר האָבן נישט בדעה דאָ צו פאַרטיידיקן יעדע זאַך וואָס איז געטאָן אָדער נישט געטאָן געוואָרן דורך דער רעגירונג אויפן געביט פון אירע באַציאונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס מוז אָבער פעסטגעשטעלט ווערן, אַז דידאָזיקע אַלגעמיינע מיינונג איז נאַריש און גרונטלאָז. פאַראינטערעסירט צו פאַרשפּרייטן דידאָזיקע שמועות זיינען קודם־כל די פאַרטייען, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער קאָאַליציע פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און זיינען נישט באַטייליקט אין דער רעגירונגס־קאָאַליציע פון דער מדינת ישראל. אויב אויך אַנדערע קרייזן, וועלכע האָבן נישט דוקא אַזעלכע פאַרטייאישע חשבונות, לאָזן זיך מיטרייסן אין דעם כאָר, איז עס צוליב דעם, וואָס זיי גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון וואָס פאַר אַ גרויסן שאָדן זיי ברענגען דערמיט דעם ציוניזם. עס איז אַ פאַקט, אַז די מדינת ישראל און איר רעגירונג האָבן פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן אין לאַנד און אין חוץ־לארץ אַן אומפאַרגלייכבאַר גרעסערע צוציאונגס־קראַפט ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און איר לייטונג. ווער עס איגנאָרירט דעם דאָזיקן פאַקט אָדער איז פאַרביטערט צוליב אים, איז געזעלשאַפטלעך בלינד און הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס עס קומט פאַר אין אידישן האַרצן אין חוץ־לארץ. אָנשטאָט אַרויסצוווייזן פאַרשטענדעניש פאַר דער דאָזיקער ענדערונג און צו זוכן באַצייטנס אַ וועג צונויפצוגיסןביידע פאַקטאָרן — די אויטאָריטעט פון דער מדינה און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — איז צו דער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט סוף אויגוסט 1948, געבראַכט געוואָרן דער פאָרשלאָג פון „פונאַנדערטיילונג״. די מיטגלידער פון דער רעגירונג — אַ חוץ חבר אליעזר קאַפּלאַן — זיינען דערוויטערט געוואָרן פון דער ציוניסטישער לייטונג. עס איז אַ גרויסער ספק צי די עקזעקוטיוו־מיטגלידער, וועלכע האָבן פאַרנומען זייער אָרט, קענען — מיט דער גאַנצער אַכטונג צו זיי —

פאַרבייטן זייערע פאָרגעגנער, אויך פון שטאַנדפּונקט פון זייער אויטאָריטעט אין פאָלק. מען האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אַפילו די נאָמינאַלע אָנגעהעריקייט פון די רעגירונגס־מיטגלידער צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, אפילו ווען די פּראַקטישע אַרבעט וועט ליגן אין אַנדערע הענט, איז בכוח צו הויבן דעם פּרעסטיזש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די אויגן פון פאָלק אין חוץ־לארץ.

פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך די רעגירונג באַגאַנגען אַ פעלער דערמיט, וואָס זי האָט ביז היינט נאָך נישט געפונען אַ וועג צו געבן דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ באַשטימטן סטאַטוס לגבי דער מדינה. אַ סטאַטוס, וועלכער זאָל געבן די אידן אין חוץ־לארץ אַ געפיל פון ממשותדיקער באַטייליקונג אינם פּראָצעס פון אויפריכטן די מדינה. דאָס מיינט נישט, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס דאַרף באַהאַנדלען פראַגן, וועלכע גייען אַריין אין די קאָמפּעטענצן פון דער כנסת. די אידן אין גלות האָבן כלל נישט אַזעלכע פּרעטענזיעס. עס איז אָבער נישט גענוג פעסטצושטעלן נאָר אָט די נעגאַטיווע זייט; עס איז נויטיק אַ פּאָזיטיווע דעפיניציע. די עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אַ לעבנסנויטווענדיקייט פאַר דער מדינת ישראל און די מדינה איז מחויב צו טאָן אַלץ וואָס זי קען כדי צו שטאַרקן די השפעה און די אַקציע־פעאיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צווישן די אידן אין חוץ־לארץ.

אין די אויגן פון די אידן אין חוץ־לארץ זיינען איצט די רעפּרעזענטאַנטן פון ציוניסטישן געדאַנק בעיקר די שליחים פון דער מדינת ישראל. קיין שום פאָרמעלע מאָטיוון וועלן נישט ענדערן דעם דאָזיקן געפיל. די אידן האָבן ליב די מדינה און אַלע זייערע געפילן פון ליבע און אַכטונג צו ארץ־ישראל שענקען זיי די מענטשן, וועלכע קומען קיין חוץ־לארץ אין נאָמען פון דער מדינה. עס איז צו באַדויערן וואָס די רעגירונגס־אינסטאַנצן רעכענען זיך נישט תמיד דערמיט ביים אויסוויילן די מענטשן, וועלכע דאַרפן גיין אין חוץ־לארץ אין שליחות פון דער מדינה אָדער פון אירע אַמטן. פאַרשטייט זיך, אַז אַ שליח פון דער מדינה דאַרף קודם־כל זיין צוגעפּאַסט צו דער אויפגאַבע וואָס ער דאַרף דערפילן. אָבער אין אונזער לאַגע איז דאָס נישט גענוג. די לאַגע פון אונזער מדינה איז דאָך נישט די זעלבע ווי פון אַנדערע מדינות, פּונקט ווי די לאַגע פון אונזער פאָלק איז נישט צו פאַרגלייכן מיט דער לאַגע פון אַנדערע פעלקער. די שליחים פון אונזער מדינה דאַרפן, אַ חוץ דער ספּעציפישער צוגרייטונג צו זייער אויפגאַבע, באַזיצן אויך די ציוניסטישע צוגרייטונג און איבערגעגעבנקייט, אַ

ציוניסטיש האָרץ און די פּעאיקייט און דעם ווילן פון ציוניסטישער אויפֿ־קלערונג. און עס איז נישט קיין סוד, אַז אַ סך שליחים פון דער מדינה זיינען נישט געבענטשט געוואָרן מיט די דאָזיקע אייגנשאַפטן. אַ טייל פון זיי ווייזן אָפּטמאָל אַרויס אַ גדלותדיקע באַציאונג צו די אָרטיקע וועטעראַנען און טרייע טוער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַ מאַנגל אין פֿאַר־שטענדעניש פֿאַר דער וויכטיקייט פון דער אָרטיקער ציוניסטישער טעטי־קייט. נישט ווייניק פון דער צעמישונג און פרעסטיזש־פֿאַרלוסט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג דאַרף אַרויפגעשריבן ווערן אויפן חשבון פון די דאָזיקע אומשטענדן.

*

דער גורל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ איז אומצערייסבאַר פֿאַרבונדן מיט דער פּאָזיציע וואָס עס פֿאַרנעמט אין איר אונזער אייגענע באַוועגונג. אַ פֿאַרבאַדינג פֿאַר דער געזונטמאַכן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ איז — געזונט־מאַכן און באַפעסטיקן אונזער אייגענע באַוועגונג. די אָפּשוואַכונג פון אונזער פּאָזיציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, וועט מיט זיך ברענגען אַ פֿאַר־שטאַרקונג פון דעם געדאַנקען־גאַנג, וועלכער שטרעבט צו קאָנסטרואירן קעגנזעצלעכקייטן צווישן דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ און דער מדינת ישראל. מען קען גאָר נישט גענוג וואָרענען פֿאַר אַזאַ געפֿאַר און קעגן יענע, וועלכע פּרוּוון עס טאָן.

(דעצעמבער 1949)

מיר מוזן זיין אַ באַוועגונג וואָס פאַרווירקלעכט *

...בדיעבד איז טאַקע גוט אַז מיר זאָלן אָנהויבן אונזער באַראַטונג מיט די ענינים פון אונזער באַוועגונג גופא. איך בין איבערצייגט אַז די אַנדערע ענינים זיינען אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיט דער לאַגע אין וועלכער עס געפינט זיך אונזער באַוועגונג. אַ ריי „אַלגעמיינע" פּראָבלעמען וועלן נישט געלייזט ווערן כל זמן מיר וועלן נישט געפינען קיין לייזונג פאַר די דרינגענדיקע פּראָבלעמען פון אונזער אייגענער באַוועגונג.

דער קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג ווי אויך אין אונזער אייגענער באַוועגונג איז איצט אַן אַקטועלע טעמע. איך וויל די זאַך כלל נישט באַגאַטעליזירן. עס איז קלאָר אַז מיר מאַכן אַדורך אַ קריזיס, אָדער, ריכטיקער, אַז מיר געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון אַ געוויסער פאַר־ווירונג. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז דער כוח פון אונזער באַוועגונג איז געפאַלן אין אַ מאָס וואָס קען אַרויסרופן זאָרג, אין פאַרגלייך מיט איר כוח פון דריי־פיר יאָר צוריק; דאָס הייסט נישט, אַז אונז איז עפּעס געשען וואָס מיר האָבן נישט פאָרויסגעזען. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך קלאָר, אַז די לאַגע פון אונזער באַוועגונג איז נישט קיין „נאָרמאַלע". אין מיין איבערזיכט וויל איך פּרובירן געבן אַ באַגריף וועגן דער לאַגע פון אונזער באַוועגונג אין איצטיקן מאָמענט, וועגן די שוועריקייטן און וועגן אויסוועג, אַזוי ווי איך זע זיי.

מען קען נישט זאָגן, אַז אונזער באַוועגונג איז צאָלמעסיק קלענער געוואָרן, הגם די צאָל פון אונזערע חברים אין אייראָפּע איז איצט קלענער ווי מיט דריי פיר יאָר צוריק (דאָ רעדט זיך נישט וועגן די יאָרן פון פאַר דער מלחמה). דאָס איז אַ נאַטירלעכער פועל יוצא פון דעם פאַקט, וואָס אין אייניקע אייראָפּעאישע לענדער האָבן זיך אונזערע פּאַרטייען ליקווידירט, אָדער כמעט ליקווידירט, ווייל די חברים האָבן עולה געווען. זיי זיינען איצט אין דער מפלגת פועלי א"י (פון אירע 67 טויזנט חברים זיינען אַרום 40% נייע עולים). מיר האָבן למשל, געהאַט אַ שטאַרקע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד,

---

* אויף אַ זיצונג פון איחוד עולמי, יאַנואַר 1950.

האָבן מיר באַשלאָסן זי צו ליקווידירן; די מערסטע חברים זיינען עולה געווען. היינט זיינען דאָרטן געבליבן בלויז ווייניקע אָרגאַניזירטע ציוניסטן און צווישן זיי בערך צוויי־דריי הונדערט אונזערע חברים — הגם דאָרטן לעבן נאָך העכער 30 טויזנט אידן. דאָס זעלבע איז געשען אין עסטרייך. אַ גרויסער טייל פֿון די דאָרטיקע חברים זיינען עולה געווען. עס זיינען, אמת, אָנגעקומען אַהין נייע קרייזן און מען זאָגט, אַז אין ווין אַליין געפֿינען זיך איצט אַרום פערצן־פופצן טויזנט אידן, פּליטים פֿון אונגאַרן און פֿון אַנדערע לענדער. אָבער דער קערן פֿון דער באַוועגונג איז דאָרטן היינט אַ סך קלענער ווי פֿריער. דער עלעמענט וואָס איז איצט ביי אַהין געקומען— אידן וועמען עס איז געלונגען צו פֿאַרלאָזן אונגאַרן און צו דערגרייכן ווין — באַשטייט שוין נישט אין אַ גרויסער מאָס פֿון חברים פֿון אונזער באַוועגונג און פֿון אַנדערע באַוועגונגען, אַזוי ווי דאָס איז געווען פֿריער. און הגם עס עקזיסטירט אַ באַוועגונג אין ווין און עס דערשיינט אונזערע אַ צייטונג (אין דער דייטשער שפּראַך) — אַ גאַנץ גוטע און פֿאַרשפּרייטע צייטונג — קען מען פֿונדעסטוועגן נישט רעדן וועגן אַ באַוועגונג מיט אַ גרויסן פֿאַרנעם, ווי מיט דריי־פיר יאָר צוריק, ווען דאָרטן האָבן נאָך עקזיס־טירט די לאַגערן פֿון דער שארית הפליטה.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן טשעכאָסלאָוואַקיע. אויך פֿון דאָרטן האָבן די מערסטע חברים עולה געווען. אָבער דאָרטן איז געבליבן אַ גאַנץ באַדייטנדער פּאַרטיי־קערן. די פּאַרטיי אין סלאָוואַקיע עקזיסטירט ווייטער לעגאַל. אין אַ ריי ערטער זיינען פֿאַראַן פּאַרטיי־סניפים, עס ווערן אַרויס־געגעבן ביולעטינען און פֿון צייט צו צייט קומען אויך פֿאָר פֿאַרזאַמלונגען. סך־הכל לעבן איצט אין טשעכאָסלאָוואַקיע אַרום 17 טויזנט אידן, די מערסטע אין דער סלאָוואַקיע.

אַן ענלעכע לאַגע האָבן מיר אין פּוילן. דאָרטן האָבן מיר געהאַט מיט אַ צוויי־דריי יאָר צוריק אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט געציילט 3.000 אָרגאַני־זירטע חברים; זי האָט אַרויסגעגעבן אַ גוטע צייטונג, מיט אַ זעלבשטענ־דיקן כאַראַקטער, מיט ציוניסטישן מוט. איצט איז אַלץ אין אַ צושטאַנד פֿון ליקווידאַציע. געוויס האָט איר געלייענט אין דער פּרעסע, אַז אַלע אונזערע חששות, טאָמער וועלן נישט זיין געגבוג אידן זיך צו פֿאַרשרייבן אויף עליה, האָבן זיך נישט באַרעכטיקט און ביז היינט האָבן זיך שוין פֿאַרשריבן העכער 30 טויזנט; בלויז פֿון אונטער־שלעזיע האָבן זיך פֿאַר־שריבן אַרום 18 טויזנט קאַנדידאַטן אויף עליה, בעת די מאַקסימאַלסטע ציפֿער, וואָס מיר האָבן דערוואַרט, איז געווען 30 טויזנט. אונזערע חברים

זיינען, פֿאַרשטייט זיך, די ערשטע אין די באַמיאונגען עולה צו זיין, און מיר האָפֿן בקרוב זיי אַלעמען צו זען צווישן אונז.

איך וועל דאָ נישט ריידן וועגן רומעניע און אונגאַרן. דאָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך. צווישן אונז געפֿינט זיך אַן אַקטיווע חברה, וועלכע איז אַרויס פֿון בוקאַרעשט ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק און אינעם פֿאַרלויף פֿון דער זיצונג וועט זי האָבן די געלעגנהייט צו דערציילן וועגן דער לאַגע פֿון אונזער באַוועגונג דאָרטן.

וואָס שייך אונזער באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע, קען איך נישט זאָגן, אַז מיר האָבן זיך דאָרטן פֿאַרשטאַרקט, הגם די באַדינגונגען זיינען דאָרטן גינסטיקע. די לאַגע אין ענגלאַנד איז געבליבן סטאַטיש. מיר האָבן געהאַט און האָבן דאָרטן אַ גוטע און אַקטיווע פּאַרטיי, מיט אַ גאַנץ ברייטער טעטיקייט, זי גיט אַרויס שוין העכער אַ יאָר אַ צוויי־וואָכנשריפֿט אין ענגליש, וועלכע האָט אַ גוטע פֿאַרשפּרייטונג. אין דער לעצטער צייט איז באַנייט געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט דער לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד, וועלכער איז געווען כמעט איבערגעריסן זינט 1946/47, ווען די לייבאָר־פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן דורכצופֿירן איר אַנטי־עליה פּאָליטיק. אונזערע חברים האָבן איצט באַשלאָסן צו שטיצן די לייבאָר־קאַנדידאַטן ביי די נאָענטע וואַלן צום ענגלישן פּאַרלאַמענט. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס איז נאָך פֿאַראַן אין ענגלאַנד אַ ברייט טעטיקייטס־פֿעלד און גרויסע מעגלעכקייטן צוצוציען נאָך ברייטע קרייזן, אויב מיר וועלן אַרבעטן רעגולער און סיסטעמאַטיש. עס זיינען נויטיק שליחים פֿון לאַנד און אונז איז מיט גרויסע שוועריקייטן געלונגען די לעצטע צייט צו שיקן אַהינצו קוים איין שליח.

דאָס וואָס איך האָב געזאָגט וועגן דער לאַגע אין ענגלאַנד איז נישט חל אויף די איבעריקע לענדער אין מערב־אייראָפּע, און באַזונדערס אויף פֿראַנקרייך, בעלגיע און שווייץ, הגם דאָ און דאָרטן רירט זיך עפּעס פֿון צייט צו צייט. די גרעסטע אַנטוישונג אין אונזער אַרבעט האָבן מיר געליטן אין פֿראַנקרייך, וואו מיר האָבן די לעצטע יאָרן אַריינגעלייגט נישט ווייניק כוחות און מיטלען. אויך היינט געפֿינען זיך דאָרטן צוויי ספּעציעלע שליחים פֿון איחוד עולמי, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער רעדאַקציע פֿון דער טאָג־ציישונג און אינעם סעקרעטאַריאַט פֿון דער פּאַרטיי און פּרובירן טאָן אַלץ וואָס זיי קענען, כדי די לאַגע צו פֿאַרבעסערן. אָבער דאָס גייט זייער לאַנגזאַם און מיט גרויסע שוועריקייטן. עס איז פֿונדעסטוועגן מעגלעך, אַז מיר וועלן מצליח זיין, הגם די דערפֿאַרונג פֿון די לעצטע יאָרן קען מייאש זיין. אויב מיר וועלן פֿאַרגלייכן די אַנשטרענגונגען און די מיטלען וואָס מיר

האָבן אַריינגעלייגט אין פראַנקרייך — מיט די דערגרייכטע רעזולטאַטן — איז נישט צו זען קיין פאָרשריט. אונטער די היינטיקע באַדינגונגען באַשטי־מען פראַנקרייך, און באַזונדערס פּאַריז, דעם כאַראַקטער פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אייראָפּע. דער איינציקער ממשותדיק פּאָזיטיווער אויפטו דאָרטן איז אונזער טאָג־צייטונג „אונזער וואָרט", וועלכע דערשיינט — הגם מיט גרויסע שוועריקייטן — שוין עטלעכע יאָר אָן אַן איבעררייס, און אייניקע אינסטיטוציעס וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן מיט דער איניציאַטיוו פון אונזערע חברים און אין וועלכע אונזערע חברים זיינען טעטיק. מיר העלפן די אָרטיקע חברים אויף וויפיל מיר קענען. אָבער פון אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט האָבן מיר זייער ווייניק פּראָגרעסירט — און עס האָט נישט געמוזט זיין דוקא אַזוי.

אין בעלגיע איז אַ געוויסע צייט געווען אַ באַדויערלעכער איבעררייס אין דער גוטער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי אין די יאָרן 1945—1947. איצט איז די אַרבעט באַנייט געוואָרן און מען דאַרף האָפן אַז מיר וועלן בקרוב פילן די רעזולטאַטן פון דער באַנייטער אַקטיווער טעטיקייט. אין שווייץ האָבן מיר נישט באַזונדערס מצליח געווען, הגם דאָרטן איז געזעסן אונזערער אַ ספּעציעלער שליח במשך אַ יאָר צייט. איך וועל מיך נישט אָפּשטעלן אויף די קעמערלעך פון דער באַוועגונג אין שוועדן, דענעמאַרק, האָלאַנד, הגם אויך דאָרטן ווערט געטאָן די פּאַרטיי־אַרבעט. אָט אַזוי זעט אויס די לאַגע אין אייראָפּע.

*

אין דער לעצטער צייט האָבן מיר געשיקט שליחים אין דרום־אַמע־ריקע. דאָרטן לעבט אַ אידישער קיבוץ פון קרוב 600 טויזנט נפשות. די ווייטקייטן זיינען גרויסע און אָרגאַניזירן אַזאַ קיבוץ איז נישט קיין איינפאַ־כע אויפגאַבע. מען דאַרף אָנערקענען, אז אונזערע שליחים איז געלונגען אַ שטופּ צו טאָן די ענינים דאָרטן. אָבער לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז ביז אונזערער אַ שליח הויבט זיך אָן צו אָריענטירן אין די ענינים פון אַ געוויסן לאַנד און הויבט זיך אָן גוט „איינאַרבעטן", גייט כמעט אַוועק די צייט פון זיין שליחות און ער דאַרף זיך שוין אומקערן אין לאַנד. עס איז שווער צו באַפרייען דעם פּאַסיקן מענטשן פון זיין אַרבעט אין לאַנד; דאָס איז אויך נישט לייכט, ווייל דאָס איז פאַרבונדן פאַרן איחוד מיט אַ גרויסער פינאַנציעלער לאַסט. און דאָך לאָזט זיך מערקן אַ פאָרשריט אין דער טעטיקייט פון אונזער באַוועגונג אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער. דרום־אַפריקע פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין דער ציוניסטישער באַ־

װעגונג. צום באַדויערן קען איך נישט זאָגן, אַז דאָרטן איז געמאַכט געוואָרן אַ געגנוגנדיקער פאָרשריט. מיט אייניקע יאָר צוריק איז אונזער באַוועגונג דאָרטן געווען אין אויפשטייג, אָבער נאָכדעם איז געקומען אַ באַדויער־לעכע ירידה. אין דער לעצטער צייט איז ווידער צו מערקן אַ פאָרשריט אין פאַרגלייך צו דער לאַגע פאַראַיאָרן. ווידער דערשיינט די צייטונג פון דער פאַרטיי און עס ווערט פיל געזאָרגט פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעלער שטאַר־קונג פון דער פאַרטיי. אָבער אויב מיר וועלן פאַרגלייכן דעם היינטיקן מצב מיט דעם פון פאַר אייניקע יאָר צוריק, מוז מען קומען צום שלוס, אַז דער פאָרשריט איז נישט קיין צופרידנשטעלנדיקער. אויך אין אויסטראַליע האָבן מיר אַ גוטן פאַרטיי־קערן. אָבער די שטאַרקונג פון אונזער כוח און השפעה אין דיביידע לענדער — דרום־אַפריקע און אויסטראַליע, — איז אָפהענגיק פון די אָנשטרענגונגען, וואָס מיר וועלן קענען דאָרטן אַריינלייגן. מען דאַרף געדענקען, אַז אין די לענדער דאַרף מען שיקן באַזונדערע שליחים, וועלכע באַהערשן די ענגלישע שפּראַך.

אין אויסטראַליע, און בעיקר אין דרום־אַפריקע, קענען מיר פאַרנעמען זייער אַ וויכטיקן אָרט און בילדן דעם אַנטשיידנדיקן כוח אינם עפנטלעכן לעבן פון די אידן אין דידאָזיקע מדינות. אַ געוויסע צייט זיינען מיר געגאַנגען מיט דעם וועג און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר גייען פאָרויס און דערנעענטערן זיך צום ציל. אָבער דערדאָזיקער פּראָצעס האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען טאָר נישט גרינגשעצן די באַדייטונג פון די דאָזיקע ישובים. די אידישע קיבוצים זיינען טאַקע דאָרטן נישט קיין גרויסע, זיי האָבן אָבער אין די היינטיקע טעג אַ גרויסע באַדייטונג אין דער אידישער און ציוניסטישער וועלט.

*

דער שווערפּונקט איז אָבער דאָס פּראָבלעם פון דער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן. וואָס עס זאָל נישט געזאָגט ווערן וועגן אייראָפּע, דרום־אַמעריקע, אַפריקע און אויסטראַליע, איז אָבער קיין ספק נישט, אַז דער שווערפּונקט פון אונזער עקזיסטענץ אַלס וועלט־באַוועגונג און פון אונזער פּאָזיציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, ליגט אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

דאָ דאַרף איך באַצייכענען אַ מאָדנע דערשיינונג. מען קען נישט אָפּלייקענען, אַז צאָלמעסיק זיינען מיר אויסגעוואַקסן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. און ווען איך רייד וועגן דער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן, מיין איך נישט בלויז דעם טייל, וועלכער איז אָרגאַניזירט אין דער פּועלי

ציון אָרגאַניזאַציע. איך מאַך נישט קיין אונטערשייד צווישן „פּועלי ציון" און „פאַרבאַנד", צווישן „פּרויען פּיאָנערן" און „הבונים". לויט מיין מיינונג זיינען זיי אַלע וויכטיקע באַשטאַנד־טיילן פון אונזער באַוועגונג, פון אונזער פּאַרטיי, וואָרים אין פּרט פון אַרבעטער־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע אַזוי ווי אין פּרט פון זייער צוגאַנג צום אידישן לעבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן — זע איך נישט קיין אונטערשייד צווישן זיי. אויב מיר וועלן זיי אַלעמען באַטראַכטן ווי אַן איינהייט, איז קלאָר אַז די צאָל פון אונזערע חברים איז אַ סך גרעסער געוואָרן במשך די לעצטע צוויי יאָר. איך באַזיץ נישט קיינע פּינקטלעכע ציפערן, אָבער עס וועט נישט זיין קיין גוזמא אויב איך וועל זאָגן, אַז אין די פאַרייניקטע שטאַטן זיינען איצט אָרגאַניזירט אין אַלע טיילן פון אונזער באַוועגונג, אַרום 80 טויזנט חברים.

אונטער די אַמעריקאַנישע באַדינגונגען זיינען 80 טויזנט מענטשן, אָרגאַניזירטע אין איין באַוועגונג — אַ גרויסער כוח. אָבער אויף וויפיל איך קען אורטיילן לויט דעם וואָס איך לייען אין צייטונגען און וואָס איך הער וועגן די ענינים אין אַמעריקע, קען איך נישט זאָגן אַז אונזער געזעלשאַפט־לעכער געוויכט איז דאָרטן גרעסער געוואָרן. און מיר דוכט זיך, אַז דערין דאַרף מען זוכן די דערקלערונג פאַרן קריזיס, וואָס אונזער באַוועגונג לעבט דאָרטן איצט אַדורך. מיר האָבן נישט געוואוסט צו אָרגאַניזירן און צו ריכטן די באַוועגונג אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל זיין אַ באַשטימענדיקער און געניג איינפלוסרייכער כוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פון די פאַריי־ניקטע שטאַטן. מיר לייענען טאָג־טעגלעך אין דער פּרעסע וועגן די ענינים פונם ציוניזם אין די פאַרייניקטע שטאַטן, וועגן וועלכע עס פירט זיך אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע און עס ווערן אַרויסגערוקט פּלענער און פאָדערונגען, אָבער דערביי ווערט ווייניק דערמאָנט אונזער אָרטיקע באַוועגונג, אַמאָל פאַרשווייגט מען אפילו די עצם עקזיסטענץ פון אונזער באַוועגונג. אַזוי ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען קיין פאַקטאָר אין אידישן לעבן פון די פאַריי־ניקטע שטאַטן. אפילו דאָ ביי אונז אין לאַנד, ווען מען רעדט וועגן די ענינים פונם ציוניזם אין די פאַרייניקטע שטאַטן, נעמט מען אָפּט גאָר נישט אין אַכט די עקזיסטענץ פון אונזער באַוועגונג דאָרטן. פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן, וועלכע טוען דאָס בכיוון, וועלכע פאַרמינערן אונזער באַדייטונג. איך קען אָבער נישט זאָגן, אַז אַלע טוען דאָס מיט אַ באַשטימטער כוונה. מיר דאַרפן געפינען די אמתע סיבה דערפון.

איינע פון די עיקרדיקע סיבות פון דערדאָזיקער דערשיינונג איז, לויט מיין מיינונג, דאָס וואָס מיר זיינען נישט אין די פאַרייניקטע שטאַטן

קיין אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאַרייניקטער כוח. צוליב דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צעשפּליטערונג פאַרשוועכן מיר אונזערע כוחות — און טיילווייז אויף אינערלעכע וויכוחים אַרום אָרגאַניזאַציע און רעפּרעזענטאַנץ. צוליב דעם האָבן מיר נישט געקענט צוציען צו אונז די אַלע ברייטע קרייזן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, וועלכע מיר וואָלטן געקענט צוציען ווען מיר וואָלטן דאָרטן געווען איין אָרגאַניזירטער פאַרייניקטער כוח. יעדנפאַלס, די אָרגאַניזאַציאָנעלע צעשפּליטערונג דערלויבט אונז נישט עפעקטיוו אויסצונוצן אויך די פאַראַנענע כוחות אין אונזער לאַגער; בשותפותדיק צו פּלאַנירן אונזער טעטיקייט און צו קומען אין נאָמען פון דער פאַראייניקטער מחנה צו די מאַסן אידן און יוגנט, צו דער אידישער אינטעליגענץ און צו דער שטודירנדיקער יוגנט. מיט אַכט חדשים צוריק האָבן מיר דאָ אין ישראל געהאַט אַן ערנסטע און אויסשעפּנדיקע באַראַטונג וועגן דעם ענין, מיטן אַנטייל פון די פירנדיקע חברים פון צפון־אַמעריקע. און מיר זיינען געקומען צו דער מסקנה, אַז די אָרגאַניזאַציאָנעלע צוזאַמענשליסונג איז ממש אַ נויטווענדיקייט. אָבער צום באַדויערן איז אונז נישט געלונגען דאָס דורכצופירן. איך קען נישט זאָגן, אַז מיר אַליין זיינען נישט שולדיק דערין. איך וויל נישט קומען מיט טענות נאָר צו דער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן, הגם מען קען און מען דאַרף קומען צו איר מיט נישט ווייניק טענות און עס וועט אויך זיין נויטיק דאָס צו טאָן. אָבער אין דעם מאָמענט רעדט זיך וועגן די פליכטן, וועלכע ליגן אויף אונז און מען דאַרף מודה זיין, אַז מיר האָבן נישט באַוויזן דורכצופירן די ענדערונגען, וואָס די צייט פאָדערט אַזוי דרינגענדיק. אויך מיר דאָ זיינען נישט גענוג באַזאָרגט צוליב דער סכנה וואָס עס טראָגט אין זיך דער מצב פון אונזער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ שוועריקייט: אונז איז נישט געלונגען צו שאַפן פאַר דער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן דעם נויטיקן טעטיקייטס־פעלד, דעם לעבנס־רוים פאַר אַ באַנייטער, מער פּראָדוקטיווער עקזיסטענץ. מיר האָבן מצליח געווען בלויז אין איין זאַך — אין דער זעלבשטענדיקער פינאַנסיעלער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, פאַר דער הסתדרות, פאַר מועצת הפועלות. אין דערדאָזיקער אַרבעט האָבן מיר געהאַט און מיר האָבן נאָך היינט אַ פיינע הצלחה. אָבער דאָס איז נישט גענוג כדי אויסצובויען אַ פּאָליטישע באַוועגונג, צוציען קרייזן פון אינטעליגענץ און באַזונדערס יוגנט. אונז איז נישט געלונגען צו דערקלערן דעם חבר, דעם יוגנטלעכן, דעם סימפּאַטיקער, וואָס ער דאַרף טאָן אין דער

פאַרטיי. אונז איז נישט געלונגען צו געבן דער פאַרטיי אַ קלאָרע פּראָגראַם פון פּראַקטישער טעטיקייט. שטאַרקן זייער ווילן עולה צו זיין. אונזערע חברים האָבן בדרך־כלל געטאָן דאָס וואָס מען האָט פון זיי געפאָדערט פון ארץ־ישראל און זיי האָבן זיך קודם־כל גערעכנט מיט די פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבן אַוועקגעשטעלט אַלס די דרינגענדיקע און וויכטיקסטע. אין אַ גרויסער מאָס זיינען מיר אַליין שולדיק אין דער געשאַפענער לאַגע; זי איז אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון דער באַציאונג וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן צו דער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן אין משך פון פיל יאָרן.

*

איך וויל בקיצור זאָגן, ווי אַזוי איך זע דעם קריזיס פון אונזער באַוועגונג נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל און דעם וועג אים גובר צו זיין. אַ דאַנק וואָס האָט אונזער באַוועגונג פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג במשך אַ סך יאָרן? מיט וואָס האָבן מיר זוכה געווען צו אַזאַ פּאָזיציע? מיט וואָס פאַר אַ זכות האָבן מיר אַ מאָל אין פוילן געקענט קאָנצענטרירן אַרום אונז אַזאַ גרויסע מחנה? מיט וואָס פאַר אַ זכות איז אונז געלונגען אויך אין אַנדערע לענדער צו קאָנצענטרירן אַרום אונז צענדליקער און הונדערטער טויזנטער? מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ביי די וואַלן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן מיר קאָנצענטרירט אַרום אונז העכער 300 טויזנט חברים און סימפּאַ־טיקער, וועלכע האָבן געשטימט פאַר אונזער רשימה, ד. ה. פאַר אונזער באַוועגונג — כמעט אַ העלפט פון די וואַל־באַטייליקטע בכלל — אַ חוץ די לענדער וואו עס זיינען נישט פאָרגעקומען קיין וואַלן. אין וואָס איז געלעגן אונזער כוח? דער ענטפער איז — אין אונזער ממשותדיקער פּראָגראַם, בעיקר אין דער פּראָגראַם פון פּראַקטישער ארץ־ישראל־אַרבעט. מיר האָבן ממשותדיק דעמאָנסטרירט, אַז פאַר אונז האַנדלט זיך דאָ נישט מכוח סתם ווערטער, נאָר אַז עס איז אונזער באַוועגונג, וועלכע פאַרווירקלעכט די אידעאַלן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם אין לאַנד.

אין דער היינטיקער איז נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונג. מען קען נישט זאָגן, אַז מיר זיינען איצט נישט ביכולת צו דעמאָנסטרירן פאַר דער אידישער וועלט, די גרויסע מעשים פון אונזער באַוועגונג אין ארץ־ישראל. עס וועט נישט זיין קיין גוזמה, אויב מיר וועלן קומען צו די אידן און זיי זאָגן, אַז אַ גרויסן טייל פון דעם וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין לאַנד, ביז און נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה, איז געשען נאָר

אַ דאַנק אונזער באַוועגונג אין לאַנד. אידן אין די תפוצות ווייסן דאָס און זיי באַציען זיך בלי שום ספק מיט פיל אַכטונג און אָנערקענונג. מען קען זאָגן אפילו מיט באַוואונדערונג, צו אונזער באַוועגונג אין לאַנד און צו די מענטשן, וועלכע שטייען בראש פון דער פראַקטישער אַרבעט אין דער מדינה אויף אַלע געביטן.

ווי האָט עס אָבער פּאַסירט, אַז אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ האָט נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה נישט געוואוסט אויסצונוצן דידאָזיקע אַלגעמיינע אָנערקענונג? איך וועל זיך איצט נישט אָפּשטעלן אויף טאַקטישע פעלערן, וועלכע מיר זיינען באַגאַנגען, אָבער אַ פאַקט איז אַז מיר האָבן נישט אויסגענוצט די באַוואונדערונג און די אַלגעמיינע סימפּאַטיע פון פאָלק צו אונזערע מענטשן און צו אונזער באַוועגונג.

אויב עס רעדט זיך פון אַ קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, טאָ ליגט דער שווערפּונקט פונם קריזיס דערין, וואָס אונז איז אַלס באַוועגונג נישט געלונגען צו ברענגען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ אַ פּראַקטישע פּראָגראַם, וועלכע איז צוגעפּאַסט צו דער נייער צייט, און קלאָר צו זאָגן וואָס איז אונזער אויפגאַבע אין דעם מאָמענט. שוין לאַנגע יאָרן פירט זיך אַ וויכוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַרום דער עליה און פאַרשיידענע אַנדערע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דעם טעמפּאָ פון דער ארץ־ישראל־אַרבעט. אַמאָל איז דער דאָזיקער וויכוח נישט געווען אַזוי שאַרף. דעמאָלט, מיט צוואַנציק, דרייסיק אָדער פערציק יאָר צוריק האָט יעדער איד, יעדער ציוניסט נאָך געקענט דערקלערן פאַר זיך אַליין פאַרוואָס ער איז נישט עולה קיין ארץ־ישראל און דידאָזיקע דערקלע־רונגען האָבן זיך ווי עס איז געלייגט אויפן שכל. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אפילו אַ סך געזען אַ משוגעת אין דער עליה קיין ארץ־ישראל און אפילו אַ ציוניסט האָט נישט געזען קיין באַדערפעניש און קיין באַזונ־דערן כבוד דערין. ווייניקע האָבן עולה געווען. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער תקופה צווישן איין וועלט־מלחמה און דער צווייטער, איז אין לאַנד געווען אַ מאַנדאַט־רעזשים, די עליה איז געווען באַגרעניצט דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן, סערטיפיקאַטן זיינען געגעבן געוואָרן אין אַ באַשרענקטער צאָל, און ווידער האָט יעדער געקענט פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין די פראַגע, פאַרוואָס ער איז נישט עולה, דערמיט וואָס עס איז שווער צו באַקומען אַן עליה־דערלויבעניש. איצט זיינען נישטאָ קיין עליה־באַשרענקונגען און יעדער איד קען עולה זיין. קיין ספק נישט, אַז אַ סך ציוניסטן ווייסן היינט נישט ווי צו פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין זייער נישט

עולה זיין און זיי זיינען געצוואונגען צו זוכן תירוצים. זייער ציוניס־טישער געוויסן לאָזט זיי נישט רוען. דאָ שטעקט דער וואָרצל פונם קריזיס און די תירוצים זיינען קינסטלעכע. ווען מען רעדט וועגן אַ קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, פעלט מוט צו זען דעם אמת.

*

וואָס איז די אויפגאַבע פון אונזער באַוועגונג אין אַזעלכע באַדינ־גונגען? — עס איז איר אויפגאַבע אָוועקצושטעלן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג דעם לאָזונג פון דער עליה פון אידן קיין ישראל און אים טראָגן שטאָלץ און אָן דער מורא, אַז אַזאַ לאָזונג איז עלול ווען עס איז צו דערווייטערן פון אונזערע רייען. איך בין נישט אַזוי נאַאיוו צו גלויבן, אַז במשך צוויי־דריי אָדער פיר יאָר וועלן אַלע אידן עולה זיין. איך ווייס אַז ביי די אידן אין די תפוצות ווירקן אויך עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן באַשטימט און באַשטימען אויך היינט זייער באַציאונג צו דער עליה. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די עליה פון פוילן צ. ב., געשטראָמט אין אַ גרעסערן פאַרנעם ווי די עליה פון דייטש־לאַנד, און נישט נאָר וויל מיר האָבן געהאַט אין פוילן אַ בעסערע באַוועגונג, נאָר וויל די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין פוילן, גאַליציע און רומעניע איז געווען ערגער פון דער לאַגע פון די דייטשע אידן. אין אָנהויב פון דער חלוצישער עליה פון דייטשלאַנד האָט אויסגעבראָכן אַ שווערער קריזיס. די ערשטע חלוצים זיינען געקומען פון דייטשלאַנד אין 1923—1924, מיט דער עליה פון „בלאַו־ווייס". אַ טייל פון זיי האָט זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד. דערפון האָט מען געוואָלט שליסן, אַז אָט די אידן זיינען נישט געווען קיין גוטע ציוניסטן. מען האָט געזאָגט: „אָט זיינען אידן געקומען פון רוסלאַנד און האָבן זיך נישט צוריקגעקערט. דאַקעגן די יוגנט וואָס האָט עולה געווען פון דייטשלאַנד קערט זיך אום אין גלות". אויך דעמאָלט האָב איך געזאָגט, אַז די סיבה איז נישט דער גוטער אָדער שלעכטער ציוניזם פון די דייטשע אידן. די אידן פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן עולה געווען, האָבן נישט געקענט זיך אומקערן צוריק אפילו ווען זיי וואָלטן עס געוואָלט, ווייל דער וועג צוריק איז פאַר זיי געווען אָפּגעשניטן. וואו־אַהין האָבן זיי געקענט צוריקפאָרן? זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו בלייבן און דעריבער זיינען זיי געווען געצוואונגען זיך צו קלאַמערן מיט די נעגל אָן דעם לאַנד. דאַקעגן די מענטשן פון „בלאַו־ווייס", וועלכע האָבן געוואוסט, אַז אין בערלין וואַרטן אויף זיי רייכע

עלטערן, אַ באַקוועמער צימער — זיי איז שווערער געווען זיך צוצופּאַסן צו די באַדינגונגען פון לאַנד אין יענע יאָרן.

די לעבנס־באַדינגונגען פון די מענטשן פון „בלאָ־ווייס" און פון די מיטגלידער פון אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען אין דייטשלאַנד זיינען נישט געווען אין יענע צייטן ערגער פון די, אין וועלכע עס לעבט היינט די אידישע יוגנט אין ניו־יאָרק, באָסטאָן, פילאַדעלפיע, בוענאָס־איירעס, לאָנדאָן און יאָהאַניסבורג. נישט געקוקט דערויף זיינען מיר דעמאָלט געקומען צו דער דאָזיקער יוגנט און געפאָדערט פון איר עולה צו זיין, מיר זיינען געקומען צו די אידן און געפאָדערט פון זיי עליה, נישט מורא האָבנדיק אַז מיר וועלן אויסזען לעכערלעך אין די אויגן פון וועמען עס איז. עולה געווען האָבן, אמת, ווייניקע, אָבער אונזער פאָדערונג האָט געהויבן דעם פּרעסטיזש פון אונזער באַוועגונג און אַ דאַנק איר זיינען מיר גרויס געוואָרן. אַ דאַנק איר זיינען מיר געוואָרן די וועגווייזערישע און איינפלוסרייכסטע פּאַרטיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. איז דען אין וואַרשע, קראָקע אָדער לעמבערג לייכט געווען צו באַוועגן די אידישע יוגנט זי זאָל גיין אויף הכשרה און זיך גרייטן צו עליה? דער פּאַקט וואָס מיר האָבן היינט נישט אַזוי געהאַנדלט ווי דעמאָלט, הן לגבי דער יוגנט און הן לגבי די דער־וואַקסענע, איז איינער פון אונזערע שוואַכקייט־סימנים. ווען עס וואָלט געווען אין אונזער באַוועגונג אַ וויכוח אויף דער טעמע, וואָלט זיכער קיינער נישט געווען קעגן אַרויסשטעלן דעם לאָזונג פון עליה, אָבער הגם מיר האָבן געפילט אַז מען דאַרף עס טאָן, האָבן מיר עס נישט געטאָן בפועל ממש, נאָר זיך באַגנוגנט פון מאָל צו מאָל מיטן שטעלן די פאָדערונג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַז זי זאָל עס טאָן. אַזוי האָבן מיר געהאַנדלט אויך אין אַנדערע ענינים: החלוץ, הכשרה, העברעאישע שולן און נאַציאָ־נאַלע דערציאונג. פון צייט צו צייט האָבן איינצלנע חברים אויף קאָנ־פערענצן אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער זיך באַקלאָגט דערויף וואָס מען בויט נישט קיין נאַציאָנאַלע אידישע שולן, אָבער דערמיט האָט זיך דער ענין געענדיקט. אונז איז נישט געלונגען אויפצושטעלן אַ נאַציאָ־נאַלע אידישע שול אין פּאַריז, מיט אירע 150—200 טויזנט אידן, און אַזוי איז די לאַגע אין פיל אַנדערע ערטער.

*

אַזעלכע זאַכן דאַרפן געטאָן ווערן דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג, און מיר מוזן אויפשטעלן אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל דאָס קענען אויספירן. ווייל דער ענין איז נישט דוקא קיין

פאַרטיי־ענין און עס איז נישט זיכער צי איז איין פאַרטיי בכוח אַליין אויפצוהויבן אַזאַ לאַסט. מען דאַרף די אַרבעטן טאָן פאַרייניקטערהייט און נישט אָפּגעזונדערט. אַ סך כוחות האָבן מיר אַריינגעלייגט אין אָט די פּרוּוון צו באַוועגן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע צו מעשים. אַ דאַנק אונז זיינען אַמאָל אויך אָנגענומען געוואָרן אַנטשפּרעכנדיקע באַשלוסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָרים אַלע זיינען געווען קעגן איר און די קעגנערשאַפט ווערט נישט שוואַכער טראָץ דעם פאַקט, וואָס צוליב אָט דער קעגנערשאַפט ווערט די ציוניסטישע באַוועגונג חרוב פאַר אונזערע אויגן.

אונזער באַוועגונג מוז לערנען פון דער דאָזיקער דערפאַרונג. מיט אַ האַלב יאָר צוריק, פאַר דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין פאַריז, זיינען געווען חברים, וועלכע האָבן געפאָדערט נישט אָנצוהויבן פונדאַסניי דעם אומגליקלעכן וויכוח וועגן אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דערפאַר וויל מיר זיינען די איינציקע וועלכע רעדן אַ סך דערפון. קיינער, אַ חוץ אונזער פאַרטיי, אונטערשטיצט עס נישט. איך בין געווען קעגן אַזאַ צוגאַנג. איך האָב געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך נישט אָפּזאָגן פון אַ גערעכטער זאַך, נאָר צוליב דעם וואָס אַנדערע זיינען קעגן איר. מיר זיינען דאָ עדות פון אַ מאָדנער דערשיינונג: די אַלגעמיין־ציוניסטן, וועלכע באַקלאָגן זיך אַזוי פיל אויף פאַרטייאישקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אויף אונזער שטרעבונג צו פאַרטייאישער הערשאַפט — די זעלבע אַלגעמיין־ציוניסטן זיינען קעגן יעדן פּרוּוו פון אַ געמיינזאַמער ציוניסטישער טעטיקייט. און אודאי און אודאי איז מפ"ם קעגן דעם. דאָס זעלבע — „מזרחי". פרעגט זיך די פראַגע: ווי באַלד מען איז דערגאַנגען דערצו, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אין איר איצטיקן צוזאַמענשטעל, איז נישט מסוגל צו מעשים און וויל זיי נישט — ליגט די פליכט אויף אונז אַלס באַוועגונג, אַליין אויפצוהויבן די דאָזיקע לאַסט! מיר דאַרפן קומען צו די אידן און צו דער אידישער יוגנט מיט דעם לאָזונג פון אַ מאַסן־„החלוץ". מיר האָבן שוין איינמאָל אַזוי געטאָן אין ליטע, פּוילן און רומעניע.

דאָס זעלבע איז אמת בנוגע הכשרה, באַציאָנאַלע דערציאונג און אויף אַלע אַנדערע שטחים. מיר דאַרפן זאָגן דער באַוועגונג, אַז די עליה איז די וויכטיקסטע ציוניסטישע פאָדערונג און אָן איר האָט די ציוניסטישע באַוועגונג קיין זינען נישט. די עליה איז אויך דער וויכטיקסטער פונקט אין אונזער היינטיקער באַראַטונג. די אויפגאַבע פון דער באַוועגונג איז צו פּראָקלאַמירן די פליכט פון אידן עולה צו זיין. איך בין פון תמיד אָן געווען קעגן יעדן לאָזונג פון ליקווידאַציע. — ליקווידאַציע פון גלות, יציאת

איירָאָפּע א.אַ.וו., א. אַ.וו. דאָס זיינען געווען ריין־נעגאַטיווע לאָזונגען. מיר דאַרפן קומען מיט אַ פּאָזיטיוון לאָזונג — מיט דעם לאָזונג פון עליה פון איירָאָפּע און פון אַנדערע לענדער, מיט דעם לאָזונג פון קיבוץ גלויות, אַלס ערשטע און עיקרדיקע אויפגאַבע. אונזער באַוועגונג דאַרף די לאַסט אויפהויבן. אונזער באַוועגונג איז שטאַרק, ווען מען שטעלט אַוועק פאַר איר אַ ממשותדיקע אויפגאַבע, מיר דאַרפן נאָר ווייזן דעם וועג, דינען אַלס וועג־ווייזער און טאָן די זאַך מיט דער גאַנצער קראַפט. דאָס הייסט נישט, אַז מען דאַרף גרינגשעצן די פּראַקטישע אַרבעטן, וועלכע גייען אַריין אין דעם לאָקאַלן טעטיקייטס־געביט, אין אַלע שטחים פון אידישן לעבן אין חוץ־לארץ — קולטורעלע, סאָציאַלע, פּאָליטישע — מיט וועלכע מיר דאַרפן און וועלן אויך להבא זיך פאַרנעמען אַזוי גוט ווי מיר קענען.

*

און פון דאַנען צו די טעכנישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. עס מוזן געמאַכט ווערן פיל וויכטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען אין אונזער באַוועגונג. אונזער באַוועגונג שעפּט אין אַ גרויסער מאָס איר כוח פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג, פּונקט אַזוי ווי די ציוניסטישע באַוועגונג זעט אין אונזער באַוועגונג אַן אַנלען פאַר זיך. דעם אמת געזאָגט, האָט נישט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע קיין אַנדערן אומ־באַדינגט־טרייען אַנלען אַ חוץ אונזער באַוועגונג. ליידער איז נישט פאַראַן קיין קאָאָרדינאַציע צווישן אונזערע חברים אין די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אונזער באַוועגונג. איך מיין דער־מיט די באַוועגונג אין חוץ־לארץ און די אינסטאַנצן פון איחוד עולמי, וועלכע רעפּרעזענטירן אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. איך וויל, חלילה, נישט זאָגן, אַז עס איז פאַראַן אַ דיסאַנאַנס צווישן דיביידע, נאָר פאַקטיש זיינען דאָס צוויי באַזונדערע וועלטן, וואָס יעדע איינע פון זיי אַרבעט „פאַר זיך", אָן אַ קאָנטאַקט, אָן אַ בשותפותדיקן פּראָגראַם און אָן אַ פאַרפּליכטנ־דיקן פּלאַן. אויף איין זייט: אונזערע פאָרשטייער אין קרן קיימת, קרן היסוד און אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע א.אַ.וו. — וועלכע מיר קלייבן אויס איינמאָל אין וויפיל יאָר; און אויף דער אַנדערער זייט — די באַווע־גונג. פאַקטיש איז נישט פאַראַן קיין קאָאָרדינאַציע צווישן דידאָזיקע צוויי פאַקטאָרן און אונזערע פאַרטרעטער אין די אינסטאַנצן פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג געדענקען כמעט נישט דעם אַדרעס פון איחוד עולמי.

אַזאַ לאַגע מוז אויסגעבעסערט ווערן. און עס איז נישטאָ קיין אַנדער

וועג ווי דער, אַז די חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין די אַנדערע צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זאָלן האָבן אין זייערע הענט די פּאַקטישע אָנפירונג פון דער וועלט־באַוועגונג. עס מוז געשאַפן ווערן אַן אידענטיטעט, פון שטאַנדפונקט פון פערזאָנען, ווייל עס איז פאַראַן אַן אַנטשיידנדיקע קעגנזייטיקע השפעה צווישן אונזער פּאָזיציע און טעטיקייט און דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם אינער־לעכן מצב פון אונזער אייגענער באַוועגונג. און וואָס גיכער מיר וועלן עס טאָן אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר אונז. אויב מיר וועלן אַזוי טאָן, וועט זיין אַ סך מער קאָאָרדינאַציע אין אַ ריי פאַר אונז וויכטיקע פראַגן און אונזערע חברים אין די אינסטיטוציעס וועלן גיכער קענען אָפּהיטן דעם ווילן און די אינטערעסן פון דער באַוועגונג. די חברים וועלכע באַשליסן אין די אינסטיטוציעס וועגן די ענינים, וועלן אויך טראָגן די אחריות פאַר דער וועלט־באַוועגונג.

*

פון אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפונקט דאַרפן מיר פאַריכטן נאָך אַ זאַך. דער עיקרדיקער כוח, וועלכער באַוועגט אונזערע חברים אין חוץ־לארץ, און דערמוטיקט זיי — איז מפלגת פועלי ארץ־ישראל. זי איז זייער פאָן און מיט איר כוח גייען זיי אַרויס אין גאַס. מיר דאַרפן דערפון אַרויס־ציען די מסקנה אין אָרגאַניזאַציאָנעלער הינזיכט. עס איז נישט פאַראַן און עס קען נישט זיין איצט קיין דיסאָנאַנס צווישן דעם איחוד עולמי און דער פאַרטיי אין לאַנד. פּאַקטיש זיינען אויך נישט פאַראַן קיין פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות. אָבער דאָס אַליין איז נישט גענוג. פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל פאָדערט זיך איצט פאַר אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ נישט נאָר הילף אַליין. מפלגת פועלי ארץ־ישראל האָט נישט קיין לעבעדיקן קאָנטאַקט און ווייסט אפילו נישט וועגן אונזער טעטיקייט אין חוץ־לארץ — נישט צוליב שלעכטן ווילן, חלילה, נאָר ווייל זי איז שטאַרק באַלאַסטעט מיט די ענינים וועלכע שטייען אויפן סדר־היום פון אונזער לעבן אין לאַנד. די פאַרטייען אין חוץ־לארץ מיינען, אַז מיר זיינען דער אָרעם פון מפא״י און טעאָרעטיש איז דאָס טאַקע אַזוי. מעגלעך אַז אויך די חברים וועלכע באַשטימען אין דער ארץ־ישראל־פאַרטיי טראַכטן אַזוי אין האַרצן, זיי פאַרלאָזן זיך אויף אונז און האָבן פולן צוטרוי צו אונז און צו אונזער אַרבעט. אָבער דאָס איז נישט גענוג פאַר פּראַקטישער טעטיקייט. עס מוז קומען אַן ענדערונג. איך בין געווען צווישן די, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון די אינסטאַנצן פון דער

וועלט־באַוועגונג. איך האָב אָט די מיינונג מיינע נישט געביטן, און אויך איצט גלויב איך אַז זי איז אַ ריכטיקע. אָבער די ווירקלעכקייט איז אַן אַנדערע און מיר מוזן פון איר אַרויסציִען קאָנסעקווענצן. דער פאָרום וועלכער דאַרף זיך פאַרנעמען אויך מיט די ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ און באַשטימען וועגן זיי (און דאָ ווערן נישט געמיינט דוקא טעכנישע פאָרמען; עס איז מעגלעך, אַז פון טעכנישן שטאַנדפּונקט דאַרף עקזיסטירן אַ זעלבשטענדיקע טעטיקייט און זעלבשטענדיקער ביוראָ א.א.וו). די אינסטיטוציע, וועלכע אינסטרואירט מענטשן, וואָס רעפּרעזענטירן די וועלט־באַוועגונג, אַנטשיידן און טראָגן די אחריות פאַר די ענינים פון דער באַוועגונג, דאַרף זיין — מפלגת פועלי ארץ־ישראל. אויף אַזאַ אופן וועט זי זיין פאַראַנטוואָרטלעך אויך פאַר די ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ. איך זע נישט קיין אַנדער אויסוועג.

היינט זיצן מיר אין אַ זייער בכבודיקער פאַרזאַמלונג און איך פרעג זיך זייער וואָס זי איז אַזאַ רעפּרעזענטאַטיווע — ווען אָבער געלינגט עס אונדז צוזאַמענברענגען אַזאַ פאַרזאַמלונג? די וועלט־באַוועגונג קען נישט וואַרטן אויף אַ בכבודיקער באַראַטונג איין מאָל אין אַ האַלב יאָר. אירע פּראָבלעמען פאָדערן טאָג־טעגלעך אַן אַנטשיידונג און קאָמפּעטענטע תשו־בות און מיר דאַרפן פעסטשטעלן ווער איז פון אונדזער גאַנצער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ באַרופן צו דער דאָזיקער אויפגאַבע און וועמען איז זי גרייט צו פאָלגן. דאָס קען זיין נאָר די אינסטיטוציע, וועלכע איז בכוח אויסצופירן דאָס וואָס זי באַשליסט, נישט זייענדיק אָפּהענגיק פון אַ באַשטעטיקונג אָדער הילף פון עמיצן אַנדערש. זי מוז זיין אויטאָריטאַטיוו, כדי אונדזערע פאַר־שטייער אין די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון אַנדערע צענטראַלע קערפּערשאַפטן זאָלן זיך נישט קענען באַציִען צו איר אַזוי ווי זיי באַציִען זיך היינט צו די אינסטאַנצן פון דער וועלט־באַוועגונג. און דאָס איז היינט־צו־טאָג די מפלגת פועלי ארץ־ישראל. דעריבער מוזן מיר ענדערן אונדזער אינערלעכע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען.

א. די פּראַקטישע לייטונג פון אונדזער באַוועגונג דאַרף זיין אידענטיש מיט אונדזערע חברים אין די צענטראַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן; ב. מפא״י דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ענינים פון דער וועלט־באַוועגונג. מעגלעך, אַז פון אָרגאַניזאַציאָנעל־טעכנישן שטאַנדפּונקט איז נויטיק אויפ־צוהאַלטן אַ באַזונדערע ביוראָ און אָפּהיטן דעם נאָמען פון איחוד עולמי און אויך אויפהאַלטן אַ געוויילטן ראַט פון די פאַרטרעטער פון אונדזערע פּאַרטייען אין חוץ־לאָרץ. אָבער די אויבערשטע פאַראַנטוואָרטלעכע

אינסטאַנץ, די אויטאָריטאַטיווע אינסטאַנץ — איז מפא״י. כלפּי חוץ איז צוועקמעסיקער דער איחוד עולמי זאָל אויפטרעטן זעלבסטשטענדיק, ווייל דער בוי פון אַנדערע באַוועגונגען, איז ענלעך צום בוי פון אונזער באַוועגונג. אָבער זייערע אַלוועלטלעכע אינסטיטוציעס האָבן באמת דער־וואָרבן אַן אַנטשיידנדיקן פּלאַץ אין זייער באַוועגונג. ביי אונז איז, ווי עס ווייזט אויס, די אַנטוויקלונג געווען אַן אַנדערע און דערפאַר זייַנען אויך די מסקנות אַנדערע. עס נעמט זיך מן־הסתם אויך דערפון וואָס די ארבעטער־ריכטונגען אין ציוניזם האָבן איצט אין ארץ־ישראל אויך צאָלמעסיק זייערע שטאַרקסטע צווייגן.

*

עס זייַנען פאַראַן אין אונזער באַוועגונג וויכטיקע קרעפטן, וועלכע זייַנען בכוח אויפצוהויבן און שטאַרקן די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, אויב מיר וועלן זיי ווי געהעריק אַקטיוויזירן. מען דאַרף זיי אַקטיוויזירן דורך אַ פּראַקטישן אַרבעטס־פּלאַן, דורך דעם וואָס מיר וועלן נעמען אויף זיך אַלס באַוועגונג דעם לאָזונג פון קיבוץ גלויות, פון עליה פון אַלע לענדער, נישט אָפּשרעקנדיק זיך פאַר שוועריקייטן. דער לאָזונג פון אונזער באַוועגונג איז: מאַסן־„החלוץ״ און הכשרה. און מיר מוזן פאַרווירקלעכן דעמדאָזיקן לאָזונג. מיר קענען אויך מיט דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלער דערציאונג, העברעאישע דערציאונג אין גלות (פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיינט נישט קעגן שולן אין אידיש, אויב זיי זענען נאַציאָנאַלע. לויט מיין מיינונג איז דאָס וויכטיקסטע דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער אינהאַלט פון די שולן אין חוץ־לארץ).

אַלס באַוועגונג מוזן מיר אויך זאָרגן פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון אידישן לעבן אין גלות: אויפשטעלונג פון אידישע קהלות און זאָרג פאַר די נויטן פון אידישן לעבן אין די אידישע קיבוצים. עס זייַנען געמאַכט געוואָרן פּרואוון אין דרום־אַמעריקע אויפן געביט פון אידישן קהלה־לעבן, וועלכע האָבן זיך גאַנץ גוט איינגעגעבן. די וואַלן אין מאָנטעווידעאָ און בוענאָס־האָבן זיך גאַנץ גוט איינגעגעבן. מיר דאַרפן גיין מיט דעם וועג אויך אין אַנדערע ערטער...

פאַדערונגען פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ

אין ארץ־ישראל איז ביי אַ סך חברים פאַראַן אַ געפיל, אַז די ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ זיינען ווייט נישט אַזוי דרינגענדיק ווי פראַגן, וועלכע רירן אָן דירעקט ענינים אין לאַנד. מען קען זיי נישט פאַר־גלייכן, האַלטן אָט די חברים, מיט דער דרינגלעכקייט פון ענינים וועלכע מאַטערן אונז אין לאַנד, וועלכע שווימען אַרויף טאָג־טעגלעך און פאָדערן אַ באַלדיקע באַהאַנדלונג און אַ באַלדיקע פאַרענטפערונג. און הגם בדרך־כלל איז עס זיכער ריכטיק, ליגט פונדעסטוועגן אַ געפאַר אין אַזאַ צוגאַנג. פראַגן וועלכע שווימען אויף אין לאַנד, זיינען מער בולט פאַרן אויג; אויב זיי ווערן נישט פאַרענטפערט, שפירן מיר גלייך די רעזולטאַטן פון אַן עווענטועלער פאַרנאַכלעסיקונג. גאַנץ אַנדערש איז אָבער אפילו בנוגע דרינגענדיקע פראַגן פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ; מיר שפירן נישט גלייך דעם דרוק פון דער דרינגלעכקייט און מיר צאָלן פאַר דער פאַרנאַכ־לעסיקונג ערשט מיט אַ צייט שפּעטער. אין ענד־רעזולטאַט איז אָבער דער שאָדן, וועלכער קען אַרויסקומען פון דער פאַרנאַכלעסיקונג פון וויכטיקע באַוועגונגס־ענינים אין חוץ־לארץ צייטנווייז נישט קלענער און האָט אַמאָל נישט ווייניקער באַדייטונג פאַר אונז, הגם אין מאָמענט גיט מען זיך נישט אָפּ קיין חשבון דערפון, אַזוי ווי בנוגע דעם שאָדן ביים פאַרנאַכלעסיקן אַ חשובן ענין אין ישראל.

ב.

ביים באַהאַנדלען דאָסמאָל די ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, ווילן מיר זיך מער אָפּשטעלן אויף אונזער באַוועגונג אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן. דאָרטן איז דאָך היינט־צו־טאָג קאָנצענטרירט אַ העלפט פון אונזער פאָלק אין חוץ־לארץ, און מער פון אַ העלפט פונם פאָלק מיט וועלכן מיר קענען בכלל קומען אין באַריר. דעם באַגריף **אונזער באַוועגונג** ווילן מיר באַגרעניצן נאָר אויף דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אַ פּאָליטישער פאַקטאָר אין אידישן לעבן אין די גלות־לענדער — אויף דער באַוועגונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיטן איחוד עולמי פועלי

ציון (צ. ס.)־התאחדות און וואָס איר פּאַרטיי אין לאַנד איז מפלגת פּועלי ארץ־ישראל. דידאָזיקע באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ ציט שוין זיבּט יאָרן איר עיקרדיקע גייסטיקע יניקה פון ארץ־ישראל. און זי איז איינגעשטעלט דער עיקר אויף ארץ־ישראל־אַקטיוויטעט. אין די לעצטע יאָרן איז אויך איר טעטיקייט אויף אַנדערע שטחים. אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיט דער איניציאַטיוו און עצה פון ארץ־ישראל. און אויב עס איז אַזוי אין די פאַרייניקטע שטאַטן, מכל שכן אין די אַנדערע לענדער.

וואָלטן מיר דאָך באַדאַרפט זיין צופרידן מיט דער דאָזיקער אַנט־וויקלונג. זי איז אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פונם פאַקט, אַז דער שווער־געוויכט פון אידישן לעבן, אויף וויפיל עס האַנדלט זיך מכוח גייסטיקער השפעה, געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט און ציל־באַשטימונג פאַר דער עקזיסטענץ פונם פאָלק, איז אַריבער קיין ארץ־ישראל. מיר קענען זיך אָבער נישט באַנוגענען בלויז מיטן צופרידן־זיין, נאָר צופּאַסן דערצו די פאַרגרעסערטע פליכטן, וואָס די דאָזיקע אַנטוויקלונג לייגט אַרויף אויף דער באַוועגונג אין ישראל. ווי זעט אָבער אויס די ווירקלעכקייט? אויף וויפיל עס רעדט זיך מכוח אַרויסוויזן אויפמערקזאַמקייט, איניציאַטיוו און הילף, מצד ארץ־ישראל, איז אונזער באַוועגונג במשך אַ סך יאָרן פאַרנאַכ־לעסיקט געוואָרן אויף אַן אכזריותדיקן אופן. אמת, נישט ווינציק שליחים פון דער הסתדרות און פון אירע אַנשטאַלטן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אַרבעט אין די פאַרייניקטע שטאַטן; נישט ווינציק פון אונזערע צענ־טראַלע חברים האָבן באַזוכט די פאַרייניקטע שטאַטן אין פאַרשיידענע שליחותן. מיר קענען זיך אָבער נישט דערמאָנען, אַז אַ שליח פון ארץ־ישראל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אָט דעם גרויסן אידישן ישוב און צו אונזער דאָרטיקער באַוועגונג, וועלכע ציילט צענדליקער טויזנטער חברים — פאַר דירעקטער טעטיקייט אין איר און פאַר איר; כדי זיי אָרגאַניזאַצ־יאָנעל צו שטאַרקן, העלפן אַנטוויקלען אירע אַנשטאַלטן — דערציערישע אָדער אַנדערע אַנשטאַלטן פון דער באַוועגונג; העלפן באַשטימען די ריכ־טונג פון דער דערציאונג־און אויפקלערונג־טעטיקייט; פאַרפעסטיקן די באַוועגונג און העלפן ביים גרינדן עפעקטיווע אָרגאַניזאַציאָנעלע אינסטרו־מענטן אויפן אָרט א. אַ.וו. עס איז קלאָר, אַז דאָס האָט זיך נישט גענומען פון שלעכטן ווילן, חלילה. עס איז נישט לייכט צו געפינען צוגעפּאַסטע שליחים און אָפּרייסן זיי פון וויכטיקע וויטאַלע אַרבעטן אין לאַנד. און דאָך האָט כמעט נישט געטראָפן, אין די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר, מען זאָל נישט געפינען קיין צוגעפּאַסטע שליחים פאַר אַ „מגבית” אָדער

פאַר אַנדערע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייטן אין די פּאַרייניקטע שטאַטן. נאָר פאַר דער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי גופא האָט מען במשך דער גאַנצער צייט נישט געפונען קיין איין מאָל אַ פּאַסיקע „משלחת״.

אמת, נישט תמיד האָט די באַוועגונג אין אַמעריקע זיך געריסן דערצו, אַז אַזאַ „משלחת״ זאָל קומען און די דאָזיקע באַציאונג איז אָן ספק אויך נישט געבליבן אָן אַ ווירקונג. עס זיינען אָבער געווען גענוג אַנדערע פאַלן, ווען מיר האָבן געמאַכט אָנשטרענגונגען גובר צו זיין אַ לכתחילהדיקע קאַלטע באַציאונג פון די אָרטיקע חברים צו אַ געוויסן טעטיקייטס־פּלאַן. אין דעם פאַל זיינען מיר ליידער געווען צו שטאַרק עמפּפינדלעך צום מאַנגל פון באַגייסטערונג מצד די חברים אין אַמעריקע.

ג.

אונזער באַוועגונג אין די פּאַרייניקטע שטאַטן ציילט איצט אַרום 80 טויזנט אָרגאַניזירטע חברים. זיי זיינען צעטיילט אין פיר באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס: פּועלי ציון, נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, פּרויען פּיאָנערן אָרגאַניזאַציע, הבונים. פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט און פונעם שטאַנדפּונקט פון זייער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין — איז נישט פאַראַן צווישן זיי קיין שום אונטערשייד. אַלע פיר אָרגאַניזאַציעס זיינען הונדערטפּראָצענטיק געטריי דעם איחוד עולמי און דער מפלגת פּועלי ארץ־ישראל. עס איז נישט פאַראַן צווישן זיי קיין אונטערשייד אין זייער צוגאַנג צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּראָבלעמאַטיק און אויך נישט צו די אַלגעמיינע און אידישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן אין די פּאַריי־ניקטע שטאַטן. און דאָך, זיינען זיי פיר אָפּגעטיילטע אָרגאַניזאַציעס, פיר צענטערן און פיר אַפּאַראַטן. און דאָס שוואַכט אָפּ די באַוועגונג אין אַ גרויסער מאָס. אַ סך זיינען איבערצייגט, אַז דער פאַקט גיט נישט קיין מעגלעכקייט אויסצונוצן, אין אַ פולער מאָס, דעם דאָזיקן „פּאַרמעגן״ — צענדליקער טויזנטער אָרגאַניזירטע חברים. אַ סך פון אונז און אַ סך פון דער באַוועגונג אין די פּאַרייניקטע שטאַטן זיינען שוין געקומען צום אויס־פיר, אַז דער מצב איז נישט נאָרמאַל; ער איז פשוט אומפאַרשטענדלעך.

מיט בערך אַכט חדשים צוריק זיינען דאָ אין לאַנד פאָרגעקומען באַראַטונגען מיט די פאָרשטייער פון דער באַוועגונג פון די פּאַרייניקטע שטאַטן וועגן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַראייניקונג פון אַלע צווייגן פון אונזער באַוועגונג אין אַמעריקע*. די פאַרהאַנדלונגען זיינען געווען ערנסטע

* אין מאי 1949, אונטערן פּאָרזיץ און ביי דעם גאָר אַקטיוון אָנטייל פון חבר ד. בן־גוריון.

און אויספירלעכע און האָבן זיך געענדיקט מיטן באַשלוס, אַז מען דאַרף שאַפן די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרייניקונג, ווייל פון דעם איז אין אַ גרויסער מאָס — אַזוי האָבן די מערסטע חברים געהאַלטן — אָפּהענגיק די שנעלע און פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג. אמת, די חברות פון דער פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע האָבן אַרויסגעזאָגט אַן אַנדערע מיינונג וועגן די פאָרמען פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרייניקונג. דאַרף מען.אַן אַ ספק נעמען אין אַכט די מיינונגען און דערפאַרונגען פון אָט דער וויכטיקער אָרגאַניזאַציע. אָבער די באַוועגונג אַלס גאַנצע קען נישט תמיד צופּאַסן איר סטרוקטור צו די אַרבעטס־פאָרמען, וועלכע ווייזן זיך אויס צו זיין מער צוגעפּאַסט פאַר איין טייל. אויף יעדן פאַל, איז פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז ראַדיקאַלע ענדערונגען מוזן געמאַכט ווערן. אַלע האָבן אָבער געוואוסט, אַז אַן אַן ערנסטער דעלעגאַציע פון ישראל, און אַן דעם פעסטן ווילן פון דער באַוועגונג אין ישראל, וועט די זאַך נישט צושטאַנדקומען, און צוליב פאַרשיידענע טעמים. יעדער טייל פון דער באַוועגונג אין אַמעריקע האָט זיין טראַדיציע און זיין „אינערציע״; איז מען אויף זיי מקפּיד און אָפּטמאָל איבערטרייבט מען זיי אפילו. דערפאַר איז אַזוי וואָגיק די מיינונג פון ארץ־ישראל און די אויטאָריטעט פון אירע שליחים. פאַראַן נאָך געוונג שווערי־קייטן, וועלכע מען מוז גובר זיין ביי די חברים אין אַמעריקע. פאַראַן אַ סך געבענטשטער לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם און איבערגעטריבענער פּאַטריאָטיזם צו אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, וואָס אין געוויסע סיטואַציעס ברענגען זיי דעם כלל פון דער באַוועגונג מער שאָדן ווי נוצן, הגם דער ווילן איז דער בעסטער און די כוונה איז די טרייעסטע. מוז מען עס די חברים ווי געהעריק אויפ־קלערן. און עס איז גוט, אַז די אויפקלערונג זאָל קומען פון ארץ־ישראל. אָבער, ביז צום היינטיקן טאָג זיינען ליידער די שליחים נאָך נישט אַרויס און די זאַך גייט אַריין אין פאַרגעסנקייט און אויך די אין פלוג אַזוי פשוטע און אַזוי פאַרשטענדלעכע זאַך — די אָרגאַניזאַציאָנעלע אייניקייט פון דער באַוועגונג — ווערט אָפּגעלעגט און פאַרגעסן.

ד.

אונזער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט אַ סך געטאָן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. אירע אָנשטרענגונגען דערקענט מען אויף שריט און טריט אין לעבן פון דער הסתדרות. ווען נישט זייער געטרייע הילף, וואָלטן אַ סך פון אונזערע ווערטפולע ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן נישט געגרינדעט געוואָרן און זיך נישט ווי געהעריק אַנטוויקלט.

די חברים אין אַמעריקע האָבן געגעבן זייער הילף אָן שום תנאי און אָן באַגרעניצונג, מיט אַ גוטן ווילן און אַ גאַנץ האַרץ. אמת, אויך די באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט פון דעם אַ סך געוואונען. איר טעטיקייט פאַר דער הסתדרות האָט זי געשטאַרקט — זי האָט אויפגעהויבן אונזער באַוועגונג איבער אַנדערע באַוועגונגען אין אירע פּראַקטישע ארץ־ישראל־אָנשטרענגונגען. אָבער דאָס פאַרמינערט נישט אויף אַ האָר דעם גרויסן ווערט פון די אָנשטרענגונגען, וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַר אונזערטוועגן, לויט דעם ווי מיר האָבן פון זיי געפאָדערט. און עס איז געקומען די צייט, בעת זיי נויטיקן זיך אין אונזער הילף — און נישט דוקא קיין מאַטעריעלע הילף, כאָטש צייטנווייז איז דאָס אויך נויטיק. נאָר ווינציקע וועלן זיך קענען פאָרשטעלן, אַז די באַוועגונג וואָס מאָביליזירט פאַר די באַדערפענישן פון דער ארץ־ישראל־אַרבעטערשאַפט הונדערטער טויזנטער און אויך מיליאָנען דאָלאַרן — אַז אַט דער באַוועגונג, איז שווער צו פאַרזיכערן פאַר אירע אייגענע צוועקן און טעטיקייטן די מיטלען אין וועלכע זי נויטיקט זיך. הייַנט־צו־טאָג זיינען די שוועריקייטן און די אַרבעטס־באַדינגונגען אין וועלכע זיי קומט אויס צו אַרבעטן אַ סך שווערער פון די באַדינגונגען אין וועלכע עס אַרבעטן די אינסטיטוציעס פון אונזער באַוועגונג און פון דער הסתדרות אין לאַנד. און דאָך האָבן מיר, תמיד פאַריאָגטע צוליב די טאָג־טעגלעכע דאגות, צוליב די טעגלעכע זאָרגן פון אונזער לעבן און פון די פילע שוועריקייטן, וועלכע שווימען אויף טאָג־טעגלעך — האָבן מיר אין לאַנד פאַרנאַכלעסיקט דאָס אויסשטרעקן דער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ געטרייע פירנדיקע האַנט.

ה.

די לאַגע פון אונזער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אין אַ סך הינזיכטן שווערער פון דער לאַגע פון אַנדערע באַוועגונגען. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָבן מיר שוין אויפגעקלערט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן קען נישט עקזיסטירן קיין ארץ־ישראל־טרייע מאַסן־באַוועגונג אָן אַ גרויסער טאָג־טעגלעכער קאָנקרעטער טעטיקייט פאַר ארץ־ישראל. קיין שום באַוועגונג אין אַמעריקע קען נישט עקזיסטירן אָן גרויסע מיטלען פאַר פּראָפּאַגאַנדע, אויפקלערונג, דערציאונג און אָרגאַניזאַציע. די אַנדערע ציוניסטישע באַוועגונגען, דער עיקר די אַלגעמיין־ציוניסטן און דער „מזרחי״ (מפ״מ און די רעוויזיאָניסטן זיינען נאָר קליינע גרופּן), האָבן אין זייערע הענט גרויסע מעגלעכקייטן. די מעגלעכקייטן באַקומען זיי פון פאַראייניקטן

ארץ־ישראל־אַפּיל, — פאַרמעל ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַרן אָפּזאָגן זיך פון זעלבשטענדיקער פאָנד־טעטיקייט. טראָץ דעם פאַקט, פאַרנעמט זיך יעדע פּאַרטיי מיט עפּעס אַ דירעקטער טעטיקייט פאַר ארץ־ישראל. אונזער באַוועגונג אָבער, ווערט געשלאָגן פון שטעקן דורך ביידע עקן: פון פּאַרייניקטן אַפּיל באַקומט זי נישט קיין בודזשעט מיט דער טענה, אַז זי זאַמלט באַזונדער פאַר דער הסתדרות, און קיין קאָנקרעטע ווירטשאַפטלעכע ארץ־ישראל־טעטיקייט קען זי נישט פירן, ווייל דאָס קען ברענגען שאָדן דער הסתדרות־זאַמלונג.

די דאָזיקע משונהדיקע לאַגע געפינען מיר נישט נאָר אין די פּאַרייניקטע שטאַטן. מיר האָבן געזען, אַז אין אַרגענטינע, למשל, האָבן די אַלגעמיין־ציוניסטן במשך יאָרן, באַקומען גרויסע בודזשעטן פון קרן היסוד, און מיט די מיטלען האָבן זיי געפירט זייער טעטיקייט קעגן אונז און אַפילו קעגן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע גופא — אויב עס האָט זיך געהאַנדלט מכוח אונזערע חברים אין דער עקזעקוטיווע. און דאָס זיינען זיכער נישט קיין איינצל־פאַלן. קענען מיר דערלאָזן אַזאַ צושטאַנד? קענען מיר און מעגן מיר אַזוי לייכטזיניק מפקיר זיין אונזער באַוועגונג? לאָזן זי אויסטיילן אויף אַזאַ בולטן אופן צום שלעכטן, נאָר דערפאַר, ווייל אונזער באַוועגונג גייט נישט כסדר אַרום מיט דער טענה פון באַעוולטע און נאָך דערפאַר, וואָס אַנדערע ספּעקולירן אויף אונזער אחריות־געפיל, אַז מיר וועלן דאָך מוזן פאַרשווייגן אַזעלכע מעשים, כדי נישט צו שאָדן דעם אַלגעמיינעם ענין? *
די נויטווענדיקייט פון אַ גרויסן פּאָליטישן פאָנד אויף צו זיכערן אונזער אייגענע אַקציע־פעאיקייט שטייט דאָך נישט נאָר פאַר די אַלגעמיין־ציוניסטן. סוף־כל־סוף מוזן אויך אונזערע חברים אין די לענדער אָנהויבן פאַרשטיין, אַז זיי פירן אַ זעלבסטמאָרד־פּאָליטיק דערמיט, וואָס אין אַזאַ לאַגע און ביי אַזאַ באַהאַנדלונג היטן זיי נישט אָפּ דעם פּרימאַט פון פאַרזיכערן די אייגענע נויטן; פון זיכערן די אייגענע טעטיקייט־מעגלעכקייט.

ו.

דער וועג, וועלכן מיר גייען אין ארץ־ישראל אין די ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ, איז אַ קורצזיכטיקער וועג. ער טראָגט אין זיך אַ סך סכנות — און נישט בלויז פאַר דער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע

* זינט 1952 איז געקומען אין דעם פּרט אַ געוויסע, הגם ווייט נישט קיין גענוגנדיקע ענדערונג — אַ חוץ אין צפון־אַמעריקע און קאַנאַדע, וואו די לאַגע איז געבליבן ווי פריער.

שטאַטן און אין די אַנדערע לענדער אין חוץ־לאָרץ, נאָר אויך פאַר דער פאַרטיי אין לאַנד, פאַר דער הסתדרות און פאַר דער מדינה.

עס וועלן נישט נוצן אַלע טענות ומענות. אויב אונזער באַוועגונג וועט וועלן עקזיסטירן און דערפילן אירע אויפגאַבן, וועלן מיר מוזן פירן אין צפון־אַמעריקע און אין קאַנאַדע און מן־הסתם נאָך אין אַ ריי אַנדערע לענדער, אַ גרויסע זעלבשטענדיקע געלט־אַקציע פאַר די ספּעציעלע נויטן פון דער באַוועגונג סיי אין אַמעריקע און סיי מחוץ אַמעריקע — און אויך ארץ־ישראל בתוכם. מיר ווייסן גוט, אַז די חברים אין אַמעריקע ווילן עס אויסמיידן, צוליב פאַרשיידענע טעמים. דאָס וועט זיך זיי נישט איינגעבן. זיי וועלן נישט געפינען קיין אַנדערן וועג אויף צו זיכערן די עפעקטיווע טעטיקייט־מעגלעכקייט פון דער באַוועגונג. זיי וועלן עס אפשר קענען אָפּשלעפּן עטלעכע יאָר, אָבער זיי וועלן סוף־סוף מוזן קומען צו דער דערקענטעניש, אַז קיין אַנדערער וועג איז נישט פאַראַן, אויב זיי ווילן זיין אין דער לאַגע צו קענען אַליין דערפילן זייערע אייגענע פליכטן אַלס זעלבשטענדיקע באַוועגונג און דערמעגלעכן עס דער גאַנצער וועלט־באַוועגונג. דער אונטערשייד ליגט דערין וואָס דאָס אָפּשלעפּן ברענגט דערווייל גרויסן שאָדן אונזער אייגענער באַוועגונג. שאָדן, וועלכע מען וועט שפּעטער גאָר שווער קענען גוטמאַכן. וואָלט דאָך אָן אַ ספק געווען ראַטזאַם און בעסער צו קומען באַצייטנס צו עפּעס אַן עפעקטיוון באַשלוס אין דער פראַגע און פאַרמיידן אויפטרייסלונגען, וועלכע זיינען עלול גורם צו זיין שאָדנס נישט דוקא נאָר אונזער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ אַליין.

אַ גרויסע שוועריקייט דערוואַרט אויך אונזער אַלגעמיינע טעטיקייט אין מדינת ישראל, אויב עס וועט פאַרגעזעצט ווערן די גלייכגילטיקע באַציאונג צו אונזער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין די אַנדערע לענדער פון וויכטיקע אידישע קיבוצים. אויב מיר וועלן אין די לענדער נישט בילדן דעם כוח, וואָס איז אימשטאַנד משפיע צו זיין אויף די אידישע און ציוניסטישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג. עס זיינען גוט באַקאַנט די גרויסע אָנשטרענגונגען, וועלכע ווערן איצט געמאַכט אין גרויסע קרייזן פון די אַמעריקאַנער אַלגעמיין־ציוניסטן און פון זייערע פריינט אין אַנדערע לענדער צו שאַפן אַ וואַנט צווישן דער מדינה און דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. מען דאַרף נישט האָבן קיין צו רייכע פאַנטאַזיע כדי זיך פאַרצושטעלן וואָסערע שוועריקייטן אַזאַ זאַך — אויב זי וועט זיך איינגעבן — קען גורם זיין דער מדינה. ווער וועט זיך אין חוץ־לאָרץ אַנטקעגנשטעלן קעגן דעם, אויב נישט אונזערע אַ שטאַרקע און איינפלוסרייכע באַוועגונג?

אין די פאַרייניקטע שטאַטן הויבט זיך איצט אָן אַ דיסקוסיע אַרום דער פראַגע, צי ציוניזם מיינט עליה אָדער ניט. ווער וועט טראָגן דעם געדאַנק פון עליה צווישן די ברייטע קרייזן פון די אידן אין אַמעריקע, אויב מיר וועלן דאָרטן נישט האָבן אַ פּאָליטישע, גוט אָרגאַניזירטע, שטאַרקע ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, מיט מיטלען און מעגלעכקייטן, מיט שוואונג און טעטיקייט־ און פאַרווירקלעכונגס־ווילן ?

אַ סך מאָל איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי מיר האָבן געקענט פאַר־קוקן אַזעלכע עלעמענטאַרע זאַכן, ווי אַזוי האָבן מיר געקענט ברענגען דערצו, אַז די ענינים פון אונזער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער אין חוץ־לאַרץ, זאָלן אַזוי ווערן פאַרנאַכלעסיקט ?

אַ סך כוחות זיינען באַהאַלטן אין אונזער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין די אַנדערע לענדער. צענדליקער טויזנטער וואַרטן אויף אַ דערמוטיקונג פון דער באַוועגונג אין לאַנד. אונזער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געמאַכט געוויסע אָנשטרענגונגען אין די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר — און פילע פון דער אידישער אינטעליגענץ און פון אַנדערע קרייזן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אירע שורות. אָבער כדי די באַ־וועגונג זאָל קענען אויפנעמען ברייטע שיכטן און באַדייטנדיק פאַרברייטערן איר ראַם, פאָדערן זיך אַ ריי תנאים, און צווישן זיי די שאַפונג פון אַ פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע־ראַם פון דער באַוועגונג ; אַ צילקלאָרער אידע־אישער אינהאַלט, ציוניסטישער פאַרווירקלעכונגס־ווילן און טעגלעכע ארץ־ישראל־טעטיקייט. און דאָס פאָדערט — די הדרכה און איניציאַטיוו פון ישראל און אויך מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו פירן די אַרבעט. מיר טאָרן עס נישט פאַרגעסן.

אויך דער פאַקט, וואָס מיר זיינען שטאַרק פאַריאָגט און פאַרמאַטערט קען נישט באַרעכטיקן קיין ווייטערדיקע פאַרנאַכלעסיקונג. מיר אין ארץ־ישראל דאַרפן די הילף און מיטאַרבעט פון דער באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ — די באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ, פון איר זייט, מוז האָבן אונזער הילף, זי זאָל קענען עקזיסטירן און אַדורכפירן אירע אויפגאַבן.

און די שעה דרענגט.

(יאַנואַר, 1950)

וואָס פירט צום קריזיס?

א

דער קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט אָן אַ ספק טיפערע סיבות. עס איז טיילווייז אַ קריזיס, וואָס מען האָט אים אַריינגע־טראָגן אין דער באַוועגונג פון אויבן און בכוונה, אָדער נישט בכוונה, געלענקט אים אין אַ באַשטימטער ריכטונג, צו אַ מכלומרשטן קאָנפליקט מיט מדינת ישראל. עס איז קודם־כל אַ קריזיס פונם ציוניסטישן אַקטיוו; אַ קריזיס פון די אָנפירנדיקע מענטשן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. נעמט, למשל, די ברייטע ליטעראַטור וועגן דער פראַגע, רעדט זיך דאָרטן בדרך כלל וועגן פאָרמעלע ענינים: ווי אַזוי דאַרפן זיין פאַרטיילט די קאָמפּעטענצן צווישן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער ישראל־רעגירונג; וועלכע אויפגאַבן און אַרבעטן דאַרפן געהערן צו דעם און וועלכע צום אַנדערן צד; פראַגן פון רעכט פון. אַריינמישונג פון איין צד אין די ענינים פון אַ כלומרשטן צווייטן צד; ווער דאַרף רעפּרעזענטירן און רעדן אין נאָמען פון אונזער אויפבוי־ווערק וכו׳ וכו׳. און ביי די מערסטע שריי־בער און רעדנער קומט אויס, אַז בעצם איז די מדינה שולדיק אין דעם קריזיס.

אָן דער מינדסטער כוונה, חלילה, גרינגצושעצן די וויכטיקייט פון די אַלע פראַגן — און אָן אַ ספק דאַרף מען זיי אַלע ערנסט באַהאַנדלען און זוכן פאַר זיי אַ לייזונג—מוז אָבער יעדער איינער פרעגן: זיינען דאָס טאַקע די ענינים, וואָס האָבן אַרויסגערופן אומרואיקייט, געשפּאַנטקייט און קריזיס־שטימונג צווישן די ציון־טרייע מאַסן אין חוץ־לארץ? צי זיינען דען דאָס די ענינים, וואָס באַשעפטיקן זיי אין איצטיקן מאָמענט און באַשטימען זייער באַציאונג צו מדינת ישראל? באַווייזט דען נישט דאָס אָוועקשטעלן אין דער ערשטע ריי די פאָרמעלע קאָמפּעטענץ־פראַגן, אַז פון איין זייט ווערט דאָ עפּעס נישט דערזאָגט און פון דער אַנדערער זייט זיינען פאַראַן גאָר אַנדערע כוונות. אויב מען זאָל אפילו אָננעמען, אַז עס איז נישטאָ קיין זייטיקע כוונות, מוז דאָך דער עצם פאַקט, וואָס בראש פון ציוניסטישן וויכוח און אַלס גורם פון אַלע אינערלעכע שוועריקייטן ווערט אַוועקגעשטעלט די קאָמ־

פּעטענצן־פראַגע, פירן דערצו, ציוניסטן אין חוץ־לארץ זאָלן באַקומען דעם רושם, אַז די מדינה און די ציוניסטישע באַוועגונג האָבן קעגנזײַטלעכע אויפגאַבן און צילן.

ב

די אויפריכטונג פון מדינת ישראל האָט פאַר יעדן באַוואוסטזיניקן ציוניסט אין חוץ־לארץ אַוועקגעשטעלט די קאָנקרעטע פראַגע מכוח זיין פערזענלעכן אָנטייל אין דעם גרויסן געשעעניש. ערשט רעכט איז די פראַגע אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר יעדן אַקטיוו־טעטיקן ציוניסט. די עצם עק־זיסטענץ פון דער מדינה פאָדערט פון אים אַ קלאָרן ענטפער. און די פראַגע איז: ווען, ווי־אַזוי, קלערט ער, דער אַקטיווער ציוניסט, ער און זיינע אָנגעהעריקע, זיך פערזענלעך צו פאַרבינדן מיט זיין אויסגעבענקטער מדינה? קיינער קען זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון דער פראַגע און יעדן איינעם מאַטערט דאָס געוויסן, אויב ער קען אויף איר נישט געבן קיין קלאָרע תשובה. ווייל עס איז כמעט נישטאָ קיין ציוניסט, וואָס זאָל נישט וויסן טיף אין האַרצן וואָסער תשובה ער איז מחוייב צו געבן.

דאָס איז דער שורש פון דער אומרואיקייט און פון דער געשפּאַנטקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער פאַקט, וואָס די באַוועגונג אַלס אַזעלכע האָט נאָך נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרגרעסערט די צעטומלונג פונם יחיד און פירט צום קריזיס.

עס איז פאַר מיר קיין ספק נישט, אַז אויב דער ציוניסטישער קאָנגרעס וואָלט פאַרגעקומען צו דער רעכטער צייט — פרילינג 1949, און מיר וואָלטן אויף אָט דער האַרבער, אָבער זייער פשוטער, פראַגע געגעבן דעם קלאָרן, האַרבן, אָבער פאַר אַ ציוניסט פשוטן, זעלבסטפאַרשטענדלעכן ענטפער: ציוניזם מיינט קיבוץ גלויות, זיין אַ ציוניסט מיינט שטרעבן צו קומען אין לאַנד, און וואָס גיכער, — וואָלטן מיר אויסגעמיטן אַ סך אַ סך פון דער היינטיקער צעמישונג. עס איז אין פרילינג 1949 געווען אַ סך לייכטער צו באַקומען דעם פשוטן ענטפער ווי היינט־צו־טאָג, און אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט זיין נאָך שווערער.

באַלד נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה איז דאָס געווען דאָס נאַטירלעכע געפיל ביי זייער אַ סך. וואָס מער צייט עס פאַרגייט, אַלץ מער באַמיט מען זיך איינרעדן דעם ציוניסטישן עולם, אַז ציוניזם איז נישט דוקא אידענטיש מיט קיבוץ גלויות, מיט דער פערזענלעכער שטרעבונג צו קומען לעבן אין דער אידישער מדינה. און אַ טייל פונם ציוניסטישן עולם,

וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן אַנטשלאָסן און האָט נאָך מורא צו קומען, צוליב אַ סך סיבות, הויבט אָן צו קלערן — אפשר איז דאָס טאַקע נישט קיין מוז? און וואָס מער צייט עס פאַרגייט, אַלץ מער הויבט ער זיך אָן דאָס איינצורעדן; ווייל אַזוי איז אים טאַקע אין מאָמענט באַקוועמער. אָבער דאָס געוויסן גיט אים דאָך נישט קיין רו, וואָרים אויב נישט קומען אין דער אידישער מדינה, אין וואָס אייגנטלעך דריקט זיך איצט אויס זיין ציוניזם? ליב האָבן די אידישע מדינה — האָבן ליב אַלע אידן; געבן געלט פאַר ארץ־ישראל — גיבן איצט די מערסטע אידן. וואָס־זשע איז זיין באַזונדער זכות אַלס ציוניסט, פאַרוואָס פאָדערט מען פאַר אים ספּעציעלע רעכט, צו וואָס דאַרף מען אַ באַזונדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע? און זיין צעטומלעניש ווערט גרעסער.

ג

ווערט מען דערויף ענטפערן: די אידישע ווירקלעכקייט איז איצט אַזעלכע, אַז אידן, וועלכע לעבן אין פרייע לענדער און געניסן פון עקאָנאָמישן וואויל־זיין, ווילן נישט עולה זיין. אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וויל עקזיסטירן, מוז זי דערמיט שלום מאַכן. וויסן מיר עס זייער גוט, מיר זאָגן אָבער, אַז מען טאָר דערמיט נישט שלום מאַכן. מיר וויסן אויך זייער גוט, אַז אַפילו ווען מיר וועלן איצט אָנעמען דעם פאַרפליכטנדיקן פּרינציפּ: ציוניזם מיינט קיבוץ גלויות און דאָס איז מחייב יעדן ציוניסט — מיינט עס נאָך נישט, אַז מאָרגן הויבט זיך אָן די מאַסן־עליה פון מערב־אייראָפּע און פון די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער. מיר וויסן גוט, אַז דאָס איז אַ געניוג לאַנגער פּראָצעס און וועט ביי אַ נאָרמאַלער סיטואַציע נאָך נעמען אַ סך, אַ סך יאָרן. די פראַגע איז אָבער וואָס ווילן און צו וואָס שטרעבן ציוניסטן. וואָס איז היינט־צו־טאָג, נאָך דער אויפריכטונג פון מדינת ישראל, דער אונטערשייד צווישן אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און סתם אַ איד (דאָ רעדט זיך נישט וועגן אַנטי־ציוניסטן און משומדים־להכעיס). ד״ר ש. מאַרגאָשעס, אַ ציוניסטישער וועטעראַן און מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועלכער פּאָפּולאַריזירט די געדאַנקן־גענג פון די אַלגעמיין־ציוניסטישע פירער אין צפון־אַמעריקע שרייבט: „שוין אין די צייטן פון בית שני האָט די צאָל (געמיינט אידן — מ. ג.) אין די אידישע קהילות אויסער ארץ־ישראל איבערגעשטיגן די צאָל אידן אין אידישן היימלאַנד. עס קען זיין, אַז דערדאָזיקער היסטאָרישער פּראָצעס וועט אַמאָל דערגיין צו אַ סוף;

עס איז שווער היינטיקע צייטן צו זאָגן נביאות, און עס קען זיין, אַז די געשיכטע האָט באַשערט, אַז מיר זאָלן שוין אויף אייביק פאַרבלייבן אַ וועלט־פאָלק". איז דאָס היינט־צו־טאָג אונזער ציוניסטישע שטרעבונג ? איז דאָך נויטיק, איידער מען פאָדערט פון מדינת ישראל באַזונדערע רעכט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג (און מען מעג און מען דאַרף פאָדערן געוויסע רעכט), און מען איז ברוגז פאַרוואָס דאָס איז נאָך נישט געשען — איז דאָך נויטיק פריער צו געבן אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע : וואָס זיינען די באַזונדערע התחייבותן, וועלכע פאַרפליכטן אַן אָרגאַניזירטן ציוניסט ; וועלכע באַזונדערע מצוות נעמט ער אויף זיך, מצוות וועלכע טיילן אים אויס לזכות פון אַנדערע אידן, לגבי ארץ־ישראל, און דעריבער באַרעכטיקן זיי אים צו מער רעכט אין פאַרגלייך צו אַנדערע אידן.

זיין אַ ציוניסט מיינט היינט, אַזוי שטעלן מיר זיך פאָר, דאָס שטרעבן צו פערזענלעכער אידענטיפיצירונג מיט דער אידישער מדינה, ווייל די ציוניסטישע טאָט ווערט פאַרווירקלעכט אין און דורך דער מדינה. דאָס וואָס די קאָמיסיע פון די ציוניסטישע פאַרטייען אין צפון־אַמעריקע האָט פאָרמולירט אַלס די ציוניסטישע שטרעבונג נאָך דער אויפריכטונג פון דער אידישער מדינה, דריקט עס נישט אויס. דאָרט ווערט געזאָגט (ציטירט לויט אַ באַריכט פון מ. מעדזיני אין „הארץ") : דערמוטיקן די עליה אין מדינת ישראל מצד אַלע אידן וועלכע ווילן עולה זיין און דאַרטן לעבן און זיי צוגרייטן צום איינלעבן זיך אין דער מדינה". דאָרט ווערט נישט געזאָגט וועגן דעם, אַז די אויפגאַבע און די פליכט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז, אַלע אידן זאָלן וועלן עולה זיין.

אַפילו דער בירגערלעכער „הארץ", וועלכער פאַרטיידיקט בדרך־כלל די אַלגעמיינע־ציוניסטן אין אַמעריקע שרייבט אין דער פראַגע : „אַ ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט נישט דעם מוט צו רעדן וועגן עליה, נאָר רעדט וועגן דערמוטיקן די עליה פון אַנדערע אידן, דאָס מיינט פון אידן, וועלכע זיינען געצוואונגען צו אַנטלויפן פון די לענדער פון אונטערדריקונג ; אַ פילאַנטראָפּישע באַוועגונג, וועלכע באַנוגנט זיך דערמיט וואָס זי זאַמלט געלט און גיט עס איבער מענטשן, וועלכע זיצן שוין צענדליקער יאָרן אין לאַנד — קען זי דען דערוואַרטן, אַז די מדינה וועט זיין גרייט איר צו געבן אַ באַזונדערן געזעצלעכן סטאַטוס ?" (לייט־אַרטיקל פונם 16־טן יאַנואַר 1950).

מיר ווייסן זייער גוט, אַז נישט יעדער ציוניסט וועט און קען שוין מאָרגן עולה זיין. אָבער קודם־כל מוזן מיר דאָך וויסן וואָס איז זיין

איינשטעלונג און גרייטקייט צו עליה — הייַנט, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, זיין פסיכאָלאָגישע, פאַכלעכע צוגרייטונג דערצו; די צוגרייטונג פון זיינע בני־בית און די דערציאונג פון זיינע קינדער צו אָט דער שטרעבונג. דאָס פאָדערט אַ פולשטענדיקע גייסטיקע רעוואָלוציע, אויך ווען מען פאַרבלייבט צוליב די אָדער אַנדערע סיבות נאָך אַ געוויסע צייט אין חוץ־לארץ. דאָס וועט מען נישט דערגרייכן מיט האַלבע ווערטער און אויסמיידנדיקע פאָרמולירונגען.

ד

דעם ווירקלעכן שורש פון טיפן קריזיס וויל מען פאַרדעקן מיט כל מיני פאַרמעלע פלפולים און פאַרוואַנדלען אים אין אַ מכלומרשטן קאָנפליקט צווישן דער ישראל־רעגירונג און דעם אידישן פאָלק (אין דער געשטאַלט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע) אין חוץ־לארץ. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן ווי טיף איז די גייסטיקע צעטומלונג, וועלכע די אַלגעמיין־ציוניסטן האָבן אַריינגעטראָגן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג מיט זייערע פירושים וואָס עס מיינט ביים היינטיקן טאָג ציוניזם, נאָך איידער וועלכע עס איז קאָמפּעטענטע ציוניסטישע וועלט־אינסטאַנץ האָט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. אָבער נישט קלענער איז דער כאַאָס, וועלכן זיי טראָגן אַריין אינם אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

„וואָלן צום קאָנגרעס (ציוניסטישן) זיינען אינגאַנצן אומנויטיק און מיר וועלן זיך באַמיען נישט צו דערלאָזן צו וואַלן... מיר ווילן דאָס נישט און מיר ברויכן דאָס נישט". אַזוי דערקלערט קורץ און שאַרף די פאַרדינסטפולע און פּראָגרעסיווע חברה פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע פּרוי ראָוז האַלפּערן, אין נאָמען פון ציוניסטן אין צפון־אַמעריקע („ציוניסטישע שטימע", פּאַריז). ווי אַזוי זאָל מען באַשטימען די פאָרשטייער אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס און אָפּהיטן זייער פּרעסטיזש און דעם דעמאָקראַטישן פאָלקס־כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דאָס זאָגט אונז נישט פרוי ראָוז האַלפּערן. די קעגנערשאַפט פון פרוי ראָוז האַלפּערן און אירע חברים צו וואַלן, נעמט זיך מן־הסתם פון דעם ווילן אויסצומיידן, לויט זייער מיינונג, אומנויטיקן „טראַבעל", רעש און הוצאות. און אפשר איז דאָס מאָל נאָך צוגעקומען דער חשש, אַז בעת וואַלן וועט דאָך פאָרקומען אַן עפנטלעכער און שאַרפער וויכוח אויך וועגן דעם, וואָס איז היינט־צו־טאָג דער פירוש פון ציוניזם, און עס קען זיך נאָך אַרויסשטעלן, אַז אין דער

פראַגע האָבן אַ סך פון די אין וועמענס נאָמען פרוי האַלפּערן און ד״ר מארגאָשעס און אַנדערע גיבן אָפּ קאָמפּעטענטע דערקלערונגען, אַ גאָר אַנדערע מיינונג ווי די אָפּיציעלע פירער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. אָבער ביז וואָס־ווער־וועט ברענגען די דאָזיקע דערקלערונגען אַריין אַ כאָאָס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

קאָנגרעס־וואַלן — נישט, איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — נישט, החלוץ, הכשרה, עליה־פאַרפליכטונג — נישט, — וואָס־זשע וועט זיין די צוציאונגס־קראַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איר אַטראַקציע פאַר דער יוגנט, איר באַזונדערקייט אין פאַרגלייך מיט אַנדערע אידישע באַוועגונגען, איר רעוואָלוציאָנערע ראָל אינם אידישן לעבן? איז אַ וואונדער, אַז דאָס דערפירט צו אַ טיפן קריזיס?

ה

מיר זיינען אין חוץ־לארץ עדות פון אַ ווילדער, העסלעכער קאָמפּאַניע קעגן דער ישראל־רעגירונג, קעגן אירע מענטשן און קעגן דער פּאַרטיי, וואָס טראָגט אין לאַנד די הויפּט־לאַסט. וואָס דאַרף ביי אַזאַ לאַגע זיין די אויפגאַבע פון דער גרעסטער ציוניסטישער פּאַרטיי? אָפּשטעלן דעם דאָזיקן פאַר דער מדינה שעדיקנדיקן, ליגנערישן סם. אָבער נישטאָ קיין סימן דערפון. אָט ליגט פאַר אונז אַן אַרטיקל — איינער פון אומציילִיקע — פון משה וואלדמאַן, אַמאָל אַ רעדאַקטאָר פון דער טראַדיציע־רייכער, געאַכטעטער „אידישער רונדשוי״ אין בערלין. היינט שרייבט ער אין דער „ציוניסטישער שטימע״ אין פּאַריז: „מיר וואַגן צו באַהויפּטן, אַז אין ישראל זיינען אַלע די, וואָס באַלאַנגען צו דער מפא״י, נישט אומאָפּהענגיק אין זייער אָפּשטימונג ביי וואַלן. מיר גייען ווייטער און זאָגן, אַז צענער טויזנטער ווילער אין ישראל, וואָס זיינען אַפילו נישט קיין מיטגלידער פון מפא״י, זיינען געצוואונגען צו שטימען פאַר דער מפא״י, ווייל זיי האָבן נישט די עקאָנאָמישע פרייהייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם געוואַלטיקן ווירטשאַפטס־אַפּאַראַט פון דער הסתדרות, וועלכע ווערט באַהערשט דורך דער מפא״י. און דער פועל־יוצא איז, אַז מיר האָבן אין דער אידישער מדינה נישט קיין דעמאָקראַטישע רעגירונג נאָר אַ דיקטאַטור פונם פּאָליט־ביוראָ אין רויטן הויז אין רחוב אלנבי״.* דער דאָזיקער ניבול־פה איז ליידער היינט־צו־טאָג דער הערשנדיקער טאָן אין דער אַלגעמיין ציוניסטישער פּרעסע אין חוץ־לארץ.

* אין יענער צייט איז אויף רח׳ אלנבי געווען דער ועד הפועל פון דער הסתדרות.

קען דאָס געבן געזונט, ענטוזיאזם און טריישאַפט פאַר דער אידישער מדינה? קען עקזיסטירן אַ ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס איר אויפקלערונג מיינט באַשמוצן די מענטשן פון דער אידישער רעגירונג?

ו

כדי אָפּצושאַצן די שטימונג פון קריזיס־און שפּאַנונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פאָדערט זיך קודם־כל צו באַשטימען פאַר איר אַ קלאָרן וועג. מיר זיינען נישט זיכער צי ביי די היינטיקע כוחות־פאַרהעלטענישן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועט דאָס שוין זיין מעגלעך ביי דער באַווסטער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין חודש אַפּריל. דאָס לייגט אַרויף אויף אונזער באַוועגונג די פליכט צו קומען אַליין מיט אַזאַ קלאָרן וועג פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער עפנטלעכקייט. לאָמיר זיך נישט אָפּשטעלן פאַר דער טענה, אַז דאָס וועט עמעצן אָפּשרעקן. געווען צייטן, אַז גאָר אַ סך פון אונזערע לאָזונגען און פאָדערונגען, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן דער שטאָלץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָבן אין דער ערשטער צייט עמעצן אָפּגעשראָקן. האָט דאָך נאָך אין יאָר 1939 אַפילו ד״ר סילווער מורא געהאַט פאַר דער אומלעגאַלער עליה. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט און האָבן מיט אונזער מוטיקער, אָפענער האַנדלונג, מיטגעריסן די ציוניסטישע באַוועגונג. אויך אַ סך אידן אין פוילן האָבן אַמאָל נישט געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן גיין אין הכשרה־קיבוצים און עולה־זיין. און פיל אידן אין דייטשלאַנד אוודאי נישט (זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז דאָך בשעתו נישט געווען ערגער ווי פון די אידן אין אַמעריקע). האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט צוליב דער אומפּאָפּולאַריטעט פון דער עליה־פאָדערונג אין יענע טעג?

אַ פאַרבאַדינג דערצו איז, אַז אונזער אייגענע באַוועגונג זאָל געבנוג שטאַרק זיין. ווער עס פאַרגעסט דאָס אָדער פאַרשטייט דאָס נישט, דער ברענגט אַ גרויסן שאָדן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אונזער מדינה.

(פעברואַר 1950)

כינוס פון איחוד עולמי אין צופית *

א.

עפענונגס־ווערטער

צענדליקער טויזנטער חברים אין דער גאַרער וועלט באַגלייטן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג און מיט אַ סך דערוואַרטונגען אונזערע באַראַטונגען — די באַראַטונגען פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג — פונעם איחוד עולמי, פּועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות. און נישט נאָר חברים פון אונזער באַוועגונג. פיל טויזנטער, אויך אויסער אונזערע רייען, ווילן הערן אין דער איצטיקער אַזוי ערנסטער און אַנטשיי־דנדיקער שעה פאַרן ציוניזם און פאַר מדינת ישראל, וואָס עס דענקט און פּלאַנט די רעוואָלוציאָנערע פאַרווירקלעכונגס־באַוועגונג אין ביי־צייטיקן אידישן לעבן. אויך פאַר זיי איז אונזער באַוועגונג אַ וויכטיקער גייסטיקער אַנלען און וועגווייזער אין שווערע שעהן פון אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער אומקלאָרקייט.

אין אַ חודש אַרום וועלן מיר צום צווייטן מאָל פייערן דעם טאָג פון ווידער אויפריכטן אונזער מדינה. הגם מיר האָבן זיך זייער גיך צוגעוואוינט צו זען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך אין דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן אַן אייגענע מדינה און מיר לעבן אין איר אין דער פולסטער און אַבסאָלוטער זעלבשטענדיקייט (צום גוטן געוואוינט מען זיך שנעל) — שטייען מיר דאָך נאָך אַלע אונטער דעם איינדרוק פון דעם געוואַלדיקן נס פון איר אַנטשטייאונג, פון איר זיגרייך אָפּשטויסן די פיינטלעכע אָנפאַלן און באַשטי־מונג פון אירע גרעניצן; פון איר עקאָנאָמישער שטאַנדהאַפטיקייט. און צום סוף, פון דעם גרעסטן נס פון אַלע נסים—וואָס אין משך פון קנאַפּע צוויי יאָר זיינען געקומען אין לאַנד איבער 400 טויזנט אידן. אָבער גראָד ביים העכסטן פונקט פון אונזערע דערגרייכונגען און דערפילונג פון אונזערע פאַרבאָרגנסטע חלומות, זיינען מיר שטאַרק באַאומרואיקט

---

* 13—11 אַפּריל 1950

פון די צייכנס פון אַ שווערן קריזיס, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער אומזיכערקייט און אומקלאָרקייט, וועלכע הערשט אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ.

דער אויסזען און דער מהות פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג ווערן אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט דורך דעם כוח און דעם איינפלוס פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין איר. נישט איינמאָל האָבן מיר געזען אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן, אַז אין אַ שווערער שעה פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין אַ צייט פון פאַרווירונג און חילוקי־דעות, זיינען אַלעמענס אויגן געווענדעט צו אונזער באַוועגונג — וואָס וועט זי זאָגן, וואָס וועט זי טאָן, וואָס פאַר אַ וועג וועט זי ווייזן, כדי אַרויסצוגיין פון קריזיס. אויך היינט שטייען מיר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַן ערנסטער לאַגע, ווען עס איז נויטיק פונדאַסניי אויסצופרואוון די כלים און די וועגן, זיי צו באַנייען און צוצופאַסן צו דער ווירקלעכקייט, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך דער אויפריכטונג פון דער מדינה; צופאַסן זיי צו די קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן וואָס די אויפריכטונג פון דער מדינה האָט געגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג און זיינען ביז איצט נישט אויסגענוצט געוואָרן אין אַ גענוגנדיקער מאָס.

עס האָט געדויערט אַ געוויסע צייט ביז מיר האָבן אַליין געקענט פאַרשטיין און געהאַט דעם מוט צו פאָרמולירן די סיבות פון דער אומקלאָר־קייט, אויב נישט צו זאָגן פאַרווירונג. פיל פון אונז האַלטן, אַז דער שורש דערפון ליגט אין דעם פאַקט, וואָס די אידישע מאַסן אין די לענדער, מיט וועלכע מיר קענען אָנהאַלטן אַ פרייען, אומבאַגרעניצטן קאָנטאַקט און זיי זיינען פולשטענדיק פריי אַליין צו באַשטימען וועגן זייער גורל — און אָט דעם טייל פון אונזער פאָלק אין חוץ־לארץ — איז נאָך נישט דורכ־געדרונגען די דערקענטעניש, אַז ביים היינטיקן טאָג, נאָך דער אויפריכטונג פון אונזער מדינה, איז די דרינגענדיקסטע אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון יעדן ציוניסט — קיבוץ גלויות. אַז דאָס איז איצט נישט מער קיין פראַגע פון טעאָרעטישער אויפקלערונג און פון סימפּאַטיע און פון רעזאָלוציעס — נאָר פון פאַרווירקלעכונג, און פון דעם טעמפּאָ פון פאַר־ווירקלעכונג. די שוועריקייט פון דעם פּראָבלעם נעמט זיך נאָך דערפון, וואָס עס רעדט זיך דאָ נישט וועגן אַ קליינעם קרייז, וועגן אַ געשלאָסענער גרופּע פון עטלעכע טויזנט חלוצים אָדער סתם אידן, גרייטע צו עליה, נאָר וועגן דער גרויסער ציוניסטישער פאָלקס־באַוועגונג, מיט אירע פיל

הונדערטער טויזנטער מיטגלידער און אָנהענגער, וועלכע דאַרף מיטרייסן מיט זיך די אַנדערע טיילן פון פאָלק.

די פראַגע — וואָס איז היינט ציוניזם און בעיקר וואָס זיינען די באַזונדערע פליכטן וועלכע ליגן היינט אויף יעדן ציוניסט אין די תפוצות — איז נישט קיין לייכטע פראַגע. אָבער נישט געקוקט אויף איר גאַנצער קאָמפּליצירטקייט מוז דער ענטפער זיין אַ קלאָרער און גוט פאַרשטענדלעכער פאַר יעדן אידן און בפרט פאַר יעדן ציוניסט. מיר זיינען אַריין אין אַ תקופה, וועלכע האָט געגעבן די ווערטער קיבוץ גלויות אַ לעבעדיקן, ממשותדיקן און אַקטועלן אינהאַלט. קיבוץ גלויות איז מער נישט קיין ענין פאַר משיחס צייטן. פון דער אַנדערער זייט שטייען מיר אָבער פאַר דעם פאַקט, אַז די גרויסע מערהייט פונם פאָלק אין די תפוצות, מיט וועלכער מיר קענען שטיין אין אַ פרייען קאָנטאַקט און וועלכע קען אַליין באַשטימען איר גורל — האָט נאָך נישט דאָס געפיל פון נויטווענדיקייט פון קיבוץ גלויות. דאָס זיינען די וואָרצלען פונם קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. און די פראַגע וועלכע עגבערט אין אונזער אַלעמענס מוחות איז — ווי אַזוי צו ענדערן די לאַגע נישט ענדערנדיק דעם כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַלס פאָלקסטימלעכע מאַסן־באַוועגונג.

יעדער פון אונז ווייסט די שוועריקייט פון דער פּראָבלעם. ער ווייסט אָבער אויך, אַז מיר מוזן געפינען אַ קלאָרן ענטפער. דוקא מיר, די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג,—ווייל מיר האָבן דערביי נישט פיל צו דערוואַרטן פון אַנדערע פאַרטייען און גרופּן. מיט דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע — און עס איז די ערשטע אויפגאַבע פון אונזער צוזאַמענפאָר צו געבן דעם ענטפער — וועט שוין זיין אַ סך לייכטער צו פאָרמולירן די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ביים היינטיקן טאָג, אירע קאָמפּעטענצן, טעטיקייט־געביטן; איר איינגלידערונג אין די טעטיקייט־געביטן פון דער מדינה; דער אופן פון פאַרבינדונג פון דער מדינה מיט דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

נישט צופעליק האָבן מיר פאָרגעשלאָגן פאַר אונזער איצטיקן כינוס פון איחוד עולמי צו באַהאַנדלען צוויי פראַגן־קאָמפּלעקסן: א) די ציוניסטישע באַוועגונג אין דער תקופה פונם אויפבוי פון דער מדינה; ב) אונזער אייגענע באַוועגונג. ווייל פון דעם כוח פון אונזער באַוועגונג איז אַ סך אָפּהענגיק ווי עס וועט אויסזען די ציוניסטישע באַוועגונג בכלל. די אָנטיילנעמער פון אונזער באַראַטונג מוזן אין פאָרויס וויסן, אַז די בעסטע לייזונג אין דער ערשטער פראַגע וועט אין ממשותדיקן לעבן זיין ווערטלאָז און נישט האָבן

קיין גרויסע באַדייטונג, אויב מיר וועלן גלייכצייטיק נישט פאַרזיכערן דעם כוח און די אַרבעטס־מעגלעכקייט פון אונזער אייגענער באַוועגונג. מיר האָבן אויף דעם געביט אַ סך געזינדיקט און עס האָט נישט קיין צוועק צו באַהאַלטן, אַז מיר האָבן געמאַכט פעלערן. פיל פון אונז האָבן נישט דער־שאַצט די אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פון אונזער אייגענער פאַרטיי, פון אירע אייגענע אָרגאַניזאַציאָנעלע און דערציערישע אינסטרומענטן. די ערשטע האָט עס פאַרשטאַנען אונזער פאַרטיי אין לאַנד, מפלגת פועלי א״י, און מיר זיינען עדות דערפון, אַז איר רוף צו די אידישע אַרבעטער און צו די נייע עולים אין לאַנד האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג. פינף און זיבעציק טויזנט אָרגאַניזירטע פאַרטיי־מיטגלידער אין לאַנד * זיינען אַן אייזערנער שוץ־גאַרטל פאַר דער מדינה און פאַר דער הסתדרות. עס איז נישטאָ קיין שום גרונד און קיין שום באַרעכטיקונג פאַרוואָס מיר זאָלן נישט באַווייזן אין אַ גלייכער מאָס צו דעראָבערן אין חוץ־לארץ ברייטע אידישע קרייזן און אידישע יוגנט פאַר אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונגס־טאַט. אַ גאַנצער אוצר פון צוטרוי און פאַרערונג פאַר אונזער באוועגונג און פאַר אירע מענטשן גייט דאָרטן פאַרלוירן, ווייל מיר באַווייזן נישט אָפן און קלאָר צו קומען צו וואָס מער אידן, צו דער אידישער יוגנט מיטן וואָרט פון דער פאַרטיי, מיטן גאַנצן אמת פון דער אייגענער באַוועגונג, אין אַ צייט ווען כמעט אַלע אַנדערע אַלגעמיין־ציוניסטישע און אַרבעטער־ציוניסטישע ריכטונגען זעען פאַר זיך איצט איין איינציקע דאגה — ווי אַזוי צו „באַלויכטן" (דאָס הייסט, פעלשן) די ווירקלעכקייט אין לאַנד, אויב דאָס קען נאָר, לויט זייער מיינונג, ברענגען שאָדן אונזער באַוועגונג.

מיר מוזן באַנייען און פאַרשטאַרקן די כלים פון אונזער באַוועגונג; פעסטשטעלן דעם שווערפונקט פון אונזערע אָנשטרענגונגען; מער און טיפער אַריינדרינגען אין די רייען פון דער יוגנט; אויסבילדן גרויסע חלוצישע קאַדרען; אַוועקשטעלן די פערזענלעכע פאַרבינדונג פון יעדן איינעם פון אונז און פון די אידישע מאַסן און דער אידישער יוגנט מיט דער רעאַליזירונג פון קיבוץ גלויות — אַלס אַ קאָנקרעטע דרינגענדיקע אויפגאַבע פאַר היינט. מיר האָבן אין די לעצטע יאָרן באַקומען אין דער באַוועגונג אַ וויכטיקן צווואוקס, אונזער פרויען באַוועגונג. זי איז אויס־געוואַקסן כמעט אין אַלע לענדער. מוזן מיר זי פלעגן און פאַרשטאַרקען.

---

* אַנהויב 1954 האָט מפלגת פועלי א״י געציילט איבער 130.000 מיטגלידער.

*

מיר האָבן היינט אַ צאָלרייכן צוזאַמענפאָר — וויכטיקע דעלעגאַציעס פון אַ סך לענדער, פון צפון־אַמעריקע און קאַנאַדע, פון דרום־אַמעריקע, דרום־ און צפון־אַפריקע, פון די מערב־אייראָפעאישע לענדער, פון סקאַנדינאַוויע. מיר באַגריסן אייך אַלע גאָר האַרציק, חברים דעלעגאַטן און געסט. מיר האַלטן אַפּ אונזער באַראַטונג אין לאַנד און עס איז גוט וואָס מיר האָבן צווישן זיך אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע פון אונזער ארץ־ישראל־פאַרטיי. פון די לענדער אין וועלכע עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון אונזער באַוועגונג, וועלכע זיינען נאָך מיט וויניקע יאָרן צוריק געווען דער הויפּט־מקור פון אונזער כוח — פון אָט די לענדער האָבן מיר איצטער נאָר וויניק דעלעגאַטן. מיר האָבן זיך שוין זינט אַ לענגערער צייט צוגעוואוינט דערצו, אַז עס פעלן צווישן אונז ביי די צוזאַמענפאָרן די דירעקטע שליחים פון סאָוויעט־רוסלאַנד. אָבער זייער אָפּוועזנהייט איז תמיד געווען פאַר אונז אַן אָפענע וואונד, הגם נישט תמיד האָבן מיר עס דערמאָנט. היינט־צו־טאָג איז דער קרייז פון די אָפּוועזנדיקע אויסגעברייטערט. נישט ווייל די חברים ווילן נישט קומען און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל קומען, נאָר ווייל זיי קענען נישט קומען.

*

מיר האָבן פאַר זיך עטלעכע טעג פון זייער אָנגעשטרענגטער, אינטענסיווער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. און די אכסניה אין וועלכער מיר פאַרזאַמלען זיך, בית בערל, איז מחייב צו ערנסטער, אָפנהאַרציקער, חברישער און פון אחריות־געטראָגענער באַראַטונג. לאָמיר זיך באַמיען ראוי צו זיין פאַר די גרויסע וויכטיקע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר אונז.

ב.

אַ קיבוץ גלויות בּאַראַטונג

(אויסצוגן פון אַ באַריכט פאַרן ראַדיאָ)

...עס איז געווען אַ צאָלרייכער און פילפאַרביקער צוזאַמענפאָר. וויכטיקע און דירעקטע דעלעגאַציעס פון אַ סך לענדער און קאָנטינענטן. קודם־כל, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסע דעלעגאַציע פון מפלגת פועלי א״י — מפא״י — די גרויסע פאַרטיי פון איחוד עולמי מיט אירע איבער 75 טויזנט אָרגאַניזירטע מיטגלידער אין ארץ ישראל; אַ גרויסע דעלעגאַציע פון צפון־אַמעריקע און קאַנאַדע, וועלכע האָט איינגעשלאָסן אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג — פאַרטיי, פאַרבאַנד, פרויען־פּיאָנערן, הבונים; דעלעגאַציעס

פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, פון דרום־אַפריקע, פון צפון־אַפריקע — טוניס, מאַראָקאָ, אַלזשיר, פון גרויס בריטאַניע און אַ ריי אייראָפּעאישע לענדער — פראַנקרייך, בעלגיע, שווייץ, סקאַנדינאַוויע, עסטרייך.

אַ גאָר דערפרייענדיקע און פּאָזיטיווע דערשיינונג ביי דעם איצטיקן כינוס פון איחוד עולמי, איז געווען די צאָלרייכע אָנוועזנהייט פון חברות, פון לאַנד, פון צפון־אַמעריקע און פון אַנדערע לענדער, און זייער אַקטיווער אָנטייל אין די באַראַטונגען. דאָס איז געווען אַן עדות פון דעם וויכטיקן אָרט, וואָס אונזערע פּרויען־אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמען אינם לעבן פון דער פּאַרטיי — פון דער באַוועגונג פון איחוד עולמי אין די מערסטע לענדער.

...די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ערנסטקייט און הויכן ניוואָ. אינם ערשטן טאָג פון די באַראַטונגען האָבן נאָך די עפענונגס־ווערטער רעפערירט די חברים ב. לאָקער און ד. בן־גוריון. דעמזעלבן אָוונט זיינען נאָך אויסגעהערט געוואָרן די אויספירונגען פון די חברים יוסף שפרינצאַק, אליעזר קאַפּלאַן, משה שרת און גאָלדע מאירסאָן, וועגן די פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין די בעקסטע טעג האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער פראַגע איבער פערציק חברים פון די לענדער, פון דער ארץ־ישראל־פּאַרטיי און אויך אונזערע חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין אַנדערע צענטראַלע אינסטיטוציעס.

די רעזאָלוציע אין דער פראַגע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. זי זאָגט צווישן אַנדערן: „אָרגאַניזירן דאָס אידישע פאָלק אין אַלע לענדער פאַר דער העכסטער און אומאויפהערלעכער אָנשטרענגונג, וועלכע איז נויטיק כדי דורכצופירן די שליחות פון קיבוץ גלויות; פלעגן דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פון פאָלק אין גלות, איינפלאַנצן אין אים די גייסטיקע אוצרות פון פאָלק און די ווערטן פון דער העברעאישער קולטור און שפּראַך און זיכערן די נאַציאָנאַלע דערציאונג פון יונגן דור; דערציען און צוגרייטן די אידישע פאָלקס־מאַסן צו עליה און די אידישע יוגנט אין גלות צו חלוצישער פאַרווירקלעכונג אין דער מדינה".

וואָס נוגע דער פּראַקטישער אַרבעט אין לאַנד אויפן געביט פון עליה און קאָלאָניזאַציע זאָגט די רעזאָלוציע, אַז זיי דאַרפן געמאַכט ווערן גע־מיינזאַם דורך די אינסטאַנצן פון דער מדינה און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אָט די רעזאָלוציע האָט שפּעטער געדינט אַלס וויכטיקער באַזיס ביי די פאַרהאַנדלונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיי כמעט אינגאַנצן אַקצעפּטירט. אַ דאַנק דעם איז קוים עטלעכע וואָכן נאָך

דער סעסיע פון א. ק. שוין געשאַפן געוואָרן אַ בשותפותע אינסטיטוציע פון דער רעגירונג און דער אידישער אַגענץ פאַר פלאַנירונג און אויספירונג פון עליה־אויפנעם און קאָלאָניזאַציע. די כנסת האָט באַשטעטיקט דעם אָפּמאַך און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ סוף צו די פוסטע רייד, אַז די ישראל־רעגירונג וויל מכלומרשט אָפּשוואַכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. עס איז נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די מדינה און ציוניזם איז איינס־און־דאָס־זעלבע.

ג.

עס פאָדערט זיך מער אויפמערקזאַמקייט

מיר האָבן אויך ביים איצטיקן וויכטיקן כינוס פון איחוד עולמי נישט געקענט ווידמען גענוג צייט, און דער עיקר, דעם בויטיקן געשפּאַנטן אינטערעס, פאַר די אינערלעכע ענינים פון דער אייגענער באַוועגונג אין די לענדער. די ערשטע פראַגע אויפן כינוס איז, פאַרשטייט זיך, געווען די פראַגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער תקופה פון דער אויפּריכטונג פון דער מדינה. אַרום דעם ענין איז געווען קאָנצענטרירט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. נאָך די געשפּאַנטע וויכוחים במשך עטלעכע טעג און נאָכדעם ווי מען האָט געפונען אין דער פראַגע אַן איינהייטלעכן ענטפער, איז דער צווייטער ענין — די פראַגע פון אונזער אייגענער באַוועגונג — שוין באַהאַנדלט געוואָרן אָן דער געוואונשענער שפּאַנונג, אונטער דעם דרוק פון מאַנגל אין צייט, אינמיטן אַנדערע באַראַטונגען. מיר האָבן זיך צום ווייפילטן מאָל אויפסניי איבערצייגט, אַז דער כלל פון „אין מערבבים שמחה בשמחה" איז גאָר שטאַרק חל אויף אונזערע אייגענע באַראַטונגען. דאָס איז גורם גאָר אַ סך שאָדן דער אייגענער באַוועגונג.

אָבער אויך פון דעם וואָס עס איז יאָ געזאָגט געוואָרן אין דער פראַגע, בעת דעם גרויסן וויכוח אַרום די ציוניסטישע פּראָבלעמען, און פון דעם ספּעציעלן וויכוח, וואָס איז געפירט געוואָרן וועגן די ענינים פון דער באַוועגונג ביי דער שלוס־זיצונג פון כינוס, איז קלאָר געוואָרן אַז די בויטווענדיקייט צו שענקען מער אויפמערקזאַמקייט און כוחות דער אייגענער באַוועגונג דרינגט אַריין וואָס מער אינם באַוואוסטזיין פון די חברים. עס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון אָנערקענען די וויכטיקייט פון דער באַוועגונג. מיר מוזן איצט אַלע קומען צו דער דערקענטעניש, אַז עס זיינען פאַראַן מאָמענטן ווען אירע אַקטיוויטעטן און איר אָרגאַניזאַציאָנעלע שטאַרקונג זיינען בילכער פון אַנדערע אַקטיוויטעטן. און מיר געפינען זיך איצט אין אַזאַ מאָמענט. אין יעדער תקופה איז פאַראַן אַ געוויסע צענטראַלע אויפגאַבע

וואָס איר מוז מען ווידמען די הויפּט־אָנשטרענגונג און די הויפּט־אויפ־מערקזאַמקייט, אויב נישט שוואַכט מען אָפּ אַנדערע אויפגאַבן און טעטיקייט־געביטן. די שטאַרקונג פון דער אייגענער באַוועגונג איז איצט פאַר אונז אַזאַ צענטראַלע אויפגאַבע. אויב מיר טוען עס נישט גלייך, און מיטן גאַנצן כוח, שוואַכן מיר אָפּ אונזער השפעה אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און די קאָנסעקווענצן דערפון פאַר דער ציוניסטישער טעטיקייט בכלל, פאַר דער צוקונפט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, זיינען עלול צו זיין גאָר פאַטאַלע. דאָס זעלבע בנוגע דעם אָפּהיטן און פלעגן די באַציאונג פון די אידישע מאַסן אין חוץ־לארץ לגבי דער מדינה. מיר זיינען איר געטרייער אָנלען און שותפים אָן תנאים אין דער אָנשטרענגונג זי צו שטאַרקן און זיכערן. מיר האָבן גובר געווען אַ סך שוועריקייטן אין לאַנד, נישט ווייניק אויך צוליב דעם, וואָס מיר האָבן באַצייטנס פאַרשטאַנען אויסצובילדן די פּאַרטיי אַלס אַ שטאַרקן אָנלען פאַר דער מדינה און פאַר דער הסתדרות. און עס וועט קיינער נישט קענען זאָגן, אַז מיר האָבן דערמיט נישט געבראַכט קיין גאָר גרויסן נוצן דעם כלל.

דאָס איז נישט ווייניקער חל כלפּי דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. זיכער קומט מען צו אונזערע חברים מיט אַ סך פאָדערונגען, אויך פון לאַנד, עס ליגן אויף זיי אַ סך פליכטן און גאָר אַ סך טעטיקייט־געביטן זיינען אָפּהענגיק פון זייער אָנשטרענגונג. און מיר דאַרפן עס נישט באַדויערן. אונזערע חברים דאַרפן טאַקע נעמען אויף זיך אַ פיל גרעסערן עול. אָבער איין זאַך טאָר מען נישט פאַרגעסן — זיי וועלן נישט קענען דערפילן די אַלע פליכטן בשלימות און ווי עס דאַרף צו זיין — אויך נישט לגבי די פאָדערונגען, וועלכע קומען פון לאַנד — אויב זיי וועלן קודם־כל נישט זאָרגן פאַר אַ גרינטלעכער און באַלדיקער שטאַרקונג פון דער אייגענער באַוועגונג. דאָס איז נוגע אַלע געביטן — אויך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דעם ענין פון מיטלען פאַר דער באַוועגונג.

ליידער זיינען מיר נישט געקומען צום באַהאַנדלען די באַזונדערע פראַגן פון אונזערע פּרויען־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אַנטוויקלען זיך גוט אין אַ גאַנצע ריי לענדער. מיר האָבן אויך נישט באַוויזן צו באַהאַנדלען די דרינגענדיקע פראַגע פון אונזער יוגנט־באַוועגונג, און דאָס איז זייער באַ־דויערלעך. מיר מוזן זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס זאָל זיך נישט איבערחזרן ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט און מיר מוזן אויך זאָרגן, אַז דידאָזיקע געלעגנהייט זאָל נישט צו לאַנג לאָזן וואַרטן אויף זיך.

(סוף אַפּריל 1950)

נישט ווער עס טוט — נאָר וואָס מען טוט *

מיר פירן דאָ אַ גאַר מאָדנעם וויכוח, אַקוראַט דאָס וואָלט געווען אַ וויכוח צווישן צוויי גרונט־פאַרשיידענע, אומאָפּהענגיקע אינסטאַנצן. איך בין זיכער, אַז די אידן וואָס מיר רעדן דאָ אין זייער נאָמען, פאַרשטייען נישט וואָס עס זיינען די גרונט־אונטערשיידן, וועגן וועלכע מיר זיינען זיך מתווכח; זיי פאַרשטייען נישט די דיסקוסיע וועגן די קאָמפּעטענצן, וואָס ווערן געפאָדערט פון דער ישראל־רעגירונג פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועגן רעפּרעזענטאַנץ אין אונ״אָ, וועגן אַ באַזונדערן „טשאַרטער" וכדומה. צי שפּיגלט זיך אָפּ אין דער דאָזיקער דיסקוסיע דער קריזיס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? נעמט צונויף אידישע מאַסן וואָס וואוינען אין פאַרשיידענע ערטער, צי אין ניו־יאָרק, צי אין מאָנטרעאַל, צי בוענאָס־איירעס, צי אין לאָנדאָן אָדער ערגיץ־וואו אַנדערש, און פרעגט זיי, צי די פּראָבלעמען וואָס זיינען דאָ אויפגעהויבן געוואָרן אינטערעסירן זיי, צי עס גייט זיי אין לעבן, אַז די אָדער יענע טעטיקייטן זאָלן ליגן דווקא אין די הענט פון דער ישראל־רעגירונג אָדער דווקא פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איך בין זיכער, אַז דער ענטפער וועט זיין אַ נעגאַטיווער. אויף וויפיל עס אינטערעסירן זיי אונזערע ענינים, ווילן זיי וויסן, וואָס עס ווערט געטאָן און נישט דורך וועמען עס ווערט געטאָן. ריכטיק האָט עמיץ געזאָגט, אַז דער קריזיס נעמט זיך פון די פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז אַ קינסטלעכער וויכוח, אין וועלכן מיר זיינען אַריינגע־שלעפּט געוואָרן. מיין איינדרוק איז, אַז מען וויל אויף אַ קינסטלעכן אופן אַוועקשטעלן די ענינים ווי פראַגן פון ערשטן ראַנג, וואָס פון זייער לייזונג איז כלומרשט אָפּהענגיק די ציוניסטישע אַקטיוויטעט אין דער גאַרער וועלט, און מדינת ישראל, און איר רעגירונג בפרט, ווי אַ כלומרשט שולדיקע אין אַט די אַלע שוועריקייטן. דאָ דערגייט שוין דער אַבסורד צו אַזאַ מדרגה, אַז טיילמאָל איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ערנסטע מענטשן זיינען געקומען צו אַזעלכע אַבסורדן.

---

* אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט — אַפּריל 1950.

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט אַ בכבודיקע צאָל אינסטיטוציעס וואָס זייער אויפגאַבע איז צו אינפאָרמירן די עפנטלעכקייט. יעדער ציוניסט אין חוץ־לארץ באַקומט יעדן טאָג דרוק־מאַטעריאַלן פון כל המינים ציוניס־טישע אינסטיטוציעס. איך נעם אָן, אַז דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז גוט און נוציק, אָבער ער ברענגט נישט יענעם נוצן וואָס ער דאַרף ברענגען, ווארים יעדער אינסטיטוציע און יעדער דעפּאַרטאַמענט האַלט זיך אין איין איבערחזרן — און דער גוטער ציוניסט איז פיזיש נישט בכוח דאָס אַלץ צו פאַרדייען. און עס פרעגט זיך: אויב מען קלערט אויף אַזוי פיל, פונוואַנען־זשע נעמט זיך דער קריזיס אין דער באַוועגונג, פאַרוואָס איז אַזוי שווער אויפצוקלערן די לאַגע און וואָס איז די סיבה פון דער ירידה וואָס איז פאַר־געקומען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג?

ד"ר נ. גאָלדמאַן האָט מיט רעכט געזאָגט, אַז די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע — כמעט וואָס זי עקזיסטירט נישט. לויט מיין מיינונג איז דאָס די עיקר סיבה פונם אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס אינם ציוניזם. ווען מיר וואָלטן ווינציקער גערעדט וועגן די רעכט, וועגן דער „אומבאַרירלעכקייט" א.אַ.וו., וואָס מען דאַרף געבן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מדינת ישראל (און איך בין פון די וואָס שטיצן די דאָזיקע רעכט), ווען מיר וואָלטן אַריבערגעפירט דעם שווערפּונקט פון אונזער דענקען און אונזער וויכוח אויפן שטח פון באַנייטער בויאונג און פאַרשטאַרקונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די לענדער — וואָלטן מיר אַ סך שנעלער רעאַליזירט די דאָזיקע שטרעבונגען און פאָדערונגען. די דאָזיקע רעכט וואָלטן אונז געפאַלן אין שויס ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. דער איד אין אַמעריקע אָדער אין די אייראָפּעאישע לענדער, וואָס וויל זיין אַ מיטגליד אין דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, זאָרגט זיך גאַנץ ווייניק וועגן די דאָזיקע „קאָמ־פּעטענצן", צי זיי זאָלן זיין אין רשות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער פון מדינת ישראל. אים אינטערעסירט איין זאַך — צי מען טוט טאַקע וואָס מען דאַרף טאָן. עס פאַלט אים בכלל נישט איין, אַז עס זיינען פאַראַן חילוקי־דעות אין דער דאָזיקער פראַגע. נישט דער סטעמפּל אינטערעסירט אים נאָר די טאַט: וואָס טוט מען אין לאַנד?

אָבער די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט נישט. די אייגענע מענטשן וואָס רעדן טאָג און נאַכט וועגן אַ שטאַרקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — זיי טאַקע דאַרפן ווירקן כדי צו פאַרשטאַרקן די קראַפט פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און כדי צו שטאַרקן איר כוח דאַרף זי אויך עפּעס טאָן אין חוץ־לארץ. לאָמיר אָננעמען, אַז מיר וועלן

צווישן זיך קומען צו אַ הסכם, אַז די התישבות און דער עליה־אויפנעם און אַלע איבעריקע טעטיקייטן וועלן אין דער צוקונפט געטאָן ווערן דורך דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ארץ־ישראל. אָבער וואָס וועט טאָן די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ ? וואָסער טעטיקייט־אינהאַלט וועלן מיר איר געבן ? אַז מען רעדט מכוח נייע, ברייטערע אויפגאַבן, הערן מיר ווידער, פון דער אַנדערער זייט, אַז דאָס דאַרפן טאָן די ציוניסטישע פּאַרטייען. אויב אַזוי, ווי אַזוי וועלן מיר שטאַרקן די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע ? דאַן דאַרף מען זאָגן קלאָר און בפירוש : די כוונה איז צו שטאַרקן די ציוניסטישע פּאַרטייען.

אויב מען וויל באמת עס זאָל עקזיסטירן אַ שטאַרקע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע — דאַרף מען אויך זאָגן קלאָר ווי אַזוי זי וועט עקזיסטירן, וועלכע טעטיקייט מען לאָזט איר איבער, כדי זי זאָל נישט ווערן קיין אויסגעליידיקטע כלי. איצט, אויב מען רעדט וועגן דער נויטיקייט, אַז די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע זאָל פירן, למשל, אַ דערציאונגס־טעטיקייט, הערן מיר באַלד : ניין ! אויב מען רעדט וועגן אויפקלערונג־ און קולטור־טעטיקייט — שטייט אויף עמיץ אַנדערש און זאָגט : ניין ! און אויב מען רעדט וועגן אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן — דערשיינט אַ דריטער און זאָגט ווידער : ניין. אונז אַלעמען איז באַקאַנט דער וויכוח, צי דאַרף די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע זיך פאַרנעמען מיט ענינים פון החלוץ און הכשרה. טאָ ווי אַזוי־זשע וועט עקזיסטירן אַ ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַני־זאַציע מיט אַ וואָג און השפעה ?

דאָס אייגענע, אַז מען קומט און מען לייגט פאָר אַ זאַך, וואָס איז אין פלוג זייער איינפאַך, דהיינו, אַז יעדער איד זאָל קענען זיין אַ מיטגליד אין דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, און אַז מען דאַרף שטאַרקן די אויטאָ־ריטעט פון דער דאָזיקער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע דורך דעם וואָס אירע אָרטיקע אינסטאַנצן זאָלן געקליבן ווערן דורך אַלגעמיינע וואַלן. קומט ווידער עמיץ און טענהט קעגן דעם. און אויב אַזוי, ווי אַזוי וועלן זיך שטאַרקן די אָרטיקע אינסטיטוציעס און ווי אַזוי וועלן זיי האָבן אַן אַנטשיידנדיקע השפעה אין דער אָנפירונג פון די ענינים ? דאַרף מען אָננעמען, אַז דורך דעם וואָס די פאָרשטייער פון די פּאַרטייען וועלן זיצן בחדרי חדרים און באַשליסן צווישן זיך · ווי אַזוי צונויפצושטעלן די אָנפירונג — וועט די אויטאָריטעט פון די דאָזיקע אינסטאַנצן שטאַרקער ווערן און וואַקסן ?

דעריבער דאַרף מען רעדן וועגן דעם, ווי אַזוי בויט מען אויף אַ ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער און ווי אַזוי שאַפט מען אירע אינ־

סטאַנצן. די וואָס דערמעגלעכן דאָס נישט — זאָלן נישט קומען מיט קיין טענות, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט קיין אויטאָריטעט. מאַכט אַליין דעם חשבון וואָס האָט איר געטאָן אין פאַרלויף פון די יאָרן כדי צו שטאַרקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די לענדער. גאָר נישט!

אָן ספק דערפילן די ציוניסטישע פאַרטייען אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין דער ציוניסטישער טעטיקייט. פון מיינע יונגע יאָרן אָן בין איך אַ פאַרטיי־מאַן. איך שעם זיך נישט דערמיט. איך האָב ליב מיין פאַרטיי און איך מיין, אַז זי איז די גערעכטסטע צווישן אַלע פאַרטייען. איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען אַלע וואָלטן צו איר געהערט. אָבער, צו מיין באַדויערן, זיינען פיל נישט קיין מיטגלידער אין איר. ווען מען רעדט, אָבער, וועגן אַ ציוניס־טישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע און וועגן אַ ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, מוז מען דאָך רעדן וועגן וועלכע עס איז געמיינזאַמע ווערטן, וועגן געמיינזאַמער אַרבעט — וואָרים אויב נישט וועט זי דאָך נישט האָבן קיין קיום. פאַרוואָס זאָלט איר דאָס נישט פאַרשטיין? וואָס האָט איר מורא? מיין פאַרטיי איז נישט קיין מערהייט־פאַרטיי אין די גלות־לענדער. אין פוילן, אין ליטע און אין בעסעראַביע, וואו אונזער באַוועגונג איז געווען די ערשטע פאַרטיי — זיינען מער נישטאָ קיין אידן. מיר האָבן אָבער נישט געביטן אונזער מיינונג, מיר האַלטן אויך איצט, אַז עס איז די אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו ווירקן אויף אַ גרויסן פאַרנעם אין די גלות־לענדער. גיט די מעגלעכקייט דערצו! שטערט דאָס נישט, וועלן מיר האָבן אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג. דאַן וועלן איר ממילא געגעבן ווערן קאָמפּעטענצן און רעכט.

פאַרגעסט נישט נאָך איין פּרט. אַ קורצע צייט נאָכן אויפקום פון דער מדינה איז פאָרגעקומען אַ סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט — אַ טייל פון איר אין תל־אביב, ווייל מיר האָבן דעמאָלט נישט געקענט זיצן די גאַנצע צייט אין ירושלים *. אין יענער צייט איז די ציוניסטישע עקזעקוטיווע געווען צונויפגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, אַז די מערסטע מיטגלידער פון דער רעגירונג זיינען געווען אויך מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע. מיט וואָס האָט אייך דער דאָזיקער צונויפשטעל געשטערט? איך באַצי זיך מיט דער גלייכער ווערט־שעצונג צו אַלע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזע־קוטיווע. צי האָט אָבער די אויטאָריטעט פון דער עקזעקוטיווע עפּעס געליטן דערפון וואָס בן־גוריון, הרב פישמאַן, משה שרת, גרינבוים און אַנדערע

* סוף אויגוסט — אָנהויב סעפּטעמבער 1948.

זיינען געווען אירע מיטגלידער? פונדעסטוועגן האָט מען אָבער געזאָגט: אַזאַ צושטאַנד איז אוממעגלעך. אָדער מיטגלידערשאַפט אין דער רעגירונג, אָדער אין דער אַגענטור־עקזעקוטיווע. און די מיטגלידער פון דער רעגירונג — אויסער איינעם — זיינען אַרויס פון דער עקזעקוטיווע. צי האָט מען דורך דעם געבראַכט וואָסער עס איז נוצן דעם אידישן פאָלק, צי האָט מען דורך דעם פאַרשטאַרקט די אויטאָריטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? דאָס פאַרקערטע דערפון איז ריכטיק. פאַרגעסט־זשע נישט אייער שולד אויך אין דעם. פאַרוואָס זאָלט איר אַרויפוואַרפן די שולד בלויז אויף אַנדערע?

*

עטלעכע ווערטער וועגן דער הויפט־פראַגע — עליה. פרוי ראָוז האַלפערן האָט היינט גערעדט וועגן „קיבוץ גלויות" און „קיבוץ הגלויות". דאָס איז אַ וויכוח, וואָס קען, לויט מיין מיינונג, דערפירן צו אַ קאַטאַסטראָפע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און דערפירן זי צום אָפגרונט. וואָס הייסט דאָס „קיבוץ גלויות" און נישט „קיבוץ הגלויות"? דער טייטש דערפון איז, אַז עס זיינען דאָ גלותן, וואו אידן געפינען זיך אין אַ נויט און די דאַרפן עולה זיין; עס זיינען אָבער פאַראַן אידן אין חוץ־לארץ וואָס זיינען נישט אין גלות און פאַר זיי גילט נישט די פליכט פון עליה. לויט מיין מיינונג איז דאָס נישט קיין ציוניזם.

איך האָב אַ סך מאָל דיסקוטירט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויך מיט מיינע אייגענע חברים, פאַרוואָס מיר שיקן אין די גלות־לענדער שליחים בעיקר צוליב איין צוועק — צו זאַמלען געלט. ראָוז האַלפערן איז אַבסאָלוט גערעכט: צום אַמעריקאַנער אידנטום איז נישט געווענדעט געוואָרן דער גרויסער ציוניסטישער רוף צו עליה און אויפצושטעלן אַ גרויסע חלוצישע באַוועגונג. זיי זיינען גערופן געוואָרן צו געבן געלט, און אין די לעצטע יאָרן — צו ווירקן אויפן פּאָליטישן געביט. אָבער פאַר־געסט נישט איין זאַך: עס איז אין לאַנד געווען אַ מאַנדאַט־רעזשים, וואָס האָט פאַר אונז פאַרשלאָסן די טויערן פון דער עליה. עס זיינען אין מזרח־אייראָפּע געווען טויזנטער חלוצים, וואָס האָבן זיך געריסן עולה צו זיין און מיר האָבן זיי נישט געקענט אַהער ברענגען צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס האָט די מאַנדאַט־מאַכט נישט געלאָזט, און צווייטנס — האָבן מיר נישט געהאַט די נויטיקע מיטלען זיי צו באַזעצן. אָבער פאַר דער צייט האָט זיך דאָך עפּעס געביטן. די דאָזיקע אידן זיינען מער נישט פאַראַן, די חלוצישע באַ־וועגונג אין אייראָפּע עקזיסטירט דאָרט מער נישט, זי איז געבליבן אין אַשוויענטשים און אין טרעבלינקע און אין אַנדערע פאַרטיליקונגס־פּלעצער.

עס איז אָבער דאָ מדינת ישראל, וועלכע בויטיקט זיך אין אידן, ווייל אַנדערש וועט די מדינה נישט קענען עקזיסטירן.

טרעפט זיך, אַז אידן אין חוץ־לארץ טוען אַ חסד מיט דער מדינה און שיקן איר אַלטע לייט און קראַנקע, זיי ליקווידירן דאָרט מושב זקנים׳ס און צדקה־אַנשטאַלטן און פירן אַריבער די מענטשן צו אונז. איך נעם, חלילה, נישט אַרויס קיינעם פון כלל פון די וואָס זיינען באַרעכטיקט עולה צו זיין. אדרבא, אויך די אינוואַלידן וואָס קומען פון די לאַגערן. אָבער מיר זיינען איצט פאַראינטערעסירט אויפצונעמען אויך די אידישע יוגנט פון אַלע לענדער און אויך פון אַמעריקע. אָן דער יוגנט קענען מיר נישט עקזיסטירן. גיט אַן עצה: ווי אַזוי טוט מען דאָס? סיידן עמעץ מיינט, אַז דורך דעם וואָס מען וועט זאָגן, אַז די מצווה פון עליה גילט פאַר אַנדערע גלותן אָבער נישט פאַר זיי, דאָס געהער זיך נישט צו זיי — דורך דעם וועט די יוגנט עולה זיין? אַפילו אויב מיר וועלן זאָגן, אַז די מצווה פון עליה גילט פאַר אַלע אידן, וועלן אַדורך אַ סך יאָרן ביז די דאָזיקע יוגנט וועט עולה זיין. אויב, אָבער, איר וועט זאָגן „לאוו״ — וועלן מיר דאָך אַפילו דעם אָנהויב נישט זען. פאַרוואָס פאַרשטייט איר דאָס נישט?

מיט 30 יאָר צוריק זיינען מיר געקומען קיין דייטשלאַנד, כדי דאָרט אויפצושטעלן אַ חלוצישע באַוועגונג. די לאַגע פון די אידן אין דייטשלאַנד איז דעמאָלט נישט געווען אַנדערש ווי זי איז היינט־צו־טאָג אין צפון־אַמעריקע. איך וויל נישט אָנוואַרפן קיין שרעק אויף אידן אין אַמעריקע. דאָס איז אַן אַבסורד צו בויען די ציוניסטישע באַוועגונג אויף אימה פאַר היטלערן. איך פאַרגלייך בלויז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין דייטשלאַנד און זייער געפיל פון זעלבסטזיכערקייט, וואָס איז דעמאָלט געווען ענלעך צו דער לאַגע פון די אידן אין אַמעריקע. די אידן אין דייטשלאַנד זיינען רייך געווען, האָבן שיין געלעבט, עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט. זיי האָבן געמיינט, אַז עס ווערט געבויט אַ נייע וועלט און אַלץ איז פאַר זיי אָפן. די עלטערן האָבן גערעכנט, אַז די יוגנט וועט קענען דערגיין צו די וויכטיק־סטע פאָסטנס. אין יענער צייט זיינען מיר געקומען בויען אין דייטשלאַנד אַ חלוצישע באַוועגונג. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט אונז אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן. פרעגט דעם ד״ר קורט בלומענפעלד, וועט ער אייך דערציילן. ער איז דעמאָלט געווען דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין דייטשלאַנד און האָט אַריינגעלייגט אַ סך מי אין איינוואָרצלען די חלוצישע באַוועגונג. מיינט נישט, אַז די אַסימילאַציע־באַוועגונג אין דייטש־לאַנד איז געווען שוואַכער ווי אין אַמעריקע. עס איז געווען אַ שטאַרקע

אַסימילאַציע־באַוועגונג, אַ גוט אָרגאַניזירטע, אויף אַ הויכן גייסטיקן ניוואָ. זי האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט און געהאַט אַ גרויסע אָנהענגער־שאַפט. פונדעסטוועגן האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ חלוצישע באַוועגונג און שוין אין די יאָרן 1923—1924 האָבן עולה געווען די ערשטע גרופן חלוצים, צווישן זיי פון די אַלגעמיין־ציוניסטן, מיטגלידער פון דער „בלוי־ווייס״־באַוועגונג. אַ טייל פון זיי איז צוריקגעפאָרן, אַ טייל איז איבערגעבליבן אין לאַנד, אָבער דער חלוצישער געדאַנק, אַז ער האָט זיך פאַרוואָרצלט, האָט זיך אָנגעהויבן איינבירגערן. פאַרוואָס זאָלן מיר נישט גיין אויף דעם וועג אין אַמעריקע? מיר זיינען דעמאָלט אַרויס מיטן לאָזונג, אַז די אידישע יוגנט מוז עולה זיין קיין ישראל. פונדעסטוועגן איז זי אויך דעמאָלט נישט עולה געווען אין גרויסע מאָסשטאַבן פון אַ טייל לענדער. ווער רעדט שוין, — אויב מיר וועלן היינט בכלל נישט אַרויס מיט דעמדאָזיקן לאָזונג, און מיט אַ גרויסן כוח, וועלן אין בעסטן פאַל עולה זיין איינצלנע, און מיר וועלן די פאָזיציע נישט קענען האַלטן...

*

און זאָל מיר דערלויבט זיין נאָך אַ קורצע באַמערקונג. חשובע אָנטיילנעמער פון דער זיצונג האָבן צייטנווייז באַנוצט אַ משונהדיקע שפּראַך פון „מיר״ און „זיי״ פּאָלעמיזירנדיק מיט דער ישראל־רעגירונג. איך צווייפל אויב עס איז פּאַסיק אין אַזאַ סטיל צו רעדן אויף זיצונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. די מיטלען וואָס די רעגירונג באַקומט פון אונדז — די הכנסות פון אונזערע געלט־קאַמפּיינען אין חוץ־לארץ, גיט דאָס אידישע פאָלק, איך ווייס, לכן, נאָך נישט ווער עס זיינען כלפּי אָט די אידן די „מיר״ — געבער און די „זיי״ — נעמער.

גיט לעבנס־אינהאַלט דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע

א.

די באַשלוסן פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין די יסוד־פראַגן פון ציוניזם זיינען לויטן אינהאַלט כמעט אידענטיש מיט די באַשלוסן פונם כינוס פון איחוד עולמי, וועלכער איז פאָרגעקומען עטלעכע טעג פאַר דער סעסיע פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט.* מיר זיינען איצט נישט די גרעסטע פּאַרטיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיר בילדן אין אירע אינסטאַנצן ווייניקער ווי 30 פּראָצענט.** אויב דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט פונדעסטוועגן אַקצעפּטירט אונזער מיינונג אין דער פראַגע, איז עס נאַטירלעך נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז אין איצטיקן מאָמענט דער איינציקער ענטפער, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג קען און דאַרף געבן אין די פראַגן. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס די באַראַטונגען פון אונזער באַוועגונג דינען אַלס אַ וועגווייזער פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג.

די פאַרהאַנדלונגען וועלכע זיינען באַלד נאָכן שלוס פון דער סעסיע פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט פאָרגעקומען צווישן דער אידישער אַגענטור און דער ישראל־רעגירונג, וועגן דער גרינדונג פון דער געמיינזאַמער קערפּערשאַפט וואָס זאָל קאָאָרדינירן, פּלאַנירן און געמיינזאַם אַדורכפירן די אַרבעט אויף די געביטן פון עליה, קליטה, קאָלאָניזאַציע און לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, האָבן זיך גאָר שנעל און פּאָזיטיוו פאַרענדיקט. דאָס באַווייזט, אַז עס איז נישט געווען קיין שום גרונד פאַר דער טענה, אַז די ישראל־רעגירונג וויל מכלומרשט אָפּשוואַכן אָדער אַפילו גאָר ליקווידירן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. מען האָט מצד געוויסע קרייזן לייכטזיניק (און צוליב גאַנץ דורכזיכטיקע פּאָליטישע צוועקן) גע־פּרואווט פאַרשפּרייטן אַזאַ מיינונג. יענע קרייזן האָבן זיך שטאַרק באַמיט אויפצושטעלן אַן אין עצם אַנטי־ציוניסטישע טעזע, אַז ציוניזם און מדינה זיינען כלומרשט צוויי זאַכן; אַז עס קען געמאָלט זיין אַ קאַמף און אַן

---

* עס רעדט זיך וועגן דער סעסיע צווישן 19־טן און 28־טן אַפּריל 1950.

** אויף דעם 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין אויגוסט 1951, איז אונזער כוח געוואַקסן ביז 37%.

אינטערעסן־קעגנזאַץ צווישןביידע, בעת אינדעראמתן זיינען זיי דאָך איינס־און־דאָסזעלבע. די פאַרהאַנדלונגען פון דער סעסיע פונם אַקציאָנס־קאָמיטעט, זיינע איינשטימיקע באַשלוסן אין די פראַגן פון בשותּפותדיקער אַרבעט מיט דער מדינה אין אַ ריי קאָנקרעטע אויפגאַבן; די גאָר גיכע אויפריכטונג פון דער געמיינזאַמער קאָאָרדינירס־אינסטיטוציע, סך־הכל דריי וואָכן נאָך די באַשלוסן פונם א. ק., מיטן וויסן און מיט דער צושטימונג פון דער כנסת — זאָגן עדות ווי ווייניק ערנסט עס זיינען געווען אַזעלכע טענות. די בעלי טענות זיינען לרוב יענע קרייזן, וועלכע האָבן זיך זייערע פּאָליטישע חשבונות מיט דער ישראל־רעגירונג. וויקלען זיי איין זייערע אָנגריפן קעגן דער רעגירונג אין אַ מאַנטל פון אַ מכלומרשט באַזונדערער זאָרג און ליבע צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צווישן זיי זיינען פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג אַנטדעקט די דאָזיקע זאָרג און ליבע.

צום כבוד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, מוז מען אונטער־שטרייכן, אַז ער איז נישט געגאַנגען אויף אָט דעם קרומען וועג. די פּרואוון אים צו פאַרוואַנדלען אין אַ טריבונע פון אָנגריפן אויף דער ישראל־רעגירונג האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

ב.

עס איז ביי אַלעמען פאַראַן דאָס געפיל, אַז די סעסיע פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט פאַרבעסערט די שטימונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי האָט אָפּגעשוואַכט די געשפּאַנטקייט. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז דער קריזיס איז פאַרביי. עס איז געוויזן געוואָרן אַ וועג אין דער קאָנ־קרעטער פראַגע פון קאָמפּעטענצן, רעכט און בשותּפותדיקע אַרבעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער מדינת ישראל. מיר האָפן אַלע, אַז דער וועג וועט זיין אַ גוטער. מען האָט פריער די פראַגע קינסטלעך פאַרשפּיצט און זי אַוועקגעשטעלט ווי דער עיקרדיקער גורם פונם קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ גרויסער טעות. די הויפּט־סיבה פונם קריזיס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ליגט, לויט אונזער מיינונג, ערגיץ אַנדערש — קודם־כל אין דער אומקלאָרקייט אַרום אירע אויפגאַבן און טעטיקייט־געביטן אין די ג ל ו ת ־ ל ע נ ד ע ר. און אפשר נישט אַזוי אין דער אומקלאָרקייט פון די אויפגאַבן ווי אין דעם אומווילן אָדער אין דער אומפעאיקייט זיי צו דערפילן ביים איצטיקן צושטאַנד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין די ראַמען פון איר איצטיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור.

אין דעם פרט איז כמעט נישט געקומען קיין ענדערונג. אויך די דאָזיקע סעסיע פונם אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס קיין פּאָליטישע פּראָבלעמען קומט איר דאָך נישט אויס צו אַנטשיידן — ווארים דאָס ליגט דאָך לכל הדעות אין דער קאָמפּעטענץ פון דער ישראל־רעגירונג און די פראַגע פון די ארץ־ישראל־פאָנדן איז אויך אין אַ גרויסער מאָס מחוץ איר באַראַטונג־קרייז — אויך דער איצטיקער א.ק. האָט גאָר ווייניק זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע, וואָס וועט אייגנטלעך זיין דער לעבנס־אינהאַלט פון די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין חוץ־לארץ. וואָס וועלן זיי טאָן, אַ חוץ געלט־זאַמלונגען? (און, ווי געזאָגט, די געלט־זאַמלונגען ווערן דאָך אין די עיקרדיקע לענדער געמאַכט אין אנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען). פאַרקערט, נישט נאָר דער אַ. ק. האָט זיך צופעליק דערמיט נישט פאַרנומען, דער רוב האָט בפירוש נישט געוואָלט זיך דערמיט פאַרנעמען, נישט געוואָלט מאַכן קיין שום ענדערונג אין דעם פאַראַנענעם צושטאַנד פון כמעט אַבסאָלוטן פעלן פון געמיינזאַמער טאָג־טעגלעכער ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין די לענדער און פון אַ געמיינזאַמער, עפעקטיווער אָרגאַניזאַציאָנעלער ראָם, וואָס נאָר זיי זיינען עלול צו דערמעגלעכן די עקזיסטענץ און דעם וואוקס פון אַ באַוועגונג.

אינם וויכוח האָט מען טאַקע אַ סך גערעדט מכוח שטאַרקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אָן אַ ספק איז עס ביי פיל נישט געווען קיין סטראַטעגישער מאַנעווער, נאָר אַן ערלעכער אויסדרוק פון זייער טיפער זאָרג און זייער ווילן זי צו שטאַרקן און צו פאַרזיכערן איר ברייטן טעטיקייט־געביט. האָט דאָך אַפילו ד״ר נחום גאָלדמאַן אויפגעהויבן די פראַגע פון איינשליסן אין דער אַקטיוויטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די זאָרג פאַר דער דעמאָקראַטישער אָרגאַניזירונג פון אידישן לעבן אין די אידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ — אַ פראַגע, וועלכע איז זייער ערנסט און פּאָזיטיוו באַטראַכט געוואָרן אויף דער באַראַטונג פון איחוד עולמי און איר איינשליסן אינם טעטיקייטס־קרייז פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין חוץ־לארץ איז אַ דרינגענדער געבאָט. אָבער אַזוי באַלד ווי מען איז אין די געשלאָסענע קאָמיסיעס פון ציוניסטישן אַקציאָנס־ קאָמיטעט געקומען צו דער קאָנקרעטיזירונג פון די טעטיקייטס־געביטן און קאָמפּעטענצן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די גלות־לענדער (און נישט אין דער מדינה!), זיינען מיר ווייטער געווען עדות פון דעם פּאַטאָלן, ענגהאַרציקן צוגאַנג, וועלכער האָט אַ גרויסן חלק שולד אין דעם קריזיס, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע לעבט אים איצט איבער. די מערהייט האָט ווייטער זיך געהאַלטן ביים אַלטן וועג: וואָס ווייניקער געמיינזאַמע טעטיקייטן, וואָס ווייניקער טעטיקייטן

בכלל, וואָס וויייניקער קאָמפּעטענצן פאַר דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַני־זאַציע אינם אָרטיקן ציוניסטישן לעבן, וואָס וויייניקער אָרגאַניזאַציאָנעלע בינדונג.

ג.

די פראַגע פון צונויפגיסן די ציוניסטישע פאָנדן אין איין פאָנד האָט פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין די וויכוחים און איז ברייט באַהאַנדלט געוואָרן סיי אויפן כינוס פון איחוד עולמי און סיי אויף דער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. אויפן כינוס פון איחוד עולמי איז דער וויכוח געווען פריי פון זייטיקע פּאָליטישע כוונות און האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער זאַכלעכער פראַגע, וואָס איז צוועקמעסיקער אין דער נייער סיטואַציע. אינם וויכוח פון אַ. ק. האָבן, ליידער, אויך אין דער פראַגע נישט געפעלט קיין זייטיקע פּאָליטישע חשבונות. מפ״מ און מזרחי האָבן אויפגעטראָטן ווי הייסע חסידים פון דער אַבסאָלוטער, אויך אַדמיניסטראַטיווער, זעלבשטענדיקייט פון קרן קיימת לישראל. איר צונויפגיסונג מיט די אַנדערע נאַציאָנאַלע פאָנדן, הייסט לויט מפ״מ, אַן אָפּשוואַכונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פאַרוואָס? ווי אַזוי? נאָך משונהדיקער זעט אויס די קעגנערשאַפט לגבי דער פאָדערונג, אַז עס זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן די באַזונדערע לייטונגען און אַפּאַראַטן פון די פאָנדן און זיי זאָלן אַנגעפירט ווערן פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע. צו וואָס די דאָזיקע פילפאַכיקייט פון לייטונגען און אַפּאַראַטן אין אַ טעטיקייט וואָס איז לכל הדעות אין דער קאָמפּעטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? פון איין זייט, טענהט מען, אַז מען מוז שטאַרקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און פאַרגרעסערן איר פּרעסטיזש, מען דאַרף איר מוסיף זיין קאָמפּעטענצן. מען פירט אַ קאַמף קעגן עפּעס אַ מיסטעריעזן כוח, וואָס וויל זי כלומרשט אָפּשוואַכן און צונעמען ביי איר קאָמפּעטענצן. פון דער אַנדערער זייט — אויב מען שלאָגט פאָר, אַז די ציוניסטישע עקזעקוטיווע זאָל איבערנעמען די לייטונג פון די פאָנדן, ווייל עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין קיין באַזונדערע באָדן־ און קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק פון ק.ק.ל. און אַ באַזונדערע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — איז מען קעגן דעם. וואו איז די לאָגיק?

לאָמיר האָפן, אַז די קאָמיסיע, וועלכע דער ציוניסטישער אַ. ק. האָט באַשטימט צו באַהאַנדלען די פראַגע און ברענגען אַ באַריכט (און נאַטירלעך אויך פאָרשלאָגן) צום אַ. ק. וואָס קומט זיך צונויף ערב דעם נאָענטסטן קאָנגרעס, וועט האָבן מער מזל ווי אַן ענלעכע קאָמיסיע, וועלכער דער אַ. ק.

האָט באַשטימט אין מאַי 1949. די עקזעקוטיווע וועט האָפנטלעך דאָס מאָל שוין יאָ זאָרגן דערפאַר, אַז די קאָמיסיע זאָל זיך צונויפקומען און דערפילן, וואָס מען האָט אויף איר אַרויפגעלייגט.

ד.

עס איז נישט קיין וואונדער וואָס די פראַגע פון עליה — די פראַגע, צי דער ציוניזם איז מחייב ציוניסטן צו עליה — האָט פאַרנומען אַ ברייטן אָרט אינם וויכוח, סיי אויף די באַראַטונגען פון איחוד עולמי און אויך אויף די באַראַטונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. עס איז פאַר קיינעמען קיין סוד נישט, אַז דאָס איז אַ גאָר האַרבע פראַגע. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון אַ רעזאָלוציע, וואָס מען שטימט אָפּ וועגן איר מיט אַ מערהייט. קיינער האָט אויך נישט פאַרלאַנגט אַזאַ אָפּשטימונג. עס איז אָבער קלאָר, אַז די דאָזיקע אָנערקענונג פון עליה אַלס פאַרפליכטנדיקער געבאָט פאַר יעדן ציוניסט מוז באַאומרואיקן די הערצער און די מוחות פון ציוניסטן, און דעריבער איז אַזוי נויטיק נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו רעדן וועגן דעם — און וואָס קלאָרער איז בעסער. אינם וויכוח פּרואווט מען אָפּפרעגן אָט דעם צוגאַנג מיט דער טענה, אַז די ווירקלעכקייט אין די מערבֿ־לענדער איז דאָך אַ אַנדערע — און ווי קענען מיר איגנאָרירן די ווירקלעכקייט? אָדער מען טענה׳ט אַז אַזאַ צוגאַנג הייסט דיסקרימינאַציע קעגן גוטע, איבערגעגעבענע ציוניסטן, וועלכע טראָגן ווייטער די לאַסט פון דער ציוניסטישער אַרבעט אין די לענדער.

ביידע טענות זיינען נישט אויפן אָרט און נאָר לשם פּאָלעמיק פּרובירט מען זיי שטעלן אַזוי, אַז עס זאָל בולט מאַכן די וועלט־פרעמדקייט פון די מענטשן, וועלכע האָבן צום ענין עליה אַזאַ נישט פּראַקטישן צוגאַנג. דער אמת איז, אַז אויך די וואָס זאָגן, אַז עליה מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַר־פליכטנדיקער געבאָט פאַר ציוניסטן, ווייסן אויסגעצייכנט, אַז די מיליאָנען אידן אין די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער, וואו זיי לעבן רואיק און אין וואויל־שטאַנד, וועלן איצט נישט עולה זיין מאַסנווייז — אַפילו נאָכדעם ווי אַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן וועלן אָנעמען וועגן דעם פאַרמעלע באַשלוסן. אויך די פראַגע וועלכע מען שטעלט די פאַרשלאַג־געבער: „אויב נישט תיכף, טאָ וויפיל יאָרן דערלויבט איר אַ ציוניסט נישט עולה צו זיין?״ — איז אַ ריין טעאָרעטישע, פּאָלעמישע פראַגע. ווען מיר רעדן וועגן דעם געבאָט פון עליה, מיינען מיר דערמיט, אַז יעדער ציוניסט זאָל געדענקען, אַז ער דאַרף ערנסט טראַכטן מכוח זיין אייגענער עליה, מכוח דער עליה פון זיינע

קינדער, און אין הסכם דערמיט ריכטן זיין פערזענלעכן לעבן־סדר, זיינע ווירטשאַפטלעכע פּלענער, די דערציאונג און פּאַכלעכע צוגרייטונג פון זיינע קינדער, אַז ער זאָל וועגן דעם טראַכטן נישט ווי וועגן עפּעס אַן אַבסטראַקטער זאַך, אויף לעתיד לבוא, וואָס „נישט אים מיינט מען". מיט דער אויפריכטונג פון דער מדינה מוז קומען אָט די ענדערונג, אויב ציוניזם וויל זיין אַן ערנסטער לעבנס־אינהאַלט פאַר ציוניסטן.

די פאָרמולע וואָס פּרוי ראָוז האַלפּערן האָט געבראַכט פאַר דער זיצונג פון אַ. ק. — „קיבוץ גלויות און נישט קיבוץ הגלויות" — איז נישט קיין שלעכטע המצאה. פּראַקטיש גענומען, הלואי זאָלן מיר טאַקע באַוויזן אין די נעכסטע יאָרן צו רעאַליזירן דעם אויפנעם פון יענע גלותן, וואָס עס דראָט זיי שוין איצט די סכנה פון פיזישן אָדער גייסטיקן אונטערגאַנג. אָבער אָנעמען די קאָנצעפּציע פון „קיבוץ גלויות און נישט קיבוץ הגלויות", אַלס וועג פון ציוניזם אין די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער, מיינט אויסליידיקן אים פון זיין עיקרדיקן אינהאַלט. דאָס מיינט פּראָקלאַמירן, אַז ציוניזם אין יענע לענדער, איז נאָר אַ באַוועגונג פון הילף פאַר אידן פון אַנדערע לענדער, וואָס די נויט צווינגט זיי אויסצוואַנדערן פון זייערע וואוין־ערטער. שפּירט מען דען נישט די גרויסע געפאַר וואָס אַזאַ קאָנצעפּציע טראָגט אין זיך פאַרן אינהאַלט פונם ציוניזם? ראָוז האַלפּערן און אירע חברים זיינען טאַקע קאָנסעקווענט. אויב נאָר קיבוץ גלויות — פאַר אַנדערע לענדער, צו וואָס דאַרף מען אין צפון־אַמעריקע אַ גרויסע החלוץ־באַוועגונג, צו וואָס אַ גרויסע הכשרה־טעטיקייט? אויב דער ענין עליה איז אין צפון־אַמעריקע נאָר אַן אַבסטראַקטער וואונטש, וועלכער איז פּערזענלעך כלל נישט נוגע דעם אינדיווידועלן ציוניסט, באַקומט דאַך אויך די פראַגע פון דערציען די קינדער און אַנדערע מצוות אַ גאָר אַנדער פּנים. ציוניסטן קענען רואיק פאַרזעצן דאָס וואָס עס איז געווען ביז היינט. נישטאָ קיין שום מאָראַלישער דרוק — אויך איצט נישט, נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה — זיי זאָלן זאָרגן פאַר אַ דערציאונג, וואָס זאָל איינפּלאַנצן דעם ווילן עולה צו זיין און זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די נויטן און פאָדערונגען פון ישראל.

אויך די טענה פון כלומרשטער דיסקרימינאַציע קעגן גוטע, אַלטע ציוניסטן אין חוץ־לאָרץ, אויב מען פאָדערט עליה־גרייטקייט אַלס ציוניסטישע פליכט, האַלט נישט אויס קיין שום קריטיק. ווען נוצט עס אַריינצופירן אַזאַ נישט זאַכלעכן עלעמענט אינם וויכוח?

דער כינוס פון איחוד עולמי האָט פעסטגעשטעלט אַלס דעם ערשטן געבאָט פון די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער איצטיקער

תקופה: „אָרגאַניזירן דאָס אידישע פאָלק אין אַלע לענדער פאַר דער העכסטער און אומאויפהערלעכער אָנשטרענגונג, וועלכע איז נויטיק כדי צו דערפילן די שליחות פון קיבוץ גלויות". עס איז נישט צופעליק און בפירוש געזאָגט: „אין אַלע לענדער". מיט אָט דעם רוף מוז איצט קומען אונזער באַוועגונג, אומעטום, צו אַלע אידן און קודם־כל צו ציוניסטן. און פון דעם ערשטן ציוניסטישן געבאָט דרינגען שוין פון זיך אַליין אַרויס די אַנדערע מצוות: זאָרגן פאַר נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און דערציאונג, אָפּהיטן גייסטיקע אוצרות פון פאָלק, פלעגן העברעאישע קולטור און שפּראַך, גרייטקייט צו עליה און חלוצישער פאַרווירקלעכונג, מאַטעריעלע הילף פאַר ארץ־ישראל, א.אַ.וו., א.אַ.וו. און כדי דאָס אַלץ ווי געהעריק צו קענען דערפילן, איז, אין ראַמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נויטיק צו זאָרגן פאַר דער דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע פון די אידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ.

ה.

דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אויסגעדריקט זיין וואונטש, אַז די טעטיקייט פונם החלוץ, דאָס אויפשטעלן הכשרה־פונקטן, די אַרבעט צווישן דער יוגנט — און מען האָט דערביי בפירוש אין זינען געהאַט די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער — זאָל גאָר באַדייטנדיק אויסגעברייטערט ווערן. דער פאַרנעם פון די דאָזיקע אַרבעטס־געביטן הענגט אַ סך אָפּ פון דער איניציאַטיוו און דעם ווילן פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער גופא. מיר קומען אַלזאָ כסדר צוריק צו דער אַלטער פראַגע מכוח דער עפעקטיווקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די גלות־לענדער. דאָס מוז איצט ווערן איינער פון די הויפּט־לאָזונגען פון אונזער באַוועגונג. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט אין די מערסטע פראַגן איבער־געלאָזט די אַנטשיידונג פאַרן קומענדיקן קאָנגרעס. זיין באַדייטונג איז דעריבער גאָר גרויס און עס קען גאָר נישט זיין קיין וויכטיקערע און דרינגענדיקערע אויפגאַבע ווי צוגרייטן זיך צום קאָנגרעס.

מיר האָבן ביים אָנהויב פון דעם אַרטיקל געזאָגט, אַז די זיצונג פונם א.ק. האָט פאַרבעסערט די שטימונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָפּגעשוואַכט די געשפּאַנטקייט. עס וועלן אָבער זיכער נישט פעלן קיין כוחות, וועלכע וועלן זיך באַמיען מיט דער דערנענטערונג פון די קאָנגרעס־וואַלן, ווידער צו פאַרשאַרפן די געשפּאַנטקייט. מיר האָבן אויך אין דער איצטיקער סעסיע פונם א. ק. ווידער אַמאָל בולט געזען, אַז דער כוח און

אָנזען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פון אונזער כוח און השפּעה אין איר.

אויב עס איז ריכטיק, אַז ציוניזם און מדינה זיינען איינס־און־דאָס־זעלבע, קען מען נישט זיין קיין טרייער קעמפער פאַר די רעכט און קאָמ־פּעטענצן פון דער ציוניסטישער לייטונג און גלייכצייטיק אַ סיסטעמאַטישער באַקעמפער פון דעם וואָס עס טוט די מדינה, ווייל איר רעגירונג איז נישט נושא חן. נעכטיקע הייסע אָנהענגער פון דער קאָאָרדינירער־אינסטאַנץ, כל זמן זיי האָבן געמיינט, אַז די רעגירונג איז קעגן דעם, זיינען איבער נאַכט אַרויס קעגן דער אינסטאַנץ, וואָרים עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זייערע פּאַרטייען זיינען נישט אין איר לייטונג. דאָס וואַרפט אַ ליכט אויף דעם צוגאַנג פון מפ"מ, אַלגעמיין־ציוניסטן פון גרופּע ב׳ און אויך רעוויזיאָניסטן צו אַ ריי ענינים, וועלכע מען האָט באַהאַנדלט אין ציוניסטישן אַ. ק. און וועגן וועלכע עס גייט אַ וויכוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער דאָזיקער פאַקט באַשטעטיקט אונזער חשש, אַז געוויסע פּאַרטייען, וואָס זייערע פּאָליטישע אַספּיראַציעס זיינען נישט באַפרידיקט אויף דער פּאָלי־טישער אַרענע פון דער מדינה, ווילן באַנוצן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס אַ קאַמף־אַרענע קעגן דער רעגירונג. מוז עס זיין אונזער אויפגאַבע אַזוי קלאָר ווי מעגלעך אַוועקצושטעלן דעם ענין פאַר דער ציוניסטישער עפנטלעכקייט.

(אָנהויב מאַי 1950)

ערב דעם 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס

מיר טרעטן איצט אַריין אין דער לעצטער פּאַזע פון די צוגרייטונגען צום 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס. די שקל־אַקציע באַשטימט אין אַ גרויסער מאָס דעם צוזאַמענשטעל פונם קאָנגרעס, זיין אַרבעטס־פעאיקייט און זיינע באַשלוסן. עס וועט זיין דער ערשטער קאָנגרעס נאָך דער אויפריכטונג פון אונזער מדינה. אין דער געשיכטע זיינען באַקאַנט נאָר ווייניקע פאַלן אין וועלכע אַ וויזיע, אַ ווייטער חלום, זאָל פאַרווירקלעכט ווערן נאָך ביים לעבן פון די טרוימער. פונדעסטוועגן איז נאָך קיין שום ציוניסטישער קאָנגרעס, פון די ביז איצט פאָרגעקומענע 22 קאָנגרעסן, נישט געשטאַנען פאַר אַזוי פיל שוועריקייטן און דאגות, פאַר אַזאַ שווערער לאַסט פון אויפגאַבן, ווי עס וועט שטיין דער נאָענטסטער ציוניסטישער קאָנגרעס.

אונזער מדינה איז אויפגעריכט און זי קעמפט שווער פאַר איר עקזיסטענץ און פאַרשטאַרקונג. דער חלום פון קיבוץ גלויות איז געוואָרן אַ רעאַליטעט, אָבער באַגלייט אויך פון טראַגישע און גאָר נישט פאָרויס־געזעענע שוועריקייטן און פליכטן. פליכטן, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ פאַרנעם, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואַגט זיך פאָרצושטעלן. אין יאָר 1929, ביים גרינדן די פאַרברייטערטע אידישע אַגענטור, מיט וועלכער מען האָט פאַרבונדן גרויסע האָפענונגען פון אַ שטאַרק פאַרברייטערטער ארץ־ישראל־אַרבעט, האָט מען אינם רויש פון אָט די האָפענונגען באַשטימט אַ בודזשעט פון איין מיליאָן פונט יערלעך פאַר דער ארץ־ישראל־אַרבעט. אָבער שוין צוויי יאָר שפּעטער, אויפן קאָנגרעס אין 1931, האָט מען געמוזט רעדוצירן דעם בודזשעט ביז 366 טויזנט פונט. די לעצטע סעסיע פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט באַשטימט אַ יאָר־בודזשעט פון 50 מיליאָן פונט און אַלע ווייסן דאָך, אַז אויך אַזאַ בודזשעט באַפרידיקט איצט ווייט נישט אַלע נויטן.

די פאַרגרעסערטע אחריות און די פאַרגרעסערטע נויטן האָבן ליידער נישט פאַרשטאַרקט אין אַ גענוגנדיקער מאָס דאָס געפיל פון דער נויט־ווענדיקייט פון פאַרשטאַרקטער אחדות און געמיינזאַמער אָנשטרענגונג אין דער ציוניסטישער מחנה. פאַרקערט, פאַראַן פאַרטייען, וואָס בויען דערויף,

אַז די פאַרגרעסערטע שווערקייטן וועלן זיי ברענגען פּאַרטייאישן נוצן. דאָס איז אָן אַ ספק איינער פון די הויפּט־מאָטיוון וואָס האָבן באַוואויגן די אַלגעמיין־ציוניסטן, גרופּע ב׳, נישט אָנטיילצונעמען אין דער ישראל קאָאַליציע־רעגירונג און אויסנוצן אַלע פאַראַנענע שווערקייטן — און שווערקייטן פעלן דאָך נישט — ביי די נאָענטע קאָנגרעס־צוגרייטונגען און שפּעטער ביי די מוניציפּאַליטעטן־וואַלן. מיר דאַרפן דערפאַר דערוואַרטן אַ נאָכמער פאַרשטאַרקטע העץ־ און רכילות־קאַמפּאַניע קעגן דער ישראל־רעגירונג אין די נאָענטע חדשים פון די קאָנגרעס־צוגרייטונגען. אויך מפ״מ וועט דערביי זיין אַ טרייער שותף פון די ב׳־ציוניסטן און פון די רעוויזיאָניסטן, וואָס די געוועזענע אצ״ל־מענטשן זיינען דאָרט איצט די בעלי־בתים. מזרחי וועט, ווי שטענדיק, זיך באַמיען זוכה צו זיין פון ביידע וועלטן — פון עולם הזה און עולם הבא גלייכצייטיק.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג מוז אויפנעמען דעם קאַמף. עס מוז פאַרזיכערט ווערן אַזאַ צוזאַמענשטעל פון ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער זאָל גאַראַנטירן די פולע, האַרמאָנישע און פּראָדוקטיווע צוזאַמענאַרבעט מיט דער ישראל־רעגירונג, מיט די חלוצישע אויפבוי־כוחות אין לאַנד. דאָס איז דער הייסער באַגער פון די ציוניסטישע מאַסן. יעדע אַנדערע אויסטייטשונג איז אַ פעלשונג פון זייער ווילן און פון זייערע וואונטשן. די אידישע מאַסן אין חוץ־לארץ ווילן נישט הערן קיין באַשמוצונגס־רייד קעגן דער ישראל־רעגירונג, דיבורים וואָס ברענגען קודם־כל אַ גרויסן שאָדן דער ציוניסטישער באַוועגונג אַליין און נידערן אַראָפּ איר אָנזען אין חוץ־לארץ. בפרט, אַז אַזעלכע רכילותן קומען אויך פון מענטשן און פּאַרטייען, וואָס זיצן אין דער העכסטער ציוניסטישער אינסטאַנץ — אין איר עקזעקוטיווע.

די אינטערעסן פון דער מדינה און די צוקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאָדערן דעריבער אַ גוטע צוגרייטונג און מאַקסימאַלע אויפקלערונג־אַרבעט. איז דעריבער נויטיק אַ מאַסנהאַפטע שקל־אַקציע און וואַלן, איבעראַל, אין יעדן לאַנד. עס האָט נישט קיין שום צוועק צו פאַרטושן די קעגנזאַצן לטובת אַ כלומרשטן שלום־בית און אַריבערפירן די שווערקייטן און סכנות צום קאָנגרעס גופא. וואָס פאַראַ ווערט האָט אַ שלום־בית און דאָס אויסמיידן וואַלן, ווען די דעלעגאַטן קענען שפּעטער ביים קאָנגרעס האַנדלען קעגן אונזערע וויטאַלסטע לעבנס־אינטערעסן? זאָל מען נישט זאָגן, אַז זיי וועלן ממילא געווילט ווערן. די דערפאַרונג האָט אונז באַוויזן, אַז די צעשטערערישע און רכילות־ טרייבנדיקע כוחות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען תמיד נהנה ווען עס זיינען נישטאָ קיין וואַלן, ווען

בריטע ציוניסטישע קרייזן זיינען פּאַסיוו, ווען קיין אויפקלערונג מכוח די חילוקי־דעות ווערט נישט געפירט. דער שאָדן פון אַ פאַלשן צוזאַמענשטעל פונם קאָנגרעס קען זיין אָן אַ פאַרגלייך פיל גרעסער, ווי די עווענטועל גרויסע הוצאות, מיט וועלכע אַנדערע ווילן פאַרענטפערן דאָס אויסמיידן וואַלן.

פון די איבער 2 מיליאָן שוקלים צום לעצטן קאָנגרעס (אין יאָר 1946) זיינען געווען קרוב אַ האַלבער מיליאָן שוקלים אין לענדער אין וועלכע מיר וועלן הייַ־יאָר נישט קענען פירן קיין שקל־אַקציע (פּוילן, אונגאַרן, רומעניע, דייטשלאַנד, מצרים). נאַטירלעך וועלן הייַ־יאָר פאַרשפּרייט ווערן אין ארץ־ישראל אַ 150 טויזנט שקלים מער ווי אין יאָר 1946. אָבער דאָס וועט נישט אויסגלייכן דעם פאַרלוסט *. און אין דער אמתן דאַרפן מיר קומען צום ערשטן קאָנגרעס זינט דעם באַשטיין פון דער מדינה מיט אַ פיל גרעסערער צאָל שוקלים ווי פריער.

דעריבער איז אַזוי וויכטיק די איצטיקע שקל־אַקציע. לויט די באַשלוסן פון אַקציאָנס־קאָמיטעט קען מען זי פאַרזעצן ביז אין מיטן אויגוסט **. מוז מען אויסנוצן די פולע צייט און זי נישט אָפּשטעלן פריער, צוליב די זומער־חדשים. מען מעג דאָסמאָל נעמען אויף זיך אויך אומבאַקוועמלעכקייטן און אַן אויסעראָרדנטלעכע אָנשטרענגונג, ווייל די אינטערעסן פון דער מדינה און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאָדערן עס.

(מאַי 1950)

---

* די שקל־אַקציע איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן שפּעטער ווי מען האָט דעמאָלט גערעכנט. דאָס איז געווען די צייט פון דער גרויסער מאַסן־עליה. האָט מען אין ארץ־ישראל פאַרשפּרייט איבער 300 טויזנט שקלים מער ווי אינם קאָנגרעס־יאָר 1946. די אַלגעמיינע צאָל פאַרשפּרייטע שקלים איז אָבער געווען קלענער. אין תש״ו (1946) 2.160 מיליאָן און אין תש״י (1951) 1.893 מיליאָן.

** עס האָט זיך דעמאָלט גערעדט וועגן דעם, אַז דער 23־טער ציוניסטישער קאָנגרעס זאָל פאָרקומען אין דעצעמבער 1950.

מדינה און ציוניזם — איין ציל *

דאָס אייראָפּעאישע אידנטום האָט אין משך פון אַ סך יאָרן געשפּילט די גרעסטע ראָל אין דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון אידישן פאָלק. עס איז דעריבער דאָפּלט שמערצלעך פאַר אונז, אידן וואָס שטאַמען פון אייראָפּע, צו זען די ירידה פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אייראָפּע. נאָך שמערצלעכער איז פאַר אונז צו זען, ווי די ציוניסטישע באַוועגונג אין עטלעכע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, אין וועלכע זי האָט די מעגלעכקייט פריי צו פירן איר טעטיקייט, געפינט זיך אין אַזאַ שווערן קריזיס־צושטאַנד. עס איז די אויפגאַבע פון אונזער באַוועגונג — פון די פועלי ציון — התאחדות פאַרטייען אין אַלע לענדער — קלאָר אַרויסצוזאָגן, וואָס עס זיינען די אורזאַכן פון דעם דאָזיקן קריזיס און זוכן דעם וועג, וואָס קען פירן אים גובר צו זיין.

לאָמיר זיך איצט באַגרעניצן מיט אַנווייזן אויף די פעלערן, וואָס קומען פון אָרגאַניזאַציאָנעלע חסרונות און פונעם פעלן פון אַ פּראָדוקטיוון טעטיקייטס־געביט פאַר טאָג־טעגלעכער ציוניסטישער אַרבעט.

דעם שווערפּונקט פונם קריזיס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער מוז מען זוכן אין דעם פאַקט, וואָס עס זיינען נישט פאַראַן קיין טעטיקע ציוניסטישע לאַנד־פאַרבאַנדן. לאָמיר נעמען, למשל, אַזאַ וויכטיקן צענטער, ווי פראַנקרייך (און דאָס איז אויך נוגע אַ ריי אַנדערע לענדער) וואָס שטעלט מיט זיך דאָ פאָר די ציוניסטישע פעדעראַציע? פאַקטיש איז זי נישט מער ווי אַ קאָמיטעט פון פאַרשטייער פון פאַרטייען, וואָס נישט ברייטערע אידישע קרייזן אין פראַנקרייך האָט אים באַשטימט און קאָנטראָלירן זיין טעטיקייט, אָדער באַשטימען זיין אַרבעטס־פּלאַן און פּאָליטיק. אַזאַ אָרגאַניזאַציע־פאָרם קען נישט אַרויסרופן קיין דרך־ארץ און אָנערקענונג ביי אידן. און דאָס פירט צו אַ פּרעסטיזש־פאַרלוסט און צו אָרגאַניזאַציאָנעלער שוואַכקייט.

פרעגט זיך: מיט וואָס פאַראַ רעכט נעמען זיך די אַלגעמיין־ציוניסטן,

---

* אויף אַן אייראָפּעאישן כינוס פון איחוד עולמי אין פּאַריז, יוני 1950.

דער מזרחי, מפ״מ און אַנדערע די פּריוווילעגיע צו פסלען אַ איד, וואָס וויל נישט זיין קיין מיטגליד פון אַ באַשטימטער ציוניסטישער פּאַרטיי, ער וויל אָבער יאָ זיין אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע? ווער האָט זיי געגעבן אַ רעכט דאָס צו פסקענען? מיט וואָס האַלטן זיי זיך בעסער פון אָט דעם פשוטן אידן, וואָס גיט אפשר מער פאַר ציוניסטישע צוועקן, איידער זייערע מיטגלידער, און האָט פונקט אַזוי ליב ישראל, ווי זיי?

מוז דעריבער אונזער באַוועגונג אַ סוף מאַכן צו דער דאָזיקער דאָפּל־טער בוכהאַלטעריע. פון איין זייט קומען אָט די אַלע פּאַרטייען און שרייען כלפּי חוץ קעגן דער פּאַרטייאישקייט אין דער ציוניסטישער אָנפירונג, און מען גיט צו פאַרשטיין, אַז שולדיק דערין איז מפא״י, און פון דער צווייטער זייט — פסלען זיי — אַ איד, וואָס איז נישט קיין פּאַרטיי־מענטש, און מען נעמט אים צו דאָס רעכט צו זיין אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער פעדע־ראַציע און צו קלייבן איר לייטונג.

אויב מען וויל ווירקלעך און אויפריכטיק אַ שטאַרקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, איז עס מעגלעך נאָר דעמאָלט, ווען זי וועט זיין געטראָגן פון די מערסטע אידן אין יעדן לאַנד, אידן, וואָס וועלן אין דירעקטע וואַלן קלייבן איר אָרטיקע לייטונג און באַשטימען איר טעטיקייט־געביט און איר פּאָליטיק.

*

עס הערשט אַ גרויסע אומקלאָרקייט וועגן די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ. דאַרף זיין קלאָר: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ איז נישט די לייטונג פון דער אידישער מדינה. זי קען עס נישט זיין און דאַרף עס נישט זיין. אָבער טראָץ דעם איז איר אויפגאַבן־קרייז געוואַלטיק גרויס. און הלוואי זאָל זי באַוויזן דורכצופירן די דאָזיקע גרויסע אויפגאַבן וואָס ליגן אויף איר.

מיט דער אויפריכטונג פון דער מדינה האָבן מיר געמיינט, אַז די אַסי־מילאַציע וועט ליקווידירט ווערן. פאַקטיש איז געווען אַ מאָמענט, ווען די אַסימילאַטאָרן אַליין האָבן שוין אויף אַ מינוט געטראַכט, אַז זייער שפּיל איז פאַרלוירן. זיי האָבן אָבער לעצטנס ווידער אויפגעלעבט. צוויי טויזנט יאָר האָבן אידן געלעבט אין דערוואַרטונג אויף דער גאולה, ווען עס קומט אָבער דער מאָמענט פון באַפרייאונג דערשרעקן זיי זיך פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייער בענקשאַפט. אונזער קאַמף קעגן אַסימילאַציע, קעגן דעם ווילן צו פאַרלענגערן אָדער אפילו פאַראייביקן דעם גלות, איז אַ שווערער און אַקטו־

עלער קאַמף. די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער פון חוץ־לארץ האָט דאָ אַ קאָלאָסאַל טעטיקייטס־געביט.

*

אין דער ריכטונג גייט אויך די אויפגאַבע פון נאַציאָנאַלער דערציאונג, פון שאַפן אידישע שולן און פאַרזיכערן, אַז דער יונגער אידישער דור אין די אידישע קבוצים אין חוץ־לארץ זאָל זיין נאַציאָנאַל דערצויגן און קענען די העברעאישע שפּראַך.

איז יאָרן לאַנג געגאַנגען אַ גרויסער וויכוח אויף דער אידישער גאַס וועגן אידיש און העברעאיש. מיר האָבן תמיד געזען די העברעאישע שפּראַך אַלס די איינציקע, וועלכע דאַרף זיין די שפּראַך פון אויפוואַכנדיקן פאָלק אין ארץ־ישראל. איך דערמאָן זיך, אַז נאָך מיט 25 יאָר צוריק, אויף דער זיבעטער וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי ציון אין ווין, אין זומער 1925, נאָך איידער מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט צ. ס., איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, אַז העברעאיש איז די איינציקע שפּראַך אין ארץ־ישראל. אין חוץ־לארץ האָבן מיר אָבער געקעמפט פאַר די רעכט פון אידיש, ווייל מיר האָבן געזען אין אָט דער שפּראַך אַ קאָלאָסאַלן שוץ פאַר אונזער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג. און איך האָב גאָרנישט חרטה, וואָס מיר האָבן געקעמפט דערפאַר. הלוואי וואָלטן מיר דערביי מצליח געווען און פאַזיכערט, אַז אידישע קינדער אין אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך זאָלן רעדן אידיש. דאָס איז אָבער ליידער נישט דער פאַל. די פּרואוון וואָס עס מאַכן איצט פאַרשיידענע שונאי ציון אויפצולעבן אידיש אַלס אומגאַנגס־שפּראַך דווקא אין ארץ־ישראל, (נאָכדעם ווי אין אַלע לענדער אין חוץ־לארץ רעדן אפילו זייערע אייגענע קינדער נישט קיין אידיש),קומט אויפן אָרט פון זייער פריערער, אָפענער, אנטי־ארץ־ישראל טעטיקייט. דעריבער איז לערנען העברעאיש אין גלות איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און מען מוז עס זייער באַדויערן, וואָס זי האָט ביז איצט אַזוי ווייניק געטאָן אויף דעם געביט.

די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף איצט נעמען אויף זיך נאָך אַנדערע אויפגאַבן, ווי למשל אָרגאַניזירן דאָס קהלה־לעבן אין יענע אידישע קיבוצים, וואָס זיינען נאָך פאַראַן אין חוץ־לארץ. אידישע קהלות זיינען אַ גרויסער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר און ציוניסטן זיינען פאַראינטערעסירט אין זייער עקזיסטענץ. מיין מיינונג איז, אַז אַפילו קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע, אויב זי איז ערגעץ וואו פאַראַן, גייט אַריין אינם אויפגאַבן־געביט פון דער אָרטיקער ציוניסטישער באַוועגונג.

און צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו די ציוניסטישע פליכט צו גרינדן פלעגן און שטיצן די חלוצישע באַוועגונג. דאָס דאַרף זיין דער שוואַרץ־אַפּל פון אויג פון דער ציוניסטישער טעטיקייט. עס איז נישט דענקבאַר קיין אמתע ציוניסטישע באַוועגונג אָן אַ שטאַרקן החלוץ און פאַרשטייט זיך — אויך הכשרה־פונקטן.

און אחרון אחרון חביב, די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף דורכדרינגען יעדן אידן מיטן באַוואוסטזיין פון דער נויטווענדיקייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. יעדער ציוניסט מוז לעבן מיט אָט דעם געדאַנק. ער מוז אין דער דאָזיקער ריכטונג דערציען זיינע קינדער, באַשטימען זייער פאַך־אויס־בילדונג און זיך אַליין צוזאַמען מיט זיין משפחה צוגרייטן צו עליה. וואָרים עס איז נישטאָ קיין ציוניזם אָן עליה און עס קענען נישט זיין קיין ציוניסטן, וואָס טראַכטן נישט וועגן עליה אין קאָנקרעטע פאָרמען און נישט אַלס עפּעס אַן אַבסטראַקטן חלום.

דערצו קומט נאָך די גרויסע און לעבנסוויכטיקע טעטיקייט פאַר די ארץ־ישראל־פאָנדן, וואָס ציוניסטן מוזן זיין דערביי די אַקטיווסטע און די ערשטע. בפרט אינם איצטיקן מאָמענט פון דיווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן אין לאַנד, ווען דער קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער סטאַביליטעט פון אונזער מדינה האָט באַקומען אַזאַ גורלדיקע וויכטיקייט פאַר אונזער צוקונפט.

*

אויב איר וועט צוזאַמענגעמען די דאָזיקע אַלע טעטיקייטס־געביטן וועט איר זען, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער, ברייט־פאַרצווייגטער טעטיקייטס־געביט די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע האָט פאַר זיך. צום באַדויערן זיינען אָבער פאַראַן עלעמענטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס די דער־מאָנטע טעטיקייטס־געביטן אינטערעסירן זיי נישט, און יעדעס מאָל, ווען מען קומט רעדן מכוח ציוניסטישע ענינים און קאָנקרעטע אַרבעטן, הויבן זיי גאָר אָן צו רעדן וועגן השפעה אויף דער מדינה־פירונג. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אָט די פאַרטייען בילדן אין ישראל אַ מינדערהייט. דער ישוב אין ישראל קלייבט זיין אָנפירונג דורך אַלגעמיינע, דעמאָקראַטישע וואַלן. ווילן זיי „קאָרעגירן" די דאָזיקע וואַלן און מיינען, אַז דאָס וועט זיך זיי איינגעבן דערמיט, וואָס זיי וועלן מיטן כוח פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ קענען באַפרידיקן זייערע פּאָליטישע אַספּיראַציעס אין ארץ־ישראל און אַזוי אַרום דערגרייכן דאָס, וואָס עס איז זיי נישט געלונגען צו דערגרייכן דורך די וואַלן אין ישראל. דאָס קען אָבער נישט געשען. אַזאַ אומגערעכטע און פאַלשע פּאָליטיק קען ברענגען דעם גרעסטן שאָדן דער

ציוניסטישער באַוועגונג, און, פאַרשטייט זיך, אויך אונזער מדינה. מוז דעריבער אונזער באַוועגונג איצט קומען צו דער ציוניסטישער עפנטלעכ־קייט אין אַלע לענדער און קלאָר אַוועקשטעלן די פראַגע. זאָל יעדער איד און יעדער ציוניסט וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און זאָל ער ביי די נעקסטע וואַלן פון דעלעגאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס וועגן דעם אַנטשיידן.

זאָל ער וויסן דעם אמת, פאַרוואָס עס קומען אַמאָל ציוניסטן און רעדן מכוח אַ מכלומרשטער שפּאַנונג צווישן דער מדינה און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בעת אַזאַ שפּאַנונג קען נישט און טאָר נישט זיין, ווייל ביידע האָבן דאָך פאַר זיך נאָר איין ציל — קיבוץ גלויות.

דערפאַר איז אַזוי וויכטיק, אַז אין יעדן לאַנד זאָלן פאָרקומען קאָנ־גרעס־וואַלן. אַזעלכע גרונטזעצלעכע פראַגן קענען נישט אַנטשיידן ווערן בחדרי־חדרים, דורך וואַל־אָפּמאַכן, נאָר אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן דורך די ציוניסטישע ווילער גופא, אין פרייע דעמאָקראַטישע וואַלן.

*

מיר, די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין ציוניזם, וועלכע זיינען אין יאָר 1933 דאָס ערשטע מאָל געקומען מיט אַ דאָמינירנדיקן כוח צום ציוניסטישן קאָנגרעס, האָבן דעם דאָזיקן כוח דערגרייכט דורך אַלגעמיינע וואַלן; מיר האָבן דעמאָלט געבראַכט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ נייעם גייסט אויפן געביט פון ציוניסטישער פּאָליטישער טעטיקייט. דער דאָזיקער נייער גייסט, וועלכן חיים אַרלאָזאָראָוו האָט אַריינגעבראַכט אין יאָר 1931 און משה שערטאָק מיט די אַנדערע חברים אונטער דער אָנפירונג פון דוד בן־גוריון האָבן פאָרגעזעצט אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע פון 1933 ביז דער אויפריכטונג פון דער מדינה — די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אונז דערפירט צו דער אויפריכטונג פון מדינת ישראל. וואָלטן מיר אין יאָר 1933 נישט דערגרייכט דעם דאָזיקן כוח, וואָס מיר האָבן דעמאָלט דערגרייכט, איז ווער ווייס, צי מיר וואָלטן געקומען צו אונזערע היינטיקע דערגריי־כונגען. מיר האָבן געראַטעוועט דעם קאָנגרעס אין יאָר 1937 פון כאַאָס און צעשפּליטערונג בעת דעם וויכוח וועגן חלוקה. מיר האָבן עס באַוויזן דערפאַר, וואָס אויפן קאָנגרעס פון 1937 זיינען מיר געווען אַ גרויסער כוח, וועלכער האָט טראָץ אינערלעכע חילוקי־דעות געוואוסט צו קומען מיט אַן אייגנהייט־לעכער פּלאַטפאָרם, וועלכע האָט שפּעטער פאַרייניקט די גרויסע מערהייט פונם קאָנגרעס.

אויך איצט, הגם מיר זיינען נישט די ערשטע פּאַרטיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז אָבער אונזער גייסטיקע השפּעה דאָמינירנדיק,

ווייל מיר האָבן אַ קלאָרן וועג און מיר קענען די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונז.

מוזן מיר זיין אַ גרויסער כוח ביים נאָענטסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אויב מיר ווילן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל קענען אויספירן אירע פליכטן. די דאָזיקע פאָדערונג מוזן מיר אַוועקשטעלן פאַר יעדן ציוניסט, פאַר יעדן איד. די אידן האָבן ליב די אידישע מדינה! אידן ווילן גוטס פאַר דער אידישער מדינה! אידן האָבן צוטרוי צו איר רעגירונג און עס וועלן גאָרנישט העלפן די כל־ערליי רכילותן און בייזווויליקע רייד קעגן דער ישראל־רעגירונג אין די צייטונגען און אויף פאַרזאַמלונגען. מוז יעדער איד וויסן, אַז אויב ער האָט ליב די מדינה און וויל איר גוטס, טאָ מוז ער שטאַרקן דעם טרייען כוח פון דער מדינה, מוז ער שטאַרקן די שוץ־וואַנט, וואָס אונזער באַוועגונג — פועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות שטעלט מיט זיך פאָר.

*

צום קאָנגרעס אין יאָר 1946 האָט מען אין אייראָפּע, צוזאַמען מיט ענגלאַנד פאַרשפּרייט 737 טויזנט שקלים *. אין אַ רייע לענדער, ווי פוילן, רו־מעניע, אונגאַרן וועט מען דאָס מאָל קיין שקלים נישט קענען פאַרשפּרייטן. אין דייטשלאַנד, וואו מ׳האָט צום לעצטן קאָנגרעס פון יאָר 1946 פאַרשפּרייט 112 טויזנט שקלים, זיינען די מערסטע שוקלים שוין אין ישראל און די וואָס זיינען פאַרבליבן, ווילן מיר קיין שקלים נישט פאַרקויפן. מוז איצט דאָס אידנטום אין די פאַרבליבענע לענדער מאַכן אַ קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונג, כדי צו פאַרפולן, כאָטש אין אַ געוויסער מאָס, דאָס וואָס עס וועט אויספעלן פון די לענדער, אין וועלכע מען קען נישט פאַרשפּרייטן דעם שקל.

אויף אונזער באַוועגונג ליגט אַ נאָבעלע און וויכטיקע אויפגאַבע. מיר דאַרפן שטאַרקן דעם אָנזען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איי־ראָפּע. מיר פילן זיך פאַרפליכטעט, מער ווי אַלע אַנדערע פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. אונזער באַוועגונג האָט שוין נישט איינמאָל באַוויזן, אַז אין שווערע מאָמענטן קען זי זיך מאָביליזירן צו אַ גרויסער אָנשטרענגונג.

מיר טראָגן דאָ אין חוץ־לארץ די פאָן פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער אַקטיוו. לאָמיר זיין ווירדיקע טרעגער פון אָט דעם אַקטיוו.

* אין תש״י (קאָנגרעס־יאָר 1951) האָט מען אין אייראָפּע פאַרשפּרייט אַרום 145.000 שקלים. אין תש״ו (1946) האָט מען אין עסטרייך, איטאַליע, בולגאַריע, דייטשלאַנד, אונגאַרן, טראַנסילוואַניע, פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע פאַר־שפּרייט 514.000 שקלים. אין 1951 נאָר 13.805 שקלים אין עסטרייך און איטאַליע.

ציוניסטישע טאָג־פראַגן

א

אויפקלערונגס־טעטיקייט

די פראַגע פון פאַראייניהייטלעכן די ציוניסטישע אויפקלערונגס־טעטיקייט גייט נישט אַראָפּ פון סדר היום פון די ציוניסטישע באַראַטונגען זינט אַ סך יאָרן. אין פלוג מיינט מען, אַז דאָס איז אַ ריין טעכנישע פראַגע. עס וואַרפט זיך אין אויג די אַבסורדאַלע לאַגע, אַז עטלעכע ציוניסטישע צענטראַלע אינסטאַנצן און פאָנדן, וואָס אַלע זיינען זיי אין ירושלים און הויזן אין איין הייזער־בלאָק, האָבן יעדע פאַר זיך אויפקלערונג־ און פראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונגען און פירן באַזונדער, יעדע פאַר זיך, די אויפקלערונגס־אַרבעט פאַר חוץ־לארץ, וועלכע קען לכל הדעות געטאָן ווערן געמיינזאַם. האָט מען שוין אויף עטלעכע זיצונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אָפּשאַפן די טאָפּלטקייט. איז אָבער די פּראַקטיק פון די איינצלנע פאָנדן און דעפּאַרטאַמענט־לייטונגען ביז איצט געווען תמיד שטאַרקער ווי די באַשלוסן פון א. ק. און מיר האָבן קיין סך נישט דערגרייכט אויפן געביט פון פאַראייניהייטלעכן אָט די אַרבעט. אויך ביי דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט (אַפּריל 1950) איז וועגן דעם אָנגענומען געוואָרן אַ פאַרפליכטנדיקער באַשלוס. לאָמיר האָפן, אַז ער וועט האָבן מער מזל ווי די פריערע באַשלוסן.

אָבער נאָך אַלעמען איז דאָס נישט די הויפּט־פראַגע. אַ סך וויכטיקער איז די פראַגע ווי אַזוי זאָלן מיר באַקענען אידן אין חוץ־לארץ מיט דער ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט. אויף דעם געביט שטויסן מיר זיך אָן זינט יאָרן, כסדר פונדאַסניי, אויף ממש אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונגען. ווער עס קומט נאָר אין באַריר מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ אַנטדעקט תמיד, מיט איבעראַשונג, אויף ווי ווייט געוויסע עלעמענטאַרע ענינים אין ארץ־ישראל זיינען נישט גענוג באַקאַנט אַ סך גוטע ציוניסטן. בפרט ביי יעדער שוועריקייט און קריזיס הערן מיר תמיד פונדאַסניי די טענה, אַז די באַוועגונג אין חוץ־לארץ איז איבעראַשט און דערשלאָגן און זי קען נישט פאַרטראָגן קיין שלעכטע נייעס און מען האָט איר כלומרשט איינגערעדט

עפּעס אַנדערש. די טענה הערן מיר אויך אָפּט פון נייע עולים: מען האָט אונז אין חוץ־לארץ דאָס אַלץ נישט דערציילט.

ווייסן מיר גוט, אַז די טענה איז אַ סך איבערגעטריבן. ווייל דער מענטש הערט געוויינטלעך בעיקר דאָס וואָס ער וויל הערן. יעדנפאַלס אין דעם גלויבט ער. דאָס נעמט ער אָן פאַר ווירקלעכקייט. אויב די ווירקלעכקייט איז אַנדערש ווי ער האָט זיך אויסגעמאָלט, איז פאַרשטייט זיך שולדיק די ווירקלעכקייט ווייל זי האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דעם וואָס ער וויל פון איר. מען קען אָבער אויך נישט לייקענען, אַז עס איז פאַראַן אַ ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע וועלכע מיינט, אַז היות שונאי ציון דערציילן נאָר שלעכטס וועגן אונז — און היינט־צו־טאָג האַלטן אויך ציוניסטן, וואָס זייערע פּאָלי־טישע אַספּיראַציעס ווערן נישט באַפרידיקט, פאַר זייער „פּאַטריאָטישער" פליכט צו פאַרשווייגן אַלץ וואָס ביי אונז קומט פאָר — דאַרף מען דער־ציילן נאָר גוטע זאַכן און אָפּלייקענען אַלע שוועריקייטן, שטרויכלונגען און סכנות. אמת, דאָס געשעט מיט די בעסטע כוונות, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז די רעזולטאַטן דערפון זיינען נישט קיין פּאָזיטיווע.

מיר האַלטן אַזאַ אויפקלערונג פאַר דורכאויס פאַלש. גראָד ווי עס איז פאַלש און שעדלעך ווען אַנדערע דערציילן ווידער נאָר אַ טייל פונם אמת — די שוועריקייטן, און זיי גיבן נישט צו דאָס דערגרייכטע און וואָס עס זיינען די סיבות פון די שוועריקייטן, אָדער זיי גיבן צו פאַרשטיין, אַז אין אַלע שוועריקייטן איז, פאַרשטייט זיך, שולדיק די ישראל־רעגירונג. אויך בנוגע דערציילן דעם אמת ווענדט זיך ווי אַזוי מען דערציילט אים.

וואָס פאַר אַ זין, למשל, האָט צו לייקענען אָדער צו מילדערן דעם שווערן פאַקט, אַז 90 טויזנט עולים זיצן היינט אין די מחנות, אַז דאָס איז פאַר אונז אַ גאַר גרויסע צרה און אַ גאַר גרויסע שוועריקייט, אַז עס קען ווידער אויסקומען, אַז אין די ווינטער־ און רעגן־חדשים וועלן טויזנטער פון די מחנות־איינוואוינער נישט האָבן קיין דאַך איבערן קאָפּ. דאַרף מען עס דערציילן. מען דאַרף נאָר דערביי צוגעבן דעם המשך פונם אמת, אַז פון מאַי 1948 ביז פעברואַר 1950 האָבן 280 טויזנט נייע עולים באַקומען וואוינונגען (אגב, אין די מחנות זיינען פאַראַן לכל הפחות 15 טויזנט עולים, וועלכע אַרבעטן און פאַרדינען); מען דאַרף גאָר נישט לייקענען, אַז למשל, אין די דריי חדשים יאַנואַר — אַפּריל 1950 האָבן זיך פאַרשריבן אין די אַרבעטס־ביוראָס איבער 21.000 אַרבעטס־זוכנדיקע. מען דאַרף נאָר צוגעבן, אַז אין די צוועלף חדשים, 1 אַפּריל 1949 — 1 אַפּריל 1950, זיינען דורך די אַרבעטס־ביוראָס איינגעאָרדנט געוואָרן ביי אַרבעט איבער 76.000 אַרבעט־

זוכנדיקע. מען דאַרף גאָרנישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז מיר האָבן אין לאַנד אַרום 6 טויזנט פול־אַרבעטסלאָזע (אַ חוץ אין די מחנות) און אַ חוץ דעם אויך טויזנטער נישט פול־באַשעפטיקטע. מען דאַרף אָבער אויך צוגעבן אַז אין די ראַמען פון דער מאַסן־עליה זיינען געקומען אין לאַנד 21 טויזנט עולים אין אַרבעט־אומפעאיקן עלטער (מענער איבער 65, פרויען איבער 60)؛ אַז בעת דער עליה פון 1919 ביז 1945, ווען 395.000 אידן זיינען געקומען אין לאַנד אין די 27 יאָר — זיינען 40% געווען איינצל־פּערזאָנען, וואָס דאַרפן נישט דאַגהן פאַר משפחה־אָנגעהעריקע, און איצט זיינען עס נאָר 14%.

מען דאַרף אויך נישט פאַרשווייגן, אַז דער פאַקט וואָס 90 טויזנט זיצן אין די מחנות העגנט אָפּ פון דער מאָס הילף, וועלכע מיר באַקומען פון די אידן אין חוץ־לאַרץ, אויך טיילווייז פון די נייע עולים אַליין, אויב זיי ווילן גיין צו אַרבעטן ביי וועלכע מען קען זיי תיכף ומיד איינאָרדענען. עס איז נישט מעגלעך, אַז אַלע אידן זאָלן וואוינען דוקא אין תל־אביב אָדער חיפה؛ אַז אַלע וועלכע האָבן נישט קיין פאַך זאָלן אַרבעטן אַלס באַאַמטע؛ אַז פאַר יעדן איינעם זאָל מען צוגרייטן אַ דירה א.אַ.וו., א.אַ.וו. נישט ווייל מיר ווילן דאָס נישט, נאָר פשוט ווייל מיר קענען דאָס נישט באַווייזן. און דאָס מוז מען זאָגן קלאָר און אָפן. און מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אין ארץ־ישראל מוז מען אַרבעטן און שווער אַרבעטן און מען קען נישט זיין אויסקלייבעריש ביים אָננעמען אַרבעט, און ווער עס איז נישט גרייט דערצו, זאָל זיך זייער גוט איבערטראַכטן צוליב וואָס ער איז עולה. מען ברענגט נישט קיין נוצן דעם לאַנד און דעם ציוניזם, אויב מען זאָגט נישט די אַלע זאַכן קלאָר און אָפן אין חוץ־לאַרץ.

וואָס פאַר אַ זין האָט, למשל, צו פאַרבאַהאַלטן אונזערע ווירטשאַפט־לעכע שוועריקייטן, די שפּייז־ראַציאָנירונג א.אַ.וו.? עס איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען. אָבער דערביי דאַרף מען תמיד צוגעבן, אַז דאָס געשעט איינציק און אַליין, כדי מיר זאָלן קענען אויפנעמען אַ מאַסן־עליה. דער ישוב אין לאַנד, אָן אַן עליה, וואָלט נישט באַדאַרפט אָנקומען צו די אַלע מיטלען. ווער עס נוצט אויס אָט די און ענלעכע שוועריקייטן, כדי אונז צו פאַרשוואַרצן דאָס פנים אָדער מאַכן אַ פּאָליטישן חשבון מיט דער ישראל־רעגירונג, דער שטרעבט בכוונה אָדער נישט בכוונה צו שליסן די טויערן פון לאַנד פאַר נייע עולים. דאָס איז אויך די סיבה פאַר די פאַרשיידענע רעגולאַציעס אין האַנדל מיט אויסלאַנד, קאַפּיטאַל־איבער־ווייזונגען און אינעווסטירונגען. מען דאַרף גאָר נישט אָפּלייקענען אָדער

מילדערן די האַרבקייט, נאָר אויפקלערן צוליב וואָס דאָס ווערט געטאָן. דאָס דאַרף וויסן יעדער ציוניסט אין חוץ־לאָרץ. ער איז מחוייב צו וויסן אַלע שוועריקייטן, אַלע לאַסטן און באַשרענקונגען. יעדער איד דאַרף וויסן די געפאַרן וועלכע דראָען אונז און דאַן וועט ער פאַרשטיין פאַרוואָס מיר דאַרפן פירן אַזאַ אָפּווער־קאַמף.

עס זיינען אין לאַנד אויפגעטאָן און געשאַפן געוואָרן אַזוי פיל גרויסע און וואונדערבאַרע זאַכן — און נישט נאָר אין די לעצטע צוויי יאָר פון מעשי־נסים — אַז מיר קענען צו יעדער צייט רואיק מאַכן אַן אָפענעם בילאַנס פון די דערגרייכונגען און שוועריקייטן און נישט פאַרבאַהאַלטן קיין שום דורכפאַל און נישט מינימיזירן קיין שום סכנה — אויך נישט איבערטרייבן אונזער כוח און אונזער טאַלאַנט, נישט איינרעדן דעם עולם אַז מיר וועלן שוין אַלץ באַווייזן צו טאָן. מיר זיינען נישט קיין איבערמענטשן. יעדער איד אין חוץ־לאַרץ, ווען ער וואָלט דאָ געווען צוזאַמען מיט אונז, וואָלט ער מן־הסתם באַוויזן צו טאָן דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן. און פאַראַן גענוג זאַכן, וועלכע מיר קענען נישט אויפטאָן, ביי וועלכע מיר נויטיקן זיך אומבאַדינגט אין הילף און מיטאַרבעט מצד אידן אין גאַר־דער־וועלט.

אין דער ריכטונג דאַרף גיין די ציוניסטישע אויפקלערונג — די מינדלעכע און שריפטלעכע. דערציילן דעם גאַנצן אמת — און נאָר דעם אמת. שילדערן די פולע ווירקלעכקייט — די דערגרייכונגען, די שוועריקייטן, די געפאַרן, די לאַסטן און פליכטן, די מעגלעכקייטן און אויסזיכטן.

ב.

שליחים

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג ווערט ערנסט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אויסברייטערן שטאַרק די ראַמען פונם החלוץ און גרינדן הכשרה־פונקטן, פאַרשטאַרקן די אַרבעט צווישן דער יוגנט. עס רעדט זיך דערביי בפירוש מכוח די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער און, פאַרשטייט זיך, אויפן ערשטן אָרט צפון־אַמעריקע. די פראַגע איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און די מערהייט האָט אויסגעדריקט דעם וואונטש, אַז די דאָזיקע אַרבעט זאָל איצט געשטעלט ווערן בראש פון דער זאָרג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די תפוצות.

פאַר יעדן איינעם איז קלאָר, אַז דערצו זיינען נויטיק שליחים פון ארץ־ישראל. אָן שליחים וועט די דאָזיקע טעטיקייט נישט געמאַכט ווערן. יעדנפאַלס נישט אין אַן ערנסטן, ברייטן פאַרנעם. האָט מען אָבער אין דער

לעצטער צייט אויפגעהויבן אין חוץ־לארץ די פּראַגע, צי עס קומען נישט אַמאָל אַהין צו פיל שליחים פון ישראל, צי אַלע שליחותן זיינען טאַקע נויטיק און אויך מכוח דעם הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד פון די שליחים, ווען זיי קומען קיין חוץ־לארץ.

אויך אין דער פּראַגע איז פיל בעסער, זי זאָל באַהאַנדלט ווערן עפנטלעך און אָן נישט־דערזאָגענישן. איז אָבער די צרה וואָס מען באַנוצט דערביי צופיל פאַראַלגעמיינערונגען און מען מישט אויס צופיל פאַרשיידענע עלעמענטן אין איין טאָפּ, וואָס מען פאַרוואַנדלט דעם געזונטן קערן פון קריטיק און גוטן ווילן אויסצובעסערן אין אַ נישט קאָנטראָלירטער רכילות.

מען קען נישט לייקענען אַז אין חוץ־לארץ זיינען פאַראַן אַ סך ארץ־ישראלדיקע. קען זיין, אַז זיי זיינען גאָרנישט אַזוי פיל ווי בולט זיי זיינען אָדער ווי בולט זיי מאַכן זיך. אין לאַנד איז מען גאָרנישט אַזוי באַגייסטערט פון די פיל חוץ־לארץ־פאָרער. נישט איינמאָל דערוויסן מיר זיך דאָ ערשט פון די צייטונגען, וועלכע קומען פון חוץ־לארץ, וואָס פאַר אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט עס איז דער אָדער אַ צווייטער איקס, און אין וואָס פאַר אַ וויכטיקער שליחות ער איז געפאָרן. דאָ אין לאַנד הויבט מען וועגן דעם נישט אָן צו וויסן, אָדער עס ווייסט דערפון עפּעס אַ קלענער קרייז. די לייכטזיניקייט אָדער לייכטגלויביקייט פון דער אידישער פּרעסע אין חוץ־לארץ איז אין דער באַציאונג אָפטמאָל צו באַוואונדערן. ווער איז דאָרטן נישט „פּראָמינענט" און „באַקאַנט" און „באַוואוסט" און „פאַרדינסטפול". שפּעטער האָט די זעלבע פּרעסע טענות נישט צו זיך אַליין, צו איר אייגענער קריטיק־ און קאָנטראָל־לאָזיקייט, נאָר צו אונז. אפשר וואָלט ראַטזאַמער געווען, אַז איידער זיי רעקלאַמירן אַ „באַוואוסטן" שליח, זאָלן זיי פריער אָנפרעגן ביי אַ קאָמפּעטענטער שטעלע, צי דאָס איז טאַקע אַ שליח פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון דער רעגירונג, צי און פון וועמען ער איז דעלעגירט — און ערשט שפּעטער מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך דעם ארץ־ישראל־כלל פאַר זיינע האַנדלונגען?

די פּראַגע פון שליחים איז אויספירלעך באַהאַנדלט געוואָרן אין דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, בעת דער סעסיע סוף אַפּריל 1950. לויט אַ גענויער רשימה איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע — אַלע אירע צענטראַלע אָפּטיילונגען און דעפּאַרטאַמענטן, פאָנדן, מדריכים פאַר אַרבעט צווישן דער יוגנט, החלוץ, עליה — האָבן אין חוץ־לארץ ווייניקער ווי 400 שליחים. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט קיין שום קאָנטראָל איבער פּאַרטיי־שליחים און

שליחים פון ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען (געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע) און ערשט רעכט נישט איבער סתם אידן וואָס פאָרן, און פאַר זייערע געשעפטן איז אַמאָל באַקוועמער זיך איינצוהילן אין אַ מאַנטל פון אַ שליח. וואָס שייך שליחים פון דער מדינה, איז דאָך נישט שווער צו דערגיין, צי זיי זיינען באמת אָפיציעלע שליחים. אויף וויפיל זייער לעבנס־שטייגער אין חוץ־לארץ רופט אַרויס טענות, איז נישטאָ קיין שום מצווה עס צו פאַרשווייגן, גראָד ווי מען דאַרף עס נישט פאַרשווייגן לגבי ציוניסטישע שליחים. מען טוט דער ציוניסטישער באַוועגונג נאָר אַ רעה, אויב אַנשטאָט זיך אָפּצושטעלן אויף אַ שלעכטע האַנדלונג פון אַ יחיד — מעג עס זיין דער חשובסטער מענטש — רעדט מען וועגן די שליחים בכלל אַלס „אַ לייכטזיניקע פאַרשוועבדערישקייט און אָנשיקעניש" (א. ס. ליריק, „מאָרגן זשורנאַל", 14 מערץ) וכדומה.

מיר נעמען נישט אָן דעם כלל, אַז די עלעגאַנץ פונם האָטעל און די ברייטקייט פונם לעבן באַשטימען די מאָס פון דעם כבוד, וואָס אונזער רעגירונג־באַאַמטער אָדער ציוניסטישער רעפּרעזענטאַנט דערוועַרבט אין חוץ־לארץ פאַר דער מדינה און פאַר דער באַוועגונג. מיר האָבן זיך גראָד איבערצייגט, אַז אַזאַ ברייטקייט פאַרשאַפט אונז וויייניק כבוד. מיר זיינען אַ קליין אָרים פאָלק און דאָס איז נישט קיין שאַנד. אונזערע שליחים מוזן לעבן ווי פאָרשטייער פון אַ קליין אָרים פאָלק. מען מוז אָבער אָפּשטעלן די רכילות קעגן כלל, בלויז דערפאַר וואָס עס זיינען פאַראַן יחידים, וועלכע היטן נישט אָפּ די כללים פון כלל. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט באַשטימט גאַנץ באַשיידענע געהעלטער פאַר שליחים אין חוץ־לארץ — אין געוויסע פאַלן שוין צו שטאַרק באַשיידענע. מיר הערן, אַז מען האָט אַפילו באַשלאָסן באַשטימטע ראַמען פאַר הוצאות, וועלכע עס קען מאַכן אין חוץ־לארץ אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע — און דאָס איז זייער געזונט. ווייל טראָץ דעם וואָס מען האָט טענות צו די ישראל־שליחים, איז איצט אין חוץ־לארץ נישט מעגלעך קיין שום ציוניסטישע אַרבעט אָן שליחים. אַ נישט קאָנטראָלירטער און אַלגעמיינער גענעראַל־אַנגריף קעגן „שליחיזם" איז עלול צו דערפירן צו אַ נאָך גרעסערער אָפּשוואַכונג פון דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין די גלות־לענדער. עס קומט אונז אין לאַנד נישט אָן אַזוי לייכט צו מאָביליזירן מענטשן פאַר אַרבעט אין חוץ־לארץ. אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער קען מען זיך אָפּטמאָל גאָרנישט פאָרשטעלן מיט וויפיל מי דאָס קומט אָן ביי אַ סך שליחים. זאָל מען דעריבער נישט אַריינפאַלן פון איין עקסטרעם אין צווייטן. שליחים זיינען וויכטיק, גאָר וויכטיק.

און וואָס מער איז בעסער. אָבער — נאָר פאַר ציוניסטישער אַרבעט און אויפקלערונג, פאַר חלוצישער דערציאונג, לערער און יוגנט־מדריכים, אין דער באַוועגונג, צוזאַמען מיט דער באַוועגונג.

ג.

קאָנגרעס־וואַלן

פון אַ ריי לענדער קומען אָן ידיעות, אַז דאָרטן מאַכט מען באַצייטנס באַמיאונגען, כדי צו דערגרייכן אַ הסכם וועגן נישט דורכפירן די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. באַדויערן מיר זייער דעם דאָזיקן אייפער און מיר עצהן אונזערע חברים נישט צו זיין קיין שותפים אין די דאָזיקע באַמיאונגען. אויך מיר ווייסן זייער גוט, אַז וואַלן מיינט אַ וואַל־קאַמף און ביי אונזער טעמפּעראַמענט און נייגונג צו איבערטרייבונג איז אַ וואַל־קאַמף נישט תמיד קיין דערמוטיקנדיקע דערשיינונג. אויך מיר ווייסן גוט, אַז וואַלן זיינען פאַרבונדן מיט הוצאות, און ווידעראַמאָל, ביי אונזער נטיה צו איבער־טרייבונגען, קענען עס אַמאָל ווערן גרויסע הוצאות און עס איז אָן אַ ספק אַ מצווה צו שפּאָרן געזעלשאַפטלעכע מיטלען. מוותר זיין אויף וואַלן, מיינט אָבער אַ שווערן קלאַפּ פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָן ערנסטע דער־שיטערונג פון איר עקזיסטענץ און אָן אָפּהאַלט אינם פּראָצעס פון אַריינ־ברענגען קלאָרקייט אין אירע רייען, וואָס דאָס איז דער עיקרדיקער וועג זי אַרויסצופירן פונם קריזיס־צושטאַנד.

דער איצטיקער ציוניסטישער קאָנגרעס, אין דעצעמבער 1950 *, וועט זיין דער צווייטער קאָנגרעס אין משך פון די לעצטע 11 יאָר. אין נאָרמאַלע צייטן זיינען אין אַזאַ צייט־אָפּשניט פאָרגעקומען 5—6 קאָנגרעסן. די קאָנגרעס־תקופה איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט אַ פאַרגרעסערטער ציוניס־טישער אַקטיוויטעט און אויפקלערונג. דער מאַסנהאַפטער שקלים־פאַרקויף אין קאָנגרעס־יאָר און די קאָנגרעס־וואַלן פלעגן קאָנצענטרירן די אויפ־מערקזאַמקייט פון ברייטע קרייזן אַרום די ציוניסטישע ענינים און צווינגען גרויסע טיילן פון דער באַוועגונג זיך געניוער צו באַקענען מיט די ציוניס־טישע פּראָבלעמען. דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז געווען אַ מיינונגס־אויסדרוק פון די ציוניסטישע ווילער. אָן קאָנגרעס־וואַלן וואָלטן, למשל, נישט געקומען די ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער

* דער 23־טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 20־סטן דעצעמבער 1950. שפּעטער איז דער טערמין געענדערט געוואָרן. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין אויגוסט 1951.

וועלט־באַוועגונג אין די יאָרן 1933, 1935. קאָנגרעס־וואַלן האָבן נישט נאָר געבראַכט מיט זיך וואַל־קאַמף און דאָס אומאַנגענעמע, וואָס איז פאַרבונדן מיט וואַל־קאַמף, נאָר אויך אַ געשטייגערטן ציוניסטישן אינטערעס און ציוניסטישע אויפקלערונג.

מיר האָבן היינט־צו־טאָג אַ טויט־שטילקייט אויפן געביט פון ציוניסטישער מאַסן־אויפקלערונג. אין די ציוניסטישע רייען אין חוץ־לארץ הערשט אַ צעמישונג פון באַגריפן און אומקלאָרקייט וועגן אירע אויפגאַבן און פליכטן. עס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין געוויסע מוחות אַ ספק וועגן דער נויטווענדיקייט פון דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין אַזאַ מצב מבטל צו מאַכן אויך דעם לעצטן אויסדרוק פון ציוניסטישן צוזאַמענלעבן, פון אויטאָריטאַטיווער אַנטשיידונג, וועלכע פאַר־פליכטעט אַלעמען — מיינט אַ גרויסע רעה פאַר דער באַוועגונג. די זעלבע מענטשן, וועלכע ברענגען ק״ן טעמים אויף נישט אַדורכצופירן וואַלן, האַלטן זיך פאַר גרויסע דעמאָקראַטן און זיי באַמערקן גאָרנישט ווי זיי פאַרניכטן די דעמאָקראַטישע יסודות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס זיינען געווען איר שטאָלץ און איר כוח. אויב עס וועלן נישט פאָרקומען קיין וואַלן וועט אויך פאַלן דער אינטערעס צום קאָנגרעס און זיין אויטאָריטעט. ווער וועט להבא זיך נאָך גרייטן צו אַ קאָנגרעס, וועלכער איד וועט נעמען ערנסט די דעלעגאַציעס, וויסנדיק, אַז אַ האַלבער טוץ מענטשן האָט זיי באַשטימט בחדרי־חדרים אין אַ קעגנזייטיקער דינגעניש. דעם שקל־צאָלער ווערט אַפילו צוגענומען דאָס ביסל אילוזיע, אַז ער איז אַ פאַקטאָר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַזוי וויל מען בויען, פאַרשטאַרקן אַ באַוועגונג, הויבן איר אויטאָ־ריטעט ?

זאָל אונזער באַוועגונג נישט געבן איר האַנט דערצו.

(יוני 1950)

אַ וועג צו ליקווידאַציע

א

מיר וועלן נישט מיד ווערן איבערצוחזרן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז דער קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג נעמט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויך דערפון, וואָס זי ליידט אין חוץ־לארץ פון אַ שווערן אָרגאַניזאַציאָנעלן דעפעקט, וועלכער מאַכט וואָס אַ טאָג מער חרוב דעם גאַנצן בנין; זי ליידט פון אומקלאָרקייט מכוח אירע טעטיקייט־געביטן און אויפגאַבן אין חוץ־לארץ; זי ליידט פון אַן אייגנוויליקער און בכיוונדיקער איינצווימונג פון אירע קאָמפּעטענצן און אַרבעטס־געביטן אין חוץ־לארץ, נאָר דערפאַר ווייל געוויסע פּאַרטייען מיינען, אַז איר אַקטיוויטעט קען זיי שאָדן ברענגען; זי ליידט צוליב דעם, וואָס מען דערלאָזט נישט ציוניסטן, וועלכע זיינען נישט מיטגלידער פון אַ ציוניסטישער פּאַרטיי, זיי זאָלן ווערן מיטגלידער פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע; צוליב דעם וואָס טיילן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און אין די סאַמע וויכטיקסטע לענדער, דערלאָזן נישט, צוליב הענג־האַרציקע פּאַרטיי־חשבונות, די עקזיסטענץ פון איין איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע; צוליב דעם וואָס אירע אייגענע פירער צעשטערן סיסטעמאַטיש איר דעמאָקראַטישן פאָלקס־כאַראַקטער, וואָס אַלגעמיינע וואַלן זיינען דער אויסדרוק דערפון — דאָס וואָס עס האָט זי געמאַכט גרויס און באַליבט אינם אידישן פאָלק און האָט איר דערוואָרבן כבוד אין דער וועלט.

די וואָס זיינען שולדיק אין דערדאָזיקער זעלבסטמאָרד־פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לעצטע יאָרן, און זיי זיינען אין דער ערשטער ריי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר היינטיקן שווערן מצב, זיי מיידן אויס עקשנותדיק אויסצובעסערן די דערמאָנטע דעפעקטן. רעוויזיאָניסטן און מפ״ם, מזרחי און אַלגעמיין־ציוניסטן גייען דערביי געאָרעמט און פאַרייניקט. אַנשטאָט דעם פּרואוון זיי אַרויפצוואַרפן די שולד אויף אַנדערע גורמים — און בעיקר אויף די מענטשן פון דער ישראל־רעגירונג. דעריבער הערן מיר אַזוי אָפט די טענות, אַז צוליב דעם, וואָס די ישראל־רעגירונג גיט נישט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע געוויסע קאָמפּעטענצן, אָדער צוליב דעם,

וואָס די מענטשן פון דער ישראל־ רעגירונג האָבן כלומרשט אַ באַציאונג פון גרינגשעצונג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג — אַז דערפון נעמען זיך אַלע צרות און אַלע שוועריקייטן. אַפילו ווען דאָס וואָלט אמת געווען, און מען דאַרף אין דעם פרט אָדער אין אַ צווייטן פרט עפּעס ענדערן, האָט עס נישט קיין שום שייכות צום שווערן אָרגאַניזאַציאָנעלן מצב און צו דער נישטיקער מאָס פון אַקטיוויטעט מצד דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ — וואָס דאָס איז דער גורם פונם קריזיס. אידן אין חוץ־לארץ אינטערעסירט נישט און זיי פאַרנעמען זיך נישט דערמיט, ווי די קאָמפּעטענצן זיינען פאַרטיילט אין ישראל צווישן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און דער מדינה. אויב זיי — די אידן אין חוץ־לארץ, אינטערעסירן זיך שוין יאָ (און ליידער נישט תמיד און אין אַ גענוגענדיקער מאָס), איז עס נאָר צו אַ געוויסע אַרבעט ווערט בכלל געמאַכט אָדער נישט.

אויף ציוניסטן און אויף די וואָס גיבן זייערע ביישטייערונגען פאַר די ארץ־ישראל־פאָנדן, ווירקט עס נאָר לעכערלעך און עס ברענגט שאָדן דעם אָנזען פון ציוניזם, ווען געוויסע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, קומענדיק אין חוץ־לארץ, שטעלן זיי זיך פאַר אַ אויפגאַבע, איינצורעדן דעם עולם, אַז נאָר זיי זיינען די באַגלויביקע היטער פונם ציוניזם, בעת ד. בן־גוריון, משה שרת, גאָלדע מאירסאָן און מפא״י בכלל, האָבן נאָר איין דאגה — צו ליקווידירן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דער אָנזען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די תפוצות האָט נאָר געליטן פון דעם מין אויפקלערונג. אויף וויפל אידן אין חוץ־לארץ באַציען זיך גלייכגילטיק צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און צו אירע מענטשן, איז עס נישט דערפאַר ווייל די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט נישט גענוג קאָמפּעטענצן, נאָר ווייל די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די לענדער האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אַקטיווער פאַקטאָר אינם אידישן און אפילו ציוניסטישן לעבן.

ב

די צוגרייטונגען צום ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען תמיד געווען אַ געלעגנהייט צו פאַרשטאַרקטער ציוניסטישער אויפקלערונג און מאַסן־מאָביליזאַציע. דער שקל־פאַרקויף און בפרט די קאָנגרעס־וואַלן האָבן געדינט דערצו, אַז הונדערטער טויזנטער אידן זאָלן זיך נעענטער באַקענען מיט די ציוניסטישע פּראָבלעמען. אָבער נאָך וויכטיקער איז געווען דאָס געפיל פון מיטבאַשטימונג און שותפות אין דער אחריות, וואָס הונדערטער טויזנטער אידן אין גאָר דער וועלט האָבן דערמיט באַקומען. מיר זייבען

זייער ווייט דערפון, צו אידעאַליזירן, ביי די היינטיקע באַדינגונגען, די פאָרם פונם שקל און מיר ווייסן זייער גוט, אַז אַ ציוניסט מיינט נישט ביי היינטיקן טאָג קויפן אַ שקל און אַפילו גיין צו דער וואַל־אורנע. אָבער כל זמן מיר האָבן נאָך נישט געפונען קיין אַנדערע פאָרם און מיר בויטיקן זיך אין אַ גרויסער וואָלונטערער מאַסן־אָרגאַניזאַציע, פון פיל הונדערטער טויזנטער, מוזן מיר אָפּהיטן די פאָרמען, וואָס גיבן די הונדערטער טויזנטער דאָס געפיל פון מיטבאַשטימונג און שותפות אין דער אחריות.

אמת, מען מוז אויך טראַכטן מכוח עווענטועלע ענדערונגען פון מעטאָדן און אַפילו פון אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען אַ סימבאָלישע באַדייטונג און האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט. אָט, למשל, דער שקל אַלס קריטעריום, וואָס גיט וואַל־רעכט ביי די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס און די צאָל פאַרקויפטע שקלים אַלס באַזיס, וואָס באַשטימט די צאָל דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. דידאָזיקע באַשטימונגען, וואָס מיר באַציען זיך צו זיי מיט אַ סך סענטימענט, און זיי האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אונזער דערציאונג צו אַ דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישן לעבן, בעת מיר זיינען געווען אַ פאָלק אָן אַ מדינה — זיינען איצטער נישט מער צוגעפּאַסט און זיי דערפילן מער נישט זייער צוועק. דער אופן ווי מען פאַרשפּרייט איצט דעם שקל אין געוויסע לענדער, נעמט צו יעדן טעם פון דעמדאָזיקן אינסטרומענט פאַר ציוניסטישער אויפקלערונג. דאָס האָט מער גאָרנישט צו טאָן מיט געווינען מענטשן פאַר דער ציוניסטישער געזינונג. ביים לעצטן קאָנגרעס (דעצעמבער 1946) האָט מען נאָך אַ לאַנגן וויכוח אָנערקענט פאַר פוילן, אונגאַרן, דייטשלאַנד און עסטרייך 350 טויזנט שקלים; די לענדער האָבן געטענהעט, אַז זיי האָבן פאַרשפּרייט נאָך פיל מער, בעת אין די פיר ערטער זיינען קוים געווען אַזוי פיל דערוואַקסענע אידן. די צאָל אָנטיילנעמער אין די לעצטע קאָנגרעס־וואַלן, אין דעם לאַנד אין וועלכן מען האָט פאַרקויפט כמעט די העלפט פון אַלע שקלים — צפון־אַמעריקע — שטייט אין אַזאַ בולטער דיספּראָפּאָרץ צו דער צאָל פאַרקויפטע שקלים, אַז עס דיסקרעדיטירט נאָר אונזער דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישע טראַדיציע.

אָבער עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז די אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס קענען נישט און טאָרן נישט אָפּגעשאַפט ווערן, ווייל דערמיט שטייט און פאַלט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, אַלס די דעמאָקראַטישע מאַסן־באַוועגונג פון אידישן פאָלק. דאָס האָט זי אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַריי־

ניקונגען ביי אידן און דאָס האָט איר געהאָלפן זיך צו פאַרזיכערן דעם גאַר באַזונדערן און סאַמע ערשטן אָרט אין אידישן פאָלק אין די תפוצות.

קעגן אָט דער וויכטיקער דערגרייכונג, פון דירעקטע וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, ווערן איצט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון אַ טייל ציוניסטישע פירער, און קודם־כל אין דעם גרעסטן אידישן קיבוץ אין חוץ־לארץ, אין צפון־אַמעריקע. און נישט נאָר אין צפון־אַמעריקע. עס איז כמעט נישט געווען קיין איין לאַנד, אין וועלכן עס זיינען אין די לעצטע חדשים נישט געקומען ציוניסטן, אונטערן דעקמאַנטל פון אחדות און שפאָרזאַמקייט, און פאָרגעלייגט נישט צו מאַכן קיין וואַלן. מיר זעען אין אַזעלכע הסכמים, אָפּצושאַפן די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, אַ גרויסע געפאַר פאַר דער עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע; אַ געפאַר פאַר איר דעמאָקראַטישן פאָלקס־כאַראַקטער און די עטאַבליר־ונג פון אַ סיסטעם פון נאָמינירטע גבאים, וואָס מיר האָבן אַזוי ביטער באַקעמפט אַלע יאָרן. ביים היינטיקן טאָג איז די אָפּשאַפונג פון וואַלן דער שטאַרקסטער שטויס צו פולשטענדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער צעברעקלונג און אידעאישן כאַאָס אינערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דער שכל הישר קען אָפּטמאָל נישט תופס זיין די קרומע וועגן פון געוויסע טיילן פון דער היינטיקער ציוניסטישער פירערשאַפט. דוקא אין צפון־אַמעריקע און אין אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער, וואו אַלגעמיינע, דירעקטע וואַלן זיינען אַזאַ עלעמענטאַרע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון פאָליטישן לעבן, האָבן זיי דערינען פלוצים אַנטדעקט אַ פגם, ווען עס האַנדלט זיך מכוח אונזער אידישער וועלט. ווען נאָך איז געווען אַזאַ גינסטיקע געלעגנהייט צו מאָביליזירן הונדערטער טויזנטער אידן ווי בעת וואַלן צום קאָנגרעס? אויב עס זיינען פאַראַן שווערע פראָבלעמען, וועלכע פאָדערן אַ לייזונג, פאַרוואָס זאָל מען זיי נישט ברענגען צו אַלע ציוניסטן? זאָלן זיי וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זאָל מען זיי מאָביליזירן, כדי צו שטאַרקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע; זאָל געגעבן ווערן אַ מעגלעכ־קייט אַלע ציוניסטן צו זאָגן זייער מיינונג וועגן די ענינים. פאַרוואָס איז דאָס גוט ביי יעדער אומה און פאַרוואָס איז עס פסול ביי אונז?

ג

אַ דאַנק דער פעסטער שטעלונג פון אונזער באַוועגונג אין עטלעכע לענדער (ליידער נישט אין אַלע לענדער), זיינען פאַרגעקומען און וועלן פאָרקומען קאָנגרעס־וואַלן אין אַ ריי לענדער. אַ דאַנק דער ענערגישער

אַרבעט פון די פּאַרטייען פון איחוד־עולמי אין צפון־אַפריקע און אין דרום־אַמעריקע, און אין דער ערשטער ריי טאַקע אין ישראל גופא — האָט די שקל־אַקציע אַרומגענומען ברייטערע קרייזן. מיר האָבן דערמיט געטאָן אַ גרויסן דינסט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל, צווינגענדיק דורך אונזער ענערגישער אַרבעט אויך די אַנדערע פּאַרטייען צו אַקטיוויטעט. מיר זיינען צופרידן וואָס מיט אונזער פאַרגרעסערטער אָנשטרענגונג האָבן מיר באַוויזן צו שטאַרקן דעם ציוניסטישן כוח און פּרעסטיזש אין אַ צאָל לענדער. אָט די אַרבעט און איר דערפאָלג אין פראַנקרייך, מאַראָקאָ, אַרגענטינע * א. א. וו. האָט אָן אַ ספק אויך געקענט זיין אין צפון־אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער און די ווירקונג דערפון וואָלט געווען אָן אַ פאַרגלייך גרעסער. אידן אין צפון־אַמעריקע זיינען נישט קיין אַנדערע אידן ווי אין דרום־אַמעריקע. אויב מען האָט געקענט אין אַרגענטינע, למשל, כמעט פאַרדאָפּלען די צאָל שקל־צאָלער (פון 7 מאַנדאַטן אויף 13) אָדער אין פראַנקרייך באַדייטנדיק פאַרגרעסערן זייער צאָל (פון 7 מאַנדאַטן אויף 12) — פאַרוואָס איז דאָס נישט מעגלעך געווען אין צפון־אַמעריקע און אין אַ ריי אַנדערע לענדער? עס איז דאָך עפּעס פאָרגעקומען זינט 1946 און אידן האָבן דערוויף איבעראַל רעאַגירט מיט זייער גאַנצן האַרץ — פאַרוואָס האָט די ציוניסטישע באַוועגונג נישט געוואוסט אומעטום אויסצונוצן דידאָזיקע שטימונג אויף צו שטאַרקן די באַוועגונג **.

מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין דער לעצטער צייט אויף דערשיינונגען, וועלכע זאָגן עדות, אַז מיר דערנענטערן זיך מיט גאָר שנעלע טריט צו דער אויסליידיקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פון אירע בעסטע ווערטן. וועגן דעם וויכוח וואָס גייט אָן, צי אָנגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג איז מחייב צוגרייטונג צו עליה אָדער נישט, האָבן מיר שוין אויספירלעך געשריבן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. אָבער ווייזט אויס, אַז נישט נאָר די מצווה פון עליה שטייט אין ספק. ביי דער איצטיקער אַנטוויקלונג קענען מיר באַלד זוכה זיין צו אַ וויכוח אין ציוניסטישע קרייזן וועגן דעם, צו מיר זיינען טאַקע איין פאָלק אין די תפוצות, מיט די

* אין דידאָזיקע דריי לענדער זיינען אין 1946 פאַרשפּרייט געוואָרן 83584 שקלים און אין 1951 — 136.919 שקלים.

** אָנהויב יוני 1950 האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע טעלעגראַפירט קיין ניו־יאָרק, אַז זי וויל שיקן עטלעכע פירנדע ציוניסטישע פערזאָנען פון ארץ־ישראל קיין אַמעריקע פאַר ציוניסטישער אויפקלערונגס־אַרבעט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שקל־אַקציע. מען האָט איר געענטפערט, אַז די דאָרטיקע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע זיינען גאַנץ קאַטעגאָריש און איינשטימיק קעגן דעם.

זעלבע אינטערעסן, אויפגאַבן, שטרעבונגען, האָפענונגען,ליידן, פריידן א. א. וו.

אין דרום־אַפריקע, למשל, האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אויב עס וועלן דאָרט פאָרקומען קאָנגרעס־וואַלן, זאָלן אין דער אויפקלערונגס־אַרבעט נישט אָנטיילנעמען ציוניסטן פון אַנדערע לענדער. מען ווועט מן־הסתם פרוואוון פאַרענטפערן דעם באַשלוס מיט אַלגעמיינע אינערלעך פּאָליטישע טעמים. אָדער דאָס איז דער זעלבער תירוץ, ווי מיר טרעפן אים אָן ביים וויכוח וועגן דאָפּלטער לאָיאַליטעט, וואָס נאָך איידער די גויים זיינען געקומען דערויף, פירן שוין די אידן וועגן דעם אַ ליידנשאַפטלעכן וויכוח. ווער עס קען די פאַרגעשיכטע פון די פאַרהאַנדלונגען מכוח יאָ וואַלן אָדער נישט וואַלן אין דרום־אַפריקע, ביז צו דער דראַאונג פונם פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אַז אויב מען וועט באַשליסן דורכצופירן וואַלן, וועט ער רעזיגנירן (דאָס אַליין איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער צייט) — ווער עס ווייסט אָט די גאַנצע פאַרגעשיכטע, וועט פאַרשטיין, אַז נישט אַלגעמיין־פּאָליטישע טעמים האָבן באַשטימט דעם משונהדיקן באַשלוס. דאָס איז די זעלבע לאָגיק, וועלכע זאָגט, אַז אין חוץ־לארץ זיינען נישט בויטיק קיין ציוניסטישע ריכטונגען, ווייל וואָס גייט עס אָן ציוניסטן אין חוץ־לארץ, וואָס אינטערעסירט עס די אידישע יוגנט אין חוץ־לארץ וואָס עס וועט זיין דאָס סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע אויסזען פון אונזער מדינה? זיי דאַרפן זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע פראַגן. אין דרום־אַפריקע האָט מען לכל הפחות געפונען אַ תירוץ אין אַלגעמיין־פּאָליטישע טעמים, כדי נישט צו מאַכן קיין וואַלן. פאַרוואָס האָבן זיך אַלגעמיין־ציוניסטן אין דער שווייץ, למשל, געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט נישט צו מאַכן קיין וואַלן, — ווייל עס קען, חלילה, לויט זייער מיינונג, דערפירן צו רשעות? מיט וואָס אונטערשיידן זיי זיך אין זייער צוגאַנג און פסיכאָלאָגישער איינשטעלונג פון דער פּחדנותדיקער אַסימילאַציע?

ביי אַזעלכע שטימונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז דען אַ וואונדער, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג לעבט איבער אַ שווערן גייסטיקן און אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס?

ד

מיר קענען אין דער פראַגע פון קאָנגרעס־וואַלן, נישט קומען נאָר מיט טענות צו אַנדערע. אין דערדאָזיקער פראַגע, וואָס איז געוועזן און איז פאַרבליבן אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג,

האָבן מיר אַליין אויך אַ געוויסע שולד. מיר זיינען געווען בכוח אויפצו־צווינגען קאָנגרעס־וואַלן אין אַלע לענדער. מיר האָבן מיט אַ רואיק געוויסן געקענט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטונג דערפאַר. מיר האָבן זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען דערמיט. וואָס מיר האָבן נישט געוואָלט קיין אום־אויפריכטיקע אַחדות פאַרן פרייז פון חרוב מאַכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע; מיר האָבן נישט געוואָלט קיין שטילקייט אין דער ציוניסטי־שער באַוועגונג, בעת עס פירט זיך אומאויפהערלעך און איבעראַל אַ פאַרגיפטעטע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער ישראל־רעגירונג און קעגן די עיקרדיקע פאַראַנטוואָרטלעכע און בויענדיקע כוחות פון לאַנד — קעגן מפלגת פּועלי א״י. אויך די באַגרינדונג מיט שפּאָרזאַמקייט־טעמים, צוליב וועלכע מען דאַרף אויסמיידן וואַלן, איז איבערגעענוג דורכזיכטיק. אָט האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן (די קעמפער פון שפּאָרזאַמקייט ביי קאָנגרעס־וואַלן) אין ארץ־ישראל געפירט ביי די מוניציפּאַליטעטן־וואַלן אַ וואַל־קאַמפּאַניע, וואָס איז ווייט איבערגעשטיגן, אין זין פון הוצאות, אַלץ וואָס מיר האָבן ביז איצט געזען אויף דעם געביט, און אַפילו פירנדע אַלגעמיינע ציוניסטן פון צפון־אַמעריקע גיבן דערצו זייער ברכה.

ליידער האָבן דאָסמאָל נישט אַלע אונזערע לאַנד־פּאַרטייען געהאַנדלט לפי אַן איינהייטלעכער ליניע. בעת מיר האָבן באהאַנדלט די פראַגע אויף דער איחוד־וועלט־באַראַטונג אין צופית, אין אַפּריל 1950, איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר די מיינונג פון אונזער באַוועגונג: איבעראַל זאָל מען דורכפירן וואַלן. עס זיינען וועגן דעם בכלל קיין חילוקי־דעות נישט געווען (אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, אין לענדער ווי טשעכאָסלאָוואַקיע, טוניס, מאַראָקאָ וכדומה, וואו דאָס איז נישט דורכפירבאַר צוליב אויסערלעכע טעמים). פּלוצים זיינען מיר איבעראַשט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז מען געקומען צו אַ הסכם. שוין אָפּגעזען פונם תוכן פון הסכם, וואָס העלפט קינסטלעך אויפצושטעלן אַן אַנזעעוודיקע רעוויזיאָניסטישע פראַקציע ביים קאָנגרעס, גיבנדיק זיי 7 מאַנדאַטן (ביי די ביז איצט פאַרגעקומענע וואַלן אין חוץ־לארץ האָבן זיי לע״ע אין ערגעץ נישט דערגרייכט קיין מאַנדאַטן — זייערע מאַנדאַטן באַקומען זיי נאָר אין לענדער וואו קיין וואַלן קומען נישט פאָר); גיבנדיק מפּ״ם 5 מאַנדאַטן, וואָס זיי וואָלטן ביי וואַלן בשום אופן נישט דערגרייכט; פאַרקלענערנדיק אונזער כוח, הגם מיר האָבן געהאַט אַלע שאַנסן אויף אַ פאַרגרעסערטער פאַרשטייערשאַפט (ווי דאָס ווייזן די וואַלן אין אַלע לענדער) — שוין אָפּגעזען פון דעם פאַר אונזער באַוועגונג דעפעטיסטישן אינהאַלט פונם

הסכם — מוזן מיר אויך דאָ אָנווייזן אויף אַ שווערן אָרגאַניזאַציאָנעלן דעפעקט אין אונזער אייגענער באַוועגונג.

קאָנגרעס־וואַלן זיינען קיינמאָל נישט געווען און זיינען, על אחת כמה וכמה, אויך היינט נישט נאָר אַן אינערלעכער ענין פון יעדער לאַנדפּאַרטיי. אויב אונזער פאַרבינדונג אַלס אַלוועלטלעכע באַוועגונג האָט וועלכן עס איז זין, איז עס דאָך קודם־כל אין אַזעלכע פראַגן ווי ציוניסטישער קאָנגרעס. אַ וואַל־הסכם אין צפון־אַמעריקע באַשטימט אין אַ גרויסער מאָס אין פאָרויס דאָס אויסזען פונם קאָנגרעס. אין אַזאַ פראַגע איז אַ געמיינזאַמע באַראַטונג מיט די אינסטאַנצן פון דער וועלט־באַוועגונג, מיט דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, אַ צווינגענדיקער געבאָט. אין ארץ־ישראל האָט מען מיט שטוינונג אויפגענומען די ידיעה, וועגן דעם הסכם און אין חוץ־לארץ האָט ער געווירקט נידערשלאָגנדיק אויף אונזערע חברים. חברים האָבן מיט רעכט געטענהט: אָט מאַכן מיר ביי אונז די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי אָפּצוהיטן דעם דעמאָקראַטישן פאָלקס־כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, כדי צו פאַרהיטן, אַז די פאַרלוימדער פון דער ישראל־רעגירונג און פון מפא״י זאָלן נישט באַקומען אַן איבעריקן מאַנדאַט, און דאָרט טיילט מען זיי מאַנדאַטן מיט אַזאַ ברייטהאַרציקייט — וואָס נוצן אונז דאָ אונזערע אָנשטרענגונגען? און עס איז שווער געווען צו ענטפערן די חברים אויף דער גערעכטער טענה.

דאָס וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן מכוח דעם הסכם אין צפון אַמעריקע איז, פאַרשטייט זיך, אויך חל אויף אַנדערע לענדער, אויף וויפיל די אויסערלעכע פּאָליטישע באַדינגונגען האָבן דאָרט דערמעגלעכט קאָנגרעס־וואַלן און מען האָט זיי נישט אַדורכגעפירט.

די לעצטע אַנטוויקלונג אין דער אַלגעמיין ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין צפון־אַמעריקע; זייער אָפיציעלע אידענטיפיצירונגס־דעקלאַראַציע מיט די אַלגעמיין־ציוניסטן אין ישראל און קעגן די פּראָגרעסיווע, ענדע אָקטאָבער, דוקא אין אַ צייט ווען די אַלגעמיין־ציוניסטן אין ישראל האָבן דערגרייכט דעם הויך־פּונקט פון זייער פאַרלוימדונגס־העצע קעגן מפא״י, — אָט די אַנטוויקלונג, איז דאָך נאָך אַן עדות ווי דרינגענדיק בויטיק עס זיינען געווען ציוניסטישע וואַלן אין צפון־אַמעריקע. ווייל עס איז קיין ספק נישט, אַז ביי אַלגעמיינע וואַלן וואָלטן אָט די עלעמענטן נישט דערגרייכט אַזאַ שטאַרקע פאַרשטייערשאַפט אין קאָנגרעס, ווי זיי וועלן איצט האָבן, אַ דאַנק דעם אומגליקלעכן הסכם. דער וואַל־רעזולטאַט אין אַ ריי לענדער, איז דער בעסטער עדות דערפאַר.

(נאָוועמבער, 1950).

פאַר וויכטיקע אַנטשיידונגען

לויט די פאַרזיכערונגען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע וועט שוין מער נישט אָפּגעלייגט ווערן דער טערמין פון ציוניסטישן קאָנגרעס. ער וועט פאָרקומען היי־יאָר זומער. היי־יאָר זומער וועט אויך פאָרקומען אַ וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון (צ. ס.)־התאחדות. מיר מוזן דעריבער ווידמען די נאָענטסטע חדשים פאַר גאָר אינטענסיווע און פאַראַנטוואָרטונג־פולע איבערלעגכע באַראַטונגען וועגן דער צוקונפטיקער געשטאַלטונג פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג און פון אונזער אייגענער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די לענדער און אין צענטער.

עס איז בכלל נישט איבערגעטריבן אויב מיר זאָגן, אַז אונזערע באַראַטונגען און אָנשטרענגונגען צו באַשטימען קלאָרע דעפינירונגען פאַר דער צוקונפטיקער געשטאַלטונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען אין אַ גרויסער מאָס אַנטשיידנדיק. אין די אויגן פון ברייטע אידישע קרייזן אין לאַנד און אין חוץ־לארץ זיינען מיר די פּאַרטיי פון וועלכער מען דערוואַרט אַ תשובה אויף שווערע פראַגן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג; פון וועלכער מען דערוואַרט אַ לייזונג אין קאָמפּליצירטע ענינים אין ארץ־ישראל; פון וועמען מען דערוואַרט גייסטיקע פירערשאַפט. און מיר ווילן נישט און מיר טאָרן אויך נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך די דאָזיקע אחריות.

על אחת כמה וכמה זיינען אונזערע באַראַטונגען אַנטשיידנדיק אין די פראַגן פון אונזער אייגענער אַרבעטער־ציוניסטישער באַוועגונג. און די פראַגן זיינען דאָס מאָל נישט קיין לייכטע און נישט קיין ווייניקע. עס שטייט פאַר אונז קודם־כל די פראַגע וועגן די טעטיקייט־געביטן און פליכטן פון אונזערע לאַנד־פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין אַנבליק פון דער אויפריכטונג פון דער מדינה און פון קיבוץ גלויות; אין אַנבליק פון די פאַרגעקומענע ענדערונגען אינעם אידישן לעבן אין אַ סך לענדער אין חוץ־לארץ; אין אַנבליק פון דער געשפּאַנטער פּאָליטישער וועלט־לאַגע און אַקטועלער מלחמה־געפאַר; אויפן געביט פון באַפרידיקן די אידישע נויטן אין די גלות־ לענדער און זאָרג פאַר דער נאַציאָנאַלער דערציאונג און קולטור; אין אַנבליק פון דער פאַרשאַרפטער אַגרעסיוויטעט פון די רעכטע עלעמענטן

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער פאַרשאַרפטער פּאָליטישער שפּאַ־נונג אין די רייען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין ישראל.

די לאַגע אויף דעם געביט איז נאָך האַרבער דערמיט, וואָס אין דער אמתן האָט מען ביז היינט ווייניק געטראַכט מכוח די אַלע ענינים. די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע און אויך אונזער אייגענע באַוועגונג קומען צו די זייער וויכטיקע און אַנטשיידנדיקע צוזאַמענפאָרן לעת עתה נישט גענוג צוגע־גרייט, אָן געניע פאָרשלאָגן און אָן אַ קלאָר בילד ווי שטעלט מען זיך פאַר דעם גאַנג פון די ענינים אויף צומאָרגנס נאָכן קאָנגרעס און נאָך דער וועלט־קאָנפערענץ פון איחוד עולמי.

און גראָד אַזוי ווי עס שטייט זייער האַרב די פראַגע וועגן די צוקונפטיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג — האָט די נייע סיטואַציע, נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה און דער אַריבערפירונג פון דעם שווערגעוויכט פון דער גאַנצער באַוועגונג קיין ישראל, אין אַלע הינזיכטן, נאָך אין אַ פיל שאַרפערער מאָס אַוועקגעשטעלט פאַר אונזער אייגענער וועלט־באַוועגונג די פראַגע פון די צוקונפטיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען, פון דער סטרוקטור פון אונזער וועלט־באַוועגונג. אויך אין דער פראַגע מוזן אונזערע חברים אין די לענדער זיך זייער ערנסט פאַרטראַכטן, ווייל זיי האָבן, ליידער, אויף דעם געביט, ביז היינט, כמעט גאָרנישט געטראַכט, אָבער געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז דאָס קומט פון זיך אַליין און עקזיסטירט פון זיך אַליין.

און ווייל עס מוזן באַהאַנדלט ווערן אַזוי פיל האַרבע ענינים. און זיי מוזן יסודותדיק, ערנסט באַהאַנדלט און אַנטשיידן ווערן, טאָרן דאָס מאָל די פאָרבאַראַטונגען אין די לענדער זיך נישט באַשרענקען אויף קליינע קרייזן אין געשלאָסענע חדרים פון אונזערע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן אַליין. זיי מוזן אַרומנעמען וואָס ברייטערע קרייזן פון דער באַוועגונג, נישט נאָר אין צענטער נאָר אויך אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. זיי מוזן פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין אונזער פּאַרטיי־פּרעסע. די דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, און ערשט רעכט צו דער וועלט־קאָנפערענץ, דאַרפן באַשטימט ווערן ערשט נאָך אַן ערנסטן באַהאַנדלען די עצם ענינים. דאָס מאָל איז זיין אַ דעלעגאַט ווייט נישט קיין ענין פון אַ כיבוד, נאָר אַ שווערע אחריותפולע פליכט. די דעלעגאַטן דאַרפן אויסדריקן די מיינונגען פון ברייטע חברים־קרייזן, וועלכע האָבן זיך דירעקט באַטייליקט אינם באַהאַנדלען די עצם ענינים.

(יאַנואַר 1951)

וויאַזוי שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג?

דער לאַנד־ראַט פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל * האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ פּאָזיציע אין באַשלוס מכּוח באַשטימען פאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, דורך אַ געזעץ פון דער מדינה, אַ באַזונדערן יורידישן סטאַטוס אין אַלע ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער דורכפירונג פון אירע אויפגאַבן אין ישראל. די דורכפירונג פון דעם דאָזיקן באַשלוס קען בלי שום ספק פאַרשטאַרקן דעם כּוח פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, הויבן איר פּרעסטיזש און איר השפעה אויף די אידישע פאָלקס־מאַסן אין די לענדער. עס איז אָבער נויטיק צו באַטאָנען און ווידעראַמאָל באַטאָנען ביי יעדער געלעגנהייט, אַז דער גורל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און איר מעמד זיינען קודם־כּל אָפּהענגיק פון די מאָסשטאַבן פון איר אייגענער טעטיקייט אין חוץ־לארץ, פון איר קענען קאָנצענטרירן אַרום זיך וואָס ברייטערע מאַסן, זיי אַקטיוויזירן פאַר ישראל און איינפּלאַנצן אין זיי דאָס באַוואוסטזיין, אַז זייער פּערזענלעכער גורל איז פאַרבונדן מיט זייער עליה קיין ישראל.

פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף די דערקלערונג פון ד״ר נחום גאָלדמאַן בעת זיין לעצטן באַזוך אין לאַנד, באַטראַכט ווערן ווי אַ זאַך נישט אין דער צייט. ער האָט דערקלערט, אַז אויב די מדינה וועט נישט געבן דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע דעם נויטיקן יורידישן סטאַטוס, וועט דער 23־טער קאָנגרעס זיין דער לעצטער ציוניסטישער קאָנגרעס. אַזאַ געדאַנקען־גאַנג גיט נישט צו קיין געזונט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איז מסוגל אַריינצושלעפּן די באַוועגונג אין אַ פּרוכטלאָזן וויכּוח, ווי יענע וויכּוחים וועגן „ענדציל״ וכדומה, פון וועלכע מיר האָבן תמיד געזוכט זיך צו דער־ווייטערן.

די פאַרטייען פון דער רעכט־לינקער „קאָאַליציע״, וואָס נאָר די שנאה צו מפלגת פועלי ארץ־ישראל און צו דער רעגירונג פון דער מדינת ישראל

---

* תל־אביב, 18־טן מערץ, 1951.

פּאַרייניקט זיי, ריידן אַ סך וועגן דעם קריזיס פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, באַשולדיקנדיק מפלגת פועלי ארץ־ישראל און אירע פאַרשטייער אין דער רעגירונג, אַז זיי האָבן זי בכיוון דערפירט צו איר איצטיקן מצב. די אַלע דיבורים זיינען, פאַרשטייט זיך, אומזיניק — און די דאָזיקע פּאַרטייען ווייסן עס גוט. זיי ווייסן גוט, אַז די אמתע סיבות פון דער אָפּשוואַכונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די גלות־לענדער ליגן אין אַ גרויסער מאָס אין זייער אייגענער אויפפירונג במשך די לעצטע יאָרן. ווענדיק אָנגרייפן די ישראל־רעגירונג, האָבן די דאָזיקע פּאַרטייען פון דער רעכט־לינקער „קאָאַליציע" געפירט אַ דעסטרוקטיווע פּראָפּאַגאַנדע אין חוץ־לארץ קעגן די מערסטע באַמיאונגען און טעטיקייטן פון דער מדינה. זיי האָבן געבראַכט דאָס אידנטום אין חוץ־לארץ בעיקר שלעכטע בשורות און נעגאַטיווע שילדערונגען פון דעם וואָס ווערט געטאָן אין לאַנד, זיי האָבן אונטער־געגראָבן דעם צוטרוי פון די אידן צום אויפבוי־ווערק אין ישראל און האָבן אָפּגעשוואַכט זייער ווילן צו זיין שותפים צו די אָנשטרענגונגען און די אויפטוען אין לאַנד. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אַזאַ פאָרם פון פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער רעגירונג פון מדינת ישראל רייסט אונטער קודם־כל דעם אָנזען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַליין און דערשיטערט איר איינפלוס אויף די אידן אין חוץ־לארץ. דער איד האָט ליב די מדינה פּשוט און תמימותדיק. פאַר אים איז זיין אָנגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג דער וועג צו העלפן דער מדינה און איר צו שטיין ביי דער זייט. ער זעט נישט קיין אַנדערן תכלית פאַר זיין מיטגלידערשאַפט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויב אָבער עס קומען בכבודיקע ציוניסטן און צומאָל אַפילו פּערזענלעכקייטן וואָס שטייען אָפיציעל בראש פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע א.אַ.וו. און שילדערן די אַנפירנדיקע מענטשן פון דער מדינה ווי קעגנער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס מאַכן צו־נישט אירע אָנשטרענגונגען — ווי קען מען דערוואַרטן, אַז די אידן זאָלן שפּעטער בלייבן געטריי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ?

און נישט בלויז מיט אָט דער פסולער און דעסטרוקטיווער פּראָפּאַגאַנדע האָבן די דאָזיקע פּאַרטייען געבראַכט שאָדן דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָפּגעשוואַכט איר אָרגאַניזאַציע. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די לענדער איז נאָך דערצו אין די לעצטע יאָרן אויסגעלײדיקט געוואָרן פון אויפגאַבן און טעטיקייטס־געביטן — טאָקע צוליב דער פּאָליטיק פון אַ טייל פון די זעלבע פּאַרטייען, וואָס קלאָגן היינט אויף דער אָפּשוואַכונג

פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. איר אָרגאַניזאַציע אין די לענדער איז כמעט חרוב צוליב דער עקשנותדיקער קעגנערשאַפט פון די זעלבע פּאַרטייען צו דער גרינדונג פון אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — דער הסתדרות ציונית אחידה. אין רעזולטאַט דערפון זיינען היינט־צו־טאָג אין אַ גרויסער צאָל לענדער פאַראַן בלויז סקעלעטן פון אַ ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, אָן קיין לעבעדיקן אינהאַלט. איבער די דאָזיקע ציוניסטישע לאַנד־פעדעראַציעס באַלעבאַטעווען אָרגאַניזאַציעס וואָס אָפטמאָל איז שווער צו זאָגן, צי זיי עקזיסטירן טאַקע אויף אַן אמת, אָדער בלויז אויפן פּאַפּיר — און גורל־פראַגן ווערן פאַרהאַנדלט און באַשטימט אין אַ לייטונג, וואָס מען האָט נאָמינירט בחדרי־חדרים. יעדעסמאָל וואָס עס ווערט פאַר אַזאַ פאָרום געבראַכט אַ געוויסער פאָרשלאַג, מאַכן די פאָרשטייער פון די פּאַר־טייען און אָרגאַניזאַציעס קודם־כל זייער אייגענעם חשבון: צי לוינט עס פאַר זיי, צי נישט. און היות עס געפינט זיך תמיד איין פּאַרטיי אָדער מער, וועלכע זעען נישט פאַר זיך קיין נוצן פון דער דאָזיקער טעטיקייט, ווערט אַרויפגעלייגט אַ וועטאָ אויף איר און זי ווערט בטל. אויף אַזאַ אופן פאַראַ־ליזירן זיי די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אָבער דאָס איז נישט אַלץ. אַ איד, וואָס איז נישט מסכים זיך אָנצו־שליסן אין איינער פון די עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע פּאַרטייען, קען נישט זיין קיין מיטגליד פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, אַפילו ווען ער באַטייליקט זיך אין די ציוניסטישע געלט־זאַמלונגען און איז בכלל מקיים אַלע ציוניסטישע מצוות. אַלע באַמיאונגען, זינט דעם סוף פון דער וועלט־מלחמה און ביז אויף היינטיקן טאָג, צו ענדערן די לאַגע, האָבן זיך אָנגע־שטויסן, ווי אויף אַן אייזערנער וואַנט, אויף דער קעגנערשאַפט פון די פּאַרטייען פון „חירות", ציונים כלליים, „מזרחי" און מפ"ם. די פּאַרטייען, אַלזאָ, וועלכע באַקלאָגן זיך אַזוי שטאַרק אויף דער פּאַרטייען־הערשאַפט אין ציוניזם און נעמען זיך אָן כלומרשט די קריוודע פונם סתם־אידן, האָבן צוגענומען ביי דעם דאָזיקן איד די מעגלעכקייט זיך אָנצושליסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זיך צו באַטייליקן אין אירע טעטיקייטן און מיטצובאַשטימען איר וועג.

אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס איז דער וואונדער, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט מצליח געווען און איר אָפּגעשוואַכטע סטרוקטור האָט גורם געווען צו אַ ריי זייער נישט דערפרייענדיקע רעזולטאַטן אין אַ צאָל לענדער? דעריבער איז טאַקע אַזוי וויכטיק דער באַשלוס פונם פּאַרטיי־ראַט פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל וועגן אויפשטעלן אַן איינהייט־

לעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַלע לענדער פון די אידישע תפוצות, אַלס פאַרפליכטנדיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרם פאַר אַלע ציוניסטן אין חוץ־לארץ, און זי צו באַזירן אויפן פרינציפּ פון פערזענלעכער מיטגלידערשאַפט, אַזוי אַז יעדער איד, מאַן און פרוי, זאָלן האָבן דאָס רעכט זיך אָנצושליסן אין אירע רייען.

*

דער פאָרשלאָג אויפצושטעלן אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אַלע לענדער איז, פאַרשטייט זיך, נישט אויסן אָנצורירן די עקזיסטענץ פון די ציוניסטישע פאַרטייען. הגם דאָס ווערט כסדר באַטאָנט מאַכן די קעגנער דעם אָנשטעל, אַז זיי פאַרטיידיקן די ווייטער־עקזיסטענץ פון די פאַרטייען. די פאַרטייען וועלן ווייטער עקזיסטירן און טעטיק זיין און געניסן פון פולער זעלבשטענדיקייט אין זייערע באַזונדערע טעטיקייט־געביטן. זייערע חברים וועלן אויטאָמאַטיש ווערן חברים אויך פון דער „הסתדרות ציונית אחידה", אָבער אַ חוץ זיי וועט זיך קענען דירעקט אָנשליסן אין דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אויך יעדער איד, אַפילו ער געהערט נישט צו קיין שום פאַרטיי. די אינסטאַנצן פון דער „הסתדרות ציונית אחידה" וועלן געוויילט ווערן אויף אַ לאַנד־קאָנפערענץ, וועלכע וועט אַליין אויסגעקליבן ווערן דורך אַלגעמיינע, פּראָפּאָרציאָנעלע און דירעקטע וואַלן. דיזיקע אינסטאַנצן וועלןווירקן זעלבשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון דער אָדער יענער פאַרטיי. די ענינים, וואָס גייען אַריין אין די קאָמפּעטענצן פון דער „הסתדרות ציונית אחידה", אַזוי ווי זיי וועלן פעסטגעשטעלט ווערן דורכן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלן אָנטשיידן ווערן מיט אַ מערהייט שטימען אין אירע אייגענע אינסטאַנצן, און קיין אָרגאַניזאַציע וועט נישט קענען אָפּפרעגן דיזיקע באַשלוסן און פאַראַליזירן די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע.

(מערץ 1951)

רעכענען זיך מיט דער פּאַקטישער לאַגע

די אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל און די ענדערונגען אינם אידישן לעבן פאַרפליכטן צו געוויסע ענדערונגען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויך אין אונזער אייגענער באַוועגונג. די טעטיקייט־געביטן און פליכטן דאַרפן קלאָרער פאָרמולירט ווערן. אויך די אָרגאַניזאַציע־פאָרמען מוזן מער צוגעפּאַסט ווערן צו דער נייער ווירקלעכקייט. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך וועלן מיר זיך דער עיקר אָפּשטעלן אויף געביטן, וועלכע זיינען דירעקט נוגע אונזער אייגענער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, און אויף טעטיקייט־געביטן וועגן וועלכע מיר מוזן באַשליסן אויף אונזער נאָענטסטער וועלט־קאָנפערענץ.

א.

אין די פיר יאָרצענדליק, זינט דעם באַגינען פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג ביז צום סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינען פאָרגעקומען קאָלאָסאַלע ענדערונגען אינם אידישן פאָלק. שוין אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות (1919—1939) איז דאָס שווערגעוויכט פונם אידישן לעבן אין חוץ־לארץ אַלץ מער אַריבער פון אייראָפּע קיין אַמעריקע: צוליב דער כסדרדיקער עמיגראַציע פון אייראָפּע אין די מעבר־לים־לענדער; צוליב דער אַלץ שטאַרקערער עקאָנאָמישער פּאָזיציע פונם אידישן קיבוץ אין אַמעריקע; צוליב דעם וואָס דאָס סאָוויעטישע אידנטום האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אַקטיווער פאַקטאָר אינם אידישן לעבן. אָבער די גייסטיקע העגעמאָניע פונם אייראָפּעאישן אידנטום איז נאָך פאַרבליבן. אינם קאַמף פאַרן אָפּהיטן אונזער נאַציאָנאַלן קיום און פאַרשטאַרקן די טענדענצן פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, איז די איניציאַטיוו פאַרבליבן ביים אייראָפּעאישן אידנטום, וואָס האָט דערביי געשפּילט אַן ערשטע ראָל. די שוידערלעכע פאַרטיליקונג פון זעקס מיליאָן אידן אין אייראָפּע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דאָס בילד ראַדיקאַל געענדערט. אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געקומען די מאַסן־עליה פון אייראָפּע פון אַ טייל פון דער שארית־הפליטה און דאָס הערמעטישע אָפּשליסן די אידישע

קיבוצים אין די אַזוי גערופענע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס. די ראָל פונם אייראָפּעאישן אידנטום אין אונזער לעבן איז דערמיט לגמרי איינגעשרומפּט געוואָרן. עס האָט זיך פאַרענדיקט די תקופה, אין וועלכער די אידישע מאַסן אין אייראָפּע, בפרט אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, האָבן אין אַזאַ גרויסער מאָס משפיע געווען, אָדער אַפילו באַשטימט דאָס גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די אידישע קיבוצים אין די תפוצות.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג — די פּועלי ציון פּאַרטייען אין די פאַרשיידענע לענדער — האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט. די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער באַוועגונג, פאָרמולירט אין יענע טעג, זיינען בדרך־כלל פאַרבליבן אַקטועל ביז צום היינטיקן טאָג, הגם אינם לעבן פון פאָלק זיינען אין דעם האַלבן יאָרהונדערט פאָרגעקומען אַזעלכע קאָלאָסאַלע ענדערונגען. אָבער דער אָרגאַניזאַציאָנעלער בוי, די טעטיקייט־געביטן און פּאָליטישע אויפגאַבן, וועלכע זיינען בשעתּם אין אַ גרויסער מאָס געווען דער אויסדרוק פון דער אידישער ווירקלעכקייט אין אייראָפּע אין יענע טעג, דאַרפן צוגעפּאַסט ווערן צו די גרויסע ענדערונגען פון דער לעצטער תקופה.

אין דער תקופה פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ביז 1914, און אין דער תקופה צווישןביידע וועלט־מלחמות האָבן מיר אויך אין חוץ־לארץ זיך געפילט פאַרבונדן מיטן אַרבעטער־קלאַס — נישט נאָר אידעאיש־פּאָליטיש. דער עלעמענט, וועלכער איז אָרגאַניזאַציאָנעל געווען קאָנצענטרירט אין אונזערע פּאַרטייען, בפרט אין מזרח־אייראָפּע, איז אויך לויט זיין סאָציאַלן מעמד געווען אין אַ גרויסער מאָס אַן אַרבעטער־עלעמענט. אמת, אין דער וועלט־באַוועגונג זיינען אויך געווען פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייער סאָציאַלע פיזיאָנאָמיע איז טיילווייז אָדער אַפילו אין זייער מערהייט געווען אַנדערש ווי דער פון אונזערע פּאַרטייען למשל, אין פּוילן, ליטע, בעסאַראַביע א.אַ.וו. ביי דער גרינדונג פון דער וועלט־באַוועגונג און ביי די אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען אין דער וועלט־באַוועגונג צווישן ביידע וועלט־מלחמות (פאַראייניקונג מיט צ.ס. אין 1925 ; פאַראייניקונג מיט התאחדות אין 1932), איז דאָס גענומען געוואָרן אין אַכט. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געפירט צו דער גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער און פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פון די לאַנד־פּאַרטייען, וועלכע איז אָנגענומען אין אונזער וועלט־באַוועגונג.

עס איז נאָך דערצו צוגעקומען דער פאַקט, וואָס אויך די טעטיקייט־געביטן פון אונזערע פּאַרטייען אין פאַרשיידענע לענדער אין חוץ־לארץ

זיינען אָפּטמאָל געווען שטאַרק פֿאַרשיידנאַרטיקע. בעת פֿאַר די פּאַרטייען, פֿריער אין רוסלאַנד און עסטרייך און, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין פּוילן, גאַליציע, ליטע א.א.וו. איז, למשל, דער אַקטיווער זעלבשטענ־דיקער אָנטייל אינם אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן פֿונם וואוין־לאַנד, דאָס פּראָבלעם פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פֿון די אידישע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע א.אַ.וו. געווען ביז גאָר אַקטועל און האָט פֿאַרנומען אַ גרויסן טייל פֿון זייער אַקטיוויטעט, איז ווידער אין אַנדערע פּאַרטייען אָט דער גאַנצער קאָמפּלעקס פֿראַגן בכלל נישט געקומען אין באַטראַכט. אַפֿילו אויפֿן געביט פֿון אַלגעמיינעם אידישן לעבן זיינען געווען גרויסע פֿאַרשיידנקייטן. געווען לענדער, אין וועלכע עס האָבן עקזיסטירט אידישע קהילות, מיט אַ גרויסער השפּעה אויף דער רעגולירונג פֿון אידישן לעבן — און מיר האָבן געקעמפֿט אַלס אַ זעלבשטענדיקער, סאָציאַליסטישער כוח צו דערגרייכן אין זיי מאַקסימום השפּעה, — און געווען לענדער אין וועלכע קיין קהילות זיינען בכלל נישט געווען און אויך דער דאָזיקער טעטיקייט־געביט איז נישט געווען אַקטועל פֿאַר אונזערע פּאַרטייען.

היינט־צו־טאָג זיינען די דאָזיקע אייגנאַרטן און פֿאַרשיידנקייטן אין דער טעטיקייט פֿון אונזערע פּאַרטייען אין חוץ־לארץ כמעט ווי פֿאַרשוואונדן. די פּאָליטישע דיפֿערענצירונג אינם אידישן לעבן אין חוץ־לארץ גייט נישט פּאַראַלעל מיט דער סאָציאַלער דיפֿערענצירונג, באַזונדערס נישט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די שיכטן וואָס לעבן פֿון לוין־אַרבעט ווערן וואָס אַמאָל קלענער און אָפּטמאָל פֿאַרשווינדן זיי כמעט אינגאַנצן. אין אידישן לעבן, אין געוויסע לענדער, זיינען מיר אַפֿילו עדות פֿון אַ גאָר משונהדיקער דערשיינונג, אַז דווקא טיילן פֿון די רייכערע שיכטן זיינען גאָר אָנהענגער פֿון די קאָמוניסטן. יעדנפֿאַלס איז אין אונזער וועלט־באַוועגונג אין חוץ־לארץ נישטאָ מער קיין שום אונטערשייד אינם סאָציאַלן מעמד צווישן אונזערע פֿאַרשיידענע לאַנד־פּאַרטייען, און נישט דווקא זייער באַזונדערער סאָציאַלער מעמד אונטערשיידט זיי, אין אַלע פֿאַלן, פֿון אַנדערע אידישע פּאַרטייען. דערפֿאַר איז אָבער בולט דער אונטערשייד צווישן סאָציאַלן מעמד פֿון דער מיטגלידערשאַפֿט פֿון אונזער פּאַרטיי אין ישראל און דעם סאָציאַלן מעמד פֿון אונזערע פּאַרטייען אין חוץ־לארץ.

אויך אויפֿן געביט פֿון פּראַקטישער טעטיקייט זיינען כמעט נישטאָ קיין אונטערשיידן צווישן אונזערע פּאַרטייען אין די פֿאַרשיידענע לענדער אין חוץ־לארץ. נישטאָ מער קיין זעלבשטענדיקע אידישע לאַנד־פּאָליטיק אין די תפֿוצות. אין די לענדער אין וועלכע אַזאַ זעלבשטענדיקע לאַנד־

פּאָליטיק איז געפירט געוואָרן זיינען נישטאָ מער קיין אידן אָדער עס הערשט אַ רעזשים, וואָס שליסט אויס די מעגלעכקייט פון אַ זעלבּ־שטענדיקער פּאָליטיק. אין דער באַציאונג זיינען גלייך די פּאַרטייען אין אייראָפּע צו די פּאַרטייען אין דרום־אַמעריקע און אויך צפון־אַמעריקע. זיי פירן נישט קיין זעלבשטענדיקע לאַנד פּאָליטיק. אויך די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג שטייט נישט פאַר קיין שום פּאַרטיי אין חוץ־לארץ אַלס אַקטועלע, קאָנקרעטע פּראַגע. דער ענין פון קהילות ווערט איצט אָרעק־געשטעלט דורך אַ ריי אונזערע לאַנד־פּאַרטייען אַלס לאָזונג, אַלס פאָדערונג. אין די לענדער, אין וועלכע דאָס אידישע קהילה־לעבן איז געווען איינגע־פונדעוועט, האָט זיך דאָס אידישע לעבן אָפּגעשטעלט. אין די אַנדערע לענדער זיינען די קהילות, בדרך־כלל, אָפּגעזען פון געווויסע אויסנאַמען, נאָך נישט פאַראַן. אין די מיינסטע לענדער זיינען נאָך נויטיק אַנשטרענגונגען כדי זיי צו שאַפן.

ב.

אויפן געביט פון דער אַזוי גערופענער קעגנוואַרט־אַרבעט, דאָס הייסט יענע טעטיקייט־געביטן, וואָס זיינען נישט פאַרבונדן מיט דער דירעקטער ארץ־ישראל־אַקטיוויטעט, זיינען איצט מער נישטאָ קיין שום אונטערשיידן צווישן אונזערע לאַנד־פּאַרטייען, און אויפן געביט פון ארץ־ישראל־אַרבעט אַודאי און אַודאי נישט. די פּראָבלעמען פון קאַמף פאַר אידישע רעכט און קעגן עווענטועלער דיסקרימינאַציע, זיינען כמעט די גלייכע אין די מערסטע לענדער אין וועלכע אונזער באַוועגונג, און דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין חוץ־לארץ אַלץ מער אַריבער פון אייראָפּע קיין אַמעריקע: צוליב דערציאונג איז די לאַגע אין די לענדער כמעט אַ גלייכע. בדרך־כלל איז נישטאָ קיין אָנזעעוודיק אידיש־נאַציאָנאַל שול־וועזן (אַ חוץ ווינציקע אויס־נאַמען) און אין די מערסטע לענדער שטייט דאָס פּראָבלעם פון שאַפן אַזאַ שול־נעץ אַלס דרינגענדיקע אַקטועלע אויפגאַבע פאַר אַלע אונזערע לאַנד־פּאַרטייען און פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל. אין דער דאָזיקער פּראַגע איז במשך יאָרן געפירט געוואָרן אַ גרויסער וויכוח ביי אונז בנוגע דער אונטעריכט־שפּראַך. איצט זיינען כמעט מער נישטאָ קיין מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן אונזערע לאַנד־פּאַרטייען, אַז ביים גרינדן נייע שולן, ביים היינטיקן טאָג, זיינען בעיקר אַקטועל שולן מיט העברעאישער אונ־טעריכט־שפּראַך אָדער העברעאיש־אידישע שולן, וואו דער העברעאישער עלעמענט מוז וואָס ווייטער זיין מער דאָמינירנדיק. דאָס איז נישט קיין

פראַגע פון וויכוח נאָר אַ פראַגע פון צופּאַסונג צו דער אידישערווירקלעכ־קייט און צו די בויטן פון אידישן לעבןביים היינטיקן טאָג.

די טעטיקייט פאַר און אַרום ארץ־ישראל איז אין אַלע לענדער דער עיקרדיקער טעטיקייט־געביט פון די פּאַרטייען. דאָס פּאַרקלענערט נישט די באַדייטונג און וויכטיקייט פון די אַנדערע טעטיקייטס־געביטן, בפרט נישט די פראַגן אַרום אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן, דעם געביט פון דערציאונג און קהלות, וואָס אַ חוץ זייער גרויסער וויכטיקייט פאַרן אידישן לעבן אין די לענדער, האָבן זיי אויך אַ קאָלאָסאַלע וויכטיקייט פאַר דער דערציאונג און צוגרייטונג צו ארץ־ישראל. מיר קאָנסטאַטירן נאָר די פּאַקטישע לאַגע. דאָס מיינט, אַז דער עיקרדיקער טייל פון דער פּאַרטיי־אַקטיוויטעט אין די לענדער איז אַן איינהייטלעכער און כדי צו זיכערן דעם בעסטן רעזולטאַט פון דער אַרבעט, דאַרף זי פול און גאַנץ איניצירט און אָנגעפירט ווערן פון איין צענטער.

אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס אויך חל אויף דעם געביט פון דערציאונג. אין די מערסטע לענדער וועט נישט אַנטשטיין און וועט נישט קענען אויפ־געהאַלטן ווערן קיין וואַגיק שול־וועזן מיט די אייגענע כוחות פונם געגעבענעם לאַנד, אָן אַ צענטראַלער איניציאַטיוו, הילף און שטענדיקער אינסטרואירונג און אויפזיכט, — אַמבעסטן מצד דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע מיט דער הילף פון ישוב אין ישראל.

אין איינקלאַנג מיט דער אויבן געשילדערטער לאַגע מוז דעריבער אויספּאָרמירט ווערן די אָרגאַניזאַציע פאָרם פון אונזער באַוועגונג. וואָס שייך דער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט זיינען היינט־צו־טאָג אין די פאַר־שיידענע לענדער נישטאָ מער קיין שום אונטערשיידן און עס דאַרף דעריבער הערשן פולע איינהייטלעכקייט אין געדאַנק און טאַט. די פּראָבלעמען זיינען גלייכע, די טעטיקייט־געביטן זיינען גלייכע, דער אינטערעסן־קרייז איז אַ גלייכער, דער סאָציאַלער מעמד פון אונזער מיטגלידערשאַפט און פעריפעריע איז אַ גלייכער. היות עס זיינען מער נישטאָ קיין שום אידעאיש־פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועלכע זאָלן נוגע זיין נאָר איין באַשטימט לאַנד, אָדער פראַגן אין וועלכע איין באַשטימט לאנד דאַרף, צוליב געוויסן לאָקאַלע סיבות, קומען צו אַן אַנדערער מסקנה ווי די איבעריקע לאַנד־פּאַרטייען, איז וויכטיק פאַר דער עפעקטיווקייט פון אונזער אַרבעט אַן איינהייטלעכע אָנפירונג און אויטאָ־נאָמיע פון די איינצלנע לאַנד־פּאַרטייען און לאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין אָרטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים.

דער פּאַקט, וואָס דער סאָציאַלער באַזיס פון אונזער מיטגלידערשאַפט

און פעריפעריע איז ביים היינטיקן טאָג אין חוץ־לארץ לגמרי אַן אַנדערער ווי אין ארץ־ישראל; דער פאַקט וואָס מיט דער אויפריכטונג פון דער מדינה איז פאַקטיש דער שווערגעוויכט פון יעטווועדער אידישער פּאָליטישער אַקטי־וויטעט אַריבער צו דער מדינה — פאַרפליכטעט אונזערע לאַנד־פאַרטייען איבעראַל, אַז אַלע געביטן פון זייער אַקטיוויטעט און די פאָרמען פון זייער פּאָליטישן ווירקן זאָלן באַשטימט ווערן פון איין צענטער, אין סאַמע ענגסטן קאָנטאַקט מיט דער פאַרטיי אין ארץ־ישראל. דאָס איז, אגב, אויך דער וואונטש פון די חברים אין די לענדער, וועלכע שטרייכן אונטער ביי יעדער געלעגנהייט זייער אידעאישע אידענטיפיצירונג און זייער ווילן צו אַ וואָס ענגערן קאָנ־טאַקט מיט מפלגת פועלי ארץ־ישראל. די פאַרטיי אין ישראל איז פאַר זיי פאַקטיש מאַסגעבנדיק אין די מערסטע ענינים. אין אונזער וועלט־באַוועגונג האָט תמיד געהערשט אַ גרויסער דרך־ארץ צו דער פאַרטיי אין ארץ־ישראל. אַפילו אין צייטן ווען די ארץ־ישראל־פאַרטיי איז געווען נומעריש גאָר קליין אין פאַרגלייך צו דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, און פאָרמעל האָט די באַווע־גונג אין חוץ־לארץ געקענט באַשטימען אויך אין ארץ־ישראל ענינים קעגן דעם ווילן פון דער באַוועגונג אין לאַנד, האָט זי עס כמעט קיינמאָל נישט געטאָן. דער ווילן פון דער באַוועגונג אין לאַנד, אין אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע ארץ־ישראל, איז פאַר איר געווען אַ געזעץ. עס איז דעריבער היינט־צו־טאָג זיכער נישטאָ וואָס איבערצוקלערן, אַז די באַוועגונג אין חוץ־לארץ קען זיך אַמאָל נישט רעכענען מיט די באַדערפעענישן און וואונטשן פון די חברים אין לאַנד. היינט־צו־טאָג איז נויטיק אַ סך מער. עס מוז זיין אַ פולע פּאָליטישע און אידעאישע אידענטיפיצירונג פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ מיט דער פאַרטיי אין לאַנד, טאָקע צוליב דער פאַרשיידנקייט פון דעם סאָציאַלן באַזיס. אַ חבר און סימפּאַטיקער פון דער פאַרטיי אין חוץ־לארץ מוז געבוי וויסן וואָס עס מיינט היינט־צו־טאָג די צוגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס מיינט די פולע אידענטיפיצירונג מיט דער פּאָליטיק — געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער — פון אונזער ישראלדיקער פאַרטיי.

דידאָזיקע נייע ווירקלעכקייט פירט דערצו, אַז די אויספיר־אינסטאַנץ פון דער וועלט־באַוועגונג זאָל זיין אין די ראַמען פון מפלגת פועלי־ארץ־ישראל און די לעצטע מוז איבערנעמען די פולע געזעלשאַפטלעכע און אויך אָרגאַניזאַציאָנעלע אחריות פאַר די ענינים פון דער וועלט־באַוועגונג אין חוץ־לארץ.

ג.

מיר ווילן דאָ נישט באַהאַנדלען די איינצלהייטן וועגן צוקונפטיקן בוי פון די אינסטאַנצן פון דער וועלט־באַוועגונג, וועלכע דאַרפן אויפגע־שטעלט ווערן; די קאָמפּעטענצן פון אונזערע וועלט־קאָנפערענצן וועלן, באַטירלעך, ווייטער דאַרפן גילטיק זיין, זיי וועלן פאַרבלייבן די העכסטע אינסטאַנץ פון דער וועלט־באַוועגונג. אויך נאָכדעם ווי מיר וועלן אָננעמען די אויבנדערמאָנטע קאָנצעפּציע. ס׳איז מעגלעך אַז מיר זאָלן באַשליסן, אַז די וועלט־קאָנפערענצן זאָלן באַשטימען אַ ראַט, וואָס קומט זיך צונויף פון צייט צו צייט, צווישן איין וועלט־קאָנפערענץ און אַ צווייטער און אויך די אינסטאַנץ, וואָס פירט אָן מיט דער טעטיקייט פון דער וועלט־באַוועגונג, אין ראַמען פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל; ס׳קען אויך געמאָלט זיין אַ קאָמ־בינאַציע פון צוויי אינסטאַנצן, וואָס ווערן באַשטימט דורך דער וועלט־קאָנפערענץ: אַ ביוראָ אין ארץ־ישראל, וואָס דינט אַלס פּאָליטישע אָנפירונג פאַר דער גאַנצער וועלט־באַוועגונג, און אַ צווייט ביוראָ אין חוץ־לארץ, וואָס פירט אָן מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און אויפקלערונג טעטיקייט אין חוץ־לארץ, מיטן שטענדיקן אָנטייל פון 2—3 שליחים פון ארץ־ישראל. עס זיינען, פאַרשטייט זיך, נאָך מעגלעך אַנדערע פאָרמען. פאַר אונז איז דאָ, אין דער ערשטער ריי, וויכטיק דער פאַקט, אַז מפלגת פועלי ארץ־ישראל זאָל זיין דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. מיר זיינען היינט געקומען צו אַ לאַגע, אַז אָן אַזאַ דירעקטער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט מצד דער באַוועגונג אין ישראל, קען די באַוועגונג אין חוץ־לארץ נישט פאַרזעצן איר קיום אין אַזאַ פאָרנעם ווי עס פאָדערן די אינטערעסן פון ציוניזם, פון דער מדינה און דערמיט אויך פון די אידישע מאַסן אין חוץ־לארץ.

דער שרייבער פון די שורות ווייסט גוט, אַז אַזאַ פאָרשלאַג איז עלול אין ערשטן מאָמענט אַרויסצורופן ביי פיל חברים פאַרוואונדערונג, אפשר אויך אַ געפיל, ווי דאָ וואָלט זיך געערעדט מכוח ליקווידירן די וועלט־באַוועגונג. דאָס איז אָבער אַ טעות. פאַקטיש זיינען מיר מיט דעם פאָרשלאַג נישט קיין סך מחדש. מיר שלאָגן נאָר פאָר צוצופּאַסן די אָרגאַניזאַציע־פאָרם צו דער פאַקטישער לאַגע, און אַזוי פאַרזיכערן די מאַקסימאַלע אַקציע־פעאיקייט פון דער וועלט־באַוועגונג. די איצטיקע סטרוקטור פון אונזער וועלט־באַוועגונג שטיצט זיך אויף פאָרמעלע סטאַטוטן, וואָס ווערן אין לעבן נישט אָפּגעהיט. אַזאַ צושטאַנד ברענגט נישט קיין געזונט דער באַוועגונג און שטאַרקט נישט דעם אָנזען פון אירע אינסטאַנצן. פאָרמעל ווערן אונזערע

פאַרשטייער — אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין די צענטראַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן, למשל — באַשטימט דורך אונזער וועלט־באַוועגונג. דאָס הייסט, אַז די אינסטאַנצן פון איחוד עולמי דאַרפן צווישן איין וועלט־קאָנפערענץ און דער צווייטער, באַשטימען די פּאָליטיק פון אונזערע פאַר־שטייער אין די ציוניסטישע אינסטיטוציעס. אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס גאָר אַנדערש. פּאַקטיש איז דאָ אַ כאַאָטישער מצב. בלויז בעת ציוניסטישע קאָנגרעסן אָדער סעסיעס פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט פונקציאָנירן ווי געהעריק באַשטימטע אינסטאַנצן פון דער וועלט־באַוועגונג, אין דער פאָרם פון דער קאָנגרעס־פראַקציע אָדער דער פראַקציע אינם ציוניסטישן א. ק. אָבער אין דער צווישנצייט האַלטן די חברים אין די לענדער די איחוד־אינסטאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר טעטיקייטן וואָס זיי קאָנטראָלירן נישט.

דאָס איז נוגע נישט נאָר דעם ציוניסטישן סעקטאָר — אמת, דעם סאַמע וויכטיקסטן אין אונזער טעטיקייט. צי קענען דען ביים היינטיקן טאָג די איחוד־אינסטאַנצן באַשליסן, למשל, וועגן אונזערע אינטערנאַציאָנאַלע, סאָציאַליסטישע פאַרבינדונגען? פאָרמעל, באַטירלעך, יאָ, אָבער עס האַנדלט זיך דאָך נישט מכוח אַ פאָרמעלן ענטפער. פּאַקטיש טראַכט אַפילו קיינער נישט וועגן דעם, אַז מען קען זיך באַנוצן מיט אַזאַ פאָרמעל רעכט*.

פאַר אַ ריי אונזערע לאַנד־פּאַרטייען שטייט אַ גאָר וויכטיקע פראַגע אויסצומיידן אַ געוויסע אומקלאָרקייט צווישן דער אַרבעט פאַר דער הסתדרות אין ארץ־ישראל אין יענע לענדער און די גויטן פון דער לאַנד־פּאַרטיי. פאָרמעל דאַרף עס טאַקע דער איחוד עולמי באַשטימען — קען ער עס באַשטימען, וואַרפן זיך אונטער אַלע טיילן זיינע באַשלוסן? דער איחוד עולמי האָט געפאָדערט פון אַלע לאַנד־פּאַרטייען דורכצופירן וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס — און אין דער פראַגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז דאָך זיכער נישט דערלאָזבאַר, אַז יעדע לאַנד־פּאַרטיי זאָל פאַר זיך באַשטימען אַן אייגענע פּאָליטיק — האָבן אַלע לאַנד־פּאַרטייען אָפּגעהיט די אָנווייזונג? מיר פירן, למשל, אַ לאַנגן וויכוח וועגן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי פון דער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. פאַראַן חברים, וואָס זיינען איבערצייגט, אַז עס איז אַ גרויסער שאָדן פאַר דער

* פּאַקטיש האָט דאָך מפלגת פּועלי ארץ־ישראל באַשלאָסן, מיט עטלעכע יאָר צוריק, מכוח איינשטעלן אונזער אַקטיוון אָנטייל אין די קאָנגרעסן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אין יאָר 1953 וועגן באַנייען אונזער אַקטיוויטעט. פאָרמעל זיינען מיר היינט־צו־טאָג פאַרטראָטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַלס פאַרשטייערשאַפט פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל און איחוד עולמי.

באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע, וואָס זי איז אָרגאַניזאַציאָנעל צעבראָקלט — פּאַרטיי, פאַרבאַנד, פּרויעקט־פּיאָנערן — הגם אידעאיש זיינען נישטאָ קיין שום סיבות דערצו. פאַרמעל דאַרף איצט וועגן דעם באַשליסן די באַוועגונג אין אַמעריקע, נאָכדעם ווי אין די ראַמען פון איחוד האָט מען וועגן דעם פאַרמולירט באַשטימטע מסקנות. אָבער יעדער ווייסט דאָך, אַז אַ גרויסע שטערונג דערצו איז דער פּאַקט, וואָס מפלגת פועלי ארץ־ישראל האָט נישט באַהאַנדלט און האָט פאַרמעל נישט באַשלאָסן אין דעם ענין. וואָלט די פּאַרטיי אין לאַנד געגעבן וועגן דעם פאַרפליכטנדיקע אָנווייזונגען אַלע אירע שליחים, וואָלט דער ענין אַן אַ ספק אַ סך לייכטער געקענט געפינען אַ פּאָזיטיווע לייזונג. מיר קענען ברענגען נאָך אַ ריי אַזעלכע ביישפּילן, וועלכע באַלויכטן די פּאַקטישע לאַגע. זי צווינגט אונז, לויט דער מיינונג פונם שרייבער פון די שורות — כדי אָפּצוהיטן דעם כבוד, די אַקציע־פעאיקייט, די דיסציפּלין און די איינהייטלעכקייט פון דער באַוועגונג — צו זוכן אַן אָרגאַניזאַציע־פאָרם, וועלכע זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט דער ווירקלעכקייט, אין נישט האַלטן זיך ביי פאָרמען, וועלכן ווערן נישט אָפּגעהיט און דעריבער דעמאָראַליזירן זיי און ברענגען שאָדן.

ד.

מען קען, נאַטירלעך, קומען מיט אַ קעגן־אַרגומענט: יעדער ווייסט ווי גרויס עס איז די לאַסט און די זאָרג, וועלכע ליגט אויף אונזער פּאַרטיי אין לאַנד; ווי אָפּט זי קען נישט, חדשים־לאַנג, באַהאַנדלען און אַנטשיידן דרינגענדיקע פראַגן, ווייל עס קומען פּלוצים נאָך דרינגענדיקערע ענינים, וועלכע מען קען בשום אופן נישט אָפּלייגן. ווי אַזוי וועט, דעריבער די פּאַרטיי אין לאַנד באַווייזן צו באַהאַנדלען רעכטצייטיק און אויפמערקזאַם ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ? ווי קען מען פאַרלאַנגען פון די מענטשן, וועלכע טראָגן אויף זיך אַזוי פיל דאגות, וועלכע דאַרפן זיך פאַר־נעמען מיט אַזוי פיל ענינים, אַז זיי זאָלן נאָך געפינען צייט און ענערגיע פאַר ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, ענינים וויכטיקע און דריננ־גענדיקע, אָבער דאָך ווייטע, וואָס אין מאָמענט מערקט מען גאָר נישט דעם שאָדן וואָס זייער פאַרנאַכלעסיקונג איז עלול צו ברענגען?

דאָס זיינען ריכטיקע שאלות אויף וועלכע עס איז שווער צו געבן אַ באַרואיקנדיקן ענטפער. עס איז נישט לייכט צו פאַרזיכערן — און דער שרייבער פון די שורות זאָגט עס נישט — אַז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער שינוי אַליין וועט שוין ברענגען די תרופה. מיר ווייסן אָבער איין זאַך, וואָס איז שקול

קעגן אַלע אַנדערע אַרגומענטן: דער היינטיקער מצב איז נישט גוט. עס טאָר מער נישט זיין אַ נאָמינעלע לייטונג פון דער וועלט־באַוועגונג, וועלכע האָט פּאַקטיש נישט קיין באַשטימענדיקן כוח, נישט כלפּי די פּאַרטרעטער פון דער באַוועגונג אין די אינסטאַנצן און אַפּט אויך נישט כלפּי די לאַנד־פּאַרטייען; וואָס איר מעגלעכקייט צו רעאַליזירן אירע אייגענע באַשלוסן איז צוליב דעם שטאַרק באַגרעניצט; וואָס איר דירעקטער קאָנטאַקט מיט די לאַנד־פּאַרטייען איז אין אַ גרויסער מאָס, צוליב אָט דער לאַגע, אַ שטאַרק באַשרענקטער.

אמת, שולדיק אין דעם מצב זיינען אויך די לאַנד־פּאַרטייען גופא, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן נישט געזאָרגט אָפּצוהיטן דעם פּרעסטיזש און די אַרבעט־מעגלעכקייט פון איחוד־עולמי, און לאָמיר עס זאָגן גאַנץ אָפן, אויך נישט געזאָרגט פאַר דעם מעמד און השפעה־מעגלעכקייט פון די מענטשן, אויף וועלכע זיי האָבן אַרויפגעלייגט די אַרבעט פון איחוד עולמי. די לאַנד־פּאַרטייען האָבן גאָר נישט געזען, אַז דערמיט שניידן זיי אונטער דעם בוים אויף וועלכן זיי שפּאַרן זיך אָן. היינט ווילן מיר אָבער נישט רעדן מכוח שולד אָדער נישט־שולד, הגם אויך דאָס איז נויטיק, און מען דאַרף עס אַמאָל טאָן. היינט ווילן מיר נאָר קאָנסטאַטירן די פּאַקטישע לאַגע און זיך באַמיען פאָרצושלאָגן אַן אויסוועג. און די פּאַקטישע לאַגע איז אַזעלכע, אַז נאָר באַשלוסן און אָנווייזונגען פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל זיינען למעשה דעצידירנדיק לגבי די פאָרשטייער פון דער באַוועגונג אין די אינסטאַנצן און אויך לגבי די מערסטע לאַנד־פּאַרטייען אין חוץ־לארץ. פאַרצוזעצן דעם היינטיקן מצב מיינט פאַר די אינסטאַנצן פון איחוד עולמי נאָר פערמאַנענט עגמת־נפש און נישט פאַרדינטן אומכבוד (הגם זיכער נישט בכוונה תחילה).

מיר האָפן, אַז מיטן מאָמענט ווען מפלגת פועלי ארץ־ישראל וועט פאָרמעל איבערנעמען די אחריות פאַר די ענינים פון דער וועלט־באַוועגונג, וועט דער עצם פּאַקט פון איר דירעקטער אחריות פאַר די ענינים פאַרגרעסערן איר אַקטיוון אינטערעס פאַר דער באַוועגונג אין חו״ל: דאָס וועט פירן דערצו, אַז זי וועט מוזן באַהאַנדלען די ענינים פון דער באַוועגונג אין חו״ל און אָננעמען באַצייטנס קאָנקרעטע באַשלוסן. דעמאָלט וועט מער נישט שטיין קיין שום פראַגע, אויב אָט די באַשלוסן זיינען פאַרפליכטנדיק און ענדגילטיק אָדער נישט, סיי פאַר די שליחים פון דער באַוועגונג אין די אינסטאַנצן, און סיי פאַר די לאַנד־פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס.

מיר שטרייכן נאָכאַמאָל אונטער, אַז דאָס איז פּאַקטיש אויך צוגעפּאַסט צו דער אַטמאָספער אין וועלכער עס לעבן אונזערע מערסטע לאַנד־פּאַרטייען,

און דערמיט אויך צו זייער ווילן, אַפילו אויב זיי וועלן טעאָרעטיש האָבן וואָס אויסצוזעצן קעגן אונזערע אויספירן. נעמען מיר, למשל, די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. די לאַנד־פּאַרטייען האָבן זיך באַמיט איבעראַל בולט צו אונטערשטרייכן פאַר דער עפנטלעכקייט, און מיט רעכט, אַז זיי זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל. זיי האָבן איבעראַל געזאָרגט דערפאַר, אַז נעבן דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי זאָל אויך דערמאָנט ווערן מפא״י. דאַרף מען דאָך דערפון ציען די נויטיקע קאָנסעקווענצן און דאָס פאָרמעל לעגאַליזירן. פאַרוואָס זאָל אַזאַ זאַך געמאַכט ווערן בדרך אימפּראָוויזאַציע? דאָס קומט דאָך אין די לעצטע יאָרן צום אויסדרוק, וואָס אַמאָל מער, ביי אַלע וויכטיקע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אונזערע לאַנד־פּאַרטייען אין די לענדער.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז מיר ווילן דאָ נישט באַהאַנדלען קיין פּרטים וועגן בוי פון די באַוועגונג־אינסטאַנצן. אונזערע פאָרשלאָגן זיינען אַן ערשטער נוסח, וואָס דאַרף נאָך איבערגעאַרבעט און מן־הסתם אויסגעבעסערט ווערן. און עס וועט גוט זיין, חברים זאָלן עס טאָן נאָך פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ.

פאַראַן אָבער איין פּרט אויף וועלכן מיר וועלן זיך שוין איצט אָפּשטעלן; די לאַנג־יאָריקע פּראַקטיק האָט אונז באַוויזן, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער פּרט. אויך די פּראַקטישע אַדמיניסטראַציע פון דער טאָג־טעג־לעכער אַרבעט פון איחוד עולמי, מוז, למעשה, איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די חברים, וועלכע פאַרטרעטן די באַוועגונג אין די אויבערשטע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון די מאַסגע־בנדיקע אינסטאַנצן פון דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל. די חברים אין די גלות־לענדער לעבן זייער אינטענסיוו מיט די ענינים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין ישראל. פון די אינסטאַנצן פון איחוד עולמי פאַרלאַנגען זיי פּערמאַנענטע און גענויע אינפאָרמאַציע און אָנווייזונגען ווי אַזוי צו האַנדלען בנוגע די אַלע פראַגן. דאָס פאָדערן אויך די אינטערעסן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון דער מדינה. מיר ווייסן דאָך וואָס פאַר אַ שעדלעכע און איינזייטיקע אויפקלערונג עס ווערט געפירט אין די לענדער וועגן דער מדינה און איר רעגירונג. וויפיל שאָדן דאָס ברענגט אויך דער ציוניסטישער באַוועגונג און ווי געפערלעך דאָס איז פאַר אונזער ווערק. די באַוועגונג אין חוץ־לארץ קען זיך נישט מער באַנוגענען מיט אַלגעמיינער אינפאָרמאַציע. דער קאָנטאַקט צווישן ישראל און חוץ־לארץ ווערט כסדר קאָנקרעטער און ענגער. מען ווייסט

אין חוץ־לארץ בדרך כלל אַלע ענינים, מען איז באַקאַנט מיט אַלע פּרטים (אָפּטמאָל ווייסט מען אַפילו פּרטים וואָס לא היו ולא נבראו). די באַוועגונג אין חוץ־לארץ נויטיקט זיך אין אַ פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט די מאַסגעבנדיקע מענטשן, וועלכע לעבן אין לאַנד אין תוך פון די ענינים און אין תוך פון די אַנטשיידונגען. אַ טעכניש, גוט־פונקציאָנירנדיק ביוראָ, גוטע טעכניקער, דאָס זיינען אודאי וויכטיקע זאַכן, אָבער היינט־צו־טאָג איז דאָס נישט גענוג. נישט די כמות פון דער אויפקלערונג אַנטשיידט, נאָר די איכות, די באַוועגונג האָט נישט קיין אויער פאַר די מענטשן וועלכע זיינען מחוץ די מאַסגעבנדיקע אינסטאַנצן וואָס באַשטימען די ענינים, און דאָס פעלן פון אַ קאָנטאַקט פילן זיי ווי אַ פיינלעכע עוולה. די באַוועגונג אין חוץ־לארץ דערוואַרט קאָמפּעטענטע אינפאָרמאַציע, קאָנטאַקט און אינס־טרואירונג דוקא פון אירע מענטשן אין די אינסטאַנצן וואָס אַנטשיידן די ענינים. מיר זיינען די איינציקע ציוניסטישע באַוועגונג אין חוץ־לארץ, וואָס אירע מיטגלידער אין די גלות־לענדער האָבן אַזאַ קליינעם דירעקטן קאָנטאַקט מיט אירע מענטשן אין די מאַסגעבנדיקע אינסטאַנצן אין לאַנד.

דידאָזיקע ביז איצטיקע פּראַקטיק איז נישט געווען לטובת דער באַוועגונג. די אויסגעוויילטע פון דער וועלט־באַוועגונג אין די פאַרשיידענע אַלגעמיינע קערפּערשאַפטן און אינסטיטוציעס, זיינען געווען אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעריסן פון די ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, האָבן נישט געלעבט מיט אירע נויטן און באַדערפעענישן. און אַמאָל זיינען זיי אויך נישט געווען באַקאַנט מיט איר לאַגע. ווידער די, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן אָפּצוהיטן די ענינים פון דער באַוועגונג, צו לעבן מיט אירע נויטן, זי צו אינסטרואירן און שטאַרקן — זיי זיינען געווען בדרך־כלל מחוץ דעם קרייז, וואָס באַשטימט דעם גאַנג פון די ענינים. זיי זיינען נישט געווען גענוג באַקאַנט מיט די מאָטיוון פאַר די פאַרשיידענע האַנדלונגען, כדי ריכטיק און אין צייט צו אינפאָרמירן און אינסטרואירן די באַוועגונג; זיי האָבן אויך נישט געהאַט באַצייטנס קיין געלעגנהייט צו אינפאָרמירן די חברים, וואָס דאַרפן באַשטימען די ענינים, ווי דאָס וועט זיך עווענטועל אויסווירקן פאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. אַזאַ אַרבעט־פאַרטיילונג איז נישט געזונט און טאָר נישט פאַרגעזעצט ווערן, אויב מיר ווילן אָפּהיטן און שטאַרקן די באַוועגונג אין חוץ־לארץ. מעגלעך, אַז אויך אין דעם פּרט וועט קענען קומען אַן ענדערונג צום גוטן, אויב עס וועט דורכגעפירט ווערן אונזער פאָרשלאַג וועגן איינשליסן די אויספיר־אָרגאַנען פון איחוד עולמי אין די ראַמען פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

ה

פאַראַן אַ האָפענונג, אַז דאָסמאָל וועט סוף כל סוף דער ציוניסטישער קאָנגרעס זיך באַציען פּאָזיטיווער צו דער פאָדערונג פון אונזער באַוועגונג וועגן שאַפן די איינהייטלעכע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און ער וועט אויך אויסברייטערן זייער טעטיקייט־געביט. ווי מען גיט איבער איז אין דער פּראָגראַמאַטישער קאָנגרעס־צוגרייטונג־קאָמיסיע פון דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע פאַראַן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג בנוגע דער דאָזיקער פראַגע. אויב דאָס וועט זיך איינגעבן, וועט פאַר אונזערע לאַנד־פּאַרטייען אין חוץ־לארץ געשאַפן ווערן אַ זייער ברייט און לעבנס־וויכטיק אַרבעט־פעלד אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע *.

*

אין שייכות מיט דידאָזיקע פאָרשלאָגן שטעלט זיך פאַר אונזער באַוועגונג די פראַגע: וואָס וועט זיין להבא אונזער באַציאונג צום אידישן וועלט־קאָנגרעס, אויב די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע וועט זיך פאַר־נעמען מיטן אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן אין די לענדער? זי וועט זיך דאָך דעמאָלט, זעלבפאַרשטענדלעך, דאַרפן אויך פאַרנעמען מיט די פּראָב־לעמען פון אָפּהיטן די אידישע רעכט אין זייערע וואוין־לענדער און קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע. אונז ווייזט אויס, אַז עס איז מער נישטאָ קיין אָרט פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ צווייטער נאַציאָנאַל־אידישער וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס קאָנצענטרירט אַרום זיך, צום גרעסטן טייל, די זעלבע מענטשן, וואָס די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. ער האָט נישט מער קיין שום ספּעציפישע אויפגאַבן און טעטיקייט־געביטן, וועלכע קענען נישט אַריין אין ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר מוזן קומען צום באַשלוס, אַז די צייט פאַר אַזאַ צווייטער וועלט־אָרגאַ־ניזאַציע איז פאַרביי. די אידישע מאַסן דאַרפן זען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זייער רעפּרעזענטאַנץ אין אַ ל ע פראַגן, די ראָם אין וועלכע מען זוכט און געפינט אַן ענטפער פאַר אַלע זייערע נויטן. שוין אָפּגעזען פון אַלע אַנדערע סיבות, איז דאָס דרינגענדיק נויטיק פאַר דער שטאַרקונג פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע.

צוויי וויכטיקע סיבות, מיט וועלכע מען האָט באַגרינדעט נאָך מיט צוויי־דריי יאָר צוריק די נויטווענדיקייט פון דער באַזונדערער עקזיסטענץ פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, האָבן זיך איצט אַרויסגעוויזן פאַר נישט מער

* די האָפענונג, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין אויגוסט 1951, וועט אָנעמען אַזעלכע באַשלוסן איז געווען פריצייטיק.

אַקטועל. ערשטנס, דער אַרגומענט, אַז אין די ראַמען פונם וועלט־קאָנגרעס איז מעגלעך אָפּצוהיטן אַ פאַרבינדונג מיט אידישע קיבוצים און קרייזן, וואָס אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז עס נישט געווען מעגלעך. מען האָט דערביי אין זינען געהאַט די פאַרבינדונג מיט די פּראָ־קאָמוניסטישע קרייזן אין די פרייע לענדער און מיט די אידישע קיבוצים אין די לענדער פון די אַזוי גערופענע פאָלקס דעמאָקראַטיעס. עס איז געווען אַ מיינונג, אַז די דאָזיקע מעגלעכקייט אַליין גיט שוין אַ באַרעכטיקונג פאַר דער עקזיסטענץ פונם אידישן וועלט־קאָנגרעס. ביים היינטיקן טאָג איז די דאָזיקע גוטע כוונה אַבסאָלוט אילוזאָריש. אין די קאָמוניסטישע קרייזן און אין די פּראָ־סאָוויעטישע לענדער איז איצט נישטאָ קיין אַנדערע באַציאונג צום אידישן וועלט־קאָנגרעס ווי צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער צווייטער אַרגומענט איז געווען, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג, די מדינת ישראל, קענען נישט תמיד פּראָטעסטירן און אונטערנעמען עפעקטיווע שריט.

אויך אין דער פראַגע איז היינט־צו־טאָג די ווירקלעכקייט אַן אַנדערע. מכוח דעם ווערט פון אינטערווענצן לטובת די אידן אין די פּראָ־סאָוויעטישע לענדער מאַכט זיך דאָך קיינער נישט קיין איבעריקע אילוזיעס. די איינציקע עפעקטיווע הילף, וועלכע קען געגעבן ווערן די אידן אין יענע לענדער, איז די מעגלעכקייט פון עליה קיין ארץ־ישראל. וועט דאָך יעדער מודה זיין, אַז נישט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס איז דער פאַקטאָר וועלכער קען דערביי עפּעס צוגעבן. בנוגע אַלע אַנדערע לענדער, אויב עס זאָל, חלילה, קומען פאַרן אָרטיקן אידישן קיבוץ אַן עת־צרה, זיינען ביי די היינטיקע וועלט־באַדינגונגען נאָר פאַראַן באַגרעניצטע הילף־מעגלעכקייטן: א) אַ שטאַרקער דרוק פון אַ גרויסער וועלט־מאַכט, קודם־כל אַמעריקע, אויף דעם צורר־לאַנד; ב) די גרייטקייט־דערקלערונג פון דער מדינת ישראל אויפצונעמען די באַדראָטע אידן; ג) אַן עווענטועלע אַקציע אין אונ״אָ. נישטאָ ביים היינטיקן טאָג קיין אַנדערע הילף־און רעטונג־מעגלעכקייטן ווי אַרויסצונעמען די אידן פון דער געפאַר־זאָנע און זיי ברענגען קיין ישראל. מיר זעען עס אין איצטיקן מאָמענט לגבי די אידן אין די אַראַבישע לענדער און דאָס וועט אויך זיין דער פאַל אויב, חלילה, עס וועט קומען אַן עת־צרה אין אַן אַנדערן וועלט־טייל. בנוגע אַלע דריי הילף־מעגלעכקייטן, איז נישט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס דער פאַקטאָר וועלכער קען דערביי קאָנקרעט עפּעס טאָן. פון דער אַנדערער זייט נעמט עס די וועלט אָן אַלס זעלבפאַרשטענדלעכקייט אויב מדינת ישראל זאָרגט פאַר באַדראָטע אידן אין אַ געוויסן לאַנד.

אין אונזער באַוועגונג שטעלן חברים שוין זינט אַ לענגערע צייט די

פראַגע וועגן אונזער אָנטייל אין אידעשן וועלט־קאָנגרעס. מיר האָבן דאָס לעצטע מאָל אויספירלעך באַהאַנדלט די פראַגע מיט זעקס יאָר צוריק, אויף דער וועלט־באַראַטונג פון איחוד עולמי אין לאָנדאָן, אין זומער 1945. שוין דעמאָלט איז געזאָגט געוואָרן אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע, אַז עס איז „נויטיק אַריינצוברענגען אָרדענונג אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די אידישע אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער און אויסבויען אַן אַלוועלטלעכן אָרגאַניזירטן אידישן כלל". היינט־צו־טאָג, נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינה, קען גאָר קיין ספק נישט זיין, אַז דערדאָזיקער אָרגאַניזירטער אידישער כלל דאַרף זיין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

ו.

בעת מיר רעדן מכוח די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון דער וועלט־באַוועגונג און די פראַגע שטייט ווי אַזוי צו שטאַרקן איר אַקציע־פעאיקייט, קענען מיר נישט פאַרשווייגן די נישט־נאָרמאַלקייט פון איר פינאַנסיעלער לאַגע, סיי פון די לאַנד־פאַרטייען און סיי פונם צענטער פון דער וועלט־באַוועגונג. אַ זייטיקער מענטש קען זיך גאָר נישט מאַכן קיין פאָרשטעלונג ווי גרויס עס זיינען די שוועריקייטן, מיט וויפיל מי און מאַטערניש עס קומט אָן, סיי די לאַנד־פאַרטייען און סיי דעם צענטער, גובר צו זיין די פינאַנסיעלע נויטן און וויפיל אַקטיוויטעטן עס ווערן פאַרנאַכלעסיקט צוליב אָט די נויטן. דער דאָזיקער צושטאַנד איז נישט קיין מוז. ער איז אַ פּראָדוקט פון דער איבערגעטריבענער לאַנגזאַמקייט מיט וועלכער מיר זיינען בכוח צוצופּאַסן אונזערע אַרבעט־מעטאָדן צו געענדערטע נייע סיטואַציעס.

די טעטיקייט פון די לאַנד־פאַרטייען קען זיך נישט מער באַשרענקען אויף פּאָליטישער און אויפקלערונג־טעטיקייט, אויף אַקטיוויטעט פאַר די ארץ־ישראל־פאָנדן א.אַ.וו., א. אַ.וו. זי מוז זיין פאַרבונדן מיט געוויסע קאָנקרעטע אַקטיוויטעטן אין ארץ־ישראל אין די ראַמען פון דער פאַרטיי, סיי פּאָליטיש־קולטורעלע אַקטיוויטעטן, סייווירטשאַפטלעכע איינריכטונגען, וועלכע זאָלן זיין אַ געוויסער אָנלען פאַרן פאַרטיי־חבר, ביי זיינע ערשטע טריט, ווען ער קומט אין לאַנד. אַ גוט־פונקציאָנירנדיק עקאָנאָמיש באַראַטונג־ביוראָ, פאַרמיטלונג אין פראַגן פון שיכון, פאַרלייכטערונגען ביים באַקומען קאָנסטרוקטיווע הלוואות פאַר נייע אָנגעקומענע חברים א. אַ. וו., א. אַ.וו., די חברים פאָדערן עס און זיי זיינען שטאַרק אַנטוישט נישט געפי־נענדיק דאָס בעת זיי קומען אין לאַנד. דער ווידערקול אין זייערע אָפּשטאַם־לענדער מוז ברענגען שאָדן דער פאַרטיי. די אַלגעמיין־ציוניסטן האָבן עס

באַצייטנס פאַרשטאַנען און געשאַפן זייער קאָנסטרוקטיוון פאָנד, וועלכער העלפט זייערע חברים און נוצט זיי זייער פיל אין זייער פאַרטייאישער אַרבעט אין לאַנד און אין חוץ־לאָרץ. „מזרחי״ האָט אויך אַ גרויסן אייגענעם פאָנד. דיביידע באַוועגונגען האָבן פאַרבונדן זייערע פאָנדן מיט זייער פּאָליטישער אַקטיוויטעט סיי אין לאַנד און סיי אין חוץ־לאָרץ. אין זייער רשות געפינען זיך, אַ חוץ די סומען וועלכע זיי זאַמלען דירעקט אין פאַר־שיידענע לענדער, אויך קאָלאָסאַלע מיטלען, וואָס זיי באַקומען פונם פאַריי־ניקטן ארץ־ישראל־קאַמפּיין, אַלס אַנטשעדיקונג פאַר זייער מוותר זיין אויף זעלבשטענדיקע געלט־אַקציעס אין געוויסע לענדער. מיר קענען ביי די מאַקסימאַלסטע אָנשטרענגונגען גאָרנישט חלומען וועגן מאָביליזירן אַפילו אַ טייל פון אַזעלכע סומען, נישט פירנדיק אין די לענדער אַ גרויסע אַקציע פאַרן קרן האיחוד. מיר פירן אָבער נישט די אַקציע אין די מערסטע לענדער און אַ ריי לאַנד־פאַרטייען פאַרלאָזן זיך אויף נסים, אַז דער צענטער וועט שוין געפינען עפּעס אַ וועג זיי צו העלפן.

די וועלט־קאָנפערענץ מוז ווידמען דער פראַגע געהעריק אויפמערקזאַמ־קייט. מיר דאַרפן שאַפן אַ קאָנסטרוקטיוון פאָנד פון איחוד עולמי פאַר אַלע נויטן פון דער באַוועגונג אין די לענדער און אין צענטער און פאַר געוויסע אַקטיוויטעטן אין ישראל אין ראַמען פון דער פּאַרטיי. אויב מיר וועלן דאָס נישט שאַפן, וועלן מיר באַגיין אַ גרויסע זינד כלפּי דער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ און אויך אין לאַנד און מיר זיינען עלול מסכן צו זיין די עצם עקזיס־טענץ־מעגלעכקייט פון דער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ. אין געוויסע לענדער האַלטן זיך אָפּ אונזערע פאַרטייען פון פירן אַן אייגענע געלט־אַקציע, ווייל זיי זעען נישט קיין מעגלעכקייט צו פירן צוויי אַקציעס — איינע פאַר דער אייגענער באַוועגונג און אַ צווייטע פאַר דער הסתדרות. וואָרים די הסתדרות פאָדערט פון זיי אויך געלט־אַקציעס לויט דעם מוסטער פונם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין צפון־אַמעריקע. דאָס איז, לויט דער מיינונג פונם שרייבער פון די שורות, אַן אַבסאָלוט פאַלשער צוגאַנג סיי פון די חברים אין די לענדער און סיי פון דער הסתדרות.*

(סוף מערץ 1951)

---

* דאָ רעדט זיך וועגן לענדער אחוץ צפון־אַמעריקע און קאַנאַדע. אין דער צווישן־צייט איז בנוגע אָט די לענדער געקומען אַ מער־ווייניק צופרידנשטעלנדיקע רעגולירונג.

אייראָפּעאישע איחוד־באַראַטונג

די אייראָפּעאישע באַראַטונג פון פּועלי ציון (צ.ס.)—התאחדות אין בריסל (7טן—8טן אַפּריל 1951) האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס צווישן די חברים. דאָס איז אַ גוטער סימן פאַר דער פאַרשטאַרקונג און אַק־טיוויזירונג פון דער טעטיקייט פון דער באַוועגונג אין אייראָפּע אין דער לעצטער צייט. די באַראַטונג איז זיך דאָס מאָל נישט מתכוון צו עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס, נאָר צו שטעלן בראש קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע ענינים.

עס ווערט אַלץ שטאַרקער ביי די חברים די דערקענטעניש, אַז כדי צו קענען דינען אַמבעסטן דער מדינת ישראל און דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, מוז קודם־כל זיין געזיכערט אַ שטאַרקע, דיסציפּלינירטע, טעטיקע מאַסן־באַוועגונג פון אַרבעטער־ציוניזם אין אַלע לענדער אין חוץ־לארץ. עס איז אויך קלאָר די דערקענטעניש, אַז אַ ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער איצטיקער תקופה קען נישט מער זיין אַ לויזער פאַרבאַנד, לויטן מוסטער פון די ליגעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, נאָר עס איז נויטיק אַן אָרגאַניזאַציאָנעל געשלאָסענע מאַסן־באַוועגונג מיט אַ קלאָר דעפינירטן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פּראָגראַם און אַקציע־פעאיקייט.

אייראָפּע איז געווען דאָס וויגעלע פון דער אידישער־אַרבעטער באַוועגונג און פון אידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען בכלל. דאָס פולסירנדיקע אידישע אייראָפּע איז מער נישטאָ. עס איז אָבער דאָך פאַרבליבן אַ היפּשע שארית פון אייראָפּעאישע אידן אין די פרייע אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע קען און דאַרף שפּילן אין אונזער תקופה אַ באַדייטנדיקע ראָל אין אידישן כלל. די דאָזיקע שארית פון אייראָפּעאישן אידנטום איז אפשר נאָך מער ווי אַנדערע אידישע קיבוצים דירעקט פאַרבונדן און פאַראינטערעסירט אין אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין ארץ־ישראל. אַ גרויסער טייל פון זיי קלערט ערנסט וועגן איינאָרדנען זייער לעבן אין ארץ־ישראל. אויף יעדן פאַל זעען זיי ארץ־ישראל אַלס זייער רעטונגס־אָרט, ווען עס זאָל, חלילה, קומען אַן עת־צרה. זיי פעלט נאָך דאָס באַוואוסטזיין, אַז מען דאַרף נישט וואַרטן דווקא ביז עס קומט אָן אַן עת־צרה. מוז אונזער באַוועגונג אין אייראָפּע נעמען אויף זיך די אויפגאַבע איינצופלאַנצן אין די הערצער פון די טויזנטער אידן דעם נויטיקן קוראַזש, אַז זיי זאָלן קומען וואָס גיכער צו דעם איינציק־לאָגישן און נאַטירלעכן באַשלוס מכוח זייער עליה.

אונזער באַוועגונג אין אייראָפּע האָט לעצטנס געמאַכט אַן ערנסטן פּרואוו אַריינצודרינגען אין קרייזן פון ייִנגערע מענטשן, וועלכע האָבן זיך עטוואָס דערווייטערט פונם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און באַנוצן נישט די אידישע שפּראַך אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. די פּרוואוון זיינען געמאַכט געוואָרן אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך און איןביידע לענדער זיינען די רעזולטאַטן דערמוטיקנדיקע. נייע קרייזן האָבן זיך דערנעענטערט צו אונזער באַוועגונג און עס איז גאָר קיין ספק נישטאָ, אַז גראַד אַזוי ווי מיר האָבן געקענט דערנעענטערן צו אונז אָט די הונדערטער, קען מען אויך דערנעענטערן צו אונז ווייטערע טויזנטער ענגליש־און פראַנצויזיש־רעדנדיקע יונגע און עלטערע אידן; אויפוועקן ביי זיי דעם באַוואוסטזיין פון דער פאַרבינדונג מיטן אידישן לעבן, מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער טאַט.

אונזער באַוועגונג אין אייראָפּע באַזיצט אַ צאָל אויפקלערונגס־אינ־סטרומענטן. מיר האָבן אַן אייגענע טאָג־צייטונג „אונזער וואָרט״, וואָס ברענגט טאָג־טעגלעך טויזנטער אידן אין אייראָפּע די בשורה פונם זיך בויענדיקן און וואַקסנדיקן ישראל, טראָץ אַלע שוועריקייטן. מיר האָבן זינט אַ האַלב יאָר אַ פראַנצויזישע רייכע וואָכן־צייטונג „לאַ פּאַראָל״, מיר האָבן זשורנאַלן אין ענגליש אין לאָנדאָן און אין דייטש אין ווין. מוזן מיר אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ די דאָזיקע וויכטיקע אינסטרומענטן פון אונזער אויפ־קלערונגס־אַרבעט, וועלכע זיינען, אגב, די איינציקע פּרעסע־אָרגאַנען אין אייראָפּע, וואָס שטייען פול און גאַנץ, אָן באַוואָרענישן, אין דינסט פון דער מדינת ישראל און דער ציוניסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע פּרעסע לייגט אַרויף אויף דער באַוועגונג אַ גאָר שווערן עול. וועט די באַראַטונג מוזן ערנסט טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי צו מאָביליזירן די נויטיקע מיטלען און מענטשן. ווייל סיי אויף דעם געביט, סיי אויף אַנדערע געביטן פון פּאַרטייאישער אַקטיוויטעט, מוז פאַר אַלע חברים קלאָר זיין, אַז נאָר פון דער מאָס פון זייער אייגענער איבערגעגעבנקייט און קרבנות־גרייטקייט איז אָפּהענגיק דער פּאַרנעם און דער קיום פון דער אַרבעט.

פאַרשטייט זיך, אַז די באַראַטונג אין בריסל וועט דאַרפן באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון אונזער וועלט־קאָנפערענץ און זאָגן איר מיינונג וועגן אונזער וועג אין דער מדינה און אין פאָלק. אין דער סאַמע ערשטער ריי דאַרפן מיר זיך קאָנצענטרירן אויף די קאָנקרעטע אויפגאַבן פון דער באַוועגונג אין אייראָפּע, אויף דער ממשותדיקער אַרבעט צומאָרגנס נאָך דער באַראַטונג. דאָס נעמט אַרום די געביטן פון יוגנט און החלוץ, פון קולטור און דערציאונג א.א.וו., א.א.וו.

(אָנהויב אַפּריל, 1951)

גלות־אַרבעט — אַ ציוניסטישע פליכט

ביים באַהאַנדלען די פראַגן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און די אויפגאַבן פון אונזער אייגענער באַוועגונג (פעברואַר 1950), שטעלט דער שרייבער פון די שורות די פראַגע: „וואָס איז היינט־צו־טאָג, נאָך דער אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל, דער אונטערשייד צווישן אַ מיט־גליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און סתם אַ איד?" אין דעמזעלביקן אַרטיקל ווערט געמאַכט אַ פּרואוו צו געבן דערויף אַ תשובה: „ציוניזם מיינט קיבוץ גלויות. זיין אַ ציוניסט מיינט שטרעבן צו קומען אין לאַנד און וואָס גיכער... די אויפגאַבע און די פליכט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען, אַז אַלע אידן זאָלן ווערן עולה זיין... נישט יעדער ציוניסט קען און וועט שוין מאָרגן עולה זיין. אָבער קודם־כל מוזן מיר דאָך וויסן וואָס איז זיין איינשטעלונג און גרייטקייט צו עליה — היינט, מאָרגן אָדער איבער־מאָרגן; זיין פסיכאָלאָגישע און פאַקלעכע צוגרייטונג דערצו; די צוגרייטונג פון זיינע בני־בית און די דערציאונג פון זיינע קינדער צו אָט דעם שטרעבן. דאָס פאָדערט אַ פולשטענדיקע גייסטיקע רעוואָלוציע, אויך ווען מען פאַר־בלייבט צוליב די אָדער אַנדערע סיבות נאָך אַ געוויסע צייט אין חוץ־לארץ".

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז דאָס איז חל קודם־כל אויף דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף אונזערע לאַנד־פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין חוץ־לארץ; דאָס מיינט, אַז אַלע טיילן פון דער ציוניסטי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אין די ראַמען פון איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.) התאחדות, מוזן אַוועקשטעלן דעם ענין עליה און צוגרייטונג צו עליה אויפן ערשטן אָרט, צווישן די פליכטן וואָס ליגן היינט־צו־טאָג אויף אַ חבר פון דער באַוועגונג.

דריינגען דערפון, אַז דאָס שליסט אין זיך כלומרשט איין די זעלב־פאַרשטענדלעכע מסקנה פון גלייכגילטיקייט, אָדער גאָר, ווי אַנדערע מיינען, פון ביטול צו אַלע אַקטיוויטעטן פון אידישן לעבן אין חוץ־לארץ — אַזאַ אויסטייטשונג, איז לויט אונזער מיינונג, לגמרי פאַלש און שעדלעך. אַזאַ אויסטייטשונג אַנטשפּרעכט נישט דעם וועג פון אונזער באַוועגונג, זי ברענגט נישט קיין שום נוצן דעם ציוניזם און זי איילט נישט צו אפילו אויף אַ שריט פאָרויס דעם פּראָצעס פון קיבוץ גלויות.

ב

מיר מוזן זען די ווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז און לויט דעם איינשטעלן אונזער אַרבעט. נישט געוואונטשענע דערשיינונגען פאַרשווינדן נישט דערמיט וואָס מען מאַכט דעם אָנשטעל, אַז מען זעט זיי נישט. די זייער שנעלע פאַרשמעלערונג פון דער אידיש־ריידנדיקער סביבה אין די אַזוי גערופענע אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער (און אויך אין די אַנדערע אידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ) איז איינע פון די שווערע נאַציאָנאַלע קלעפּ, וואָס מיר האָבן באַקומען. דאָס האָט אין די דאָזיקע לענדער אויף אַ האָר נישט פאַרשטאַרקט די העברעאישע שפּראַך, דאָס האָט נישט געשטאַרקט דעם ציוניסטישן כוח און דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין; עס האָט אָבער באַזייטיקט אַ גאָר וויכ־טיקע באַריערע, וואָס האָט אונז געשטיצט קעגן דער אַסימילאַציע־מגפה, וועלכע פרעסט אונזער נאַציאָנאַלן גוף אין די דאָזיקע לענדער; עס האָט צעשטערט אַ גאָר וויכטיקן נאַציאָנאַלן אויפהאַלטונג־כוח אין אונזער לעבן אין חוץ־לארץ.

איז דעריבער לגמרי נישט אויפן אָרט דער געדאַנק, אַז היות אַזוי גייט די אַנטוויקלונג, זאָלן מיר אפילו נישט פּרואוון אָט די אַנטוויקלונג אויפ־צוהאַלטן, נאָר זי נאָך צואיילן דערמיט, וואָס מיר וועלן פאַרנאַכלעסיקן און מינימאַליזירן אין חוץ־לארץ די אידיש־ריידנדיקע סביבה, אירע דערציאונג־אַנשטאַלטן און קולטור־אויפטוען. מיר דאַרפן גראָד טאָן דאָס פאַרקערטע. מיר זיינען מחוייב אויסנוצן אַלע נאַציאָנאַל־דערהאַלטנדיקע פּאָטענצן פון דער אידישער שפּראַך און קולטור פאַר דער אָרגאַניזירונג פון די אידישע מאַסן אין גייסט פון ציוניסטישן אַקטיוויזם. מיר אונטערשיידן זיך דערביי לגמרי פון די אַנטי־ציוניסטישע אידיש־„פאַרטיידיקער“, פאַר וועמען אידיש־לשון איז אַ דעמאַגאָגישער לאָזונג. וואָרים אַנדערש קען מען נישט דערקלערן זייער היסטערישע געשרייען אין ניו־יאָרק מכוח שוץ פאַר אידיש דוקא אין ארץ־ישראל, בעת צווישן די מיליאָנען אידן אין ניו־יאָרק טוען זיי אַזוי וויניק פאַר אידיש, אפילו ביי זיך אין דער היים, לגבי זייערע אייגענע קינדער.

מיר מוזן זיך רעכענען מיט דער ווירקלעכקייט און דעריבער מוזן מיר איצט אַ גרויסן טייל פון אונזער אויפקלער־אַרבעט אין חוץ־לארץ פירן אין דער שפּראַך פונם וואוין־לאַנד פון די אידן, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן געווינען דעם יונגן דור. עס וועט נישט העלפן קיין שום איינרעדעניש, אַז מיר קענען זיך באַנוגענען מיט אידיש אַליין. דאָס איז איצט אמת בנוגע אַלע אָן אויסנאַם לענדער אין חוץ־לארץ. און גראַד ווי עס וואָלט געווען שעדלעך צו פאַרזען אָט דעם פאַקט, איז אָן־אַ־ספק שעדלעך די, ליידער, אין מאַנכע

ערטער אָנגענומענע, ביליקע באַקוועמלעכקייט פון באַנוצן זיך אויסשליסלעך מיט דער לאַנד־שפראַך. מיר איז אויסגעקומען אין די לעצטע יאָרן צו באַזוכן עטלעכע מאָל איינע פון צווישן אונזערע זייער גוטע און אַקטיווע לאַנד־פּאַרטייען, וואו דער עקספּערימענט פון עלימינירן אידיש (הגם זיכער נישט בכוונה און מער צוליב אויבנאויפיקער באַקוועמלעכקייט) איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ באַדויערנסווערטער גרינגלעכקייט און שנעלקייט. איך האָב נישט געזען די גרויסע בייע אָנהענגער־קרייזן, וואָס זיינען אַ דאַנק דעם דערגרייכט געוואָרן. איך האָב אָבער באַמערקט אין דער פּאַרטיי באַאומרואיקנדע סימנים פון אַ גייסטיקן שטילשטאַנד; אַ סך אַלטע אַקטיווע חברים (און זיי בילדן נאָך אַלץ דעם הויפּט־אָנלען פון דער פּאַרטיי) האָבן אויף פּאַרטיי־פּאַרזאַמלונגען געשוויגן אָדער געשטאַמלט, ווייל עס איז זיי שווער זיך פריי אויסצודריקן אין דער לאַנד־שפראַך. דאָס האָט אויך געפירט דערצו, אַז עס איז מער נישט „מאָדערן” צו לייענען אַ אידיש בוך אָדער זשורנאַל. איך בין שטאַרק מסופק, צי די וואָס האָבן אויפגעהערט צו לייענען אידיש — און העברעאיש קענען זיי נישט — לייענען אָנשטאָט דעם אַן ערנסטן אידישן זשורנאַל אָדער בוך אין דער לאַנד־שפראַך, אַפילו אַזאַ זאַך איז טאַקע פאַראַן.

היינט־צו־טאָג זיינען דאָך אויך אין די אידישע קיבוצים אין דרום־אַפריקע און אין אויסטראַליע, אין ענגלאַנד און אין קאַנאַדע, שוין אָפּגערעדט פון ניו־יאָרק, שיקאַגאָ וכדומה, נאָך געבליבן ברייטע קרייזן, וועלכע רעדן און פאַרשטייען אידיש. מיר האָבן בדרך־כלל אַ לייכטערן צוגאַנג צו די־דאָזיקע קרייזן. זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ סענסיטיוון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. וואָס פאַר אַ טעם און זין האָט עס, וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט עס, צו פאַרנאַכלעסיקן די דאָזיקע קרייזן, אפילו אויב מיר האָבן שוין געוואונען די נייע קרייזן, וועלכע באַנוצן נאָר די לאַנד־שפראַך? על אחת כמה וכמה, אַז מיר האָבן די נייע קרייזן כלל נאָך נישט געוואונען און די אידיש־ריידנדיקע סביבה איז נאָך אַלץ אַ וויכטיקער אָנלען פון אונזערע פּאַרטייען און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל. אויך אין ענגליש־ריידנדיקע לענדער בילדן זיי אַמאָל די מערהייט, און על־כל־פנים נישט ווייניקער ווי די העלפט, פון אונזערע אָרגאַניזירטע מיטגלידער.

די נויטווענדיקייט צו באַנוצן אין אַ פיל גרעסערער מאָס די לאַנד־שפראַך אין אונזער אויפקלער־אַרבעט און גלייכצייטיק אָפּהיטן די אידיש־ריידנדיקע סביבה, קאָמפּליצירט אָן־אַ־ספק אונזער אַרבעט אין חוץ־לארץ. מיר האָבן אָבער נישט קיין אַנדערע ברירה. מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין לייכט לעבן און מיר דאַרפן עס זיכער נישט דערוואַרטן אין

דער איצטיקער תקופה. איז, דאַכט זיך, אונזער וועג אַ קלאָרער: א) אָפּהיטן און שטאַרקן די אויפקלערונג־אַרבעט, די נאַציאָנאַלע דערציאונג און קולטור־טעטיקייט אין אידיש, בשום אופן נישט פאַרנאַכלעסיקן די אידיש־ריידנדיקע סביבה און נישט צולייגן אַ האַנט אויף כדי קינסטלעך צו פאַרשנעלערן דעם איבערגאַנג צו דער לאַנד־שפּראַך; ב) מאַקסימאַלסטע אויפמערקזאַמקייט אין אונזער אויפקלער־אַרבעט, בעל פה ובכתב, צו די שיכטן וואָס באַנוצן דורכאויס אָדער צום גרעסטן טייל נאָר די לאַנד־שפּראַך, וואָס עס מיינט אויך אין אַ גרויסער מאָס צופּאַסן אונזער אויפקלער־אַרבעט צו דער באַזונדערער מענטאַליטעט פון יענע קרייזן; ג) די נייע, שווערע און וויכטיקע פליכט פון אונזער באַוועגונג — אויב מיר מיינען ערנסט מיטן געבאָט פון עליה — מאַקסימאַל צו העברעאיזירן דאָס אידישע לעבן אין חוץ־לאַרץ.

ג

בעת מיר רעדן היינט־צו־טאָג מכוח שאַפן אין חוץ־לאַרץ נייע אידיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג־אַנשטאַלטן — און דאָס איז איינע פון די דרינגענדיקע אויפגאַבן, וואָס ליגן אויף דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, און אין דער ערשטער ריי אויף אונזער באַוועגונג — מיינט עס קודם־כל דערציאונג־אַנשטאַלטן מיט העברעאישער אונטערריכט־שפּראַך, וואָס עס שליסט נאַטירלעך נישט אויס דאָס לערנען אידיש. דאָס איז אַ זייער שווערע אויפגאַבע, וואָס פאָדערט געוואַלדיק גרויסע אָנשטרענגונגען און אַ סך כוחות. פאַר דער גרויסער מערהייט אידן אין חוץ־לאַרץ איז דאָס אַ ווייטער און נישט פּראַקטישער געדאַנק. דאָס איז אָבער אַ לעבן־נויטווענדיקייט, אויב מיר ווילן נישט זיין קיין פּאַסיווע צושויער פון דעם פאַרפרעמדונג־פּראָצעס פון יונגן אידישן דור אין דידאָזיקע לענדער. ביי יעדן באַזוך אין חוץ־לאַרץ, אין די לעצטע יאָרן, באַגעגן איך אויפסניי פאַר מיר דערשיטערנדיקע פאַלן פון קינדער פון גוטע, אַקטיווע ציוניסטן, פון אייגענע חברים און פריינט — מענטשן וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין מזרח־אייראָפּע און זיינען געוועזן און אַפּטמאָל זיינען זיי אויך פאַרבליבן אַריינגעטאָן מיט זייערע רמ״ח אברים אין אידישן לעבן און קולטור, וואָס זייערע קינדער ווייסן נישט דאָס מינדסטע פון אידישקייט און ווילן דערפון נישט וויסן. ביי די קינדער פון די דאָזיקע קינדער וועט דאָך שוין אויך דער לעצטער ניצוץ פון אידישקייט זיין אויסגעלאָשן, אויב מיר וועלן אין דער צווישנצייט נישט באַווייזן דורך אַ רעוואָלוציאָנערער אויפטרייסלונג צו ענדערן דעם מצב.

דער פּראָצעס פון פרידלעכן חיסול הגולה וועט קומען אין די

קלענערע אידישע קיבוצים אין אייראָפּע, דרום־אַמעריקע א. א. וו. גאָר־גאָר שנעל, אויב אפילו מיר וועלן דאָרטן זוכה זיין צו גוטע און רואיקע צייטן פאַר אידן. דער אידישער קיבוץ וועט אויפגעלייזט ווערן נישט דורך עליה קיין ישראל, נאָר דורך דעם, וואָס דאָס אידישע לעבן וועט פשוט אויסגעלאָשן ווערן אין משך פון איין־צוויי דורות. פאַראַן נאָר איין איינציקע רעטונג פאַר די מענטשן, כדי זיי זאָלן קענען פאַרבלייבן אידן, איין רעוואָלוציאָנערער וועג — נאַציאָנאַלע דערציאונג און עליה.

די צוגרייטונג צו עליה, אויב מען נעמט עס ערנסט, פאָדערט אַ נאַציאָנאַלן דערציאונג־וועזן אין העברעאיש. מיר וועלן נישט מצליח זיין צו שאַפן אַ ברייטערע נעץ פון אידיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג־אַנשטאַלטן, אויב מיר וועלן עס נישט פאַרבינדן מיט דער קאָנקרעטער אויפגאַבע פון עליה־צוגרייטונג. אָבער אויב מיר פאַרבינדן עס מיט דעם לאָזונג פון עליה, פון קיבוץ גלויות — און ווי געזאָגט וועט עס אַנדערש נישט מצליח זיין — איז קלאָר, אַז אידישע דערציאונג־אַנשטאַלטן נישט אין דער העברעאישער שפּראַך וועלן נישט האָבן קיין צוציאונג־קראַפט. עס רעדט זיך דאָך נישט מכוח מוסטער־אַנשטאַלטן אין אידיש, וועלכע מען האַלט אויף מיט אַ סך עקשנות און איבערגעגעבנקייט; מיר ווילן כלל נישט אָפּלייקענען זייער באַדייטונג אָדער, חלילה, פּרעדיקן זייער בוצלאָזיקייט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ נייער, ברייט־פאַרצווייגטער טעטיקייט אויפן געביט פון דערציאונג, וואָס זאָל אַרומנעמען גאָר ברייטע קרייזן, אין אַ תקופה ווען די פּערזענלעכע פאַרבינדונג פון יעדן אידישן יחיד אין חוץ־לארץ מיט ארץ־ישראל איז אַ ציוניסטישער געבאָט. דער דאָזיקער צוגאַנג איז אַ געבאָט פון דער נייערווירקלעכקייט. דאָס פאָדערט אויך אַ ברייט־פאַרצווייגטע העברעאישע טעטיקייט צווישן דערוואַקסענע. אויך דער דור פון דערוואָקסענע מוז לערנען די שפּראַך סיי צוליב זיין אייגענער עליה־צוגרייטונג, סיי צוליב דער מעגלעכקייט פון אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד, איידער ער איז עולה, און אויך צוליב דער נויטווענדיקייט אויסצומיידן אַ מחיצה צווישן אים און דעם יונגן דור, וואָס וועט באַזוכן העברעאישע דער־ציאונג־אַנשטאַלטן.

ווי געזאָגט, איז דאָס אַ זייער שווערע אויפגאַבע און זי וועט פאָדערן געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען. זי דאַרף דעריבער געמאַכט ווערן בשותפות פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. עס וועט דערביי אויך נויטיק זיין אַ סך הילף פון ארץ־ישראל — שול־לערער, פּרעבליסטינס, לער־ביכער און פּלע־נער. עס איז כמעט אויסגעשלאָסן, אַז קלענערע און אפילו גרעסערע אידישע

קיבוצים זאָלן אַליין קענען גובר זיין אַלע שוועריקייטן, אָן הילף פון אַ צענטראַלער אינסטאַנץ און בעיקר פון ארץ־ישראל. עס איז אָנצונעמען, אַז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג וועט איצט באַגרייפן ווי דרינגענדיק עס איז די דאָזיקע אויפגאַבע, און דער 23־טער ציוניסטישער קאָנגרעס, באַשליסנדיק מכוח דער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועט אויף איר דאַרפן אַרויפלייגן די דאָזיקע פליכט.

דאָס באַפרייט נישט אויף אַ האָר אונזערע לאַנד־פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. זיי וועלן מוזן זיין אויף דעם געביט די פאָדערער און איניציאַטאָרן, די אַקטיוויסטע, די וואָס שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום עול. זיי וועלן אפילו מוזן אַליין אָנהויבן די אַרבעט, אויב עס וועט אַנדערש נישט מעגלעך זיין. אָפטמאָל באַזוכנדיק אַ גרעסערע אידישע קהילה אין חוץ־לארץ, שטייסטו אָן איבעראַשטער אין אָנבליק פון דער אָפּהענטיקייט פון חברים אויף דעם געביט. אין שטעט מיט אַ סך, אַ סך טויזנטער אידן, מיט טויזנטער ציוניסטן, באַוויזט מען נישט צו גרינדן אַפילו אַ קליינעם, באַשיידענעם אָנהויב פון אַ העברעאישן קינדער־גאָרטן. ווי קומט עס? פון וואַנען נעמט זיך די אָפּהענטיקייט אויף דעם געביט, בעת די געפאַר פונם פאַרשווינדן פון יעדן סימן פון אידיש לעבן איז אַזוי גרויס? עס איז נישטאָ קיין שום באַרעכטיקונג דערויף. עס נעמט זיך פשוט דערפון, וואָס מיר אַלע פלעגן פריער אין חוץ־לארץ נישט נעמען שטאַרק ערנסט און פערזענלעך די רעאַליזירונג פון די געבאָטן, וועלכע מיר האָבן געפרעדיקט, אַלס מצוות פון דער באַוועגונג. מיר זיינען אָן אַרבעטער־באַוועגונג, מיר קענען אָבער אין חוץ־לארץ, צוליב כמה וכמה טעמים נישט זיין איינגעגלידערט אין דער מחנה פון אַרבעטנדיקע; מיר זיינען ציוניסטן, מיר קענען אָבער צוליב כמה וכמה טעמים נישט עולה זיין — האָט זיך דער דאָזיקער צוגאַנג אויך איינגעפרעסן אין חוץ־לארץ אויפן געביט פון דערציאונג. דאָס קען מער איצט אַזוי נישט זיין. די אויפריכטונג פון דער מדינה גיט די מעגלעכקייט יעדן איד עולה צו זיין, איינצוגלידערן זיך אין לאַנד, אין דער מחנה פון אַרבעטנדיקע. די ערשטע צוגרייטונג דערצו איז די דערציאונג פון די קינדער און די שפּראַכלעכע און גייסטיקע צוגרייטונג פון די דערוואַקסענע.

ד

די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן אין די לענדער אויף דעמאָקראַטישע יסודות איז,ביים היינטיקן טאָג, אַ וויכטיקער טייל פונם קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום. עס איז שווער צו גלויבן, אַז מיר וועלן

באַווייזן צו באַנייען דעם יורידישן און געזעלשאַפטלעכן סטאַטוס, וואָס די קהילות האָבן פאַרנומען במשך אַ לאַנגער תקופה אינם אידישן לעבן אין מזרח־און מיטל־אייראָפּע. אין אירע ערשטע יאָרן האָט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אָפּטמאָל געהאַט טענות צו דער אידישער קהילה, צו איר בולט רעליגיעזן און אָפּטמאָל אַסימילאַטאָרישן כאַראַקטער, יעדער פון אונז פילט אָבער היינט־צו־טאָג ווי שטאַרק עס פעלט אונז אַזאַ פון אַלע אידן אָנער־קענטע און אַלע אידן אַרומנעמענדיקע אינסטיטוציע אין חוץ־לארץ. פונ־דעסטוועגן קען אפשר ווידער עמעץ קומען און טייטשן, אַז היות מיר מוזן איצט ווידמען אַלע כוחות און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דער אויפגאַבע פון קיבוץ גלויות, איז נישטאָ קיין אָרט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין אונזער אייגענער באַוועגונג פאַר זאָרג און אָנשטרענגונג אויף דעם געביט. אַזאַ צוגאַנג מיינט אָבער, לויט אונזער מיינונג, שעדלעכע קורצ־זיכטיקייט.

עס איז שווער פאָרויסצוזאָגן וואָס פאַר אַ אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען עס וועט אָננעמען די אידישע קהלה ביים היינטיקן טאָג, אויף וויפל עס וועט זיך בכלל איינגעבן זי צו שאַפן; וואָס פאַר אַן אויפגאַבן־קרייז זי וועט נעמען אויף זיך. מן־הסתם וועט מען דאַרפן מסכים זיין צו פאַרשיידענע פאָרמען און טעטיקייט־געביטן אין פאַרשיידענע לענדער. פאַר אונז דאַרף זיין קלאָר, אַז מיר זיינען פאַראינטערעסירט, זיי זאָלן אַרומנעמען אַלע אידן. מיר דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז די דאָזיקע דערקענטעניש זאָל אַריינדרינגען אין די מוחות פון אַלע ציוניסטן, פון אַלע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע אידישע קרייזן. אויך אין מזרח־אייראָפּע האָבן די מערסטע קהלה־פּאַרוואַל־טונגען נאָך דעם אויפקום פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיך אָפּגעזאָגט פון דירעקטער ציוניסטישער אַקטיוויטעט און מיטאַרבעט מיט דער ציוניס־טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און אין די מיטל־אייראָפּעאישע לענדער נאָך אין אַ שאַרפערער מאָס. פונדעסטוועגן איז זייער נאַציאָנאַלע באַדייטונג געווען קאָלאָסאַל גרויס. עס איז כמעט נישטאָ קיין ספק, אַז אין דער איצטיקער תקופה פון דער אידישער מדינה וועט דאָס אַ סך מער און בולטער, און דורך קאָנ־קרעטע מעשים, קומען צום אויסדרוק. אין דער תקופה פון קיבוץ גלויות, און אינם אינטערעס פון קיבוץ גלויות, זיינען מיר אפשר נאָך מער פאַראינטערע־סירט אין אַן אָרגאַניזירטן, דעמאָקראַטישן אידישן כלל־לעבן אין די לענדער.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך דאָ, בדרך־כלל, אין דעם וויכוח וועגן דער מאָס פון פיזישער און עקאָנאָמישער זיכערהייט, וואָס אידן געניסן אין זייערע איצטיקע וואוין־לענדער; נישט אָנערקענענדיק אין קיין שום לאַנד

די טרויעריק־באַרימטע זעלבסט־באַטריגערישע איינרעדעניש, אַז „ביי אונז קען דאָס נישט פּאַסירן” — האַלטן מיר אָבער נישט, אַז די ציוניסטישע טעטיקייט וועט פּראַקטיש אַ סך דערגרייכן אויפן געביט פון עליה, אַוועק־שטעלנדיק אין פאָדערגרונט פון איר עליה־רוף דעם מאָמענט פון פיזישער געפאַר, וואָס דראָט אידן אין זייערע איצטיקע וואוין־לענדער. נישטאָ קיין מער דערשיטערנדיקע באַווייזן ווי דער פאַקט פון דער פאַרטיליקונג פון זעקס מיליאָן אידן אין איראָפּע. נישטאָ קיין איד אין חוץ־לארץ, וועלכער איז נישט דערשיטערט געוואָרן פון דעם שרעקלעכן גורל, וואָס האָט געטראָפן אַ דריטל פון זיין פאָלק. פונדעסטוועגן איז דער פּראָצעס פון עליה גאָר אַ לאַנגזאַמער אין די לענדער, וועלכע זיינען פאַרשוינט געבליבן פון דער קאַטאַסטראָפע. אַפילו אין לענדער, וואו אידן זיינען געווען עדות פון דער קאַטאַסטראָפע (מערב־איראָפּע) און זיי זיינען בנס ניצול געוואָרן, איז דער פּראָצעס פון עליה היינט גאָר, גאָר אַ קליינער.

דאָס מיינט, אַז נישט די קאַטאַסטראָפע דאַרף שטיין אין פאָדערגרונט פון דער ציוניסטישער אויפקלערונג, נאָר קודם־כל די פּאָזיטיווע זייט פון דעם מדינה־אויפבוי. דאָס מיינט, אַז מיטן אָפּזונדערן זיך פון אידישן לעבן אין גלות, פון די נויטן פון אידן אין גלות, כל זמן זיי פאַרבלייבן דאָרטן, דערווייטערן מיר זיך פון אידן און פון דער מעגלעכקייט פון השפעה אויף זיי און פון געווינען זיי פאַרן אַקטיוון ציוניזם, וואָס דאָס מיינט עליה. אין אַ אידיש־אַקטיווער סביבה האָט דער ציוניזם אָן־אַ־ספק די בעסטע אויסזיכטן אויף הצלחה. אידישע אַקטיוויטעט אין חוץ־לארץ, דאָס וואָס מען רופט אין ציוניסטישן זשאַרגאָן קעגנוואַרט־אַרבעט, איז, אָפּגעזען פון איר אייגנטלעכער נויטווענדיקייט, אַ פאַרבאַדינג פאַר אַן ענגערן, אינטימען בונד מיט ישראל.

דערפאַר איז נויטיק, אַז דער ענין פון אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן זאָל אַריין אינם קרייז פון די טעטיקייט־געביטן, וואָס די איינהייטלעכע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך מיט זיי פאַרנעמען. מיר האָפן, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט עס באַשליסן. אויב נישט, וועט אונזער באַוועגונג אַליין מוזן נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו און דעם עול פון דער פּיאָנערישער אַרבעט אויף דעם געביט.

ה.

אונזער פאָדערונג בנוגע אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, מיינט נישט איינשרענקען די זעלבשטענדיקייט פון די ציוניסטישע פּאַרטייען. אויף יעדן פאַל טראַכטן מיר גאָרנישט מכוח מבטל

מאַכן אונזער אייגענע באַוועגונג אָדער פאַרשמעלערן איר זעלבשטענ־דיקייט. פאַרקערט, מיר זעען אַ גאַר דרינגענדיקע נויטווענדיקייט זי איצט באַדייטנדיק צו פאַרשטאַרקן און אויסצוברייטערן אירע ראַמען. מיר האַלטן אָבער פאַר נויטיק, אַז אַ גאַנצע ריי וויכטיקע אַקטיוויטעטן, וואָס זיינען בנוגע דעם גאַנצן ציוניסטישן כלל און זייער הצלחה פאָדערט די מאַקסימאַלע אָנשטרענגונג פון אַלעמען, זאָלן געמיינזאַם געפירט ווערן אין די ראַמען פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. קודם־כל מיינט עס אַקטיוויטעטן פאַר ארץ־ישראל (פאָנד־זאַמלונגען, אינוועסטיציעס, טוריסטיק, אינפאָרמאַציע, אויפקלערונג א.אַ.וו.), אָרגאַניזירן די עליה, החלוץ און הכשרה. דאַן קומען די געביטן פון אָרטיקער אַקטיוויטעט, ווי דערציאונג־וועזן און העברעאישע קולטור־טעטיקייט צווישן די דערוואַקסענע, און אויך אָרגאַניזירן דאָס אָרטיקע אידישע לעבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות, אָרטיקע הילף־ און סאָציאַלע־טעטיקייט, קאַמף פאַר אידישע רעכט און קעגן יעט־וועדער פאָרם פון דיסקרימינאַציע.

די לייטונג פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע זאָל געוויילט ווערן דורך אַלגעמיינע, דירעקטע, גלייכע און פראָפּאָרציאָנעלע וואַלן פון אַלע ציוניסטן אינם געגעבענעם לאַנד. יעדער מיטגליד פון אַן אָנערקענטער ציוניסטישער פאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע זאָל אויטאָמאַטיש ווערן אַ מיטגליד פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. עס קען זיך אָבער אויך אָנשליסן אין איר יעדער איד, מאַן און פרוי, אויך ווען ער איז נישט קיין מיטגליד פון אַ ציוניסטישער פאַרטיי. די קאָנפערענצן און די לייטונג פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נעמען אַן זייערע באַשלוסן מיט אַ מערהייט (אין די ראַמען פון די טעטיקייט־געביטן וואָס דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט פאַר זיי באַשטימען) און קיין שום ציוניסטישע פאַרטיי אָדער גרופּע קענען נישט אָפּוואַרפן אַ טעטיקייט וואָס די מערהייט האָט וועגן איר באַשלאָסן. דערמיט וועלן אָפּגעשאַפן ווערן צוויי עיקרדיקע שטערונגען, וועלכע האָבן עד היום פאַראַליזירט די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. ערשטנס דער פאַקט, וואָס אַ איד, וועלכער איז נישט געווען קיין מיטגליד פון אַ באַשטימטער פאַרטיי, האָט נישט געקענט זיין קיין מיטגליד פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. צווייטנס דער פאַקט, וואָס אַלע אַקטיוויטעטן האָבן פריער געמוזט באַקומען די הסכמה פון אַלע אין דער לאַנד־פעדעראַציע באַטייליקטע פאַרטייען — תמיד האָט זיך אָבער געפונען אַ פאַרטיי וואָס דער אָדער אַ צווייטער טעטיקייט־געביט איז איר נישט געווען ניחא, און מען האָט דעריבער געמוזט אויף דער טעטי־קייט מוותר זיין.

די איינהייטלעכע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע וועט אָבער נאָר דאַן ווערן די ווירקלעכע מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די ברייטסטע שיכטן פון פאָלק, אויב זי וועט זיך פאַרנעמען מיט אַלע נויטן פון די אידן, אויב זי וועט זיך באַמיען צו געבן אַן ענטפער אויף אַלע ענינים וואָס באַשעפטיקן און מאַטערן זיי. דעריבער איז אַזוי קורצזיכטיק די מיינונג, אַז די ציוניס־טישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט אידישער קעגנ־וואָרט־אַרבעט אין חוץ־לארץ. דאָס וועט נישט נאָר נישט נוצן, נאָר עס וועט בפירוש ברענגען שאָדן דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט, ווייל עס וועט אָפּשוואַכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און פאַרשמעלערן אירע ראַמען.

עס קען פּאַסירן, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט אויך ווייטער נישט אָקצעפּטירן אונזער מיינונג אין דער פראַגע, אָדער ער וועט זי נאָר טיילווייז אָננעמען. דעמאָלט וועט עס זיין די פליכט פון אונזער באַוועגונג זעלבשטענדיק טעטיק צו זיין אויף אַלע געביטן און זיך באַמיען אַרום אונז צו זאַמלען וואָס ברייטערע קרייזן פאַר אָט די אויפגאַבן. מיר וועלן דערמיט דורכפירן אַ גאָר וויכטיקע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע שליחות.

(מאַי 1951)

אַ קאָאַליציע צוליב נעגאַציע

די אָפּאָזיציע־פּאַרטייען אין דער מדינה, אויסער מק״י, וועלכע באַ־טייליקן זיך נישט אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָבן געפירט די וואַל־פּראָפּאַגאַנדע צום 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס (און אין דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע האָבן זיך אויך באַטייליקט יענע, וואָס האָבן די וואַלן באָיקאָטירט *) אונטערן לאָזונג, אַז די מענטשן פון דער ישראל־רעגירונג — געמיינט זיינען געוועזן די מענטשן פון דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל — זיינען פאַראינטערעסירט אָפּצושוואַכן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און דעריבער האָבן זיי דערפירט צום קריזיס, וואָס זי לעבט איצט דורך. די וואַלן זיינען אַריבער און היינט קען שוין יעדער איינער אויפדעקן מיט וואָס ער איז גרייט צו קומען צום קאָנגרעס.

אויך אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זעען מיר, ווי עס ווערט אויפגעשטעלט אַ קאָאַליציע צוליב נעגאַציע, אַזוי ווי די וואָס עקזיסטירט אין דער כנסת — אַ קאָאַליציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי, מפ״מ, און ווי עס ווייזט אויס, אויך „חירות״. און דאָס נישט געקוקט דערויף וואָס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע באַטייליקן זיך די אַלע פּאַרטייען אין דער עקזעקוטיווע און אַלע דאַרפן זיי זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אירע ענינים.

שוין אַ סך חדשים פירט זיך — אין דער ספּעציעלער קאָמיסיע פון מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און אין אַ ברייטערער קאָמיסיע, וואָס אויסער די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע באַטייליקן זיך אין איר אויך פאָרשטייער פון די פּאַרטייען — אַ וויכוח וועגן די פאָרשלאָגן וואָס דאַרפן געבראַכט ווערן צום 23־טן קאָנגרעס. איינער פון די עיקרדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרשלאָגן רעדט וועגן אויפ־שטעלן אַן **איינהייטלעכע** ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די לענדער, אויפן יסוד פון **פּערזענלעכער** צוגעהעריקייט פון יעדן אידן וואָס אָנערקענט די פּרינציפּן פונם ציוניזם. אין משך פון אַ געוויסער תקופה האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיר דערנעענטערן זיך צו אַן איינאָרדענונג, וואָס וועט

* אַלגעמיינע ציוניסטן און מזרחי אין מדינת ישראל.

קענען אַרויסציען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם פּאַרגליווערטקייט־מצב. עס איז אין דעם דאָזיקן פּאַרשלאַג נישטאָ גאָרנישט, אָבער טאַקע גאָרנישט, וואָס רירט אָן די זעלבשטענדיקייט פון די ציוניסטישע פּאַר־טייען. אָבער נאָכדעם ווי די וואָלן זיינען שוין פּאַרגעקומען און מען דאַרף זיך שוין נישט רעכענען מיט דער מיינונג און מיט די געפילן פונם ווילער, איז אויפגעשטעלט געוואָרן די אויבנדערמאָנטע קאָאַליציע און באַלד האָט זי פּראָקלאַמירט לויטן באַקאַנטן וואָרט: „ניע זשעלאַיעם״ — מיר ווילן נישט.

יעדער בר־דעת ווייסט, אַז דער קריזיס, וואָס עס לעבט איצט איבער די ציוניסטישע באַוועגונג, האָט זיינע וואָרצלען דער עיקר אין דעם פּאַקט וואָס עס איז נישטאָ קיין אָרגאַניזירטע ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער; אַז די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער נעמט אַרום בלויז אַ טייל פון דעם אידנטום וואָס איז געטריי צו ארץ־ישראל. יעדער בר־דעת פאַרשטייט, אַז דער קריזיס איז געקומען פון דעם פּאַקט, וואָס די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע אין די לענדער האָט נישט באַוויזן אויסצונוצן די באַ־גייסטערונג פון די מאַסן ביים אויפקום פון דער מדינה, כדי זיי צו אָרגאַ־ניזירן אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

נישט געקוקט דערויף האָבן די פּאַרטייען געמאָלדן וואָס זיי האָבן געמאָלדן, און ווייזט אויס, אַז דאָס איז אויך די מיינונג פון „חירות״, וועמענס פאַרשטייער עס האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער דאָזיקער זיצונג.

ווייל וואָס אייגנטלעך, לייגן זיי פאָר? זיי לייגן פאָר צו בילדן אין יעדן לאַנד אַ ציוניסטישע פעדעראַציע, וואָס זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן פון פאָרשטייער פון די ציוניסטישע פּאַרטייען — אַן איינאָרדענונג וואָס עקזיסטירט איצט אין אַלע לענדער און זי איז אומעטום דורכגעפאַלן. די דאָזיקע איינאָרדענונג האָט באַוויזן, אַז זי איז נישט בכוח צו דערמעגלעכן אַ געמיינזאַמע ציוניסטישע טעטיקייט און צו קאָנצענטרירן אַרום זיך די אידישע מאַסן. מיר זיינען עדות פון אַ מאָדנער דערשיינונג: פון איין זייט קלאָגן די דאָזיקע מענטשן טאָג־איין טאָג־אויס איבערן געפאַלענעם פּרעס־טיזש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די תפוצות, און פון דער אַנדערער זייט טרעטן זיי אַרויס מיטן גאַנצן כוח קעגן דעם פּרוואוו צו ענדערן די לאַגע. פון איין זייט רייסן זיי איין וועלטן קעגן דעם איבער־געטריבענעם פּאַרטיי־רעזשים, וואָס בירגערט זיך איין אין אונזער לעבן, און פון דער צווייטער זייט פּסלענען זיי אַ אידן וואָס וויל זיך איינוואָרצלען

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, בלויז דערפאַר וואָס ער וויל זיך נישט אָנשליסן אָן איינער פון די ציוניסטישע פאַרטייען.

*

זינט חדשים האָט מען אין דער גאַנצער וועלט פאַרשפרייט די ידיעות וועגן אַ באַדייטנדיקער אָפּשוואַכונג פון דער גרעסטער און וויכטיקסטער פאַרטיי אין ארץ־ישראל — מפלגת פועלי ארץ־ישראל. האָט מען אין דער אידישער וועלט געוואָלט וויסן, ווער איז עס דער נייער אויפגייענדיקער כוח, וואָס קומט אויף איר אָרט? דער אויסגאַנג פון די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס האָט באַדאַרפט געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע צי וועלן טאַקע די געזעלשאַפטלעכע כוחות־פאַרהעלטנישן אין דער מדינה און אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע זיין פאַרשיידנאַרטיקע, ווי פיל האָבן געהאָפט, און מען וועט קענען אויסנוצן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע ווי אַן אינסטרומענט קעגן די מענטשן, וואָס שטייען בראש פון דער מדינה.

די רעכטע עלעמענטן אין ישראל, וועלכע זיינען נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק, באַלד נאָך די מוניציפּאַליטעט־וואַלן, דעם 14־טן נאָוועמבער 1950, געווען אַזוי זעלבסט־זיכער און האָפערדיק, האָבן ביים דערנענטערן זיך פונם טערמין פון די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס שוין דערפילט, אַז עס דערוואַרט זיי אַן אַנטוישונג. האָבן זיי קודם־כל געפּרוואווט פאַרהאַנדלען וועגן אויסמיידן בכלל וואַלן און שאַפן אין ארץ־ישראל אַן איינהייטלעכע ליסטע. זיי האָבן גערעכנט, אַז מפלגת פועלי ארץ־ישראל, אָפּגעשראָקן פונם רעזולטאַט פון די מוניציפּאַליטעטן־וואַלן, וועט זיין נאַכגיביק. דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן, ווייל מפא״י האָט בשום אופן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף וואַלן. מען האָט אָנגעהויבן מיט דער כסדרדיקער פאָדערונג אָפּצולייגן די וואַלן, טעראָריזירן מיטן געשריי, אַז די כשרות פון די וואַלן איז נישט גענוג געזיכערט. אַז די ציונים כלליים אַליין האָבן נישט גענומען ערנסט זייער געשריי וועגן וואַל־כשרות, באַווייזט דער פאַקט, וואָס זיי האָבן אַראַנזשירט דאָס קומען פון ד״ר סילווער קיין ישראל, אויסשליסלעך אַלס אַ קאָנגרעס־וואַל־פּראָפּאַגאַנדע־טור. אָבער טאַקע די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע־טור האָט באַשטעטיקט דעם חשש, אַז די אַלגעמיינע ציוניסטן דערוואַרטן אַ דורכפאַל ביי די וואַלן צום קאָנגרעס. איז נאָך דער טור געקומען דער ענדגילטיקער באַשלוס פון די אַלגעמיין־ציוניסטן מכוח באָיקאָטירן די קאָנגרעס־וואַלן. אמת, נאָך מיט אַ קורצער צייט פריער האָט דער פירער פון זייער ישראל־פאַרטיי, ד״ר פרץ בערנשטיין, עפנטלעך דערקלערט, אַז זיי האָבן נישט קיין מורא און וועלן גיין צו די קאָנגרעס־וואַלן. אָבער, ווייזט

אויס, אַז ד״ר סילווער האָט בעת זיין ישראל־באַזוך בעסער אָפּגעשאַצט זייער לאַגע, און ווי מען דערציילט, איז אַ דאַנק זיין איינפלוס באַשלאָסן געוואָרן צו באַיקאָטירן די וואַלן.

דער גלייכצייטיקער באַיקאָט־רוף פון „מזרחי״ האָט נישט קיין שום באַדייטונג. זיי זיינען אין ארץ־ישראל אַ קליינע און שוואַכע פּאַרטיי. „הפועל המזרחי״ האָט נישט געוואָלט גיין מיט זיי צוזאַמען, האָבן זיי מורא געהאַט, אַז דער רעזולטאַט פון די קאָנגרעס־וואַלן, אויב זיי וועלן גיין אַליין, וועט באַדייטנדיק פּאַרערגערן זייערע שאַנסן בעת די פּאַרהאַנדלונגען מיט אַנדערע פּאַרטייען מכוח זייערע מאַנדאַטן צו די כנסת־וואַלן. זייער באַיקאָט־רוף איז דעריבער געוועזן נישט מער ווי אַ סטראַטעגישער מאַנעווער אין צוזאַמענהאַנג מיט די כנסת־וואַלן. זייער ביסל אָנהענגער האָט געשטימט פאַר דער ליסטע פון „הפועל המזרחי״. די מכלומרשטע הייסע פּאַטריאָטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פון באַנוצן דעם חרם קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, אויב עס האָט זיך זיי נאָר אויסגעוויזן, אַז דערמיט וועלן זיי קענען באַקומען נאָך אַ מאַנדאַט צו דער כנסת.

פון די אין ישראל פאַרשפּרייטע 650 טויזנט שקלים האָבן איבער 282 טויזנט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די וואַלן. מען מוז דערביי נעמען אין אַכט, אַז דער שקל־פאַרקויף איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין ארץ־ישראל דעם 15־טן סעפּטעמבער 1950 — 9 חדשים פאַר די וואַלן. דאָס מיינט, אַז די מערסטע שוקלים האָבן באַקומען די שקלים אַ גאַנץ יאָר פאַר די וואַלן. אַ סך צענדליקער טויזנטער שוקלים האָבן אין משך פונם יאָר פאַרלוירן זייערע שקלים. די וואַל־קאָמיסיע האָט אָבער באַשלאָסן, אויפן סמך פון געשריי פון די אַלגעמיינע וועגן כשרות פון די וואַלן, אַז מען גיט נישט קיין דובליקאַטן פאַר די וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע שקלים. אַ חוץ דעם שקל האָט יעדער ווילער געמוזט האָבן זיין אידענטיטעט־קאַרטע פון דער רעגירונג, כדי צו קענען שטימען. און עס איז אַלגעמיין באַקאַנט, אַז עס זיינען נאָך פאַראַן אין לאַנד אַ סך צענדליקער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן נאָך נישט קיין אידענטיטעט־קאַרטן. אויך זיי האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות און זיי האָבן פאַרלוירן זייער וואַל־רעכט. ביי אַזאַ מצב — און מען דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז בקרוב דאַרפן פאַרקומען כנסת־וואַלן, און זיי ציען צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט — ביי אַזאַ מצב, אויב מער ווי 282.000 שוקלים האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די וואַלן, איז עס אָן אַ ספק אַ גרויסער דערפאָלג און שטייגט איבער אין אַ גרויסער מאָס די

וואַל־פּרעקוועַנץ צו די קאָנגרעס־וואַלן אין יעדן אַנדערן לאַנד. אגב, אויב מען פאַרגלייכט עס מיט אַ וואַל־פּרעקוועַנץ אין די פאַרייניקטע שטאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, איז עס מער ווי אַ דרייפאַכע באַטייליקונג. פון מער ווי 900 טויזנט שוקלים אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אין יאָר 1946, האָט אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די וואַלן (דעמאָלט זיינען פאָרגעקומען וואַלן) אַן אָן אַ פאַרגלייך פּיל, פּיל קלענערער פּראָצענט שוקלים.

מפלגת פּועלי ארץ־ישראל האָט באַקומען איבער 49 פּראָצענט פון אַלע שטימען, מפ״מ — איבער 21 פּראָצענט, „הפּועל המזרחי — איבער 12 פּראָצענט, „חירות״ — אַרום 10 פּראָצענט, פּראָגרעסיווע ציוניסטן — 5 און אַ האַלב פּראָצענט. די גראָסמאַן־גרופּע האָט אינגאַנצן באַקומען אַ האַלבן פּראָצענט שטימען. עס איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז וואָלטן די אַלגעמיין־ציוניסטן אָנטייל גענומען אין די וואַלן, וואָלט זייער מפּלה געווען גאָר אַ היפּשע.

לאָמיר אָבער זען ווי עס זעט אויס מיטן שטימען־צוּוואוקס פון די פאַרשיידענע פאַרטייען זינט 1946. דעמאָלט האָבן אָנטיילגענומען אין די וואַלן נאָר 196 טויזנט שוקלים. מפא״י האָט ביי די וואַלן אין יאָר 1946 באַקומען 68.988 שטימען, אַרום 35 פּראָצענט פון אַלע שטימען. ביי די איצטיקע וואַלן — אַרום 138.000 שטימען, דאָס מיינט זי האָט פּ אַ ר ט אָ פּ ל ט איר שטימען־צאָל. מפ״ם האָט ביי די פאַריקע וואַלן באַקומען 48.333 שטימען, דאָס מיינט נאָענט 25 פּראָצענט שטימען, און דאָס מאָל צווישן 60—61 טויזנט שטימען, אַ צוּוואוקס פון נאָר איין פינפטל שטימען, און אין פּראָצענטער אַ פאַרלוסט פון לפּחות 3—4 פּראָצענט שטימען. „חירות״ (דעמאָלט רעוויזיאָניסטן) האָבן באַקומען אין יאָר 1946 — 26.974 שטימען. דאָס מאָל האָט „חירות״ באַקומען צווישן 28 און 29 טויזנט שטימען און די גראָסמאַן־גרופּע — אַרום 1.420 שטימען. צוזאַמען — בערך 30 טויזנט שטימען. דאָס מיינט אַ צוּוואוקס פון קוים 10 פּראָצענט שטימען און פּראָצענטועל אַ פאַרלוסט פון אַרום 4 פּראָצענט, הגם אַ טייל אַלגעמיין־ציוניסטן האָבן מן־הסתם געשטימט פאַר דער „חירות״־ליסטע. „מזרחי״ און „הפּועל המזרחי״ האָבן ביי די פאַריקע וואַלן באַקומען 24.432 שטימען. דאָס מאָל האָט אָפיציעל פיגורירט נאָר די ליסטע פון „הפּועל המזרחי״ און זי האָט באַקומען צווישן 34 און 35 טויזנט שטימען. דאָס מיינט אַ צוּוואוקס פון אַרום 45 פּראָצענט שטימען. אין פּראָצענטער בערך פּונקט אַזויפיל ווי אין יאָר 1946, עפּעס איבער 12 פּראָצענט.

ווען מען באַקענט זיך מיט די ציפערן, הויבט מען ערשט אָן צו

פאַרשטיין, פאַרוואָס די אַלגעמיין־ציוניסטן האָבן פּראָקלאַמירט נישט אָנטייל צונעמען אין די וואַלן און פאַרוואָס אַלע אָפּאָזיציע־פּאַרטייען האָבן געמאַכט אין דער כנסת אַזעלכע באַמיאונגען, וואָס מער אָפּצולייגן די כנסת־וואַלן.

פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף נישט אַרויסציען פון די ציפערן קיין שום מסקנות בנוגע די כנסת־וואַלן, בעיקר בנוגע דעם פּראָצענט שטימען, וואָס מפא״י וועט באַקומען. ביי די כנסת־וואַלן קומען־צו אגודת ישראל און פּועלי אגודת ישראל, עס קומען־צו די אַראַבישע וויילער, עס קומט־צו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. בכלל ועלן דאָך מן־הסתם אַקטיוו אָנטיילנעמען אין די כנסת־וואַלן דריטהאַלבן מאָל אַזוי פיל וויילער ווי צו די קאָנגרעס־וואַלן *.

דער אויסגאַנג פון די קאָנגרעס־וואַלן אין ישראל דערמעגלעכט צו שאַפן זיך אַ בילד וועגן צוזאַמענשטעל פונם קאָנגרעס בכלל. מער ווי 35 פּראָצענט פון אַלע דעלעגאַטן וועלן זיין פון איחוד עולמי פּועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות. אין פאַרגלייך מיטן קאָנגרעס אין יאָר 1946 מיינט עס אַ באַדייטנדיקער וואוקס. פון 26 פּראָצענט דעמאָלט, — ביז איבער 35 פּראָצענטביים איצטיקן קאָנגרעס (1951) ** עס שאַפט זיך איצט אויך אַ מעגלעכקייט פון בילדן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אַ מערהייט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיט די פּראָגרעסיווע ציוניסטן. דאָס קען באַדייטנדיק גרעזינטער מאַכן די אַטמאָספער, נישט ווייל די כוונה איז נישט צו רעכענען זיך מיט די אַנדערע אָדער זיי פון פאַרויס אויסצושליסן פון אַקטיווער מיטאַרבעט. עס איז אָבער בעת די פאַרהאַנדלונגען מיט געוויסע פּאַרטייען, וועגן אַ צוקונפטיקער צוזאַמענאַרבעט זייער ניצלעך און פּראָדוקטיוו, אויב זיי ווייסן, אַז מען קען אויך אָן זיי שאַפן אַ מערהייט.

(יוני 1951)

---

* ביי די כנסת־וואַלן דעם 30־טן יולי 1951 האָט מפלגת פּועלי ארץ־ישראל באַקומען 256.456 שטימען פון דער אַלגעמיינער צאָל 687.492 גילטיקע שטימען. אויב מען זאָל אַראָפּרעכענען די שטימען פון די נישט ציוניסטישע (אגודת ישראל און קאָמוניסטן) און פון די אַראַבישע פּאַרטייען — 84.615, האָט מפא״י באַקומען מער ווי 45% פון אַלע שטימען, הגם די אַלגעמיינע ציוניסטן און מזרחי האָבן זיך ביי די כנסת־וואַלן גאָר אינטענסיוו באַטייליקט.

** פאַקטיש האָט די פראַקציע פון איחוד עולמי ביים 23־טן קאָנגרעס אַרומגענומען אַרום 37 פּראָצענט פון אַלע דעלעגאַטן.

אַ קאָנפערענץ פון אַלגעמיינע ציוניסטן אין אַמעריקע

די קאָנפערענץ פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט אונז געגעבן אַ מוסטער פון די שוועריקייטן, פאַר וועלכע עס קען אַוועקגעשטעלט ווערן דער 23־טער ציוניסטישער קאָנגרעס. עס וועט אין אים זיין אַן אַנזעעוודיקער טייל (אויסער די אַלגעמיינע ציוניסטן, אַוודאי אויך די „חירות״־לייט, און אפשר אויך אַנדערע), וואָס אַנשטאָט קלאָר צו מאַכן וואָס עס זיינען די אמתע סיבות פון דעם קריזיס וואָס עס מאַכט איצט דורך די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער, אַנשטאָט צו זוכן וועגן צו פאַריכטן דאָס וואָס מען דאַרף פאַריכטן — וועלן זיי פּרוּוון אַריינצוואַרפן דעם קאָנגרעס אין אַ קאַמף וועגן רעכט, וואָס די מדינה דאַרף געבן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און, פאַרשטייט זיך, ווער עס וועט פאָדערן מער דער וועט זיין בילכער. זיי וועלן פּרוּוון שאַפן אין דער ברייטער אידישער וועלט דעם פאַלשן און טעותדיקן איינדרוק, אַז אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס נאָכן אויפקום פון דער מדינה איז, כלומרשט, אויסגעבראָכן אַ שאַרפער קאַמף צווישן דער מדינה און דעם אידנטום אין גלות.

מיר וועלן איבערחזרן און נאָך אַמאָל איבערחזרן ווערטער וואָס זיינען שוין אַ סך מאָל געזאָגט געוואָרן: מיר נעמען אָן מיטן גאַנצן האַרצן און ווי אַ נוצלעכע זאַך דעם געדאַנק צו געבן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דורך אַ מלוכהשער געזעצגעבונג, אַ באַזונדערן יורידישן סטאַטוס אין דער מדינה, אין אַלע פראַגן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פאַרווירקלעכונג פון אירע אויפגאַבן. אָבער עס וועט, לויט אונזער מיינונג, זיין זייער אַ האַרבער פעלער, אויב מיר וועלן איינוויגן די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַן אילוזיע, אַז דאָס איז די סיבה פונם קריזיס, וואָס זי מאַכט איצט דורך; אַז דורך דער לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע, אַפילו לויט דער מאַקסימאַלסטער אויפפאַסונג פון די דאָזיקע „רעכט״, וועלן געלייזט ווערן אַלע פּראָבלעמען און אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן.

אַלע מעגלעכע רעכט, וואָס די מדינה וועט געבן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועלן נישט ברענגען קיין שום נוצן דער ציוניסטישער

אָרגאַניזאַציע אין די לענדער און נישט פירן זיי פאַרויס אַפילו איין שריט, אויב מיר וועלן אויפן 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס נישט באַווייזן צו לייזן צוויי גרונט־אויפגאַבן: א) דעפינירן אויפן קלאָרסטן אופן, וואָס עס זיינען די פליכטן וואָס דער ציוניזם לייגט אַרויף אויף יעדן ציוניסט — און אין דער ערשטער ריי די פליכט פון גרייטשאַפט צו עליה, אויפשטעלן די חלוציִשע באַוועגונג א.אַ.וו.; ב) פאַרוואַנדלען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די לענדער אין אַן איינהייטלעכער, פאָלקסטימלעכער און דעמאָקראַ־טישער אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע דירעקט די אויפגאַבן פונם ציוניזם אין דער תקופה פון קיבוץ גלויות. אויב דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט נישט האָבן די קראַפט און דעם מוט אַוועקצושטעלן די צוויי פראַגן אויף אַן אומצווייַדייטיקן אופן און געבן אויף זיי אַ קלאָרע תשובה, אַ תשובה וואָס פאַרפליכטעט צו פולער פאַר־ווירקלעכונג אין באַלדיקן אויפטו אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט — וועלן מיר אַפילו נישט אָנהויבן היילן דעם קריזיס, וואָס עס מאַכט איצט דורך די ציוניסטישע באַוועגונג.

און דווקא אויף די דאָזיקע פראַגן איז נישט געווען געווענדעט די אויפמערקזאַמקייט בעת די פאַרהאַנדלונגען אויף דער קאָנפערענץ פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. זיי דרייען זיך אַרויס פון אַ קלאָרער תשובה און פאַרשפּאַרן אַזוי אַרום יעדן וועג צו ליקווידירן דעם קריזיס, וואָס עס מאַכט איצט דורך די ציוניסטישע באַוועגונג.

אַוודאי, מען קען זאָגן, אַז עס איז אַן אילוזיע צו האָפן, אַז אַלע אידן זאָלן מאָרגן אויפשטיין און עולה זיין אין לאַנד. דאָס איז קלאָר און אַלגעמיין באַקאַנט, און קיינער נאַרט זיך נישט, אַז דורך אַ בלויזן באַשלוס וועט די לאַגע אַנדערש ווערן. אָבער, כדי אויפצוהויבן אַ טעטיקייט אויף צו באַנייען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, כדי איר צוצוגעבן האַפט, אויפ־צוהויבן איר פּרעסטיזש — זיינען מיר מחויב צו דעפינירן, וואָס איז דער ציל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. צו וואָס שטרעבט זי, סיי אין די פאַרייניקטע שטאַטן און סיי אין די אַנדערע לענדער. קלאָר איז איין זאַך: אויב מען טאָר אַפילו נישט שטרעבן צו עליה, און אויב עס איז בּישטאָ קיין דערציאונג, וואָס איז אָריענטירט אויף עליה און חלוציזם — האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מער נישט קיין ממשותדיקן אינהאַלט.

און אויב אַזוי וועט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַניזאַציע פון שטיצער פון דער מדינת ישראל. ווייל, אייגנטלעך, וואָס וועט זיין דער אונטערשייד צווישן אָרגאַניזירטע ציוניסטן און אַנדערע

אידן וועלכע שטיצן מדינת ישראל, אויב מיר וועלן נישט באַווייזן אַרויפ־צולייגן אויף די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דורך אַ קלאָרער דעפיניציע, מער פליכטן, וואָס זאָלן זיי אויסטיילן פון אידן, וואָס זיינען נישט אָרגאַניזירט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? די דאָזיקע קרייזן, און ספּעציעל יענע אַלגעמיינע ציוניסטן אין די פּאַריי־ניקטע שטאַטן און זייערע שטיצער אין אַנדערע ערטער, וועלכע פּראָטעסטירן אַזוי שאַרף קעגן אַ פּאָרשלאַג, וואָס איז, כלומרשט, געמאַכט געוואָרן אין די קרייזן פון דער ישראל־רעגירונג, אויפצושטעלן אַנשטאָט דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע אַן אָרגאַניזאַציע פון שטיצער פון מדינת ישראל — זיי, וועלכע פּאַראַדירן ווי פּאַרטיידיקער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, שפּירן גאָרנישט, אַז דורך זייער קעגנערשאַפט צו אַ קלאָרער דעפינירונג פון די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צו אַ באַשטימונג פון קלאָרע ציוניסטישע פליכטן פאַר אַלע אירע מיטגלידער, פּאַרוואַנדלען זיי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַ בלויזער אָרגאַניזאַציע פון ישראל־שטיצער.

*

אויף זיין באַזוך אין די פּאַרייניקטע שטאַטן האָט חבר ד. בן־גוריון פּרובירט דעפינירן די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די פּאַרייניקטע שטאַטן אין דער איצטיקער תקופה. דער שווערפּונקט פון זיינע רייד איז געווען, אַז דער ציוניזם באַדייט פּאַרווירקלעכונג, — הכשרה, עליה, אַ חלוצישע באַוועגונג. אין די לאַנגע טעלעגראַמעס וואָס זיינען פּאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע אין לאַנד וועגן דער לעצטער קאָנפערענץ פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, האָבן מיר כמעט נישט געפונען קיין שום ענטפער אויף דער דאָזיקער איינפאַכער און פאַרשטענדלעכער פּאָדערונג. דערפאַר, אָבער, האָבן מיר געזען, אַז די קאָנפערענץ האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער שטורעמדיקער, אויפגערעגטער דעבאַטע וועגן דעם פּאַרנעם פון די „רעכט" וואָס די מדינה דאַרף געבן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר זיינען עדות פון אַ ווייטערדיקן פּאַרייניקטן פּראָנט צווישן די אַלגעמיינע ציוניסטן אין ישראל און דער אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די פּאַרייניקטע שטאַטן. די טאָג־צייטונג „הבוקר" טענהט, אַז פּאָדערן ציוניסטישע פּאַרווירקלעכונג און עליה אין לאַנד איז בלויז אַ „טריק" פון מפא"י, וואָרים וואָס אייגנטלעך האָט זי דען צו טאָן מיט ציוניסטישער פּאַרווירקלעכונג און מיט עליה? די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די פּאַרייניקטע שטאַטן וואָגן נאָך נישט אַזוי ווייט צו גיין, אָבער אויך

זיי ווילן זיך ליבער אָפּהאַלטן פון אַ וויכוח איבער דער דאָזיקער פראַגע, וועלכע איז זיי גאָר און גאָר נישט אַנגענעם, ווייל זי פאָדערט אַ רעוואָ־לוציאָנערע ווערט־איבערשאַצונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אינם לעבן פון יעדן ציוניסט. און זיי ווילן נישט מודה זיין, אַז דערין, גראָד דערין ליגט דער שווערפּונקט פונם קריזיס וואָס עס לעבט איצט דורך די ציוניסטישע באַוועגונג אין גלות; אַז כל זמן די פראַגע פון עליה, די פראַגע פון אויפשטעלן אַ חלוצישע באַוועגונג און הכשרה, וועט נישט שטיין בראש פון די אויפגאַבן און פליכטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — איז נישטאָ קיין זאַך וואָס טיילט אויס דעם ציוניסט פון די איבעריקע אידן. דערפאַר אָבער, פאָדערט די צייטונג „הבוקר", אין איר פריער דערמאָנטן אַרטיקל, פאַר די אַלגעמיינע ציוניסטן אין אַמעריקע: „השפעה אויף די וועגן ווי עס ווערט דורכגעפירט ווערן דער קיבוץ־גלויות אין ישראל". דאָס מיינט, אויב אין דער דעמאָקראַטיש אויסגעקליבענער כנסת אין ישראל וועט די השפעה פון די אַלגעמיינע ציוניסטן נישט זיין גענוג גרויס, וועט מען באַנוצן דעם דרוק פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין אַמעריקע.

אַנשטאָט צו זען דעם שווערפּונקט פונם קריזיס דאָרט וואו ער געפינט זיך, האָט זיך די קאָנפערענץ פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן קאָנצענטרירט אויף דער טעמע: רעכט פון דער מדינה פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דערמיט האָבן זיי פּרובירט אָפּלענקען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם עיקר־פּראָבלעם, פאַר וועלכן עס שטייט די ציוניסטישע באַוועגונג אין גלות.

מעגלעך, אַז דער דאָזיקער מאַנעווער האָט זיך זיי איינגעגעבן, און אַפילו גוטע ציוניסטן האָבן נישט באַמערקט, אַז וועגן דעם עיקר האָט מען גאָרנישט גערעדט. צי האָבן זיי, אָבער, דערמיט באַזייטיקט דעם קריזיס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע? אויך דער, אין פלוג זייטיקער, באַשלוס פון דער קאָנפערענץ פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס לייגט אַרויף אַ פאַרבאָט אויף יוגנטלעכע אונטער 17 יאָר צו געהערן צו דער החלוץ־באַוועגונג, בעת עס איז נישטאָ קיין שום באַשלוס וועגן אויפשטעלן אַ חלוצישע באַוועגונג — זאָגט עדות וועגן אַן איינ־שטעלונג אין וועלכער מען דאַרף זוכן די אמתע סיבות פון דעם קריזיס וואָס עס מאַכט דורך די ציוניסטישע באַוועגונג.

(יוני 1951)

אַ וויכטיקער מעמד *

אין די 56 חדשים, וואָס זיינען פאַרביי זינט מיר זיינען זיך צונויפגעקומען צו אונזער לעצטער וועלט־קאָנפערענץ אין באַזעל, איז פאָרגעקומען איינע פון די מעכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אינם לעבן פון אונזער פאָלק, — עס איז אויפגעריכט געוואָרן די מדינת ישראל. זי איז היינט־צו־טאָג די גרויסע האָפענונג, דער שטאָלץ און דער אָנלען פון אידן אין דער גאָרער וועלט. מיר האָבן די מדינה נישט באַקומען אַלס מתנה. זי איז אונז נישט געגעבן געוואָרן אַלס חסד. אידן האָבן זי אויסגעבענקט און אויסגעוויינט אין זייערע חלומות און תפילות אין משך פון די לאַנגע צוויי טויזנט יאָר פון זייערע וואָגלעגישן. אין די לעצטע צוויי־דריי דורות האָבן די בעסטע זין און טעכטער פון אידישן פאָלק באַפרוכפּערט מיט זייער בלוט און שוויס אירע וויסטעגישן. פיל קרבנות האָט געפאָדערט דער שווערער גערנאַנגל מיט דער מאַנדאַט־מאַכט אין דער לעצטער תקופה פאַר דער דערגרייכונג פון אונזער זעלבשטענדיקייט. און דאַן זיינען געקומען די טויזנטער טייערע און אומפאַרגעסלעכע קרבנות פון אונזערע בעסטע קינדער אין לאַנד און די פרייוויליקע פון חוץ־לארץ, אינם באַפרייאונגס־קריג פון יאָר 1948.

דאָס גאַנצע פאָלק איז אַ שותף צו דערדאָזיקער גיגאַנטישער אָנשטרענגונג און דערגרייכונג. דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם נאָכגעפאָלגט אונזער גורלדיקן געראַנגל אין לאַנד. עס וועט אָבער זיין נישט גערעכט, אויב מיר וועלן נישט דערמאָנען די באַזונדערע דעצידירנדיקע ראָל פון אונזער באַוועגונג אין ארץ־ישראל אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן געשעעניש. אונזער באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט אין שטאָלץ, וואָס זי איז פאַרבונדן אין איין אָרגאַניזאַציאָנעלער ראַם מיט מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

דאָס וואָס מיר פאַרזאַמלען זיך היינט, דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג, צו אַ וועלט־קאָנפערענץ אין ארץ־ישראל, איז נישט קיין צופאַל. עס איז אַ בולטער אויסדרוק פון דער ענדערונג אינם אידישן לעבן און אויך אין אונזער באַוועגונג. מפלגת פועלי ארץ־

---

* עפענונגס־ווערטער ביי דער וועלט־קאָנפערענץ פון איחוד־עולמי, תל־אביב, 8־טן אויגוסט 1951.

ישראל מיט אירע איבער 100.000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער; מיט איר דאָמינירנדיקער פּאָזיציע אין דער מדינה, וועלכע האָט אָט איצט ערשט, אין אַ שווערן וואַל־קאַמף צו דער כנסת, באַוויזן איר שטאַנדהאַפטיקייט און ברייטע אָנהענגערשאַפט אינם ישוב, וואָס דער פּאַרייניקטער פּראָגנאָז פון אַלע אירע קעגנער האָט נישט באַוויזן אָנצורירן איר כוח — זי איז דער פעסטער פעלז אַרום וועלכן עס קאָנצענטרירט זיך היינט־צו־טאָג די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג און ברייטע פאָלקס־שיכטן אין דער גאָרער וועלט.

אונזער לעצטע וועלט־קאָנפערענץ אין באַזעל איז געשטאַנען אונטער דעם רושם פון דעם שוידערלעכן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אונזער פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די גרויס פונם אומגליק און דער עצם פאַקט וואָס אַזאַ אומגליק איז בכלל מעגלעך געווען, האָט דעמאָלט משפיע געווען אויף דער באַוועגונג צו גיין דעם וועג פון פשרהלאָזן געראַנגל פאַר דער תיכף־דיקער אויפריכטונג פון דער מדינה. אויך די באַוועגונג אין חוץ־לארץ האָט געגעבן איר צושטייער אינם דאָזיקן געראַנגל. מיר געדענקען גוט די ווי־כטיקע ראָל פון דער „בריחה" און די פעסטע שטעלונג פון די פיל טויזנטער חברים אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, וועלכע זיינען היינט מיט אונז אין ישראל. אין די מערסטע לענדער אין וועלכע דאָסדאָזיקע הערלעכע קאַפּיטל פון מוט, קרבנות־גרייטקייט און ארץ־ישראל־טרייקייט איז אַדורכגעפירט געוואָרן, און אין וועלכן אונזערע חברים האָבן געשפּילט די אָנפירנדיקע ראָל, קען די באַוועגונג איצט מער נישט זיין טעטיק צוליב אַלגעמיין־פּאָליטישע טעמים.

די היינטיקע וועלט־קאָנפערענץ, וועלכע קומט זיך צונויף נאָך אַ מער ווי דריי־יאָריקער עקזיסטענץ פון דער מדינה, מוז זיך ווידמען קודם־כל דער פראַגע ווי אַזוי צו מאָביליזירן וואָס מער כוח פאַר דער מדינה. שטאַרקן די אָן תנאים און אָן באַוואָרענישן געטרייע אָרגאַניזירטע מחנה פון אַרבעטער־ציוניזם אין אַלע לענדער, מיינט אויך מאָביליזירן מער כוח פאַר דער מדינה.

*

אונזער באַוועגונג איז היינט־צו־טאָג אַ גרויסער כוח אינם אידישן לעבן, אפשר דער גרעסטער פאָליטיש־אָרגאַניזירטער און אידעיש־איינהייט־לעכער כוח צווישן אידן. אין דערדאָזיקער קאָנפערענץ באַטייליקן זיך דעלעגאַטן פון אַרום 230 טויזנט אָרגאַניזירטע חברים און חברות, וואָס

אַרום זיי זאַמלען זיך נאָך ווייטערע צענדליקער טויזנטער, פּאַר וועלכע אונזער באַוועגונג איז אַ וועגווייזער אין זייער פּאָליטישן און אידעאישן וועג. אַלס בערכדיקער מוסטער פון דער אָנהענגערשאַפט פון אונזער פּאָליטישער אידעע אינם אידישן פאָלק, קאָן דינען די פאַרשפּרייטונג פונם שקל — אין יאָר תש״י, האָט אונזער באַוועגונג פאַרשפּרייט אַרום 600.000 שקלים. מיר קענען אָנווייזן אויף אַ סך וויכטיקע דערגרייכונגען אין אונזער אַרבעט אין חוץ־לארץ. ליידער האָבן אונזערע חברים אין אַ ריי וויכטיקע אידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ, אין וועלכע עס עקזיסטירן שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונגען — צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און אַנדערע ניט געפאָלגט אונזער אָנווייזונג וועגן אַדורכפירן וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. מיר וועלן מוזן ערנסט זיך אַדורכרעדן וועגן דעם, צי מיר קענען אויף להבא דערלאָזן אַזאַ מצב. אָבער אין די 13 לענדער אין חוץ־לארץ, אין וועלכע וואַלן זיינען יאָ פאָרגעקומען — ענגלאַנד, בעלגיע, שווייץ, דענעמאַרק, האָלאַנד, פראַנקרייך, אַרגענטינע, בראַזיל, טשילע, אורוגוויי, מעקסיקע, באָליוויע, פערו — האָט אונזער פּאַרטיי דער־גרייכט אַרום 21.500 שטימען פון 62.000 און גייט אויף אַ בולט'ן אופן אויפן ערשטן אָרט. די אַלגעמיין־ציוניסטן, פּראָגרעסיווע, „מזרחי״ און „הפּועל המזרחי״ — אַלע צוזאַמענגערעכנט — האָבן באַקומען נאָר 26.000 שטימען. מיר האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס מען האָט אין יאָר תש״י פאַרשפּרייט 1.893.000 שקלים. מיר האָבן מיט אונזער גרויסער אַקטיוויטעט געצוואונגען די אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען צו פאַרגרעסערטע טעטיקייט. און אין אַ ריי לענדער, ווי אין צפון־אַפריקע, למשל, א.א.וו., האָבן אונזערע חברים פאַרשפּרייט מער ווי 50% פון די שקלים.

מיר קענען אויך אָנווייזן אויף געוויסע גוטע אָרגאַניזאַציאָנעלע דערגרייכונגען. קודם־כל דער וויכטיקער און פיל־צוזאָגנדיקער וואוקס פון די פרויען פיאָנערן אָרגאַניזאַציעס, די באַדייטנדע פאַרשטאַרקונג פונם כוח און אָנזען פון די פּאַרטייען אין אַ ריי דרום־אַמעריקאַנער לענדער. מיר האָבן אין אַ ריי לענדער געמאַכט גוטע אָנהויבן ביים אָרגאַניזירן אַרום אונזערע פּאַרטייען יינגערע עלעמענטן, וואָס אין זייער געזעלשאַפטלעכן און פּריוואַטן לעבן באַנוצן זיי בעיקר נאָר די לאַנד־שפּראַך. די איינציקע ציוניסטישע טאָג־צייטונג אין אייראָפּע ווערט אַרויסגעגעבן פון אונזערע חברים אין פראַנקרייך און די באַוועגונג מאַכט אַ סך מי זי אויפצוהאַלטן.

צי זיינען מיר אָבער צופרידן, קענען מיר זיין צופרידן? ניין, מיר קענען בשום אופן דערמיט נישט זיין צופרידן! עס איז אונזער פליכט אָפן

צו זאָגן, אַז אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, צוזאַמען מיט דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט נישט באַוויזן אויסצונוצן דעם איינמאָליקן גרויסן היסטאָרישן שאַנס פון דער אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל און דעם דאָמינירנדיקן אָנטייל פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל אין דעם געשעעניש, כדי צו זאַמלען אַרום אונזער באַוועגונג פיל צענדליקער טויזנטער נייע חברים. עס איז פאָרגעקומען די גרעסטע רעוואָלוציע אינם אידישן לעבן, אָבער די השגות וועגן אונזער אַרבעט, וועגן אונזערע פליכטן און אויפגאַבן אין די לענדער זיינען כמעט געבליבן די זעלבע ווי פריער, פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע.

*

מיר מוזן ערנסט אונטערזוכן וואָס דאָ איז געשען און געפינען וועגן צו ענדערן דעם מצב. פאַראַן אפשר אַזעלכע, וועלכע ווילן בכוונה נישט זען די אמתע סיבות פונם קריזיס. אויף דעם וועג טאָר אָבער אונזער באַוועגונג נישט גיין.

אונז ווייזט אויס, אַז די סיבה פונם קריזיס ליגט קודם־כל דערין, וואָס מיט דער אויפריכטונג פון דער מדינה איז פאַר יעדן ציוניסט געשטעלט געוואָרן די קאָנקרעטע פראַגע פון זיין פערזענלעכן אָנטייל אין דער רעאַליזירונג פונם ציוניסטישן אידעאַל. און אַזוי ווי דער ציוניסטישער אידעאַל איז געווען און פאַרבליבט קיבוץ גלויות, און איבעראַל וואו אידן לעבן מחוץ־לישראל אין גלות, צי דאָס איז אַ לייכטערער אָדער שווערער גלות, צי דאָס איז אַ ביטערער אָדער אַ זיסלעכער גלות, מוז די אומ־קלאָרקייט ביים ענטפערן אויף דער קאָנקרעטער פראַגע: וואָס איז היינט־צו־טאָג די אויפגאַבע פון אַ ציוניסט אין חוץ־לארץ, פירן צו אַ קריזיס־לאַגע. אונזער ענטפער איז וויכטיק נישט נאָר פאַר אונזער באַוועגונג. מיר האָפן, אַז אַזוי ווי ביי אַ סך אַנדערע שווערע ראַנגלענישן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועט אויך דאָסמאָל אונזער ענטפער זיין וועגווייזעריש פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער מחנה.

און אין דעמדאָזיקן ווילן גובר צו זיין דעם קריזיס אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג, צו הויבן איר אָנזען און צו שטאַרקן איר כוח, צו זאַמלען אין אירע רייען די ברייטעסטע קרייזן פון פאָלק, פאָדערן מיר אָפּצושאַפן דעם פאַרבאָט, אַז אַ איד, וואָס איז נישט קיין מיטגליד פון קיין באַשטימטער ציוניסטישער פאַרטיי, טאָר נישט זיין קיין מיטגליד אין דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. מיר פאָדערן באַדייטנדיק פאַרברייטערטע אויפגאַבן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג: אַקטיווע אויפקלערונגס־אַרבעט פאַר

עליה, אַ גרויסע החלוץ־באַוועגונג, העברעאישע דערציאונג־און קולטור־אַרבעט, אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

מיר וועלן דאַרפן פירן אויפן 23סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אַ שווערן וויכוח אַרום די פּראַגן. אַ ריי פּאַרטייען האָבן שוין פּאַרויס דערקלערט זייער קעגנערשאַפט צו דער גרינדונג פון אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דערמיט האָבן זיי פּאַקטיש אויך געגעבן אַ נעגאַטיווע תשובה וועגן די פּאַרברייטערטע אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער. ווייל עס איז קלאָר, אַז אין איר ביז־איצטיקער אָרגאַניזאַציע־פאָרם, וועלכע האָט נישט דערמעגלעכט דער ציוניסטישער באַוועגונג צו דערפילן אַפילו אירע באַשרענקטע אויפגאַבן, וועט זי קיין פּאַרברייטערטע אויפגאַבן נישט קענען נעמען אויף זיך. אונזער וועלט־קאָנפערענץ וועט, באַהאַנדלענדיק אָט די ענינים, אויך מוזן נעמען אין אַכט, אַז עס קען זיך שאַפן אַ סיטואַציע אין וועלכער מיר זאָלן אַליין מוזן נעמען אויף זיך די רעאַליזירונג פון אַ ריי דרינגענדע אויפגאַבן, וועלכע מיר טאָרן מער נישט מפקיר זיין, אויב די אַנדערע פּאַרטייען וועלן טאַקע דורכזעצן זייער ווילן, אַז דיזאָזיקע אַרבעטן זאָלן נישט געפירט ווערן בשותפות פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג.

די וועלט־קאָנפערענץ וועט ווידמען אויפמערקזאַמקייט די היינט־צייטיקע אידישע נויטן אין די גלות־לענדער. דער גרויסער אומגליק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, די גרויסע מאַסן־עליה נאָך דער אויפריכטונג פון אונזער מדינה, דער נייער רעזשים אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, — האָבן שטאַרק געענדערט די לאַגע. אין אַ ריי לענדער איז דער איינציקער קאָנקרעטער ענטפער אויף אידישער נויט — עליה, אין די אַנדערע לענדער, אין וועלכע די נויט איז נאָך נישט אַקטועל־ברענענדיק, איז די אידישע פּראָבלעמאַטיק כמעט אידענטיש. די עיקר־אָנשטרענגונג מוז איצט געמאַכט ווערן אין דער ריכטונג פון אויפהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן קיום.

אָפּהיטנדיק תמיד אין אונזער דענקען און אין אונזער אַרבעט אונזער פולע זעלבשטענדיקייט און אייגנאַרט, האָבן מיר תמיד געשטרעבט צו זיין פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט, מיט דער צו פרייהייט־שטרעבנדער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער נייער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געגרינדעט געוואָרן, נאָכדעם ווי עס זיינען ווידער אויף אַ געוויסער צייט באַגראָבן געוואָרן די האָפענונגען אויף אַ באַנייטער אַרבעטער־איינִיקייט, איז געבויט אויף די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישן

סאָציאַליזם, פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער דעמאָקראַטיע, סיי לגבי דעם אינערלעכן רעזשים אין יעדן לאַנד און סיי לגבי די באַציאונגען צווישן פעלקער. מיר האָבן אַ גרויסע טענה צום נייעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דערפאַר וואָס ער האָט אויפגענומען אין זיינע רייען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד און האָט אָפּגעהאַלטן אין דייטשלאַנד זיין גרינדונגס־קאָנגרעס. דערפאַר האָבן מיר זיך נישט באַטייליקט אין דעם קאָנגרעס.

*

דער סדר־היום, וואָס דער איחוד־ביוראָ שלאָגט פאָר פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ, נעמט אַרום צוויי גרופּן פון ענינים. די ערשטע פראַגן־גרופּע ווערט אויסגעשעפּט אינם באַגריף „דאָס פאָלק און די מדינה". עס נעמט אַרום סיי די ענינים פון דער מדינה, סיי די ענינים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויך די ענינים פונם אידישן לעבן אין חוץ־לארץ. די צווייטע גרופּע פראַגן טראָגט גאָר אַ באַשיידענעם נאָמען — אָרגאַניזאַציע־פראַגן פון דער באַוועגונג. אָבער עס וועט זיין דער גרעסטער פעלער, אויב די וועלט־קאָנפערענץ וועט נישט באַהאַנדלען אָט די צווייטע גרופּע פראַגן מיט דעם זעלבן ערנסט און געדולד ווי די ערשטע ענינים. מיר מוזן ערנסט באַהאַנדלען די פראַגע ווי אַזוי צו בויען אונזער באַוועגונג, אַז זי זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער הייננטיקער לאַגע אין אידישן לעבן און זי זאָל קענען דערפילן די אויפגאַבן, וואָס די תקופה אין וועלכער מיר לעבן איצט לייגט אויף איר אַרויף. קיין שום אַנדערע צוזאַמענקונפט וועט עס נישט טאָן, אויב די איצטיקע וועלט־קאָנפערענץ וועט עס נישט טאָן.

מיר מוזן ענדגילטיק אַ סוף מאַכן צו אָרגאַניזאַציאָנעלער צעשפּלי־טערטקייט, וועלכע שוואַכט אונז אָפּ און האַלט אָפּ אונזער וואוקס, אויך דאָרטן וואו אידעאישע אייניקייט איז פאַראַן און נאָר פאַלש פאַרשטאַנענע טראַדיציעס און ענגהאַרציקע אָרגאַניזאַציאָנעלע אויסרעכענונגען האַלטן אָפּ די פאַרשטאַרקטע אייניהייטלעכקייט אין טאָג־טעגלעכער טאָט. דאָס איז בוגע קודם־כל אונזער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע, עס איז אָבער אויך בוגע אונזער יוגנט־באַוועגונג אין די מערסטע לענדער.

מיר האָבן היינט אַ צאָלרייכע וועלט־קאָנפערענץ, מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אויף אונזערער אַ וועלט־קאָנפערענץ אַזעלכע צאָלרייכע דירעקטע דעלעגאַציעס פון צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע, פון די דרום־און צענטראַל־אַמעריקאַנער לענדער, צפון־און דרום־אַפריקע, אויסטראַליע און די מערסטע לענדער פון אייראָפּע. שוין אָפּגערעדט פון דער גאָר

צאָלרייכער דעלעגאַציע פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל. אויסדריקנדיק אונזער פרייד צוליב דעם און באַגריסנדיק האַרציק אַלע דעלעגאַטן און געסט פון ווייט און פון נאָענט, טאָרן מיר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז נישט אַלע וועלכע האָבן געוואָלט קומען צו דער וועלט־קאָנפערענץ און זיי זיינען בלב ובנפש מיט אונז — האָבן געקענט קומען. אין די לענדער פון די אַזוי גערופענע „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" און אינם פאַרבאַנד פון די סאָוויעט־רעפובליקן, לעבן אַ סך טרייע חברים, וואָס אונזער וועלט־קאָנפערענץ איז פאַר זיי אַ גאָר וויכטיקע געשעעניש. זיי איז אָבער נישט דערלויבט צו זיין צוזאַמען מיט אונז — די דאָרטיקע מאַכט דערלאָזט עס נישט. ווילן מיר זיי אַלעמען פאַרזיכערן, אַז אויך מיר זיינען מיטן גאַנצן האַרצן מיט זיי.

דער אָרט וואָס אונזער באַוועגונג פאַרנעמט אינם אידישן לעבן קען נישט בעסער כאַראַקטעריזירט ווערן ווי דורך דעם פאַקט, וואָס צווישן די דעלעגאַטן פון אונזער וועלט־קאָנפערענץ זעען מיר דעם פרעמיער פון מדינת־ישראל און די וויכטיקסטע מיניסטאָרן פונם ישראל קאַבינעט. דעם פאָרזיצער פונם ישראל־פאַרלאַמענט, דעם פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און וויכטיקע חברים פון דער עקזעקוטיווע. אין אייער אַלעמענס נאָמען באַגריס איך זיי גאָר האַרציק. אָט דער וויכטיקער מעמד, וואָס אונזער באַוועגונג פאַרנעמט אין דער מדינה, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אינם אידישן לעבן אין חוץ־לארץ, לייגט אַרויף אויף אונזער וועלט־קאָנפערענץ אַ גאָר שווערע אחריות. דאַרף זיין אונזער אַלעמענס תפילה, אַז מיר זאָלן זיין ראוי צו דער גרויסער אויפגאַבע אינם לעבן פון אונזער פאָלק, וואָס די געשיכטע האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט.

וויאַזוי בויען אונזער באַוועגונג? *

ווען חברים הערן, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ רעפעראַט וועגן אָרגאַניזאַציע־ענינים, דערשרעקן זיי זיך, בפרט אין די איצטיקע הייסע זומער־טעג אין אונזער לאַנד. אויב אָבער אונזער וועלט־קאָנפערענץ וועט נישט האָבן גענוג געדולד פאַר די דאָזיקע ענינים, און בפרט די דעלעגאַטן פון חוץ־לארץ וועלן נישט ווידמען דער דאָזיקער פראַגע צייט און אויפ־מערקזאַמקייט, וועלן מיר נישט האָבן קיין באַוועגונג. מען וועט אמת קענען אָפּהאַלטן פון־צייט צו־צייט שיינע קאָנפערענצן, מאַכן אַ פּרעכטיקע מאַניפעסטאַציע, אָבער אַ באַוועגונג וואָס זאָל זיין אַקטיוו טאָג־טעגלעך, וועלכע זאָל אין יעדן מאָמענט שטיין אויף דער וואַך און קענען דערפילן אירע פליכטן — אַזאַ באַוועגונג וועלן מיר נישט האָבן.

אין משך פון אַ סך יאָרן איז געווען איינער פון די חסרונות פון אונ־זערע קאָנפערענצן, וואָס מיר פלעגן נישט ווידמען קיין ערנסטע און אויספירלעכע באַהאַנדלונג די פראַגן וואָס זיינען נוגע אונזער אייגענער באַוועגונג. מיר האָבן אויך דאָסמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון פון די 56 חדשים טעטיקייט פון איחוד עולמי זינט אונזער לעצטער וועלט־קאָנפערענץ אין באַזעל. מיר האָבן זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס מיר האָבן אייך צוגעשטעלט שריפטלעך אַ קורצן באַריכט, וואָס אַנטהאַלט בלויז אַ ריי פאַקטן פון אונזערע טעטיקייטס־געביטן און שעפט בשום אופן נישט אויס די גאַנצע טעטיקייט פון איחוד עולמי. איך וועל אויך איצט נישט דערגאַנצן דעם באַריכט, נאָר זיך באַנוגענען מיט שילדערן די לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך אונזער באַוועגונג און דערפון אַרויסציען מסקנות לגבי דער טעטיקייט, וואָס מיר דאַרפן פירן מאָרגן־איבערמאָרגן. אויב מיר וועלן נישט זען די לאַגע אַזוי ווי זי איז, וועלן מיר אַפילו נישט קענען מאַכן די אויספירן, וואָס פאָדערן זיך.

---

* אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון איחוד עולמי, 9־טן אויגוסט 1951.

*

קודם כל מוזן מיר זען די קאָלאָסאַלע ענדערונג, וואָס איז פאָרגע־קומען אין דער אידישער וועלט. ווען מיר ריידן היינט וועגן אַ אידיש פאָלק אין חוץ־לארץ, מיינט עס כמעט גאָר אַן אַנדער פאָלק ווי דאָס פאָלק וואָס האָט עקזיסטירט ביים בראשית פון אונזער באַוועגונג. בפרט פאַרן יונגן דור איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז מיט 45—50 יאָר צוריק, בעתן אַנטשטיין פון דער אַרבעטער־ציוניסטישער באַוועגונג, איז דער צענטער פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן געווען בעיקר אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. אויב ווער עס איז האָט דעמאָלט גערעדט וועגן אידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, וועגן באַוועגונגען צווישן אידן, וועגן פראָגראַמען פון פאַרטייען אין די אידישע קיבוצים, אָדער וועגן דער טעטיקייט פון די אָדער אַנדערע אידישע פאַרטייען — האָט ער קודם כל געהאַט אין זינען די אידן פון מזרח־אייראָפּע. אידן פון אַנדערע לענדער האָבן דעמאָלט נישט געשפּילט קיין אַנטשיידנדיקע ראָלע אין די גרויסע אידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. היינט עקזיסטירן שוין מער נישט די כוחות, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פון אונזער באַוועגונג אָדער פון אַנדערע אידישע באַוועגונגען, ווייל אויך דאָס אידישע פאָלק וואָס האָט געלעבט אין יענע לענדער, עקזיסטירט מער נישט. די סאָציאַלע סטרוקטור פון אידישן פאָלק, וועלכע איז דעמאָלט געווען פאַרשיידן אין פאַרשיידענע לענדער איז גאָר נישט גלייך צו דער סאָציאַלער סטרוקטור פון די אידן אין אונזער צייט. היינט איז שוין נישטאָ יענע קלאַסן־דיפערענציאַציע, וואָס האָט בשעתו עקזיסטירט ביי אידן אין אַ סך לענדער. ביי אידן אין ענגלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך אָדער אַרגענטינע זיינען היינט בדרך כלל נישט פאַראַן קיין באַדייטנדיקע קלאַסן־אונטערשיידן. עס פאַרשווינדט אַלץ מער די טיילווייזע קלאַסן־דיפערענציאַציע, וואָס עקזיסטירט נאָך אין אַ געוויסער מאָס אין גרויסן אידישן קיבוץ פון צפון־אַמעריקע. מער ענלעך צו דער דעמאָלטיקער לאַגע איז די סאָציאַלע טיילונג וואָס עקזיסטירט אויך היינט ביי אידן אין צפון־אַפריקע.

אַמאָל איז די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן, ליטע, רוסלאַנד, רומעניע, גאַליציע געווען אַנדערש פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט וואָס עקזיסטירט היינט אין די לענדער פון דער אידישער צעשפּרייטונג. עס זיינען דעמאָלט געווען אידישע פּאָליטישע פאַרטייען, וועלכע זיינען געגאַנגען צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן מיט אידישע ליסטעס, עס האָבן עקזיסטירט אידישע קהילות מיט זייערע ספּעציפישע פּראָבלעמען. דאָס אַלץ איז היינט שוין מער נישטאָ. עס עקזיסטירט שוין מער נישט קיין באַזונדערע אידישע לאַנד־

פּאָליטיק אין די גלות־לענדער. אמת, אידן קענען זיין — און זיינען — מיטגלידער אין פאַרשיידענע פּאַרטייען, סאָציאַליסטישע און אַנדערע, אָבער קיין באַזונדערע אידישע פּאָליטיק אין יעדן לאַנד איז נישטאָ.

*

ווען מיר רעדן דאָ וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון אונזערע פּאַרטייען אין די לענדער, מיינען מיר — און די חברים פאַרשטייען עס גוט — די באַוועגונג אין חוץ־לארץ און נישט די פּאַרטיי אין לאַנד. פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ שטייען נישט קיין אָרגאַניזאַציע־פּראָבלעמען אין ישראל — פּשוט דערפאַר, ווייל אין ישראל עקזיסטירט אַ שטאַרקע מאַסן־פּאַרטיי. עס שטייט פאַר אונז די פראַגע פון אָרגאַניזירן די באַוועגונג אין חוץ־לארץ.

ווי געזאָגט, האַלט איך, אַז ביים היינטיקן טאָג איז פאַראַן אַ שטאַרקע ענלעכקייט אין דער סאָציאַלער סטרוקטור, אין דער פּסיכאָלאָגיע און די פּאָליטישע אויפגאַבן פון אידן אין פאַרשיידענע לענדער. קום איך דעריבער צו דער מסקנה, אַז כדי מיר זאָלן קענען אויפבויען אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, מוזן מיר האָבן אַן אַקטיוון, אויטאָריטאַטיוון צענטער אין ישראל; אַ מער עפעקטיווע צענטראַליזירונג פון דער אָנפירונג פון דער באַוועגונג. נישט דערפאַר וואָס מיר ווילן, חלילה, באַשרענקען די אויטאָנאָמיע פון די פּאַרטייען, נאָר דערפאַר וואָס די פּראָבלעמען אין אַלע פּאַרטייען זיינען כמעט די זעלביקע און די באַדערפענישן זיינען שטאַרק ענלעכע. דעריבער דאַרף די פירערשאַפט קומען פון איין אַקטיוון צענטער אין ארץ־ישראל. עס איז בדרך כלל נישט פאַראַן קיין באַזונדערע פּראָבלעמאַטיק פון דער פּאַרטיי אין אַרגענטינע, למשל, און אַן אַנדער פּראָבלעמאַטיק פון דער פּאַרטיי אין אַמעריקע אָדער אין מעקסיקע; די זעלבע פּראָבלעמאַטיק, די זעלבע ענינים זיינען געמיינזאַם אָדער שטאַרק נאָענט אַלע אונזערע פּאַר־טייען. הגם זייערע אַרבעטס־מעטאָדן און אָרטיקע באַדינגונגען זיינען אַמאָל פאַרשיידענע.

אַמאָל איז עס געווען אַנדערש. אַמאָל האָט דער געבוי פון דער באַ־וועגונג געדאַרפט זיין אַן אַנדערער, מיט אַ ברייטער אויטאָנאָמיע פאַר יעדער לאַנד־פּאַרטיי. ווייל אין יעדן לאַנד זיינען געווען ספּעציפישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט עקזיסטירט אין אַן אַנדער לאַנד. היינט דאַרף די באַוועגונג געבויט זיין אַנדערש. די באַוועגונג אין חוץ־לארץ וויל וויסן וואָס טראַכט ארץ־ישראל בנוגע אַלע ענינים, אויך בנוגע די ענינים וואָס זיינען בנוגע דעם גלות. די חברים אין חוץ־לארץ ווילן וויסן די מיינונג פון דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל; זיי ווילן האָבן בנוגע אַלע ענינים אַ מיינונג פון ארץ־

ישראל. זיי לעבן מיט ארץ־ישראל און עס איז נאַטירלעך וואָס זיי ווילן באַקומען פון דאַנען אינסטרוקציעס. דעריבער זאָג איך: אין ארץ־ישראל דאַרף זיך געפינען אַ שטאַרק, אויטאָריטאַטיווע אָנפירערשאַפט פון דער וועלט־באַוועגונג. און דאָס האָבן מיר למעשה נישט געהאַט.

איך וויל זאָגן נאָך מער: היות עס איז נישט פאַראַן קיין ספּעציפישע אידישע פּאָליטיק אין יעדן לאַנד און עס איז אויך כמעט ווי נישטאָ קיין לאָקאַלע אידישע פּאָליטיק; אידישע פּאָליטישע ענינים אין חוץ־לארץ קאָנצענטרירן זיך אין דער איצטיקער תקופה בעיקר אַרום ענינים פון דער מדינת ישראל, אַרום דעם וואָס עס געשעט אין מדינת ישראל — דאַרף דער פּאָליטישער צענטער פון דער באַוועגונג זיין אין איין ראָם מיט מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

עס איז נישט נאָרמאַל, אַז בעת מפא״י באַהאַנדלט פראַגן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָדער אַפילו ספּעציפישע ענינים פון באַזונדערע אידישע קיבוצים, זאָלן אין איחוד עולמי די זעלבע פראַגן באַהאַנדלט ווערן באַזונדער. דאָס אַנטשפּרעכט נישט דער רעאַלער לאַגע און עס פאַרשטאַרקט נישט דעם פּרעסטיזש פון איחוד עולמי. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון אָפּהיטן די אויטאָנאָמיע פון איחוד עולמי, נאָר אַ פראַגע פון אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען און אויפגאַבן פון אידישן היינט. כל זמן מיר האָבן נישט דעם מוט אַרויסצוציען די נויטיקע מסקנות פון דער דאָזיקער רעאַליטעט, שאַפן מיר אַ נישט געזונטע לאַגע פאַר אונזער וועלט־באַוועגונג. די פּאַרטיי אין ארץ־ישראל וועט דערפון נישט ליידן. עס איז נישטאָ קיין חשש אַז דער איחוד עולמי זאָל אָננעמען באַשלוסן, וואָס איגנאָרירן די ישראל־פּאַרטיי. דער היפך איז יאָ מעגלעך: מען קען אַמאָל פאַרגעסן אַז עס עקזיסטירט אַ וועלט־באַוועגונג. עס מוז עקזיסטירן אַ פּאָליטישער צענטער פון דער וועלט־באַוועגונג, וועלכער זאָל זיך פאַרנעמען מיט די פּאָליטישע ענינים וואָס זיינען בשותפותדיק אַלע טיילן פון דער באַוועגונג. און דער דאָזיקער צענטער דאַרף זיך געפינען אין די ראַמען פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל. דאָס האָט נאַטירלעך גאָרנישט צוטאָן מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער אויטאָנאָמיע וואָס מוז עקזיסטירן און מיט דער פראַגע פון באַשטימען די אינסטאַנצן פון דער וועלט־באַוועגונג.

*

פאַר אונז שטייט אויך די פראַגע פון פאַראייניקן אונזערע יוגנט־באַוועגונגען. עס קען נישט זיין אַ לאַגע, אַז קיין בראַזיל, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער זאָלן קומען פון ארץ־ישראל שליחים פון פאַרשיידענע

יוגנט־באַוועגונגען, וואָס געהערן אַלע צו מפלגת פועלי ארץ־ישראל. דאָס איז שעדלעך פאַר דער באַוועגונג. עס איז אויך נישט פאַראַן קיין גרונד פאַרוואָס די דאָזיקע יוגנט־באַוועגונגען זאָלן נישט זיין פאַראייניקט *. כדי צו שטאַרקן אונזער באַוועגונג, דאַרפן מיר אַחוץ דעם אויך אָרגאַניזירן חברים־קרייזן אין עלטער פון 18—25 יאָר, אַ מין „משמרת צעירה" אין חוץ־לארץ. אַזעלכע פּרוּוון זיינען געמאַכט געוואָרן אין אייניקע לענדער, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז מעגלעך צו אָרגאַניזירן אַזעלכע קרייזן אין אונזער באַוועגונג. עס רעדט זיך בעיקר וועגן יונגע מענטשן, וואָס זיינען שוין אַרויס פונם קרייז פון אידיש־רעדנדיקע און זיי באַנוצן בעיקר די שפּראַך פונם וואוינלאַנד. מיר מוזן דערין זען איינע פון די וויכטיקע אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג. אָבער גלייכצייטיק מוז איך וואָרענען, חברים, אַז כל זמן מיר באַזיצן נאָך נישט קיין נייע אַקטיווע כוחות, לאָמיר חלילה נישט גרינגשעצן די אַלטע כוחות וואָס מיר האָבן. די דאָזיקע אַלטע כוחות זיינען לעת עתה אונזער אַקטיוו, זיי טראָגן דעם יאָך. זיי פאַרדינען, אַז מען זאָל האָבן דרך־ארץ פאַר זיי. זיי האָבן עפּעס אויפ־געטאָן. איך בין מיך שטאַרק מצער ווען איך הער ווערטער וואָס קלינגען אַזוי צו זאָגן: איר האָט פאַרענדיקט אייער אויפגאַבע און איר דאַרפט אָפּטרעטן אייער פּלאַץ פאַר יונגע כוחות. אַודאי מוז מען אַלץ טאָן, כדי צוצוציען יונגע כוחות און זיי געבן אַ פּאַסיקן אָרט אין דער באַוועגונג און אויך אין איר אָנפירערשאַפט, אָבער מיר נויטיקן זיך אין אַלע כוחות, אי יונגע און אי אַלטע, צונויפבינדן און צוזאַמענגיסן די כוחות פון אַלע דורות.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרף געווידמעט ווערן דער פּרויען־באַוועגונג. די חברות אין אַמעריקע האָבן אונז געוויזן ווי וויכטיק עס איז דער דאָזיקער טעטיקייטס־געביט און וואָס פאַר אַ ברכה עס שטעקט אין אים פאַר דער פּאַרטיי. די חברות־אָרגאַניזאַציעס האָבן מצליח געווען אין דרום־אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, און די וועלט־באַוועגונג קען שטאָלץ זיין מיט זיי. צענדליקער טויזנטער חברות זיינען אָרגאַניזירט אין די דאָזיקע פּרויען־אָרגאַניזאַציעס. דער וויכוח צווישן אונז אין צפון־אַמעריקע נעמט זיך דערפון וואָס מיר ווילן זיי נאָך מער מקרב־זיין צו דער פּאַרטיי־אַרבעט און צו דער פּאַרטיי־ראַם, און זיי האָבן חששות. נישט צוליב אידעאישע טעמים נאָר צוליב אָרגאַניזאַציאָנעלער צוועקמעסיקייט. יעדנפאַלס

* דאָס איז אין דער צווישן־צייט געשען: אין אָקטאָבער 1952 איז פאַרגעקו־מען די פאַראייניקונג פון „דרור"־"הבונים" און „גורדוניה"־„מכבי הצעיר", און ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער „איחוד הנוער החלוצי".

זיינען די פּרויען־אָרגאַניזאַציעס אַ גרויסע ברכה פאַר אונזער וועלט־באַוועגונג. עס איז די פליכט פון אַלע אונזערע פּאַרטייען צו טאָן דעם מאַקסימום, כדי צו העלפן פאַרגרעסערן און פאַרברייטערן אונזער פרויען־באַוועגונג און זיי מער באַטייליקן אין די ענינים פון דער באַוועגונג.

*

עס פרעגט זיך אָבער די פראַגע: צי ווילן מיר אָדער ווילן מיר נישט האָבן שטאַרקע פּאַרטייען אין די פאַרשיידענע לענדער אין חוץ־לארץ? אין פלוג איז עס אַ משונהדיקע פראַגע. אַוודאי ווילן מיר עס אַלע. ווער וויל עס נישט? אָבער די פראַגע איז, צי יעדער איז אויך גרייט אָנצונעמען די מסקנות, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן, אויב מיר ווילן האָבן שטאַרקע פּאַרטייען. די פּאַרטייען וועלן נישט וואַקסן פון זיך אַליין. די פראַגע איז צי מיר זיינען גרייט צו מאַכן די נויטיקע אויספירן און אָנשטרענגונגען, כדי זיי צו שטאַרקן. דאָס איז נוגע סיי די חברים אין חוץ־לארץ און סיי די חברים אין ארץ־ישראל — מפלגת פועלי ארץ־ישראל. עס איז מאָדנע, וואָס דווקא די חברים פון ארץ־ישראל, וואָס האָבן אַזאַ שאַרפן חוש פאַר דער נויטווענדיקייט צו שטאַרקן די פּאַרטיי אין לאַנד, און זיי לייגן אַריין דערין נישט וויניק כוחות — דווקא זיי ווייסן נישט אָפּצושאַצן די זאַך ווי געהעריק, ווי נאָר דאָס איז נוגע חוץ־לארץ. איך ווייס נישט, צי די חברים פון די לענדער גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון, וואָס דאָס באַדייט באַקומען אַ פּערטל מיליאָן שטימען אין אַזאַ שאַרפן כנסת וואַל־קאַמף, ווי דאָס האָט באַקומען מפלגת פועלי ארץ־ישראל. אָבער אין קעגנזאַץ צו דעם דאָזיקן אַנטוויקלטן חוש פאַר דער פּאַרטיי אין ישראל, פאַרגעסט מען די באַוועגונג אין חוץ־לארץ, און דאָס, נישט צום ווינציקסטן, אויך דערפאַר ווייל אָפטמאָל פאַרגעסן עס די חברים פון חוץ־לארץ אַליין.

איך ווייס, אַז אַ סך אונזערע חברים זיינען פּאַטריאָטן פון פאַרשיידענע טעטיקייט־געביטן און איך האָב בדרך כלל דרך־ארץ פאַר יעדן פּאַטריאָטיזם. פאַראַן חברים פּאַטריאָטן פון קרן קיימת, פּאַטריאָטן פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, פּאַטריאָטן פון הסתדרות קאַמפּיין; אָבער איך זוך מיט ליכט פּאַטריאָטן פון דער פּאַרטיי אין חוץ־לארץ און איך געפין זיי נישט. אויף וויפיל מיר איז געלונגען צו קומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די „חברים פון דער שורה", האָב איך דווקא ביי זיי געפונען אַ סך פּאַטריאָטיזם פאַר דער פּאַרטיי, אָבער די פירנדיקע חברים אין חוץ־לארץ, אויף וויפיל זיי זיינען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, זיינען זיי דאָס רוב באַשעפטיקט מיט ענינים מחוץ דער פּאַרטיי. אויב אָנפירנדע מענטשן פון דער באַוועגונג וועלן נישט

האָבן אַביסל פּאַטריאָטיזם פאַר דער פּאַרטיי גופא, וועט קיין אַקטיוו־טעטיקע און שטאַרקע פּאַרטיי נישט קענען עקזיסטירן. פון זיך אַליין וועט זי נישט געשאַפן ווערן.

*

מיר קעמפן דערפאַר, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און עס זיינען פאַראַן חברים וואָס האָבן דאָס אויסגעטייטשט אַזוי ווי דאָס וואָלט געמיינט — ליקווידירן די פּאַרטייען אין חוץ־לארץ. קעגנער פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע האָבן בכוונה פאַרשפּרייט אַזאַ קלאַנג. דאָס איז אַ פולשטענדיקער טעות. פאַרקערט, די עקזיסטענץ פון אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע וועט אַרויפלייגן אויף אונזערע פּאַרטייען נאָך צוגאָבלעכע פליכטן. מיר שטויסן זיך אָן אין דעם דאָזיקן ענין אויף אַ קעגנער־שאַפט מצד אַ ריי פּאַרטייען. אַפילו ווען מיר וועלן מצליח זיין אין אונזערע באַמיאונגען פאַר דער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — און איך האָף אַז מיר וועלן סוף כל סוף גובר זיין די שוועריקייטן — וועלן די טעטיקייט און די דערגרייכונגען פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע זיין אָפּהענגיק קודם־כל פון דער מאָס פון אונזער אַקטיוויטעט אין איר.

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג גייט אָן אַ וויכוח בנוגע פראַגן פון עליה. די באַטאָנונג פון דער וויכטיקייט פון עליה איז גילטיק פאַר אַלע לענדער.

אמת, מיר ווייסן, אַז אין די רואיקע לענדער איז דאָס אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס, אָבער די אויפגאַבע פון אונזער באַוועגונג איז צו זאָגן די אידן פון אַלע לענדער: זייט עולה.

עס זיינען געווען צייטן, ווען אויך אין וואַרשע האָבן אידן געלעבט אין גוטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען; ווען אויך אין פּוילן זיינען געווען אידן וואָס האָבן באַטראַכט אַלס אומגליק ווען זייער זון אָדער טאָכטער איז אַוועק אין „החלוץ". האָט דאָס אונז דעמאָלט אָפּגעשראָקן? זיינען מיר דען נישט געגאַנגען צו די קינדער פון די דאָזיקע אידן? און נישט בלויז אין פּוילן. נעמט, למשל, בערלין און דייטשלאַנד בכלל אין די צייטן פון דער וויימאַרער רעפּובליק. אידן האָבן דעמאָלט גוט געלעבט. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן אַלעס דערגרייכט; געווען אידן מיניסטאָרן, אידן האָבן פאַרנומען די העכסטע פּאָליטישע פּאָסטנס. ווען מען איז אין יענע טעג געקומען צו אידן אין דייטשלאַנד און מען האָט צו זיי גערעדט וועגן עליה און חלוציות, האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ משוגעת. נישט געקוקט דערויף

זיינען מיר געגאַנגען צו די דאָזיקע אידן. די עליה און די חלוצישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד האָבן זיך נישט אָנגעהויבן אין היטלער׳ס צייטן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אין די טעג פון דער ווייַמאַרער רעפובליק, ווען קיינער האָט נאָך נישט געטראַכט, אַז היטלער קען קומען צו דער מאַכט. זיינען דען די אידן אין די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער אַנדערש פון יענע דייטשע אידן? דאָס זיינען די זעלבע אידן און אויך זיי זיינען מסוגל אויפצונעמען אונזער אויפקלערונג און פאָלגן אונזער רוף.

און נאָך אַ וויכטיקע אויפגאַבע האָבן אונזערע פאַרטייען אין חוץ־לארץ: דערציען דעם יונגן דור, לערנען עברית. ווען עס קומט מיר אויס צו באַזוכן די גרויסע אידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ, קען איך נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָל נישט זיין מעגלעך אָנצוהויבן גרינדן אין אַזאַ אָרט ווי, למשל, פאַריז אָדער לאָנדאָן, אָדער אַנדערש־וואו, אַ ריי העברעאישע קינדער־גערטנער, אָוונט־קורסן פאַר עברית, העברעאישע שולן. פאַרוואָס קענען מיר עס נישט טאָן? אונזערע פאַרטייען, אונזער באַוועגונג דאַרפן עס טאָן. בפרט קען דאָס זיין אַ גאָר גוט אַרבעט־געביט פאַר די חברות פון די פרויען־פיאָנערן אָרגאַניזאַציעס. מיר מוזן פאַרברייטערן די טעטיקייט פאַר „החלוץ״ און הכשרה, דעמאָקראַטיזירן דאָס אידישע לעבן אין די לענדער, שאַפן אַן איינהייטלעכע אידישע ראַם דאָרט וואו קיין קהילה איז נישטאָ און געווינען השפעה אין דער קהילה דאָרט וואו זי איז פאַראַן, זאָרגן פאַר גענויער אינפאָרמאַציע וועגן מדינת ישראל און דער פאָליטיק פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל.

איך וויל באַשטימט נישט פוגע זיין, חלילה, קיין שום פאַרטיי, נישט די פאַרטיי אין שוועדן, נישט די פאַרטיי אין בעלגיע אָדער אין דענעמאַרק אָדער אַפילו אין פראַנקרייך, אויב איך וועל זאָגן, אַז די באַוועגונג אין חוץ־לארץ שטייט און פאַלט מיט דער אַנטוויקלונג פון אונזער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. אין צפון־אַמעריקע לעבט כמעט אַ העלפט פון דעם וועלט־אידנטום אין גלות. דאָרטן זיצן העכער 70% פון די פרייע אידן אין דער וועלט. צווישן די אידן אין חוץ־לארץ זיינען דאָך פאַראַן צוויי אָדער דריי מיליאָן, וואָס זיינען נישט פריי. בשעת מען רעדט וועגן גענצלעך פאַטלעכער אַרבעט, וועגן ארץ־ישראל־טעטיקייט, קומען זיי נישט אין באַטראַכט. אין צפון־אַמעריקע האָבן מיר אַ גאַנץ שיינע באַוועגונג, זי איז אָבער אָרגאַני־זאַציאָנעל נישט גענוג צוגעגרייט צו די נויטן פון איצטיקן מאָמענט. ביי דער עקזיסטירנדיקער סטרוקטור, זייענדיק צעשפליטערט אויף דריי אָרגאַ־ניזאַציעס, וועלן מיר נישט קענען ווערן דער גרויסער און דעצידירנדיקער ציוניסטישער פאַקטאָר אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אַלע דריי אָרגאַניזאַציעס

אונזערע ציען זייער יניקה פון דעם זעלבן גייסטיקן און פּאָליטישן מקור, — פון איחוד עולמי און פון דער טעטיקייט פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל אין לאַנד, פון דער הסתדרות און פון אונזער אויפבוי־אַרבעט אין לאַנד. אָן דעם קענען זיי נישט עקזיסטירן. דאָס איז זייער אַלעמענס גייסטיקער אינהאַלט און עס זיינען נישט פאַראַן קיין אידעאישע אונטערשיידן צווישן זיי. טאַקע דעריבער איז אַזוי גרויס דער פאַרדרוס און ווייטאָג צוליב דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער צעשפּליטערונג. פון דער דאָזיקער וועלט־קאָנפערענץ דאַרף אַרויסגיין דער רוף צו גרינדן גלייך אין אַמעריקע אַ פאַראייניקטע פּאַרטיי פון די אַלע וואָס זיינען שוין פּאַקטיש פאַראייניקט, כּדי זיי זאָלן קענען צוציען גרויסע אידישע מאַסן אין אַמעריקע און ווערן דאָרטן דער ערשטער געזעלשאַפטלעכער כּוח אינם אידנטום.

*

ווי דאַרף, לויט מיין מיינונג, געבויט ווערן אונזער באַוועגונג? איך האָב שוין געזאָגט, אַז מיר דאַרפן האָבן אַ צענטראַלע אָנפירונג. אין וואָס פאַר אַ פאָרם וועלן מיר קענען אויפשטעלן דעם דאָזיקן נייעם צענטער, וועלכער זאָל מכוון זיין די וועלט־באַוועגונג? לויט מיין מיינונג דאַרף די צענטראַלע אָנפירונג פון איחוד עולמי זיך געפינען אין די הענט פון די יעניקע קאָמפּעטענטע חברים, וואָס מיר טרויען זיי אָן אויך די וויכטיקסטע אויפגאַבן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און די אָנפירונג פון די ענינים אין ארץ־ישראל. אַנדערש וועט די פירערשאַפט פון איחוד עולמי נישט האָבן גענוק כּוח אויסצופירן אירע באַשלוסן און נישט געניסן פון דער נויטיקער אויטאָריטעט אין דער וועלט־באַוועגונג. איך זאָג דאָס, אויפן סמך פון אַ דערפאַרונג פון ניינצן יאָר מיטאַרבעט אינם ענגן סעקרעטאַריאַט פון איחוד עולמי, זינט דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ אין דאַנציג. די גאַנצע פופצן יאָר וואָס דער סעקרעטאַריאַט פון איחוד עולמי געפינט זיך אין ארץ־ישראל שטיי איך זייער נאָענט צו דער לייטונג פון איחוד און איך האָב אַביסל דערפאַרונג אויף דעם געביט. און אויפן סמך פון דער דאָזיקער דערפאַרונג זאָג איך אייך, חברים, אַז אויב מיר וועלן איצט נישט איבערגעבן די פירונג פון די טאָג־טעגלעכע ענינים פון דער וועלט־באַוועגונג אין די הענט פון די יעניקע חברים, וועלכע פאַרנעמען אַ פירנדיקן אָרט אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, אין דער פּאַרטיי און אין דער הסתדרות אין ישראל — וועלן מיר פּאַקטיש נישט האָבן קיין עפעקטיווע אָנפירונג פון דער באַוועגונג. די באַוועגונג אין חוץ־לארץ וועט נישט וואַקסן און פאַרנעמען דעם אָרט, וועלכן זי דאַרף פאַרנעמען, זי וועט דאַן נישט לייסטן דעם דינסט וואָס זי

דאַרף לייסטן פאַר דער מדינה, מיר וועלן פון איר נישט האָבן דעם נוצן וואָס מיר דאַרפן און מיר קענען האָבן.

די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָבן היינט, לויט מיין מיינונג, בלויז איין איינציקע אויפגאַבע: זיי דאַרפן בויען די ציוניס־טישע באַוועגונג אין חוץ־לארץ. פאַקטיש עקזיסטירט נישט פאַר זיי היינט־צו־טאָג קיין וויכטיקערע אויפגאַבע. דער שווערפונקט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז נישט אין ארץ־ישראל. איר דערפאָלג אָדער אומדערפאָלג זיינען נישט אָפּהענגיק פון דער טעטיקייט אין ארץ־ישראל נאָר פון דער אַרבעט אין חוץ־לארץ. אַמאָל האָט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע געדאַרפט זאָרגן פאַר דער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד, פאַר דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, פאַר דערציאונג אין לאַנד א.אַ.וו., היינט איז פאַראַן אַ מדינה וועלכע זאָרגט פאַר די אַלע זאַכן. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע דאַרף היינט בויען די ציוניסטישע באַוועגונג אין חוץ־לארץ. אין ארץ־ישראל איז נישט נויטיק צו שאַפן אַ ציוניסטישע באַוועגונג. און גענוי ווי די חברים פון דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע האָבן די אויפגאַבע צו בויען די ציוניסטישע באַוועגונג, אַזוי דאַרפן אונזערע חברים אין דער עקזעקוטיווע אויך בויען אונזער אייגענע באַוועגונג. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. איך קען מיר נישט פאָרשטעלן ווי וואָלט אויסגעזען מפא״י, ווען אונזערע חברים אין דער רעגירונג וואָלטן גלייכצייטיק נישט געטראָגן אויך דעם עיקרדיקן יאָך פון דער פּאַרטיי אין לאַנד. די חברים אין חוץ־לארץ ווילן באַקומען קאָמפּעטענטע אינפאָרמאַציעס, קאָמפּעטענטע אָנווייזונגען, זיי ווילן זיך טרעפן מיט קאָמ־פּעטענטע מענטשן, וועלכע באַשטימען דעם גאַנג פון די ענינים. חברים, וואָס פאַרנעמען נישט קיין ערשטן אָרט ביים באַשטימען די ענינים זיינען פאַר זיי נישט מאַסגעבנדיק. דעריבער דאַרפן אין דער פּאַקטישער לייטונג פון די טאָג־טעגלעכע ענינים פון דער באַוועגונג — און די וועלט־קאָנפערענץ דאַרף וועגן דעם באַשליסן — זיך געפינען צענטראַלע חברים, מיטגלידער פון דער אַגענטור־עקזעקוטיווע, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, דער סעקרעטאַר פון דער הסתדרות און אַנדערע צענטראַלע חברים.

מיר האָבן איצט די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ גרויסע און שטאַרקע באַוועגונג אין חוץ־לארץ; צו ווערן דער ערשטער און עיקרדיקער כוח אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די גלות־לענדער, אויך אין די פּאַרייניקטע שטאַטן. עס רעדט זיך וועגן געוויסע ענדערונגען; לאָמיר אָבער פאַר זיי נישט מורא האָבן. לאָמיר זען די ענדערונגען אין אידישן לעבן וואָס קומען פאָר און וויסן ווי זיי צו באַגעגענען און דאַן וועלן מיר קענען שאַפן אַ גרויסע, טאַטן־רייכע און שטאַרקע באַוועגונג אין חוץ־לארץ.

וועגן וואָס גייט דער וויכוח? *

די אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע האָט באַטראַכט — אויסער די לויפנדיקע פראַגן — אַ ריי טעכנישע און סטאַטוטאַרישע ענינים, און דעסגלייכן עטלעכע גרונט־פראַגן פון אונזער צוקונפטיקער אַרבעט. איינע פון די פראַגן איז געווען בנוגע דעם צוקונפטיקן געבוי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר ווייסן, אַז אין די לעצטע יאָרן זיינען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער נישט געגאַנגען טריט ביי טריט מיט די גרויסע אויפגאַבן, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער זיינען נישט געוואָקסן אין יענער מאָס און אין יענער פראָפּאָרץ ווי עס איז געוואָקסן די סימפּאַטיע צו מדינת ישראל אין פאַרשיידענע אידישע קרייזן.

די אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע האָט ערנסט באַטראַכט דאָסדאָזיקע פּראָבלעם און די דעבאַטע איז געווען וועגן דער פאָרם אין וועלכער מיר דאַרפן בויען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די לענדער אין דער נאָענטסטער צוקונפט. עס זיינען געווען פאַרשיידענע צוגאַנגען צו דערדאָזיקער פראַגע, און ווען איך וועל דערגיין צו די דאָזיקע פונקטן, וועל איך זיך באַמיען אויפצוקלערן די מיינונגס־אונטערשיידן צווישן די חברים. אָבער פאַר אַלעמען איז קלאָר געווען, אַז די היינטיקע סיטואַציע אין די ציוניסטישע פאַרבאַנדן אין די לענדער דאַרף געביטן ווערן, אַז מיר דאַרפן שאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם, וואָס זאָל אין אַ אַנזעעוודיקער מאָס שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג, נישט בלויז קוואַנטיטאַטיוו, נאָר אויך הויבן איר פּרעסטיזש און אַנזען און דערמעגלעכן איר צו פאַרווירקלעכן די נייע אויפגאַבן, וואָס די נייע צייט לייגט אויף איר אַרויף.

*

די קאָמיסיע האָט מיט 21 קעגן 14 שטימען, אָפּגעוואָרפן דעם פאָר־שלאָג פון ה׳ ש. סעגאַל**. פאַרוואָס האָט זי דאָס געטאָן? ווייל מענטשן

* אויסצוגן פון דער רעדע אַלס באַריכט־אָפּגעבער פון דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע אויפן 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, ירושלים, 21־טן אויגוסט 1951.

** וועגן אָפּשאַפן די פּרעראָגאַטיוון פון די ישראלדיקע שקל־צאָלער.

באַנוצן זיך טיילמאָל מיט לאָזונגען, וואָס דריקן נישט אויס זייער קאָנקרעטן אינהאַלט. ה׳ סעגאַל האָט גערעדט וועגן גלייכהייט און דעמאָקראַטיע, און זיינע רייד האָבן אַ סך גערירט ביים האַרצן. אָבער דאָס וואָס ער לייגט פאָר איז קעגן גלייכהייט און דעמאָקראַטיע. קודם־כל האָט נישט קיין גרונט די שרעק וואָס מען וואַרפט אָן אויף אידן אין דער וועלט, אַז די אידן פון ארץ־ישראל וועלן אויפצווינגען זייער ווילן אויף דער גאַנצער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. הלוואי וואָלטן מיר דערגאַנגען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז די אידן פון ארץ־ישראל וואָלטן געבילדעט אַזאַ מערהייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַלע ציוניסטן אין דער וועלט וואָלטן זיך באַדאַרפט פרייען, ווען מיר וואָלטן דערגאַנגען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז די אידן פון ארץ־ישראל זאָלן זיין די מערהייט אין וועלט־אידנטום. צו אונזער באַדויערן זיינען מיר נאָך ווייט פון אַזאַ צושטאַנד. היינט־צו־טאָג זיינען דאָ אַ מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט אידן אין ארץ־ישראל. אין עטלעכע יאָר אַרום וועלן מיר הלוואי דערגיין צו צוויי מיליאָנען. און אַפילו אויב די שקל־צאָלער אין ישראל וועלן האָבן שטים־רעכט ווי זיי האָבן היינט, וועלן זיי נאָך נישט בילדן די מערהייט פונם וועלט־אידנטום. ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? אויב די ציוניסטן אין חוץ־לארץ וועלן נישט בלייבן הינטערשטעליק אין אויספירן ציוניסטישע פליכטן אַנטקעגן די ציוניסטן אין ישראל.

און וואָס איז די לאַגע היינט־צו־טאָג אויף דעם געביט? אין חוץ־לארץ איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער שקל אָן וואַלן קען מער נישט זיין קיין מאָסשטאַב פאַרן קאָנגרעס. און ה׳ סעגאַל האָט פאַרגעסן צו דערציילן, אַז אין דער צייט וואָס מיר קומען פאָדערן פון יעדן איד אין ישראל ער זאָל קויפן אַ שקל און ווילן דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, ער זאָל שטימען און דורכדעם אַנטשיידן ביים קלייבן דעלעגאַטן צום קאָנגרעס; אין דער אייגענער צייט איז געבונג אין אַנדערע לענדער, מען זאָל פראָקלאַמירן אַ שקל־קאָמפּאַניע און נעמען אַן אַדרעסן־בוך און אויסשטעלן ווילקירלעך אַ צאָל שקלים, און דערנאָך וועלן קומען די פאַרטייען און פונאַנדערטיילן די מאַנדאַטן צווישן זיך. עס זיינען געווען אַזעלכע פאַלן; איך וויל זיך איצט אויף זיי נישט אָפּשטעלן. מיר האָבן זיך דערויף אָפּגעשטעלט אין דער קאָמיסיע; עס זיינען באַשטימט געוואָרן מאַנדאַטן אָן וואַלן און אָן יעדער קאָנטראָל. אין אַזאַ צושטאַנד שטעקט אומגלייכהייט און אומגערעכטיקייט — אדרבה, זאָל ה׳ סעגאַל צוגעבן צו זיין פאָרשלאַג, אַז עס איז נישטאָ קיין רעפּרעזענטאַנץ אויפן קאָנגרעס אָן אַלגעמיינע וואַלן; אַז נישט לויט דער צאָל שקלים, וואָס מען פאַרשפּרייט זיי כלומרשט, ווערן באַשטימט די דעלעגאַטן, נאָר לויט

דער צאָל פון די וואָס האָבן פאַקטיש געשטימט; — דאַן וועלן מיר קענען נעמען ערנסט זיינע דיבורים וועגן גערעכטיקייט, גלייכהייט און דעמאָקראַטיע. אַנדערש האָבן די דאָזיקע רייד נישט קיין טעם אין זיין מויל.

איך וועל ברענגען נאָך אייןביישפּיל. אין יאָר 1946 זיינען פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל און אין צפון־אַמעריקע וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. אין ארץ־ישראל זיינען געגאַנגען צו דער אורנע 197 טויזנט שקל־צאָלער. אין אַמעריקע זיינען געגאַנגען צו דער אורנע פאָרמעל 206 טויזנט שקל־צאָלער. — פאַקטיש אַ סך ווייניקער. און אַט האָבן די שקל־צאָלער אין די פאַרייניקטע שטאַטן געשיקט צום קאָנגרעס 121 דעלעגאַטן, און אַנטקעגן דעם האָבן די 197 טויזנט שקל־צאָלער אין ישראל געשיקט בלויז 79 דעלעגאַטן. קלאָר, אַז דאָס איז נישט קיין דעמאָקראַטיע — און ה׳ סעגאַל וויל די דאָזיקע שיטה פאַראייביקן! דאָס איז אומגלייכהייט און אומגערעכטיקייט. קעגן דעם דאָזיקן צושטאַנד דאַרפן מיר אַלע זיך עמפּערן, אויב מיר ווילן נישט אַראָפּנידערן דעם פּרעסטיזש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דעם ווערט פונם קאָנגרעס. און דעריבער האָט די מערהייט פון דער קאָמיסיע אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג פון ה׳ ש. סעגאַל.*

*

מיר קומען צו צו אַ פונקט, וואָס איז גאָר גאָר ערנסט באַטראַכט געוואָרן אין דער קאָמיסיע, דהיינו: „די פּרינציפּן פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איר קאָמפּעטענץ״. דאָס איז אַ באַזונדער ערנסטע פראַגע פאַרן קיום פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער צוקונפט. בעת איך וועל לייענען די פּאַראַגראַפן, בנוגע וועלכע עס איז דאָ אַן איינווענדונג — וועל איך אויפקלערן פאַרוואָס די קאָמיסיע האָט אָנגענומען די דאָזיקע פּאַראַגראַפן אין דער פאָרמולירונג, וועלכע ווערט פאַר אייך געבראַכט.

„די פּרינציפּן פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איר קאָמפּעטענץ.

אין יעדן איינציקן לאַנד וועט באַשטיין אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער עס וועלן געהערן די מיטגלידער פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און פאַרייניקונגען און יעדער איד וואָס איז אַלט געוואָרן 18 יאָר, וועלכער אָנערקענט דאָס ציוניסטישע

---

* דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן אין דער פראַגע זיינע רעכט דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט צו באַשליסן. דער א. ק. האָט עס געטאָן אין יולי 1954. זע באַמערקונג זייט 308.

פראָגראַם און נעמט אויף זיך די אויבערשאַפט (מרות) פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די מיטגלידערשאַפט איז אַ פּערזענלעכע. וואָס שייך די פאַרייניקטע שטאַטן, דאַרף מען פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן, כדי אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן, וואָס זאָל צופּאַסן די פּרינציפּן פון דער לאַנד־אָרגאַניזאַציע צו די באַדינגונגען אין אַמעריקע.

דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע וועלן איבערגעגעבן ווערן טעטיקייטס־געביטן, וועגן וועלכע עס וועט באַשטימט ווערן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. בנוגע די איינצלהייטן פונם געבוי און פון דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס וועט די עקזעקוטיווע אויסאַרבעטן פאָרשלאָגן לויט די ווייטערדיקע ריכט־ליניעס און איבערגעבן זיי דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט צום באַטראַכטן און באַשליסן.

1. די עקזעקוטיווע און די אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע ווערן באַשטימט אויף אַ לאַנד־קאָנפערענץ וואָס ווערט געקליבן אין דירעקטע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, דורך אַלע מיטגלידער וואָס געהערן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

2. די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע באַשליסט און ווירקט אין אַלע ענינים וואָס ווערן געגעבן אין איר קאָמפּעטענץ אין די ראַמען פון די רעכט וואָס זיינען פאַר איר רעזערווירט אין די סטאַטוטן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און אונטער דער אויבערשאַפט פון די העכסטע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (דער קאָנגרעס, דער אַקציאָנס־קאָמיטעט, די עקזעקוטיווע). זי קען נישט אָננעמען קיין באַשלוסן, וואָס שטייען אין ווידערשפּרוך צו באַשלוסן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס.

3. עס איז אין דער קאָמפּעטענץ פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אָנצונעמען באַשלוסן וואָס פאַרפליכטן אירע מיטגלידער בלויז אין ענינים, וואָס זיינען נוגע דער ציוניסטישער טעטיקייט אין איר לאַנד און נישט אין פּרינציפּיעלע ענינים, וואָס זיינען אין דער קאָמפּעטענץ פונם קאָנגרעס און פון די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און דעסגלייכן נישט אין ענינים, וואָס רירן אָן די קאָמפּעטענצן פון די ציוניסטישע פּאַרטייען.

4. די ציוניסטישע פּאַרטייען און פאַרייניקונגען זיינען

זעלבשטענדיק אין זייער טעטיקייט אויסער יענע פראַגן וואָס גייען אַריין אין דער קאָמפּעטענץ פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

5. אין אַלע לענדער וואו עס וועט עקזיסטירן די איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועט נישט עקזיסטירן קיין שום פּאַרטרע־טערשאַפט אָדער אָפּצווייג פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטי־שער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

6. שליחים פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע וועלן זיין טעטיק אונטער דער פולער אויבערשאַפט פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע".

איך וויל אויפקלערן דעם פּלענום פון דעם קאָנגרעס אַ ריי איינצל־הייטן, אויף וועלכע די מערהייט פון דער קאָמיסיע האָט זיך געשטעלט און געבעטן זיי דאָ איבערצוגעבן. אויב עמיץ פּרואווט פאַרצושטעלן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, אַקוראַט ער וואָלט אויסן געוועזן צו פאַרשמעלערן אין וועלכער עס איז מאָס די זעלבשטענדיקייט פון די ציוניסטישע פּאַרטייען און צו באַגרעניצן זייערע קאָמפּעטענצן — איז דאָס פולשטענדיק גרונטלאָז. דער פאָרשלאָג לאָזט איבער אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און פאַרייניקונגען די פולע אויטאָנאָמיע און באַגרעניצט זיי נישט אין קיין שום טעטיקייט, אויסער דעם וואָס דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט ספּעציעל באַשליסן, אַז זי איז איינגעשלאָסן אין דער קאָמפּעטענץ פון דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. עס זיינען פולשטענדיק אומבאַרעכטיקט די רייד און חששות וועגן פאַרשמעלערן די זעלבשטענדיקייט פון די פּאַרטייען און וועגן אַ טענדענץ זיי אָפּצושאַפן דורך אָנעמען דעם דאָזיקן באַשלוס.

פאַר אונז געפינען זיך אויך מינדערהייטס־פאָרשלאָגן וועגן אויפשטעלן לאַנד־פאַרייניקונגען, וועלכע מיר רופן מיטן נאָמען דאַך־פאַרבאַנדן פון די ציוניסטישע פּאַרטייען, אַן אָרגאַניזיר־פאָרם וואָס מיר האָבן געפּרוּווט שוין זינט אַ סך יאָרן. פאַקטיש עקזיסטירט די דאָזיקע אָרגאַניזיר־שיטה פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אַ ריי לענדער און האָט זיך אַרויס־געוויזן צו זיין נישט פּאַסיק און דורכאויס נישט עפעקטיוו. זי האָט דערפירט דערצו, אַז אין אַ סך לענדער איז פאַקטיש נישטאָ קיין שום געמיינזאַמע ציוניסטישע ראָם, און זי האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז מען קען כמעט נישט דורכפירן קיין פאַראייניקטע ציוניסטישע אַקטיווע טעטיקייט. אינם „דאַך־פאַרבאַנד", דאָס הייסט — אין דער אָרגאַניזאַציע־ראָם, וואָס איז אַ בלויזע פּאַרטייען־ רעפּרעזענטאַנץ, וואָס נאָר די פּאַרטייען נאָמינירן זי, געפינט זיך

תמיד די אָדער יענע פּאַרטיי, וועלכע וויל נישט אַ באַשטימט אַרבעטס־געביט, און דאַן ווערט די אַרבעט נישט געמאַכט. איך פאַרשטיי נישט, פאַר־וואָס יענע ציוניסטן, וועלכע זאָרגן אַזוי פאַרן כבוד, וואוקס און צוקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און זיי באַדויערן אַזוי אין דער פּרעסע און אויף פאַרזאַמלונגען (פאַר די וואַלן) וועגן איר שוואַכקייט, — פאַרוואָס טראַכטן זיי נישט, אַז מען דאַרף מאַכן אַ פּרואוו צו ענדערן די דאָזיקע סיטו־אַציע, אויסצופּרובירן אַן אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם, אַ פאָרם וואָס האָט שוין מצליח געווען אין יענע לענדער, אין וועלכע זי איז איינגעפירט געוואָרן ?

מיר זיינען איבערצייגט, אַז די לאַגע היינט־צו־טאָג איז גאָר אַ שווערע. אונזער פאַרשלאַג איז אויסן, אַז מיר זאָלן אויפשטעלן אַן איינהייט־לעכע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל צונויפגעשטעלט ווערן סיי פון די מיטגלידער פון די עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע פּאַרטייען און סיי פון אומפּאַרטייאישע יחידים, וואָס אָנערקענען די פּרינציפּן פונעם ציוניזם. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס טאָר נישט אַ איד, וועלכער באַטייליקט זיך אין טעטיקייטן פאַר ארץ־ישראל, וועלכער האָט ליב ארץ־ישראל און וויל נישט געהערן צו וועלכער עס איז באַשטימטער ציוניסטישער פּאַרטיי — פאַרוואָס טאָר ער נישט זיין אַ מיטגליד אין דער ציוניסטישער לאַנד־אָר־גאַניזאַציע ? און וועגן דעם און נאָר וועגן דעם גייט דער וויכוח. און נאָך עפּעס : פאַרוואָס דאַרפן די רעפּרעזענטאַנטן פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע באַשטימט ווערן בחדרי־חדרים דורך אַ פּאַרטייאישן אַפּאַראַט און מען טאָר זיי נישט באַשטימען אין אַלגעמיינע וואַלן דורך אַלע ציוניסטן אין יענעם לאַנד ?

עס זיינען פאַראַן ברייטע קרייזן אידן אין פאַרשיידענע לענדער, וואָס זיינען צוגעבונדן צו ארץ־ישראל, צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָבער זיי ווילן נישט זיין קיין מיטגלידער אין אַ באַשטימטער פּאַרטיי. די דאָזיקע דערשיינונג קען מען געפינען אין אַלע לענדער. מיר מעגן זיין צופרידן דער־מיט אָדער נישט, אָבער דאָס איז אַ פאַקט. און אָט קומען אַ סך צווישן אונז און ווילן נישט אָנערקענען די דאָזיקע פאַקטן. און באמת, אויב איר וועט נעמען אין אַכט, אַז די צאָל שקל־צאָלער איז גרעסער ווי די צאָל אָפיציעלע מיטגלידער וואָס געהערן צו די ציוניסטישע פּאַרטייען דאָרט — וועט איר זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דעם. וואָס נוצט עס, אַז מען וויל נישט אָנערקענען פאַקטן ? דורך דעם שוואַכט מען בלויז אָפּ די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע. „מזרחי" און מפ"מ האָבן אַ פאַרויסבאַשטימטע מיינונג, אַז די

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין אַ קאָנפעדעראַציע פון פּאַרטייען און אַז די אַרבעט זאָל טאָן יעדע פּאַרטיי באַזונדער — און דעריבער איז פּאַר־שטענדלעך זייער קעגנערשאַפט. איך קען אָבער נישט פאַרשטיין די אַלגע־מיין־ציוניסטן און „הדסה״ — פאַרוואָס קענען זיי נישט מסכים זיין צו אַזאַ פּרואוו, וואָס אַ דאַנק אים קען זיין, אַז מיר וועלן קענען שאַפן אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג אין אַלע לענדער. זיי זיינען דאָך פאַר אַלגעמיינקייט, זיי רייסן דאָך איין וועלטן קעגן איבערגעטריבענער פּאַרטייאישקייט, זיי באַרימען זיך דאָך שטענדיק, אַז זיי פאַרטיידיקן די רעכט פון דעם סתם איד, וואָס איז נישט געבונדן צו אַ פּאַרטיי.

מיר האָבן אין אונזער באַשלוס נישט באַשטימט, אַז קיין ציוניסטישע פּאַרטייען זאָלן מער נישט עקזיסטירן; אין דער קאָמיסיע איז דאָס אַפילו נישט באַטראַכט געוואָרן. מיר זאָגן בלויז, אַז אַלע ציוניסטן דאַרפן זיין אין איין ראַם און וועלן קענען אין איר אַרבעטן געמיינזאַם. אויב מיר שטויסן זיך דערווייל אָן אויף שוועריקייטן (אין אַמעריקע), דאַרף מען זיך דערמיט רעכענען, אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר נישט קענען אויסקלייבן אַ געמיינזאַמע אינסטאַנץ אין לענדער ווי בראַזיל, פראַנקרייך, קובא אָדער שוועדן וכדומה? דאָס איז אומפאַרשטענדלעך.

איך בין איבערצייגט און זיכער, אַז איר וועט נאָך קומען צו דער דאָזי־קער דערקענטעניש (און אפשר זיינען אַ סך פון אייך טיף אין האַרצן שוין איצט דערגאַנגען צו איר), אָבער מיר קענען פאַרשפּעטיקן. און מיר ווילן, מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו שאַפן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם צום נוצן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, כל זמן מיר האָבן נאָך נישט פאַרשפּעטיקט.*

---

* דער קאָנגרעס האָט דעם פאַרשלאַג פונם רעפערענט אָפּגעוואָרפן. ערשט אויף דער סעסיע פונם אַקציאָנס־קאָמיטעט, אין דעצעמבער 1953, איז באַשלאָסן געוואָרן אַן ערשטער באַשיידענער שריט אין דער פראַגע פון מיטגלידערשאַפט פון יחידים אין ציוניסטישן לאַנד־פאַרבאַנד. דער באַשלוס זאָגט: „די פראַגע פון דער צוגעהעריקייט פון ציוניסטן יחידים, וואָס זיינען נישט אָרגאַניזירט אָדער מיטגלידער אין אַ וועלכער עס איז ציוניסטישער פּאַרטיי אָדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועט אַנטשיידן ווערן אין יעדן לאַנד, לפי די באַדינגונגען וואָס הערשן אין דעם לאַנד, דורך דער מערהייט ציוניסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אין דער לאַנד־ראַם. אויב זיי וועלן נישט דערגיין צו אַ פּאָזיטיוון באַשלוס וועגן פּערזענלעכער צוגעהעריקייט — וועט די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע וועגן דעם באַשליסן״.

מער אינטערעס פאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ *

עס וועט נישט זיין גוט פאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, אויב די ענינים וועלן זיך ווייטער פירן ווי ביז איצט. עס האָט אויך נישט קיין זין צו באַרירן ביי דער זיצונג זייטיקע ענינים, ווייל די הויפּט־פראַגע, די ווייטער־אַרבעט פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, שטייט פאַר אונז אין איר גאַנצער שאַרפקייט.

איז נויטיק אַ באַוועגונג אין פּאַרטייאישע ראַמען?

איז נויטיק איצט אַ באַוועגונג אין חוץ־לארץ אין פּאַרטייאישע ראַמען, אויסער די יוגנט־באַוועגונגען, די ליגעס פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און די הסתדרות־קאַמפּיינען, — אָדער איז שוין פאַרביי די צייט פון פּאַרטייאי־שער אָרגאַניזירונג אין חוץ־לארץ? די אויספירן פון אונזער זיצונג זיינען אָפּהענגיק, קודם־כל פון דער מסקנה, צו וועלכער מיר וועלן קומען אין דער דאָזיקער עיקרדיקער פראַגע. מיין מסקנה אין דער פראַגע איז קלאָר: איך בין פאַר אַ פּאַרטייאישער ראַם אויך אין חוץ־לארץ, און דעריבער האַלט איך, אַז מען דאַרף קומען צו די מסקנות, וואָס אַט אַזאַ צוגאַנג איז מחייב: פלעגן און שטאַרקן אונזערע פּאַרטייען אין חוץ־לארץ. מיר אָנערקענען אַלע, אַז די פּאַרטיי איז דער הויפּט־כוח פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. דערין שטעקט אין אַ גרויסער מאָס דער סוד פון אונזער דערפאָלג אין לאַנד, דאָס מיינט נישט, אַז מיר אונטערשעצן די איבעריקע איינפלוס־קאַנאַלן, און קודם־כל די הסתדרות. ווידמען מיר דאָך דער הסתדרות אונזערע בעסטע כוחות, און עס וועט דאָך קיינעם נישט איינפאַלן, אַז דער וואָס שטאַרקט די פּאַרטיי דערשאַצט נישט די חשיבות פון דער הסתדרות, אַלס אַ גאָר וויכטיקן מקור פון אונזער כוח, אָבער דער הויפּט־אָנשפּאַר — איז די פּאַרטיי.

דאָס זעלבע גילט אויך מכוח דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. די ווירקלעכקייט האָט אונז באַוויזן, אַז אויך אין די לענדער איז פאַראַן אַ נויט־ווענדיקייט אין אַ שטאַרקער און אַקטיווער פּאַרטיי. עס שטייגט פון טאָג צו טאָג די וויכטיקייט פון אַן ענגער פאַרבינדונג צווישן דער מדינה און וועלט־

---

* אויסצוגן פון אַ רעפעראַט אין פעברואַר 1952.

אידנטום. אַ סך פון אונזערע שוועריקייטן זיינען אַ רעזולטאַט דערפון וואָס אונזער שטיצפּונקט אין חוץ־לארץ איז נישט גענוג פעסט. אַ שטאַרקע פּאַרטיי איז דער הויפּט־רינג פון אַזאַ אָנשפּאַר. עס זיינען נישט גענוג אַלגעמיין־אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען און אַן אויפקלערונג, וואָס ענטפערט נישט קלאָר אויף פּראָבלעמען און ענינים. מיר דאַרפן האָבן אַ פולע מעגלעכקייט אויפּ־צוטרעטן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי און דערציילן קלאָר, וואָס די פּאַרטיי טוט אין לאַנד, וואָס זי וויל טאָן, וואָס זיינען אירע פּלענער, וואָס טוען אירע חברים אין דער רעגירונג, אין דער כנסת, אין דער הסתדרות א.אַ.וו. דאָס איז היינט באַזונדערס וויכטיק, ווייל דער הויפּט־וויכוח אין חוץ־לארץ פירט זיך אַרום דער טעטיקייט פון דער רעגירונג, אַרום דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי אין דער כנסת און אין דער הסתדרות. אין דער פראַגע שטייט אונזער פּאַרטיי אין יעדן לאַנד אויף דער ערשטער ליניע פון אַ קאָנצענטרירטן אָנגריף קעגן איר. אַזוי ווי די פּאַרטיי אין לאַנד, דאַרפן אויך אונזערע פּאַר־טייען אין חוץ־לארץ זיך אַנטקעגנשטעלן דער העצע קעגן דער רעגירונג (און פּאַקטיש איז אויסער איר נישט פאַראַן קיין אַנדער כוח, וואָס נעמט דאָס אויף זיך) — און דאָס קען געמאַכט ווערן נאָר דורך אַ פּאַרטיי און נישט דורך אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַן „אַלגעמיינער" ראַם.

די אידן אין אויסלאַנד האָבן ליב די מדינה און באַציען זיך מיט אַכטונג און סימפּאַטיע צו איר רעגירונג און פירער, אָבער זיי זיינען צעטומלט פון דער שפע ליגנערישע ידיעות, וועגן דעם וואָס קומט פאָר אין לאַנד; ידיעות וועלכע שילדערן אַלץ אין די סאַמע שוואַרצע פאַרבן, אָן איין ליכט־שטראַל. דאָס איז די סיבה וואָס עס וואַקסט די צאָל אידן, אפילו ציון־טרייע אידן, וועלכע זיינען אינדיפערענט און פּאַסיוו אויפן געביט פון ציוניסטישער טעטיקייט. אמת, זיי שפּענדן פאַר די ארץ־ישראל־קאַמפּיינען, אָבער דאָס מיינט נישט, אַז זיי באַציען זיך מיט כבוד צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אָדער צו די זאַמלער. די קאַמפּיינען קענען מער נישט דינען אַלס מאָסשטאַב פאַר דעם כוח פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין קיין שום לאַנד. דאָס איז דער איינדרוק וואָס איך האָב באַקומען אין אַ ריי לענדער. אין ענגלאַנד, צום ביישפּיל, וואו ס'איז פאַראַן איינע פון די בעסטע ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציעס, האָבן מיר חברים געזאָגט בפירוש, אַז מען דאַרף נישט אידענטי־פיצירןביידע זאַכן: ביישטייערונגען פאַר די קאַמפּיינען איז איין זאַך — און ציוניסטישע אַקטיוויטעט אַ צווייטע. דעריבער דאַרף מען נישט זען אין קאַמפּיין דעם בויטיקן באַוועגונגס־אָנשפּאַר, נישט פון שטאַנדפּונקט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל און נישט פון אונזער באַוועגונג בפרט.

באַזוכן אין לאַנד זיינען נאָך נישט גענוג

געווען אַמאָל אַ גלויבן, אַז שוין די עצם באַגעגעניש מיטן לאַנד האָט אַ גוטע ווירקונג אויף די אידן פון חוץ־לארץ און, אַז מען דאַרף זיך נאָר באַמיען עס זאָלן קומען אַהער געסט, זיי וועלן דאָס לאַנד — דאַן וועלן זיי במילא באַאיינפלוסט ווערן און פאַרבינדן זייער לעבן מיטן לאַנד. אַ צייט לאַנג איז טאַקע געווען אַזוי, און אַ סך מענטשן, וואָס האָבן באַזוכט דאָס לאַנד זיינען געוואָרן פריינט און שטיצער פון אונזער ווערק. זיי האָבן אונז אַ סך געהאָלפן און אַפילו אַליין עולה געווען. עס איז געווען גענוג זיי זאָלן זען אונזער ווערק אין די שטעט און קאָלאָניעס, די קיבוצים און די הסתדרות. איצט איז אָבער די לאַגע אַן אַנדערע. אַ באַזוך אין לאַנד ביים היינטיקן טאָג מוז באַגלייט ווערן מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקער אויפקלערונג — פריער אין חוץ־לארץ און נאָכדעם אין ישראל גופא. אַנדערש קען דער באַזוך אויך משפּיע זיין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אין אַ ישוב פון קרוב אַנדערטהאַלבן מיליאָן נפשות, וואָס אַ העלפט פון זיי זיינען נייע עולים, זיינען פאַראַן כלערליי דערשיינונגען און נישט אַלץ איז לויטער גאָלד, אַזוי ווי עס שטעלן זיך אפשר פאָר מענטשן וואָס די פּראָבלעמען פון לאַנד זיינען זיי נישט גענוג קלאָר.

דער 23־טער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט נישט געהויבן דעם פּרעסטיזש פון ציוניזם אין גלות, און שפּעטער איז אויך גאָרנישט געטאָן געוואָרן, כדי צו שטאַרקן דעם כוח פון ציוניזם אין חוץ־לארץ. עס האָט זיך אויך נישט באַשטעטיקט די האָפענונג, אַז אונזער וועלט־קאָנפערענץ וועט דינען ווי אַ ווענדפּונקט צום גוטן בנוגע אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. די שוועריקייטן, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר אונז פריער, און אויף וועלכע מיר האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט פאַר און אויף דער וועלט־קאָנפערענץ, נישט נאָר וואָס זיי האָבן זיך פאַרקלענערט, נאָר זיי האָבן זיך פאַרגרעסערט — און עס מערקן זיך די ספקות וועגן דעם המשך פון אונזער אַרבעט ביי די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען.

אונזער באַוועגונג — דער איינציקער טרייער אָנלען

די דאָזיקע פאַרנאַכלעסיקונג איז נאָך מער פיינלעך, ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז אין חוץ־לארץ איז דאָך פאַראַן אַ גוטע באַוועגונג, וואָס קען געבן אַ סך דער מדינה, דער הסתדרות און דער פּאַרטיי אין לאַנד. נישטאָ קיין טרייערער אָנלען אין חוץ־לארץ פאַר דער מדינה, רעגירונג און אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווי אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ —

און זי איז אָפּט דער איינציקער טרייער אָנלען. מיר ציילן אין לאַנד איבער 400 טויזנט הסתדרות־מיטגלידער, איבער 100 טויזנט פּאַרטיי־חברים,* — און דעריבער מאַכט נישט קיין גרויסן איינדרוק די צאָל אָרגאַניזירטע חברים פון אונזערע פּאַרטייען אין אויסלאַנד. מיר דאַרפן אָבער געדענקען דעם אומגעהויערן אונטערשייד צווישן דעם אידישן לעבן אין לאַנד און אין אויס־לאַנד, און קודם־כל דעם פאַקט וואָס די גרויסע מערהייט פונם פאָלק אין חוץ־לאָרץ איז נישט אָרגאַניזירט. אָבער אויך אין צאָל איז אונזער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ נישט קיין מבוטלדיקער כוח, באַזונדערס אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען. מיר האָבן עס געזען בעת די וואַלן צום ציוני־סטישן קאָנגרעס אין די לענדער, אין וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען וואַלן. ווען מיר מאָביליזירן זיך צו אָנשטרענגונגען אין חוץ־לאָרץ און ווידמען דערויף די געהעריקע מיטלען — אַנטוישן נישט די רעזולטאַטן. אויב מיר זיינען דערגאַנגען דערצו, אַז אין לענדער ווי אַרגענטינע, בראַזיל, פראַנקרייך, האָלאַנד האָבן מיר אין די וואַלן צום לעצטן קאָנגרעס באַקומען אַרום ⅓ און מער פון אַלע שטימען, באַווייזט עס, אַז אין דעם טייל, וואָס איז אָרגאַ־ניזירט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז פאַראַן אַ צוטרוי צו אונזער באַוועגונג, און אַז אונזערע חברים זיינען גרייט זיך איינצושפּאַנען אינם יאָך פון די פליכטן, וואָס מיר לייגן אַרויף אויף זיי. אין פראַנקרייך, וואו ס׳איז בכלל זייער שווער צו אָרגאַניזירן אידן, איניצירן איצט אונזערע חברים די שאַפונג פון אַ קהלה פון מזרח־אייראָפּעאישע אידן; און דאָס אין אַ לאַנד, וואו עס איז אוממעגלעך געווען צו שאַפן אַ קהלה אַפילו אין די צייטן פון אַקטיווסטן אידישן לעבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נישט אמת, אַז מיר קענען נישט דערגרייכן יוגנט־שיכטן

צווישן אונזערע חברים איז פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז מיר זיינען נישט ביכולת צו דערגרייכן די יוגנט־שיכטן אין חוץ־לאָרץ, באַזונדערס יענע, וועלכע ריידן נאָר אין דער לאַנד־שפּראַך. כ׳וועל מיך איצט נישט אָפּ־שטעלן אויפן פּראָבלעם פון דער יוגנט בכלל, איך וויל בלויז דערמאָנען איר גרויסע חשיבות פאַר אונזער באַוועגונג. עס זיינען געמאַכט געוואָרן—און מיט דערפאָלג — פּרואוון צו גרינדן אַ יוגנט־קאַדר פון דער פּאַרטיי, בחורים און מיידלעך אין עלטער פון 18—25, אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, דרום־אַפריקע און אַרגענטינע. אָפּט זיינען אויך פאַראַן מערקווירדיקע דערשיינונגען: אַ סך

* אַנהויב 1954 האָט די הסתדרות געציילט 480 טויזנט מיטגלידער און די פּאַרטיי — איבער 130.000 מיטגלידער.

יאָרן האָבן מיר זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן פראַנצויזיש־רײדנדיקע אידן, באַזונדערס יוגנטלעכע. איצט האָבן מיר געשיקט אַהין שליחים פון לאַנד, וועלכע קענען נישט גוט נישט פראַנקרייך און נישט די שפּראַך, אָבער זיי גלויבן אינם כוח פון אונזער באַוועגונג. זיי איז געלונגען, מיט דער הילף פון די אָרטיקע חברים, צו אָרגאַניזירן הונדערטער פראַנצויזיש־רײדנדיקע יוגנטלעכע. געוויס איז עס נישט קיין ריזיקע דערגרייכונג. אָבער עס באַווייזט אַז די מעגלעכקייטן זיינען נישט קליין. אַזאַ פּרוּוו איז אויך געמאַכט געוואָרן — און מיט דערפאָלג — דורך אונזערע חברים אין ענגלאַנד.

אָנהויב נאָוועמבער 1951 האָבן מיר גערופן קיין פּאַריז אַ צוזאַמענפאָר פון אָט די יוגנטלעכע. עס זיינען געקומען דעלעגאַטן פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, שווייץ און האָלאַנד. משה שרת האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם צוזאַמענפאָר, אויך ח׳ זלמן ארן איז דאָרט געווען, און זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז עס איז פאַראַן אַ חשובער און צוזאַגנדיקער קערן, וועלכן מען קען שטאַרקן און פאַרגרעסערן. אַזאַ באַוועגונג פון יונגע מענטשן פאָדערט אַ סך מיטלען, אַ סך מער ווי אַ פּאַרטיי פון דערוואַקסענע. מיר זיינען געזעסן, למשל, אין ענגלאַנד, מיט די יונגע חברים, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּלאַן פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער באַוועגונג—און מען קען זי אין אַ גרויסער מאָס פאַרברייטערן — אָבער מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס פאָדערט אַ גרויסן בודזשעט. מען קען נישט בויען אַזאַ באַוועגונג אָן אַ קלוב, און אין לאָנדאָן קען אַמאָל זיין נויטיק מער ווי איין קלוב. עס זיינען נויטיק שליחים, אינסטרוקטאָרן. אָבער דאָס איז פאַר אונז אין די געגעבענע באַדינגונגען נישט מער ווי אַ טרוים. דאָסזעלבע — אין פראַנקרייך, אַרגענטינע און דרום־אַפריקע. פאַראַן גוטע אָנהויבן, וועלכע קענען דינען ווי אַ באַזיס פאַר אַ גרויסער פאַרברייטערונג פון דער באַוועגונג, אָבער צוליבן מאַנגל אין מיטלען ווערט עס נישט געטאָן.

מיר נויטיקן זיך אין אַן עליה פון יונגע מענטשן, באַזונדערס פון מערב. מען קען אָבער נישט אָרגאַניזירן גרופּן פון יונגע עולים אָן אַ פריי־ערדיקער גרויסצוגיקער אַרבעט. מען קען זיך איצט נישט באַנוגענען מיט אַ סטאַנדאַרד־לייזונג. דער דאָזיקער קרייז פון יונגע מענטשן פאָדערט אַ ספּעציעלן צוגאַנג, צוגעפּאַסט צו יעדן לאַנד באַזונדער, אָפט אַן אינדי־ווידועלן צוגאַנג. אָט האָט זיך אין ענגלאַנד אָרגאַניזירט די ערשטע גרופּע פון דער יוגנט־שיכט פון פּועלי־ציון, וואָס וויל עולה זיין — און מען דאַרף זיך מיט איר מטפּל זיין. אָבער מלכתחילה האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שווערן פּראָבלעם, דהיינו, וויאַזוי איינאָרדענען זיי אין לאַנד, וואָרים זיי

זיינען נישט מסכים צו דער עקזיסטירנדיקער סטאַנדאַרד־לייזונג, דאָס הייסט, זיך אָנשליסן אין אַ קיבוץ אָדער מושב. וואָלט דער פּרוּוו געלונגען, וואָלטן זיך געעפנט ברייטע פּערספּעקטיוון פֿאַר אַן עליה פֿון ענגלאַנד פֿון אָט די יוגנט־שיכטן.

זיי ווילן פֿאַרשטיין וואָס מיר טוען

די סאָציאַלע סטרוקטור פֿון גלות־אידנטום באַשטעטיקט ביז גאָר יעדע אויפֿקלערונגס־אַרבעט פֿון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס זיינען בדרך־כּלל איצט נישט פֿאַראַן קיין גרויסע סאָציאַלע אונטערשיידן צווישן די אידן אין חוץ־לארץ. כּמעט אַלע אידן אין די דאָזיקע לענדער זיינען קליינע אָדער גרויסע סוחרים, קליינע קאַפּיטאַליסטן, האַנטווערקער א. ד. גל. פֿון שטאַנד־פּונקט פֿון זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן זיינען זיי עלול צו שטיצן די אונדז קעגנערישע פּאַרטייען, באַזונדערס אין אַנבליק פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע וואָס עס פֿירט די גרעסטע מערהייט פֿון דער אידישער פּרעסע אין אויסלאַנד וועגן דעם וואָס קומט פֿאָר אין ישראל. זי דערציילט טאָג־טעגלעך, אַז מיר באַציִען זיך מיט אומווילן צו די דאָזיקע קרייזן און ווילן אונטערגראָבן זייער עקזיסטענץ. אָבער אין האַרצן זיינען זיי מיט אונדז. זיי ווילן פֿאַרשטיין ווי געהעריק וואָס מיר טוען, כּדי זיי זאָלן קענען צוזאַמען מיט אונדז אָפּשטויסן די העצע קעגן אונדז, וואָס פֿאַרפּלייצט זיי. און זיי פֿאָדערן פֿון אונדז אַ קלאָרע תשובה, וויאַזוי וועלן מיר זיך מטפּל זיין מיט זייער עליה, נעמענדיק אין אַכט זייערע ספּעציפֿישע באַדינגונגען. זיי באַקומען אָבער נישט קיין צופֿרידנ־שטעלנדיקן ענטפֿער. עס איז נישט לייכט אויפֿצוקלערן די דאָזיקע מענטשן און צי זיי נאָענט־שטייענדיקע קרייזן, פֿאַרוואָס דאַרפֿן זיי געהערן צו אונדזער באַוועגונג און אויפֿהאַלטן אין חוץ־לארץ אַ פּאַרטיי, וואָס אידענטיפֿיצירט זיך אין ישראל מיט מפא״י. אָבער מיר נויטיקן זיך אין זיי, ווייל דאָס זיינען דאָך אונדזערע פֿאַרבינדעטע, און מיר זיינען פֿאַראינטערעסירט אין זייער קומען צו אונדז און אין זייער איינגלידערן זיך אין אונדזער ווערק — און דעריבער איז נויטיק אַ פּאַרטיי־טעטיקייט צווישן זיי.

אָן אַן אָנשפּאַר אין דער אַלגעמיינער פּרעסע ביי אַ פֿאַרנאַכלעסיקונג פֿון דער אייגענער

כּמעט די גאַנצע אידישע פּרעסע אין חוץ־לארץ, סיי אין אידיש, סיי אין פֿרעמדע שפּראַכן, איז קעגן אונדז — דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין בעסטן פֿאַל באַקומען מיר פֿון צייט צו צייט אַ געלעגנהייט אויפֿצוקלערן אונדזער שטעלונג. געוועזן אַ צייט ווען מיר האָבן געקענט אין אַמעריקע,

למשל, איבערנעמען אַ גרויסע אידישע טעגלעכע צייטונג. מיר האָבן עס נישט געטאָן צוליבן חשש, אַז מיר וועלן ווערן אַ צד צווישן די צייטונגען און די אַנדערע וועלן אויפהערן שטיצן דעם הסתדרות־קאַמפּיין. זיינען מיר געבליבן, אָן אַן אייגענער צייטונג. מיר האָבן נישט קיין זיכערן און אידעאיש טרייען אָנשפּאַר אין דער אידישער פּרעסע אין חוץ־לארץ און מיר האָבן נישט געזאָרגט וועגן דעם. מיט גרויסע שוועריקייטן גיבן מיר אַרויס די טעגלעכע אידישע צייטונג אין פּאַריז, די איינציקע טעגלעכע ציוניסטישע צייטונג אין אייראָפּע, וועלכע ווירקט קעגן דער אַנטי־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון דער גוט־פאַרשפּרייטער טעגלעכער צייטונג פון די אידישע קאָמוניסטן אין פּאַריז. מיר גיבן אַרויס אין פּאַריז אַ וואָכנשריפט אין פראַנצויזיש, געווידמעט אויך די לענדער פון צפון־אַפריקע, אַ צוויי־וואָכנשריפט אין ענגלאַנד, אַ מאָנאַטשריפט אין דייטש, אַ גוטע וועכנטלעכע פּרעסע אין נאָרד־אַמעריקע און אַרגענטינע, צוויי־וועכנטלעכע און מאָנאַטלעכע אויסגאַבן אין דרום־אַפריקע, קאַנאַדע און אין אַ ריי לענדער. דאָס אַלץ — אָן הילף פון די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, אין גאָר שווערע באַדינגונגען. דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג אין פּאַריז איז אַ שליח פון איחוד עולמי און אויפן חשבון פון איחוד — און מיר דעקן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם דעפיציט פון דער צייטונג. דאָס־זעלבע אויך לגבי דער פראַנצויזישער צייטונג — און דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. די שווערע פינאַנסיעלע לאַגע דערמעגלעכט נישט איינצופירן די נויטיקע אויסבעסערונגען, איינצופונדעווען אונזער פּרעסע און באַרייכערן איר אינהאַלט. נישט קוקנדיק אָבער דערויף האָט זיך געשאַפן אַ יסוד פון אַ פּרעסע, וואָס דינט לכל הדעות ווי אַ טרייער אָנלען פאַר דער מדינה און רעגירונג, פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און הסתדרות. צי מעגן מיר, צי קענען מיר פאַרזעצן אונזער אַרבעט אין די באַדינגונגען, ווען קיין שום אַלגעמיינער פאַקטאָר, אויסער דעם איחוד עולמי, העלפט נישט אָט דעם אָנשפּאַר? אַ מענטש פון דרויסן וועט נישט גלויבן, אַז אַזוי ווייט גרייכט די גלייכגילטיקע באַציאונג צו אָט דעם וויכטיקן כלי־זיין פון דער באַוועגונג.

עליה פון חברים מיט קליינע קאַפּיטאַלן

אַ וויכטיק און קאָמפּליצירט פּראָבלעם שטייט פאַר אונז: די עליה פון אידן מיט קליינע קאַפּיטאַלן, בעלי־מלאכות, סוחרים א. ד. גל., וואָס זיינען גרייט עולה צו זיין, אויב מיר זאָלן האָבן אַ פּראַקטישן פּלאַן פאַר זייער איינאָרדענונג אין לאַנד. דאָס פאָדערט אַ מאַקסימום פון אינדיווידועלער

אויפמערקזאַמקייט. סטאַנדאַרד־לייזונגען קענען דאָ, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, ווייניק העלפן. עס האַנדלט זיך מכוח גרויסע טיילן פון אונזערע פאַרטייען אין חוץ־לארץ — און קודם־כל בנוגע טרייע חברים וועטעראַנען פון דער באַוועגונג, וואָס פון זיי בעיקר באַשטייען איצט אונזערע פאַרטייען אין חוץ־לארץ.

מיר האָבן געמאַכט אַ פּרואוו צו גרינדן ביים איחוד סעקרעטאַריאַט, מיט אונזערע קליינע מיטלען, אַ ספּעציעל באַראַטונגס־ביוראָ פאַר די קרייזן. האָבן מיר געהערט, אַז די „חברת העובדים" גייט גרינדן אַן ענלעך ביוראָ. אונזערע חברים אין „חברת העובדים" האָבן געטענהט אַז די הסתד־רות קען נישט מוותר־זיין אויף אָט דעם אַרבעטס־געביט. זיינען מיר דערפון צופרידן. מיר ווילן נישט און מיר קענען נישט קאָנקורירן מיט דער „חברת העובדים", נישט מיט מיטלען און נישט מיט כוחות און דערפאַרונג, — האָבן מיר ליקווידירט דאָס ביוראָ ביים איחוד עולמי. דאָס פּאַראַלעלע ביוראָ פון הסתדרות איז ביז איצט נישט געגרינדעט געוואָרן — און אויך דער קליינער אָנהויב פון איחוד עולמי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אמת, דאָס איז פאַרבונדן מיט אויסגאַבן. אָבער די הסתדרות קען נישט זיין פאַרבונדן מיט דער אַרבעט אין חוץ־לארץ נאָר דורך קאַמפּיינען. אין דעם פאַל דראָט דאָך נישט דער הסתדרות דווקא קיין פאַרלוסט, ווייל דאָס איז דאָך אויך פאַרבונדן מיט אינ־וועסטיציעס פון קליין־קאַפּיטאַליסטן, און אויב עס וועט געלינגען זיי צו אָרגאַניזירן אין קאָאָפּעראַטיוון און זיי צו פאַרבינדן מיט דער הסתדרות־אינדוסטריע — וועט דאָס זיין אַ ברכה פאַר דער הסתדרות־ווירטשאַפט. זיינען מיר אַלע פאַראינטערעסירט, אַז די הסתדרות זאָל דעם פּלאַן וואָס גיכער פאַרווירקלעכן...

*

אין דעם רעפעראַט זיינען נאָך באַהאַנדלט געוואָרן פראַגן וועגן דער פינאַנ־סיעלער טעטיקייט פון די פאַרטייען אין חוץ־לארץ פאַר דער הסתדרות און פאַרן איחוד עולמי, ווי אויך ענינים פון דער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. דער רעפערענט האָט געברענגט אַ ריי פאַרשלאָגן, צווישן זיי אַ פאַרשלאָג, וואָס שטרייכט אונטער, אַז די טעטיקייט אין חוץ־לארץ פירט דער איחוד עולמי אַלס די העכסטע אינסטאַנץ פון דער וועלט־באַוועגונג — פון אַלע פאַרטייען, אַריינגערעכנט מפלגת פועלי ארץ־ישראל, און אַ ווייטערן פאַרשלאָג, מכוח שאַפן אַ קאָמפּעטענטע באַוועגונגס־אינסטאַנץ צו באַהאַנדלען און אַנטשיידן וועגן אַקטיוויטעטן וואָס ווערן געפאָדערט פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ און זיי זיינען נוגע דער אַרבעט אין די אויפגאַבן פון אונזערע פאַרטייען אין חוץ־לארץ.

אָרגאַניזירן די תפוצות פאַר דער מדינה *

עס איז נישט גענוג צו הערן אַ ריכטיקע שילדערונג פונם מצב אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער. מיר מוזן אויך אַרויסציען פּראַקטישע אויספירן פון דערדאָזיקער שילדערונג, כדי אויסצובעסערן וואָס עס איז נויטיק אויסצובעסערן.

פונם פאַקט, אַז דער קאַמפּיין פאַר ארץ־ישראל איז מצליח אין אַ לאַנד איז נאָך נישט צו דרינגען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דאָרט שטאַרק. אין דער מגבית פאַר ישראל ווירקן פון זינט דעם אויפקום פון דער מדינה, אַנדערע, זייער וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס זיינען נישט תמיד אידענטיש מיט דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג. כ׳וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז ס׳איז שוין מעגלעך אַ מגבית פאַר ארץ־ישראל אָן דער ציוניסטישער באַוועגונג. מען דאַרף אָבער נישט צונויפמישן די צוויי פּרשיות. איך וויל נישט מינערן דעם ווערט פון דער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע פאַרן פאַרייניקטן ארץ־ישראל־קאַמפּיין, אָבער עס איז אַלעמען באַקאַנט, אַז נישט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, אין אַלע אירע טיילן, באַשטימט דעם דערפאָלג פון דער מגבית. פונדעסטוועגן איז פאַרשטענדלעך, אַז אויך דאָרט וועט די מגביתליידן, אויב עס וועט נישט זיין אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג. אמת, די מגבית האָט אירע אייגענע געזעצן, אָבער אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַ נישט קליינע השפעה אויף דער הצלחה פון דער מגבית. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז אין דער הצלחה פון דער מגבית אין אַמעריקע אַליין איז נישטאָ קיין נחמה, בעת די דאָרטיקע ציוניסטישע באַוועגונג געפינט זיך אין צייכן פון ירידה.

די עקזיסטענץ פון אַ שטאַרקער ציוניסטישער באַוועגונג איז אַ לעבנסוויכטיקע נויטווענדיקייט פאַר דער מדינה. מען זאָגט אונז, אַז אין דער רעגירונג זיינען כלומרשט פאַראַן חברים, וואָס זעען נישט די חשיבות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז דאָס איז ריכטיק. טאָ וואָס־זשע באַווייזט דאָס? די מדינה איז דאָך נישט קיין קנין בלויז פון די חברים אין דער רעגירונג — עס איז אונזער אַלעמענס מדינה. אויב

---

* אויף אַ זיצונג פון איחוד־עולמי אַנהויב מערץ 1952.

מיר קומען צום איינזען, אַז די עקזיסטענץ פון אַ שטאַרקער און אַקטיווער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז אַ נויטווענדיקייט פאַר דער מדינה — מוזן מיר טאָן אַלץ, כדי צו שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג. מעג דער אָדער יענער חבר קוקן מיט אַ גוט אָדער מיט אַ שלעכט אויג אויף דעם, — אויב מיר לעבן אינם באַוואוסטזיין, אַז עס איז אַ שאָדן און אַ סכנה פאַר דער מדינה, אויב עס וועט נישט זיין אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג, מוזן מיר טאָן אַלץ, כדי צו פאַרמיידן דידאָזיקע געפאַר.

דער העצע קעגן דער ישראל־רעגירונג, וואָס פירט זיך איצט אין גרויסן פאַרנעם אין די תפוצות, קען זיך אַנטקעגנשטעלן נאָר אַ שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס וועט אַרומנעמען די מערסטע אידן אין די לענדער. איצטער זעען מיר וויאַזוי, פון איין זייט, פירט זיך אַן אומגע־צוימטע העצע קעגן דער רעגירונג, און פון דער צווייטער זייט, איז נישטאָ קיין שטאַרקע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס זאָל וועלן און זאָל זיין בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דערדאָזיקער העצעריי — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל רעאַגירן דורך אויפקלערונג־ און דערציאונג־טעטיקייט, און זאָל פאַרהיטן די טרויעריקע רעזולטאַטן, וואָס אַזאַ העצעריי ברענגט מיט זיך. ברייטע קרייזן געפינען זיך דעריבער אין אַ מבוכה, וואָס פירט צו גלייכגילטיקייט; דער פרעסטיזש פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַלט. אין אָט דעם שווערן מצב פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג שטייען מיר פאַר אַ פאַקט, אַז אין משך פון חדשים ווערט אויף די זיצונגען פון דער ציוניסטישער עקזעקו־טיווע, נישט באַהאַנדלט דידאָזיקע פראַגע און אויך נישט דער מצב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער. מען רעדט אַ סך וועגן זאַכן, וועלכע זיינען פאַר זיך אַליין אוודאי וויכטיק ביז גאָר, אָבער צו דערדאָזי־קער פראַגע קומט מען נישט.

די ציוניסטישע אָנפירונג מוז האָבן מוט צו זען די ווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז און וויסן, וואָס איז דער ברענפּונקט פון אירע אויפגאַבן. זי מוז זען די זאַכן אַזוי ווי זיי זיינען, און אַרויסציען פון זיי די מסקנות.

*

וואָס זיינען די ענינים, וועלכע די ציוניסטישע לייטונג איז, לויט מיין מיינונג, מחויב ביים היינטיקן טאָג אַוועקצושטעלן אין אויבן־אָן פון אירע זאָרגן? לאָמיר דאָס זאָגן אין אַ דראַסטישער פאָרם: די ציוניסטישע לייטונג בויט נישט די מדינה. דאָס איז איצט נישט איר אויפגאַבע. דערויף איז פאַראַן די רעגירונג פון מדינת ישראל. איך זאָג דאָס נישט, ווייל דאָס איז נישט איר, דער עקזיקוטיווע, עסק: דאָס דאַרף איר אַוודאי שטאַרק

אַנגיין, אָבער נישט צוליב דעם עקזיסטירט זי. פאַר דעם צוועק עקזיסטירן די מדינה און איר רעגירונג. די אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז איצט, נאָכן שאַפן די מדינה, צו אָרגאַניזירן דאָס פאָלק אין די תפוצות — פאַר דער מדינה, פאַר שיבת ציון, צו שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פונם פאָלק, צו שטאַרקן זיין נאַציאָנאַלע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון אידישן לעבן. טוט זי דאָס נישט — דערפילט זי נישט איר אויפגאַבע. איך ווייס, אַז אַזאַ צוגאַנג פאָדערט מען זאָל שטאַרק גובר זיין, איבער זיך גופא,וואָרים ביי אַ סך פון די פירנדע מענער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון די אַקטיוויסטן פונם ציוניזם אין די גלות־לענדער איז פאַראַן אַ געפיל, אַז מען האָט זייער קאָמפּעטענץ געשמעלערט, אַז מען האָט זיי דערווייטערט פון פּאָליטישער השפּעה. זיי קענען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז זיי זאָלן מער נישט באַשטימען די ענינים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן אויפבוי פון דער מדינה, מיטן מצב פון דער מדינה א.אַ.וו. עס איז זיי שווער שלום צו מאַכן מיטן פאַקט, אַז אַנשטאָט דעם האָבן זיי זיך צו פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן די ציוניסטישע באַוועגונג, מיט אָרגאַניזירן דאָס אידישע פאָלק פאַר דער מדינה, פאַרן ציוניזם.

איך האָב אין די טעג פונם ציוניסטישן קאָנגרעס נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מוזן מיר אַריינגעמען די ענינים פון עליה־אויפנעם אין די טעטיקייט־געביטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, בעת אינדעראמתן ווייסט יעדער פון אונז זייער גוט, אַז נישט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע קען באַשטימען אין אָט דער פראַגע. עס קען זיין, אַז דאָס איז וויכטיק פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע לטובת דער מגבית, אָבער צווישן אונז מוז לכל הפחות קלאָר זיין, אַז נישט די ציוניסטישע באַוועגונג איז די, וואָס באַשטימט דידאָזיקע ענינים. איז דען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע בכוח צו באַשטימען דעם פאַרנעם פון דער באַשעפטיקונג אין לאַנד ; צו באַשטימען שטחים פאַר שיכון א.א.וו.? איז דען זי בכוח צו אָרגאַניזירן אַ רעטונגס־טעטיקייט בעת אַ פאַרפלייצונג אין דער רעגן־צייט, צו זאָרגן פאַר אַ גיכן איבערפירן די געטראָפענע אין אַנדערע פלעצער א.א.וו.? דאָס באַשטימט דאָך די רעגירונג. צו וואָס זאָלן מיר קינסטלעך אויפבלאָזן, אָן שום נויטיקייט, דעם אַפּאַראַט פון דער סוכנות ? אין דער אידישער אַגענץ אַרבעטן איצט אַרום 5.000 מענטשן, און דערפון קרוב צו 2.000 אינם אויפנעם־אָפּטייל. * מיר מוזן זיך צוגע־

* די צאָל אָנגעשטעלטע אָנהויב 1954 איז געווען 3600, דערפון אינם אויפנעם־אָפּטייל 800.

וואוינען צום געדאַנק, אַז ווײַבאַלד דער עולה קומט אין לאַנד אַריין, ענדיקט זיך דער ענין פאַר דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און דאָס פאַרנעמען זיך מיט אים גייט אַריבער צו דער רעגירונג. עס קען זיין, אַז אויפן געביט פון התישבות — דעם שאַפן פון נייע קאָלאָניזאַציע־פונקטן — איז נויטיק אַן אַנדערער צוגאַנג, דהיינו: אַז דאָס איז די אויפגאַבע און עס ליגט אין די טעטיקייט־ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער די אויפנעם־טעטיקייט קען, לויט מיין מיינונג, נישט זיין מער אין די ראַמען פון די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך פאַרנעמען מיט אַלע מכשירים, וואָס שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג איז חוץ־לארץ און וואָס אָרגאַניזירן דאָס פאָלק צו נאַציאָנאַלער טעטיקייט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אינטערעסירט אין דער שטאַרקונג פון אַלע ציוניסטישע פאַרטייען. און וואָס ס'איז גוט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אויך גוט פאַר אונזער באַוועגונג. עס אַרט מיך נישט, אויב אַן אַנדערע פאַרטיי ווירקט פאַרן ציוניזם מיט עפּעס אַ קאָנסטרוקטיווער און נוציקער טעטיקייט, העלפט איר די ציוניסטישע עקזעקוטיווע. אויב, למשל, אַ ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע גופא קען נישט אויפבויען אַ פּרעסע, איז עס די פליכט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צו אונטערשטיצן מיט אַ ברייטער האַנט די עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע פּרעסע פון די ציוניסטישע פאַרטייען, — זעלבפאַרשטענדלעך, מיטן באַדינג אַז די לעצטע פירט אַ פּאָזיטיווע אויפקלערונגס־אַרבעט לטובת דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער מדינה. איז עס דען נישט אַ סאַ־באָטאַזש לגבי אונזער ווערק, אַז טאַקע אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן מיר נישט קיין איינציקע גרויסע אידישע טאָג־צייטונג, וואָס זאָל שטיין אינגאַנצן צו אונזער דיספּאָזיציע. מען קען נישט באַרעכטיקן דעם מצב, אַז בעת עס עקזיסטירט אין אייראָפּע בלויז איין ציוניסטישע טאָג־צייטונג און זי שטייט טאָג־טעגלעך פאַר דער סכנה געשלאָסן צו ווערן, צוליבן פעלן פון מיטלען, העלפט מען נישט אָט דער צייטונג.

*

עס איז נויטיק צו ענדערן די אַרבעטס־שיטות אין דער ציוניסטישער לייטונג גופא. פאַקטיש עקזיסטירט ביים הייגטיקן טאָג נישט איין לייטונג, נאָר אַ פאָר לייטונגען. יעטווועדער דעפּאַרטאַמענט איז אַן אָפּגעזונדערטע ציוניסטישע לייטונג מיט אַ באַזונדערער פּאָליטיק. מיר מוזן דערגיין אין

---

* פּלענום פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע 3—6 מערץ 1952.

דער נאָענטער זיצונג פון דעם פּלענום * צו קאָנקרעטע אויספירן בנוגע אַ ראַדיקאַלן שינוי אויף דעם געביט. עס קען זיין, אַז אַמאָל איז אַזאַ אַרבעטס־אָרדענונג געווען גוט און פּראָדוקטיוו פאַר דער עצם אַרבעט, און אַז אַזוי האָט מען געדאַרפט בויען די אַרבעט. אָבער ביים היינטיקן טאָג איז דאָס זייער שלעכט און שעדיקט די עצם אַרבעט. שלעכט איז די אָרדענונג אין דער עקזעקוטיווע, אויב יעדער עקזעקוטיוו־מיטגליד, וואָס איז אַ דעפּאַר־טאַמענט־שעף, איז באַרעכטיקט צו טאָן אין זיין אָפּטיילונג וואָס עס געפעלט אים, סיי אויפן אַדמיניסטראַטיוון געביט און סיי אויף אַלע אַנדערע געביטן. די איבעריקע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע מישן זיך דערין נישט אַריין, און מען באַראַט זיך נישט מיט זיי און זיי ווייסן גאָר ווינציק, וואָס עס טוט זיך אין די אַנדערע דעפּאַרטאַמענטן.

אַזאַ ענדערונג איז אפשר עלול צו שעדיקן אונז פון פּאַרטייאישן שטאַנדפּונקט, וואָרים אויב מיר וועלן פאָדערן אַ קאָאָפּעראַציע אין אַן אָפּ־טיילונג, אין וועלכער מיר זיינען נישט באַטייליקט, וועלן מיר דאַרפן קאָאָ־פּערירן מיט אַנדערע אויך אין די איבעריקע אָפּטיילונגען, וואָס געפינען זיך אין די הענט פון אונזערע חברים. אָבער איך זע נישט וואָס מיר האָבן צו פאַרבאַהאַלטן אין דעפּאַרטאַמענטן, וועלכע ווערן געפירט דורך אונזערע חברים און וועלכן פּאַרטיי־נוצן מיר האָבן דערפון, אַז אונזערע חברים, אַלס יחידים, לייטן עטלעכע דעפּאַרטאַמענטן, בעת דערפאַר זיינען מיר אויסגעשלאָסן פון אַ פּאָר וויכטיקע אָפּטיילונגען ווי: עליה, יוגנט־עליה, אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן דעם הויפּט־קאָנטאַקט מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די תפוצות, און מיר האָבן אַזאַ שטאַרקן אינטערעס אין דידאָזיקע טעטיקייט־געביטן.

די עקזיסטירנדיקע שיטה פירט אויך צו אַ מצב, אַז יעדער דעפּאַר־טאַמענט באַקומט פון פאָרויס אַ פּאַרטייאישן שטעמפּל. צום ביישפּיל, עליה — אַלץ וואָס עס ווערט געמאַכט אינם עליה־דעפּאַרטאַמענט, ליגט אין די הענט פונם „מזרחי״ און דער „מזרחי״ שטיצט במילא אַלץ, וואָס דער דעפּאַרטאַ־מענט־לייטער טוט. אַנטקעגן דעם ווייסן „מזרחי״ מענטשן פון פאָרויס, נישט אַריינגייענדיק אינם עצם ענין, אַז זיי מוזן זיין קעגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אינם יוגנט־ און החלוץ־דעפּאַרטאַמענט, היות אונזער חבר שטייט אין זיין שפּיץ. דערין שטעקט אַ שטאַרקער שאָדן פאַרן עצם ענין און דאָס שעדיקט דער אַרבעט פונם דעפּאַרטאַמענט. פון איין זייט זיינען מיר אויסגעשלאָסן פון אַ ריי ענינים, וואָס זיינען לעבנסוויכטיק, פאַר דער באַוועגונג אין די תפוצות, און פון דער צווייטער זייט, איז קיין ספק נישט, אַז אין אַזאַ אַט־

מאָספּער קענען מיר נישט אויפבויען אַ שטאַרקע חלוצישע באַוועגונג. מוז די פּראַקטישע אַרבעט זיין געבויט אויפן פּרינציפּ פון קאָאָפּערירן אין יעדן דעפּאַרטאַמענט. דאָס וועט שטאַרקן דעם צוטרוי און די אַרבעטס־טיכטיקייט און וועט פאַרמיידן אַ שעדלעכע סאָבאָטירנדיקע, קעגנזייטיקע קאָנקורענץ. איז דאָך אונזער פליכט אויפצובויען און אויפצושטעלן די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער, וואָס געפינט זיך אין אַ מצב פון אָפּשוואַכונג.

מיט יאָרן צוריק, איז דער אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין די לענדער. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער זיינען הויפּטזאַכלעך נאָר מיט אָט דעם דעפּאַרטאַמענט געשטאַנען אין קאָנטאַקט. ער איז געווען דער איניציאַטאָר און אינסטרוקטאָר אין אַלע אַקטיוויטעטן. אין משך פון די יאָרן איז זיין ווערט געמינערט געוואָרן. איז נויטיק צו הויבן דעם פּרעסטיזש פונם אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט און אים אַקטיווירן. מיר זיינען עדות דערפון, אַז די אַרבעט אין דאָזיקן דעפּאַרטאַמענט ווערט געמאַכט זינט יאָרן אַזוי ווי פאַר־בייגייענדיק. אַ חבר פון דער עקזעקוטיווע, וואָס שטייט אין דער שפּיץ פון אַ צווייטן טעטיקייטס־געביט, פאַרנעמט זיך אויך מיטן אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט. מען טאָר נישט שלום מאַכן מיטן דאָזיקן מנהג, אַז חברים פון דער עקזעקוטיווע נעמען אויף זיך די פאַרוואַלטונג פון אַ פּאָר דעפּאַר־טאַמענטן, וואָרים ביי זייער בעסטן ווילן קענען זיי אַפילו ריין פיזיש נישט אַרומנעמען די אַלע פונקציעס און זיך אָפּגעבן מיט זיי ווי געהעריק.

פאַר אונז שטייט אויך דאָס פּראָבלעם פון דער אַדמיניסטראַציע אינם קרן הקיימת. אונזער באַוועגונג איז כמעט אויסגעשלאָסן פון דאָזיקן טעטי־קייטס־געביט. מיר זיינען, וואָס אַן אמת, פאַרטראָטן אין דער הויפּט־לייטונג פונם קק״ל דורך בכבודיקע חברים מיט סטאַזש, וואָס זיינען זייער געטריי דער אינסטיטוציע און דער באַוועגונג, אָבער זיי פאַרנעמען זיך נישט און זיי אינטערעסירן זיך נישט מיט דער טאָג־טעגלעכער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט פון דערדאָזיקער אינסטיטוציע. קרן קיימת לישראל איז אַ קאָלאָ־סאַלער אַדמיניסטראַטיווער אינסטרומענט. ער גיט אַרויס אַ ברייטע ליטע־ראַטור, שיקט שליחים אין די פאַרשיידענע לענדער א.א.וו. פון אונזערע חברים זיצן דאָרט, ווי געזאָגט, זייער וויכטיקע פּאָרשטייער, אָבער זיי נעמען נישט קיין אָנטייל און זיי ווייזן נישט אַרויס קיין שום אַקטיוויטעט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעל־אויפקלערנדיקער טעטיקייט. מוזן מיר דאָס ענדערן.

אַ פּול־זיצונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע *

מען דאַרף באַגריסן דעם פאַקט, וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן אַן איינשטימיקער נוסח בנוגע דעם געזעצלעכן סטאַטוס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאָ אין ישראל. דער נוסח איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ גרויסער מערהייט פונם פּלענום פון דער אידישער אַגענטור אויף אירע זיצונגען אין ירושלים. דער דאָזיקער איינשטימיקער נוסח וועט באַטראַכט ווערן אין עטלעכע וואָכן אַרום אויף דער זיצונג פון דער רעגירונג און וועט דערנאָך געבראַכט ווערן ווי אַ געזעץ־פּראָיעקט צו דער כנסת. מען נעמט אָן, אַז דאָס וועט געשען נאָך פאַר דער זיצונג פונם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמי־טעט, וואָס קומט צונויף דעם 7־טן מאַי 1952; דאָס איז אָן צווייפל זייער געוואונטשן. אַ טאָפּלטע באַפרידיקונג איז, וואָס דער דאָזיקער פּראָיעקט איז פאָרמולירט געוואָרן מיטן וויסן און מיט דער אַקטיווער הילף פונם ראש־הממשלה, וואָס נישט ווייניקע האָבן אים געפּרואווט פאָרשטעלן אַלס אַ געשוואוירענעם קעגנער פון געבן אַ געזעצלעכן סטאַטוס אין לאַנד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און כאָטש מיר האַלטן נישט, אַז דער ענין פונם געזעצלעכן סטאַטוס פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע באַשטימט דעם גורל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די גלות־לענדער, ווי מען האָט עס געפּרואווט אָוועקשטעלן אין די לעצטע יאָרן — דאַרף מען פאַרצייכענען מיט סאַטיספאַקציע, אַז דער דאָזיקער ענין וועט מער נישט דינען אַלס טעמע פאַר וויכוחים אויף אַלע ציוניסטישע צונויפקומען און אויך נישט אַלס אויס־רייד צו אַטאַקירן די ישראל־רעגירונג. און הלוואי זאָלן וואָר ווערן די צוזאָגן, אַז דאָס וועט ווערן אַן אינסטרומענט אויף צו שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג און אויסברייטערן אירע ראַמען!

עס איז אויך פאַרשטענדלעך די גרויסע זאָרג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויפן פּלענום פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע וועגן דעם פאַריי־ניקטן ישראל־קאַמפּיין אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די נויטווענדיקייט צו ברענגען צו אַ קאָאָרדינאַציע צווישן דער דאָזיקער טעטיקייט און דער טעטי־

* 6—13 מערץ 1952.

קייט פון דער אומאָפּהענגיקייט־הלוואה (באָנדס), שטייט אויסער יעדן צווייפל. נאָריש און דורכאויס אומלאָגיש איז די מיינונג, אַז עמיץ אין לאַנד איז פאַראינטערעסירט אָפּצושוואַכן דעם פאַרייניקטן קאַמפּיין אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן. עס זיינען נויטיק מאַקסימאַלע אָנשטרענגונגען צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט און צו זיכערן די הצלחה פון די ביידע אונטערנעמונגען אינ־איינעם. און גוט איז, וואָס דער פּלענום פון דער אַגענטור איז זיך פונאַנדער־געגאַנגען מיטן געפיל, אַז עס ווערן געמאַכט אַזעלכע אָנשטרענגונגען.

אויפן פּלענום פון דער עקזעקוטיווע איז דאָסמאָל אויך געפירט געוואָרן אַן ערנסטע דעבאַטע וועגן דער לאַגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. די דאָזיקע דעבאַטע האָט זיך נישט פאַרענדיקט מיט באַשטימטע פּראַקטישע אויספירן — און דאָס דאַרף באַדויערט ווערן. ווארים די לאַגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ פאָדערט דוקא אַזעלכע באַלדיקע מסקנות. פון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען נישט פאַרזען, אַז די פראַגע איז נישט קיין גרינגע און פאָדערט אַז מען זאָל זיך אין איר טיפער און גרינט־לעכער פאַרטראַכטן און אויך צוגרייטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אינסטרומענטן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און איר אָנפירונג זיינען מחויב קודם־כל צו לעבן מיטן געפיל, אַז זייער עיקר־אויפגאַבע אין איצטיקן מאָמענט איז די אָרגאַניזירונג פונם פאָלק פאַר דער מדינה, פאַר שיבת ציון, פאַר דער פאַר־פעסטיקונג פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פונם פאָלק און שטאַרקונג פון זיין נאַציאָנאַלער טעטיקייט אויף אַלע לעבנס־געביטן אין גלות. די ציוניסטישע באַוועגונג אומעטום אין גלות דאַרף האָבן דאָס געפיל, אַז אין דער אמת׳ן זעט די צענטראַלע אָנפירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג דעם שווערפּונקט פון איר טעטיקייט אויף די דאָזיקע געביטן. און איינע פון די סיבות פאַר דעם שווערן קריזיס, וואָס עס מאַכט איצט דורך די ציוניסטישע באַוועגונג אין חוץ־לארץ, באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס דאָס דאָזיקע געפיל איז נישט גאַנץ.

אויפן פּלענום פון דער אַגענץ איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן מער קאָאָפּעראַציע צווישן די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער אידישער אַגענטור און מער קאָאָרדינאַציע אינעווייניק, כדי צו שטאַרקן די אַקציאָנס־פעאיקייט און דעם קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע טראָגן די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דער אַרבעט. עס איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן אַריבערפירן מער קאָמפּעטענצן צו די ציוניסטישע לאַנד־פאַרבאַנדן אין די לענדער, כדי צו פאַרפעסטיקן און שטאַרקן דאָס אחריות־געפיל פון דער

ציוניסטישער באַוועגונג אין די פאַרשיידענע לענדער; עס איז גערעדט געוואָרן וועגן ווידער באַנייען די אַמאָליקע טעטיקייט פון החלוץ און הכשרה און דערציאונג פון דער יוגנט צו עליה אין לאַנד; און דעסגלייכן איז גערעדט געוואָרן וועגן געבן אַ ברייטן פאַרנעם דער אָרגאַניזיר־אָפּטיילונג פון דער עקזעקוטיווע, אויפצוהויבן איר פּרעסטיזש און שטאַרקן זי, זי זאָל זיין בכּוח אויסצופירן אירע אויפגאַבן אין דער איצטיקער תקופה. דאָס אַלץ איז נאָך נישט דערגאַנגען צו קיין פּראַקטישער קריסטאַליזירונג אויף דער דאָזיקער סעסיע, און מען דאַרף עס באַדויערן, ווייל די צייט גייט דערווייל אַריבער אָן געהעריקע מעשים אויף דעם דאָזיקן געביט. לאָמיר האָפן, אַז נאָכדעם ווי די פראַגן זיינען אויפגעהויבן געוואָרן, וועלן זיי מער נישט אַראָפּ פונם סדר־היום. די ציוניסטישע עפנטלעכע מיינונג דערוואַרט מעשים אויף די דאָזיקע געביטן, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָרן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

פראַגן פון עליה זיינען אויפן פּלענום ערנסט און ברייט באַהאַנדלט געוואָרן. עס שטייט בכלל נישט קיין פראַגע וועגן וועלכער עס איז באַגרעניצונג פאַר דער עליה פון אידן אין די לענדער פון דער אַזוי גערופענער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אָדער פון לענדער וואו עס דראָט אידן אַ סכנה. די פראַגע איז נאָר וועגן דער עליה פון שווערע „סאָציאַלע פאַלן", אָדער פון אַזעלכע וואָס זיינען נישט מסוגל צו פיזישער אַרבעט, — פון יענע לענדער, וואו עס בלייבן גרויסע אידישע קיבוצים. עס קענען דערביי זיין מקילים און מחמירים אין אַ געוויסער מאָס, אָבער אַלע האָבן מסכים געווען, אַז מען דאַרף האַנדלען פאַרזיכטיק. וואָס שייך דער עליה פון די איבעריקע קאַטעגאָריעס, הלוואי וואָלט מען געקענט דערגרייכן יענעם פאַרנעם פון דער עליה, וואָס די אידישע אַגענץ איז צו איר גרייט און טוט פאַר איר! די רייד וועגן ווילקירלעכער באַגרעניצונג פון דער עליה זיינען פּוסט און זינלאָז.

(מערץ 1952)

עס איז נויטיק קלאָרקייט *

נישטאָ קיין יסוד פאַר פעסימיזם בנוגע די אויסזיכטן פון אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. אַלץ וואָס כ'וועל ווייטער זאָגן, און אויך די מסקנות, זיינען נישט קיין רעזולטאַט פון אַנטוישונג לגבי דער מעגלעכקייט אויפצובויען די באַוועגונג, דאָרט וואו זי עקזיסטירט נאָך נישט, און זי שטאַרקן אין די ערטער וואו זי עקזיסטירט יאָ. אויך נישט קיין רעזולטאַט פון ספקות אין דער עצם נויטווענדיקייט פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ און אין אירע מעגלעכקייטן.

אין די אַכט חדשים, זינט דעם לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס, זיינען דורך אונז געמאַכט געוואָרן אַנשטרענגונגען צו שיקן שליחים אין פאַרשיידענע לענדער. אין אַ ריי לענדער ווערט אַ וויכטיקער טייל פון דער ציוניסטישער אַרבעט געמאַכט דורך אונזערע כוחות, און די אַרבעט פון דער באַוועגונג ווערט געפירט אין אַ ריי לענדער, אין אַ היפּשער מאָס, דורך אונזערע שליחים. דאָס איז נישט קיין נאָרמאַלער מצב, אָבער אַזוי איז היינט דאָס אידישע לעבן אין אויסלאַנד. עס איז, צום ביישפּיל, נישטאָ קיין האָפענונג, אַז אין אייראָפּע זאָל זיין אַ אידיש געזעלשאַפטלעך לעבן, אויב דאָס וועט נישט אָרגאַניזירט און אויסגעהאַלטן ווערן מיט דער הילף פון דרויסנדיקע כוחות, און עס איז נישטאָ קיין אַנדער קוואַל פאַר אונזערע כוחות אויסער מדינת ישראל. די קאָמוניסטישע באַוועגונג ביי אידן, וועלכע איז געגנוג שטאַרק אין די אייראָפּעאישע לענדער און ספּעציעל אין פראַנקרייך, און דאָס ביסל פונעם „בונד", וואָס עקזיסטירט אין אייראָפּע, באַקומען הילף פון דרויסנדיקע כוחות.

אויב מיר וועלן נישט זיין די טרעגער פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין אייראָפּע, וועט זי אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט ווערן. מעגלעך, אַז אייראָפּע איז איצט נישט קיין וויכטיקער פאַקטאָר אין אידישן לעבן, אָבער דאָרט לעבט אַ קיבוץ פון הונדערטער טויזנטער אידן, די ערשטע קאַנדידאַטן אויף עליה, ביי אַ פּאָליטיש צוגעשפּיצטער לאַגע. קען

* אויף צוויי זיצונגען פון איחוד עולמי, אַפּריל—מאַי 1952.

מען מוותר זיין אויף ציוניסטישע טעטיקייט אין אייראָפּע? קען מען מפקיר זיין דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן — דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אויך אין דרום־אַמעריקע האָבן מיר גרויסע פליכטן. דאָרט איז פאַראַן אַ אידנטום וואָס איז איבערגעגעבן דעם ציוניסטישן ווערק, אַ ציוניסטישע אַטמאָספער און אַ אַקטיוו אידיש לעבן. מען פּרוּווט אַפילו צו פאַרגלייכן דעם לעבנס־שטייגער אין דרום־אַמעריקע מיטן אַמאָליקן אידישן לעבנס־שטייגער אין מזרח־אייראָפּע. אָבער אויך דאָרט נויטיקט זיך אונזער באַוועגונג אין הילף.

פאַראַן ערטער מיט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דער באַוועגונג און אונזער אָרטיקע פאַרטיי האָט אַן איינפלוס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. לויט די ידיעות וואָס מיר האָבן, וואָלט די פאַרטיי געקענט פאַרדאָפּלען און אפשר דרייפאַכיק פאַרגרעסערן איר מיטגלידער־צאָל. די חברים פאַרשטייען גאַרנישט אונזער אומגעדולד. וואָס אַרט אונז, פרעגן זיי באַאיוו, אַז מיר זיינען צוויי אָדער דריי טויזנט מיטגלידער, מוזן מיר דען זיין 7 אָדער 8 טויזנט? ווייל זיי פילן נישט, אַז די צייט איז קורץ און מיר מוזן מאָביליזירן יונגע כוחות צו עליה־גרייטקייט און חלוציזם, צו לערנען העברעאיש, צו פאַרשטאַרקן דאָס באַוואוסטזיין פון אידישקייט א. א. וו. זיי פילן נישט דעם גרויסן דרוק פון די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבן, די סכנה וואָס דראָט פון דער לאַנגזאַמקייט.

עס מוז קומען אַ שנעלע ראַדיקאַלע ענדערונג. אויב נישט, וועט אונזער באַוועגונג נישט דערפילן איר אויפגאַבע.

*

אונזערע אויפגאַבן אין לעבן פונעם פאָלק זיינען איצט וויכטיקער ווי אַמאָל. די אונטערשיידן צווישן איין לאַנד און דעם צווייטן זיינען איצט קלענער ווי אַ מאָל און דער כאַראַקטער פון דער פּראַקטישער טעטיקייט איז כמעט ענלעך אין אַלע לענדער. דאָס אידישע לעבן אין אַפריקע איז אַנדערש ווי אין צפון־אַמעריקע, אָבער די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און באַזונדערס פון אונזער באַוועגונג, זיינען אין יעדן איינעם פון די לענדער כמעט די זעלבע. וואָרים וואָס הייסט ציוניסטישע טעטיקייט אין אויסלאַנד? אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות, אויפבויען אידישע קהילות, פלעגן אידישע דערציאונג, לערנען די העברעאישע שפּראַך, דעציען און צוגרייטן די אידן פאַר עליה. עס איז נישטאָ קיין אַנדער ציל פון ציוניסטישע אַרבעט אין די גלות־לענדער — און די אַרבעט איז ענלעך אין יעדן לאַנד. מעגלעך, אַז אין אַ גרויסן אידישן

קיבוץ זיינען די באַדינגונגען לייכטער און אין אַ קליינעם קיבוץ — שווערער. איך ווייס נישט, צו די אידן אין קובאַ זיינען בכוח אויפצושטעלן אַליין אַ אידישע שול, אָבער אויך די אידן אין פראַנקרייך קענען דאָס נישט אָן דער הילף פון דרויסן. דאָס זיינען די עיקר פּראָבלעמען.

מיר ווילן דעם המשך פון דער באַוועגונג אַלס וועלט־באַוועגונג, נישט נאָר ווייל אָן דעם וועלן אונזערע פּאַרטייען אין די לענדער פון קליינע אידישע קיבוצים נישט עקזיסטירן, נאָר ווייל דאָס איז אויך נויטיק פאַר אַזאַ פּאַרטיי ווי אין צפון־אַמעריקע. אויב צפון־אַמעריקע האָט נישט דעם טעטיקייט־געביט, וואָס אין דער קאָנקרעטער אויסדרוק פון אחדות פון פאָלק און פאַרבינדונג מיט אידישע ישובים אין אַנדערע לענדער — און אונזער באַוועגונג אין זיי, וועט אונזער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע אויסגעליידיקט ווערן פון אַ טייל פון איר אידעאָלאָגישן באַגאַזש. דאָס וועט ברענגען שאָדן נישט נאָר די פּאַרטייען אין די פאַרשיידענע לענדער, נאָר אויך דער פּאַרטיי אין צפון־אַמעריקע גופא. עס איז אין דעם גאָר קיין ספק נישטאָ. איך צווייפל נישט, אַז צווישן די קריזיס־פאַקטאָרן אין דער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע פאַרנעמט אַן אָרט דער פאַקטאָר פון מאַנגל אין זאָרג פאַר די שוועסטער־באַוועגונגען אין די פאַרשיידענע לענדער.

עמעץ קען פרעגן: וואָס איז דער אומגליק, אויב עס וועט נישט זיין אַן אַקטיוו־טעטיקע צענטראַלע לייטונג פון דער באַוועגונג. די פּאַרטייען וועלן אין יעדן לאַנד אַליין זאָרגן פאַר זייער עקזיסטענץ. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז אָן אַ צענטראַלער פירונג וועלן די פּאַרטייען אין די קליינע לענדער אינגאַנצן פאַרשווינדן. אפשר וועלן זיי אין די לענדער מיט גרעסערע אידישע קיבוצים קענען אַ באַשטימטע צייט עקזיסטירן אויך אָן אַ צענטראַלער פירונג, אָבער אויך זיי וועלן אָפּגעשוואַכט ווערן, אויב דער אַלוועלטלעכער יסוד, די פאַרבינדונג צווישן דעם אידישן לעבן אין די פאַרשיידענע לענדער, וועט אויפהערן צו עקזיסטירן.

*

מיט אונזערע באַגרעניצטע מיטלען און מינימאַלע כוחות, איז געלונגען די חברים אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד צו אָרגאַניזירן יונגע מענטשן פון צווישן די ענגליש און פראַנצויזיש רעדנדיקע קרייזן. די ערשטע פּרוואון אויף דעם געביט האָבן געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. און אויב עס איז מעגלעך צו אָרגאַניזירן אין פראַנקרייך, אַרום אונזער באַוועגונג, יוגנט פון 18—25 יאָר, יוגנט, וועלכע ווייזט אַרויס אינטערעס פאַר דער באַוועגונג, ווי אין דער צייט פונעם באַוועגונגס־אויפשוואונג פון נאָך

דער ערשטער וועלט־מלחמה; אויב עס לאָזט זיך אָרגאַניזירן אין ענגלאַנד „יונגע פּועלי ציון" מיט אַ פּאָליטישן באַזיס און פון זיי איז שוין אַ גרופּע אַוועק אויף הכשרה און זי גרייט זיך צו קומען אין לאַנד (צוויי גרופּן פון זיי האָבן פאַר אַ יאָר און פאַר צוויי יאָר פאַרבראַכט אַ פּאָר חדשים אין לאַנד, אין בית בערל, און שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין ענגלאַנד פאַרצווזעצן די אַרבעט אין דער באַוועגונג) — זיינען דאָס דערשיינונגען, וואָס שטייען אין קעגנזאַץ צו דער ביי אונז פון־צייט צו־צייט פאַרשפּרייטער טעאָריע, אַז מען קען גאָרנישט טאָן צווישן דידאָזיקע קרייזן פון יונגערע מענטשן.

אַן ענלעכע דערשיינונג איז פאַראַן אין דרום אַמעריקע, צווישן דער יוגנט וואָס רעדט שפּאַניש אין אַרגענטינע, פּאָרטוגעזיש אין בראַזיל. אויך אין דרום־אַפריקע האָבן מיר אַ שיכט פון אָרגאַניזירטע יונגע מענטשן אין די ראַמען פו דער פּאַרטיי. עס איז צו שטוינען, אַז דוקא מיר, וואָס בענקען און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף נייע יונגע כוחות, ווייסן נישט צו ווידמען געגוג אויפמערקזאַמקייט דערדאָזיקער דערמוטיקנדער דערשיינונג. מיר פירן זיך אויף, גלייך ווי מיר וואָלטן אַליין אַרויסגעגעבן אויף זיך אַ טויט־אורטייל. לויט מיין מיינונג, איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פּעסעמיסטישע מסקנות לגבי דער צוציאונגס־קראַפט פון אונזער באַוועגונג. די באַוועגונג שטיקט זיך צוליבן מאַנגל אין גענוגנדער הילף און דערמוטיקונג.

אין אַ געשפּרעך מיט אַ צענטראַלן חבר — וואָס באַציט זיך תמיד מיט קריטיק צו אונזערע דערגרייכונגען אין חוץ־לארץ און איז איצט צוריקגעקומען פון זיין לעצטן באַזוך אין אַמעריקע — האָב איך געהערט גוטע גרוסן פון „הבונים", די יוגנט־באַוועגונג פון דער פּאַרטיי. זי ציילט, אמת, נאָר 2.000 חברים, אָבער דאָס איז די ציוניסטישע יוגנט אין צפון־אַמעריקע. איך האָב געפרעגט, אויב עס איז מעגלעך דעמדאָזיקן קרייז צו פאַרברייטערן, אויב מען וועט אינוועסטירן גרעסערע אָנשטרענגונגען, און דער ענטפער איז געווען פּאָזיטיוו.

עס איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די אידעאישע צוציאונגס־קראַפט פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. מען קען זיך אויך נישט באַקלאָגן אויף אַ מאַנגל אין סימפּאַטיע מצד ברייטערע אידישע קרייזן און יוגנט צו אונזער באַוועגונג, נישט געקוקט אויף די פילע, אָפט אויך קאָנצענטרירטע אָנגריפן קעגן מפא"י און טראָץ דעם קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט אויך געטראָפן אונזער באַוועגונג. די העצע וואָס פירט זיך קעגן מפא"י — און אין חוץ־לארץ איז זי געצילט פאַקטיש קעגן אונזער באַוועגונג — האָט נישט באַוויזן אָפּצושוואַכן איר כוח. זי

האָט, אמת, אַריינגעבראַכט צוטומלעניש צווישן אידן, אָפּט אויך צווישן אונזערע חברים, אָבער מען קען נישט זאָגן, אַז דידאַזיקע העצע איז די הויפּט געפאַר פאַר אונזער באַוועגונג, הגם זי טראָגט אין זיך סכנות פאַר דער מדינה און פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל. אונזער באַוועגונג ליידט פון אַ געוויסן שטילשטאַנד אין איר וואוקס, וואָס קען זי טרעפן גאָר שווער, אויב עס וועט ווייטער אָנהאַלטן. מיר פילן עס נאָך נישט אומעטום, אָבער מיר וועלן עס אומעטום פילן אין פאַרלויף פון דער צייט.

דידאַזיקע אַנטוויקלונג איז אָפּהענגיק פון אונז, פון אונזער אינטערעס און אונזערע אָנשטרענגונגען אין חוץ־לארץ און אין לאַנד. מיר קענען איינצוימען דידאַזיקע נעגאַטיווע אַנטוויקלונג, און מיר קענען אויסברייטערן און פאַרפעסטיקן אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. דאָס איז אַלץ אָפּהענגיק נאָר פון אונז אַליין.

*

ווי אַזוי זיינען מיר דערגאַנגען צו אַזאַ לאַגע? פשוט, נישטאָ אין חוץ־לארץ און פאַר חוץ־לארץ דער פאַרטייאישער פאַטריאָטיזם, עס זיינען מער נישט פאַראַן דאָס וואָס מען רופט „משוגעים" פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזערע פאַרטייען אין חוץ־לארץ. יעדע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, בפרט אין חוץ־לארץ, נויטיקט זיך אין אַ קרייז איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס זיינען טעטיק נאָר פאַר דער באַשטימטער זאַך, און ביי אונז איז איצט נישטאָ קיין שום קרייז, וואָס זעט אין דער אויפהאַלטונג פון דער פאַרטיי אין חוץ־לארץ זיין ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע; נישטאָ קיין פירנדע חברים אין חוץ־לארץ, וואָס זיינען גרייט צו נעמען אויף זיך דעם יאָך פון דער פאַרטיי־אַרבעט; נישטאָ קיין קרייז, וואָס זאָל דערין זען זיין עיקרדיקע געזעלשאַפטלעכע באַפרידיקונג. בדרך כלל באַשעפטיקט מען זיך דערמיט אגב אורחא, אייגער צוליב טראַדיציע און געוואוינהייט, אַ צווייטער זעט אין דעם אַ שפּרונג־ברעט פאַר אַן אַנדערן ענין, און אַ דריטער צוליב דעם, וואָס די פאַרטיי־טעטיקייט דינט אים ווי אַן אָנלען אין דער דערפילונג פון אַן אַנדערער געזעלשאַפטלעכער אויפגאַבע. גאָר ווייניקע זאָרגן פאַר דעם עצם ענין: פאַר דער עקזיסטענץ און שטאַרקונג פון די פאַרטייען.

שטעלט זיך די פראַגע, וויאַזוי און פאַרוואָס זיינען מיר דערגאַנגען צו אַזאַ לאַגע, וואָס איז געוואָרן גאָר שאַרף, זינט דער מדינה־גרינדונג? עס האָט דאָך באַדאַרפט זיין פאַרקערט, אַז די אַנטשטייאונג פון דער מדינה זאָל שטאַרקן דאָס באַוואוסטזיין וועגן דער עקזיסטענץ־נויטוועדיקייט פון

אַ פּאָליטישער באַוועגונג, דאָס הייסט, אַז די פּאַרטיי איז אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט, אַז זי איז נויטיק דווקא איצט. אויב פֿאַר דער אַנטשטייאונג פֿון דער מדינה האָט מען נאָך געקענט אָננעמען, אַז מיר וועלן זיך קענען באַנוגענען מיט אַלגעמיינע אינסטרומענטן, האָט דאָך נאָך דער אויפֿריכטונג פֿון דער מדינה, באַטירלעכווייז, די אַנטוויקלונג געדאַרפֿט גיין אין דער ריכטונג פֿון שטאַרקן די פּאַרטיי.

די גרינדונג פֿון דער מדינה האָט געשטאַרקט די פֿאַרבינדונג פֿון אונזערע פּאַרטייען אין חוץ־לארץ מיט ארץ־ישראל. גלייכצייטיק שטאַרקט זיך אָבער ביי די חברים אין חוץ־לארץ דאָס געפֿיל, אַז אין לאַנד — אין די קרייזן פֿון מפלגת פּועלי א״י — שאַצט מען נישט אָפּ די עקזיסטענץ פֿון אונזער פּאַרטיי דאָרטן. וואָס ענגער עס איז די פֿאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל, וואָס מער די חברים באַזוכן דאָס לאַנד און וואָס מער עס קומען קיין חוץ־לארץ שליחים, מפא״י־חברים, צו פֿאַרשיידענע אַרבעטן — אַלץ מער שטאַרקט זיך ביי די חברים אין חוץ־לארץ דאָס געפֿיל, אַז אין ישראל דערשאַצט מען נישט די אָנשטרענגונג פֿאַר דער פּאַרטיי־עקזיסטענץ אין חוץ־לארץ. אויסער די חברים פֿון איחוד־סעקרעטאַריאַט, האָט קיינער אין לאַנד נישט געמוטיקט די עקזיסטענץ פֿון די פּאַרטייען אין חוץ־לארץ און נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס אין זייער שטאַרקונג. אמת, אַ סך מפא״י־חברים ווענדן זיך צו אונזערע פּאַרטייען צוליב פֿאַרשיידענע ענינים, אַלס שליחים פֿון דער הסתדרות, פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פֿון קרן קיימת און פֿון דער מדינה, בעת זייער אַרבעט אויף פֿאַרשיידענע געביטן. פֿון די פֿיל שליחים, חברים פֿון מפא״י, וועלכע זיינען געווען אין חוץ־לארץ אין פֿאַרשיידענע שליחותן, זיינען נאָר געציילטע געקומען אין באַרירונג מיט דער פּאַרטיי פֿונעם געגעבענעם לאַנד, צוליב דער פּאַרטיי גופא און כדי זי צו שטאַרקן. עס האָט זיך געשטאַרקט ביי די חברים אין חוץ־לארץ דאָס געפֿיל, אַז די פּאַרטיי אין לאַנד און די פֿירנדע חברים אין דער הסתדרות, ציוניסטישער עקזעקוטיווע, רעגירונג, זיינען נישט באַזונדערס אינטערעסירט צו זאָרגן פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון די פּאַרטייען אין חוץ־לארץ.

ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז דאָס ברענגט נישט קיין שאָדן, אויב עס וועט אין אַמעריקע, קאַנאַדע, ענגלאַנד אָדער אין יעדן אַנדערן אָרט אויפֿשטיין אַ שטאַרקער אַרבעטער־ציוניסטישער כוח פֿאַר דער מדינה, פֿאַר דער הסתדרות, פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אָן דער פּאַרטייאישער ראַם, און מיר קענען זיך סומך זיין אויף דעם כוח ביי אַלע באַדינגונגען,

וואָלט איך, אַלס אַלטער פּאַרטיי־מענטש — הגם עס איז זיך שווער אָפּצוגעוואוינען פון טראַדיציע און זכרונות — דערצו מסכים געווען. אָבער דערווייל האָב איך גאָר קיין ספק נישט, אַז פון דער ירידה פון אונזער פּאַרטיי און די פאַרשיידענע לענדער, וועט ליידן די ציוניסטישע טעטיקייט אין אַלגעמיין, עס וועט ליידן מפא״י, איר קראַפט אין דער מדינה, אין דער הסתדרות און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

און נאָך עפּעס: מיר קענען זיך נישט דערלויבן, זייענדיק פאַראַנטוואָרטלעך דאָ אין לאַנד פאַר דער מדינה, אַז מיר זאָלן נישט האָבן, למשל, אַ שטאַרקע באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. דאָרט לעבט נישט נאָר דער גרעסטער אידישער קיבוץ אין חוץ־לאָרץ אין אונזער צייט, נאָר אויך דער עיקרדיקער. אויך אין אַנדערע לענדער זיינען פאַראַן וויכטיקע אידישע קיבוצים, אָבער נישט אַלע האָבן אַזאַ אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר דער מדינה און דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג ווי אין צפון־אַמעריקע. פון דאַנען איז צו לערנען, אַז אונזער וועלט־באַוועגונג האָט נישט קיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייט אָן אַ שטאַרקער באַוועגונג מיט אַ געזעלשאַפטלעכער השפעה אין צפון־אַמעריקע, וואָס אויף איר דאַרף אויך ליגן אַ סך אחריות פאַר דער וועלט־באַוועגונג.

*

יאָרן־לאַנג האָבן מיר אין לאַנד געפירט אַ פּאָליטיק, וואָס האָט געפירט צום פאַרקלענערן דעם לעבנס־רוים פון אונזערע פּאַרטייען אין חוץ־לאָרץ, אויף וויפיל דאָס איז נוגע דער ארץ־ישראל־אַרבעט — און דאָס זעלבע איז אויך געשען אויף געביטן וואָס זיינען נישט נוגע דירעקט דער ארץ־ישראל־טעטיקייט. כדי די באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ זאָל עקזיסטירן איז נויטיק, זי זאָל זיין דורכגעדרונגען מיטן געפיל, אַז זי איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר עפּעס אַ פּראַקטישן אויפטו אין ארץ־ישראל און אויך פאַר אויפטוען אין חוץ־לאָרץ. אַ באַוועגונג קען נאָר עקזיסטירן, אויב זי האָט פונקציעס, אויפגאַבן און צענטראַלע מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ דערמיט. איצט איז די לאַגע אַזעלכע, אַז אויב עס וועט נישט זיין קיין פּאַרטיי אין אַמעריקע אָדער אין אַן אַנדער לאַנד, וועלן מיר עס דערשפירן ערשט אין פאַרלויף פון דער צייט, הגם תיכף וועלן מיר עס ממשותדיק נישט פילן. נישט פאַראַן קיין לאַנד־פּאָליטיק, נישט פאַראַן קיין קהלות, נישט פאַראַן קיין ציוניסטישע באַוועגונג ווי אַן איינהייטלעכע קערפּערשאַפט, וואָס איר טעטיקייט און איינפלוס איז אָפּהענגיק פון דער עקזיסטענץ פון אַן אַקטיווער פּאַרטיי — און דעריבער, קען זיין, אַז די פאַראַליזירונג פון דער

פּאַרטיי וועט זיך נישט לאָזן פּילן תיכף ומיד. פּאַר געוויסע ענינים זיינען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע טעטיקייטס־קאַנאַלן. חברים באַשעפטיקן זיך דערמיט און זיי זיינען אָפט די הויפּט־טרעגער פון דער אַרבעט, אָבער דער פּאַרטיי־אינסטרומענט ווערט דערוויייל אויסגעליידיקט. קלאָר, אַז די אָרטיקע כוחות אַליין וועלן נישט אָנפּילן דעם אינסטרומענט, אַפילו נישט בנוגע לאָקאַלע טעטיקייטן, אויך נישט בנוגע דערציאונג און קולטור־אַרבעטן און אודאי נישט אויפן געביט פון „החלוץ" און יוגנט. אויב עס וועט נישט קומען קיין הילף און טעטיקייט פון לאַנד — וועט גאָרנישט זיין.

אונזער באַוועגונג, דער אין די גלות־לענדער אַזוי באַדינגונגסלאָז איבערגעגעבענער כוח פּאַר דער מדינה, פּאַר דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע און פּאַר דער הסתדרות — האָט נישט פאַרלאָרן זיין טאַט־פעאיקייט, אָבער מען קען זי ברענגען דערצו אין די געגעבענע באַדינגונגען, אין וועלכע זי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן.

ווען ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין די פאַרייניקטע שטאַטן די ישראל אומאָפּהענגיקייט־הלוואה האָבן 18% פון די מזומנים אַריינגעבראַכט אונזערע חברים, דוקא אין צפון־אַמעריקע. אונזערע חברים אין לאַנד, וועלכע שטייען אין שפּיץ פון די צענטראַלע אינסטיטוציעס, דערמאָנען אונזער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ מיט אַ געוויסער שעמעוודיקייט, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אומגערעכט צו קעמפן פּאַר די רעכט פון אונזער באַוועגונג אין די פאַרשיידענע קאַמפּיינען, אין פאַרגלייך צו אַנדערע פּאַרטייען. די אַרבעט פּאַר די באָנדס איז אַ באַלערנדיקע אילוסטראַציע. הלואי זאָל זי העלפן אויסוואָרצלען ביי אונזערע חברים אין דער עקזעקוטיווע און אין דער אָנפירונג פון די פאָנדן די געפילן פון אומזיכערקייט בשעת זיי וועלן דאַרפן פּאַרטיידיקן אונזער אָרט און אונזער רעכט אין דער אָנפירונג פון די ענינים. האָט מען געשאַפן אַן אַרבעטער־אָפּטיילונג ביי דעם פאַרייניקטן אידישן אַפּיל אין צפון־אַמעריקע, מונטערט מען נישט גענוג אויף דידאַקטיקע אָנשטרענגונג און מען דערשאַצט נישט איר וויכטיקייט אויך אין די קרייזן אין ישראל, וואָס זיינען בדרך־כלל זייער וואַכזאַם פּאַר ענינים פון געלט־זאַמלונג פּאַר די פאָנדן אין צפון־אַמעריקע.

*

דאַרפן מיר אַרויסציען דערפון מסקנות: עס מוז זיין איין צענטראַלע פון דער באַוועגונג, איין צענטראַלער אָנפירנדיקער כוח פּאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לאָרץ. אויף דער וועלט־קאָנפערענץ, אין זומער 1951,

האָב איך געזאָגט: ביי די באַשטייענדיקע באַדינגונגען לאָמיר באַשטימען — מפלגת פּועלי ארץ־ישראל, אַלס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די באַוועגונגס־ענינים אויך אין חוץ־לארץ. זאָל די אַרבעט געטאָן ווערן דורך אַ באַזונדערער קערפּערשאַפט (וואָס וועט באַשטימט ווערן צוזאַמען מיט די חברים פון חוץ־לארץ), אָדער אין אַן אַנדער פאָרם. כ׳בין מודה: נישט ווייל כ׳האָב געזען אין מיין פאָרשלאָג די בעסטע און פאַר מיר סימפּאַטישסטע לייזונג, נאָר ווייל כ׳זע אין מפא״י דעם איינציקן כוח וואָס קען אַרויפלייגן זיין דיסציפּלין אויף אַלע אונזערע חברים, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט די ענינים פון חוץ־לארץ אין נאָמען פון פאַרשיידענע ישראל־אינסטיטוציעס.

ס׳איז דאָך אַן אַבסורד, אַז איין אינסטאַנץ זאָל זאָרגן פאַר דער עקזיסטענץ פון דער באַוועגונג, און אַ צווייטע — הגם זי באַנוצט זיך אין געוויסע פאַלן מיט איר הילף, זאָל נישט נעמען כלל אין אַכט אירע נויטן. די חברים אין איין אינסטאַנץ האָבן איין פּאָליטיק, בנוגע דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, און אין דער צווייטער — אַ קעגנזעצלעכע פּאָליטיק. אויב די חברים וועלן קומען צום אויספיר, אַז גערעכט זיינען, למשל, די חברים פון ועד הפועל פון דער הסתדרות, וועט נישט זיין קיין אַנדערע ברירה, נאָר אַז די פירנדע חברים פון דער הסתדרות זאָלן אויך טאָן די אַרבעט פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ און טראָגן די אחריות פאַר איר. זיי פירן דעם קאַמפּיין אין אַמעריקע און ער איז דאָרטן, אין די געגעבענע באַדינגונגען, דער איינציקער באַוועגונגס־קאַמפּיין — זאָלן זי אויך פירן די באַוועגונג און דער קאַמפּיין זאָל ווערן דער אויסדרוק פון דער באַוועגונג. דאָסזעלבע איז אויך בנוגע אַנדערע לענדער. אמת, איך האַלט עס נישט פאַר אַ ריכטיקן שריט, אָבער די דאָפּלטקייט קאָן נישט מער פאַרגעזעצט ווערן, און קיין אַנדערע ברירה איז נישט פאַראַן. מען מוז, סוף סוף, קומען צו איין אויספיר אויף דעם געביט, וואָס זאָל זיין חל אויף אַלע טיילן פון דער באַוועגונג און אַלע פירנדע חברים.

עס קען אויך זיין אַ געדאַנק מכוח איבערגעבן די לייטונג פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ צו אונזערע חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. זיי זיינען אָם מיינסטן פאַרבונדן מיטן אידישן לעבן אין חוץ־לארץ; זיי האָבן אַ גוטע מעגלעכקייט פון דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג. אויך דאָס איז אַ דרך, און די חברים פון איחוד־סעקרעטאַריאַט וועלן אודאי נישט זיין קעגן דעם. ווייל עס איז נישט געזונט און עס דינט נישט די ענינים, אַז אונזערע חברים אין דער ציוניסטישער לייטונג

זאָלן, דורך זייערע מעשים, — אָן אַ געצוגנדן קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג —באַשטימען די ענינים פון דער באַוועגונג, אָבער די אחריות פאַר דער באַוועגונג און איר עקזיסטענץ זאָל טראָגן אַ צווייטע אינסטאַנץ. כ׳ווייס נישט, צי עס זיינען פאַראַן אין ישראל נאָך מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי באַלאָדן מיט אַרבעט און אחריות ווי, למשל, בן־גוריון, משה שרת און אַנדערע פירנדע חברים אין דער ישראל־רעגירונג און אין דער הסתדרות, און פונדעסטוועגן האָב איך נישט געזען קיין שום פאַרטיי־אונטערנעמונג, אין וועלכער זיי זאָלן נישט זיין אַקטיוו. אַמאָל האָב איך געטרוימט וועגן אַן ענלעכער באַציאונג אויך מצד אונזערע חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, צו די ענינים פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. זי קענען האָבן די בעסטע פאַרבינדונגען מיט דער באַוועגונג אין גלות, זיי קענען אָן אַ באַזונדערער שוועריקייט, פערזענלעך צוזאַמענקומען מיט די חברים אין חוץ־לארץ, זיי דאַרפן זיין באַהאַוונט מיט אירע פראָבלעמען און זיי קענען פאַריכטן זאַכן. פאַקטיש איז אָבער לײדער נישט אַזוי.

אויב אָבער דער אויספיר איז, אַז דער דערמאָנטער צענטער דאַרף זיין דער איחוד עולמי, אין וועלכן עס זאָל נישט זיין צוזאַמענשטעל, דאַרפן זיינע אינסטאַנצן באַשטימען, אָנפירן, שטיין אין פאַרבינדונג מיט די פאַרטייען אין די לענדער, אויך דורך אַ פערזענלעכן קאָנטאַקט, זעלבסט־פאַרשטענדלעך אונטערן באַדינג, אַז אונזערע חברים אין אַלע אינסטאַנצן אין לאַנד און אין דער עקזעקוטיווע, זאָלן זיי העלפן און זיך רעכענען מיט זייערע האַנדלונגען. די איצטיקע דאָפּלטקייט — מיינט אַנאַרכיע און אָפּהענגיקייט פון אונזערע פאַרטייען אין חוץ־לארץ. בדרך־כלל האָב איך פיינט שטאַרקע ווערטער, כ׳האָב עס אָבער געזאָגט נאָך אַ גרינדלעכער באַטראַכטונג און ווייל איך קען די באַדינגונגען און די אַנטוויקלונג, און כ׳ווייס אַז וואָס איך האָב געזאָגט איז ריכטיק, אויב מיר וועלן ווייטער אָנהאַלטן דעם ביזאיצטיקן וועג.

מיטן פּנים צום גלות — אַ צענטראַלע אויפגאַבע *

עס איז צו באַגריפן, וואָס די לאַגע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די גלות־לענדער און די פּראָבלעמען פון איר אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור זיינען דאָס־מאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון אונזערע פאַרהאַנדלונגען און אפילו אַלס ערשטער פונקט פונם סדר־היום. די וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער פראַגע זיינען בדרך כלל אויף ציוניסטישע צוזאַמענקונפטן פאַראייניזאַמט, און נאָר זעלטן ווערט די פראַגע ערנסט באַהאַנדלט. אָבער אויך דאָס־מאָל האָט די פראַגע נישט קיין מזל. אַ חוץ דעם רעפערענט, צבי הערמאַן, וואָס האָט גערעדט מכוח דעם עצם ענין, האָבן נאָר ווייניקע פון די וואָס האָבן ביז איצט זיך באַטייליקט אין דער דיסקוסיע, געפּרואווט זיך צו פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען. אייניקע פון די רעדעס, וועלכע מיר האָבן היינט געהערט, האָט מען געקענט האַלטן אויך צו יעדן אַנדערן פונקט פין סדר־היום. און מען דאַרף עס באַדויערן. דער ענין איז זייער וויכטיק, און אויב מיר ווילן קומען צו פּראַקטישע אויספירן — דאַרפן מיר אים ווידמען אַ ברייטערע און ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט.

*

נישט די רעדעס אַנטשיידן, נאָר די מעשים — דאָס וואָס מען וועט שפּעטער טאָן, און ווי אַזוי מען וועט עס טאָן, נאָך די פאַרהאַנדלונגען פונם אַקציאָנס־קאָמיטעט. מיט יאָרן צוריק האָט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג אפשר געקענט דערלויבן צו באַהאַנדלען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען צווישן די לעצטע סעיפים אויף דער טאָג־אָרדענונג. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען טיף און פעסט פאַרוואָרצלט אין לעבן פון די אידישע מאַסן אין גלות, איר עקזיסטענץ איז פאַר זיי געווען אַ לעבנסבאַדערפעניש. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט פאָרגעזעצט איר עקזיסטענץ, ווייל אָן איר האָט דער איד אין חוץ לארץ נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט פון פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל און פון אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, און היות די אידן האָבן געוואָלט אַרבעטן פאַר ארץ־ישראל און טאָן פּראַקטישע אַרבעט אין

---

* בעתן וויכוח אינם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, ירושלים, מאַי 1952.

ארץ־ישראל, האָבן זיי זיך קאָנצענטרירט אַרום דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע. עס איז פּשוט נישט געווען קיין אַנדערער פאַקטאָר, וואָס זאָל טאָן די ארץ־ישראל־אַרבעט. די לעבנסוויכטיקייט פון ארץ־ישראל פאַרן אידישן פאָלק האָט געצוואונגען די ציוניסטישע באַוועגונג אַקטיוו צו זיין, און געצוואונגען אידן — זי צו אַנערקענען און זיך קאָנצענטרירן אַרום איר.

היינט איז די לאַגע אַן אַנדערע. היינט קענען מיר קומען צו אַ פּאַראַ־דאָקסאַלן מצב, אַז עס זאָל זיך פירן אין חוץ־לארץ אַן אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, עס זאָלן זיין ארץ־ישראל־פאָנדן — און אַ ציוניסטישע באַוועגונג אין חוץ־לארץ זאָל נישט זיין. מיט אַנדערע ווערטער: עס קען אפילו עקזיסטירן אַ ציוניזם אָן אַ ציוניסטישער באַוועגונג. עס וועט טאַקע זיין גאָר שלעכט פאַרן ציוניזם, שלעכט פאַר ארץ־ישראל און אפילו שלעכט פאַר דער מדינת ישראל אָן אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער ביי די אידן אין חוץ־לארץ, די פריינד פון מדינת ישראל, ווירקט נישט דאָס באַ־וואוסטזיין פון דעם לעבעדיקן באַדערפעניש, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די גרויסע אידישע מאַסן־ישובים פאַר דער קאַטאַסטראָפע און דעם אויפקום פון דער מדינה. דעריבער, אויב מען וועט נישט ווידמען אַ סך באַמיאונגען און אויפמערקזאַמקייט דער פראַגע פון די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און מען וועט נישט ווי געהעריק אויפקלערן איר לעבנס־נויטווענדיקייט, וועט די ציוניסטישע באַווע־גונג נישט עקזיסטירן.

*

די לאַגע איז היינט אַזאַ: די צאָל שפענדער פאַר ארץ־ישראל־פאָנדן, פאַרן פאַראייניקטן אַפּיל און פון אידן וואָס קויפן די ישראל באָנדס, איז אַ סך גרעסער ווי די צאָל אָרגאַניזירטע מיטגלידער אין אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. די מערסטע פון די וואָס שפענדן פאַר די פאָנדן און קויפן די ישראל־באָנדס פילן זיך בדרך־כלל צוגעבונדן צו ארץ־ישראל און האַלטן— מיט רעכט—אַז זיי דערפילן אַ ציוניסטישע פליכט. אַ סך פון זיי באַטראַכטן זיך אַלס ציוניסטן, אויך ווען זיי געהערן נישט צו אַ ציוניסטישער פּאַרטיי. וואָס איז אונזער צוגאַנג צו אָט די אידן, צי קענען מיר זיי זאָגן, אַז זיי האָבן נישט קיין חלק און נחלה אין דער ציוניסטישער באַוועגונג? אויב מיר וועלן אַזוי זאָגן, וועלן מיר דערמיט אַליין שאַפן אַ פּראָבלעם, אַ קעגנזאַץ צווישן דעם איד וואָס שפענדעט פאַר ארץ־ישראל און צווישן דעם ציוניסט וואָס איז אַ מיטגליד פון אַ ציוניסטישער פּאַרטיי. און מיר זיינען דאָך פּאַראינטע־רעסירט, אַז אַזאַ קעגנזאַץ זאָל נישט זיין — און אויב ער איז יאָ פאַראַן, ער

זאָל ליקווידירט ווערן. איז דעריבער טאַקע נויטיק אַן ענטפער פאַר די אידן, וועלכע האַלטן זיך פאַר ציוניסטן און ווילן נישט גיין אין אַ באַשטימטער פּאַרטיי.

מיר אַליין שאַפן אַ לאַגע, וואָס באַשווערט אונז די אַרבעט, אַ לאַגע, וואָס רופט אַרויס ספסוכים, וועלכע מען קען פאַרמיידן. אַנשטאָט מיר זאָלן אַליין געפינען דעם ריכטיקן וועג, בייזערט מען זיך אויף די וואָס ווילן שענקען אויפמערקזאַמקייט די דאָזיקע אידן און מען טענהט, אַז דערמיט באַהאַנדעלט מען בעסער נישט־ציוניסטן ווי ציוניסטן. די טענות, אַז „עמעצער" וויל שטערן דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווייל זי אָפּשוואַכן און דעגראַדירן, האָבן נישט קיין האַפט. דאָס שלעכטע דערביי איז, וואָס דערמיט באַגנוגנט מען זיך און דערמיט פאַרענטפערט מען די אייגענע אומטעטיקייט. מיר אַליין באַגרעניצן די מעגלעכקייטן פון אונזער השפעה אין פאָלק. מיט אַנדערע ווערטער: מיר שטערן זיך אַליין. און דוקא די פּאַרטייען, וואָס טענהן אַזוי פיל אַז „עמעצער" שטערט, האַלטן זיך עקשנותדיק דערביי, אַז מען טאָר, חלילה, נישט עפענען אַ ביסל ברייטער די טויערן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די מדינה קען נישט מוותר זיין אויף צענדליקער טויזנטער אידן, וואָס זיינען אַקטיוו פאַר די ארץ־ישראל־פאָנדן, אויך ווען זיי געהערן נישט אָרגאַניזאַציאָנעל צו ציוניסטישע פּאַרטייען. נישט נאָר די מדינה קען נישט מוותר זיין אויף זיי, אויך מיר, די ציוניסטישע באַוועגונג, קען נישט און דאַרף נישט מוותר זיין אויף זיי.

*

דער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע צבי הערמאַן האָט אונז געבראַכט אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע, פאָרשלאַגן, וועלכע שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין שום ענדערונג אין דער ביז איצטיקער לאַגע. כדי צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פאָרשלאַגן איז בכלל נישט נויטיק קיין וויכוח און באַשלוסן פון אַקציאָנס־קאָמיטעט — די עקזעקוטיווע האָט זיי געקענט פון לאַנג פאַרווירקלעכן אויפן סמך פון אַלטע באַשלוסן. כדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז מען איז געקומען צו וועלכע עס איז מסקנות, האָט ער פאָרגעשלאָגן דעם סאַמע מינימום וואָס קיינער פרעגט נישט אָפּ. אָבער דאָס לייזט נישט דאָס פּראָבלעם. דאָס שאַפט נישט אָפּ די עקזיסטירנדיקע שוועריקייטן. דורך נישט פאַרענטפערן די באַשטייענדיקע שוועריקייטן שאַפט מען זיי נישט אָפּ.

היינט־צו־טאָג, ווען אין קיין שום לאַנד איז נישט פאַראַן קיין זעלבשטענדיקע אידישע לאַנד־פּאָליטיק, ווען אין אַ סך לענדער זיינען נישט פאַראַן קיין אָרגאַניזירטע אידישע קהלות, ווען עס איז כמעט נישט פאַראַן

קיין באַזונדערע אָרטיקע אידישע אַקטיוויטעט מחוץ ארץ־ישראל־ענינים — אין אַזאַ לאַגע מוז די ציוניסטישע באַוועגונג אין יעדן לאַנד אַרומנעמען דעם מאַקסימום אידן אויפן אָרט. זי דאַרף זיין אַ ברייטע מאַסן־באַוועגונג, אַ פאָלקס־באַוועגונג, זי דאַרף ענטפערן אויף אַלע נויטן פון די אידן אין די לענדער, כל זמן זיי זיינען נישט עולה. אויב מיר קומען נישט צו זיי מיט אַזאַ אומפאַסנדיקן פּראָגראַם, אויב מיר באַשטימען נישט איר איינהייטלעכע, פאַרפליכטנדיקע ראַם, איר פולן דעמאָקראַטישן, אידישן און ציוניסטישן אינהאַלט, איז נישט פאַראַן קיין גרויסע האָפענונג, אַז מיר וועלן קענען צוזאַמענהאַלטן די ישראל־און ציון־פריינד. מיר זיינען עלול איבערצולאָזן ברייטע און טרייע קרייזן אויסער די ראַמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די ציוניסטישע באַוועגונג קען היינט נישט זיין קיין ענגע אָרגאַניזאַציע. מיר ווילן און מיר מוזן זיין אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַרומנעמען די מערהייט פון אידישן פאָלק. ווי וועלן מיר עס טאָן? אָנגענומען, אַז מיר אַקצעפּטירן היינט די פאָרשלאַגן פון צבי הערמאַן, דאַן וועלן מיר ווידער אין אַ יאָר־צוויי אַרום שטיין פאַר אַ מצב אַזוי ווי היינט, נישט צו קענען ווייטער אַזוי פאָרזעצן — און דערווייל האָבן מיר פאַרלוירן צייט. ווייל דאָס וואָס די עקזעקוטיווע שלאָגט פאָר עקזיסטירט דאָך פאַקטיש שוין זיבט יאָרן, און מיט דעם מעטאָד האָבן מיר נישט געקענט גיין פאָרויס. מיר האָבן עס געפּרואווט און נישט מצליח געווען. און וואָס מער צייט עס גייט פאַרביי און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַרנעמט נישט דעם איר געהעריקן אָרט אין אידישן לעבן אין חוץ־לארץ, אַלץ שווערער ווערט די לאַגע.

נעכטן האָט ד"ר נ. גאָלדמאַן אַרויסגעזאָגט אַ גוטן געדאַנק וועגן צפון־אַמעריקע, וואָס קען, לויט זיין מיינונג — און אויך לויט מיין מיינונג — זיין פון גרויס נוצן פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאָרט און הויבן איר פּרעסטיזש. דאָס איז דער געדאַנק וועגן צונויפרופן יעדע צוויי־דריי יאָר אַ קאָנגרעס פון אַלע אַמעריקאַנער ציוניסטן, וואָס וועט, אויך ביים היינטיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן מצב, אַרומנעמען קרוב צו 600 טויזנט אָרגאַניזירטע ציוניסטן. ער האָט אונדז געשילדערט וואָס פאַר אַ גרויסן אָפּקלאַנג אַזאַ קאָנגרעס וועט האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און ווי גרויס עס קען זיין זיין איינפלוס. דעם דאָזיקן פאָרשלאַג האָבן אונזערע חברים אין אַמעריקע שוין געמאַכט לאַנג צוריק. עס פרייט מיך, וואָס ד"ר גאָלדמאַן האָט דאָ געבראַכט דעם געדאַנק און אים געשטיצט מיט אַזאַ וואַרעמקייט. אָבער אויב דער געדאַנק איז אַ גוטער — און ער איז אַ גוטער — פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, פאַרוואָס זאָל מען אים נישט באַנוצן אויך לגבי

אַנדערע לענדער? קען מען דאָך אין יעדן אַנדערן לאַנד אַ סך לייכטער צונויפֿרופֿן אַזאַ לאַנד־קאָנגרעס, וואָס וועט זיין אַ וויכטיקער אידישער און ציוניסטישער פֿאַקטאָר סיי כלפּי פּנים און סיי כלפּי חוץ; ער קען אַרומנעמען אַלע ציון־טרייע אידן און דינען ווי אַ פֿעסטע באַזע פֿאַר דער איינהייטלעכער ציוניסטישער לאַנד־פֿעדעראַציע. דאָס איז דאָך דער בעסטער וועג צו בויען די לאַנד־פֿעדעראַציע אויף דעמאָקראַטישע יסודות, און אַזוי אַרום הויבן איר פּרעסטיזש און זיכערן איר עפֿעקטיווע טעטיקייט. ווער קען שטערן די ציוניסטן אין יעדן לאַנד אָפּצוהאַלטן אַזעלכע קאָנגרעסן? דער אמת איז, אַז די ציוניסטישע פּאַרטייען ווילן עס נישט, זיי שטערן, אַנדערש וואָלטן זיי עס שוין פֿון לאַנג געטאָן. לאָמיר לכל הפּחות היינט געפֿינען אַ געמיינזאַמע פּאַרפּליכטנדיקע שפּראַך, כדי דאָס זאָל פֿון איצט אָן געטאָן ווערן.

*

ד״ר גאָלדמאַן האָט אונז דערציילט אַ וואונדערלעכן וואָרט פֿון לואיס ליפּסקי, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט: „די ציוניסטן באַגייען זעלבסטמאָרד און שרייען, אַז מען מאָרדעט זיי״. דאָס איז געניי וואָס עס געשעט איצט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיר מאָרדן זיך אַליין, מיר מאָרדן אונזער באַוועגונג און דער טייל פֿון דער באַוועגונג וואָס איז מער אַקטיוו אין דעם מאָרד — שרייט העכער, אַז מען „מאָרדעט אונז״. קיינער קען אונז נישט מאָרדן, אויב מיר וועלן נישט וועלן. אויב מיר וועלן זיין אַליין אַקטיוו און אויב מיר וועלן אַליין אַרויס פֿון דער ענגער ראַם, וואָס מיר האָבן אַליין באַשטימט, — די ראַם וואָס שטיקט די באַוועגונג, און מיר האָבן מורא זי אויסצוברייטערן.

אויב מיר ווילן, אין דעם איצטיקן מצב, אַ גרויסע ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער, מוז אַ גרויסער טייל פֿון דער צענטראַלער און אָרטיקער אָנפֿירונג זיך ווידמען אָט דער אַרבעט, אַנדערש וועלן מיר גאָרנישט דערגרייכן. אויף יעדער זיצונג פֿון דער עקזעקוטיווע אין ירושלים דאַרפֿן מיר באַהאַנדלען די לאַגע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער. די עקזעקוטיווע דאַרף וויסן און באַהאַנדלען די לאַגע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע און אין אויסטראַליע, אין פֿראַנקרייך און אין אַרגענטינע, אין יעדן לאַנד. צום באַדויערן איז עס נישט אַזוי. חדשים־לאַנג קומט נישט אַרויף אַזאַ פֿראַגע אויפֿן סדר־היום פֿון דער עקזעקוטיווע. אויב מיר וועלן נישט באַווייזן צו ענדערן די לאַגע אין דעם פּרט, וועלן מיר נישט אויפֿבויען די ציוניסטישע באַוועגונג.

פֿאַר דער סעסיע פֿון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָבן מיר געהערט, אַז איצט מוז קומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. מיר האָבן געהערט דעם לאָזונג: מיטן

פנים צום גלות. דער דאָזיקער לאָזונג פּאַרפּליכטעט, אויב מען באַציט זיך צו אים ערנסט. דאָס הייסט, אַז די הויפּט־אויפֿגאַבע, די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿון דער עקזעקוטיווע איז — אויפֿצובויען די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער, אָרגאַניזירן די אידן אין גלות פֿאַר דער מדינה, פֿאַרן ציוניזם, דאָס איז אין דער איצטיקער תקופֿה די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿון דער ציוניס־טישער אָנפֿירונג. מיר דאַרפֿן וויסן, אַז אין אַלע אַנדערע ענינים, אויף וויפֿיל זיי זאָלן אונז נישט אינטערעסירן — נישט מיר אַנטשיידן אין זיי. אָבער אין דעם ענין פֿון אָרגאַניזירן די אידן פֿאַר ציון און פֿאַר דער מדינה — דערין אַנטשיידן מיר אַליין.

אַ סך מיינען, אַז עס איז זייער גוט, וואָס אינעם טעטיקייט־קרייז פֿון דער ציוניסטישער לייטונג גייען אַריין אויך די ענינים פֿון קליטה, התישבות א.ד.גל. אָבער אויך זיי דאַרפֿן וויסן איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז אויך די ענינים פֿון קליטה (אויפֿנעמען און איינאָרדענען די נייע עולים) באַשטימען נישט מיר. נישט מיר, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, קענען באַשטימען די מאָסשטאַבן פֿון דער באַשעפֿטיקונג אין לאַנד און אַנדערע באַדינגונגען פֿון דער קליטה. מיר דאַרפֿן זיין גליקלעך, וואָס עס איז צוגעקומען אַ נייער פֿאַקטאָר, די מדינה, וואָס קען אַנטשיידן אין די און אויך אַנדערע ענינים, און מיר דאַרפֿן נישט זיין אייפֿערזיכטיק. אָבער אין דער פֿראַגע וועגן אָרגאַניזירן דאָס פֿאָלק אין גלות פֿאַר ציוניזם באַשטימען מיר אַליין. דאָס ליגט נאָר אין אונזערע הענט און מיר דאַרפֿן עס טאָן, און דעריבער דאַרף עס זיין די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון אַ גרויסן טייל פֿון די עקזעקוטיווע־מיטגלידער. נישטאָ פֿאַר זיי קיין וויכטיקערע אויפֿגאַבע אינעם איצטיקן מאָמענט און עס איז נישט פֿאַראַן קיין אַנדערע אינסטאַנץ וואָס קען און דאַרף עס טאָן.

אויך אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1946 איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסער וויכוח אין דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע וועגן דער לאַגע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער. אָבער דאַן האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיין מדינה, און הגם די וויכטיקייט פֿון אָרגאַניזאַציע איז דאַן נישט געווען אַזוי דרינ־גענדיק פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די לענדער ווי איצט, האָט דער קאָנגרעס־פּלענום אָנגענומען אַ קלאָרן באַשלוס וואָס זאָגט, אַז לכל הפּחות איין מיטגליד פֿון דער עקזעקוטיווע דאַרף זיך ווידמען אויסשליסלעך דער אַרבעט.

שוין דעמאָלט זיינען מיר געווען איבערצייגט, אַז עס איז שלעכט פֿאַר דער זאַך, אויב אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד, וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט דעם ענין טראָגט אויך דעם עול פֿון אַנדערע אויפֿגאַבן. דער קאָנגרעס האָט עס געזאָגט

אויסדריקלעך און די עקזעקוטיווע האָט זיך נישט גערעכנט דערמיט — נישט פריִער און נישט איצט, ווען די פראַגע איז נאָך מער דרינגענדיק און מיר זיינען דערגאַנגען צו אַ לאַגע, וואָס אַלע זעען זי מיט אַ ציטער און זאָרג.

*

איך בין גרייט אָנצונעמען אַלץ וואָס עס איז דאָ געזאָגט געוואָרן וועגן דעם, אַז אַלע זיינען גוטע ציוניסטן און מיר דאַרפן נישט פּרעדיקן מאָראַל איינער דעם צווייטן, און אַז אויך אַ איד וואָס איז נישט עולה קען זיין אַ ציוניסט. לאָמיר איצט אָפּלייגן דעם וויכוח וועגן דעם. עס איז דאָך אָבער אַ פאַקט, אַז די עליה איז לעצטנס זייער קליין. און דאָס מיינט, אַז מען דאַרף צוגרייטן די עליה, אָרגאַניזירן אידן פאַר עליה. מיר קענען זיך נישט שטיצן דערויף, אַז עס וועט קומען, חלילה, אַ קאַטאַסטראָפע אין אַ באַשטימטן לאַנד און דאַן וועלן די אידן עולה זיין. מיר ווילן דאָך נישט קיין קאַטאַסטראָפעס — און דעריבער דאַרף מען דאָך אָרגאַניזירן און צוגרייטן די עליה אין חוץ־לארץ. איז ביי אַזאַ מצב מעגלעך אַ ציוניסטישע באַוועגונג וואָס הויבט נישט אויף אין חוץ־לארץ די פאָן פון עליה? צי קענען מיר פאָרזעצן ווייטער מיט אַזאַ באַציאונג צום „החלוץ״?

פון די רייד פון אייניקע דיסקוטאַנטן האָט זיך ווי געהערט אַ טאָן פון „נצחון״. דער „החלוץ״ האָט נישט מצליח געווען. איז ראשית כל האָט קיינער נישט באַוויזן אַז דער „החלוץ״ האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג. אדרבא, לאָמיר אַנאַליזירן וויפיל אָנשטרענגונגען און מיטלען זיינען איינ־ווערסטירט געוואָרן כדי צו זיכערן דעם דערפאָלג פון „החלוץ״. פון דרום־אַמעריקע, למשל, זיינען הונדערטער חלוצים עולה געווען און זיך באַזעצט אין לאַנד. דאָרט האָט מען אַריינגעלייגט אָנשטרענגונגען, הגם זיכער נישט קיין גענוגנדיקע, און אויך דאָרט איז זיכער געווען אַ קעגנערשאַפט וועלכע מען האָט געמוזט גובר זיין; אָבער מען האָט עס געטאָן, און אין אַ געוויסער מאָס איז די אַרבעט געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג.

איצט זיינען מיר דערגאַנגען צו אַן ערזאַץ — הגם ס'איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז דאָס איז נישט קיין ערזאַץ — און די עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן וועגן אַ „דינסט־יאָר״ — שנת שרות. איך גלויב נישט, אַז דאָס וועט אונז געבן אַ סך, און אַז דערמיט וועלן מיר ענדערן די לאַגע. דער געדאַנק וועגן אַ „דינסט־יאָר״, שטאַרקט נישט דעם פאַרווירקלעכונגס־ציוניזם, ווייל ער טראָגט נישט אין זיך די פאָדערונג פון זעלבסטפאַרווירקלעכונג. יונגע מענטשן ווילן אַ פּאָלווערטיקן געדאַנק אויך ווען ער איז שווער, — אַ פשרה־געדאַנק באַצויבערט נישט.

*

פאַראַן געוויסע ציוניסטישע פאַרטייען וועלכע האַלטן עס פאַר אַ וויכטיקע ציוניסטישע אויפגאַבע צו קריטיקירן מדינת ישראל אין חוץ־לארץ. דאָס הייסט ביי זיי אַרבעט פאַרן ציוניזם. צי שטאַרקן זיי דערמיט די ציוניס־טישע באַוועגונג? קלאָר, אַז דערמיט וועלן זיי נישט אַראָפוואַרפן די רעגירונג אין לאַנד, קיין איין ישראל־מיניסטער וועט נישט דעמיסיאָנירן צוליב אָט דער פראָפּאַגאַנדע. אָבער אין די הערצער פון די אידן אין חוץ־לארץ זייען זיי צעטומלונג, ווייל דער איד אין חוץ־לארץ אידענטיפיצירט די מדינה מיט דער רעגירונג און זעט אין דער מדינה און אין איר רעגירונג דעם בולטן אויסדרוק פאַרן וואוקס פון ציוניזם. וואַרפט מען שאָטן אויף דער מדינה און איר רעגירונג — דערווייטערט מען נאָר ברייטע קרייזן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס האָט נישט קיין שום שייכות מיטן פרינציפּ פון אָפּהיטן פרייע קריטיק. נישט פאַראַן נאָך אַ מדינה אין גאָר דער וועלט וואו מען דערלויבט אַזוי פיל צו רעדן און שרייבן קעגן דער אייגענער רעגירונג, ווי אין מדינת ישראל. יעדער איינער רעדט און שרייבט וויפיל און וואָס ער וויל. ווי קען מען אָבער דערציילן אידן אין חוץ־לארץ נאָר שלעכטס וועגן לאַנד. נישט דערמאָנען קיין איין ליכט־שטראַל, פאַרשוויגן זאַכן, וועלכע זיינען געשאַפן געפּאָרן זינט דעם אויפקום פון דער מדינה און נאָכדעם זיך וואונדערן אויף דער צעטומלונג וואָס הערשט ביי אַ סך אידן. דער דאָזיקער ווילן אויס־צונוצן די אידן אין חוץ־לארץ כדי צו פאַרשוואַרצן דאָס פנים פון דער רעגירונג אין לאַנד — זיין איינציקער פראַקטישער רעזולטאַט קען זיין נאָר דער: חורבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

איך וועל רעזומירן. אויב מען וויל אויפריכטיק לייזן די פּראָגן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער שוואַכקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די גלות־לענדער ביים היינטיקן טאָג, און נישט בלויז ווייטער רעדן וועגן דעם,— מוז קומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין אונזער אויפפאַסונג פון די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מען דאַרף נישט פאַרגלייכן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע און אירע אויפגאַבן פון דער פאַר־מדינה תקופה מיט די הויפּט־אויפגאַבן וועלכע ליגן אויף איר איצט, נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה. עס דאַרף קומען אַן אינערלעכע רעאָרגאַניזאַציע אין דער ציוניסטישער אָנפירונג, און דער עיקר: די עקזעקוטיווע מוז וויסן, אַז איר הויפּט־אויפגאַבע איצט איז—אויפצובויען די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער, אָרגאַניזירן דאָס אידישע פאָלק אין אירע ראַמען. און אַ גרויסער טייל פון די עקזעקוטיווע־מיטגלידער דאַרף זיך ווידמען אָט דער אַרבעט.

„שנת שרות" — די נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע זייטן

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן פּרינציפּיעל צו שטיצן דעם פּלאַן פון „שנת שרות". עס רעדט זיך דאָ וועגן יוגנטלעכע פון חוץ־לארץ, וואָס זיינען עלטער פון 19 יאָר און געהערן נישט צו דער „החלוץ"־באַוועגונג. די איניציאַטאָרן פון „שנת שרות" האָפן, אַז דורך דעם דאָזיקן „דינסט־יאָר" וועט באַפעסטיקט ווערן דער צובונד פון די דאָזיקע יונגע מענטשן מיטן לאַנד און אַ סך פון זיי וועלן טאַקע קומען צום אויספיר פון פאַרבלייבן אין לאַנד, אָדער זיך אומקערן אין גלות מיטן באַשלוס וועגן צוריקקומען און זיך באַזעצן אַ צייט שפּעטער.

קיינער שטעלט זיך נישט פאָר, אַז די „שנת שרות" זאָל זיין אַן ערזאַץ פאַר דער „החלוץ"־באַוועגונג. אָבער עס לאָזט זיך נישט לייקענען, אַז דער געדאַנקען־גאַנג וואָס זיין פּראַקטישער אויספיר איז דער „דינסט־יאָר" און וואָס זיינע איניציאַטאָרן זיינען בעיקר דער „העובד הציוני" אָדער „הנוער הציוני", ווי ער רופט זיך אין חוץ־לארץ, — איז אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג מיט דעם „החלוץ" און דער הכשרה־טעטי־קייט פאַר די לעצטע יאָרן. צו דעם דאַרף מען אפשר אויך צוגעבן דעם אומ־ווילן וואָס הערשט אין געוויסע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער, בנוגע דער החלוץ־טעטיקייט.

דער געדאַנק פון „שנת שרות" האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך פּאָזיטיווע זייטן. שוין דער עצם פאַקט, וואָס אַ יוגנטלעכער פון חוץ־לארץ וועט לעבן און אַרבעטן אַ גאַנץ יאָר אין לאַנד — איז אַן אויפטו. דער רושם דערפון וועט זיך מערקן שפּעטער אויך אין חוץ־לארץ. דער טייל וואָס וועט זיך אומקערן קיין חוץ־לארץ וועט מיט זיך מיטברענגען עטוואָס פון דער ארץ־ישראל־ווירקלעכקייט, און דער אַנדערער טייל וועט זיך אפשר פאַרבינדן מיטן לאַנד אויף תמיד. אָבער די מטבע האָט צוויי זייטן: דערמיט ווערט פאַרמינערט דער מאָראַלישער וואָג פון אונזער פאָדערונג צו דער ציוניס־טישער יוגנט אין חוץ־לארץ. דער רוף צום „דינסט־יאָר" איז פאַקטיש אַדרע־סירט נישט צו צענדליקער טויזנטער נישט־ציוניסטישע יוגנטלעכע אין חוץ־לארץ, נאָר צום באַגרענעצטן קרייז פון דער ציוניסטיש־טרייער יוגנט,

וואָס ראַנגלט זיך שווער מיט זיך אַליין, מיט דער משפחה און מיט דער סביבה, מיטן נסיון פון פאַרזעצן אַ רואיקן און באַקוועמען לעבן אין חוץ־לארץ. וואָלטן זיך, לכל הפחות, אָפּגערופן אויף דעם רוף פון „דינסט־יאָר" צענדלי־קער טויזנטער יוגנטלעכע פון פאַרשיידענע קרייזן — וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז מיר ברייטערן אויס די גרעניצן פון אונזער השפעה. אָבער די צאָל יוגנטלעכע, וואָס מען האָפט צו מאָביליזירן פאַר דער „שנת שרות" איז נישט אַ סך העכער פון דער צאָל עולים חלוצים, וועלכע מען וואָלט עווענטועל געווינען אויך אין דער איצטיקער נידערגאַנג־צייט פאַר דער חלוצישער עליה.

מען דאַרף אויך נישט פאַרטושן דעם באַשלוס מיט דעם פאָרשלאָג צו מאַכן אַ פּרוּוו אַריבערצופירן די חלוצישע הכשרה אין לאַנד, אַנשטאָט דער הכשרה וואָס איז זיינער צייט געווען אין חוץ־לארץ און וואָס איז אַזוי איינגעשרומפּן געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. דער געדאַנק פון חלוצישער הכשרה אין לאַנד האָט אַ סך מעלות — אָבער דאָס „דינסט־יאָר" איז אין זיין גאַנצן מהות אַ ווידערשפּרוך צום געדאַנק פון „החלוץ".

*

דער אונטערשייד צווישן דעם נייעם לאָזונג פון „שנת שרות" און דעם רוף פון „החלוץ", וואָס איז געווען אונזער דעוויז ביז הייַנט, איז קלאָר און בולט. אַוודאי, איז דער באַשלוס פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע נישט אויסן צו שאַפן אַן ערזאַץ פאַר דער „החלוץ"־טעטיקייט. עס איז טאַקע אויך אויסדריקלעך אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז מיטגלידער פון די „החלוץ"־אָרגאַניזאַציעס וועלן נישט אָנגענומען ווערן צום „דינסט־יאָר" און די אויפ־זיכט איבער דער „שנת שרות"־טעטיקייט אין חוץ־לארץ וועט האָבן די יוגנט־און החלוץ־אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. אָבער נישט די גוטע כוונה וועט דאָ אַנטשיידן, נאָר דער פּראַקטישער רעזולטאַט, וואָס די איניציאַטאָרן וועלן נישט זיין בכוח צו פאַרמיידן. דער אין תוך באַגרעניצנ־דיקער לאָזונג פון „דינסט־יאָר" שוואַכט אָפּ די צוציאונגס־קראַפט פון דער חלוצישער אידעע, און אַזוי אַרום אויך פון דער חלוצישער באַוועגונג גופא. בעת דער „החלוץ" רופט די דאָזיקע יוגנט ראַדיקאַל צו ענדערן איר גאַנצן לעבנס־שטייגער, פאַרברענען הינטער זיך די בריקן און זיך איינגלידערן אינעם אַרבעטס־לעבן אין לאַנד, — איז דאָס „דינסט־יאָר" נישט מער ווי אַן עקספּערימענט. דער רוף צום „דינסט־יאָר" פאַרמאָגט נישט יענע אַנטשלאָ־סנקייט און שלמות, וואָס נאָר זיי זיינען עלול צו אַפּעלירן צו יונגע מענטשן,

צו ווירקן אויפן האַרץ און געוויסן. אמת, אין „החלוץ" זיינען אויך געווען חברים, וואָס האָבן פאַרלאָזן דאָס אַרבעט־לעבן און אַפילו דאָס לאַנד. אָבער זיי האָבן, לכל הפחות, געהאַט געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע אָפּהאַלטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך שווער געראַנגלט. דאָס האָט זיי אָפּגעהאַלטן פון איבערגעאײַלטע באַשלוסן. און אין אַ צייט אַרום האָבן זיי זיך גוט איינגעלעבט.

דאָס איינפירן פון „דינסט־יאָר" שוואַכט אָפּ די דאָזיקע העמונגען, ווייל דער יוגנטלעכער קומט דאָך לכתחילה אין לאַנד נאָר אויף אַ יאָר, צו באַצאָלן אַ געוויסן שטייער דעם היימלאַנד, דער מדינה און דעם ציוניזם. מיטן פאַר־ענדיקן דאָס „דינסט־יאָר" האָט ער שוין זיין שטייער באַצאָלט און ער האָט מער נישט קיין ספק, אַז ער האָט דערפילט זיין פליכט לגבי דעם פאָלק, דעם ציוניזם און דעם פאָטערלאַנד. ער מעג דעריבער ווייטער פאָרזעצן זיין לעבן אין דער פרעמד. און נאָכאמאָל: מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן יענעם טייל פון דער ציוניסטישער יוגנט, וואָס אַ דאַנק זיין טרייהייט צום ציוניסטישן געדאַנק ראַנגלט ער זיך שווער מיטן פּראָבלעם: עולה זיין, אָדער נישט? איצט, באַקומט ער אַ מאָראַלישן הכשר, אַז ער מוז נישט עולה זיין.

און נאָך איין אַספּעקט: דאָס ערשטע יאָר אין לאַנד איז, בדרך־כלל דאָס שווערסטע פאַר יעדן עולה, און באַזונדערס פאַר יונגע מענטשן וואָס קומען פון די שפּע־לענדער אין מערב־אייראָפּע אָדער אַמעריקע. אין פאַרלויף פון ערשטן יאָר דאַרף דער יוגנטלעכער לערנען די שפּראַך און זיך צופּאַסן צום נייעם קלימאַט וואָס איז שווערער און אַנדערש ווי אין זיין געבוירן־לאַנד. פון זיינע ערשטע טעג אין לאַנד דאַרף ער אַריבערגיין פון דער שול־באַנק אָדער באַאַמטנטום, יעדנפאַלס פון אַ בעקוועמען לעבן, צו אַ שווערן אַרבעט־לעבן, צו וואוין־באַדינגונגען, צו וועלכע ער איז נישט געוואוינט, צו אַ נייער סביבה, ווייט פון דער שטאָט וואו ער איז אויסגעוואַקסן און צו וועלכער ער איז צוגעוואוינט. דאָס ערשטע יאָר איז, אַזוי אַרום, דאָס שווערסטע פאַר יעדן עולה און איז אַ סך מאָל פול מיט שוועריקייטן און אַנטוישונגען. דער נייער עולה אורטיילט לויט זיינע שוועריקייטן אינעם ערשטן יאָר — און אַזוי וועט אויך אורטיילן דער „דינסט־יאָר"־עולה. אַ מענטשן וואָס קומט זיך באַזעצן אין לאַנד, אַ מיטגליד פון „החלוץ", וואָס האָט פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן, וועלן געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע מניעות אָפּהאַלטן אַנצונעמען אַן איבעראײַלטן באַשלוס וועגן צוריקקער אין חוץ־לארץ. אַזאַ איינער קעמפט מיט אַלע שוועריקייטן און איז זיי בדרך־כלל

אויך גובר; ער זעט ווי מיט יעדן יאָר ווערט אים לייכטער. דער „דינסט־יאָר״־עולה ווערט כלל נישט דאַרפן מאַכן אָנשטרענגונגען גובר צו זיין די שוועריקייטן. ער וועט נאָר ציילן די טעג און וואָכן וואָס זיינען אים פאַרבליבן צו פאַרענדיקן זיין „דינסט״. אומקערנדיק זיך קיין חוץ־לארץ מיט אַזעלכע איינדרוקן וועגן די שוועריקייטן פון לאַנד, וועט עס אים שפּעטער שווער זיין זיך אומקערן צום געדאַנק וועגן זיך באַזעצן און אַרבעטן אין לאַנד.

פאַראַן אַזעלכע וואָס דענקען, אַז שוין די באַגעגעניש מיטן לאַנד אַליין איז עלול צו ווירקן צום גוטן אויפן איד פון חוץ־לארץ. דעריבער דאַרף מען זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָלן קומען אַהער געסט, און באַזונדערס ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן וואָס קומען אויף אַ ביסל אַ לענגערע צייט. זיי וועלן זען דאָס לאַנד, זיי וועלן באַאיינפלוסט ווערן און וועלן פאַרבינדן מיטן לאַנד זייער לעבן. אַ געוויסע צייט איז דאָס טאַקע אַזוי געווען. עס איז געווען גענוג, אַז יונגע מענטשן זאָלן זען אונזערע טאַטן, וואָס מיר האָבן באַוויזן צו שאַפן אין שטאָט און אין דאָרף, אין דער אַרבעטער־זידלונג און הסתדרות. איצט איז עס מער נישט גענוג. בלויז אַ באַזוך אין לאַנד, אַ באַזוך וואָס איז נישט באַגלייט מיט ציוניסטישער דערציאונג, מיט אַ לאַנגדויערנ־דיקער און טיפער אויפקלערונג אין חוץ־לארץ און אין לאַנד, איז עלול צו ווירקן אויך אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

*

די אַלע, אויבן־געשילדערטע געפאַרן וואָלטן נישט געווען אַזוי גרויס, ווען צוזאַמען מיטן „דינסט־יאָר״ וואָלט עקזיסטירט אויך אַ גרויסע, איינ־געוואָרצלטע, אַקטיווע און ווירקנדיקע חלוצישע באַוועגונג, וואָס דאָס „דינסט־יאָר״ איז עפּעס אַ צוגאָב צו איר, וואָס איז אויסן צוצוציען נייע קרייזן, וועלכע געהערן נישט אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אַקטיווער יוגנט אין חוץ־לארץ. ליידער איז דאָס נישט אַזוי — איז דעריבער גרויס די געפאַר פון אָט דעם פּרואוו.

געוויס, מען וועט זאָגן: היות עס איז סיי־ווי־סיי אין חוץ־לארץ נישט פאַראַן קיין גרויסע חלוצישע באַוועגונג און די הכשרה־אונטערנעמונגען דאָרט ליקווידירן זיך, איז במילא נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, און בעסער אַ „דינסט־יאָר״ ווי גאָרנישט. אָבער פון דער אַנטוויקלונג אין די לעצטע יאָרן דאַרף מען, לויט אונזער מיינונג, נישט אַרויסציען די מסקנה, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין פעלד פאַר אַ חלוצישער באַוועגונג. דער אמת איז, אַז זייער ווייניק איז געטאָן געוואָרן אויף דעם געביט סיי מצד דער ציוניסטישער

באַוועגונג און סיי מצד דער הסתדרות. די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער זיינען בשעתו געווען אַ גינסטיקער באָדן פאַר דער שאַפונג פון אַ גרויסער חלוצי־שער באַוועגונג, און פונדעסטוועגן האָט מען זיך נישט באַנוגנט מיט דער „סטיכישער" אַנטוויקלונג. אַ סך באַמיאונגען און געלט זיינען אינוועסטירט געוואָרן אין דער שאַפונג פון דער חלוצישער באַוועגונג. צענדליקער הסתד־רות־שליחים פון לאַנד האָבן זיך באַשעפטיקט אויסשליסלעך מיט אָט דער אַרבעט. אויך די צענטראַל־און מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָט מען נישט פאַרגעסן, הגם דער באָדן דאָרט איז נישט געווען אַזוי גינסטיק און די שוועריקייטן דאָרט זיינען געווען ענלעך צו די, אָן וועלכע מיר שטויסן זיך אָן איצט אין צפון־אַמעריקע. פונדעסטוועגן זיינען אויך אין די דאָזיקע לענדער געווען טעטיק אַ סך שליחים, וועלכע האָבן זיך ספּעציעל געווידמעט דער חלוצישער טעטיקייט און ס'איז זיי אויך געלונגען צו שאַפן אַ באַוועגונג און סטימולירן אַ חלוצישע עליה פון יענע לענדער.

נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט די גרויסע אָנשטרענגונג זיך אָפּגעשטעלט. ביז צו דער מדינה־גרינדונג האָט זיך די גאַנצע באַמיאונג קאָנצענטרירט אויף אומלעגאַלער עליה און אויפן געראַנגל פאַר דער אויפריכ־טונג פון דער מדינה. אויך אין יאָר פון דער באַפרייאונגס־מלחמה איז אונזער הויפּט־דאגה געווען אויף אַן אַנדערן געביט. אָבער אויך פאַר די לעצטע צוויי־דריי יאָר איז ווייניק וואָס געטאָן געוואָרן אויף דעם געביט. בלויז באַשיידענע באַמיאונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, כדי צו גרינדן אַ ברייטצוגיקע חלוצישע באַוועגונג אין חוץ־לארץ. דאַכט זיך, אַז די הסתדרות, למשל, האָט איצט בכלל נישט קיין שליחים אין חוץ־לארץ פאַר אָט דעם צוועק, און די צאָל אַנטשפּרעכנדיקע שליחים פון דער אידישער אַגענטור איז אויך גאָר באַשיידן. אין אָנבליק פון אַזאַ מאַנגל אין ערנסטער אָנשטרענגונג, טאָר מען נישט רעדן וועגן דער אוממעגלעכקייט צו שאַפן אַ חלוצישע באַוועגונג. מעגלעך, אַז מען דאַרף ענדערן געוויסע מעטאָדן וואָס זיינען געווען אָנגענומען אינעם פּעריאָד צווישן די ביידע וועלט־מלחמות, אָבער מען דאַרף נישט מוותר זיין אויפן עצם געדאַנק פון דער חלוצישער באַוועגונג, וואָס איז איצט נישט ווייניקער וויכטיק און נויטיק ווי דאַן. נאָכמער, איצט וועלן מיר זיך נישט אָנשטויסן אָן יענע עליה־פּראָבלעמען, וואָס האָבן אונז אין דער מאַנדאַט־תקופה פאַרשאַפט אַזעלכע גרויסע שוועריקייטן.

עס ווייזט אונז אויס, אַז דעם באַשלוס וועגן „דינסט־יאָר" האָט די עקזעקוטיווע אָנגענומען אַ ביסל אין איילעניש און מען האָט נישט גענוג איבערגעטראַכט די עווענטועל־מעגלעכע אַנדערע רעזולטאַטן פון אַזאַ שריט.

דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אין אָנבליק פונעם פאַקט, וואָס איין באַוועגונג האָט אָנגעהויבן אַזאַ טעטיקייט — און די אַנדערע האָבן נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק.

ווי געזאָגט, דאַרף מען זיך נישט באַציען נעגאַטיוו צו דער עצם זאַך, אָבער עס וואָלט בעסער געווען, לכל הדעות, ווען מען וואָלט נאָך און נאָך אַנאַליזירט און אונטערזוכט אַלע אַספּעקטן פון אָט דעם שריט; און ווען מען וואָלט פריער געטאָן אַלץ וואָס איז נויטיק, כדי דער אָרט פון „החלוץ" זאָל זיין מער אָנזעעוודיק, באַפעסטיקט און געזיכערט בעת דער פּראָקלאַמירונג פון אָט דער נייער פאָרם פון רוף צו דער ציוניסטישער יוגנט אין חוץ־לארץ.

*

איצט, נאָכדעם ווי דער באַשלוס וועגן „דינסט־יאָר" איז אָנגענומען געוואָרן, איז ער נאַטירלעך מחייב צו אַ טעטיקייט אין דער ריכטונג. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז דאָס איז עלול צו ברענגען נעגאַטיווע רעזולטאַטן אויפן צווייטן פּיל וויכטיקערן פאַר אונז פראָנט, אויב עס וועט גלייכצייטיק דערמיט נישט געמאַכט ווערן אַ סך מער אָנגעשטרענגטע אַרבעט ווי ביז איצט פאַרן „החלוץ". עס זיינען נויטיק דערצו אַ סך שליחים און מיטלען. עס איז אונזער פליכט צו שטאַרקן און פעסטיקן די אַרבעט פאַרן „החלוץ", ווייל אַנדערש דראָען אַ סך געפאַרן פון דער פּראָקלאַמירונג פון דעם „דינסט־יאָר". די ציוניסטישע עקזעקוטיווע און ועד הפועל פון דער הסתדרות דאַרפן עס נעמען אין אַכט. און אין דער ערשטער ריי מוז עס איינזען אונזער אייגענע באַוועגונג.

(מאי 1952)

אַ נאָמען וואָס איז מחייב *

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג — די פּאַרטייען פּועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות אין אַלע לענדער, וועלן מיט גרויס באַפרידיקונג אויפנעמען די ידיעה וועגן אייער פאַרייניקונג. אין זייער האַרצן און באַוואוסטזיין, זייט איר שוין לאַנג געווען פאַראייניקט. זיי האָבן אין אייך געזען אַ טייערן אוצר, די צוקונפט פון זייער באַוועגונג, און עס האָט זיי שטאַרק געאַרט און זיי האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אייער פאַרייניקונג איז פּראַקטיש נאָך נישט דורכגעפירט. דעריבער איז נישטאָ קיין ספק וועגן זייער גרויסער פרייד.

איר האָט אייך היינטיקן אָוונט אויסגעקליבן אַ שיינעם, פּאַסנדן נאָמען — „איחוד הנוער החלוצי". אָבער דער עצם פאַקט פון דער פאַרייניקונג און אויך דער נאָמען וואָס איר האָט אייך אויסגעקליבן, לייגט אויף אייך אַרויף אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר האָט ווידער אַרויסגעצויגן פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט דעם נאָמען „החלוץ" און איר ווילט אויפהויבן זיין חשיבות. דערדאָזיקער נאָמען האָט אַ רייכע און זייער בכבודיקע פאַרגאַנגענהייט, און ער פאַרפליכטעט. איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר הויבט אויף די פאָן פון חלוציזם, אין אַ צייט ווען מען וויל דוקא גרינגשעצן די חלוצישע ווערטן. שוין יאָרן לאַנג שאַצט מען נישט אָפּ געהעריק דעם באַגריף חלוציזם אין אַ טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און דאָס איז אויך איינע פון די סיבות פון איר היינטיקער שוואַכקייט, פון דעם קריזיס וואָס זי מאַכט איצט דורך.

פאַראַן אַזעלכע וואָס טענהן, אַז די תקופה פון חלוציזם איז אַריבער, ווייל די יוגנט איז איצט אַן אַנדערע איידער מיט 30—20 יאָר צוריק. זיי האָבן גיך פאַרגעסן וואָס עס האָט באַטייט פאַר אונז און פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל, אַז עס איז געווען טעטיק אַ מאַסנהאַפטיקע חלוץ־באַוועגונג פון פיל צענדליקער טויזנטער אין די קאָנצענטריר־פּונקטן פון החלוץ און אין די הכשרה־פּונקטן, וואָס האָבן אין דער עליה געזען די פאַרווירקלעכונג פון זייער שטרעבונג; ווי גרויס עס איז געווען די וויכטיקייט

* אויף דער פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ פון „דרור־הבונים" מיט „גורדוניה־המכבי הצעיר", אָקטאָבער 1952.

און דאָס ליכט וואָס דאָס האָט צוגעגעבן דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָסער לעבנס־געבאָט דאָס איז געווען פֿאַר דער גאַנצער באַוועגונג, אויך פֿאַר יענע טיילן, וואָס האָבן נישט געהערט צום החלוץ.

עס קען זיין, אַז אין אונזער תקופה איז שווערער אויפצושטעלן אַ חלוצישע באַוועגונג. עס איז אָבער נישט ריכטיק, אַז מען קען נישט אָנהאַלטן דעם „החלוץ" אַלס אַנזעעוודיקן פֿאַקטאָר, מיט אַ דערציאונג צו הכשרה און חלוצישער עליה. אַ גרויסער טייל פֿון די שוועריקייטן וואָס עקזיסטירן היינט־צו־טאָג האָבן עקזיסטירט אויך פֿריער. מיר האָבן, אמת, געהאַט אין מזרח־אייראָפּע אַ גרויס אידיש פֿאָלק, וואָס עס עקזיסטירט נישט מער, ווייל עס איז פֿאַרטיליקט געוואָרן און מיר שפּירן אויף יעדן שריט און טריט דאָס־דאָזיקע שרעקלעכע אומגליק. אָבער אויך דעמאָלט ווען מיר האָבן געהאַט מאַסן אידן אין די לענדער פֿון מזרח־ און מיטל־אייראָפּע, האָט מען געדאַרפֿט גובר זיין אַ סך שוועריקייטן, טיילמאָל די אייגענע שוועריקייטן, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן היינט־צו־טאָג אין די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער און אין דרום־אַמעריקע און אין די לענדער פֿון מערב־אייראָפּע. עס זיינען אויך אין ווין און בערלין, אין קראָקע און אין וואַרשע, אין לעמבערג און אין בוקאַרעשט געווען עלטערן, וואָס האָבן נישט געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן גיין אין החלוץ, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס וועט פֿירן דערצו, אַז זיי וועלן זיך צום סוף דאַרפֿן שיידן; אַז דאָס איז עלול אָנצורירן די שאַנסן פֿון זייער געזיכטערטער צוקונפֿט. אויך אין יענע לענדער וואו די אידן זיינען פֿאַרטיליקט געוואָרן האָבן זיי אַ קורצע צייט פֿריער געהאַט די מעגלעכקייט צו דערגיין צו עשירות און קאַריערעס, און די אויסזיכט צו ווערן אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט, אַ אינזשינער אָדער אַ דערפֿאָלגרייכער סוחר, אפילו אַ פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט, האָט געצויגן, געלאָקט, — נישט ווינציקער איידער היינט.

אויך דעמאָלט האָט מען געדאַרפֿט שווער האָרעווען כדי אויפצושטעלן אַ חלוצישע באַוועגונג. דאָס האָט זיך נישט געמאַכט אַליין, און פֿונדעסטוועגן איז זי אויפגעשטעלט געוואָרן. זי איז אויפגעשטעלט געוואָרן, ווייל די ציוניסטישע באַוועגונג און קודם־כל די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, די הסתדרות און די פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, האָבן דערין געזען דעם עיקר העיקרים. די הסתדרות, די פּאַרטיי האָבן אַוועקגעגעבן זייערע בעסטע כוחות און אַ סך מיטלען פֿאַר דער חלוצישער באַוועגונג. איצט איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג, ווייל מען זעט נישט מער די העלפֿנדיקע האַנט פֿון אָט די אַלע פֿאַקטאָרן.

„איחוד הנוער החלוצי" דאַרף ווערן דער פאָדערער און מאָנער אויף דעם געביט. אַליין נישט רוען און נישט לאָזן אַנדערע צורו. די צייט פון חלוציזם איז נאָך נישט פאַרביי. נישט ווינציקער ווי פריער איז אונז איצט נויטיק אַ שטאַרקע חלוצישע באַוועגונג אין חוץ־לארץ, דאַרפן מיר האָבן אַ חלוצישע עליה, עס פאָדערן זיך חלוצישע מעשים אין לאַנד. אייער פליכט איז צו צווינגען די הסתדרות און די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג, אַז זיי זאָלן אַוועקשטעלן בראש פון זייער טעטיקייט די זאָרג פאַר אַ גרויסער חלוצישער באַוועגונג און זיי זאָלן זי געטריי באַדינען. אויב איר וועט גיין אויף דעמדאָזיקן וועג, וועט איר זיכער באַוויזן אויפשטעלן אַ גרויסע חלוצישע באַוועגונג, אויפהויבן איר אָנזען און אַרויפברענגען אין די גלות־לענדער אויך די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג און די ציוניסטישע באַוועגונג בכלל אויף דעמדאָזיקן דרך.

„איחוד הנוער החלוצי" איז די באַוועגונג פון די פאַרטייען פון דעם „איחוד עולמי". געווען אַ צייט, ווען מ'האָט געטענהט, אַז מען קען נישט געווינען קיין יוגנט, ווען מען איז זי מחייב צו אַ דעפינירטער פּאָליטישער ריכטונג. דאַרף מען פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס נישט פאָדערן קיין קלאָרע פּאָליטישע זעלבסט־באַשטימונג. אַזוי אַרום האָט מען געזאָגט, וועט זיין גרינגער צו אָרגאַניזירן ברייטערע יוגנט־שיכטן. אפשר איז דאָס אַמאָל ריכטיק געווען. אָבער פאַר מיר איז קלאָר, אַז היינט־צו־טאָג איז דאָס זינלאָז. אויך אונזער יוגנט־באַוועגונג מוז האָבן אַ קלאָרע פּאָליטישע איינשטעלונג, דורך פולער אידענטיפיצירונג מיט מפלגת פועלי ארץ־ישראל אין לאַנד און מיט דער פאַרטיי פועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות, אַזוי לאַנג ווי די חברים לעבן אין די גלות־לענדער. גענוי ווי די פאַרטייען נויטיקן זיך אין יוגנט־באַוועגונגען, נויטיקט זיך די יוגנט־באַוועגונג אין אַ שטאַרקן אָנשפּאַר אין דער פאַרטיי. אַ פאַרטיי וואָס פאַרמאָגט נישט קיין יוגנט, האָט נישט קיין צוקונפט, און פון דער אַנדערער זייט נויטיקט זיך די יוגנט אין אַ פאַרטיי מיט טראַדיציע און דערפאַרונג, כדי זיך צו קענען אַנטוויקלען, כדי צו קענען ווירקן און געווינען נייע קרייזן. און טיילמאָל דאַרף אויך די פאַרטיי אויפן אָרט הילף פון דער יוגנט.

מיר לעבן איצט אין מדינת ישראל אין אַ משונהדיקער תקופה. די שווערע און געדריקטע לאַגע האָט דערפירט דערצו, אַז מען זעט אינם גלות קודם־כל אַ באַשטימטן מקור פון הילף, פון מאָבליזירונג פון מיטלען. מען דאַרף זיך דערויף נישט באַקלאָגן, ווייל מיר ווייסן ווי נויטיק דידאָזיקע מיטלען זיינען. אָבער מיר מוזן אַדורכדרינגען אַלע קרייזן אינעם לאַנד מיטן

באַוואוסטזיין, וויפיל געפאַר עס שטעקט אין דעם, וואָס מען טראַכט אַזוי ווינציק וועגן דער נשמה פון דעם אידנטום אין גלות. ווען, אייגנטלעך, האָבן מיר אַן ערנסטע באַראַטונג אין דערדאָזיקער פראַגע? עס האָט אונז הײַנט דערציילט אַ ותיק אין דער אַרבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע, חבר יוסף באַראַץ, וועגן אַ „דעלעגאַציע פון גוטן ווילן", וואָס גייט די טעג אַרויס קיין אייראָפּע כדי צו ברענגען שלום אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און זי צו שטאַרקן. הלוואי זאָלן זיי מצליח זיין, ווייל מען דאַרף געווינען דאָס פאָלק אין גלות פאַרן ציוניזם און פאַר דער מדינה. דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד אין דער איצטיקער תקופה, און מיר אַלע האָבן דאָס פאַרגעסן. איר דאָ אין לאַנד, מיטן כוח פון אייער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, צוזאַמען מיט אונזערע פאַרטייען אין חוץ־לארץ, מוזט איר פאָדערן פון דער פאַרטיי און פון דער הסתדרות אין לאַנד מער אויפמערקזאַמקייט, מער שליחים, מער אינטערעס אין דער פאַרשטאַרקונג פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, וואָס איז אַזאַ וויכטיקער אָנלען פאַר אַלץ וואָס מיר טוען אין לאַנד.

איר יונגע מענטשן וואָס שפּרודלט מיט ענערגיע, פול מיט גלויבן אין דער צוקונפט. אויף אייך איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ שווערע לאַסט, אָבער יוגנט שטרעבט דאָך צו שווערע אויפגאַבן. דאָס וואָס מען דערגרייכט גרינג, אַכטעט מען נישט איבעריק. אַ יוגנט וואָס דענקט, וואָס שטרעבט צו אַ שענערן מאָרגן, ווערט נישט באַצויבערט פון גרינגע זאַכן. זי ווערט באַצויבערט פון געוואַגטע זאַכן, פון צוטרוי צו די אייגענע כוחות, פון אידעאישער גאַנצקייט. דעריבער איז אַזוי וויכטיק, אַז איר זאָלט קענען ענטפערן אידעאיש קלאָר, מיט צוטרוי צו זיך אַליין אויפצוויקלען פאַר אַלעמענס אויגן די גאַנצע פאָן פון אַרבעטער־ציוניזם, פון עליה און הכשרה, פון פאַרווירקלעכונג און פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. נישט פאַרדעקן און נישט גרינגען מאַכן.

איך געדענק מיין וויכוח, נאָך מיט אַרום צוואַנציק יאָר צוריק, מיט אונזערע חברים פונם קיבוץ מאוחד, אין דער צייט ווען מיר האָבן געהאַט אַ גרויסע „פרייהייט"־באַוועגונג אין פוילן און הונדערטער און טויזנטער פון זיי פלעגן עולה זיין אין לאַנד. מיר האָבן דיסקוטירט וועגן דעם וועג פון די חברים פון „פרייהייט" ווען זיי קומען אין לאַנד. עס איז נישט געווען קיין וויכוח צי דאַרפן זיי זיך אָנשליסן צום קיבוץ מאוחד אָדער נישט, נאָר צי זאָל מען זיי פונאַנדערוואַרפן צווישן פאַרשיידענע עלטערע משקים, אָדער קאָנצענטרירן זיי אין נייע פונקטן. איך בין באַשטאַנען דערויף, אַז עס זאָלן

אויף זיי אַרויפגעלייגט ווערן אין לאַנד זעלבשטענדיקע אויפגאַבן, זיי זאָלן אָנהויבן פון בראשית, זיי זאָלן קענען פילן מיט באַפרידיקונג זייער אייגן שאַפן און קענען אָנווייזן: „דאָס האָבן מיר אַליין אויפגעשטעלט, דאָס האָבן מיר געשאַפן". דאָס וועט אויסשמידן זייער קראַפט. דאָס וועט נאָך מער שטויסן צו פאַרגרעסערן זייער אָנשטרענגונג צו טראָגן די לאַסט פון אחריות, וואָס וועט אויף זיי אַרויפגעלייגט ווערן. דאָס וועט אויך דינען אַלס מוסטער פאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ צו פאַרשטאַרקן דעם כוח און דעם ווילן פון אירע חברים צו גיין אויף התישבות. איך האָב דעמאָלט געזען, מיט וויפיל פאַרשטענדניש עס האָט זיך אין דער באַציאונג געפירט די באַוועגונג „גור־דוניה", ווען זי האָט קאָנצענטרירט איר נייע עליה אין נייע ערטער. דאָס האָט געשטאַרקט איר באַוועגונג אין גלות, וועלכע האָט געקענט שטאָלצירן מיט די דערגרייכונגען פון די וואָס זיינען אַרויס פון אירע רייען און האָבן אויפגעשטעלט התישבות־פונקטן אין לאַנד. די מענטשן פון קיבוץ מאוחד האָבן דעמאָלט נישט מסכים געווען. זיי האָבן פונאַנדערגעוואָרפן די עליה פון „פרייהייט" אין עקזיסטירנדיקע משקים, און דאָס האָט נישט געגעבן קיין פולע באַפרידיקונג איר באַוועגונג אין פוילן. איצט איז געבליבן אין לאַנד זייער ווינציק, וואָס מען קען באַטראַכטן ווי זעלבשטענדיקע שאַפונגען פון דער פּרעקטיקער „פרייהייט" באַוועגונג אין פוילן.

די חברים פון דרום־אַמעריקע זיינען געגאַנגען אויף אַ ריכטיקן וועג, אויפשטעלנדיק „מפלסים" און קאָנצענטרירנדיק אין דעמדאָזיקן פונקט די עליה פון די לענדער פון דרום־אַמעריקע. דאָס איז וויכטיק פאַר די חברים דאָ און נישט ווינציקער וויכטיק פאַר דער גאַנצער באַוועגונג אין דרום־אַמעריקע. הערט נישט די עצות, אַז עס איז בעסער צו געבן די חברים גרינגע אויפגאַבן. דאָס איז נישט גוט פאַר דער באַוועגונג. בעסער זאָלן זיי אויפ־שטעלן נייע פונקטן, אויך אויב דאָס איז שווערער. אַזעלכע אויפטוען וועלן צוציען אַ סך, זיי וועלן פאַרגרעסערן די באַוועגונג און פאַרשטאַרקן דעם ווילן פון די חברים צו חלוציות, ווייל די ברכה פון זייער אַרבעט וועט שטיין בולט פאַר זייערע אויגן.

אין דעם גייסט באַגריס איך אייך, חברים, און ווינטש אייך גרויס הצלחה. די באַוועגונג פון איחוד עולמי, אירע פאַרטייען אין אַלע לענדער, וועלכע האָט אויסגעבעטן דעם טאָג ווען איר וועט זיך פאַרייניקן, וועלן אייך העלפן מיט וואָס זיי וועלן קענען, ווייל זיי זעען אין אייך דעם שענסטן, דעם וויכטיקסטן המשך פון אונזער באַוועגונג.

איבערבוי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

א. שוין צייט פאַר ערנסטער באַטראַכטונג

מיר האָפן, אַז איצט וועט מען שוין מעגן קענען פירן דעם מיינונגס־אויסטויש וועגן די ענינים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַ מער רואיקער אַטמאָספער ווי פאַרן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָס איז נישט דוקא דערפאַר, ווייל די לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ איז פאַר דער צייט געוואָרן בעסער און די סימנים פונם קריזיס זיינען פאַרשוואונדן, אָדער דערפאַר, ווייל די ענינים זיינען נישט מער אַקטועל און דרינגענדיק. די לאַגע איז פאַר דער צייט נישט געוואָרן בעסער און דער קריזיס עקזיסטירט, הגם מען רעדט וועגן דעם ווייניקער. אונזער האָפענונג אויף אַ ווייניקער פאָלעמישן און מער זאַכלעכן מיינונגס־אויסטויש נעמט זיך דערפון, וואָס בדרך־כלל הערט מען שוין איצט נישט מער דעם פאַרטיקן, לייכטן ענטפער, מיט וועלכן מען האָט פריער געוואָלט פאַרענטפערן אָדער אָפילו באַרעכטיקן דעם קריזיס און דערמיט אָפגעפּטרט פאַרשלאָגן, וואָס האָבן אָנגעצייכנט אַ וועג, וואָס קען אפשר ענדערן צום בעסערן די ענינים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ.

דער ענטפער איז דעמאָלט געווען: א) דער קריזיס איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס אַ טייל מענטשן פון דער ישראל־רעגירונג ווילן נישט קיין שטאַרקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און זיי שוואַכן אָפּ איר אָנזען; ב) די ישראל־רעגירונג גיט נישט קיין געזעצלעכן סטאַטוס דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דאָס האַלט אָפּ איר באַנייטן אויפשוואונג.

ביידע טענות האָבן נישט געהאַט קיין האַפט און האָבן, לויט אונזער מיינונג, נישט געהאַט קיין שייכות צום ענין. די וואָס האָבן באַנוצט די טענות, האָבן באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט אַוועקגעפירט דעם וויכוח אויף זייטיקע וועגן, אויפגעבלאָזן ליידנשאַפטלעכע דעבאַטן אַרום ריכטיקע אָדער לגמרי אומריכטיקע, זייטיקע פּרטים מכוח קאָמפּעטענץ־פאַרטייל וכדומה און נישט געוואָלט באַגעגענען זיך מיט די, לויט אונזער מיינונג,ווירקלעכע סיבות פונם קריזיס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ.

מיר קענען זיך לייכט איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון אונזער אָפּשאַצונג. מענטשן פון דער ישראל־רעגירונג, וואָס געוויסע קרייזן האָבן זיי פריער אַזוי עקשנותדיק באַשולדיקט, אַז זיי ווילן אָפּשוואַכן אָדער אַפילו גאָר ליקווידירן די ציוניסטישע באַוועגונג, האָבן אין לעצטן יאָר דווקא אַרויסגעוויזן אַ גאָר לעבהאַפטן און אַקטיוון אינטערעס אין דער שטאַרקונג און אַקטיוויזירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. עס איז אין דער לעצטער צייט שוין אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די אַקציע פאַר די ישראל־באָנדס, וועלכע האָט ביי געוויסע קרייזן אויך געדינט אַלס אַ באַווייז, אַז מען וויל נישט קיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, איז כלל נישט קיין געפאַר פאַרן פאַרייניקטן ישראל־אַפּיל. די ישראל־רעגירונג איז נישט ווייניקער ווי די ציוניסטישע באַוועגונג פאַראינטערעסירט אין דער הצלחה פונם ישראל־אַפּיל און די ציוניסטישע באַוועגונג זעט מיט גרויסער זאָרג די שוועריקייטן פון דער באָנדס־אַקציע. די כנסת האָט באַשטעטיקט דעם סטאַטוס פאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אמת, אַ חוץ דעם כנסת־באַשלוס דאַרף נאָך קומען אַן אָפּמאַך אָדער פאַקט (אמנה) * צווישן דער ישראל־רעגירונג און דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אָבער גאָר ווייניק אידן אין חוץ־לארץ ווייסן דערפון, און פאַר זיי איז עס זיכער נישט קיין אָפּהאַלט צו זען אינם כנסת־באַשלוס, ווי מען האָט פריער פאַרויסגעזאָגט, אַ גרויסע, וויכטיקע זאַך, וואָס וועט הויבן דעם אָנזען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

האָט מען דען געמאַכט אַן ערנסטן פּרואוו אויסצונוצן די דאָזיקע דערגרייכונגען אויף צו שטאַרקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ? האָט זיך דורכדעם אַ סך געענדערט צום בעסערן אין דער לאַגע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די גלות־לענדער?

ב. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס אָנלען פאַר מדינת ישראל

די פראַגע פון אויסברייטערן די ראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און באַוואָרענען איר אייגנאַרטיקייט אַלס אָרגאַניזאַציע, וועלכע נעמט אַרום די ברייטסטע קרייזן פונם אידישן פאָלק, שטייט איצט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט תמיד געשטרעבט, און טיילווייז אויך באַוויזן, צו ווערן די גרויסע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע פון אידישן פאָלק, וואָס אַלע זיינע שיכטן און קרייזן זיינען מיט איר פאַרבונדן. די אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל האָט אָבער

* די אמנה איז געחתמעט געוואָרן דעם 25־טן יולי 1954.

פאַרלאַנגט אַ באַדייטנדיקע אויסברייטערונג פון דער אָרגאַניזאַציע־ראַם פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זי זאָל קענען גיין האַנט אין האַנט מיט די וואָס האָבן ליב די מדינה און ווילן איר העלפן און מאַכן אויך גרינגער צו ווערן מיטגלידער אין איר; ביי אַ גלייכצייטיקער אויסברייטערונג פון די טעטיקייטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ, וואָס דאָס מיינט — זיין וואַכזאַם צו אַלע נויטן פון אידישן לעבן. נישט דערפילנדיק אָט דיביידע אויפגאַבן, קען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נישט דינען דער מדינה און דעם אידישן פאָלק אין גלות אין דער מאָס ווי זי דאַרף דינען. אָבער אויף אָט די ביידע געביטן אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נישט געגאַנגען פאָרויס — און דוקא אין די יאָרן ווען אַלע האָבן עס דערוואַרט. עס זיינען אויך נישט געמאַכט געוואָרן קיין געהעריקע אָנשטרענגונגען אויף צו גיין פאָרויס. אָט אין דעם קומט צום אויסדרוק דערווירקלעכער קריזיס, אין וועלכן עס געפינט זיך איצט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

עס איז אויך קלאָר, אַז אַזוי לאַנג ווי עס וועט נישט געגעבן ווערן קיין פּאָזיטיווער ענטפער אויף די ביידע פראַגן, וועט דער קריזיס ווערן וואָס אַמאָל שאַרפער. די מדינה מוז האָבן אין חוץ־לארץ אַ שטאַרקן אָנלען, אַ שטאַרקערן ווי עס שטעלט מיט זיך פאָר ביים היינטיקן טאָג די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. זי קען נישט און זי טאָר נישט מוותר זיין אויף ברייטע מאַסן, וועלכע זיינען איצט נישט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָבער זיי האָבן ליב און ווילן העלפן דער מדינה. דאַקעגן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ וועט, לויט איר איצטיקער אָרגאַניזאַציע־פאָרם און לויט אירע איצטיקע טעטיקייט־געביטן, אַלץ מער פאַרלירן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די אידן אין די לענדער; זי וועט וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער קענען דינען אַלס עפעקטיווער און עיקרדיקער אָנלען פאַר דער מדינה, וואָס דאָס איז איר ציוניסטישע פליכט; מען וועט ביי אַזאַ לאַגע פון צייט צו צייט הערן פאַרשלאָגן וועגן גרינדן אַ נייע ראַם פון פריינד, שפענדער, חובבים א.אַ.וו.; אידן אין חוץ־לארץ וועלן ביי אַזעלכע באַדינגונגען נישט זען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג די אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער זיי נויטיקן זיך.

ג. די ענדערונגען נאָכן אונטערגאַנג פון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום

ביז צום יאָר 1933, ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד, איז דער שווערפּונקט פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן געווען אין אייראָפּע. אמת, זינט דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שוין כסדר געשטיגן די וואָג און די השפעה פונם אידישן קיבוץ אין צפון־אַמעריקע.

אָבער אייראָפּע איז פּאַרט געבליבן דער צענטער. אינם פּולסירנדיקן, פּיל־פּאַרביקן, געזעלשאַפטלעך אַזוי שאַרף דיפערענצירטן אידישן לעבן אין אייראָפּע, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אין איר איינהייטלעכער ראַם זיך געקענט באַנוגענען מיט גאָר באַגרעניצטע טעטיקייט־געביטן — פאָנדן, שקל, עליה. ציוניסטן האָבן תמיד געהאַט אויך אַנדערע אינטערעסן און נויטן, געמיינזאַמע מיט אַלע אידן. זיי זיינען געווען אַקטיוו און אָנפירנדיק אויף אַלע אַנדערע געביטן—אַמאָל אין די ראַמען פון ציוניסטישע פּאַרטייען און אַמאָל אין די ראַמען פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. אין די גרויסע, און אַפילו קלענערע, נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע און געזעלשאַפטלעך אַזוי אַקטיווע אידישע קיבוצים איז דאָס מעגלעך געווען. און אַזוי ווי דאָס אייראָפּעאישע אידנטום האָט שטאַרק משפיע געווען אויפן אידישן לעבן מעבר לים, האָבן זיך אויך דאָרטן מער ווייניק אָנגענומען די דאָזיקע פאָרמען, הגם זיי זיינען ווייניקער געווען צוגעפּאַסט צו די נייע, קלענערע אידישע קיבוצים, וואו דער געזעלשאַפטלעכער אינדיפערענטיזם און די נאַציאָנאַלע גלייכגילטיקייט זיינען די סאַמע גרעסטע געפאַר פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום. די עקזיסטענץ פון אַ גרויסן, נאַציאָנאַל אַקטיוון אייראָפּעאישן אידנטום און דער כסדרדיקער צופלוס פון ניי בלוט פון די אייראָפּעאישע לענדער אין די נייע ערטער, האָט אין די פריערע יאָרן פאַרקלענערט די געפאַר פון נאַציאָנאַלער אויסלייּדיקונג און געשטאַרקט די ציוניסטישע און אידישע אַקטיוויטעט.

מיטן אונטערגאַנג פון דעם גרעסטן טייל פונם אייראָפּעאישן אידנטום, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. אין די יאָרן 1946—1948 האָבן מיר עס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג נאָך נישט געפילט. עס זיינען געווען לעבהאַפטע יאָרן פון עליה ב׳, קאַמף פאַר דער מדינה, באַפרייאונג־קריג אין ישראל, און זיי האָבן געהאַלטן אין שפּאַנונג נישט נאָר אידישע קיבוצים, וועלכע האָבן אין דעם פּראָצעס אַקטיוו אָנטיילגענומען, און אָרגאַניזירטע ציוניסטן, נאָר דעם גרויסן רוב לעבנגע־בליבענע אידן אין גאָר דער וועלט. אידישע מאַסן האָבן זיך געזאַמלט אַרום דער ציוניסטישער באַוועגונג און זי איז געווען די טאָן־געבערין אינם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַ ברייט אַרבעט־פעלד אויפן געביט פון פּאָליטישער אַקטיוויטעט און דאָס האָט געגעבן שפּעדיקע אַרבעטס־מעגלעכקייטן דעם ציוניסטישן אַקטיוו. מיט דער אויפריכטונג פון דער מדינה און נאָך דעם באַפרייאונג־קריג, איז מיטאַמאָל געשאַפן געוואָרן אַ ליידיקער חלל אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען בולט געוואָרן די סימנים פון קריזיס.

ד. דער באַרגאַראָפּ פון אידישקייט און די אויפגאַבע פון ציוניסטן

אין דער ווירקלעכקייט פון מזרח־איירָאָפּע, מיט 40—50 יאָר צוריק האָט נישט געדראָט קיין באַלדיקע געפאַר דער עצם עקזיסטענץ פון אידן אַלס פאָלק (אָפּגעזען פון פיזישע און עקאָנאָמישע געפאַרן). אַפילו אַנטי־ציוניסטישע שטרעמונגען האָבן געווירקט אין דער ריכטונג פון פאַרשטאַרקן דאָס אידישע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין — צי זיי אַליין זיינען געווען דערפון צופרידן אָדער נישט. אַ טייל האָבן געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז מיר קענען אָפּהיטן אונזער נאַציאָנאַלן קיום אויך אָן אַ טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע און אָן אַ ראַדיקאַלן איבערבוי פון אונזער עקאָנאָמישער סטרוקטור. אַפילו אַסימילאַנטן האָבן נישט געוואַגט צו פאָדערן פון אידן מוותר צו זיין אויף זייער אידישן באַוואוסטזיין. און וואָלטן זיי עס יאָ געפאָדערט, איז די ווירק־לעכקייט געווען אַזעלכע, אַז אַזאַ פאָדערונג האָט נישט געהאַט קיין שום שאַנס אָנגענומען צו ווערן ביים גרויסן רוב אידן. דער פאַקט, וואָס אין יענע יאָרן האָבן די דאָזיקע אידן, וואָנדערנדיק מאַסנווייז פון איירָאָפּעאישע לענדער מעבר לים, מיט זיך מיטגעפירט אין זייערע נייע מקומות זייער גאַנצע מענטאַ־ליטעט, האָט אויך אין די נייע לענדער געדינט אַלס שטאַרקער קעגנגעוויכט צו דער געפאַר פון פאַרפרעמדקייט און דערווייטערונג פון אידישקייט און אידישן באַוואוסטזיין.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געקענט ווירקן אַפילו ווען זי האָט זיך דירעקט נישט פאַרנומען מיט די אוממיטלבאַרע נויטן פון די אידן אין חוץ־לארץ. ענינים פון קולטור און דערציאונג, קאַמף קעגן אַסימילאַציע און דיסקרימינאַציע, דאָס פּראָבלעם פון אויפהאַלטן אָדער שאַפן אַ געמיינזאַמע אידישע געזעלשאַפטלעכע ראַם, דאָרט וואו קיין קהלה איז נישט פאַראַן א.אַ.וו. — דאָס אַלץ האָבן געקענט עווענטועל טאָן אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און ציוניסטן זיינען דערביי געווען באַטייליקט אַלס יחידים אָדער אַלס קאָלעקטיוו. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע־ראַם האָט נישט אַריינ־גענומען אַזעלכע טעטיקייט־געביטן. היינט איז דער דאָזיקער וועג מער נישט מעגלעך. דער גאָר גרויסער רוב אידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ שטייט פאַר דער דראָענדער געפאַר פון אַבסאָלוטער גייסטיקער אויפלייזונג. פרומע אידן קענען זיך אפשר טרייסטן מיט בטחון אין דעם כוח פון אמונה. ווילן מיר גאָרנישט לייקענען דעם נאַציאָנאַל־צעמענטירנדיקן כוח פון די רעליגיעזע בינדונגען. די ווירקלעכקייט ווייזט אונז אָבער, אַז היינט־צו־טאָג ווירקט עס נאָר לגבי אַ טייל אידן. אין אַזאַ צושטאַנד קען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נישט עקזיסטירן אין די דאָזיקע לענדער און זי קען נישט דער־

פילן אירע דירעקטע פליכטן לגבי ישראל, אויב זי פֿאַרנעמט זיך נישט אויך מיט די אַנדערע אויפֿגאַבן, וועלכע האַלטן אָפּ דעם פּראָצעס פֿון נאַציאָנאַלן פֿונאַנדערפֿאַל. נישטאָ הײַנט מער אין די אידישע קיבוצים אין חוץ־לארץ געגנוג נאַציאָנאַלע כוחות אויף אָפּצוטיילן די דירעקטע אַרבעט פֿאַר ישראל פֿון די אָרטיקע פּראָבלעמען און אויפֿגאַבן. וועט עס נישט טאָן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר אין אַ נישט ווײַטער צוקונפֿט שטיין פֿאַר אַ גאָר באַדײַטנדיק פֿאַרשמעלערטן ציוניסטישן באַזיס אין חוץ־לארץ. אידן זײַנען עלול צו פֿאַרלירן דעם אינטערעס אין אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע פֿאַרנעמט זיך נישט מיט זייערע דירעקטע נויטן, בעת קיין אַנדער גואל פֿאַר די דאָזיקע נויטן איז נישטאָ. און וועט ער יאָ זײַן — נישט ווי ביז איצט אַלס הילכתא למשיחא, נאָר אַלס הלכה למעשה — וועט נישט זײַן מער קיין אָרט פֿאַר קיין באַזונדערער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

עס געהערט איצט כמעט צום גוטן טאָן פֿון פּירנדיקע מענטשן אין ישראל, וואָס קומען צוריק אין לאַנד נאָך אַ באַזוך אין חוץ־לארץ, צו דער־ציילן מכות די טרויעריקע סימפּטאָמען פֿונם באַרגאַראָפּ פֿון אידישער געזעל־שאַפֿטלעכער און קולטורעלער אַקטיוויטעט אין חוץ־לארץ, פֿונם אונטערגאַנג פֿון אידיש, און אַ סך פֿון זיי פֿאַלט דערבײַ גאָר נישט אײַן אַ טראַכט צו געבן, אַז אפֿשר האָבן אויך מיר אין ישראל, וואָס מיר באַשטימען אין אַ גרויסער מאָס דעם גאַנג פֿון דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין חוץ־לארץ, אַ שטיקל חלק אין אָט דער פֿאַטאַלער אַנטוויקלונג. וואָס וועט אונז אין ישראל שלאָגן נישט ווייניקער ווי די אידן אין חוץ־לארץ. נאָר ווייניקע הויבן שוין אָן צו באַגרײַפֿן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג מוז שאַפֿן אין חוץ־לארץ כלים צו שטאַרקן דעם אידישן באַוואוסטזײַן.

ה. נישט אויפֿן וועג פֿון פֿאַרקלענערן דעם מצוות־באַגאַזש

פֿאַרנעמען זיך, בײַם הײַנטיקן טאָג, מיט די נויטן פֿון די אידן אין חוץ־לארץ, מיינט צום גרעסטן טייל אַקטיוויטעטן, וועלכע שטאַרקן דעם אידישן באַוואוסטזײַן און קרעפֿטיקן אונזער נאַציאָנאַלן קיום. דאָס איז אַ ציוניסטישע אויפֿגאַבע פֿון ערשטער וויכטיקייט. דאָס ליגט אויך אין אינטע־רעס פֿון מדינת ישראל. נאָר גאַנץ קורצזיכטיקע זעען עס נאָך נישט. גראָד ווי עס איז אַ לײַכטזיניקע קורצזיכטיקייט נישט צו זען, אַז מיר אין ישראל נויטיקן זיך אין אַ שטאַרקער, מאַסנהאַפֿטער פֿאָלקס־באַוועגונג פֿאַר ציוניס־טישער אַקטיוויטעט אין חוץ־לארץ און אַז די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל מוז האָבן אַ פֿאַרבינדעטן אין חוץ־לארץ אין דער פֿאָרם

פון אַ שטאַרקער אָרגאַניזירטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אָבער פאַרנעמען זיך מיט די אַרטיקע נויטן פון אידן אין חוץ־לארץ מיינט נישט צו פאַרמינערן דאָס וואָס מיר רופן ריין־ציוניסטישע אויפגאַבן, בפרט קאָנקרעטע אַרבעט פאַר ישראל. אויב מיר פאָדערן, למשל, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין חוץ־לארץ נישט מוותר צו זיין אויף דער פאָדערונג פון עליה אין אַלע לענדער און ביי אַלע תנאים, מיינט עס נישט, אַז עמעץ פון אונז מאַכט זיך וועלכע עס איז אילוזיעס וועגן אַ באַלדיקער ווירקונג פון דער עליה־פאָדערונג. אָבער פון דער אַנדערער זייט מיינט דאָס פאַרשווייגן פון דער עליה־פאָדערונג און עליה־פליכט — אָפּטויטן אַ גרויסן טייל פון איר אידעאישן אינהאַלט.

עס איז דאָך משונהדיק צו וואָס מיר דערגייען. אויף אַ קאָנפערענץ פון ציוניסטישע פעדעראַציעס פון צפון־אַפריקע אַטאַקירן דעלעגאַטן שאַרף די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, פאַרוואָס זי האָט באַשלאָסן מכוח אַ געוויסער סעלעקציע בנוגע דעם עלטער פון עולים, בנוגע די וואָס ליידן פון אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן וכדומה. די קריטיקער זיינען אַלע — זיי אַליין און די וואָס האָבן זיי דעלעגירט — מענטשן, וואָס קענען זיי גופא איז נישט פאַראַן די מינדסטע באַגרעניצונג און זיי קענען יעדן מאָמענט עולה זיין. זיי טוען עס אָבער נישט. די פאַרשטייער פון דער צענטראַלער ציוניסטישער אָנפירונג, וועלכע ענטפערן אויף דער קריטיק, דערמאָנען נישט דעם פאַקט, מן־הסתם, כדי נישט צו שאַפן אַ שלעכטע שטימונג ביי די דעלעגאַטן. בכלל איז מען גאָר פאַרזיכטיק אויף ציוניסטישע צוזאַמענפאַרן מיט דער עליה־פאָדערונג לגבי זיך אַליין. אַזאַ צושטאַנד קען נישט שטאַרקן דעם מאָראַלישן כוח פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיר לייקענען קאַטעגאָריש, אַז דאָס פאַרקלענערן דעם מצוות־באַגאַזש פון אַ באַוועגונג איז אַ גוטער וועג צו פאַרלייכטערן די צוגעהעריקייט צו איר. אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לארץ ווערט נישט אויסגעשלאָסן און זיינע מיטגלידער־רעכט ווערן נישט געמינערט און ער קען פאַרנעמען די בכבודיקסטע אַמטן אויך אויב ער איז נישט עולה. אָבער דאָס איז שוין דער מאַקסימום פון זיך רעכענען מיט דער „ווירקלעכקייט”. דער ענין עליה טאָר נישט אַראָפּ פון סדר־היום אַלס ערשטע ציוניסטישע אויפגאַבע. דאָס וועט אידן נישט אָפּשטויסן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. גראַד ווי אידן האָבן אונז געפּרואווט איינשמועסן אַז גויים וועלן זען אַ פּגם אין אידישער געטרייקייט צו דער מדינת ישראל און די „דאָפּלטע לאָיאַליטעט” קען אידן גורם זיין צרות אין זייערע וואוין־לענדער. נישט אַנדערש ווילן אונז מאַנכע פירער איינשמועסן,

אַז דאָס נישט אַראָפּנעמען פונם סדר־היום פון ציוניסטישער אַקטיוויטעט די עליה־פאָדערונג וועט אָפּשטויסן אידן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אַ טעות. דאָס איז אַ פּרואוו צו באַרואיקן דאָס אייגענע געוויסן.

אוודאי וואָלט גוט געווען, ווען די עליה־פאָדערונג אין די מערב־לענדער קען תיכף ווירקן. אָבער דער פאַקט, וואָס זי ווירקט נישט אין מאָמענט, מיינט נישט, אַז זי וועט נישט ווירקן שפּעטער, אפילו ווען מיר וועלן זוכה זיין אָפּגעהיט צו ווערן פון קאַטאַסטראָפעס. אפשר איז אויך אונדזער דערציאונג און אויפקלערונג, אונזער אָנשטרענגונג, נישט געווען קיין פּאַסיקע און גענוג אינטענסיווע. פאַר אונז איז קלאָר, אַז דאָס איז אויך איינע פון די סיבות פונם קריזיס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ווייל עליה און טעטיקייט פאַר עליה שטאַרקט די ציוניסטישע באַוועגונג און גיט איר אינהאַלט. אָן דעם איז דער כוח המושך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ סך שוואַכער אויך פאַר די וואָס ווילן אַליין דערווייל נישט עולה זיין.

אויך די אויפגאַבע פון באַקענען אידן, און בפרט אידישע יוגנט אין חוץ־לאָרץ, מיט דער העברעאישער שפּראַך און אירע שאַפונגען, דורך קינדער־גערטנער, אָוונט־שולן און אָוונט־קורסן, און באַמיאונגען איינצופירן העברעאיש לערנען אין טאָג־שולן און וועלכע עס לערנען אידישע קינדער — מוז ווערן אַ וויכטיקע טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז וויכטיק פאַר דער פעסטיקונג פון אידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פאַר דער דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער מדינת ישראל און מיט די גייסטיקע ווערטן פון איר ישוב. דאָס וועט אויך שטאַרקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין חוץ־לאָרץ און באַרייכערן איר אינהאַלט.

נישט פאַרשמעלערן דעם אויפגאַבן־קרייז! נישט ווייניקער אויפגאַבן און פליכטן! נישט אַ באַקוועמער און לייכטער ציוניזם! דער קריזיס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע קומט דערפון וואָס אירע טעטיקייט־געביטן זיינען צו שמאָל. פאָנדן אַליין קענען נישט באַפרידיקן אַ לעבעדיקע באַוועגונג.

ו. ציוניסטישער לאַנד־פאַרבאַנד — אַן אַלגעמיינע, דעמאָקראַטישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע.

וועגן דער אָרגאַניזאַציע־פאָרם פון די ציוניסטישע לאַנד־פעדעראַציעס דעבאַטירט מען שוין זינט יאָרן און מען קומט נישט קיין שריט פאָרויס. מיר האָבן תמיד געשטרעבט דערצו, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל זיין אַ

דעמאָקראַטישע פאָלקס־באַוועגונג. די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ וואָ־לונטאַרע אָרגאַניזאַציע און כדי צו דערפילן אירע אויפגאַבן, מוז זי אַרומ־נעמען די מעגלעך גרעסטע צאָל אידן. האָט מען אָבער אויפגעשטעלט אַרום איר אַן אייזערנע וואַנט, כדי וואָס שווערער צו מאַכן אַז אַ איד זאָל זיך קענען אַנשליסן אין אירע רייען, און דאַן וואונדערט מען זיך און מען באַקלאָגט, וואָס זי נעמט אַרום נישט גענוג אידן.

מיט וואָס האָט זיך פאַרט פאַרזינדיקט אַ איד, וואָס וויל נישט זיין אַ מיטגליד אין איינער פון די אָנערקענטע ציוניסטישע פּאַרטייען און וויל פונדעסטוועגן זיין אַ מיטגליד אין דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע? פאַרוואָס זאָל דאָס זיין פאַרבאָטן? וויאַזוי קען מען זיך באַקלאָגן אויף דער שווערער לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער און נישט דערזען און נישט אָפּשאַפן אָט דעם אַבסורדן צושטאַנד, וואָס מוז צונישט מאַכן אַלע באַמיאונגען געזונט־צו־מאַכן און צו שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער?

כדי צו פאַרענטפערן אָט דעם משונהדיקן צושטאַנד, וואָס רייסט אַרונטער, לויט אונזער מיינונג, די עקזיסטענץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער, קומען איצט געוויסע קרייזן פון ציוניסטן און זאָגן: אדרבא, לאָמיר בכלל אָפּשאַפן אין חוץ־לארץ ציוניסטישע פּאַרטייען. וויל איך, חלילה, נישט חושד זיין, אַז דאָס איז נאָר אַ פאַרלעגנהייט־אויסרייד. אָבער דעם צוזאַמענהאַנג איז שווער צו פאַרשטיין. פאַרוואָס דאַרף מען פאַר־ווערן מענטשן, וואָס האָבן געוויסע געמיינזאַמע אידעאישע אָנשויאונגען, צו זיין צווישן זיך פאַרבונדן און ווירקן געמיינזאַם? פאַרוואָס דאַרף דאָס זיין אַ פאַרבאַדינג פאַרן שאַפן אַ געמיינזאַמע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע? עס האַנדלט זיך וועגן טעטיקייטן וואָס יעדע פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע באַזונדער קען זיי גאָרנישט אויספירן, און אויב מען פירט די טעטיקייט באַזונדער, זיינען עס נאָר ברעקלעך און פיצלעך פון דעם, וואָס מוז געטאָן ווערן. יענע ציוניסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן נישט האָבן מער קיין טעטיקייט־פעלד, נאָכדעם ווי מען וועט איבערגעבן דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע די מאַקסימאַלע געמיינזאַמע טעטיקייט־געביטן, וועלן זיך אויפלייזן אָדער ענדערן זייערע אַרבעט־געביטן. מיר האַלטן, אַז עס וועלן נאָך פאַרבלייבן פאַר די ציוניסטישע פּאַרטייען גענוג אויפגאַבן און זיי האָבן נאָך וואָס צו טאָן.

דער וועג פון ביסלעכוויז פאַרגרעסערן די קאָמפּעטענצן פון די פעדעראַציעס אין די לענדער, נישט ענדערנדיק זייער אָרגאַניזאַציע־פאָרם,

וועט נישט ברענגען די געוואונטשענע רעזולטאַטן. די פעדעראַציע גופא איז לעת עתה, אין אַ סך לענדער, אַ שוואַכע באַשעפעניש. זי זאַמלט אַרום זיך, צוליב די פריער אויסגערעכנטע טעמים, נאָר אַ טייל פון אידן, וואָס זי קען און דאַרף האָבן אין איר ראַם. מוז די ערשטע זאָרג זיין, צו שאַפן אַ ראַם, וואָס זאָל אַרומנעמען אַ מאַקסימום אידן — און מען קען אַזאַ ראַם שאַפן. אויך „די שליחים פון גוטן ווילן", ווי מען האָט עס געפּרוּווט אין אייראָפּע, וועלן נישט קענען ברענגען דעם נויטיקן אויפשטייג. אפילו אויב זיי וועלן פולקאָם מצליח זיין און שאַפן אַ פולן שלום־בית צווישן די ציוניסטישע פּאַרטייען, — וואָס וועלן זיי האָבן דערמיט אויפגעטאָן, בעת אַלע ציוניס־טישע פּאַרטייען צוזאַמען נעמען אַרום נאָר אַ טייל אידן, און אַמאָל אפילו נאָר אַ קליינעם טייל, און מיר נויטיקן זיך, אַז אַ סך אידן זאָלן זיין מיט אונז. שטייט דעריבער מיט דער פולער שאַרפקייט די פראַגע ווי אַזוי צו דערמעג־לעכן יעדן אידן, אָן וועלכער עס איז באַזונדערער פאַרפליכטונג, אַז ער מוז פריער ווערן אַ מיטגליד פון אַ ציוניסטישער פּאַרטיי — ער זאָל זיין דירעקט און אַקטיוו פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע.

ז. אַרבעט אין חוץ־לארץ — נישט קיין צווייטראַנגיקער טעטיקייט־געביט.

דאָס קלאָגן אַליין, אַז די לאַגע איז נישט גוט, וועט נישט ברענגען קיין ענדערונג. עס פאַרשטאַרקט נאָר די אַפּהעטיקייט. די פּרוּוון צו ברענ־גען אַן ענדערונג צום גוטן אויף דעם יסוד פון די ביז איצט אָנגענומענע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען אָן טעטיקייט־געביטן האָבן נישט געבראַכט די געוואונטשענע רעזולטאַטן. עס איז די פליכט פון יעדן איינעם, וואָס באַקלאָגט די איצטיקע לאַגע, צו זאָגן קלאָר און דייטלעך, וואָס ער לייגט פאָר, כדי צו ענדערן די לאַגע. מיר טאָרן דעריבער נישט זיין געבונדן מיט עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און געוואוינהייטן. זיי זיינען נישט קיין הייליקייטן. מיר קענען אפילו נישט דורכפירן אַזאַ אין פלוג זעלבסטשפאַר־שטענדלעכע זאַך, ווי פאַראייניקן די אַפּאַראַטן פוןביידע נאַציאָנאַלע פאָנדן — קרן קיימת און קרן היסוד. מיר קענען נישט רעאַליזירן די פולע איינ־הייטלעכקייט פון דער ציוניסטישער אויפקלערונג־אַרבעט. וואָלט גוט געווען, אַז אַלס רעזולטאַט פון די מסקנות, אַז די לאַגע איז נישט קיין גוטע — און זי איז נישט קיין גוטע — זאָל מען לכל הפחות אַרויסווייזן אַ ביסל מער איינגעשפּאַרטקייט ביים אַדורכפירן ענדערונגען, וועלכע זיינען נויטיק. קלאָגן אַליין איז נישט קיין דרך, מען מוז זאָגן וואָס מען וויל.

זינט דער שאַפונג פון דער מדינה האָט זיך עפּעס געענדערט. מען

פילט עס אָבער נאָך נישט אין דער ציוניסטישער אָנפירונג. זי באַהאַנדלט אָפּט און אויספּירלעך ענינים, אין וועלכע זי איז נאָר דער העלפנדיקער און נישט דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר און זי האָט ווייניק צייט דוקא פאַר ענינים, אין וועלכע זי איז דער איינציקער און באַשטימענדיקער פאַקטאָר. ענינים, וואָס עס איז איר פליכט, און אויסשליסלעך איר פליכט, זיך מיט זיי צו פאַרנעמען. מוז קומען אויף דעם געביט אַן ענדערונג. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע מוז ערנסט איבערקוקן איר אַרבעט־שיטה און זי צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. אַ גאַר גרויסער טייל פון אירע אויפגאַבן, בשום אופן נישט די ווייניקער וויכטיקע, ליגט איצט אין חוץ־לאַרץ, ביים אָרגאַניזירן אידן פאַרן ציוניזם, ביים אָרגאַניזירן דאָרט די ציוניסטישע און אידישע אַקטיוויטעטן, ביים אויפקלערן אידן אין חוץ־לארץ וואָס עס טוט די אידישע מדינה, וואָס זיינען אירע שוועריקייטן און וואָס זיינע אירע באַדערפענישן. דער מאַסשטאַב ביים אויפשטעלן איצט די ציוניסטישע לייטונג מוז זיין אַן אַנדערער, ווי אַמאָל, ווארים עס זיינען פאַראַן אַ סך אויפגאַבן, וועלכע עס האָט פריער אויסגעטראָגן די ציוניסטישע אָנפירונג און איצט איז די מדינה דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר לגבי זיי. מען מוז פשוט מער, אַ סך מער, אַרבעטן אין חוץ־לארץ און נישט דורך בליץ־באַזוכן. די אויפגאַבע איז צו געווינען אידן אין חוץ־לארץ פאַרן ציוניזם. דאָס איז איצט די ערשטע און הויפּט־אויפגאַבע פון אַ ציוניסטישער אָנפירונג.

ח. וועגן לאָזונג פון אידעאישער באַנייאונג.

מיר האָבן אין אונזערע אויספירונגען זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דער טענה, אַז דער קריזיס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נעמט זיך אין דער ערשטע שורה דערפון, וואָס עס פעלט אונז אַן אידעאישע באַנייאונג. אויף וויפיל די כוונה פון דער טענה איז, אַז מען מוז שטענדיק פונדאַסניי אונטערזוכן, אויף וויפיל אַ טעאָרעטישע הנחה איז צוגעפּאַסט צו דערווירק־לעכקייט פונם היינטיקן טאָג — איז עס זיכער אַ בויטיקע פאַדערונג און מען מוז איר שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. מיר האָבן אַלע באַגריסט דעם געדאַנק פון אַן אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַראַטונג געווידמעט אידעאישע יסוד־פּראָבלעמען. עס פעלן אונז גענויע סאָציאָלאָגישע שטודיעס אפילו איבער די גרויסע אידישע קיבוצים. עס פעלן אונז שטודיעס וועגן די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע טענדענצן פון די אידישע קיבוצים, אין די לעצטע 20 יאָר, וואָס זיינען געוועזן אַזוי גורלדיק פאַר אונזער פאָלק. די ציוניסטישע אידעע פאָדערט, אַז אַלע דערשיינונגען פון אונזער לעבן

זאָלן זיין, ווי ווייט מעגלעך, קלאָר פאַר אונז. די דאָזיקע פאָרשונג־אַרבעט אין חוץ־לארץ דאַרף נעמען אויף זיך די ציוניסטישע אָנפירונג. דאָס איז איינער פון די וועגן צו שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג.

אויב אָבער די טענה וועגן פעלן פון אידעאישער באַנייאונג קומט אַלס פּרואוו צו פאַרענטפערן די שוועריקייטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די סיבות, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיי אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך — מוזן מיר עס באַשטרייטן. דאָס איז ווידעראַמאָל אַ לייכטער ענטפער אויף אָפּצופּטרן פאָרשלאָגן, וואָס פאָדערן דירעקטע, באַלדיקע האַנדלונג; וואָס פאָדערן גובר צו זיין געוויסע געוואוינהייטן וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ סכנה פאַר אונזער וואוקס. דער לאָזונג פון אידעאישער באנייאונג איז צו אַלגעמיין און נישט פאַרפּליכטענ־דיק. אידעאישע באַנייאונג מאַכט מען נישט אויף באַשטעלונג. אדרבה ואדרבה, זאָל יעדער, וואָס פילט די נויטווענדיקייט פון אידעאישער באַנייאונג, זאָגן, וואָס מען דאַרף באַנייען, אָבער למען השם, נישט פאָדערן ביי אַ צווייטן אידעאישע באַנייאונג און מיינען, אַז דערמיט האָט ער עפּעס וואָס אויפגעטאָן אויף צו פאַרלייכטערן די שוועריקייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אוודאי זיינען פאַראַן אומצאָליקע נייע דערשיינונגען אין אידישן לעבן אין חוץ־לארץ, וואָס פאָדערן עס, מען זאָל זיי פאָרשן, אַנאַליזירן, סומירן — דער שפּראַכן־בבל, די פאַרפרעמדקייט פון דעם יונגן דור צו אידישקייט, די ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון אידן אין חוץ־לארץ א.אַ.וו., א.אַ.וו. אָבער די הנחה וועגן דער נויטווענדיקייט פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון אידן — האָט זיך נ י ש ט געענדערט. מען דאַרף דאָך נישט אָננעמען, אַז די וואָס רעדן מכוח דער נויטווענדיקייט פון אידעאישער באַנייאונג קלערן, אַז אין דעם פּונקט איז נויטיק אַ באַנייאונג. דאָס מיינט, אַז דער אידעאישער פונדאַמענט פון ציוניזם איז פאַרבליבן דער זעלבער, נאָר מען מוז אים צופּאַסן, קודם־כל, צו דער גרויסער דערגרייכונג פונם ציוניזם — צו דער אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל און צווייטנס, צו די גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אינם אידישן לעבן אין חוץ־לארץ פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר.

(יוני 1953)

צום וויכוח וועגן נייע וועגן *

...איך טרעט דאָ נישט אויף ווי אַ שפּרעכער פון אונזערע חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. יעדער חבר פון דער עקזעקוטיווע דאַרף דאָ זאָגן ווי ער אַליין זעט די ענינים. צו מיין באַדויערן רעדט טיילמאָל יעדער איינער פון אונז אין זיין אייגענעם נאָמען אויך אויף די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע. און דאָרט, אויף יעדן פאַל, וואָלט גלייכער געווען, ווען מיר רעדן זיך פריער צונויף. אמת, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין „קולקטיביות רעיונית", עס וואָלט אָבער גוט געווען, ווען מיר וואָלטן לכל הפחות געמאַכט אַ פּרואוו זיך צונויפצורעדן פאַר די זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע.

דעסגלייכן נעם איך נישט אויף זיך צו געבן אַן איבערבליק איבער די אַלע ענינים, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן אויף דער פּלענאַר־זיצונג פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע, וואָס איז אָקאָרשט פאָרגעקומען אין ירושלים. עס וואָלט געווען גוט און וויכטיק, ווען מיר וואָלטן, למשל, געקענט דער־ציילן וועגן דעם אויספירלעכן באַריכט, וואָס די גזברות האָט דערלאַנגט דעם פּלענום, דאָס איז דאָך נישט קיין קלייניקייט — ס'איז אַ בודזשעט פון צענדליקער מיליאָנען פונטן, וועלכער זאָגט עדות וועגן אַ ריזיקער אַרבעט. אָבער וועגן איין פּונקט אין שייכות מיטן בודזשעט וויל איך מאַכן אַ באַמערקונג.

אין משך פון צוויי יאָר צייט האָט זיך געפירט אַ גרויסער וויכוח וועגן דער נאַציאָנאַלער הלוואה. טייל האָבן געזען אין דער טעטיקייט פאַר דער נאַציאָנאַלער הלוואה אַ סכנה פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל דאָס קען שטאַרק אָנרירן דעם „פאַרייניקטן קאַמפּיין". עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פון ערשטן מאָמענט־אָן געגעבעטן נישט צו איבערטרייבן די דאָזיקע סכנה. דער דאָזיקער וויכוח איז געשלאָסן געוואָרן; מען רעדט נישט מער מכוח אַ סכנה. אמת, דער עניין הלוואה ווערט אַלץ שווערער, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז די הלוואה האָט נישט אָנגעטאָן

* אויף דער זיצונג פונם איחוד עולמי, דעם 12־טן יולי 1953

קיין שאָדן דעם פּאַרייניקטן קאַמפּיין. דער פּאַרייניקטער קאַמפּיין איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן פּאַראַיאָרן, אויך ווען די הלוואה איז גוט געגאַנגען. הײַ־יאָר האָט זיך דער פּאַרייניקטער קאַמפּיין אַפילו געהויבן. די רייד וועגן דעם, אַז די הלוואה וועט שעדיקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דורך אָפּ־שוואַכן דעם פּאַרייניקטן קאַמפּיין, זיינען געווען אומבאַגרינדעט. עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן דערויף, וואָרים עס איז ביי אונז פּאַראַן אַ נייגונג אָנצוואַרפן אַ שרעק ווען מען שלאָגט פאָר אַ נייע זאַך — מען האָט מורא, אַז דאָס וועט שעדיקן עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס. נישט תמיד איז דאָס אַזוי. די אידן אין חוץ־לאַרץ זיינען גרייט צו געבן געלט אי פאַר „באָנדס" אי פאַר דעם פּאַרייניקטן קאַמפּיין — און אפשר אויך פאַר נאָך עפּעס אַן אויפטו.

איך וועל זיך אויך נישט אָפּשטעלן אויף דעם קאַפּיטל התישבות, הגם דאָס איז פאַר אונז גאָר אַ וויכטיקער ענין. ביי 60% פונם ציוניסטישן בודזשעט ווערט איצט אויסגעגעבן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. זינט דעם אויפקום פון דער מדינה זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן העכער 340 נייע ישוב־פּונקטן. אָבער צום באַדויערן — דאָס האָבן מיר געלערנט פון לוי אשכול'ס באַריכט — זיינען הײַנט פאַראַן גענוג ליידיקע פּלעצער און אויך הייזער זיינען גרייט, און עס זיינען נישטאָ גענוג מתישבים. לויטן פּלאַן האָט מען הײַ־יאָר געדאַרפט אויפשטעלן מער התישבות־פּונקטן; זיי זיינען אָבער נישט אויפגעשטעלט געוואָרן צוליבן מאַנגל אין קאַנדידאַטן. מיר זיינען מחויב דאָס צו וויסן, ווען מיר רעדן וועגן דער ריכטונג פון אונזער אַרבעט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין אונזער באַ־וועגונג.

עס האָט זיך אויפן פּלענום געפירט אַ דעבאַטע וועגן דער עליה. געווען, למשל, אַזעלכע, וואָס האָבן דערמאָנט די רייד וועגן דער „קאַטאַסטראָפאַלער" עליה פון די לעצטע יאָרן, וואָס איז, כאילו, שולדיק אין די צרות מיט וועלכע מיר ראַנגלען זיך איצטער. פון דער אַנדערער זייט, איז מען געקומען און פאָרגעשלאָגן כלערליי מיטלען, לויט מיין מיינונג, קינסטלעכע, צו פאַרגרעסערן די צאָל עולים. אין אָט דער באַציאונג זיינען אונזערע חברים געווען פאַרייניקט און מיר זיינען אַרויסגעטראָטן געגן דיביידע אויפפאַסונגען. — קעגן דער אויפפאַסונג, אַז מען האָט, ווי זיי זאָגן, געקענט פונאַנדערטיילן די עליה פון פוילן, רומעניע, צפון־אַפריקע, עיראַק א.אַ.וו. אויף 7—8 יאָר; און געגן דער אויפפאַסונג, אַז מיר דאַרפן, ביים הײַנטיקן טאָג אָפּשאַפן אַלע באַשרענקונגען בנוגע עלטער און געזונט פון

די עולים. די עליה האָט אַ באַשטימטן צוועק, צו פאַרגרעסערן אונזער כוח אין דער מדינה, און עולים וואָס מען מוז נעמען דירעקט אין די שפּיטעלער אָדער זקנים־הייזער — זיינען ניט קיין צוגאָב פון כוח פאַר דער מדינה.

*

איצט וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף דעם פונקט, וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון די פאַרהאַנדלונגען: די באַנייאונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ד"ר נ. גאָלדמאַן האָט פאָרגעלייגט צוויי אָרגאַניזיר־פאָרמען: איינע — אַן אַלגעמיין־אידישע, פאַר די ענינים וואָס זיינען געמיינזאַם פאַר ציוניסטן און נישט־ציוניסטן. דאָס נעמט אַרום געלט־קאַמפּיינען, פּאָליטישע אַרבעט א.אַ.וו.; די צווייטע — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, פאַר אויפגאַבן ווי: העברעאישע דערציאונג, דערציאונג צו חלוציות א.אַ.וו. אויך אין אַמעריקע, זאָגט ער, קען מען ווירקן פאַר חלוציות אין דער פאָרם פון אַ דינסט־יאָר און פון ספּעציאַליסטן־עליה. לויט זיין מיינונג איז נישט וויכטיק, צי עס וועט פאַרקלענערט ווערן די צאָל מיטגלידער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער עיקר — עס זאָל זיין אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע ווייסט וואָס זי וויל. און וואָס זי דאַרף וועלן האָט ער דעפינירט אין די אויבנדערמאָנטע פונקטן. זיין פאָרשלאָג מיינט אַן אָבליגאַטאָרישע איינהייטלעכע ציוניסטישע לאַנד־פעדעראַציע, אָבער אַן וואַלן; אָפּשאַפן וואַלן, סיי אין לאַנד־מאַסשטאַב און סיי צום ציוניסטישן קאָנגרעס — אויסער אין ארץ־ישראל.

ווי אַזוי וועלן, פונדעסטוועגן, געקליבן ווערן די דעלעגאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס? ד"ר נ. גאָלדמאַן לייגט פאָר, אַז אַלע פיר יאָר זאָל פאָרקומען אַ ציוניסטישער קאָנגרעס, צו וועלכן די פּאַרטייען וועלן שיקן זייערע דעלעגאַטן, לויט דער צאָל שקלים, וואָס יעדע פּאַרטיי האָט פאַר־קויפט אין משך פון די פיר יאָר. ווי געזאָגט, לייגט ער פאָר, אַז אויך צו דער ציוניסטישער לאַנד־פעדעראַציע זאָלן קיין וואַלן נישט זיין, נאָר די זאַך זאָל איינגעאָרדנט ווערן לויט אַ הסכם.

ד"ר גאָלדמאַן רעדט וועגן דער אויסברייטערונג פון דער אידישער אַגענטור. זיין אויסגאַנגס־פונקט איז דאָס באַקאַנטע וואָרט פון די צייטן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע: „נישטאָ קיין שטייערן אָן רעפּרעזענ־טאַנץ". און אַזוי ווי די מערסטע אידן, וואָס גיבן געלט פאַר די פאָנדן זיינען נישט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — איז נישט מעגלעך, אַז זיי זאָלן נישט וויסן וועגן דער פאַרטיילונג פון די געלטער און נישט משפּיע

זיין אויף איר. און דעריבער לייגט ער פאָר צוצוגעבן צו דער עקזעקוטיווע צוויי—דריי נישט־ציוניסטן. געווען אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף קאָאָפּטירן אַ גרעסערע צאָל נישט־ציוניסטן. אַנטקעגן דעם זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן: די וועלכע לייגן פאָר אויסצוברייטערן די סוכנות, זיינען אויסן אַזעלכע מענטשן ווי וואַרבורג, ד״ר יוסף שוואַרץ וכדומה. אָבער צום סוף וועט אַרויסקומען ווי אין יאָר 1929, אַז אַנשטאָט וואַרבורג׳ן און שוואַרצ׳ן וועלן געשיקט ווערן אין דער עקזעקוטיווע גאַנץ אַנדערע.

חבר בן־גוריון שלאָגט פאָר אויפצושטעלן אין יעדן לאַנד אַן אַרומ־נעמיקע אידישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע; נישט קיין אַלוועלטלעכע, וועלכע וועט עווענטועל נישט זיין בכוח אַרומצונעמען געוויסע קרייזן. די דאָזיקע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס זאָלן עס באַזאָרגן די פינאַנסיעלע און פּאָליטישע הילף פאַר מדינת־ישראל. גלייכצייטיק אָנערקענט ח׳ בן־גוריון די נויטיקייט פון אַ באַוועגונג, וואָס זאָל זיין געפירט פון אַ היסטאָרישן אידעאַל און וואָס זאָל אויך שטאַרקן די מדינת ישראל. ער איז געגן אָפּשאַפן די פּאַרטייען. דערוויייל דאַרף מען, לויט זיין מיינונג, נישט באַטראַכטן די פראַגע וועגן אַן אויסברייטערונג פון דער אידישער אַגענטור, ער איז בכלל געגן דעם נאָמען — אידישע אַגענטור. אַ מאָל, כלפּי די ענגלענדער, זיינען מיר געווען אַ אידישע אַגענטור פאַר ארץ־ישראל. איצט זיינען מיר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

די אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — לויט בן־גוריונ׳ס מיינונג — איז דערציאונג פונם פאָלק אין גלות: 1) העברעאישע דער־ציאונג דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ פּערזענלעכע פליכט פאַר יעדן ציוניסט און זיינע קינדער; 2) דעראַבערונג פון די קהלות — וואָס עס נעמט אַרום די פּראָבלעמען פון אידישן פאָלק אין די תפוצות — דאָס איז אַ ברייטער שטח פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

לויט מיין מיינונג, פירט נישט קיין שום פאָרשלאָג וועגן צוויי באַ־זונדערע אָרגאַניזאַציעס צו דער לייזונג פונם פּראָבלעם, וואָס מיר באַטראַכטן, צו אַן אויסבעסערונג פון דער לאַגע. עס איז נישטאָ קיין זיכערהייט, אַז די דאָזיקע ענדערונג וועט ברענגען אַ ברכה, אָבער איך צווייפל נישט, אַז קודם כל וועט דאָס נאָך מער אָפּשוואַכן די ציוניסטישע אָרגאַנזאַציע. איך האַלט פאַר אַ טעות די פאָרשלאָגן וועגן צוויי אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען דאָס מאָל געבראַכט געוואָרן אין פאַרשיידענע פאָרמען פון פאַרשיידענע זייטן.

ח׳ י. שפּרינצאַק האָט פאָרגעשלאָגן אויפצושטעלן אַ ראָט פאַרן כלל

ישראל, וואָס אַרבעט פאַר ציון. די אויפגאַבן פון דער דאָזיקער ראַם זיינען: א) עקאָנאָמישע און פּאָליטישע הילף צו פאַרפונדעווען מדינת ישראל; ב) אידישע דערציאונג אין גלות; ג) העברעאיש ווי די שפּראַך פונם וועלט־אידנטום; ד) אַלע שקל־צאָלער און געלט־געבער פאַר די פאָנדן זאָלן זיך באַטייליקן אין די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. דערויף האָבן געזאָגט די קעגנער פון דעם דאָזיקן פּונקט, אַז אַ סך געלט־געבער וועלן זיין אַבסאָלוט געגן דעם פאָרשלאַג, ווייל זיי ווילן שפּענדן פאַר ישראל אָבער ניט זיין פאַרבונדן מיט קיין אָרגאַניזאַציע.

ח׳ שפּרינצאַק׳ס מאָטיוון האָט איר געהערט, באַלד ווי ער איז צוריק־געקומען פון אייראָפּע, אויף אַ באַזונדערער זיצונג פונם איחוד. און דעריבער וועל איך זיי איבערעכענען בקיצור: די שוואַכקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; די עליה איז קיינמאָל נישט געווען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; דער החלוץ איז געוואַקסן נישט דוקא אַ דאַנק דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אַזוי ווי ח׳ ז. שזר איז דעם אָוונט נישטאָ — וועל איך איבערגעבן זיין מיינונג גאָר בקיצור. ער זאָגט, אַז מיר דאַרפן נעמען די געלט־געבער פאַר די פאַרשיידענע קאַמפּיינס אַלס באַזע פאַר דער אויסברייטערונג פון דער ראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די געלט־געבער פאַר די קאַמפּיינס אין אַלע לענדער ציילן איצט אין די הונדערטער טויזנטער, און דעריבער דאַרפן זיי זיין די באַזע פאַרן אויפשטעלן די נייע אָרגאַניזאַציע.

מפ״מ און „מזרחי״ און אין אַ געוויסער מאָס אויך עמנואל ניומאַן, זיינען געווען געגן ענדערונגען. זייי טענה׳ען: עס איז נישט שרעקלעך. מען טרייבט איבער מיט די רייד וועגן די שוואַכקייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מען דאַרף אַזוי פאָרזעצן.

ח׳ ב. לאָקער האָט סומירט די דעבאַטע אין דעם פּונקט און געזאָגט: אַלע האָבן אָנערקענט, אַז די לאַגע פאָדערט אַריינטראַכטונג, פאַרטיפונג און אויסבעסערונג; אַלע האָבן מסכים געווען, אַז מען דאַרף זוכן וועגן ווי אַזוי איינצושפּאַנען אין עול פון דער טעטיקייט פאַר ישראל די נישט־ציוניסטישע קרייזן; אַלע האָבן מסכים געווען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע דאַרף ממשיך זיין די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט אין לאַנד — עליה־אויפנעם, התישבות, יוגנט־עליה; אַלע האָבן מסכים געווען, אַז די ציוניס־טישע באַוועגונג דאַרף אויסברייטערן פיל מאָל איר טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור און דערציאונג אין גלות.

ביים אינערלעכן צונויפטרעף פון די חברים האָט בן־גוריון געזאָגט,

אַז פּאַקטיש דאַרפן ענינים, ווי עליה און התישבות, לויט זיין מיינונג, אַריבערגיין צו דער קאָמפּעטענץ פון דער מדינה, וועלכע גיט זיך סיי ווי אָפּ דערמיט. אָבער — האָט ער צוגעגעבן — ער האָט גאָרנישט געגן דעם, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל נאָך עטלעכע יאָר זיך פאַרנעמען מיט די ענינים.

*

און איצט — עטלעכע פּערזענלעכע באַמערקונגען:

איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אַז איך בין נישט קיין חסיד פונם געדאַנק וועגן צוויי אָרגאַניזיר־פאָרמען, צוליב אַ פּשוטן טעם: עס איז נישט עפעקטיוו. נאָך ווינציקער בין איך אַ חסיד פון אַן „אַוואַנגאַרדיסטישער" אָרגאַניזאַציע, פון דער טעאָריע, אַז עס מאַכט נישט אויס אויב מיר וועלן זיין אַ קלענערע אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אויף דער דאָזיקער סעסיע געהערט, פון ד"ר גאָלדמאַן און אַנדערע, אַז עס איז נישט וויכטיק די צאָל מיטגלידער אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער עיקר זיי זאָלן זיין באַוואוסטזיניק. מעגלעך, אַז עס איז דאָ אַן אָרט פאַר אַן אַוואַנגאַרדיסטישער באַוועגונג, ביי אַנדערע אומשטענדן און פאַר אַנדערע אויפגאַבן, ווען די באַוועגונג וויל דורכפירן אַן איבערקערעניש און פאָדערט פון אירע חברים איינשטעלעניש און קרבנות. דעמאָלט אַנטשיידט נישט די צאָל מיטגלידער נאָר זייער גרייטשאַפט צו פאַרווירקלעכונג, אויך ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט קרבנות. אָבער וואָס מען לייגט איצט פאָר צו פאַרוואַנדלען די ציוניס־טישע באַוועגונג אין אַן אַוואַנגאַרדיסטישער באַוועגונג, פאַרלירט עס יעדן זין. פליכט פון פאַרווירקלעכונג — נישט, פליכט פון עליה — נישט, פליכט פון חלוציות — נישט. טאָ וואו ליגט די אַוואַנגאַרדישקייט, צוליב וועלכער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף קלענער ווערן?

איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז איך לייג איצט פאָר אויפצושטעלן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס עס קענען אין איר נישט זיין קיין מענטשן, וועלכע פאַרפליכטן זיך נישט צו פּערזענלעכער פאַרווירקלעכונג, אויף די געביטן פון עליה און חלוציות. איך רעד וועגן אַן אַלגעמיינער־מאַסן־אָרגאַניזאַציע. אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט אַלץ קלענער ווערן, וועט זי, לויט מיין מיינונג, וואָס אַ מאָל מער צעבראָקלט ווערן. די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז באַדינגט דערמיט, אַז זי זאָל זיין אַ דעמאָקראַטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטרעבט און באַמיט זיך אַרומצונעמען אַלע אידן אין גלות און זיך מטפּל זיין מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס באַשעפטיקן זיי אין די לענדער וואו זיי

וואוינען. און דעמאָלט, צוליב אַזאַ מאַסן־אָרגאַניזירונג, לוינט זיך אויך צו מאַכן וויתורים.

אַזוי ווי אַ פֿאָלקס־באַוועגונג קען זיך נישט באַנוגענען בלויז מיט דערציאונג און קולטור — איז גוט וואָס בן־גוריון האָט צוגעגעבן דעם ענין פֿון דעראָבערן די קהלות. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף נעמען ערנסט די דאָזיקע אויפֿגאַבן און גוט געדענקען, אַז עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר צוויי אַלגעמיינע, אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס. עס איז נישטאָ געענוג כוחות און ס׳זיינען אויך נישטאָ קיין פּראָבלעמען, וואָס באַרעכטיקן אַ באַזונדערע עקזיסטענץ פֿון צוויי אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס. דעריבער, אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וויל בייקומען דעם קריזיס — איז זי מחייב אַריינעמען אין איר טעטיקייט־שטח אַלע פּראָבלעמען, וואָס באַשעפֿטיקן דאָס פֿאָלק אין גלות און נישט בלויז דאָס פֿאָלק אין ישראל. דאָס פֿאָלק אין לאַנד האָט אַן אָרגאַניזאַציע — די מדינה, וועלכע זאָרגט פֿאַר אַלע זיינע באַדערפֿענישן. עס נויטיקט זיך נישט אין אַן אַרומנעמיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט ענינים פֿון דערציאונג, קולטור, סאָציאַלע הילף. אַמאָל איז געווען אַ אידישע קהלה אין די אידישע קיבוצים אין גלות, און איצט איז זי נישטאָ, און עס שפּירט זיך, אַז זי פֿעלט און מען דאַרף זי אויפֿשטעלן. אין מדינת־ישראל קען זיין עליה־אויפֿנעם און קאָלאָניזאַציע אָן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס איז אָבער נישטאָ ווער עס זאָל אָרגאַניזירן דאָס אידישע פֿאָלק אין גלות פֿאַר זיינע אייגענע אינטערעסן, עס איז נישטאָ ווער עס זאָל מאָביליזירן הילף פֿאַר דער מדינה, אויסער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די מדינה קען נישט מוותר זיין אויף דער הילף פֿונם אָרגאַניזירטן אידישן פֿאָלק, און דאָס דאַרף זיין די אויפֿגאַבע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער די אויפֿגאַבע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאַרף אויך זיין: דערציאונג צו פֿאַרווירקלעכונג און צו עליה, ווייל נאָר דאָס וועט ציען יונגע מענטשן.

און איך וויל צוגעבן: די ציוניסטישע עקזעקוטיווע לעבט נישט מיט די פּראָבלעמען פֿונם פֿאָלק אין די תפוצות. זי ווידמעט נישט די דאָזיקע פּראָבלעמען גענוג מחשבה און צייט. און אַזוי ווי זי לעבט נישט גענוג מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען — שטייט זי נישט בראש פֿונם פֿאָלק אין די תפוצות. און דאָ שטעקט דער שורש פֿונם קריזיס וואָס מיר לעבן איצט איבער.

עס טרעפֿן ביי אונז מאָדנע זאַכן. מ׳האָט איצט אין ירושלים צונויפֿגערופֿן אַ וויכטיקן כינוס צו באַהאַנדלען די פֿראַגע, ווי אַזוי זאָל מען בויען אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אי אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע,

אי זי האַלט אויף אַ לאַנד־פעדעראַציע, איז זי פאַרנעמט זיך מיט דערציאונג און זי גיט זיך אויך אָפּ מיט חלוציות. און דווקא די לענדער וואו עס ווערן געמאַכט באַמיאונגען דאָס אַלץ אַרומצונעמען: אַן אָנהויב פון חלוציות, פון עליה, פון אַ מאַסן־באַוועגונג, פון אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע — דווקא זיי האָט מען צום כינוס נישט פאַרבעטן. איך מיין די לענדער פון דרום־אַמעריקע, און אין אַ געוויסער מאָס — אויך אייראָפּע. איז אַרויסגעקומען אַזוי (הגם זיכער נישט בכוונה), אַז צו דעם דאָזיקן כינוס האָט מען גערופן נאָר די ניין־זאָגער. לענדער, וואָס האָבן געמאַכט אַ התחלה אין די זאַכן — האָט מען נישט פאַרבעטן. איך מיין נישט צו זאָגן, אַז די דאָזיקע לענדער טוען שוין אַלץ וואָס עס איז נויטיק און אַז זיי דאַרפן פאַר אונז דינען אַלס מוסטער. אָן אַ שום ספק, איז אויך דאָרט פאַראַן און פאַראַן וואָס צו פאַריכטן און פאַרבעסערן און אויסברייטערן, אָבער צום ווינציקסטן אַ התחלה זעען מיר דאָרט.

*

דער עיקר־אַרגומענט פון די אַלע וואָס רעדן וועגן אָפּשאַפן די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס און צו די ציוניסטישע לאַנד־פעדעראַציעס איז, אַז די פאַרטייען אין חוץ־לארץ זיינען צווישן זיך מחולק דער עיקר אין ענינים פון ישראל, אַ זאַך, וואָס עס איז, לויט זייער מיינונג, אַ געפאַר. די רעוויזיאָניסטן וועלן אַרויסברענגען זייערע מיינונגען וועגן עבר הירדן און ירושלים, און די מענטשן פון מפ״מ — זייערע מיינונגען א.אַ.וו. א.אַ.וו. אין וואַל־קאַמף וועלן נישט אַוועקגעשטעלט ווערן אָרטיקע פראַגן, נאָר ארץ־ישראלדיקע. איך זע דערין דווקא אַ גרויסע פּאָזיטיווע זאַך, ממש אַ רעטונג פאַר אונז. צי ווילן מיר, אַז אין אַמעריקע זאָל מען קעמפן וועגן אייזענהאָווער און סטיווענסאָן און אַז אין אַרגענטינע, למשל, זאָל מען קעמפן וועגן דער באַציאונג צו פּעראָנען? וועגן וואָס זאָלן דאָרט די אידן קעמפן, אַז נישט וועגן די פּראָבלעמען פון ישראל? עס איז דאָך איצט נישטאָ קיין באַזונדערע אָרטיקע אידישע פּאָליטיק. אויב עס וועט זיין פון אונזער זייט אַן ערנסטע באַשעפטיקונג מיט ענינים פון קולטור און דערציאונג, מיט אַנדערע אָרטיקע אידישע ענינים, וועט מען אַזעלכע ענינים אַוודאי אויך באַהאַנדלען אינם וואַל־קאַמף צו די ציוניסטישע לאַנד־פעדעראַציעס. ביז איצט איז נישט געווען קיין שום לאָגיק דאָס צו טאָן, ווייל די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע באַשעפטיקט זיך כמעט נישט מיט די דאָזיקע פראַגן.

איך האַלט, אַז איצט זיינען נויטיק קלאָרע רייד און מעשים. מיר האָבן נישט אַזוי פיל צייט, אַז מיר זאָלן קענען ווידמען יאָרן דעם וויכוח

וועגן די דאָזיקע פראַגן. דערווייל ווערן די ענינים נישט בעסער. אויך די לאַגע פון אונזער באַוועגונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז נישט גוט. מיר בילדן איצט 37% אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און אונזער השפעה איז אַ סך ווינציקער. אָט האָט אויך מפא״י אין ישראל, בעת די וואַלן צו דער כנסת, באַקומען אַרום 37% שטימען. עס איז אָבער קיין שום פאַרגלייך נישט, מען קען זיך נישט פאָרשטעלן קיין שום וויכטיקע זאַך אין דער מדינה, אַז מיר זאָלן נישט זיין די איניציאַטאָרן און די טוער, די עיקרדיקע בעלי־השפעה, הגם מיר זיינען נישט מער ווי 37 פּראָצענט ביי די וואַלן. און ווי אַנדערש איז איצט די לאַגע אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע!

די אָרגאַניזאַציע־אָפּטיילונג לייגט פאָר אַלס אַ תרופה צו שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג — ראַיאָן־ראַטן, דאָס מיינט אַן אייראָפּעאישן ראַיאָן־ראַט, אַ ראַיאָן־ראַט אין צפון־אַפריקע, און אפשר דערנאָך אַ ראַיאָן־ראַט אין דרום־אַמעריקע. ראַיאָן־ראַטן באַדייט, אַז אַלע ציוניסטישע פעדעראַציעס זאָלן זיך צונויפקומען פון צייט צו צייט צו באַראַטונגען. פריער זיינען אונזערע חברים געווען געגן דעם פאָרשלאָג, אָבער דערנאָך האָבן זיי דערצו מסכים געווען ביי געוויסע באַדינגונגען. לויט מיין מיינונג, איז נישטאָ קיין באַדערפעניש אין דעם, ווייל עס איז נישטאָ קיין שום זאַך וואָס פאַרייניקט, למשל, מער די ציוניסטן אין פראַנקרייך מיט די ציוניסטן אין סקאַנדינאַוויע. זיי האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמע זאַכן, וואָס עס האָבן נישט די ציוניסטן אין דער גאַנצער וועלט. וואָס פאַר אַ ספּעציפישע פּראָבלעמען פאַרבינדן די ציוניסטן אין ענגלאַנד מיט די ציוניסטן אין עסטרייך? *

*

אויף דער פּלענאַרער זיצונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע איז אויך אויפגעקומען די פראַגע וועגן די מער־רעכט פאַר די שקל־צאָלער אין מדינת ישראל. די השפעה פון אונזער באַוועגונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע באַאומרואיקט געוויסע קרייזן — און דאָס ווילן זיי ליקווידירן. מיר דאַרפן וויסן, אַז אין ארץ־ישראל, ווען עס קומען פאָר וואַלן — איז בדרך־כלל די צאָל פאַקטישע וויילער, וואָס קומט אויס אויף איין דעלעגאַט, אַ סך גרעסער ווי אין די לענדער פון חוץ־לארץ. ווען נישט די באַגרענעצטע צייט, וואָלט איך אייך געבראַכט אַ סך ציפערן און באַוויזן וואָס באַשטעטיקן

* די סעסיע פונם ציוניסטישן א. ק. סוף דעצעמבער 1953, האָט נישט באַשטעטיקט דעם פאָרשלאָג פון ראַיאָן־ראַטן.

די דאָזיקע הנחה. מיין געוויסן איז ניט אומרואיק וועגן די מער־רעכט פון ישראל. איך חזר איבער און שטרייך אונטער: דאָס איז ניט קיין פּראָבלעם פון „מאָראַל“. אויך די מענטשן פון אַמעריקע ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָ אין ישראל איז בכל אופן זייער שווער, אַז איין מענטש זאָל אויסקויפן עטלעכע שקלים, אַ זאַך וואָס קען דאָרט און גאָר לייכט יאָ געשען. ווען מען וואָלט געמאַכט אַן אַלגעמיינע רעפאָרם אויף דעם געביט און געזיכערט, אַז עס זאָל אין חוץ־לארץ נישט זיין קיין קינסטלעכע פאַרגרעסערונג פון דער צאָל דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, וואָלטן מיר געקענט רעדן אויך וועגן אַן אַנדערער שיטה אין ישראל. אינטערעסאַנט איז, וואָס פּרוי ראָוז האַלפּערין טענהט, אַז זי קען נישט פאָרן אַהיים און דאָרט איבערגעבן, אַז דער דאָזיקער ענין איז נישט רעגולירט געוואָרן. קומט אויס, אַז דאָס איז עס די פראַגע וועלכע שטייט בראש פון די ציוניסטישע זאָרגן אין אַמעריקע. פאַקטיש איז דאָס געווען כמעט דער איינציקער פּראַקטישער רעזאָלוציע־פאָרשלאָג, וואָס מען האָט שטאַרק געפאָדערט אים אָנצונעמען אויפן געביט פון פאַרריכטן דעם צושטאַנד אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

עס איז, לויט מיין מיינונג, געשאַפן געוואָרן אַ נישט־געזונטער צו־שטאַנד אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איך רייד וועגן דער באַציאונג צווישן דער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן און די איבעריקע טיילן פון דער באַוועגונג. די דאָזיקע באַציאונג דאַרף נישט הערשן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָ רעדט זיך דאָך נישט וועגן געגנזעצלעך אינטערעסירטע פון פאַרשיידענע פעלקער און פאַרשיידענע פאַרטייען. איז די פאַרייניקטע שטאַטן געפינען זיך פינף מיליאָן אידן, און עס וועט קיינעם נישט איינפאַלן צו פאַרקלענערן די אַנטשיידנדיקע וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן ישוב פאַרן גורל פון אונזער פאָלק. אָבער, אין די פרייע לענדער — איך רעד נישט וועגן רוסלאַנד און די סאַטעליטן — געפינען זיך ביי 2.5 מיליאָן אידן. און אויב מיר וועלן צוגעבן צו די 2.5 מיליאָן אידן אויך ישראל, וועלן מיר באַקומען אַ ציפער פון פיר מיליאָן אידן. אויך די פיר מיליאָן אידן דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, ווען מען רעדט וועגן די ענינים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע און איר אָרגאַניזאַציע־פאָרם.

מיר האָבן פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט ביי אונזערע באַטראַכטונגען אין דער לעצטער צייט. עס איז איצט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געשאַפן געוואָרן אַ סיטואַציע, וואָס דערנענטערט זיך צו אַ העגעמאָניע פון „הדסה“ איבער דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. עס איז זייער שיין,

אַז די פּרויען פון „הדסה" האָבן פאַר זיך דעראָבערט אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע. עס איז אָבער נישט אַזוי נאַרמאַל, אַז דער וועג און די אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג זאָלן דיקטירט ווערן פון דער „הדסה". דער וועג פון „הדסה" אין די פראַגן פון דערציאונג צו חלוציות, צו עליה, א.אַ.וו. איז נישט תמיד אידענטיש מיטן וועג, וועלכן מיר האַלטן פאַר ריכטיק. איך זאָג דאָס מיטן גאַנצן כבוד פאַר דער טעטיקייט פון „הדסה". עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס און אויך זיי טוען שיינע אַרבעט און נישט אַלע מאָל דערמאָנט מען זיך אָן זיי. עס פילט זיך נישט ביי אונזערע חברים דער ווילן און די פעסטקייט אָוועקצושטעלן די זאַכן ווי געהעריק.

אויך אין דער אַרבעט פאַר די פאָנדן איז אונזער באַוועגונג גאָר נישט אַזאַ נול. פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז ווען די ציוניסטן זאָלן אַרויסגיין פון דעם פאַרייניקטן קאַמפּיין אין די פאַרייניקטע שטאַטן — וואָלט ער פאַרלוירן אַרום 20 פּראָצענט פון זיינע הכנסות. פונדעסטוועגן, האָב איך נישט געזען, אַז די איבעריקע ציוניסטישע פּאַרטייען זאָלן אַרומגיין מיט אַ מינדערווערטיקייטס־געפיל. אונזערע חברים אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן פאַרקויפט „באָנדס" אויף אַ סומע פון 14 מיליאָן דאָלאַר *. דאָס הייסט, אַז מען קען נישט זאָגן, אַז זיי טוען גאָרנישט אויפן געביט פון מאָביליזירן פינאַנסן. זיי האָבן איצט אויפגעשטעלט אַן אַרבעטער־קאָונסיל ביים פאַרייניקטן אידישן קאַמפּיין אין די פאַרייניקטע שטאַטן. און דווקא מיר, פון לאַנד, דערמוטיקן זיי נישט אין דער געהעריקער מאָס אין זייער טעטיקייט, מיר באַווייזן נישט צו שטאַרקן די מענטשן וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דער דאָזיקער טעטיקייט.

*

אויפן סוכנות־פּלענום איז געשטאַנען צו דער באַטראַכטונג די פראַגע וועגן דער ווייטערדיקער אַרבעט פון דער אָפּטיילונג פאַר דערציאונג און קולטור. איר ווייסט, אַז מיטן אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפן מיטן טויט פון חבר חיים גרינבערג, איז די דאָזיקע אָפּטיילונג געבליבן אָן אַ לייטער. עס איז אויפן פּלענום פון דער עקזעקוטיווע אַ סך גערעדט געוואָרן, אַז מען דאַרף פאַרשטאַרקן די טעטיקייט פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג, אַוועקשטעלן די דאָזיקע אַרבעט בראש פון דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־

* דאָס איז געווען אין זומער 1953, שפּעטער איז די סומע נאָך באַדייטנדיק געשטיגן.

זאַציע אין גלות. געוויס וועלן מיר, ביים פעסטשטעלן דעם בודזשעט פאַרן קומענדיקן יאָר, נישט וויניק דאַרפן זאָרגן צו פאַרגרעסערן די פונקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ציוניסטישער טעטיקייט אין גלות. פון אונזער זייט איז פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע פאַרגעלייגט געוואָרן חבר זלמן שזר, וועלכער איז, לכל הדעות, דער פאַסיקסטער מענטש פאַר דער אַרבעט. דער אָרט פון דער אָפּטיילונג וועט זיין ירושלים. שזר שטעלט אַלס באַדינגונגען פאַרן אָננעמען די אויפגאַבע: א) עס זאָל פאַרגרעסערט ווערן דער בודזשעט, כדי מען זאָל קענען עפּעס טאָן; ב) מען זאָל שטעלן אין זיין רשות מענטשן, וואָס זאָלן זיין ביכולת אים צו העלפן. דעריין איז ער גערעכט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אין שמועסן צווישן אונזערע אייגענע חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע געשטעלט געוואָרן די פראַגע: וואָס זאָל מען טאָן בנוגע דער אויפקלער־אָפּטיילונג, וואָס געפינט זיך איצט אין ז. שזר׳ס הענט? עס זיינען געווען צווישן אונז אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען קען די ביידע אָפּטיילונגען פאַרייניקן, און געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף דאָס נישט טאָן. איך בין געווען צווישן די לעצטע. לויט מיין מיינונג, דאַרף מען נישט פאַרייניקן די דערציאונגס־טעטיקייט מיט דער אויפקלער־טעטיקייט. דאָס זיינען, לויט מיין איינזען, צוויי גאָר באַזונדערע ענינים, וואָס יעדער פאָדערט אַן אַנדערן צוגאַנג און גאָר אַנדערע אַרבעטס־פאָרמען. מיר וועלן נישט טאָן קיין טובה דער דער־ציאונג, אויב מען וועט צו איר צופּאַסן די אויפקלער־מעטאָדן, וואָס זיינען נויטיק פאַר אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג, און זיי זיינען אין אַ גרויסער מאָס אויך אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט. מיר אַלע זיינען פאַראינטערעסירט אינעם דערפאָלג פון ז. שזר׳ס אַרבעט, קודם־כל צוליב דער עצם וויכטיקייט פון דער אויפגאַבע, און מיר אַלע זיינען מחוייב אים צו העלפן מאַקסימאַל צו אַ מאַקסימאַלסטן דערפאָלג.

אויפגאַבן פון דער באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ *

א.

...די פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון איחוד עולמי פועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות אין חוץ־לאַרץ פירן זייער אַרבעט אין פולער אידעאישער אידענטיפיצירונג מיטן וועג פון מפא״י און פון דער הסתדרות אין ישראל. פאַראַן קרייזן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָבן אַן אַנדערע מיינונג. זיי האָבן זיך אידענטיפיצירט, פול אָדער טיילווייז, מיט דער מיינונג פון דער שטודיר־קאָמיסיע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אין צפון אַמעריקע, וואָס זאָגט: „דאָס איז נישט אין אינטערעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַז אידן וואָס וואוינען אין חוץ־לאַרץ זאָלן אָנהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די פּאָליטישע פאַרטייען אין ישראל, מיט־באַשטימען זייער פּאָליטיק אָדער זיין אונטערגעוואָרפן זייערע דירעקטיוון״. מיר אָבער האַלטן, אַז די אויפגאַבע פון אונזערע פאַרטייען אין חוץ־לאַרץ איז גראָד פאַרקערט, אונטערצושטרייכן די אידעאישע פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער מדינת ישראל. ישראל־טרייע אידישע מאַסן, בפרט די אידישע יוגנט, ווילן נישט זיין בלויז פאַסיווע צושויער פון די אידעאישע ראַנגלענישן אין ישראל, פון די באַמיאונגען צו באַשטימען דעם גייסטיקן און סאָציאַלן אינהאַלט פון דער מדינה.

דאָס מיינט נישט פאַרשמעלערן די זעלבשטענדיקייט פון אונזערע לאַנד־פאַרטייען און זייערע אַקטיוויטעט אויפן געביט פון אָרטיקע ענינים; דאָס מיינט נישט פאַרקלענערן זייער אינטערעס פאַר די נויטן פון די אידן אין חוץ־לאַרץ, נאָר דאָס מיינט געבן אַ קאָנקרעטן פּאָליטיש־אידעאישן אינהאַלט דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין חוץ־לאַרץ. דער אמת איז, אַז נאָך דעם ווי עס איז חרוב געוואָרן דאָס אידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע, איז מער נישטאָ קיין ספּעציעלע אידישע אַלגעמיינע לאַנד־פּאָליטיק; און אויב אפילו עס זיינען פאַראַן ערגעץ־וואו אויסנאַמען, ענדערן זיי נישט דאָס אַלגעמיינע בילד. אויך די סאָציאַלע דיפערענצירונג

---

* אויף דער באַראַטונג פון איחוד עולמי אין זשענעווע, אויגוסט 1953.

ביי אידן איז אין חוץ־לארץ, אין אַ סך לענדער, כמעט פאַרשוואונדן. אויך אונזערע חברים געהערן על פי רוב צום מיטלשטאַנד. דעריבער, אויב אידן אין חוץ־לארץ וועלן זיין פּאַסיוו לגבי דעם אידעאישן געראַנגל אין ישראל און נישט אינטערעסירט אין די באַמיאונגען אויסצופורעמען דעם געזעל־שאַפטלעכן און סאָציאַלן אינהאַלט פון מדינת ישראל, וועט עס אָן ספק אַ סך אָרעמער מאַכן דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע לעבן דאָרט.

נייע מענטשן, בפרט יונגע מענטשן, איז שווער צו געווינען פאַר אַ נישט קלאָר דעפינירטן און נישט צוציענדיקן פּראָגראַם. דער וועג פון אַרבעטער־ציוניזם איז פאַר זיי, לויט אונזער מיינונג, מער צוציענדיק. דער אידישער מענטש שטרעבט נישט נאָר צו נאַציאָנאַלער, נאָר אויך צו סאָציאַלער באַנייאונג און באַפרייאונג. צוליב דער פּאָליטיק פון מפ״מ איז אונז איצטער שווער צו ווירקן אינעם אַלגעמיינעם ראַמען פון אַרבע־טענדיקן ישראל, ווייל מיר מוזן אויך אומעטום קלאָר מאַכן דעם ווירקלעכן מהות פון מפ״ם און די פּאָליטיק פון מפא״י אין דער רעגירונג און אין דער הסתדרות. מיר מוזן דאָס אויפקלערן אין חוץ־לארץ נישט ווייניקער ווי אין דער מדינת ישראל, און דער וועג דערצו איז — גייען מיט אונזער אייגענעם פולן פּראָגראַם פון פּועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות, וואָס איז, בנוגע דער פּאָליטיק אין דער מדינה און אין דער הסתדרות אידענטיש מיט דער פּאָליטיק פון מפלגת פּועלי א״י. דאָס איז דער איינציק ריכטיקער און עפעקטיווער וועג. מיר קענען זיך אין חוץ־לארץ נישט פאַרגינען די פּאַטערלעכע מילדקייט צו דער אידעאיש פּראָ־קאָמוניסטישער דערציאונג פון מפ״ם און בפרט פונעם „השומר הצעיר״.

ב.

מחמת דעם פאַרלוסט פון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום איז די לאַגע פון אונזער באַוועגונג גאָר שווער געוואָרן. אין פריערע עיקרדיקע קראַפט־צענטערן פון אונזער באַוועגונג אין פּוילן, ליטע, בעסאַראַביע א.אַ.וו. איז קיין אידיש לעבן היינט־צו־טאָג מער נישטאָ. אָבער די לעבעדיקייט פון אונזער אידעאישער וועלט־אַנשויאונג און איר צוגעפּאַסטקייט צו די אידישע נויטן האָבן זיך באַשטעטיקט אויך אין די נייע באַדינגונגען.

אונזער באַוועגונג האָט, למשל, נישט קיין טראַדיציע אין צפון־אַפריקע — מאַראָקאָ, טוניס. אין די צוויי לענדער, צוזאַמען מיט אַלזשיר לעבט אַ האַלבער מיליאָן אידן. דאָרט האָט מען באַראָכאָוון און סירקינען, א. ד. גאָרדאָנען און ב. כצנלסונען נישט געלייענט. „מזרחי״ האָט מיט

עטלעכע יאָר צוריק געטענהט, אַז דאָרטן איז זיין השפעה אַ דאָמינירנדיקע, ווייל די דאָרטיקע אידן היטן אָפּ רעליגיעזע מנהגים. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונזער באַוועגונג אין אין מאַראָקאָ און טוניס אַ גאָר וויכטיקער, אפשר דער וויכטיקסטער צוציענדיקער געזעלשאַפטלעכער כוח. כאָטש נישט באַהאַוונט אין אונזערע פּראָגראַמאַטישע און אידעאישע פּראָבלעמען, האָבן אידן אין יענע לענדער אינסטינקטיוו דערפילט, אַז זייער אָרט איז אינעם לאַגער פון אַרבעטער־ציוניזם. איצט זיינען מיר מחוייב צו זאָרגן, אַז זייערע געפילן זאָלן באַקרעפטיקט ווערן דורך גרינדלעכער קענטעניש פון אונזערע אויפגאַבן און צילן. אויך אין די עיקר־לענדער פון דרום־אַמעריקע — אַרגענטינע, טשילע, אורוגוויי א. אַ. — איז אונזער באַוועגונג שטאַרק אויסגעוואַקסן. מיר מוזן שטאַרק העלפן דער באַוועגונג אין יידע דער־מאָנטע פונקטן פון גרעסערער אידישער קאָנצענטרירונג אין חוץ־לאַרץ היינטיקע צייטן.

מיר מוזן היינט־צו־טאָג גובר זיין פאַרגרעסערטע שוועריקייטן: אַ שפּראַכן־בבל, קליינע ישובים וכדומה. מיר מוזן אָבער נעמען אויף זיך די שוועריקייטן. דאָס זיינען די באַגלייט דערשיינונגען פון היינט־צייטיקער אידישער צעשפּרייטקייט. דאָס איחוד־ביוראָ אין תל־אביב מוז פירן זיין קאָרעספּאָנדענץ און שריפטלעכע אויפקלערונג אין העברעאיש, אידיש, פראַנצויזיש, ענגליש און טיילמאָל אויך אין שפּאַניש, דאָס איז נישט לייכט און נישט תמיד איז עס געגנוג.

אין אונזער אַרבעט אין חוץ־לאַרץ טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז מיר געהערן צום לאַגער פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. דאָס מוז קומען צום אויסדרוק אין אונזער אויפקלערונג. אין אַ טייל אידישע קיבוצים האָט דוקא די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע באַקומען בערך מער אָנהענגער ווי אין דער אַרומיקער נישט־אידישער באַפעלקערונג. טאָרן מיר נישט זיין קיין פּאַסיווע צושויער, נאָר מוזן באַדייטנדיק פאַרשטאַרקן אונזער אויפ־קלערונג. דער פּראַגער משפט און שפּעטער די מאָסקווער באַשולדיקונגען קעגן אידישע דאָקטוירים און אידישע אָרגאַניזאַציעס (הגם דאָס לעצטע איז נאָך סטאַלינס טויט צוריקגערופן געוואָרן) האָבן נאָך בולטער געמאַכט די סכנה פון אידישן סאַלאָן־קאָמוניזם אין אונזער לעבן אין חוץ־לאַרץ. קענען מיר נישט זיין גלייכגילטיק צו דער דאָזיקער דערשיינונג. מיר מוזן אויפקלערן, אַז ס'איז אַן אַבסורד נאָכצוגיין אַ פּאָליטישער ריכטונג, וואָס קוים זיגט זי און נעמט איבער די מאַכט, גיט זי נישט קיין מעגלעכקייט פון אידישער גייסטיקער אַנטוויקלונג, נאָר ליקווידירט אונז אַלס פאָלק.

אין פאָדערגרונט פון אונזערע אויפגאַבן אין חוץ־לארץ דאַרף שטיין דער ענין עליה. מיר טאָרן זיך נישט רעכענען דערמיט, צי דאָס איז אין מאָמענט פּאָפּולער צי נישט. מיר האָבן אויפן בינוס פון איחוד עולמי אין 1950 באַשלאָסן: אָרגאַניזירן דאס אידישע פאָלק אין אַלע לענדער פאַר דער העכסטער און אומאויפהערלעכער אָנשטרענגונג, וואָס איז נויטיק כדי אויסצופירן די שליחות פון „קיבוץ גלויות". נישט צופעליק האָבן מיר דעמאָלט געזאָגט אין אַלע לענדער. די פאָדערונג איז חל אויף אַלע לענדער. און זאָל ווידער געזאָגט ווערן — קאַמף פאַר עליה און דערציאונג צו עליה מיינט נישט פאַרנאַכלעסיקונג און אָפּשוואַכונג פון אָרטיקער אידישער אַקטיוויטעט. עליה איז היינט־צו־טאָג דאָס רעוואָלוציאָנערע, דאָס באַזונדערע און צוציענדיקע פון אונזער באַוועגונג און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל. שוין אָפּגעזען פון דער דרינגלעכקייט פון דער עליה פאַר מדינת ישראל.

אַ באַזונדער פּראָבלעם איז די עליה פון יונגע מענטשן. דערביי זיינען גילטיק די פאָרמען פון החלוץ, הכשרה, שנת שרות (דינסט־יאָר) און מיר זיינען מחויב צו ווירקן אויף אָט די אַלע שטחים — ווירקן אַלס איניציאַטאָרן און טרייבנדיקער כוח. אָבער עס שטייט פאַר אונז אַ פיל שווערערע אויפגאַבע: שאַפן עליה־מעגלעכקייטן פאַר מענטשן אין מיטעלן עלטער, פאַך־אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און אויך פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן אַ געוויסן קלענערן קאַפּיטאַל. זייער סאָציאַלער מעמד אין חוץ־לארץ איז שוין נישט מער צווישן די אַרבעטער. מוזן מיר מאַכן באַמיאונגען, זיי זאָלן קענען עולה זיין, און אַז קומענדיק אין ישראל זאָלן זיי אַריין אין וויר־טשאַפטלעכע ראַמען, וואָס זיינען אָנגענומען און געשאַפן געוואָרן דורך דער אַרבעטערשאַפט. דאָס איז אַ שווערע אויפגאַבע. מיר טאָרן נישט פאַרשווייגן די שוועריקייטן אָדער שאַפן אילוזיעס פון אַ לייכטער איינ־אָרדענונג. מיר מוזן אינפאָרמירן וועגן דער לאַגע גענוי אַזוי ווי זי איז און מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, כדי זיי, לויט מעגלעכקייט, בייצוקומען.

מיר הערן אָפט פּעסימיסטישע מיינונגען וועגן דער מעגלעכקייט צוצוציען צו אונזער באַוועגונג יענע יוגנט, וועלכע נוצט נאָר די שפּראַך פונעם וואוין־לאַנד און איז ווייט פון אידישע ענינים און פון אידישן גייסטיקן לעבן. אָבער אויך אויף דעם געביט ווייזט אונז די ווירקלעכקייט, אַז עס קען זיין אַנדערש. עס איז אַ סך אָפּהענגיק פון דער מאָס אָנשטרענ־גונג, וואָס מען ווידמעט דער זאַך. לאָמיר נעמען צוויי לענדער — ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואו די אַסימילאַציע פאַרשפּרייט זיך מיט אַ

פאַרשטאַרקטן טעמפּאָ אין די קרייזן פון דער אידישער יוגנט. פונדעסטוועגן האָט זיך אונז איינגעגעבן צו שאַפן איןביידע לענדער אַנהויבן פון אַ „משמרת צעירה". לאָמיר נישט פאַרגעסן אויף אַ מאָמענט, ווי וויכטיק אַזאַ באַוועגונג פון יונגע מענטשן איז פאַר אונז, פאַר דער צוקונפט פון אונזער באַוועגונג. דאָס איז נוגע אַלע לענדער אָן אויסנאַם.

אויך אויפן געביט פון אונזערע פרויען־אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ גרויסן פאָרשריט. כמעט בהיסח הדעת האָבן מיר זוכה געווען צו אַ וויכטיקער דערגרייכונג אויף דעם געביט. דער חלוצישערביישפּיל פון אונזערע חברות אין צפון־אַמעריקע און זייער הילף און איני־ציאַטיוו האָבן געפירט צו דער אַנטשטייאונג פון ענלעכע פרויען פּיאָנערן אָרגאַניזאַציעס אין די ראַמען פון איחוד עולמי, צווערשט אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע און לעצטנס אויך אין אייראָפּע. דאַרפן מיר שענקען מאַקסימאַלע אויפמערקזאַמקייט דערדאָזיקער דערשיינונג: באַטייליקן ברייטהאַרציק די חברות אין אַלע אַקטיוויטעטן פון דער באַוועגונג, און אויך אין אירע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן.

ג.

אַ גאַר וויכטיקע אויפגאַבע פאַר אונזער באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ איז צו שאַפן אַן אָרגאַניזירטע אַלגעמיין־אידישע ראַם, ווי עס איז אַמאָל געווען אין אייראָפּע די אידישע קהלה. היינט־צו־טאָג עקזיסטירט נאָך אַזאַ קהילה בלויז אין געציילטע ערטער. נאַטירלעך, רעדט זיך דאָ נישט וועגן נאָכקאָפּירן אַלץ וואָס עס איז געווען און האָט געטאָן די אַלטע קהלה אין פאַרמלחמהדיקן אייראָפּע. אָבער דער אַלגעמיינער געדאַנק פון אַ קהלה, פון אַן אַלגעמיינער, דעמאָקראַטישער אידישער אָרגאַניזירטער ראַם, איז אַ לעבנסוויכטיקייט פאַרן ווייטערדיקן קיום פון אידישקייט אין חוץ־לאַרץ. מוז דאָס זיין אַן אויפגאַבע פון אונזער באַוועגונג. געבענטשט זאָלן זיין אַלע פרואוון און אָנהייבן אויף דעם געביט.

אונזערע פאַרטייען דאַרפן ווירקן, אַז די ציוניסטישע לאַנד־פאַרבאַנדן זאָלן איבערנעמען די פולע אחריות און אַרויסוויזן די גרעסטע אַקטיוויטעט און איניציאַטיוו אויפן געביט פון אָרטיקן אידישן דערציאונגס־וועזן און קולטור־טעטיקייט. מען קען גאָרנישט געגנוג אונטערשטרייכן די וויכטיקייט דערפון פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום אין די לענדער. עס מוזן געשאַפן ווערן פול־שולן און צוגאָב־שולן, אָוונט־קורסן און קינדער־גאָרטנס. אויב מיר קוקן מיט אָפענע אויגן אויף דעם וואָס עס קומט פאָר אין די קלענערע און אפילו אין גרעסערע אידישע קיבוצים, זעען מיר, אַז דאָס

איז איצט פשוט אַ פראַגע פון קענען ווייטער אויפהאַלטן דאָס ביסל נאַציאָ־נאַלע אידישע לעבן אין די גלות־לענדער. לאָמיר אויף אַ מינוט אַ קלער טאָן, ווי וועט אויסזען דאָס אידישע לעבן אין 20—30 יאָר אַרום אין געוויסע אייראָפּעאישע אָדער אַנדערע לענדער, וועלן מיר פאַרשטיין די דרינגלעכקייט פון דער קולטור־און דערציאונגס־אַרבעט. מיר באַגייען נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד, אויב מיר טוען נישט די אַרבעט מיטן גאַנצן כוח. דאָסדאָזיקע אַרבעטס־געביט איז אויך אַ וועג צו שטאַרקן דאָס אָנזען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַרבינדן זי ענג מיט די נויטן פון אידישן לעבן.

מיר האָבן היינט נישט מער קיין שפּראַכלעכע פאַרבינדונג צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון פאָלק אין חוץ־לארץ. אַמאָל האָט אידיש אויס־געפירט אין אַ גרויסער מאָס אָט די אויפגאַבע.ליידער איז דאָס היינט נישט מער אַזוי. דערביי טאָרן מיר אָבער נישט גרינגשעצן אידיש, וואָס באַטייט נאָך זייער פיל אויך ביים היינטיקן טאָג פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום אין די לענדער. מיר מוזן אָבער איצט מאַכן ערנסטע באַמיאונגען, צו באַנייען די מעגלעכקייט פון אַן אַל־אידישער שפּראַכלעכער פאַרבינדונג. דאָס קען איצט זיין נאָר עברית. לאָמיר עס זען קלאָר. אונזער באַוועגונג איז מחויב צו זאָגן דאָס קלאָר און אָפן אַלע אידן און אָנהויבן אַן אומדערמידלעכע טעטיקייט אויף דעם געביט. מיטרייסן אַנדערע קרייזן, טאָן עס געמיינ־זאַם אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און ווען עס לאָזט זיך נישט געמיינזאַם — אַליין.

די פאַרהאַנדלונגען וועגן באַנייען און אויסברייטערן די אָרגאַני־זאַציאָנעלע ראַם און די טעטיקייטס־ראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע גייען אָן זינט יאָרן אין די קרייזן פון ציוניסטישע פירער, האָבן אונז נישט געבראַכט קיין סך פּאָרויס, און עס איז נישט זיכער, צי זיי וועלן אונז ברענגען פאָרויס ווי עס פאָדערט זיך.

איז אונזער פליכט, אַז ברייטע ציוניסטישע און ישראל־טרייע קרייזן זאָלן וויסן וועגן וואָס עס רעדט זיך; זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי מיר זעען די ענינים און וואָס מיר ווילן אויף דעם געביט. זיי זאָלן וויסן און פאַרשטיין אונזער פאָדערונג, אַז יעדער איד, אויך ווען ער וויל נישט זיין קיין מיטגליד פון אַ באַשטימטער ציוניסטישער פּאַרטיי אָדער פאַריי־ניקונג, זאָל קענען ווערן אַ מיטגליד און זיין אַקטיוו אין דער ציוניסטישער לאַנד־פעדעראַציע; אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַלע נויטן פון אידישן לעבן אין די לענדער.

מיר זעען אין דער לעצטער צייט אין אידישן לעבן אַ גרינגשעצונג פון די דעמאָקראַטישע גרונט־יסודות, אויף וועלכע יעדע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג ביי אונז דאַרף זיין געבויט. מיר האָבן עס די טעג גאָר בולט געזען אויפן אידישן וועלט־קאָנגרעס. מיר זעען אַזעלכע טענדענצן זינט אַ געוויסער צייט אויך אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. מוזן מיר באַצייטנס וואָרענען קעגן דעם וועג און זיך אַנטקעגנשטעלן אַזאַ אַנטוויקלונג. אַ דעמאָקראַטישע ראַם, אַ חוץ איר פּרינציפּיעלער חשיבות און ריכטיקייט, איז תמיד גינסטיקער פאַר אַ מאַסן־באַוועגונג. ס'איז געזונט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ס'זאָל זיין אַ מעגלעכקייט פאַר פּאָזיטיווער קריטיק און אַז די פירער זאָלן פילן די אָפּהענגיקייט פון די ווײלער־מאַסן. מיר הערן שטימען, וואָס פאָדערן אָפּצושאַפן וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. טאָרן מיר נישט זיין גלייכגילטיק דערצו, נישט דערלאָזן, אַז אַזעלכע געדאַנקען זאָלן זיך איינוואָרצלען. אונזערע פּאַרטייען זײַנען מחוייב צו פאָדערן וואַלן אין אַלע לענדער, אַ חוץ אין אַזעלכע לענדער, וואו די אָרטיקע מאַכט דערלאָזט עס נישט. און דאָס זײַנען דאָך בלויז ווינציקע אויסנאַמען, ווייל אין אַזעלכע לענדער קען די ציוניסטישע באַוועגונג געוויינלעך איבערהויפּט נישט ווירקן. עס דאַרפן פאַרקומען וואַלן אויך צו די ציוניסטישע לאַנד־פעדעראַציעס, לויט מעגלעכקייט, ווייל דאָס וועט אין זיי אַריינגיסן לעבן און אַקטיוויטעט און אָפּשאַפן צופעליקייטן און קאָפּריזן ביים אָנפירן די ציוניסטישע אַרבעט אין די לענדער. דער דעמאָקראַטישער פאָלקס־כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט געזיכערט אונזער כוח אין איר. ליידער זעען נישט אַלע ביי אונז די סכנה פון אָפּשאַפן איר דעמאָקראַטישן פאָלקס־כאַראַקטער.

ד.

אונזער כוח און אונזער באַזונדערקייט באַשטייט אין אונזער געשלאָסנקייט אַלס וועלט־באַוועגונג: אין דער געמיינזאַמקייט פון אונזער טעטיקייט, פון אונזערע אויפגאַבן און צילן, פון אונזער ווילן צו פאַרבינדן די נאַציאָנאַלע אויפריכטונג פונעם פאָלק מיט זיין סאָציאַלער באַנייאונג, אין דער געמיינזאַמער אָנשטרענגונג און קעגנזייטיקער הילף. אַזאַ באַוועגונג פאָדערט אַ צענטראַלע אָנפירונג און דיסציפּלין. זאָל מען דערין נישט זען קיין פאַרשמעלערונג פון דער זעלבשטענדיקייט פון די לאַנד־פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, נאָר אַ מער עפעקטיוון וועג צו אַקטיוויטעט, אויסצוברייטערן אונזער השפעה־קרייז און געווינען נייע קרייזן. לאָמיר

אָבער אויך געדענקען, אַז אַ צענטראַלע אָנפירונג מיינט נישט נאָר געבן, זי מיינט אויך שטעלן פאָדערונגען, וועלכע מען דאַרף פאַרווירקלעכן; דיסציפלין, וועלכע מען מוז אָפּהיטן. דאָס איז נוגע סיי דעם כלל, און סיי יחידים וואָס שטייען בראש פון דער באַוועגונג און רעפּרעזענטירן זי אי אין לאַנד־מאַסשטאַב אי אין צענטראַלע אינסטיטוציעס. אַ באַוועגונג עקזיסטירט נישט נאָר כדי צו זיין אַן אָנשפּאַר פאַר אירע אָפּירנדיקע מענטשן, וועלכע ווירקן אין צענטראַלע אַמטן, נאָר אויך פאַרקערט: די אָנפירנדיקע מענטשן אין די צענטראַלע אַמטן דאַרפן האַלטן פאַר זייער אויפגאַבע צו זיין אַן אָנשפּאַר פאַר דער באַוועגונג, צו שטאַרקן זי און זאָרגן פאַר איר אַנטוויקלונג. זיי טאָרן נישט פאַרגעסן אויף קיין מאָמענט דעם מקור פון זייער כוח, אין וועמענס שליחות זיי ווירקן.

חברים אין פירנדע אַמטן מוזן היטן דעם פּרעסטיזש פון דער באַוועגונג און דעם אָנזען פון די אָרגאַנען און מענטשן, וואָס דאַרפן טאָן די אַרבעט פון דער באַוועגונג. אויב דאָס ווערט נישט אָפּגעהיט, ווערט דערמיט אָפּגעשוואַכט דער כוח און די באַדייטונג פון דער באַוועגונג. מענטשן, אויף וועלכע עס ליגט די אחריות פאַר דער אַרבעט פון דער וועלט־באַוועגונג, קענען נישט אויספירן מיט דערפאָלג די פליכטן וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט און זענען נישט אימשטאַנד צו פאַרטרעטן די באַוועגונג און אָנפירן מיט איר אַרבעט, אויב מ׳גיט זיי נישט קיין פּרעסטיזש און קיין איינפלוס, אָדער ווען זיי אַליין זיינען דערויף מוותר.

מיר מוזן קומען צו געוויסע ענדערונגען אין סדר פון שיקן שליחים פון איחוד עולמי צו פאַרטיי־אַרבעט אין די לענדער. דאָס שיקן אויף אַ לענגערער צייט שליחים, וואָס נעמען אויף זיך אויפגאַבן און פונקציעס, וואָס אָרטיקע חברים דאַרפן אויספירן, האָט זיך נישט תמיד און נישט אומעטום אַרויסגעוויזן פאַר פּראַקטיש און דערפאָלגרייך. מיר וועלן דאַרפן איבערגיין צו אַ מער אינדיווידועלער פאָרם, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען אין יעדן לאַנד. שליחים אויף אַ לענגערער צייט האָבן טיילמאָל געשאַפן ביי די חברים אין די לענדער דעם רושם, אַז מען באַפרייט זיי פון דער דירעקטער אחריות אויך פאַר די לויפנדע ענינים אין די לענדער. דאָס טאָר נישט זיין, ווייל דער שליח קומט נאָר העלפן די אָרטיקע חברים. דער שווערפּונקט פון דער אחריות און אַקטיוויטעט ליגט און מוז ליגן אויף די חברים פון די לענדער.

אַ באַזונדערע פראַגע איז — שטאַרקן דעם אינטערעס און דירעקטן אָנטייל פון מפא״י אין דער אַרבעט פון איחוד עולמי. אַלע חברים פון איחוד

עולמי ביורא אין ישראל זיינען, נאַטירלעך, אַקטיווע חברים פון מפא״י. מיר ריידן אָבער וועגן דעם אינטערעס פון דער פּאַרטיי אַלס גאַנצקייט, פון די פירנדיקע חברים אין דער פּאַרטיי, אין דער הסתדרות, אין דער רעגירונג און אויך אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וואָס זיינען נישט דירעקט פאַרבונדן מיט דער איחוד אַרבעט. בלויז גאָר אַ קליינע צאָל פון זיי איז אַקטיוו און האָט אינטערעס פאַר דער אַרבעט פון איחוד עולמי; האָט פאַרשטענדעניש פאַר דער דרינגענדיקער וויכטיקייט צו שטאַרקן די באַוועגונג אין חוץ־לאַרץ. אין דער באַציאונג מוז קומען אַן ענדערונג און טאַקע — וואָס גיכער. די באַוועגונג איז, לויט מיין מיינונג, נישט בכוח אויסצוהאַלטן לאַנג דעם היינטיקן צושטאַנד.

ה.

עטליכע ווערטער וועגן די באַזונדערע שוועריקייטן פון אונזער אַרבעט אין איראָפּעביים היינטיקן טאָג. ביי דער פּילשפּראַכיקייט און קליינקייט פון די אידישע קיבוצים (אַ חוץ ענגלאַנד און פראַנקרייך), פאַרשווינדט דאָס אידישע באַוואוסטזיין אָן אַ גערانגל און אָן אַ אַפּקלאַנג. מוזן מיר אָפּהיטן יעדעס ווינקעלע, יעדע קליינע גרופּע. אין איראָפּע האַלטן מיר אויס אַ אידישע טאָג־צייטונג אין פּאַריז, וועלכע באַדינט אַלע לענדער אין איראָפּע. פּראָפּאָרציאָנעל ווידמען מיר איראָפּע אַ סך מער אָנשטרענגונג און מיטלען ווי אַנדערע טיילן פון דער באַוועגונג. אָבער עס איז שווער שלום צו מאַכן מיטן אונטערגאַנג פון אונזער באַוועגונג אין געוויסע לענדער, וואָס עס עפנט אַ וועג צום אונטערגאַנג פון אידישן לעבן בכלל און לאָזט פריי דאָס פעלד פאַר דער יעווסעקישער פלאַג.

מיר דאַרפן שטרעבן דערצו אַז פירנדע און אַקטיווע חברים אין די לענדער, באַזונדערס יינגערע אַקטיווע טוער, זאָלן באַזוכן ישראל און בלייבן דאָרט אַ געוויסע צייט, באַקאַנען זיך דאָרט גרינדלעך מיט די ענינים. צוריקקומענדיק אין זייערע וואוין־לענדער וועלן זיי, ביז צו זייער ענדגילטיקער עליה, ברענגען דער באַוועגונג אַ פיל גרעסערן נוצן.

איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף די ענינים פון דער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע, הגם דער ענין פאָדערט דרינגענדיק אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג. זינט יאָרן רעדט מען וועגן אַ געוויסער פאַרייניקונג, אָדער לכל הפחות ענגערער קאָאָרדינאַציע, פון אַלע טיילן פון אונזער באַוועגונג אין צפון אַמעריקע, וואָס אידעאיש איז צווישן זיי בכלל נישט פאַראַן קיין חילוקי־דעות. מען קען דאָס אָבער נישט דערגרייכן. מיר פאַרנעמען נישט

אין צפון אַמעריקע דעם אָרט, וואָס מיר דאַרפן פאַרנעמען; דעם אָרט, וואָס די אינטערעסן פון דער מדינה און פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע פאָדערן, אַז מיר זאָלן פאַרנעמען. דעריבער קען די וועלט־באַוועגונג און בפרט אונזער באַוועגונג אין ישראל, נישט זיין גלייכגילטיק צו אַזאַ מצב. פון דאַנען מוז קומען די דרינגענדיקע פאָדערונג צו די חברים אין צפון־אַמעריקע, צו שאַפן וואָס גיכער די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און כלים, וואָס זאָלן זיכערן אַ באַדייטנדיקן אויפשוואונג פון אונזער באַוועגונג. אויך דאָס איז נישט בלויז אַ רוף צו די חברים אין צפון אַמעריקע נאָר אויך צו מפלגת פועלי א״י, וועלכע קען דערביי אַ סך העלפן.

עס איז נויטיק אַ סך מער פּאַטריאָטיזם פאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, סיי אין ישראל און אויך אין די לענדער גופא. עס איז נויטיק מער ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט פאַרן איחוד עולמי, פאַר דער ראַם, וואָס פערזאָניפיצירט די אַלוועלטלעכע פאַרבונדענקייט און אייני־הייטלעכקייט פון אונזער באַוועגונג אין אַלע לענדער. אָן איר וועלן מיר נישט קענען פאָרטזעצן, מיט איר וועלן מיר גאָר אַ סך באַוויזן אויפצוטאָן.

ו.

די אָנטיילנעמער פון דער היינטיקער באַראַטונג פון איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות פאַרטרעטן אַ גרויסע צאָל לענדער, אין וועלכע אונזער פּאַרטיי איז אַקטיוו. די אויפגאַבע פון דער באַראַטונג איז צו באַהאַנדלען און אויפצוקלערן די אַלע פראַגן, מיט וועלכן עס וועט זיך דאַרפן פאַרנעמען די קומענדיקע וועלט־קאָנפערענץ פון איחוד עולמי, וועלכע מיר וועלן צוזאַמענרופן וואָס גיכער. אונזער באַראַטונג איז וויכטיג ווי אַ צוגרייטונג צו דער וועלט־קאָנפערענץ, ווייל זי וועט געבן די מעגלעכ־קייט זיך צו באַקענען מיט אַלע פראַגן, וואָס שטייען פאַר אונז, און די חברים אין די לענדער וועלן זיך דאַרפן מיט זיי באַשעפטיקן.

מיר קענען מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז אונזער באַוועגונג איז געווען זייער אַנזעעוודיק און דער שטאַרקסטער אידעאישער כוח אויפן אידישן וועלט־קאָנגרעס. אַרום 20—25 פּראָצענט פון די דעלעגאַטן זיינען געווען חברים פון פועלי־ציון־התאחדות פון אַ גאַנצער ריי לענדער. זייער אַקטיווע באַטייליקונג אין די פאַרהאַנדלונגען האָט אַ סך געהאָלפן צו באַרייכערן דעם אינהאַלט פון דער פּלענאַר־סעסיע פונעם אידישן וועלט־קאָנגרעס.

עס איז פאַר מיר אַ באַזונדערע פרייד, וואָס איך קען איצט דאָ באַגריסן די פאָרשטייער פון 18 לענדער, חברים פון צפון אַמעריקע, שווייץ, ענגלאַנד, פראַנקרייך, שוועדן, דענעמאַרק, עסטרייך, טוניס, מאַראָקאָ, אַר־גענטינע, אורוגוויי, בראַזיל, קובא, טשילע, איראַן, אויסטראַליע, אינדיע און ישראל. צווישן די דעלעגאַטן געפינען זיך אַ ריי חברות, וואָס שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער פרויען פּיאָנערן באַוועגונג און אין דער מועצת הפועלות. מיר פרייען זיך, וואָס עס זיינען געקומען פאָרשטייער פון „יונג פועלי ציון" אין ענגלאַנד. צוליב דעם באַן־שטרייק אין פראַנקרייך האָבן, ליידער, נישט געקענט קומען פון פראַנקרייך די יוגנט־פאָרשטייער און נאָך אַנדערע דעלעגאַטן פון דאָרטן.

ז.

פונעם שלום-וואָרט

עס וועט נישט מעגלעך זיין צו באַהאַנדלען אין שלוס־וואָרט אַלע פראַגן, וואָס זיינען באַרירט געוואָרן אין דעם אינטערעסאַנטן וויכוח אין משך פון צוויי טעג. לאָמיר זיך דעריבער אָפּשטעלן אויף עטלעכע ענינים.

איך בין אַ שטאַרקער אַנהענגער פון אָפּהיטן דעם רעגולאַמין פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און די טערמינען פון אירע צוזאַ־מענקונפטן, און קודם־כל פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. אָבער אויב מיר זאָלן איצט רופן אַ קאָנגרעס, מוזן מיר קודם־כל פרעגן זיך אַליין: זיינען מיר צוגעגרייט, איז די ציוניסטישע באַוועגונג צוגעגרייט? שוין אין יאָר 1951 האָט דער קאָנגרעס געדאַרפט ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס דאַרף זיין די ציוניסטישע באַוועגונג נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה? די תשובה איז נישט געגעבן געוואָרן. קענען מיר זיך דערלויבן צו האָבן אַ צווייטן קאָנגרעס אָן אַ קלאָרער תשובה אויף דער פראַגע? און די תשובה מוז געגעבן ווערן אויף אַ גאַנצער ריי פראַגן: אויפגאַבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג; אָרגאַניזאַציאָנעלער בוי אין צענטער און אין די לענדער; באַציאונגען מיט מדינת ישראל; באַציאונגען מיט די אַנדערע טיילן פון אידישן פאָלק, וועלכע העלפן מדינת ישראל, אָבער זיינען נישט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג א.אַ.וו. מיר זיינען אַפילו צווישן זיך נאָך נישט געקומען צו קיין קלאָרע און ענדגילטיקע מסקנות אין די אַלע פראַגן. אויב מיר זאָלן קומען צום קאָנגרעס אָן אַ קלאָרן פּראָגראַם, וועט ער ברענגען מער שאָדן ווי נוצן. דער בלבול המוחות איז גענוג גרויס.

איך זע, אַז אַפילו די פראַגע פון אינדיווידועלער מיטגלידערשאַפט

אין דער ציוניסטישער לאַנד־פעדעראַציע פאָדערט נאָך אויפקלערונגען אין אונזערע רייען. אונזערע חברים אין צפון־אַמעריקע גלויבן נישט, אַז די דאָזיקע פאָרם וועט זיך דאָרטן לאָזן רעאַליזירן. דאַרף מען געדענקען. אַז אויך אויסער צפון־אַמעריקע לעבן אין די פרייע לענדער — אין חוץ־לארץ — צוויי מיליאָן און מער אידן. אין די דאָזיקע לענדער איז די פאָרם פון אינדיווידועלער מיטגלידערשאַפט, לויט מיין מיינונג, די איינציקע, וואָס גיט אונז אַ מעגלעכקייט צו זאַמלען גרויסע טיילן פון אידישן פאָלק אַרום דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע, פאַרזיכערן איר דעמאָקראַטישן פאָלקס־כאַראַקטער און אונזער השפעה. עס איז פאַראַן אַ גאַנצע ריי אַלגעמיין־אידישע אַקטיוויטעטן, פון וועלבע עס הענגט אָפּ דער אידישער קיום בפועל ממש, בפרט אין די קלענערע אידישע קיבוצים און זיי קענען נאָר געמיינזאַם אַדורכגעפירט ווערן. אַ ציוניסטישע לאַנד־פעדעראַציע אָן אינדווידועלער מיטגלידערשאַפט וועט נישט זאַמלען אַרום זיך דעם הויפּט־טייל פון אידישן אַקטיוו און וועט נישט קענען אויספירן די אויפגאַבן, וואָס זיינען לעבנסוויכטיק פאַרן אידישן קיום, פאַרן ציוניזם און מדינת ישראל. איך צווייפל נישט, אַז אויך אין צפון־אַמעריקע וועט מען קומען צו דערדאָזיקער איבערצייגונג. אָבער דערווייל לאָמיר קעמפן און אויס־קעמפן די רעאַליזירונג פון דער דאָזיקער פאָרם אין אַלע לענדער אויסער צפון־אַמעריקע.

אויב איך האָב גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ שטאַרקערן בונד און דיסציפּלין אין די ראַמען פון דער וועלט־באַוועגונג, האָב איך נישט אין זינען געהאַט, אַז עס וועט זיצן אַ לייטונג פונעם איחוד עולמי אין תל־אביב און וועט באַשטימען פרטים פון דער אַלגעמיינער לאַנד־פּאָליטיק פון אונזערע פאַרטייען אין אַלע לענדער. דאָס איז קיינמאָל נישט געווען: אַפילו דעמאָלט נישט, ווען אַ גרויסער טייל פון אונזערע לאַנדפאַרטייען האָט באמת געפירט אַן אַקטיווע אַלגעמיינע לאַנד־פּאָליטיק, וואָס איצט איז דאָס בכלל נישט אַקטועל, ווייל עס איז כמעט נישטאָ אין די לענדער קיין באַזונדערע אידישע און פאַרטייאישע אַלגעמיינע לאַנד־פּאָליטיק. ענגלאַנד איז אין דער באַציאונג כמעט אַן אויסנאַם (אויך קאַנאַדע), וואו אונזער פאַרטיי, אַלס פאַרטיי, נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין די אָרטיקע פאַרלאַמענט־וואַלן. עס זיינען אָבער פאַראַן ענינים אויפן געביט פון אונזער ציוניסטישער אַקטיוויטעט און קאָנגרעס־וואַלן, וואו עס מוז הערשן איינהייטלעכקייט און וואו עס פאַרפליכטעט דיסציפּלין. עס קען נישט יעדע לאַנד־אָרגאַניזאַציע און יעדער פאָרשטייער פון דער באַוועגונג פירן אַן

אייגענע פּאָליטיק און אַן אייגענע טאַקטיק, אָדער אויסקלויבן וועמען צו אָנערקענען אַלס באַוועגונגס־אויטאָריטעט און וועמענס אָנווייזונגען זיינען גילטיק. דאָסזעלבע אויפן געביט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, אויפן געביט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַלן און קאַמף קעגן די פאַרשיידענע פאָרמען פון פּראָ־קאָמוניסטישער יעווסעקישער אַקטיוויטעט אויף דער אידישער גאַס; דאָסזעלבע אין באַציאונג צו דער פראַגע פון אויפלעבן די אידישע קהלות, קולטור־און דערציאונג־אַרבעט אין חוץ־לארץ און בפרט אין דער פראַגע פון ממשותדיקער ארץ־ישראל־אַקטיוויטעט, ווי דערציאונג צו עליה און חלוציזם. אין אַלע פראַגן קען און מוז זיין אַן איינהייטלעכע ליניע פון דער גאַנצער באַוועגונג.

מיר הערן אָפט ביי אונזערע באַראַטונגען, און נישט נאָר ביי אונזערע באַראַטונגען — אַ סך שיינע ווערטער מכוח שאַפן נייע פאָרמען און גובר זיין אַלטע געוואוינהייטן און זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען א. א. וו. בין איך מיט דעם אַלעמען מסכים, אָבער איך האָב אַ דרינגענדיקע בקשה צו די חברים: זאָגט תמיד קאָנקרעט, וואָס דאַרף מען אָפּשאַפן און וואָס דאַרף קומען אָנשטאָט דעם וואָס מען שאַפט אָפּ? לאָמיר נישט דערטרינקען אונזערע באַראַטונגען אין אַ מבול פון אַלגעמיינע ווערטער, אפילו ווען דאָס זיינען שיינע ווערטער, אויב מען קען זיי שפּעטער נישט פאַר־טייטשן אין קאָנקרעטע מעשים. און קודם־כל נישט פאַרמיאוסן דאָס פאַראַנענע, כל זמן מען האָט נישט געשאַפן עפּעס נייעס און מען ווייסט אַפילו נישט וואָס קאָנקרעט פאָרצושלאָגן אָנשטאָט דעם וואָס מען פאַר־מיאוסט.

איך בין מסכים מיט אַלע פאָרשלאָגן, וואָס זאָגן, אַז מען דאַרף שיקן מענטשן קיין ישראל אויף אַ לענגערן באַזוך, צי אויף אַ קירצערן באַזוך, כדי זיי זאָלן זיך באַקענען מיט דער אַרבעט, מיט די אויפטוען אין לאַנד און מיט די אויפגאַבן פון דער באַוועגונג, זיי זאָלן דאַן קענען איבערגעבן דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, וואָס זיי האָבן געלערנט. אויף דעם געביט טאָר מען נישט קאַרגן קיין מי און הוצאות. עס זיינען געמאַכט געוואָרן קליינע אָנהייבן און זיי מוזן באַדייטנדיק פאַרברייטערט ווערן. מען מוז אָבער דעם ענין צופּאַסן צו די באַדינגונגען אין די איינצלנע לענדער און אַפילו פון איינצלנע חברים. אין דער פראַגע איז נויטיק אַן אינדיווידועלער צוגאַנג. און נאָך עפּעס: דאָס מוז זיין אַ בשותפותע אָנשטרענגונג פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ מיט דער אָנפירונג פון דער באַוועגונג אין ישראל. אַ וויכטיקן טייל פון די הוצאות פון אַזעלכע באַזוכן מוז טראָגן די באַוועגונג

אין חוץ־לארץ, אויב נישט, איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז מ׳וועט נישט דערגרייכן דעם ציל וואָס מיר ווילן. די חברים, וועלכע קומען אין לאַנד, וועלן נישט נעמען געגנוג ערנסט די אויפגאַבע, צוליב וועלכער זיי זיינען געקומען, און די פליכט וואָס אַזאַ באַזוך לייגט אויף זיי שפּעטער אַרויף.

מיר מוזן שענקען אַ סך מער אויפמערקזאַמקייט און אָנשטרענגונגען פאַר ליטעראַטור און פּרעסע אין די לאַנד־שפּראַכן. נישטאָ וועגן דעם קיין וויכוח. אָט, למשל, האָבן מיר כמעט נישט קיין שום פּרעסע און ליטעראַטור אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. ווי קענען מיר ביי אַזאַ מצב אויסבויען אַ גוטע, באַוואוסטזיניקע באַוועגונג אין צפון־אַפריקע און צווישן די פראַנצויזיש־רעדנדיקע אידן אין איראָפּע? דערביי מוז איך זאָגן, אַז נישט תמיד איז עס נאָר אַ געלט־שוועריקייט.

איך בין נישט פּעסימיסטיש, ווען מען רעדט וועגן דער לעבנספעאיקייט פון אונזער באַוועגונג. זי האָט טיפע וואָרצלען אין אידישן לעבן. די צייט און די נייע באַדינגונגען האָבן נישט אָנגערירט איר לעבנספעאיקייט און איר צוגעפּאַסטקייט צו די נויטן פון אידישן לעבן. איר האָט אַלע געהערט די באַריכטן פון די חברים פון מאַראָקאָ, טוניס, איראַן, אינדיע, קובא, טשילע א. א. וו., נייע וויכטיקע פּונקטן אין דער געאָגראַפיע פון אונזער באַוועגונג. דאָס באַווייזט, אַז דער צוציאונגס־כוח פון דער באַוועגונג איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. נישט איר מכלומרשט אַלט־געוואָרענער פּראָגראַם איז אַ שטערונג פאַר דער צוציאונג פון נייע מענטשן. איך קען אָבער לײדער נישט גובר זיין מיין פּעסימיזם, ווען איך זע דעם מאַנגל אין ענטוזיאַזם און באַוועגונגס־פּאַטריאָטיזם פון אַ סך אָנפירנדיקע חברים, וועלכע פאַרטרעטן די באַוועגונג אין די וויכטיקסטע אינסטאַנצן פאַר די עניינים פון דער באַוועגונג אין חו״ל, פאַר דער שטאַרקונג פון דער אינסטאַנץ, וואָס דאַרף פירן די אַרבעט אין חוץ־לארץ. איך האָב שוין געזאָגט פאַרן וויכוח, אַז אַ סך איז אָפּהענגיק פון דער באַציאונג פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל צו דער אַרבעט אין חוץ־לארץ, אָבער נישט ווייניקער איז אָפּהענגיק פון די חברים אין חוץ־לארץ גופא. די נויטן פון אידישן לעבן פאָדערן אונזערע אַ שטאַרקע און אַקטיווע באַוועגונג אין חוץ־לארץ. דער קיום פון אידישקייט אין חוץ־לארץ פאָדערט עס, די אינטערעסן פון דער מדינה און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאָדערן עס.

באַריכט וועגן אַ באַזוך אין חוץ־לאַרץ*

...אידן אין חוץ־לאַרץ (איצט רעדט זיך ווען די אידן פון אייראָפּע — הגם עס גילט אויך פאַר די אידן פון אַנדערע לענדער) האָבן נישט קיין ווילן עולה צו זיין. אָבער עס וועט זיין אַ טעות, אויסצוטייטשן די דאָזיקע שטימונג אַזוי, אַז עס איז אויך נישטאָ קיין פּלאַץ צו שטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג. עס איז אַ פאַקט, אַז אויך גוטע ציוניסטן זיינען איצט נישט עולה און ווילן אויך נישט עולה זיין. עס קען עמיץ קומען און צווייפלען וועגן דער קוואַליטעט פון זייער ציוניזם, אָבער דאָס זיינען די מענטשן וואָס טראָגן אין גלות דעם עול פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי זיינען דער אַדרעס צו וועלכע מיר ווענדן זיך. און מען קען נישט לייקענען, אַז זיי זיינען באמת איבערגעגעבן דער אַרבעט און פונדעסטוועגן ווילן זיי נישט עולה זיין. עס איז איצטער פאַראַן אין חוץ־לאַרץ אַ שטימונג פון שרעק פאַר עליה. עס גיט זיך אונז נישט איין צו געבן די אידן אין גלות אַ ריכטיק בילד וועגן דעם וואָס עס קומט פאַר אין לאַנד. אַלע גלויבן די באָבע־מעשיות וועגן דעם, אַז עס איז אין לאַנד נישטאָ וואָס צו עסן און ס'איז נישטאָ קיין געהעריקע דערנערונג פאַר די קינדער, און, אַז די שוועריקייט צו באַקומען אַ וואוינונג איז גרעסער ווי איבעראַל. איצט זיינען נאָך געקומען די יורדים און כדי צו פאַרענטפערן זייער פאַרלאָזן דאָס לאַנד, פאַרשטאַרקן זיי דידאָזיקע באָבע־מעשיות און מיר באַוויזן נישט אָט די אַלע אויסטראַכטענישן צו פאַרטרייבן.

לאָמיר נעמען אַ זייטיקן פּרט. די מערסטע אידן אין חוץ־לאַרץ און אויך ישראלדיקע אידן זיינען איבערצייגט, אַז די ישראל־רעגירונג בייט איבער די וואַלוטע לויט אַ גאַר ביליקן קורס יעדן איינעם, וואָס ברענגט מיט זיך פרעמדע וואַלוטע פון אויסלאַנד. מען ווייסט כמעט נישט, אַז די רעגירונג צאָלט איצט יעדן פאַר אַ דאָלאַר וואָס ער ברענגט מיט זיך 1.800 פונט. עס האָט זיך איינגעוואָרצלט אַ מנהג, אַז בעת אַ שיף אָדער אַן אַעראָפּלאַן אויפן וועג אין ישראל קומט צו דער לעצטער סטאַנציע פאַר

---

* אויף אַ זיצונג אין אָקטאָבער 1953.

חיפה, אָדער לוד, לױפֿן די מענטשן אױפֿן לאַנדונגס־פּלאַץ קױפֿן װאָס עס לאָזט זיך, צי זײ דאַרפֿן עס אָדער נישט. אַבי נישט צו ברענגען אין לאַנד קײן מזומנע פּרוטה אין פֿרעמדער װאַלוטע. מען באַצאָלט פֿאַר די דאָזיקע איבעריקע, אָדער נישט איבעריקע, זאַכן, טײערער װי מען װאָלט באַצאָלט דאָ, װען מען װאָלט איבערגעביטן דאָס געלט און באַקומען װיפֿיל די רעגירונג צאָלט איצט פֿאַר אױסלענדישע װאַלוטע. אױב אַלע װאָלטן דאָס געװאוסט, װאָלטן אַ סך זיך אָפּגעהאַלטן פֿון קניות.

װי איך האָב אױבן געזאָגט, דאַרף מען נישט לערנען פֿון דער לאַגע, אַז עס איז אוממעגלעך צו שטאַרקן די ציוניסטישע באַװעגונג. די אידן אין גלות האָבן נישט איצט קײן שום אַנדער אחיזה װי ציוניזם און ישׂראל. אידן זײַנען צוגעבונדן צו דער מדינה. אױב דו װעסט אַרױסנעמען ארץ־ישׂראל פֿון זײער לעבן, װעט בײ זײ בלײַבן אַ לײדיקער חלל. מיר קענען דעריבער אַ סך װירקן און דערגרײכן נישט װײניק.

אױב מיר רעדן װעגן דעם אידנטום פֿון אײראָפּע, דאַרפֿן מיר װיסן, אַז די אידישע קיבוצים דאָרט געפֿינען זיך, פֿון אידישן שטאַנדפּונקט, אין פּראָצעס פֿון גײסטיק־קולטורעלער אױפֿלײזונג. נישטאָ קײן אַקטיװער קאַמף קעגן אַסימילאַציע. װײל דו שטײסט נישט פֿאַר אַן אָרגאַניזירטער און אַקטיװער אַסימילאַטאָרישער באַװעגונג, קעגן װעלכער דו קענסט קעמפֿן און איבערצײַגן דעם אידן, ער זאָל נישט נאָכגײן נאָך איר. דו זעסט טאָג־אײַן טאָג־אױס װי זי איבערװעלטיקט דיך. אױב דערדאָזיקער פּראָצעס זאָל אָנהאַלטן אַ געװיסע צײט אָן אַן ענערגישער קעגן װירקונג, האָבן מיר אין אַ סך לענדער געענדיקט מיט די אידן פֿון קולטורעלן שטאַנדפּונקט, אָן קײן שום פֿיזישער נגישה. אידן לעבן איצט אין אײראָפּע (אין די פֿרײַע לענדער, פֿאַרשטײט זיך) אין אַ רעזשים אָן דיסקרימינאַציעס, נישטאָ קײן באַגרענעצונגען פֿאַר אידן, און פֿונדעסטװעגן װאַקסט דער צעברעקלונגס־פּראָצעס פֿון טאָג צו טאָג. ערשטנס, די געמישטע חתונות. דער פֿאַקט פֿון 25—30 פּראָצענט געמישטע חתונות איז שױן געװאָרן אַ געװײנטלעכע זאַך. אָט האָב איך אױף אײנעם אַ כינוס געהערט פֿון אַ חבר װאָס איז געקומען, אמת, פֿון נישט אַ גרױסן אידישן קיבוץ — קאָפּענהאַגען, װעגן 60 פּראָצענט געמישטע חתונות. װי לאַנג קען זיך דאָס ציען?

איך װיל נאָר אונטערשטרײַכן, אַז עס איז נישט ריכטיק װאָס מיר הערן אַזױ אָפֿט, אַז מען קען נישט צוקומען צום יונגן דור, צו די װאָס זײַנען שױן געבױרן געװאָרן אין די לענדער פֿון מערבֿ־אײראָפּע און זײער

שפּראַך איז דער עיקר די לאַנד־שפּראַך. איך האָב נישט קיין ספק, אַז דאָס איז פאַרבונדן בלויז מיט דער מאָס אַנשטרענגונג און איבערגעבנקייט, וואָס מיר זיינען גרייט אַריינצולייגן אין דערדאָזיקער אַרבעט. איך וועל אייך דערציילן וועגן איין פּרואוו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דער באַוועגונג צו וועלכער איך געהער — און דאָס איז גאָרנישט כאַראַקטער־ריסטיש פאַר דערדאָזיקער באַוועגונג אַליין און עס איז קיין צווייפל נישטאָ, אַז דאָס קען געטאָן ווערן אויך אין אַנדערע באַוועגונגען. מיט נישט קיין איבעריק גרויסער אַנשטרענגונג און ביי אַ געוויסער הילף פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, איז דעם זומער אויפגעשטעלט געוואָרן אין דרום־פראַנקרייך, ביי דער שפּאַנישער גרעניץ, אַ זומער־לאַגער פון יוגנטלעך־כע פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, און עס האָבן זיך דאָרטן געפונען אין משך פון וואָכן הונדערטער יונגע מענטשן, אין עלטער פון 17 ביז 27 יאָר, וואָס זיינען שוין געבוירן געוואָרן אין יענע לענדער, בכל אופן זיינען זיי דאָרט אויפגעוואָקסן און דערצויגן געוואָרן. איך האָב זיך איבערצייגט, ווי דורשטיק זיי זיינען צו וויסן וועגן דעם וואָס טוט זיך אין מדינת ישראל, מיט וואָסער באַפרידיקונג זיי האָבן אויפגענומען דעם באַזוך פון שזר און מיין באַזוך. מען קען נישט זאָגן, אַז דידאָזיקע מי איז געווען אומזיסט. אָבער אויב מען וויל אָרגאַניזירן דידאָזיקע שיכטן, מוז מען דערגיין צו ערנסטער אַרבעט — און מיט גרויסע הוצאות, ווייל מיט קליינע הוצאות קען מען צווישן דידאָזיקע שיכטן נישט פירן קיין טעטיקייט. מען דאַרף עפענען קלובן, אַ זאַך וואָס איז נישט ביליק אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, און אויך נישט אין תל־אביב. מען דאַרף צוגרייטן ליטעראַטור און אינסטרוקטאָרן אין אַ געהעריקער צאָל. אָן דעם וועלן מיר נישט גיין פאָרויס. בלויז מיט רעדן וועגן דער נויטיקייט, וועלן מיר נישט מאַכן קיין איינציקן טריט פאָרויס.

הגם איך שטרייך אונטער די וויכטיקייט פון ליטעראַטור און פּרעסע אין די שפּראַכן פון די וואוין־לענדער, דאַרף מען נישט אָננעמען ווי אַ פאַקט, אַז צו גרויסע טיילן קען מען בכלל מער נישט רעדן אויף אידיש. אַ וויכטיקער טייל פון זיי פאַרשטייט נאָך אידיש, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט, אַז עס זיינען נויטיק אינסטרוקטאָרן און ליטעראַטור אין די שפּראַכן פון זייערע לענדער, בפרט אויב מיר ווילן טאָן אַ גרינדלעכע אַרבעט. איינס איז קלאָר אָן קיים שום ספק, אַז אויב מיר וועלן נישט פירן אויף דעם געביט קיין גרויסע אַרבעט מיט גרויסע הוצאות — וועלן מיר פאַרלירן דעם יונגן דור און מיר וועלן בלייבן ביים געוויין איבערן קריזיס

אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איצט איז דאָס אַן ענין פון אידישן קיום בכלל. ווייל אויב מיר וועלן נישט באַווייזן צו געווינען דעמדאָזיקן דור און פּאַרטיפן זיינע אידישע וואָרצלען, האָבן מיר געשטעלט אין סכנה דעם אידישן קיום אין דידאָזיקע לענדער. דאָס אייגענע איז נוגע אונזער טעטיקייט אויפן שול־געביט, אויפן קולטור־געביט. מיר רעדן אַ סך וועגן דעם אַלעמען, אָבער צום טאָן איז נאָך וייט און לעכערלעך אומגענוג זיינען די מיטלען וואָס מיר שטעלן אין רשות פון דערדאָזיקער טעטיקייט.

*

אויב מיר ווילן פאַרשטאַרקן די ציוניסטישע באַוועגונג, דאַרפן מיר דורכפירן אָפטע און לאַנג־דויערנדיקע באַזוכן פון צענטראַלע מענטשן פון ישראל. בליץ־באַזוכן ברענגען נישט קיין נוצן און זיינען נישט עלול צו ענדערן די לאַגע. אַ באַזוך בלויז אויף צו כאַפּן אַ קוק, נישט זאָרגנדיק צו פאַריכטן די ענינים אויפן אָרט, האָט נישט קיין גרויסן באַדייט. מיר קענען שוין די לאַגע. אַנשטאָט דעם, אַז יעדער דעפּאַרטאַמענט (פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע) זאָל שיקן זיינע מענטשן זיך מטפל צו זיין בלויז מיט די ענינים פון זיין אָפּטיילונג — איז בעסער איבערצוגעבן אַ באַשטימטן מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע זיך אָפּצוגעבן אין משך פון אַ לענגערע צייט מיט ענינים פון עטלעכע אָפּטיילונגען.

טיילמאָל פאַרנאַכלעסיקט מען אויך אַרבעטס־מעגלעכקייטן. אין דער שווייץ, למשל, איז מען דערגאַנגען צו אַן איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פולן זינען פונעם וואָרט. נישטאָ קיים שום ציוניסטישע פּאַרטיי. וואָס באַטייליקט זיך נישט אין דער דאָזיקער איינהייטלע־כער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויפן יסוד פון פערזענלעכער מיטגלידער־שאַפט און קיין שום פּאַרטיי האָט דערפון נישט געליטן. אָבער דוקא די דאָזיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַקומט נישט די נויטיקע הילף און דערמוטיקונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. זי האָט נישט אַפילו די מעגלעכקייט צו דינגען אַ באַשיידענע דירה פאַר איר אַרבעט. אין דעמדאָזיקן ישוב, וואָס ציילט בלויז אַרום 18 טויזנט אידן, זיינען פאַראַן 16 ציוניסטישע אָרט־גרופּן, וואָס ציילן 1.200 ביז 1.500 מיטגלידער. אין קאָנגרעס־יאָר זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן ביי 3.000 שקלים. יעדער חבר צאָלט 20 פראַנק (5דאָלאַר) אַ יאָר מיטגליד־אָפּצאָל, און אויסער דעם נאָך פינף פראַנק פאַר דער טעטיקייט צווישן דער יוגנט. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע העלפט דער דאָזיקער איינהייטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט 5.000

פראַנק (1.200 דאָלאַר) אַ יאָר, הגם קרן היסוד ברענגט אַריין אין משך פונם יאָר אַרום 600 טויזנט פראַנק.

אויף וויפל איך האָב באַוויזן זיך צו באַקענען מיט דער לאַגע אין בעלגיע, האָבן מיר נישט געמאַכט קיין סך פאָרשריט בנוגע פּערזענלעכער מיטגלידערשאַפט אין דער אָרטיקער ציוניסטישער פעדעראַציע. בנוגע דער דאָזיקער פראַגע האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פולשטענדיקער קעגנערשאַפט אין מיינע שמועסן מיט די אָנפירער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, הגם זיי האָבן מיר נישט פאָרגעלייגט קיין שום אַנדערע אַלטערנאַטיווע וואָס לייגט זיך אויפן שכל. אין פראַנקרייך איז זיכער דאָ אַ גוטער ווילן צו אַן ענדערונג און עס איז דאָ אַ פאָרשריט דערין, וואָס מען וויל אַריינעמען אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע פאַרייניקונגען ווי וויצא, ספרדים א. א. וו. און אויך עטלעכע יחידים, עס איז אָבער נישטאָ לעת־עתה קיין עיקר׳דיקע ענדערונג אין דעם וואָס איז, לויט מיין מיינונג, דער שוואַכער פונקט, אינדעם שעדלעכן צוגאַנג, אַז אַ מיטגליד אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע קען אָנגענומען ווערן נאָר דורך די עקזיסטירנ־דיקע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס.

מיר זיינען מחוייב וואָס גיכער אויפצושטעלן אַ געניועם אַרבעטס־פּלאַן אין די לענדער. עס איז פאַראַן אַ ברייט טעטיקייטס־פעלד. אויב מיר וואָלטן ביי די אונטערהאַנדלונגען וועגן די ענדערונגען אין אָרגאַניזאַציאָנעלן געבוי געקומען אין קאָנטאַקט מיט דעם ציוניסטישן עולם און נישט מיט באַגרעניצטע קרייזן פון ווינציקע מענטשן, וואָלטן מיר געקאָנט אַ סך ווייטער גיין פאָרויס. אויב מיר וועלן אָבער נישט באַלד צוטרעטן צו דער אַרבעט וועט אונזער פּאָזיציע אַלץ שוואַכער ווערן.

אַפּהיטן אונזער אייגענעם וועג*

...אויף דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישן אַ.ק. אין ירושלים (סוף דעצעמבער 1953), זיינען מיר אויפסניי געוועזן עדות דערפון, אַז עס איז נישט אומזיסט די מי, ווען אַ באַוועגונג פאַרטרעט אַ מיינונג סיסטעמאַטיש און קאָמפּראָמיסלאָז („קאָמפּראָמיסלאָז" באַדייט נאָך נישט עלעמינירן יעדן וועג פון צוזאַמענריידן זיך מיט אַנדערע). די סעסיע פון ציוניסטישן אַ.ק., וואָס האָט זיך איצטער פאַרענדיקט, באַווייזט, אַז מיר קאָנען עפּעס דער־גרייכן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אויב מיר וועלן סיסטעמאַטיש קעמפן פאַר אונזערער אַ שטעלונג, וואָס מיר האַלטן פאַר ריכטיק און נויט־ווענדיק — נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס אַנדערע זיינען דערווייל נישט מסכים דערמיט.

שוין פיל יאָרן ווי אונז מאַטערט די פראַגע, ווי מען זאָל בויען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין די גלות־לענדער. מיר זיינען געקומען צו דער מסקנה, אַז מיר דאַרפן זי אויפשטעלן אויף אַ וואָס ברייטערער באַזע און געבן איר ברייטע טעטיקייט־געביטן. מיר האָבן וועגן דעם גערעדט אין משך פון יאָרן, אָבער אַלע אונזערע פאָרשלאָגן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייזערנער וואַנט, וועלכע מיר האָבן נישט געקענט דורכברעכן. אויף דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישן אַ. ק. האָט זיך די וואַנט עטוואָס איינגעבראָכן. אונזער פּערמאַנענטע און אומדערמידלעכע פאָדערונג און אויפקלערונג, האָט געגעבן די ערשטע באַשיידענע פּרוכט.** איך קען נישט געבן קיין התחייבות, אַז פון דעם גאָר באַשיידענעם אָנהויב, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, וועט קומען די ישועה פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע. דאָס איז אַ סך אָפּהענגיק, ווי מען וועט רעאַליזירן דעם אָנגענומענעם באַשלוס און וויפיל מי מען וועט זיך געבן אים אַדורכצופירן אין לעבן, און אין וועלכער פאָרם. אָבער עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט פון גיין פאָרויס.

---

* אויף אַ מסיבה פונם איחוד עולמי, לכבוד חברים געסט פון חוץ־לארץ, אָנהויב יאַנואַר 1954.

** זע באַמערקונג צום סוף פונם אַרטיקל „וועגן וואָס גייט דער וויכוח?" — זייט 216.

אונזער באַוועגונג דאַרף אויסנוצן דעם באַשלוס און ערנסט צוטרעטן אויפ־צושטעלן אַ ציוניסטישע מאַסן־באַוועגונג אין אַלע לענדער, נישט משלים זיין מיט וועלכע עס איז פאַרזוכן צו איגנאָרירן אָדער נאָך מער פאַרקלענערן די אַזוי אויך געגוג באַשיידענע אָנגענומענע ערשטע באַשלוסן אין דער ריכטונג.

*

ס׳איז געווען אַן ענין אויף דער זיצונג פון ציוניסטישן א. ק., וועלכן מען האָט קינסטלעך אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער ריי פון וויכטיקייט. מען האָט אַריינגעלייגט פיל מי, כדי אים צו דערהויבן צו אַ צענטראַלער פראַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך מיין דאָ די מלחמה, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן קעגן דעם אַזוי גערופענעם „דאָפּלטן שקל אין ישראל״. עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז דאָס איז די איינציקע זאַך וואָס שטערט דער ציוניסטישער טעטיקייט אין דער גאָרער וועלט און לאָזט נישט רוען די אידן אין די לענדער. אויך אין דער פראַגע איז אויף דער סעסיע פון אַ. ק. געקומען אַ געוויסע ענדערונג. לאָמיר האָפן — אַן אָנהויב פון אַן אויסניכטערונג. דאָס מיינט נישט, אַז מיר זעען אין דעם איצטיקן מצב אַ הייליקייט, וואָס מען טאָר נישט ענדערן. אָבער, וואָס עס פאַרדריסט ביי דעם וויכוח, איז דער אָנשטעל, וועלכן מען מאַכט, אַז מ׳קעמפט כאילו נאָר פאַר גערעכטיקייט און גלייכקייט אין דער ציוניסטי־שער באַוועגונג, בעת דער ווירקלעכער מאָטיוו איז איינציק און אַליין — ווי אַזוי אָפּצושוואַכן דעם כוח פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אונזערע חברים האָבן אויפגעוויזן מיט פאַקטן און ציפערן, אַז די זאַך איז נישט אַזוי ווי מען שטעלט זי פאָר, אַז עס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך ווען מען זאָגט, אַז ישראל האָט אַ דאָפּלטע פאַרשטייערשאַפט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. עס זיינען פאַראַן אַ ריי לענדער, וועלכע געניסן פיל מער ווי ישראל פון אַ קלענערן שקלים־מעסטער, ביים ווילן דעלעגאַטן צום ציוניס־טישן קאָנגרעס, און קיינער פראָטעסטירט נישט קעגן דעם.

אינעם קאָנגרעס־יאָר תשי״א האָט מען אין אַלע לענדער, אַ חוץ ישראל און צפון־אַמעריקע, פאַרשפרייט 463.122 שקלים. דידאָזיקע לענדער האָבן געשיקט 140 דעלעגאַטן. דאָס מיינט, אויף אַלע 3.308 שקלים דורכשניטלעך איין דעלעגאַט. אין ישראל האָט מען פאַרשפרייט 665.549 שקלים. מען האָט געהאַט אַ רעכט אויף 210 דעלעגאַטן. דאָס מיינט 3.168 שקלים אויף אַ דעלעגאַט. פאַקטיש האָט ישראל געהאַט ווייניקער ווי 210 דעלעגאַטן (נאָר 185) און אַזוי אַרום איז די צאָל שקלים אויף יעדן

דעלעגאַט נאָך געווען גרעסער ווי אין יענע לענדער אין חוץ־לארץ. אין 13 לענדער אין חוץ־לארץ זיינען אין יאָר 1951 פאָרגעקומען וואַלן פון דעלעגאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. 63.082 וויילער האָבן געקליבן 64 דעלעגאַטן. דאָס מיינט איין דעלעגאַט אויף 984 וויילער. אין ישראל האָבן געשטימט 285.000 וויילער, דאָס מיינט אַרום 1.500 וויילער אויף יעדן דעלעגאַט. ווער האָט לכן, פרעראָגאַטיוון? אין 1946 זיינען פאָרגעקומען וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין נאָרד־אַמעריקע. 206.000 וויילער האָבן געקליבן 121 דעלעגאַטן. אין ארץ־ישראל האָבן, אין יאָר 1946, 196.000 וויילער געקליבן 79 דעלעגאַטן. דאָס מיינט, אַז די רעכט וואָס עס האָבן געהאַט אין נאָרד־אַמעריקע 1.702 שוקלים, האָבן אין א"י ערשט דערגרייכט 2.480 שוקלים. פאַקטיש, איז דער אונטערשיד נאָך אַ פיל גרעסערער.

די אמתע פראַגע, וועגן וועלכער דער וויכוח פירט זיך, איז: צי זאָל מען איינפירן אַן איינהייטלעכן, פאַרפליכטנדיקן וועג אין אַלע לענדער, ביים באַשטימען דעם צוזאַמענשטעל פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס? דאָס מיינט — אָבליגאַטאָרישע וואַלן אין אַלע לענדער, און דעמאָלט וועט קיינער אין ישראל נישט פאָדערן קיין שום פריווילעגיע (הגם אויך דעמאָלט וואָלטן פרעראָגאַטיוון פאַר ישראל געווען מאָראַליש באַרעכטיקט).

דער הייַנטיקער צושטאַנד, בעת מען קען אין די גלות־לענדער פאַרשפרייטן שקלים, פאַקטיש אָן יעדער קאָנטראָל, און נישט אַדורכפירן קיין וואַלן, בעת אין ישראל איז פאַראַן אי אַ קאָנטראָל ביים פאַרשפרייטן שקלים, אי עס קומען פאָר וואַלן — אַזאַ צושטאַנד דעמאָראַליזירט די באַוועגונג *.

די הויפט־פראַגע היינט־צו־טאָג איז, צי שטרעבט די ציוניסטישע באַוועגונג צו זיין אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג, אָדער מיר ווילן זיין מער נישט ווי אַן אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט. איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז אַזאַ אַפּאַראַט קען אַמאָל נישט טאָן קיין נוצלעכע און גוטע זאַכן. דער „דזשאָינט" איז מער נישט ווי אַן אַפּאַראַט, אָבער ער טוט וויכטיקע זאַכן. עס זיינען דאָ נאָך אָרגאַניזאַציעס פון דעם מין וואָס האָבן פיל אויפגעטאָן לטובת אידן. אויך דער אידישער וועלט־קאָנגרעס איז פאַקטיש מער אַן אַפּאַראַט ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג. אָבער דער קאַמף גייט אין דעם, צי וועלן

* אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין יולי 1954, איז אָנגענומען געוואָרן אונזער פאָרשלאָג, אַז אין אַלע לענדער אין חוץ־לארץ, וואו עס וועלן פאָרקומען וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס און לכל הפחות 25% פון די שוקלים וועלן אָקטיוו אָנטיילנעמען אין די וואַלן, וועלן דאָרטן חל זיין די זעלבע תקנות, דאָס מיינט דער זעלבער שקלים־מעסטער, ווי אין ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס פֿאַרוואַנדלט ווערן אין ציוניסטישע פֿאָלקס־באַוועגונגען, מיט אַלץ וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן, און אַרומנעמען מאַסן אידן. אין דעם באַשטייט דער שטרייט. און דאָס דאַרפֿן וויסן אידן און ציוניסטן אין אַלע לענדער.

*

אויף דער סעסיע פֿונם ציוניסטישן אַ.ק. איז אַרויפֿגעשוואומען נאָך אַ פֿראַגע, וועלכע איז נישט געשטאַנען אויף דעם סדר־היום, נאָר זי איז געקומען צופֿעליק, צוליב דעם באַגריסונגס־בריוו פֿון ח׳ ד. בן־גוריון, וואָס האָט געפֿירט צום אַוועקשטעלן שאַרף און קלאָר די פֿראַגע: וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ ציוניסט און סתם אַ איד, וועלכער האָט ליב ישראל, העלפֿט ישראל און איז נישט קיין ציוניסט? עס האָט נישט קיין שום זין צו פֿירן דעם וויכוח אַרום דער פֿראַגע, צי דער בריוו איז נישט פֿאָרמולירט געוואָרן צו שאַרף; מעגלעך, אַז דאָס האָט געדאַרפֿט פֿאָרמולירט ווערן אַנדערש. אָבער די עצם פֿראַגע קען מען נישט אויסמיידן און אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דורך דעם, וואָס מען וועט זיין ברוגז אויף דער קלאָרער און שאַרפֿער פֿאָרמולירונג, ווי זי איז געשטעלט געוואָרן. די פֿראַגע עקזיסטירט און מען דאַרף אויף איר ענטפֿערן. לויט מיין מיינונג, דאַרף אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ און אין ארץ־ישראל שטעלן די פֿראַגע מיט מוט און אָפֿנהאַרציק און ענטפֿערן קלאָר.

*

די ציוניסטישע באַוועגונג געפֿינט זיך היינט־צו־טאָג, לויט מיין מיינונג, אין אַזאַ לאַגע ווי אַ טייל פֿון דער באַוועגונג האָט זיך געפֿונען אין פּוילן און אין רוסלאַנד, אין באַצוג צום „בונד״. איך געדענק נאָך די צייטן, ווען ביי יעדער פֿראַגע, וועגן וועלכער מען פֿלעגט דאַרפֿן אָננעמען אַ שטעלונג אין דער באַוועגונג, פֿלעגן זיין אַזעלכע וואָס האָבן גלייך זיך געפֿרעגט מיט זאָרג: וואָס וועט אויף דעם זאָגן דער „בונד״? ווי וועט ער אויף דעם רעאַגירן? אַזאַ צוגאַנג האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צעטרייסלט די יסודות פֿון די לינקע פּועלי ציון אַלס אַ מאַסן־באַוועגונג, ווען עס איז נאָך צוגעקומען די זאָרג — וואָס וועלן זאָגן דערצו די קאָמוניסטן. די זעלבע זאָרג, אין אַ נייער אויפֿלאַגע, עקזיסטירט היינט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג: וואָס וועט זאָגן „הדסה״? אויב מיר וועלן פֿאָדערן אַ גרויסע חלוצישע באַוועגונג אין צפֿון־אַמעריקע, ווי וועט אויף דעם רעאַגירן „הדסה״; אויב מיר וועלן זאָגן, אַז יעדער ציוניסט איז פֿאַרפּליכטעט זיך גרייטן צו עליה, וואָס וועט זאָגן „הדסה״? אויב מיר וועלן פֿאָדערן וואַלן

צום ציוניסטישן קאָנגרעס — וואָס וועט זאָגן דערצו „הדסה"? איך וויל נישט פאַרמינערן די חשיבות פון „הדסה". דאָס איז אַ מאַסן־באַוועגונג וואָס ציילט 300.000 פרויען, וועלכע טוען אַ גרויסע און געבענטשטע אַרבעט פאַר ישראל. אָבער אין עיקרדיקע פראַגן און אַפילו אין וויכטיקע אָרגאַני־זאַציאָנעלע פראַגן, קאָנען מיר נישט באַשטימען נאָר רעכענענדיק זיך מיט דער מיינונג און איינשטעלונג פון די פירעריננס פון „הדסה". מיר קאָנען נישט ענדערן אונזער איינשטעלונג צוליב דעם. גראַד ווי מיר האָבן עס נישט געטאָן אין פריערע יאָרן, ווען גוטע אידן און גוטע ציוניסטן האָבן נישט אָנגענומען אונזער וועג אין ציוניזם און אין ארץ־ישראל. האָט דאָך ראַביי סילווער, אין 1939, געדונערט קעגן עליה ב׳ — האָבן מיר עס אָנגענומען?

*

מיר האָבן אונזער באַוועגונג אין גלות דערצויגן, אַז אירע בעסטע כוחות זאָל זי ריכטן און פאַרווענדן פאַר ארץ־ישראל. אָפטמאָל האָט גע־טראָפן, אַז דאָס איז אַפילו געטאָן געוואָרן אויפן חשבון פון אָרטיקע אַקטיוויטעטן. דאָס איז געווען נויטיק אין יענע יאָרן און מיר באַדויערן עס נישט. דער מצב אָבער היינט אין די אידישע קיבוצים אויף דער וועלט, בפרט אין די קלענערע אידישע קיבוצים, איז אַזאַ, אַז מען קען זאָגן, אַז אידישקייט צאַנקט בפועל ממש. ווער עס האָט זיך באַגעגנט מיט די אידישע קיבוצים אין די לעצטע יאָרן אין אייראָפּע, מוז צוגעבן, אַז זיי גוסס'ן און מיר האָבן מורא צו טראַכטן, וואָס וועט זיין אין 20—30 יאָר אַרום. ווען מיר פרעגן זיך, וואָס איז די אויפגאַבע פון אונזער באַוועגונג אין אַזאַ לאַגע, איז מיר קלאָר אונזער אויפגאַבע. מיר געפינען זיך אין אַ טראַגישער און אכזריותדיקער סיטואַציע. קלאָר, אַז דאָס אידנטום, אויסער ישראל, האָט נישט אַליין קיין כוח, כדי צו פאַרמיידן די גסיסה פון אידישן לעבן אין אַ טייל לענדער. אויב מיר וועלן היינט גאָר נישט טאָן וועלן מיר מאָרגן נישט האָבן צו וועמען זיך צו ווענדן. גראַד ווי מיר האָבן אַמאָל געקענט זיין אכזריותדיק לגבי דער אַרבעט אין חוץ־לארץ און גערופן די באַוועגונג אָפּצוגעבן די בעסטע כוחות פאַר דער אַרבעט אין ארץ־ישראל, מוזן מיר היינט־צו־טאָג, אין אָנבליק פון דער קריטישער לאַגע פון אידנטום אין חוץ־לארץ, אין אָנבליק פון דער סכנה, אַז אַ טייל פונם פאָלק גייט פאַר אונז פאַרלוירן, האָבן כוח צו מאָביליזירן מענטשן און מיטלען, וועלכע זיינען אַזוי דרינגענדיק נויטווענדיק פאַר ישראל, פאַר אַרבעט אין חוץ־לארץ, פאַר שטאַרקן די גאַנצקייט פון אידישן פאָלק און זיין צובונד מיט מדינת ישראל.

אַ באַשיידענער שריט פאָרויס

א

איניקע זאַכן האָבן אויסגעטיילט די לעצטע סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, (דעצעמבער 1953) אין פאַרגלייך מיט אַנדערע סעסיעס. אונז האָט זיך איינגעגעבן סוף־סוף אַ ביסל דורכצוברעכן די כינעזישע וואַנט, וועלכע מען האָט אויפגעשטעלט אַרום די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, אַ וואַנט, וועלכע דערלויבט נישט אידן, וואָס געהערן נישט צו ציוניסטישע פאַרטייען, זיך אָנצושליסן אין דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע. יאָרן־לאַנג וואָרענען מיר קעגן דעם. מיר באַטראַכטן עס ווי איינע פון די סיבות פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּשוואַכונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער, וואָס איז ווידער נישט ווייניק גורם צום קריזיס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און צו דער ירידה פון איר פרעסטיזש.

פאַרשטייט זיך, אַז אפילו דער ערשטער באַשיידענער שריט, וואָס איז איצט געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג, צו פאַרלייכטערן אידן אָנשליסן זיך אָן דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע און זיין אַקטיוו אין איר, איז נאָך נישט געזיכערט. פיל כוחות האָבן אין משך פון יאָרן זיך קעגנגעשטעלט יעדער ענדערונג און זיי וועלן נישט משלים זיין אַזוי לייכט אפילו מיט דעם באַשיידענעם באַשלוס פון מאַכן דעם נייעם פרואוו. דעריבער מוז מען נעמען אין חשבון נישט ווייניקע אינערלעכע שוועריקייטן ביים פאַרווירקלעכן דעם באַשלוס. עס הענגט אָפּ פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, פון איר פעסטן ווילן, און דער מאָס אָנשטרענגונג און אויפמערקזאַמקייט, וואָס זי וועט ווידמען דעם ענין. דורך דעם באַשלוס איז נאָר געמאַכט געוואָרן דער ערשטער שריט, וועלכער פאַרפליכטעט צו ווייטערדיקע צוגאָב־שריט — און טאַקע וואָס גיכער, אויב נישט — קען אויך דער ערשטער שריט זיין אַ ברכה לבטלה.

אָבער דאָס אַליין איז נישט גענוג. מען דאַרף דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע געבן אַן אינהאַלט. אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע רעפאָרם אַליין וועט נישט העלפן, אויב מיר וועלן נישט זאָרגן פאַר אַ קאָנסטרוקטיוון

אינהאַלט, וועלכער זאָל האָבן אַ צוציאונגס־קראַפט לגבי די ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז דער זכות הקיום פון דער ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע באַשטייט קודם־כל אין דעם וואָס זי איז אַ גרייסע פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע נעמט אַרום מאַסן אידן אין גלות, און אין דעם וואָס זי דינט טריי דעם פאָלק אין אַלע זיינע נויטן. אויב נישט, האָט זי נישט קיין קיום און זי קען נישט דינען דעם פאָלק און דער מדינת ישראל. דאָ קענען נישט העלפן קיין קינסטלעכע מאָס־מיטלען פון איבערגעבן אויפגאַבן און קאָמפּעטענצן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין מדינת ישראל. דער זכות הקיום און די מאָס פון השפעה און לעבנס־וויכטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג הענגט אָפּ נאָר פון איר אַליין, אויף וויפיל איר וועט זיך איינגעבן צו קאָנצענטרירן אַרום זיך דאָס פאָלק אין די תפוצות. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, איר כוח, איר קאָמפּעטענץ און השפעה זיינען אָפּהענגיק פון דעם כוח, ווירקונג און טעטיקייט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די גלות־לענדער.

ב

דער פאַקט, וואָס נאָענט צוויי־דריטל פון אַלע הוצאות (אויסער די צאָלונגען פון חובות) אין דעם ציוניסטישן בודזשעט פאַרן יאָר תשי״ד, וועלכער איז באַשטעטיקט געוואָרן אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, זיינען באַשטימט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָ־ניזאַציע — איז אַן און פאַר זיך אַ פּאָזיטיווע דערגרייכונג. די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך במשך אַ סך יאָרן שטאַרק באַמיט דורכצו־זעצן די איבערצייגונג אין דער דאָזיקער נויטווענדיקייט אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג. מיר קאָנען שטאָלץ זיין מיט דער דאָזיקער אַנטוויקלונג.

מיר האָבן געזאָגט, אַז דער קיום פון דער ציונסיטישער וועלט־אָר־גאַניזאַציע איז אָפּהענגיק פון איר כוח און פון אירע טעטיקייטן אין די גלות־לענדער. דורך דעם וועט זי באַווייזן איר לעבנסוויכטיקייט, איר זכות־הקיום און דורך דעם וועט זי דערווערבן איר השפעה. דורך דעם און נישט דורך קיין שום אַנדער ענין. די לאַגע פון אידנטום אין גלות איז זייער אַ שלעכטע. מיר רעדן איצט נישט וועגן זייער פיזישן קיום און מאַטער־יעלער לאַגע. איך בין דאָ אויסן נאָר זייער א י ד י ש ק י י ט, דאָס אָפּהיטן אונזערע נאַציאָנאַלע ווערטן, אונזער אייגנאַרט, מיט איין וואָרט דאָס אָפּהיטן אונזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק כל זמן אידן זיינען אין גלות. עס רעדט זיך איצט נישט נאָר וועגן באַנייען און שטאַרקן דעם ציוניזם — נאָר וועגן

ראַטעווען דעם קיום פון אידנטום. עס איז נישטאָ קיין אַנדער כוח אין אידנטום, וואָס קען און וויל און איז מסוגל זיך קעגנשטעלן די סכנה וואָס שוועבט איבער אונזערע קעפּ און וועלכע רייסט אַרויס פון אונז טאָג־טעגלעך קרבנות — ווי נאָר אַ שטאַרקע, גרויסע און אַקטיווע ציוניסטישע באַוועגונג. נאָר מיט איר כוח, אויב עס איז בכלל נאָך דאָ אַזאַ כוח, קען מען אָפּהאַלטן דעם פּראָצעס פון נאַציאָנאַלן פונאַנדערפאַל, וואָס קומט פאָר פאַר אונזערע אויגן אין פיל לענדער.

מיט צוויי וועגן דאַרפן מיר קעמפן קעגן דעם פּראָצעס, וואָס איז געפערלעך פאַרן קיום פון דער אומה: א) דורך אַ גרויסן רוף צו עליה און אַ וואָס ענגערן צוזאַמענבונד מיט מדינת ישראל. ב) דורך אַ ברייטער טעטיקייט פאַרן פאַרשטאַרקן די אידישע קולטור און דערציאונג אין די לענדער; פאַרשטאַרקונג פון דער חלוצישער און יוגנט־באַוועגונג; לערנען העברעאיש און פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין; אַקטיווע באַ־טייליקונג אין יעדער אידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און זאָרג פאַר אַלע אידישע בויטן אין די לענדער; באַמיאונגען צו שאַפן אַן אַלגעמיינע אידישע ראַם אין יעדן לאַנד. אַזאַ טעטיקייט אויף אַ ברייטן מאָסשטאַב פאָדערט גרויסע מיטלען. און ווי שוין געזאָגט איז נישטאָ קיין אַנדער גואל פאַר דעם ווי די ציוניסטישע באַוועגונג. די מיטלען, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר כלערליי טעטיקייטן אין חוץ־לאַרץ אין דעם ציוניסטישן בודזשעט, זיינען נישט גענוג. זיי געניגן אַזוי ווייט נישט, אין אַנבליק פון די באַ־דערפענישן, אַז אָפטמאָל ברענגט עס צו אַ געפיל פון אָפּהענטיקייט. נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און וויסנדיק די לאַגע, אַז מיטן פאַרברייי־טערן אָט די טעטיקייט־געביטן אין חוץ־לאַרץ, מוזן מיר פאַרקירצן אַנדערע לעבנסוויכטיקע טעטיקייט־געביטן אין ישראל גופא — איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה און עס איז נישטאָ קיין אַנדער וועג. דורכן פאַרנאַכלעסיקן די טעטיקייט אין חוץ־לאַרץ, שניידן מיר אונטער דעם בוים אויף וועלכן מיר זיצן.

אויב מיר וועלן נישט גלייך אָנהויבן אין חוץ־לאַרץ אַקטיוו צו האַנדלען, וועלן מיר דערשפּירן די אומפאַרמיידלעכע רעזולטאַטן אין אַ נישט ווייטער צייט. מען קען נישט בלייבן ווייטער גלייכגילטיק און אָפּ־העטיק, אין אַ צייט פון אַ גרויסער סכנה פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום אין די גלות־לענדער. אין געוויסע לענדער זיינען מיר עלול צו שטיין אין דער נישט ווייטער צוקונפט פאַר אַ לאַגע, אַז מיר וועלן נישט האָבן מער צו וועמען זיך צו ווענדן און וועמען צו מוסרן.

ריכטיק, אַז עס איז פֿאָרגעקומען אין דער הינזיכט אַ קליינע בעסע־רונג אין דעם לעצטן ציוניסטישן בודזשעט, אין פֿאַרגלייך מיט די פֿאָריקע בודזשעטן. אָבער ווי געזאָגט, נאָר אַ קליינע אויסבעסערונג, נישט קיין גענוגענדיקע, וועלכע גיט נישט די מעגלעכקייטן אויסצובברייטערן די טעטי־קייט אין חוץ־לארץ, נעמענדיק אין אַכט די לאַגע וואָס הערשט דאָרטן און די דרינגלעכקייט פֿון דעם ענין. עס דאַרף קומען אַן ענדערונג אין בוי פֿון דעם בודזשעט, אין זין פֿון פֿאַרגרעסערן דעם רעלאַטיוון טייל פֿון די אויבנדערמאָנטע טעטיקייט־געביטן אין חוץ־לארץ. ענינים פֿון יוגנט און החלוץ; אויפֿקלערונג; אָרגאַניזאַציע; און קודם כל דערציאונג און קולטור און ענלעכע געביטן. אויב עס זיינען נישטאָ קיין פֿלענער פֿאַר אַ גרעסערער טעטיקייט, דאַרף מען זאָרגן זיי צו איניציִרן און נישט זשאַלעווען קיין באַמיאונגען זיי אויסצוברייטערן.

און אויך דאָ, ווי אין דער פֿראַגע פֿון אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי און אויס־ברייטערן די טעטיקייט־געביטן, וועט מיטן פֿאַרגרעסערן דעם בודזשעט אַליין נאָך גאָרנישט אויפֿגעטאָן ווערן. עס דאַרפֿן זיין מענטשן, וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן מיט דער טעטיקייט און זאָלן אין דעם זען זייער געזעלשאַפֿט־לעכע אויפֿגאַבע און נישט קיין נעבנזאַך צווישן אַ ריי אַנדערע אויפֿגאַבן. די ציוניסטישע לייטונג אין ירושלים איז מחויב זען איר עיקר אַרבעט אין אָט די אויפֿגאַבן, נאָכפֿאָלגן די טעטיקייט אין די לענדער מיט זיבן אויגן, ברענגען אָפּט די ענינים צו באַהאַנדלונג אויף אירע זיצונגען און באַראַ־טונגען און וויסן וואָס אירע אָפּטיילונגען טוען אויף דעם געביט.

ג

דער בריוו פֿון חבר ד. בן־גוריון צו דער סעסיע פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט איז נישט אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַלגעמיינער התלהבות. שוין אויף דער סעסיע גופא האָט מען געהערט קריטיק פֿון יעקב חזן, מאיר גראָסמאַן, פּרופֿ׳ ראָוז האַלפּערין, ד״ר נחום גאָלדמאַן א.א. און פֿונדעסטוועגן האָט דער בריוו אויסגעפֿילט און פֿילט אויס אַ וויכטיקע שליחות. די פֿראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן און זי שטייט און פֿאָדערט אַן ענטפֿער. די פֿראַגע, אויב די פֿליכט פֿון עליה איז יאָ אָדער נישט מחייב ציוניסטן, איז נישט פֿון די פֿראַגן וואָס מען קען אויף זיי אַריבערגיין מיט שווייגן און נישט געבן אויף זיי אַ קלאָרן ענטפֿער.

פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז מיטן אַריינטראָגן אַ וויכוח אין דער פֿראַגע אין די ציוניסטישע רייען, שוואַכט מען אָפּ די ציוניסטישע אָרגאַני־

זאַציע, פאַרזייט מען צעמישונג און מען פאַרטיפט דעם קריזיס. מיר נעמען נישט אָן די טענה. לויט אונזער מיינונג, איז גרעסער דער שאָדן, וואָס מען איז גורם דעם ציוניזם דורך פאַרטושן און פאַרנעפלען די פראַגע, ווי דורך איר עפנטלעכער, אויפריכטיקער באַהאַנדלונג. צוליב פּאָלעמיק פּרובירט מען די פראַגע אָפּטמאָל אַוועקצושטעלן אין אַ צוגעשפּיצטער פאָרם. מאידך, וויל מען דערווייזן, אַז פאַקטיש וועט זיך גאָרנישט ענדערן דורכן באַשלוס פון אַן עליה־פליכט, וואָס זאָל חל זיין אויף יעדן ציוניסט; אַז מען באַלייַדיקט טרייע ציוניסטן, וואָס האָבן געאַרבעט און זיך באַמיט אין משך פון פיל יאָרן פאַר ארץ־ישראל און זעצן פאָר זייער אַרבעט, א.א.וו. אָבער דער־מיט פאַרענטפערט מען נישט די פראַגע: וואָס איז דער אידעאישער אינ־האַלט און וואָס איז די מיסיע פון ציוניזם אָן עליה?

דאָס איז נישט קיין לייכט פּראָבלעם און נישט קיין לייכטער וויכוח. אָבער מען קען נישט אויסמיידן דעם וויכוח און מען דאַרף זיך פאַר אים נישט אָפּשרעקן. ער קען פאַרשטאַרקן און פעסטער שמידן די ציוניסטישע באַוועגונג, אויב מיר וועלן בלייבן פעסט און מיר וועלן בשעת דער היץ פונעם וויכוח נישט וועלן לייכטער מאַכן דאָס האַרץ פון גוטע ציוניסטן אין חוץ־לארץ און זיי דערקלערן, אַז מען קען זיין אַ גוטער ציוניסט נישט עולה זייענדיק קיין ארץ־ישראל און נישט צוגרייטנדיק זיך און די אייגענע צו עליה. דאָס געפיל פון יעדן ציוניסט, אַז מען טוט נישט גוט וואָס מען איז נישט עולה און וואָס מען לעבט נישט אין דער מדינת ישראל, האָט אַ גרויסן דערציערישן ווערט. גוט, אַז ער זאָל וויסן דערפון און ער זאָל עס פילן. זאָל ער נישט זיין אַזוי „שלמות'דיק" און צופרידן מיט זיך נישט קלערנדיק וועגן עליה.

(פעברואַר 1954).

אַ גרויסע אָדער אַ קליינע עקזעקוטיווע?

א

אַ סך דערמאָנען איצט לגנאי דעם ענין פון דער גרויסער צאָל מיט־גלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. דאָס מאַכן אויך די, וועלכע האָבן מער פון אַלעמען גורם געווען דערצו. זיי פאָדערן פאַרקלענערן די צאָל מיטגלידער. פאַרשטענדלעך, בתנאי, אַז אַנדערע זאָלן מוותר זיין אויף אַ פולער פאַרשטייערשאַפט און זיי זאָלן בלייבן ביי זייער רעפּרעזענטאַנץ.

די ציוניסטישע לייטונג איז אַ קאָאַליציע־עקזעקוטיווע, געבויט אויפן יסוד פונם אָנטייל פון פּאַרטייען. קיין פּאַרטיי אין דער קאָאַליציע וויל נישט מוותר זיין אויף איר פאַרשטייערשאַפט אין דער עקזעקוטיווע סיי אין ירושלים און סיי אין ניו־יאָרק. דער פּראַקטישער פירוש, אַז די עקזעקוטיווע זאָל האָבן נאָר 5—6 מיטגלידער, מיינט, אַז יעדע פּאַרטיי זאָל זיין רעפּרע־זענטירט דורך איין מענטשן, ווייל 6—7 פּאַרטייען באַטייליקן זיך אין דער היינטיקער קאָאַליציע — איחוד עולמי, אַלגעמיינע ציוניסטן, פּראָגרעסיווע, מזרחי, הפועל המזרחי און צוויי טיילן פון מפ״ם.

ביזן לעצטן קאָנגרעס איז די ציוניסטישע עקזעקוטיווע באַשטאַנען פון 19 חברים און 3 שטעלפאַרטרעטער. אויפן 23־טן קאָנגרעס האָבן זיך אונזערע חברים באַמיט צו פאַרקלענערן די צאָל מיטגלידער אין דער לייַ־טונג. אָבער די קאָנפעדעראַציע פון די אַלגעמיין־ציוניסטן (די אַלגעמיינע און פּראָגרעסיווע דערשיינען ווי איין קערפּערשאַפט אויף די צוזאַמענקונפטן פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע) האָט מודיע געווען, אַז זי זעט נישט קיין מעגלעכקייט איינצואָרדנען די ענינים ביי זיך מיט אַ קלענערע צאָל פאַרשטייער. מיר זיינען אַפילו געווען געצוואונגען זיי צוצוגעבן איין אָרט אין דער עקזעקוטיווע מער ווי עס קומט זיי לויט זייער נומערישן כוח אויפן קאָנגרעס. דאָס האַלט אָבער נישט אָפּ וויכטיקע מענטשן פון דער ציוניסטישער קאָנפעדעראַציע צו טענה׳ן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז די צאָל מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע איז צו גרויס. בכל אופן שטעל איך מיר פאָר, אַז מצד אונזערע חברים וועט נישט זיין קיין אָפּהאַלט צו פאַרקלענערן די צאָל עקזעקוטיווע־מיטגלידער.

בעת עס איז סעפּטעמבער 1948 באַשלאָסן געוואָרן וועגן אַן אָפּטיי־

לונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק, האָבן וועגן דעם דעצידירט אין אַ גרויסער מאָס די וואָס טענה׳ן היינט, אַז די עקזעקוטיווע איז צו גרויס. שוין דאַן זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען קעגן דעם. אויך אין די פאַריייניקטע שטאַטן איז נישטאָ קיין איינהייטלעכע מיי־נונג וועגן דעם. עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זאָגן — און לויט דער מיינונג פון דעם שרייבער פון די שורות מיט רעכט — אַז די עקזיסטענץ פון אַן עקזעקוטיווע אין ניו־יאָרק שוואַכט אָפּ די איניציאַטיוו און טעטיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די פאַריייניקטע שטאַטן. מען דאַרף אויך נישט אָפּפרעגן דעם אָנגענומענעם באַגריף, אַז דער צענטער פון דער אַל־וועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג געפינט זיך אין ארץ־ישראל. אז מען רעדט וועגן דעם ענין דאַרף מען דאָס אַלץ נישט פאַרגעסן.

ב

איך בין אָבער נישט איבערצייגט, אַז די גאַנצע „איפישנסי״, באַ־שטייט נאָר אין פאַרקלענערן די צאָל מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. די לייטונג פון דער אידישער אַגענץ איז נישט נאָר אַ פּאָלי־טישע אינסטיטוציע אויף צו רעפּרעזענטירן און אָנצונעמען באַשלוסן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אירע מיטגלידער זיינען פּאַקטיש לייטער פון אָפּטיילונגען, על כל פנים — זיי דאַרפן דאָס זיין. די עפעקטיווקייט פון יעדער אָפּטיילונג ווערט אָפּגעשאַצט קודם־כל לויטן פאַרנעם פון איר פּראַקטישער טעטיקייט. דאָס לעצטע הענגט קודם־כל אָפּ פון דער אַרבעט־פעאיקייט פונם מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם אָדער יענעם דעפּאַרטאַמענט. עס איז כלל קיין סוד נישט, אַז אין אַ סך פאַלן, אויב אַ מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַן אָפּטיילונג, באַטראַכט זיך קודם כל ווי אַ פּאָליטישער פאַר־שטייער און די זאָרג פאַר דער פּאַקטישער אַרבעט לאָזט ער איבער פאַר אַן אַנדערן — איז די אַרבעט אַ פעלרהאַפטע.

בדרך־כלל מוז, לויט מיין מיינונג, אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע זיך פאַרנעמען מיט די לויפנדע ענינים פון זיין אָפּטיילונג. זיך אַריינמישן, קאָנטראָלירן, העלפן אויספירן. ער מוז זיין דער איניציאַטאָר און דער מדריך, דער מאָנער און נישט נאָר דער פון וועלכן מען מאָנט. און דער כלל, איז נאָך מער נוגע די טעטיקייט־געביטן אין חוץ־לארץ, וואו די אַרבעט איז אינדער׳אמת׳ן נאָך אין אירע ווינדעלעך און זי מוז געמאַכט ווערן מיט גאָר אַנאַנדער מאָסשטאַב, — נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה

און מיט די קאָלאָסאַלע ענדערונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין לעבן פון פאָלק אין גלות זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַנדערש וועלן מיר קיין ציוניסטישע באַוועגונג נישט האָבן. דאַרף אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע זיין אַ דערמוטיקער און אַן אויפזועער איבער דער אויספירונג פון דער אַרבעט אין גלות. ער דאַרף ווערבירן כוחות און זיי אַקטיוויזירן.

איך צווייפל צי אַ מיטגליד פון דער הנהלה קען באמת זיין עפעקטיוו, אויב ער נעמט אויף זיך אייניקע אָפּטיילונגען. אמת, ביי אונז האָט זיך ליידער איינגעוואָרצלט אַזאַ פעלערהאַפטע געוואוינהייט, אַז מענטשן באַטראַכטן אַלס אַ סימן פון דערגרייכונג ווען זיי פירן אָן מיט פיל אָפּטיילונגען. אויך דאַן, ווען זיי האָבן אפילו נישט קיין פיזישע מעגלעכקייטן אויסצופירן די ממשות'דיקע אַרבעט, וואָס זיי דאַרפן טאָן אין יעדער אָפּטיילונג. עס איז נישט געזונט און עס איז נישט נוצלעך פאַר דעם ענין. אויב געוויסע טעטיקייט־געביטן אין חוץ־לארץ זיינען פאַרנאַכלעסיקט, אויב אויף געוויסע געביטן הערשט אַ לאַגע, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער שפירט נישט קיין אינסטרואירנדיקע האַנט, וועלכע זאָל לענקען און געבן די איניציאַטיוו, איז דאָס קודם־כל אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס דער הויפט פון דער אָפּטיילונג, דער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע, האָט נישט גענוג צייט פאַר זיין אויפגאַבע.

און נאָך אַ זאַך; מיר האָבן זיך שוין פריער אָפּגעשטעלט אויף דעם, אַז דער שווערפונקט פון דער אַרבעט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און, פאַרשטענדלעך, קודם־כל פון אירע חברים אין דער אָנפירונג, איז די אויפשטעלונג און פאַרשטאַרקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער. דאָרטן איז דער עיקר־געביט פון זייער טעטיקייט, זייער פליכט איז אַ באַדייטנדיקן טייל פון יאָר צו זיין אין אויסלאַנד. נישט בליץ־באַזוכן און אַן אויבערפלעכלעכער אַריינקוקן אין די טעטיקייט־געביטן, פאַר וועלכע זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך אין די לענדער, נאָר לענגערע באַזוכן כדי צו אינסטרואירן, מכוון זיין די אַרבעט און זיך אַקטיוו באַטייליקן אין איר. אַ חבר וואָס דאַרף זיך פאַרנעמען מיט אייניקע אָפּטיילונגען, איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ, תמיד איילט ער זיך אין דער אַרבעט, אַלץ ווערט געטאָן בליץ־מעסיק, אויך בעת זיינע באַזוכן אין חוץ־לארץ. מיט מיין גאַנצן דרך־ארץ פאַר דער אַרבעט־פעאיקייט פון די עקזעקוטיווע מיטגלידער, בין איך נישט קיין חסיד פון אַזאַ אַרבעט און איך זע נישט אין איר קיין ברכה און נוצן פאַר דער באַוועגונג.

(פעברואַר 1954).

מיט פאַרייניקטע כוחות

אין דער צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל אַרום 350 טויזנט אידן, בעיקר פון די לענדער וואָס היטלער האָט באַהערשט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דעם ערשטן מאַי, 1921, האָבן אַראַבישע אויפגעהעצטע באַנדעס אין יפו דערמאָרדעט עטלעכע און פערציק אידן, צווישן זיי יוסף חיים ברענער. דאָס איז געווען ביים סאַמע אָנהויב פון דער גרעסערער עליה קיין ארץ־ישראל נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. האָבן זיך שוין דעמאָלט געפונען אויסטייטשער און עצה־געבער, וועלכע האָבן געפּרואווט אַוועקצושטעלן דעם אַראַבישן אָנפאַל אויף אידן ווי אַ רעזולטאַט פון דער אַראַבישער אומרואיקייט מחמת דער אידישער עליה. דער דעמאָלדיקער היי־קאָמישאָנער אין ארץ־ישראל, הערבערט סעמיועל, אַ איד, האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן פאַלשן אויסטייטש און אָפּגעשטעלט די עליה. מיר האָבן דעם אויסטייטש קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן פון דער ערשטער מינוט אָן און אויפגעדעקט זיין פאַלשקייט.

אין אויגוסט, 1929, האָבן אַראַבישע באַנדעס געמאָרדעט אומבאַוואָפנטע אידן אין חברון און אַנדערע ערטער. ווידער האָבן גוטע מענטשן, נישט־אידן און אויך אידן, געגעבן אונז צו פאַרשטיין, אַז אויב מיר וואָלטן מסכים געווען צו פאַרגליווערן דעם אידישן ישוב אין זיין דעמאָלדיקן צושטאַנד און אָפּשטעלן די ווייטערדיקע עליה פון אידן, וואָלט דער ירושלימער מופטי גרייט געווען צו שליסן מיט אונז שלום און פאַרזיכערן אין ארץ־ישראל אונזער זיכערקייט. מיר האָבן עס אפילו נישט גענומען אין אַכט. אין חודש אַפּריל, 1936, האָבן אַראַבישע באַנדעס ווידער אָנגעהויבן צו מאָרדן אידן און זייערע אָנפאַלן האָבן זיך געצויגן אַ לענגערע צייט. און ווידער זיינען געקומען עצה־געבער און פאַרזאָרגער, וועלכע האָבן געראָטן זיך אָפּצוזאָגן פון עליה, כדי צו באַרואיקן די אַראַבער; זיי האָבן אונז געזאָגט, אַז די אַראַבער וואָלטן אין אַזאַ פאַל אָפּגעשטעלט זייערע מאָרד־אָנפאַלן. מיר האָבן זיך ווידער אָפּגעזאָגט צו קויפן רו און זיכערקייט פאַרן דעמאָלדיקן ישוב אין ארץ־ישראל, פאַרן פרייז פון אָפּזאָגן זיך אויפצונעמען דאָרטן נייע אידן.

וואָלטן מיר אָנגענומען די אַלע גוטע עצות און געקויפט די רואיקייט פון דעם דעמאָלדיקן ישוב אין ארץ־ישראל פאַרן פרייז פון אָפּשטעלן די עליה, וואָלטן די בערך 350 טויזנט אידן, וואָס זיינען געקומען אין לאַנד צווישןביידע וועלט־מלחמות, צום גרעסטן טייל מן הסתם אויך פאַרטיליקט געוואָרן פון די היטלער־רוצחים אין אָשוויענטשים, טרעבלינקע און אַנדערע פאַרטיליקונגס־פּלעצער. עס איז אַ גרויסער ספק, צי מיר וואָלטן אין אַזאַ פאַל היינט געהאַט אַ אידישע מדינה.

אָנהויב 1939 האָט דער דעמאָלדיקער בריטישער פּרעמיער טשעמ־בערליין גערופן קיין לאָנדאָן אַ איד־אַראַבישע קאָנפערענץ. מען האָט אונז ווידער פאַרגעלייגט מוותר צו זיין אויף דער עליה פון אידן. די באַגרינדונג איז געווען, אַז היות ווי עס גרייט זיך אַ מלחמה מיט היטלערן, דאַרף מען געווינען די אַראַבער פאַרן אַנטי־היטלער־פראָנט און דאָס וועט זיך איינגעבן, אויב מען וועט זיי נאָכגעבן און אָפּשטעלן די עליה פון אידן קיין ארץ־ישראל. עס איז געווען אַ טייוולאָנישער פּלאַן, ווייל ווער נאָך, ווי מיר אידן, האָבן געוואָלט אַ זיג איבער היטלערן? מיר האָבן עס ווידער אָפּגעוואָרפן. די בריטישע רעגירונג האָט זיך נישט גערעכנט מיט אונזער מיינונג און אויך נישט דערמיט וואָס זי ברעכט אַ פאַרפליכטונג צו אונז און זי האָט פאַר־עפנטלעכט דאָס באַקאַנטע „ווייסבוך", וואָס זאָגט, אַז נאָר נאָך 75 טויזנט אידן וועלן קענען קומען קיין ארץ־ישראל. די אידן האָט מען פאַראַטן, אָבער כלפּי די אַראַבער האָט עס נישט געהאַט קיין שום ווירקונג. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון היטלערן, אַ טייל פון זיי גאַנץ אָפן און אַ טייל — פאַרמאַסקירט.

* * *

איצט, אַז מיר האָבן שוין זוכה געווען צו אַ אידישער מדינה און צו פרייער עליה קיין ישראל, הערן מיר ווידער אַ נייע טענה: די ישראל רעגירונג האָט כאילו פאַלש געהאַנדלט, וואָס זי האָט אויפגעמונטערט און אפילו גאָר אַליין אָרגאַניזירט, אין די ערשטע יאָרן פון דער גרינדונג פון דער מדינה, אַ מאַסן־עליה פון איבער 700.000 אידן. צו וואָס האָט מען באַדאַרפט אַזאַ מאַסן־עליה אויפנעמען אין וויניקע יאָרן, פרעגן די קריי־טיקער, מען האָט עס דאָך געקענט פאַרטיילן אויף 10—12 יאָרן לפּחות, וואָס עס וואָלט, לויט זייער מיינונג, פאַרקלענערט שוועריקייטן אין ישראל און לייכטער געמאַכט דעם אויפנעם פון די עולים.

מיר קענען אָבער נישט לעבן אַזוי באַקוועם און איינטיילן די צייטן

פון דער עליה, ווי מען קען עס טאָן טעאָרעטיש אין אַ בוך, זיצנדיק ביי אַ שרייבטיש. אין דערווירקלעכקייט זעט עס אויס אַ היפּש ביסל אַנדערש. מיר ווייסן קיינמאָל נישט אין פאָרויס און קיינער קען אונז נישט פאָרויסזאָגן ווי לאַנג מען וועט אידן אַרויסלאָזן פון אַ געוויסן לאַנד. וואָס וואָלט, למשל, היינט געווען דער גורל פון יענע אידן אין פוילן, רומעניע, איראַק, תימן און אַנדערע לענדער, וועלכע זיינען געקומען קיין ישראל אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה, ווען מיר וואָלטן זיי דעמאָלט געזאָגט: איר מוזט וואַרטן אַ ביסל, עטלעכע יאָרן, לויט אַן אָנגעשריבענעם פּלאַן פון אַ פאַכמאַן, ביז מיר וועלן האָבן וואוינונגען און געזיכערטע אַרבעטס־פּלעצער פאַר אייך. וואָלטן מיר היינט נאָך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיי צו ברענגען קיין ישראל? דעריבער איז אַזוי נישט אויפן אָרט די פראַגע, צי 100.000 עולים אַ יאָר, במשך 6 יאָר, איז נישט בעסער ווי 700.000 עולים במשך 3 יאָר. דער פראַגע־שטעלער ווייסט דאָך אויסגעצייכנט, אַז ער קען אונז נישט פאַרזיכערן דאָס איינטיילן די 700.000 עולים אויף זיבן יאָר. ער איז אָבער גרייט צו ריזיקירן, אַז מיר זאָלן די אַנדערע 400.000 עולים נאָך די ערשטע דריי יאָר מער נישט באַקומען. מיר נישט!

מיט אַ צייט צוריק האָט באַזוכט ישראל אַ באַקאַנטער אידישער זשורנאַליסט, אַ לאַנגיאָריקער באַקעמפער פון ציוניזם. אין אַ געמיטלעכן, פּריוואַטן געשפּרעך מיט אים, האָב איך אים געבעטן מיר צו זאָגן גאַנץ אָפנהאַרציק זיינע נעגאַטיווע איינדרוקן, נאָכדעם ווי ער האָט מיר געשילדערט דעם גרויסן רושם וואָס מדינת ישראל האָט אויף אים געמאַכט. ער האָט מיר דאַן געזאָגט: „ווי קענט איר ברענגען מאַסנווייז עולים קיין ישראל, ווען איר האָט נאָך נישט פאַר זיי קיין אָנגעגרייטע וואוינונגען און איר האַלט זיי אין קליינע ביידלעך, וואָס מען קען דאָס בשום אופן נישט אָנרופן אַ וואוינונג?” האָב איך אים געענטפערט: און אומקומען אין טרעבלינקע איז בעסער? ביי אונז האָט ער דאָך אַ שאַנס, אַז אין אַ געוויסער צייט אַרום וועט ער דערגרייכן צו אַ נאָרמאַלער וואוינונג, ווי הונדערטער טויזנטער, וואָס זיינען עולה געווען פאַר אים האָבן שוין דערגרייכט. ער וועט מיט דער צייט אָנהויבן אַ נאָרמאַלן רואיקן לעבן, ווי פילע אַנדערע. מיין פריינט, דער נישט־ציוניסט איז געווען שטאַרק אומצופרידן: „ווייסט איר דען נישט, אַז טרעבלינקע איז געווען נאָר אַן איינמאַליקע שוידערלעכע פאַסירונג, וואָס וועט זיך מער נישט איבערחזרן?” — האָט ער אויסגעשריען מיט טיפער איבערצייגונג. — ניין, איך ווייס עס נישט און איך נעם נישט אָן אייער פאַרזיכערונג, האָב איך געענטפערט: הלוואי זאָלט איר האָבן רעכט, אָבער

אויף דערויף בויען אונזער לעבן און אונזער וועלט — האָב איך אים ווייטער געזאָגט — קענען מיר נישט.

און איך האָב נאָך צוגעגעבן: איר קענט רואיק זאָגן די אידן אין אַמעריקע, אַז אויב מען וועט נאָר אַרויסלאָזן אידן פון רומעניע און פון רוסלאַנד, און פון מצרים און פון אַנדערע לענדער, און זיי וועלן האָבן אַ פאַרלאַנג צו קומען קיין ישראל, וועלן מיר זיי אַלע אויפנעמען. וויפיל זיי זאָלן נישט זיין, אויב מיר וועלן יאָ האָבן וואוינונגען פאַר זיי אָדער נישט, אויב מיר וועלן יאָ האָבן אַ באַלדיקן פלאַן פון אַרבעט פאַר זיי אָדער נישט. עס וועט פאַר אונז נישט זיין קיין שום אָפּהאַלט וואָס זיי וועלן מוזן פאַר אַ געוויסער צייט זיצן אין ענגע ביידלעך אָדער אפילו אין צעלטן. מיר נעמען עס פול און גאַנץ אויף אונזער געוויסן. אויב עמיצן קוקט עס אויס נישט ריכטיק וואָס מיר האָבן אַזאַ מיינונג, באַדויערן מיר עס, אָבער צוליב דעם וועלן מיר אונזער מיינונג אין דער פראַגע נישט ענדערן. מיר האַלטן די מיינונג פאַר אונזער העכסטער מענטשלעכער, אידישער און ציוניסטישער פליכט. צוליב דעם האָבן מיר געשטרעבט צו דערגרייכן אַ מדינה און אָן דעם פאַרלירט אונזער מדינה אַ סך פון איר באַדייטונג.

* * *

אין אָט דעם ליכט קוקן מיר אויף דער מיינונג וואָס זאָגט וועגן דער גרויסער קיבוץ גלויות עליה אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה: „אַ מטורפדיקער פאַרלאַנג צו זעטיקן דעם אַפּעטיט, וואָס ענגלאַנד האָט אויסגעהונגערט אַזוי פיל יאָרן... דערין איז אויך געווען אַ מין קינדערישע באַריי־מעריי פון מענטשן וואָס די מאַכט איז פלוצים געפאַלן אין זייערע הענט: איצט וועט קיינער אונז נישט אָפּהאַלטן". און ווייטער: „נישט דער פאָזי־טיווער ציוניסטישער אידעאַל האָט געפירט די הערשער פון ישראל אין דער שעה, נאָר אַ ווילדער גלויבן אין זייער מעגלעכקייט דוחק צו זיין דעם קץ" (פון די שריפטן פון מאָריס סעמיועל). מיר נעגירן די מיינונג פון סאַמע יסוד. זי האָט נישט קיין שום שייכות צו אונזער רעאַליטעט אין ישראל, זי האָט נישט קיין שום שייכות צום געדאַנקען־גאַנג און דעם וועג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז אַן אָנגריף אויף דער נשמה פון ציוניזם. די רייד פון מאָריס סעמיועל וועגן „גייסטיקן רענעסאַנס", ווי אַן אויפגאַבע פון דער מדינת ישראל, פירן אַוועק פון דער עיקרדיקער אויפגאַבע, וואָס דער ציוניזם האָט פאַר זיך נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה — קיבוץ גלויות פון אַלע גלותן.

מאָריס סעמיועל האָט ביי דעם צוזאַמענפאָר פונם אידיש־נאַציאָנאַלן

אַרבעטער פאַרבאַנד, אין מאַי 1954, אין אַ גלאַנצפולער רעדע געזאָגט, אַז אידן אין אַמעריקע דאַרפן אויפן אָרט שפּילן אַ היסטאָרישע ראָלע, אַז אידישע קיבוצים אין אַמעריקע וועלן דערמיט אַריין אין דער געשיכטע אַזוי ווי גאָר וויכטיקע אידישע קיבוצים זיינען אַריין במשך דעם לאַנגן גלות. אודאי האָבן אידן אין אַמעריקע צו דערפילן וויכטיקע לאָקאַלע שליחותן און מיר ווילן אַלע, אַז זיי זאָלן שטאַרקן אידישקייט אויפן אָרט. בלויז דער וואָס פאַרשטייט נישט ריכטיק וואָס עס איז ציוניזם, קען קומען אויף דעם משונהדיקן געדאַנק, אַז שטאַרקן אידישקייט אומעטום וואו אידן לעבן און מיט אַלע כוחות, איז נישט קיין טייל פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און דער זיכערקייט פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום. אָבער עס איז שעדלעך איינצורעדן אידן אין אַמעריקע, אַז די דאָזיקע אָרטיקע אידישע אויפגאַבן און אַרבעט און די באַמיאונג צו שטאַרקן אידישקייט — אָן דעם אויסבליק פון רעאַל פאַרבינדן זיך מיט ישראל — זיינען די דערפילונג פון זייער היסטאָרישער ראָלע, וואָס וועט זיי אַריינפירן אין דער אידישער געשיכטע פאַר אַלע צייטן. אידן האָבן געבויט צענטרען אין גלות בעת עס איז נישט געווען קיין אידישע מדינה. היינט איז דער קראַפט־צענטער פון אידישן פאָלק אין דער מדינת ישראל און אויך אידן פון אַמעריקע מוזן זיין אַ טייל פון קיבוץ גלויות אין ישראל. דאָס איז זייער היסטאָרישע אויפגאַבע און אין דעם ליגט די היסטאָרישע ראָלע וואָס זיי דאַרפן שפּילן. יעדער פאַרזוך זיי אַראָפּצופירן פון דעם וועג איז אַ פאַלשער, ברענגט שאָדן און שטאַרקט נישט אידישקייט אין אַמעריקע.

מאָריס סעמיועל טרייסט אונז, אַז דער אידישער קיבוץ אין אַמעריקע וועט נישט פאַרשווינדן, נישט איבערלאָזנדיק קיין סימנים פון היסטאָרישער באַדייטונג אין גאַנצן אידישן לעבן. פאַרן אידישן לעבן זיינען אָבער נישט מאַסגעבנדיק פאַרבליבענע היסטאָרישע סימנים, נאָר לעבן וואָס זיין פאַר־זעצונג און שטאַרקונג איז געזיכערט. די מדינה גיט אונז די מעגלעכקייט דערצו. דאָס איז דער היסטאָרישער שאַנס. דאָס גרויסע אידנטום אין אַמעריקע קען זיך נישט אויסטיילן פון זיין אָנטייל דערפון בפועל ממש.

אפשר נאָך מער דערשטוינלעך זיינען די רייד פון יעקב גלאַטשטיין אויף דער דערמאָנטן פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָר: דער „וישמן ישרון ויבעט" איז נישט חל, לויט זיין מיינונג, אויף אידן אין אַמעריקע. די פאַרפעטונג האָט זיי נישט געמאַכט אויס אידן און גלאַטשטיין איז שטאָלץ דערמיט וואָס די אַסימילאַציע האָט דאָ נישט קיין שליטה איבער אונז. איז דאָס די ווירקלעכקייט? ווי קען מען זאָגן אַזאַ זאַך, ווען מער ווי צוויי מיליאָן אידן אין ניו־יאָרק קענען נישט אויסהאַלטן קיין אידיש טעאַטער, עס קומט

אָן ווי קריעת ים סוף אַרויסצוגעבן אַ אידיש בוך. נאָר אַ קלײנער פּראָצענט פון אידישע קינדער ווערט דערצויגן אין פּול־שולן מיט אַ אידיש־נאַציאָנאַלן אינהאַלט. נאָר אַ טייל פון דער אידישער יוגנט ווייסט בכלל עפּעס וועגן אידישקייט. די גרויסע מערהייט אידישע קינדער אין צפון־אַמעריקע באַקומען נישט קיין שום אידישע דערציאונג. מיר ווייטיקן זייער אין ישראל איבער דעם דאָזיקן צושטאַנד און מיר פרייען זיך און בענטשן יעדן אויפטו צו שטאַרקן אידישקייט. אָבער האָט רחמנות אויף זיך און אויף אונזער פאָלק און זייט נישט אַזוי צופרידן מיט זיך!

* * *

אין וואָס איז באַשטאַנען דער כוח און דער דערפאָלג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון אַלע אירע טיילן? אונזער כוח איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מיר האָבן תמיד אָפן געזאָגט צו וואָס מיר שטרעבן און געפאָדערט פון זיך אַליין די פאַרווירקלעכונג פון אונזער שטרעבן. מיר האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט צו מאָמענט־שטימונגען, נישט געיאָגט זיך נאָך אַ ביליקן דערפאָלג פאַרן פרייז פון פאַרדעקן אונזער אמתן פנים. מיר האָבן אָפּגעהיט אונזער גייסטיקע זעלבשטענדיקייט און די אידישע גאַס האָט געהאַט רעספּעקט פאַר אונז. מיר האָבן געהאַט דעם כוח אויך אַנדערע מיטצורייסן מיט זיך, הגם זיי האָבן ביי פאַרשיידענע געלעגנ־הייטן לכתחילה געצווייפלט אין אונזער רוף. לאָמיר זיך דערמאָנען די קאָנגרעס־באַוועגונג אין אַמעריקע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דעם אידישן לעגיאָן, דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, און אין אייראָפּע די וואונ־דערלעכע „החלוץ״־באַוועגונג. מיר, רעכטע פּועלי ציון, זיינען אין פּוילן, נאָך דער שפּאַלטונג פון דער באַוועגונג אין 1920, געווען אַ גאָר קליין הייפעלע, אָבער אין יאָר 1933 זיינען מיר שוין אויסגעוואַקסן צום ערשטן ציוניסטישן כוח. דאָס האָבן מיר דערגרייכט אַ דאַנק אונזער גייסטיקן מוט און דער פאַרבינדונג פון אונזערע לאָזונגען מיט אונזער טאָג־טעגלעכער טאַט. מיר האָבן נישט נאָר געפּריידיקט ארץ־ישראל און סאָציאַליזם, נאָר מיר האָבן עס אויך פאַרווירקלעכט אין לעבן. אידן אין דייטשלאַנד האָבן אין דער צייט פון דער ווייִמאַרער רעפּובליק, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלעבט נישט ערגער ווי עס לעבן היינט אידן אין אַמעריקע, סיי עקאָנאָמיש און ערשט רעכט פּאָליטיש. יונגע אידישע מענטשן האָבן אַלץ געהאַט אָפן פאַר זיך — פּאָליטישע קאַריערעס, וויסנשאַפטלעכן און ליטעראַרישן אויפשטייג, האַנדל, באַנק־וועזן א.אַ.וו. פונדעסטוועגן זיינען מיר געקומען צו זיי און גערופן עולה זיין און עס האָט זיך געשאַפן אַ חלוץ־

באַוועגונג און אידישע יוגנט איז געגאַנגען קיין ארץ־ישראל. דאָס זעלבע קען און מוז אויך זיין דאָ אין אַמעריקע. אַ באַוועגונג וואָס האָט נישט קיין מוט אַ סך צו פאָדערן פון אירע אָנהענגער, קען נישט דערפילן אירע פליכטן.

אַ פירנדיקער חבר פון דער באַוועגונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן האָט מיר די טעג דערציילט אַ גאַר אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן עפּיזאָד. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אים אַ גאַר וויכטיקער מענטש פון צווישן די אידישע פירער פון דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן באַוועגונג געזאָגט: איך האָב אַ מאָל געהערט מכוח באַראַכאָווס טעאָריע וועגן דער שוואַכער פּאָזיציע פון אידן אין גלות, ווייל זיי זיינען קאָנצענטרירט לרוב נישט אין די אינדוסטריע־צווייגן וואָס פּראָדוצירן די יסודותדיקע ווערטן פון יעדער ווירטשאַפט. יעדער ווינטל וואָס בלאָזט טרעפט זיי דעריבער. איך האָב נישט געהאַלטן דערפון און כ׳האָב זיך דערמיט נישט אינטערעסירט. היינט־צו־טאָג, הויב איך שוין אָן צו זען די ריכטיקייט דערפון. דאָס האָט קאָנסטאַטירט אַ נישט־ציוניסט אין דער רייכער אַמעריקע, מיט איר גרויסן אידישן קיבוץ. דאָס האָט געזאָגט נישט עפּעס אַ „גרינער" בטלן, נאָר אַ מענטש וואָס איז גרינדלעך באַקאַנט דאָ אין אַמעריקע מיט די ענינים. מוז עס דאָך פאָרט נישט זיין אַזוי אוממעגלעך אויפצוקלערן אידישע דענקנדע מענטשן דעם מהות פון אונזער באַוועגונג און זיי געווינען פאַר רעאַליזירונגס־מעשים.

אָבער פאַראַן נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט, וואָס האָט אונז געפירט פאָרויס און געשטאַרקט אונזער כוח: דער פאַקט וואָס מיר האָבן געמאַכט די גרעסטע באַמיאונגען, כדי צו פאַרייניקן אַלע אונזערע כוחות. מיר האָבן יעדן ברעקל כוח אויך אָרגאַניזאַציאָנעל צוזאַמענגעשמאָלצן. קיינמאָל האָט אַ פאַרייניקונג פון כוחות ביי אונז נישט געפירט צו אָפּשוואַכונג, נאָר תמיד צו שטאַרקונג. געוועזן אַפילו פאַלן, ווען מיר האָבן אַלס וועלט־באַוועגונג, מיט דער הילף פון דעלעגאַטן פון נאָרד־אַמעריקע, באַשלאָסן אויף אַ וועלט־קאָנפערענץ די פאַרייניקונג פון טיילן פון דער באַוועגונג אין פוילן. און געבענטשט זאָלן זיין די אַלע וואָס האָבן עס דעמאָלט געטאָן, ווייל עס איז געווען אַ גרויסע ברכה פאַר דער באַוועגונג. אָט די דאָזיקע פאַרייניקונג האָט אונז אַ סך געהאָלפן צו דערגרייכן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג די וויכטיקע פּאָזיציעס, וועלכע מיר פאַרנעמען ביז צום היינטיקן טאָג.

פאַרוואָס זאָלן מיר איצט פון ישראל נישט קענען פּרוּוון משפּיע צו זיין אויף חברים אין אַמעריקע, ווען אונז ווייזט אויס, אַז זיי מאַכן אַ פעלער זייענדיק אָרגאַניזאַציאָנעל צעטיילט, ווען אידעאיש זיינען נישטאָ צווישן זיי קיין שום אונטערשיידן? חבר ל. סיגאַל האָט אין זיין רייכן

באַריכט ביי דער פריער דערמאָנטער קאָנפערענץ פון פאַרבאַנד אונטער־שטראָכן די אידענטיפיקאַציע פונם פאַרבאַנד מיט מפלגת פועלי ארץ־ישראל און מיט דער הסתדרות. דאָס זעלבע איז דאָך אויך ביי פועלי ציון. אָפגעזען פון די פראַטערנאַלע טעטיקייטן, איז דאָך נישטאָ קיין שום אונטערשייד צווישן פועלי ציון און פאַרבאַנד. קיינעם פאַלט דאָך נישט איין אָפצופרעגן די פאַרזעצונג פון דער דאָזיקער פראַטערנאַלער טעטיקייט, צו זיבערן איר פולסטע זעלבשטענדיקייט און זעלבסטבאַשטימונג נאָך אַן עווענטועלער פאַראייניקונג — פאַרוואָס זאָל דעריבער נישט פאָרקומען אַ פאַראייניקונג פון די אידעאיש שוין פאַראייניקטע? דערפאַר ווייל מען האָט אַמאָל, צוליב באַשטימטע אורזאַכן, וועלכע זיינען געווען דעמאָלט ריכטיק, געשאַפן באַזונדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען? אידעען זיינען הייליק, צילן זיינען הייליק, אָבער אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם איז דאָך נאָר אַ כלי, וואָס דאַרף דינען אידעען און צילן. קען מען דאָך די ראַם נישט פאַרוואַנדלען אין אַ הייליקייט, וואָס מען טאָר זי נישט אָנרירן און ענדערן. דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ראַם פון דער פרויען פיאָנערן אָרגאַניזאַציע, הגם אין מאָמענט רעדט מען נישט מכוח זייער פולער אָרגאַני־זאַציאָנעלער פאַראייניקונג מיט פועלי ציון און פאַרבאַנד.

זאָגט מען מיר: אינעם פאַרבאַנד זיינען פאַראַן אויך אָנהענגער פון אַנדערע פאַרטייען. ריכטיק, קיינער וויל זיי, חלילה, נישט דערווייטערן. אָבער אָנשליסנדיק זיך אינעם פאַרבאַנד האָבן זיי דאָך קלאָר געוואוסט וואָס דער פאַרבאַנד איז — אַן אַרבעטער־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. וואָס וועט זיין, למשל, ווען אַ גרופּע חברים פון פאַרבאַנד וועט זיין קעגן שקל־קאַמפּיין, ווייל דאָס באַצוועקט צו שטאַרקן פועלי ציון און מפא״י? וועט דען עמיצן איינפאַלן צוליב דעם נישט צו פירן דעם שקל־קאַמפּיין, אָדער נישט אָנטיילצונעמען אין וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס?

קיינער קלערט נישט וועגן דעם, אַז מען קען אָנוואַרפן אָדער אַרויפ־צווינגען אַ פאַראייניקונג די חברים פונם פאַרבאַנד אָדער פועלי ציון. אַמווייניקסטנס וויל אַזאַ זאַך טאָן אונזער באַוועגונג אין ישראל. די פאַראייניקונג מוז קומען ווי אַן אויסדרוק פונם פרייען ווילן פון די חברים פונעם פאַרבאַנד און פועלי ציון און שפּעטער פון די חברות פון דער פרויען פיאָנערן אָרגאַניזאַציע.

* * *

אינעם וויכוח ביי דער קאָנפערענץ פונעם פאַרבאַנד האָב איך געהערט פאַרשיידענע מיינונגען. איך האָב אַכטונג פאַר יעדער מיינונג,

אַפּילו ווען איך בין מיט איר נישט מסכּים און האַלט זי פֿאַר פֿאַלש. אין אַ באַוועגונג קען זיין און עס דאַרף זיין, אַ מיינונגס־אויסטויש און אַפּילו מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן. דאָס שוואַכט נישט אָפּ קיין באַוועגונג. מיר זיינען נישט קיין טאָטאַליטאַרע אָרגאַניזאַציע, וואו אַלץ ווערט באַשטימט „איינשטימיק". אָבער וואָס מיך באַאומרואיקט זיינען די רייד פֿון איינצלנע חברים: אַט האָבן מיר זיך געלעבט רואיק און צופֿרידן, הנאה געהאַט פֿון זיך, האָט מען אונז אַריינגעוואָרפֿן אַן ענין פֿאַרייניקונג און געשטערט אונזער רו. צו וואָס דאַרפֿן מיר דאָס, פֿרעגן אַט די חברים ווייטער, וואָס וועלן מיר פֿאַרדינען דערפֿון?

דאָס איז אַ באַאומרואיקנדער סימן. אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווי די אונזעריקע, וואָס האָט גענומען אויף זיך איבערצובויען דאָס אידישע לעבן, אויסמילן עס מיט אַ נייעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אינהאַלט, קען נישט און טאָר נישט זיין צופֿרידן מיט זיך ביי די היינטיקע באַדינגונגען פֿונעם אידישן לעבן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער פֿון אידישער צעשפּרייטקייט. אידישקייט גייט אונטער אין קלענערע אידישע קיבוצים און עס ווערט ווייניק געטאָן, כּדי אויפֿצוהאַלטן דעם דאָזיקן גאַנג. דער ציוניזם איז נישט געגאַנגען פֿאָרויס זינט דער אויפֿריכטונג פֿון דער מדינת ישראל. די ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג פֿאַרנעמט נישט אין אַמעריקע דעם אָרט, וואָס עס קומט איר, וואָס זי דאַרף און וואָס זי קען פֿאַרנעמען. אידישע יוגנט גייט נישט קיין ישראל. קען מען, מעג מען ביי אַזאַ צושטאַנד זיין רואיק — טראַץ אַלע וויכטיקע און דערפֿאָלגרייכע אויפֿטוען אויף פֿאַרשיידענע געביטן פֿון פֿאָנד־זאַמלונגען? דערלויבט די איצטיקע לאַגע אין ישראל, די נויטן פֿון דער מדינה און דער ישראל־אַרבעטערשאַפֿט, די געפֿאַר פֿון נאַציאָנאַלער טמיעה, וואָס פֿרעסט אונזער גוף אין חוץ־לאַרץ, — דערלויבן די אַלע באַאומרויקנדיקע סימנים אַזאַ רואיקייט און צופֿרידנ־קייט מיט זיך?

„הדסה" האָט אָנגענומען אַ וויכטיקן, דערמוטיקנדיקן באַשלוס וועגן אַ פֿליכט פֿאַר אירע פֿירנדיקע חברות צו לערנען העברעאיש און באַזוכן ישראל. גראַטולירן מיר „הדסה" צו דעם גוטן אָנהויב. גלייכצייטיק, שטעלט זיך אָבער פֿאַר אונז די פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָט אונזער באַוועגונג נישט געוויזן די ערשטע דעם דאָזיקן וועג? מיר זיינען דאָך לאַנגע יאָרן געווען אָנזאָגער און וועגווייזער אין אידישן און ציוניסטישן לעבן, פֿאַרוואָס האָבן מיר פֿאַרלוירן די איניציאַטיוו און די שטויס־קראַפֿט? דאָס איז טאַקע בלויז אַ קליינער עפּיזאָד, אָבער ער איז כאַראַקטעריסטיש. לאָמיר צוריק געווינען

אונזער שטויס־קראַפט און איניציאַטיוו מיט פאַרייניקטע כוחות!

מען רעדט אַ סך מכוח צוציען יונגע מענטשן צו דער באַוועגונג און דאָס איז אָן ספק אַ לעבנסוויטווענדיקייט פאַר איר. ווי אַזוי וועט מען דערגרייכן יונגע מענטשן נישט קומענדיק צו זיי מיט אַ קלאָרן מאַקסימאַלן פּראָגראַם, מיט אַ גרויסער וויזיע וואָס קען צוציען און באַגייסטערן יונגע מענטשן; מיט אַ פולבלוטיקן ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן וועג פון פּראָקלאַמירן און רעאַליזירן? נאָר אַזאַ וועג זיכערט דעם דערפאָלג ביי יונגע מענטשן.

* * *

בעת מען רעדט מכוח דער פולער פאַרייניקונג פון פּועלי ציון מיטן פאַרבאַנד, טאָר מען נישט פאַרגעסן אויף קיין מאָמענט, אַז דערמיט האָט מען נאָך נישט געשאַפן אין אונזער מחנה אין צפון־אַמעריקע די פולע פאַרייניקונג פון די וואָס זיינען פאַקטיש אידעאיש פאַראייניקט. עס פעלט אַ גאָר וויכטיקער רינג — די פּרויען פּיאָנערן אָרגאַניזאַציע. דערפאַר מוז מען גלייכצייטיק מיט דער מאַקסימאַלער באַמיאונג און זיכערונג פון דער פולער פאַרייניקונג פון פאַרבאַנד מיט פּועלי ציון — און וואָס גיכער — אויך בילדן יענעם געמיינזאַמען אָרגאַן פון דער גאַנצער באַוועגונג: פּועלי ציון, פאַרבאַנד, פּרויען פּיאָנערן, הבונים. ער דאַרף זיין אַקטיוו אין אַלע געמיינזאַמע טעטיקייט־געביטן פון דער אַרבעטער־ציוניסטישער באַוועגונג. דערמיט זאָגן מיר זיך נאַטירלעך נישט אָפּ פון דעם געדאַנק, אַז עס דאַרף אין אַ שפּעטערן טערמין אויך קומען די פולע פאַרייניקונג מיט דער פּרויען פּיאָנערן אָרגאַניזאַציע. מיר קענען אָבער נישט אָפּלייגן די געמיינזאַמע אַקטיוויטעט אויף געביטן וואָס זיינען בשותפותדיקע און וואו די געמיינזאַמע האַנדלונג גיט אַ בעסערע מעגלעכקייט אויף אַ פאַרגרעסערטער טאַט.

הערן מיר אין דער פראַגע צוויי וויכטיקע טענות: א) דאָס שאַפן אַזאַ געמיינזאַמען אָרגאַן קען אָפּשאַפן די אַקטואַליטעט און דעם דראַנג פון פאַרייניקונג. דאָס מיינט, אַז דער שאָדן וועט זיין גרעסער ווי דער נוצן; ב) אויב די באַשלוסן פון דעם אָרגאַן וועלן זיין אָבליגאַטאָריש (און דאָס איז דאָך די כוונה, ווייל אַנדערש האָט אַזאַ אָרגאַן נישט קיין באַדייטונג), מיינט עס דאָך צונעמען וויכטיקע פּרעראָגאַטיוון ביי פּועלי ציון, וואָס די אַנטשיידונג און רעפּרעזענטאַנץ איז ביז איצט געווען ביי איר.

אמת, דאָס זיינען וואָגיקע טענות און מ׳קען פאַרשטיין די אומ־רואיקייט און נישט אַנטשלאָסנקייט פון מאַנכע חברים.ביידע טענות זיינען אָבער טעותדיקע. וואָס שייך דער פאַרייניקונג פּועלי ציון—פאַרבאַנד, איז

דער ענין איצט, נאָך די באַשלוסן פון דעם לעצטן פאַרבאַנד־צוזאַמענפאָר, מער נישט קיין אָביעקט פון סטראַטעגישע אויסרעכענונגען. דער פאַרבאַנד־באַשלוס זאָגט בפירוש, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין די מיינונג פון דער גרויסער עקזעקוטיווע פונעם פאַרבאַנד, וועלכע קומט זיך צונויף אין חודש פעברואַר, 1955, וועט אין דער דאָזיקער פראַגע דורכגעפירט ווערן אין משך פון 60 טעג נאָך דער זיצונג אַ רעפערענדום צווישן אַלע מיטגלידער פונעם פאַרבאַנד. אַלע מיטגלידער וועלן, בכן, באַשליסן, אויב די מיטגלידער פונעם פאַרבאַנד וועלן אָפּוואַרפן די פאַרייניקונג, וועט דאָך קיינעם נישט קומען אויפן געדאַנק, אַז מען פירט זי אַדורך. פאַרן שרייבער פון די שורות איז נישטאָ קיין ספק, אַז די מערהייט מיטגלידער פונעם פאַרבאַנד און די מערהייט מיטגלידער פון פועלי ציון ווילן די פאַרייניקונג. פונדעסטוועגן איז אָבער נויטיק אַ סך אויפקלערונג און אַקטיוויטעט, כדי צו איבערצייגן אַלעמען, ביז דעם לעצטן קעגנער און צווייפלער אין דער פאַרייניקונג. איז דאָך קלאָר, אַז דער אָנפאַנג פון אַ מער אינטענסיווער און אָבליגאַטאָרישער געמיינזאַמער אַרבעט, נאַציאָנאַל און לאָקאַל, קען נאָר ברענגען נוצן דעם פּראָצעס פון פאַרייניקונג. אַזאַ וועג איז געאייגנט אָפּצושאַפן עווענטועלן אומצוטרוי און מיספאַרשטענדנישן, דערנענטערן חברים, מאַכן איין צד מער פאַרשטיין די ענינים פון צווייטן צד. וועלן ציניקער אפשר זאָגן, דאָס וועט טאָקע באַווייזן, אַז מען קען נישט אַרבעטן צוזאַמען. גלויבן מיר עס נישט. און אויב אַזאַ זאַך זאָל זיך טאָקע, חלילה, אַרויסווייזן, ווילן מיר עס וויסן אין פאַרויס. מיר ווילן דאָך אַ פאַרייניקונג אויף צו שטאַרקן אונזער אַקטיוויטעט און נישט כדי זי אָפּצושוואַכן.

און אַ וואָרט וועגן דער צווייטער טענה, אַז די פּאַרטיי איז מותר אויף פּרעראָגאַטיוון. עס איז שטאַרק צום באַדויערן וואָס מען אָפּערירט מיט דעם אַרגומענט. דאָס באַנוצן זיך מיט אַזאַ אַרגומענט, אין דער אַקטועלער לאַגע פון אונזער באַוועגונג אין דעם לאַנד, ווען די צווייגן זיינען, לויט זייער צאָל פילפאַכיק גרעסער ווי די פּאַרטיי, איז אַ זייער נישט פּאָרזיכטיקע האַנדלונג. דאָס ברענגט נישט קיין נוצן דער פּאַרטיי און פירט נישט צו איר שטאַרקונג. מיר זיינען דרינגענד פּאַראינטערעסירט אין דעם, אַז אין די געמיינזאַמע אַרבעטער־ציוניסטישע טעטיקייטן זאָלן אַלע טיילן פון דער באַוועגונג אַריינוואַרפן אַלע זייערע כוחות, אַז דאָס פולע געוויכט פון דער גאַנצער באַוועגונג זאָל קומען צום אויסדרוק. ווי אַזוי דערגרייכט מען עס אַמבעסטן און אויפן ווירקזאַמסטן אופן? דאָס איז די הויפּט־פראַגע. מיר גלויבן נישט אין דער עפעקטיווקייט פונעם צוויבער־שטעקעלע פּרעראָגאַ־

טיוון. מיר מוזן דערגרייכן אַ צושטאַנד, אַז יעדע פון די נויטיקע געמיינזאַמע אַקטיוויטעטן זאָל באַטראַכט ווערן פון אַלע טיילן פון דער באַוועגונג אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע, הונדערטפּראָצענטיק־אייגענע אַקטיוויטעט, וואָס איר גיט מען אָפּ אַלע כוחות. ווען מען גיט מען דאָס אָפּ די פּרעראָגאַטיוון? אַ קעגנערישער באַוועגונג? מיינט עס באמת צו שטאַרקן דעם כוח און כבוד פון דער פאַרטיי, ווען מען רעדט עמיצן איין, אַז אידעאיש זיינען פאַרבאַנד און פּרויען פּיאָנערן נישט אידענטיש מיט פּועלי ציון?

* * *

די קאָנפערענץ פון פּועלי ציון אין פילאַדעלפיע, דעם 25־טן יוני 1954, איז אַן אָפּשלוס פון 50 יאָר עקזיסטענץ און קאַמף פון דער באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע. דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. נישט אַ סך אידעען און באַוועגונגען זיינען זוכה דערצו. די קאָנפערענץ מוז אָבער אויך זיין אַן אָנהויב פון אַ באַנייטער און פאַרשטאַרקטער אַקטיוויטעט. בעת מען רעדט וועגן באַנייאונג מיינט עס נישט, אַז אונזערע אידעאישע ווערטן האָבן פאַרלוירן זייער צוציאונגס־קראַפט און זייער אַקטואַליטעט אינעם אידישן לעבן. די אידעאישע יסודות פון דער אַרבעטער־ציוניסטישער באַוועגונג, פון פּועלי ציון, דאַרפן נישט געענדערט ווערן. עס האָט זיך אָבער גאָר אַ סך געענדערט אינעם אידישן לעבן אין אַמעריקע און אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב און ערשט רעכט אין ארץ־ישראל. צו אָט די ענדערונגען מוזן מיר האָבן דעם כוח צוצופּאַסן אונזער באַוועגונג און אונזערע פליכטן.

מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַז די באַזונדערקייט פון אונזער באַוועגונג איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מיר האָבן זיך באַמיט צו רעאַליזירן בפועל ממש דאָס וואָס מיר האָבן פּראָקלאַמירט. דאָס איז געווען אונזער באַזונדערער צוציאונגס־כוח. נאַטירלעך איז דער רעאַליזירונגס־פּראָצעס און די רעאַליזירונגס־טאַט אין ארץ־ישראל געווען אַנדערש ווי אין חוץ־לארץ. אָבער אויך אין חוץ־לאַרץ איז די רעאַליזירונגס־טאַט נישט געווען איבעראַל די גלייכע. מיר זיינען אַן אייגנהייטלעכע וועלט־באַוועגונג און דער גלאַנץ פון איין טייל פון דער וועלט־באַוועגונג איז געפאַלן אויף דעם צווייטן. אויב מען האָט געמאָסטן אונזערע רעאַליזירונגס־טאַטן אין חוץ־לארץ האָבן מיר געהאַט פאַר זיך דעם וואונדערבאַרן אויפטו פונעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין אין נאָרד־אַמעריקע, די הערלעכע החלוץ־באַוועגונג אין אייראָפּע, די קאָלאָסאַלע אַקטיוויטעט אויפן געביט פון אידישער און העברעאישע דערציאונג אין אַ טייל לענדער און צוזאַמען מיטן רעאַליזי־רונגס־ווערק פון די ארץ־ישראל־אַרבעטער איז עס געווען אַ פאַרפּול־

שטענדיקטע טאַט וואָס האָט אימפּאָנירט און צוגעצויגן אַלע די, פאַר וועלכע אידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַנייאונג איז געווען אַ לעבנס־אינהאַלט.

אויב מען רעדט היינט־צו־טאָג וועגן אַ אידיש פאָלק אין חוץ־לארץ אָדער וועגן אַ וועלט־באַוועגונג, ווענדן זיך די בליקן קודם כל קיין צפון־אַמעריקע, צוליב אַ זייער פשוטער סיבה: דאָ לעבן מער ווי 70 פּראָצענט פון אַלע פרייע אידן אין חוץ־לארץ. די אַלע מצוות וואָס זיינען פריער געווען צעטיילט צווישן פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט־באַוועגונג — שטאַרקן ארץ־ישראל, שטאַרקן אידישקייט און שטאַרקן דעם דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק ביי אידן — דאָס אַלץ מוז איצט זיין קאָנצענטרירט אין דער באַוועגונג אין אַמעריקע.

שטאַרקן אידישקייט מיינט צו פאַרפליכטן אידישע דערציאונג פאַרן יונגן דור. נישט נאָר פּראָפּאַגירן און געבן געלט, נאָר די געוויסהייט, אַז יעדער חבר דערפילט עס ביי זיך, אין זיין אייגענער היים. פאַרבינדן זיך מיט מצוות ישראל מיינט ווידער נישט נאָר פירן פּראָפּאַגאַנדע און געבן געלט, נאָר די געוויסהייט, אַז דער חבר נעמט עס ערנסט פאַר זיך גופא, אין זיין אייגענעם לעבן. נישט בנוגע עמיצנס קינדער, נאָר בנוגע זיינע אייגענע קינדער. אַז עס רעדט זיך מכוח דערוואַקסענער יוגנט, האָט זי דאָך איר אייגענעם ווילן. מען קען איר גאָר נישט אויפצווינגען און דאָס איז אויך נישט די כוונה (זאָל מען נאָר נישט צוריקהאַלטן!). די פראַגע וואָס עס ווערט געשטעלט איז: אין וועלכער ריכטונג גייט די דערציאונג, אין וועלכער ריכטונג ווירקט די השפעה פון דעם עלטערן דור און קודם־כל פון חברים־עלטערן. אין דעם זין דאַרף מען אויסטייטשן דעם רוף פון חבר בן־גוריון און אים אונטערזוכן אין דעם ליכט.

וועט די פאַרטיי קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיע האָבן כוח עפּעס מחדש צו זיין אויף דעם געביט? דאָס איז די הויפּט־פראַגע. זי מוז מחדש זיין! און דערפון וועלן שוין קומען אַ סך מסקנות און אַ רייכער טעטיקייט־געביט הן אויפן אָרט און הן פאַר ישראל.

דערצו איז אַזוי שטאַרק נויטיק די פאַרייניקונג פון יעדן ברעקל כוח. און ווייל די אַרבעט איז אַזוי דרינגנדיק נויטיק און לעבנס־וויכטיק, איז אַזוי גרויס די אומגעדולד און די זאָרג ווען זי ווערט נישט געטאָן.

(ניו־יאָרק, מאַי—יוני 1954)

קעגן שטראָם ווען עס איז נויטיק *

די ידיעות, אַז סאָלדאַטן פון אַראַבישן לעגיאָן שיסן אויף פרידלעבע איינוואוינער אין ירושלים, האָבן אין די לעצטע טעג אויפגעטרייסלט אידן אין דער גאָרער וועלט. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז אונזערע אַ קאָנפערענץ, ווי מן־הסתם אַנדערע אידישע כינוסים אין די טעג, קען נישט אַריבער שטילשווייגענדיק און מוז זאָגן איר מיינונג וועגן דעם נייעם פאַרזוך צו פראָוואָצירן אומרואיקייט און בלוט־פאַרגיסונג, און בפרט אין אַזאַ עמפינדלעכן פּלאַץ ווי עס איז פאַר אונז ירושלים. די מערב־מדינות איגנאָרירן לגמרי דעם פאַקט פון דער איראַציאָנאַליטעט פון דער פּאָליטיק און פון די האַנדלונגען פון די היינטיקע הערשער אין די אַראַבישע לענדער, די שכנים פון ישראל. מיינען זיי, אָדער זיי מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מיט קאָמפּראָמיסן אויפן חשבון פון מדינת ישראל וועלן זיי קענען צופרידנ־שטעלן די אַראַבער. וואָלטן זיי מער זיך גערעכנט מיט דער פסיכאָלאָגיע און מיט דער מענטאַליטעט פון די אַראַבער, וואָלטן זיי דאָס נישט איינגערעדט זיך און אַנדערע; וואָלטן מיר אפשר פאַרשפּאָרט אַ סך שוועריי־קייטן און עגמת נפש אויפן פּאָליטישן־און זיכערקייטס־געביט.

ווער עס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיטן סאָציאַלן מעמד פון דער גרויסער מערהייט אַראַבער אין מצרים, סיריע, ירדן, איראַק, ווייסט גוט, וויפיל עס איז פאַראַן אויסצובעסערן אין די אַלע לענדער, כדי צו פאַרזיכערן אַ האַלבוועגס מענטשלעכן קיום זייערע איינוואוינער. דערצו האָבן אָבער נישט די אַראַבישע הערשער קיין שום חשק, און אפשר האָבן זיי אויך נישט קיין כוח דערצו. באַנוצט מען דעם אידן־און ישראל־האַס און די כסדרדיקע זיכערקייטס־שפּאַנונג אויף די גרעניצן פון מדינת ישראל, בדי צו פאַרדעקן זייער סאָציאַלע אָפּגעשטאַנענקייט. אודאי טאָר מען נישט איגנאָרירן אויך דאָס כסדר וואַקסנדיקע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין ביי די אַראַבישע פעלקער, אָבער דאָס איז זיכער נישט די אמתע מניעה, וואָס שטערט די אַראַבישע הערשער צו שליסן שלום מיט מדינת ישראל. גראָד ווי ביי געוויסע קרייזן אין צפון־אַמעריקע איז די פּלוצימדיקע אַראַבער־

---

* אויף דער קאָנפערענץ פון פועלי ציון—התאחדות אין פראַנקרייך, פּאַריז, 3—4 יולי 1954.

ליבשאַפט און די שאַרפע קריטיק פון מדינת ישראל צומאָל, אין געוויסע קרייזן, אַן ערזאַץ פאַר פשוטער אידן־פיינטשאַפט.

די אַראַבער האָבן געהאָפט, אַז די פאַרשאַרפונג פון זייער עקאָנאָמישן באָיקאָט און די בלאָקאַדע פון מדינת ישראל אויפן יבשה־וועג וועלן שוין פון זיך אַליין פירן צו אַ צוזאַמענברוך פון אונזער מדינה. זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות. דאָס פאַרגרעסערט זייער נערוועזיטעט. בעמענדיק אין אַכט די איראַציאָנאַליטעט פון זייערע האַנדלונגען, דאַרף נישט זיין שווער צו פאַרשטיין ווי גרויס עס איז די געפאַר, אויב די מערב־מדינות וועלן זיי נישט ברענגען צו אַ סטאַבילן שלום מיט מדינת ישראל. די פאָדערונגען פון די מערב־מדינות צו אונז און די פרואוון צו שיקן וואָפן אין אַראַבישע לענדער מוזן, ביי אַזאַ לאַגע ווירקן ווי אויל, וואָס צעפלאַקערט נאָך מער דעם פייער אין יענעם וועלט־טייל.

אונז דאַרף מען נישט אויפקלערן, ווי וויכטיק עס איז צו דערגרייכן אַ סטאַבילן שלום מיט די אַראַבישע שכנים־לענדער. עס פעלט נישט ביי אונז קיין גוטער ווילן דערצו. און הגם איך האָב דאָך זיכער נישט קיין שום רעכט צו געבן דערקלערונגען אין אָט דער פראַגע, שטעל איך מיר פאָר, אַז אונזער רעגירונג וואָלט נישט געקאַרגט קיין אָנשטרענגונגען, גוטן ווילן און גרייטוויליקייט, ווען זי וואָלט פאַר זיך געזען אַזאַ קאָנקרעטע מעגלעכקייט. איז דעריבער אַזוי נישט אויפן אָרט, ווען די פראַגע פון דער וויכטיקייט פון שלום מיט די אַראַבער ווערט אָוועקגעשטעלט מצד פראָמינענטע ציוניסטי־שע פירער, אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, וואָס עס קען שאַפן דעם פאַלשן רושם, אַז וועגן דעם זיינען, כאילו, פאַראַן מיינונגס־פאַרשידנקייטן. עס וואָלט געווען ריכטיקער אונז צו זאָגן, ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז דער צווייטער צד זאָל עס וועלן; וואָס איז פון אונז נישט געטאָן געוואָרן אויף דעם געביט און האָט יאָ געקענט געטאָן ווערן, כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל?

*

אין די זעקס יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל זיינען מיר געוואָרן אין יענעם וועלט־טייל אַזאַ פאַקטאָר, אַז מען קען נישט באַשטימען וועגן די ענינים פון מיטל־מזרח, נישט רעכענענדיק זיך מיט אונזער ווילן און נישט בעמענדיק אין אַכט אונזער עקזיסטענץ. דאָס איז די גרויסע ענדערונג, וואָס די אויפריכטונג פון דער מדינת ישראל און די עליה פון איבער 700.000 אידן, זינט דער גרינדונג פון דער מדינה, האָבן מיט זיך געבראַכט. עס זיינען אויך פאַר דער צייט אויסגעוואַקסן אינערלעכע

גורמים אין ישראל, וואָס זיי אַליין קענען אַמאָל זיין אַנטשיידנדיק פאַר אונזער עקאָנאָמישער פעסטיקונג.

אויב מיר האָבן היי־יאָר דערגרייכט אַ גוטע גערעטעניש פון אָראַנזשן און געקענט עקספּאָרטירן זיבן מיליאָן קעסטלעך, אַנשטאָט פינף מיליאָן מיט אַ יאָר צוריק, און זיי זיינען גוט פאַרקויפט געוואָרן אין אויסלאַנד, איז עס אַ וויכטיקער צוגאָב פון דעוויזן פאַר דער מדינה, וואָס אויך אַ באַדייטנדיק פאַרשטאַרקטע מגבית קען נישט אַריינברענגען. אויב מיר האָבן היי־יאָר געהאַט אַ זייער גוטע תבואה־גערעטעניש און בערך 50% פון קערנער, וועלכע דאָס לאַנד דאַרף האָבן, זיינען געדעקט געוואָרן פון דער אייגענער גערעטעניש און מען האָט זיי נישט באַדאַרפט קויפן אין אויסלאַנד און באַצאָלן מיט פרעמדע דעוויזן, איז עס ווידעראַמאָל אַ קאָלאָסאַלע פאַרלייכטערונג פאַר דער מדינה. אויב עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין די ערשטע פינף חדשים פון הייַנטיקן יאָר האָט מען פון ישראל עקספּאָרטירט סחורות פאַר 50,2 מיליאָן דאָלאַר אַנשטאָט פאַר 31,3 מיליאָן דאָלאַר אין די גלייכע 5 חדשים פון פאַראַיאָרן דאָס מיינט מיט 60% מער (דערפון פאַר 13,4 מיליאָן אינדוסטרי־אויסאַרבעטונגען אַנשטאָט פאַר 7,8 מיליאָן—72 פּראָצענט מער; פאַר 30,9 מיליאָן דאָלאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, אַנשטאָט 18,8 מיליאָן — אַ שטייגערונג פון 64%), איז עס אַ גאָר דערמוטיקנדע דערגרייכונג, הגם דער אימפּאָרט קיין ישראל איז בדרך־כלל, נאָך ווייטער אַ סך גרעסער ווי אונזער עקספּאָרט. אין די ערשטע פיר חדשים פון הייַנטיקן יאָר האָבן טוריסטן אויסגעטוישט אין די ישראל־באַנקן די דאָפּלטע סומע דעוויזן וואָס אין די פיר חדשים פון פאַריקן יאָר.

וועגן די קאָלאָסאַלע מעגלעכקייטן פון אונזער ווירטשאַפט קענען עדות זאָגן איינצלנע פאַקטן, וועגן וועלכע מיר האָבן קיינמאָל נישט געחלומט. אָט עקספּאָרטירט מען פון נגב פאָספאַטן קיין יאַפּאַן; אינדוסטרי־פאַכמענער פון „סולל בונה" ווערן איינגעלאַדן קיין בורמא; צעמענט און ראַדיאָס ווערן עקספּאָרטירט אין דער טערקיי (חברים פון פראַנקרייך האָבן אַ חלק אין דער גרינדונג פון דער ראַדיאָ־פירמע), אָראַנזשן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד; זאַמדן פון אילת ווערן באַנוצט אַלס רוי־מאַטעריאַל פאַר גלאָז און קעראַמיקע, אַנשטאָט דעם רוי־מאַטעריאַל, וואָס מען האָט פריער געמוזט ברענגען פון אויסלאַנד און נאָך אַ סך אַנדערע ביישפּילן.

מיר גייען לאַנגזאַם, לײדער צו לאַנגזאַם, פאָרויס אין דער באַמיאונג צו פאַרגרעסערן דעם טייל פונעם ישוב וואָס לעבט אין לאַנדווירטשאַפט־לעכע ישובים. 400 נייע ישובים זיינען צוגעקומען זינט דער אויפ־

ריכטונג פון דער מדינה. דער פון אידן באַארבעטער באָדן איז געוואַקסן פון 1,6 מיליאָן דונאַם צו 3,6 מיליאָן. אָבער נאָך אַלץ זיינען קאָנצענטרירט אַרום אַ העלפט פון אידן אין ישראל אין די דריי גרעסערע שטעט — תל־אביב, חיפה, ירושלים — און מיר ווילן עס שטאַרק ענדערן. אויב עס קומען יונגע מענטשן אייך דערציילן, אַז זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט זיך איינאָרדענען ביי אַרבעט אין לאַנד, הגם זיי זיינען גרייט געווען אָנצונעמען יעדע אַרבעט־מעגלעכקייט, אויב זיי וואָלטן נאָר געהאַט אַ דירה — איז כדאי אָנצווייזן, אַז ביים היינטיקן טאָג זיינען פאַראַן אין די נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען (מושבי־עובדים) אַרום 1.200 אויסגעבויטע דירות און עס פעלן קאַנדידאַטן וואָס ווילן זיך באַזעצן און אַרבעטן אין די מושבים.

דער וואַסער־פּלאַן פון דער ישראל־רעגירונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ קעגנערשאַפט פון די אַראַבישע שכנים־לענדער און וואָס די גרויסע מדינות, בפרט אַמעריקע, האַלטן, לײדער, דערווייל, אָפּ זיין רעאַליזירונג, — קען פאַרדרייפאַכן אונזערע באַוואַסערטע באָדן־שטחים. דאָס מיינט, אַ ממש רעוואָלוציאָנערע שטייגערונג פון אונזער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע און די באַדייטנדיקע פאַרגרעסערונג פון אונזער עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט. מען גרייט איצט צו באַדנס פאַר פּאַשע. דאָס וועט דערמעגלעכן פּי־צוכט און פאַרקלענערן אונזער באַדאַרף פון ברענגען פלייש.

דער אַרבעטער־כח אין דער מדינת־ישראל איז געשטיגן אין די יאָרן פון מאַסן־עליה, הגם די מערסטע עולים זיינען געקומען פון לענדער אין וועלכע מען האָט קיין ציוניסטישע און אַרבעטער־ציוניסטישע אויפקלערונג נישט געפירט. מיר ציילן היינט אַרום אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער אין דער הסתדרות במקום 175.000 בעת דער אויפריכטונג פון דער מדינה. איבער 50% פון זיי זיינען געקומען אין לאַנד שוין נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה (נישט פאַרגעסן, אַז אַרום 10% פון די הסתדרות־מיטגלידער זיינען געבוירענע אין לאַנד). דער רוב פון הסתדרות־מיטגלידער איז געטריי דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל און עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז אויך ביי די נאָענטע אַלגעמיינע הסתדרות־וואַלן, וועט מפא״י ווייטער באַקומען דעם צוטרוי פון דער מערהייט אַרבעטער.

*

אָבער אָט די אַלע גרויסע דערגרייכונגען פאַרדונקלט אַ שטאַרקער שאָטן: אין יאָר 1949 זיינען געקומען קיין ישראל 240.000 אידן און אין יאָר 1953 — נאָר 11.000 אידן!

אָט דער שאָטן פאַרקלענערט אונזער פרייד, בעת מיר סומירן אונזערע דערגרייכונגען און פאַרגרעסערט אונזער אומרואיקייט, בעת מיר קלערן מכח דער פּאָליטישער און זיכערקייטס־לאַגע. די אומרואיקייט וועגן דעם מוז אַריבערגעטראָגן ווערן אין די רייען פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַלע לענדער און בפרט אין די רייען פון דער אַרבעטער־ציוניסטישער באַוועגונג. עס קען נישט זיין קיין באַציאונג פון גלייכגילטיקייט צו אָט דער דערשיינונג און מען טאָר נישט פאַרקלענערן דאָס שלעכטע און געפערלעכע פון אַזאַ דערשיינונג.

עס ווערט איצט געמאַכט אַ פאַרזוך, בפרט אין אַמעריקע, אין דעם גרעסטן היינטצייטיקן אידישן קיבוץ, צו פּרעדיקן אַן אידעאָלאָגיע וואָס זאָגט אַז די נשמה פון ציוניזם איז נישט דוקא עליה, קיבוץ גלויות. עס קען אויך אַן דעם זיין אַ גוטע, טרייע ציוניסטישע באַוועגונג. די געפאַר פון אַזאַ מין פּראָפּאַגאַנדע ליגט נישט אין איר אַבסורדיטעט און אומלאָגישקייט, נאָר אין דעם פאַקט וואָס זי צילט צו באַרואיקן דאָס אומרואיקע געוויסן פון אַ סך וועלכע שפּירן דעם אומזין פון ציוניזם אָן עליה, אָדער ציוניזם מיט עליה פאַר אַנדערע. זיינען מענטשן צופרידן וואָס עס איז פאַראַן אַזאַ אויסטייטשער און זיי הערן אים גערן. דאַן ווערט דאָך עליה אַן ענין פון וויכוח, פון חילוקי־דעות. מען ווייסט נאָך נישט! — און דאָס געוויסן קען ווערן באַרואיקט.

די אַרבעטער ציוניסטישע באַוועגונג — פּועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות, קען נישט קיין אידעאָלאָגישע ספקות און אומקלאָרקייטן אויף דעם געביט. דערמיט איז נישט געזאָגט, אַז אַלץ איז ביי אונז „אין אָרדענונג" אויף דעם געביט. מיר שטעלן אַוועק די פראַגע פאַר אונזערע חברים אין חוץ־לארץ צוליב אַן אַנדער סיבה — ווייל אין דער פּראַקטישער רעאַליזירונג איז די האַנדלונג פון די חברים שטאַרק נישט צופרידנשטעלנדיק. דאָס מוז ווערן אַנדערש. מיינט נישט, חברים, אַז עס וועט זיין פאַר מדינת ישראל אַזאַ גליק, אַז 45—50־יעריקע און עלטער, נישט קענענדיק די שפּראַך, נישט האָבנדיק קיין פאַך און נישט באַזיצנדיק קיין מיטלען, וועלן קומען אין לאַנד. און פון דעסטוועגן ווילן מיר אויך זיי נישט אויסשליסן פון דער עליה. עס פרעגט זיך אָבער בעיקר אין וועלכן גייסט דערציען זיי זייערע קינדער, אין וועלכער ריכטונג שטרעבן זיי מכח דער איינאָרדענונג און צוקונפט פון זייערע נאָענטע, וועלכער גייסט הערשט אין זייערע אייגענע היימען. וועגן דעם גייט דער וויכוח און די ראַנגלעניש. מיר וועלן נישט קענען פאָדערן קיין גייסט פון נאַציאָנאַלער דערציאונג און עליה־שטרעבונג אין

אידישע היימען, אויב אַזאַ גייסט וועט נישט הערשן אין אונזערע היימען.

דאָס איז נוגע דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג און דאָס וועט אַנטשיידן איר צוקונפט. אָבער קודם כל מוזן מיר וויסן וואָס עס קומט פאַר ביי אונז און ווי רעכענען מיר צו האַנדלען. די אויפגאַבע און פליכט פון אונזער באַוועגונג איז אויך צו גיין קעגן דעם שטראָם, ווען דאָס איז נויטיק; פאַרפליכטן דערצו אונזערע אָנהענגער און די וואָס וואַרטן אויף אונזערע אָנווייזונגען; פאָדערן פון אַלע צו רעאַליזירן אַליין וואָס מען פּראָקלאַמירט; פאָדערן זאַכן, וועלכע מען האַלט פאַר וויכטיק, אויך ווען זיי זיינען אינעם מאָמענט נישט פּאָפּולער.

*

אויב מען רעדט מכח נאַציאָנאַלער דערציאונג, איז עס מחייב די אייגענע היים; אויב מען איז ציון־טריי, איז עס מחייב שטרעבן צו זיין אין ציון. אין פראַנקרייך — נישט ווייניקער ווי אין אַנדערע לענדער. לאָמיר אַמאָל מאַכן אַ שטיקל פאַרזוך צו דערגיין ווי עס זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט. אויב מיר אונטערזוכן, וואָס עס טוט זיך אינעם אידישן לעבן אין פראַנקרייך, זעען מיר אַז די צאָל פון די וואָס פרעדיקן וואַסער און טרינקען וויין, איז נישט קליין. און אין אַנדערע לענדער איז די לאַגע נישט בעסער. דאָס איז נישט נאָר אַ מאָראַלישע פראַגע. עס איז פשוט אַן עקזיסטענץ־פראַגע פאַרן ווייטער קיום פון אידישקייט.

דער אידישער קיבוץ אין פראַנקרייך איז צאָלמעסיק אין די לעצטע יאָרן מען ווייניק שטאַביל, אָבער אידישקייט ווערט וואָס אַמאָל ווייניקער. פאַרוואָס קען דאָ נישט געשאַפן ווערן אַ נעץ פון העברעאישע קינדער גערט־נער און שולן און בכלל פאַרשטאַרקט ווערן די אידישע קולטורעלע און דער־ציערישע טעטיקייט? די ציוניסטישע פעדעראַציע אין פראַנקרייך קלייבט זיך צו טאָן אַ גרעסערע אַרבעט אויף דעם געביט. זאָלן אירע הענט געשטאַרקט ווערן און אונזער פאַרטיי מוז געבן איר גרעסטע הילף דערדאָזיקער אַרבעט. אויף וויפיל עס זיינען פאַראַן קולטורעלע און דערציערישע פּאָזיציעס אין דער אידישער שפּראַך, מוז מען זיי אָפּהיטן און שטאַרקן. זיי האָבן אָן אַ ספק אַ גרויסן ווערט פאַר אונזער שטאַרקונג און קיום. אָבער אידיש־אָנהענגער ביי אונז — און איך האַלט זיך פאַר אַ אידיש־אָנהענגער — מוזן איינזען, אַז אין איצטיקן מאָמענט, ביי דער נייער ווירקלעכקייט אין וועלכער מיר לעבן, אויב מיר ווילן צוריק שאַפן אַ צושטאַנד, אַז אידן זאָלן האָבן איין וועלט־שפּראַך אין וועלכער זיי זאָלן זיך קענען פאַרשטענדיקן און וועלכע זאָל קענען שטאַרקן זייער נאַציאָנאַלן קיום—איז עס העברעאיש,

די שפּראַך פון דער אידישער מדינה. איך האָב גאָר ווייניק רעספּעקט פאַר אידיש־חסידים אין ניו־יאָרק און אַנדערע ערטער, וועלכע האָבן אַזוי לייכט און כמעט קאָמפּלאַז פּאַקטיש פאַרציכטעט אויף וועלכע עס איז פּראָפּאַגאַ־טיוון פאַר אידיש אין אידישן לעבן אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע ערטער אין חוץ־לארץ (בפרט אין זייער אייגענער סביבה) און זייער איינציקער קאַמף־געביט פאַר די רעכט פון אידיש איז ארץ־ישראל. איך האָב זיך מיינע אייגענע מיינונג וועגן דעם מין טריישאַפט.

*

עס איז געמאַכט געוואָרן אַ וויכטיקער פּרואוו צו ענדערן די אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע סטרוקטור פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פראַנקרייך. אונזער פּאַרטיי האָט עס געפאָדערט און זי טראָגט אחריות דערפאַר. אמת, מען האָט דערוויל נישט אַקצעפּטירט אונזער פאָדערונג פון אינדיווידועלער מיטגלידערשאַפט. אויך די אינסטאַנצן פון דער פעדעראַציע זיינען צייטווייליק באַשטימט לפי אַ קעגנזייטיקן הסכם, און נישט לויט אַלגעמיינע וואַלן, ווי מיר האַלטן פאַר ריכטיק. אָבער, ווי געזאָגט, איז עס אַן ערשטער שריט. אַ האַלב יאָר איז אַ קורצע צייט, כדי אַרויסציען מסקנות. אָבער חברים זאָגן, אַז דער פּרעסטיזש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז געשטיגן — איז עס אַ גוטער סימן. קוקט מען מיט שפּאַנונג אויף די רעזולטאַטן פון דעם פאַרזוך, כדי צו לערנען דערפון. איז זייער וויכטיק, אַז די רעזולטאַטן זאָלן זיין פּאָזיטיוו. די פּאַרטיי דאַרף אָפּהיטן איר השפעה, ווייל אויך דאָס איז אַ וויכטיקער פּאָרבאַדינג פאַר דער אַלגע־מיינער הצלחה.

וואָס זיינען אייגנטלעך די אויפגאַבן פון אַ ציוניסטישער לאַנד־פעדעראַציע ביים היינטיקן טאָג (אָפּגעזען פונעם אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי, וועגן וועלכן מיר וועלן היינט נישט רעדן):

א) אויסברייטערן זי אַלס די גרויסע ציוניסטישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום אַלע ציון־טרייע און וועלכע פאַרנעמט זיך מיט אַלע נויטן פון אידן;

ב) רוף און אומדערמידלעכע דערציאונג צו עליה, צו חלוציזם אין פאַרשיידענע פאָרמען;

ג) גרויסע אַקטיוויטעט אויפן געביט פון דערציאונג־וועזן און קולטורעלע טעטיקייט, העברעאיש־לערנען אַלס פליכט, שטאַרקן אַלע פאָרמען פון דערציאונג צו אידישקייט און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

ד) אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות, שטיצן יעדע איניציאַטיוו דערצו.

ה) פאַרשטאַרקן אַלע פּראַקטישע טעטיקייט־געביטן פאַר די פאָנדן און פאַר ישראל בכלל, מיט וועלכע די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרנעמט זיך אויך היינט; אָפּהיטן דעם דעמאָקראַטישן בוי פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע; נישט מותּר זיין אויף אַלגעמיינע וואַלן.

אויב מיר זיינען עדות פון אַ קריזיס אין דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, איז דאָס פעלן פון אַזאַ טעטיקייט־פּראָגראַם, אין ברייטן פאַרנעם, די סיבה פונעם קריזיס.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין פראַנקרייך האָט נאָך פאַר זיך אַ באַזונדערע צוגאָב־אויפגאַבע: זאָרג און הילף פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין צפון־אַפריקע. זי קען אויף דעם געביט אַ סך אויפטאָן, אויב זי וועט אַליין זיין אַקטיוו. דאָס באַציט זיך אויך אויף אונזער פאַרטיי. דער האַלבער מיליאָן אידן אין צפון־אַפריקע איז פאַר אונז אַ גרויסער פאַרמעגן. זיי קענען דערצויגן ווערן צו ציוניסטישן באַוואוסטזיין און צו עליה. די אידעאַלן פון ציוניסטישן סאָציאַליזם אַפּעלירן צו פיל פון זיי און מיר האָבן דאָרטן אַ סך פריינד און אָנהענגער. די פאַרטיי אין פראַנקרייך וואָלט זיכער געקענט פיל העלפן, כדי צו פאַרשטאַרקן זייער סוביעקטיוון געפיל מיט אידעאישן וויסן. אָבער זי מוז פריער זיך אַליין שטאַרקן.

*

די פאַרטיי וועט עס דערגרייכן דורך מוט און וויזיע פון אַ גרויסער באַוועגונג וואָס דערציט צו פאַרווירקלעכונג און פאָדערט פאַרווירקלעכונג, דורך מער פאַרטיי־פּאַטריאָטיזם און פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטווענדי־קייט פון אָרגאַניזאַציאָנעלער שטאַרקונג. מיר פירן דעם וויכוח אין פראַנקרייך שוין עטלעכע יאָרן און מיר קומען נישט פאָרויס. מיר זיינען, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען עדות פון אַ גרויסן, טעטיקן פאָלקס־פאַרבאַנד אין פּאַריז, פון אַ צאָלרייכער פליטים־אָרגאַניזאַציע און אַנדערע בינדונגען, וועלכע די פאַרטיי האָט געשאַפן. האָבן מיר אויך אין יענע טעג געטענהט מיט די חברים: פאַרנאַכלעסיקט נישט די פאַרטיי גופא, באַמיט אייך, אַז די פעריפעריע זאָל ווערן אַקטיוו אין דער פאַרטיי, זי זאָל זיין אָנגעשלאָסן אין איר אָרגאַניזאַציאָנעלער ראַם. מען האָט עס פאַרנאַכלעסיקט און איצט זיינען מער נישטאָ די

נעבן־אָרגאַניזאַציעס און אירע מענטשן זיינען געזעלשאַפטלעך פּאַסיוו, מחוץ דער פּאַרטיי. מיר האָבן אַזאַ וויכטיקע כלי ווי אַ טאָג־צייטונג, די איינציקע אידישע, ציוניסטישע טאָג־צייטונג אין אייראָפּע. נוצן מיר אויס דעם וויכטיקן מכשיר פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלער פעסטיקונג?

ס'איז אונז צוגעקומען אין פּאַריז אַ וויכטיקער כוח: די פרויען פּיאָנערן אָרגאַניזאַציע. דאַרפן מיר זי מער אַריינציען אין דער וויכטיקער, טאָג־טעגלעכער, דערציערישער און אַנדערער אַקטיוויטעט פון דער באַוועגונג. מיר זעען דאָך וואָס פאַר אַ ברכה עס איז פאַראַן אין זייער אַקטיוויטעט. מיר זיינען אַלע צופרידן, וואָס היינט איז מיט אונז צוזאַמען אויף דער קאָנפערענץ אַזאַ צאָלרייכע דעלעגאַציע פון אונזער יוגנט. און הגם דאָס שטערט אַ ביסל דעם געוואוינטן גאַנג פון די באַראַטונגען, ווייל מען מוז אַ סך איבערזעצן אין פראַנצויזיש, נעמען מיר עס אָן פאַר ליב. אָבער די צופרידנקייט אַליין גענוגט נישט. מען מוז שענקען דער יוגנט־באַוועגונג אַ סך אויפמערקזאַמקייט, מי, מיטלען און ערנסט זאָרגן פאַר איר — נישט נאָר אין הינזיכט פון מיטלען, נאָר אויך אין הינזיכט פון גייסטיקער דערציאונג. די אַקטיוויטעט און פירערשאַפט פון דעם איצטיקן פּאַרטיי־אַקטיוו איז צייטלעך באַגרעניצט. דאָ וועלן נישט העלפן קיין שום וויכוחים. אויב מען וועט רעכטצייטיק נישט זאָרגן פאַר אַ נאָכוואוקס, וועט זיך דאָס פאַראַנענע ליקווידירן אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן וועג.

אויך אין פראַנקרייך האָבן מיר אַ סך נישט אויסגענוצטע מעגלעכקייטן. מיר קענען באַדייטנדיק וואַקסן, צוציען אַ סך נייע כוחות. זיין אַ וויכטיקער פאַקטאָר ביים אַקטיוויזירן און פאַרברייטערן די ציוניסטישע פעדעראַציע און אַנדערע וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן, אָן אונזער אַקטיווער מיטאַרבעט, נישט קומען פאָרויס און נישט קענען דערפילן זייערע אויפגאַבן. דאָס אידישע באַוואוסטזיין פון דעם נישט קליינעם אידישן קיבוץ אין פראַנקרייך ווערט נישט שטאַרקער, אידישע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט און דערציאונג גייט נישט פאָרויס, נישטאָ קיין דראַנג צו עליה, נאָר ווייניקע גרייטן זיך צו אַ לעבן אין ישראל. מוז אַ סך געענדערט ווערן און וואָס גיכער, און מיר מוזן זיין צווישן די ערשטע, צווישן די פאַרווירקלעכער, וואָס גיבן דעם ביישפּיל.

עפענונגס־ווערטער *

דאָס שוידערלעכע אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפן מיט דריי טעג צוריק אין קיבוץ מעגן, פילט אויס אונזער גאַנץ וועזן און לאָזט אונז נישט צו רו. דער שמערץ איז נישט צום דערטראָגן. עס זיינען פון צווישן אונז אַרויסגעריסן געוואָרן טייערע, אומזיסטע קרבנות פון חברים, צווישן זיי געשטאַלטן, וואָס האָבן אַ גרויסן אָנטייל אינם אויספורעמען די אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד און דעם געראַנגל פאַר אונזער זעלבשטענ־דיקייט.

*

און דער ביטערער גורל לאָזט נישט אָפּ: האַרט פאַר אונזער צוזאַמענקומען זיך דאָ, מיט אַ שעה צוריק, האָבן מיר באַגלייט צו זיין אייביקער רו איינעם פון די ערשטע פון דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, אַ חבר פונם סעקרעטאַריאַט פון איחוד עולמי — קאָפּל שוואַרץ.

* * *

די דריי יאָר פון זינט עס איז פאָרגעקומען אונזער לעצטע וועלט־קאָנפערענץ, קענען באַצייכנט ווערן אַלס תקופה פון גרויסע אומדערמיד־לעכע באַמיאונגען צו סטאַביליזירן און באַפעסטיקן, אויף אַלע געביטן, די גרויסע דערגרייכונג פונם גאַנצן פאָלק — די אויפריכטונג פון מדינת ישראל. דאָס גאַנצע פאָלק אין ישראל און אין די תפוצות — האָט אָנטייל־גענומען אין די דאָזיקע באַמיאונגען און מיר זיינען, אָן־אַ־ספק, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, געגאַנגען פאָרויס. אין די דאָזיקע דריי יאָר איז אָבער פאַר אונז אויך בולט געוואָרן, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, אַ שוועריקייט, וועלכע מיר האָבן, ווייזט אויס, נישט גענוג גענומען אין אַכט און נישט געטראַכט וועגן איר מעגלעכקייט פאַרן אויפ־קום פון אונזער מדינה. די עליה פון אידן קיין ארץ־ישראל איז מוראדיק איינגעשרומפּט געוואָרן, און דאָס באַאומרואיקט אונז שטאַרק און פאַרשאַפט אונז אַ סך זאָרג.

אידן אין חוץ־לארץ האָבן ווייטער געמאַכט אַ סך באַמיאונגען פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל און פאַר דער שטאַרקונג פון מדינת ישראל. ברייטע

* וועלט־קאָנפערענץ פון איחוד עולמי פועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות, 1־טן אויגוסט 1954, בית ברל אין צופית.

שיכטן און קרייזן פונם פאָלק, אויך אויסער דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיינען מיטבאַטייליקט דערין. עס איז אָבער פאַר דער צייט נישט געשטאַרקט געוואָרן די ציוניסטישע באַוועגונג אין די לענדער און זי האָט נישט באַוויזן אָרגאַניזאַציאָנעל צו זאַמלען אין אירע רייען נייע ברייטע קרייזן פונם פאָלק. פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און אונזער באַוועגונג בתוכה, זיינען די דאָזיקע דריי יאָר געווען אַ תקופה פון זוכענישן קלאָרער אָנצוצייכענען די צילן, אויפגאַבן און דאָס טעטיקייט־געביט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל; דעם וועג ווי אַזוי ענגער צו פאַרבינדן אָרגאַניזאַציאָנעל די ברייטע קרייזן, וואָס זיינען גרייט צו העלפן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, מיטן אָרגאַניזירטן ציוניס־טישן כלל. מיר האָבן נישט דאָס געפיל, אַז די אידישע וועלט אין חוץ־לארץ און אויך די ציוניסטישע באַוועגונג, זיינען אַדורכגעדרונגען מיט אונזער אומרואיקייט און זאָרג צוליב דער אַזוי שטאַרק רעדוצירטער עליה; צוליב דער ירידה פון חלוצישער שפּאַנונג און גרייטקייט צו פאַרווירקלעכונג. מיר האָבן נישט דאָס געפיל, אַז מען גיט זיך אָפּ אַ ריכטיקן חשבון פון דער גרויסער סכנה וואָס אַזאַ מצב איז עלול צו ברענגען מיט זיך פאַר אונזער צוקונפט. איז אונזער אויפגאַבע דורכצודרינגען אידן פון חוץ־לארץ מיט דער דאָזיקער אומרואיקייט און זאָרג און ברענגען אידישע יוגנט אין חוץ־לארץ צו מעשים פון רעאַליזירונג.

אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ — די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז פאַרבונדן מיטן איחוד עולמי פועלי ציון (צ. ס.)־התאחדות, האָט, ווי אַלע מאָל, אויך אין די יאָרן פון זינט אונזער לעצטער וועלט־קאָנפערענץ, אינטענסיוו, טריי און מיט דערפאָלג אָנטיילגענומען אין אַלע באַמיאונגען, צו באַפעסטיקן און שטאַרקן דעם מעמד פון מדינת ישראל אויף אַלע שטחים, און אויך פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער מדינה. זי האָט פאָרגעזעצט אָן באַוואָרענישן און באַדינגונגען, ביי אַלע תנאים, איר שליחות אַלס טרייער אָנלען פון דער מדינה, פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל. זי האָט אָפּגעגעבן אַ סך מי אויף אָפּצוהיטן דעם איינפלוס־קרייז פונם אַרבעטער־ציוניזם און באַפעסטיקן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען פון איר באַוועגונג, נישט באַווייזנדיק אָבער פאַר דער צייט אין אַ גרויסער מאָס זיי אויסצוברייטערן. דער אַלגעמיינער צושטאַנד אין דער ציוניסטישער באַוועגונג שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ געוויסער מאָס אויך אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין חוץ־לארץ.

מיר מוזן זוכן און געפינען דעם וועג צו אַ באַנייטן אויפברויז און באַדייטנדיק פאַרשטאַרקטער זאַמלונג אַרום דער ציוניסטישער פּאַן בכלל און בפרט אַרום דער פּאַן און דער טאַט פון אַרבעטער־ציוניזם.

*

מיר זיינען אין די לעצטע דריי יאָר, בדרך כלל, אין די אַזוי גערופענע פרייע לענדער פון מערב פאַרשווינט געבליבן פון ספּעציעלע רשעותדיקע אנטי־אידישע דיסקרימינאַציעס און רדיפות. אויך די עקאָנאָמי־שע לאַגע פון די אידן אין די דאָזיקע לענדער האָט זיך נישט געענדערט צום שלעכטן, בכל אופן — נישט אין אַ באַאומרואיקנדיקער מאָס. פונדעסטוועגן זיינען עס נישט געווען קיין יאָרן פון שטאַרקן אידישקייט און אידיש־נאַציאָנאַל באַוואוסטזיין אין די דאָזיקע לענדער. זעלבסטפאַרשטענד־לעך איז דאָס נישט קיין פּלוצימדיקע דערשיינונג פון די לעצטע דריי יאָר. אָבער זייענדיק יאָרנלאַנג פאַרטאָן מיט אונזערע אַלע חושים אינם שווערן געראַנגל צו דערגרייכן אונזער אויפבוי־מעגלעכקייט און זעלב־שטענדיקייט אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין דער אָנשטרענגונג צו זיכערן און פעסטיקן אונזער מדינה, האָבן מיר נישט געשאָנקען גענוג אויפמערק־זאַמקייט דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, וואָס איז פול מיט געפאַרן פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום. גרויסע טיילן פונם פאָלק אין חוץ־לארץ דערווייטערן זיך פון אונז גייסטיק. זיי זיינען נישט מער קיין אַקטיווע שותפים אין אונזער גייסטיקער וועלט און די אַנטוויקלונג גייט אַזוי, אַז זייערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן שוין אַפילו מער נישט זיין קיין פאַסיווע שותפים אין וועלכער עס איז פאָרם פון אידישער צוגעהעריקייט.

מוז קומען פון אונזער וועלט־קאָנפערענץ אַ גרויסער אַלאַרם־רוף פאַר אַ גאָר באַדייטנדיק פאַרגרעסערטער און פאַרשנעלערטער קעגן־ווירקונג, וועלכע מוז שטיין אין סאַמע צענטער פון אונזער זאָרג און טאַט. געטריי אונזער טראַדיציע, נישט צו באַנוגענען זיך מיט פּראָקלאַמירונגען, נאָר אַליין נעמען אויף זיך די רעאַליזירונג פון דעם וואָס מיר פּראָקלאַמירן, מוזן מיר באַשטימען די פליכטן וואָס ליגן אויף אונז אַליין אין אָנבליק פון אָט דער לאַגע, און די טאַטן, וואָס מיר נעמען אויף זיך, גלייך מקיים צו זיין.

*

מיר מוזן שטאַרקן אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, גאָר באַדייטנדיק שטאַרקן. מיר קענען עס באַווייזן, אויב מיר וועלן אַלע האָבן אָן אויפריכטיקן און פעסטן ווילן דערצו. מיר מוזן שטאַרקן אונזער באַוועגונג, נישט נאָר דערפאַר ווייל זי איז אונז ליבער און נאָענטער, נאָר ווייל אָן איר איז אַ

גרויסער ספק צי מיר וועלן באַווייזן צו דערפילן די אַלע גרויסע אויפגאַבן — חלוציות, עליה, אידיש נאַציאָנאַל באַוואוסטזיין, אַ גרויסע ציוניסטישע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס מיר בויטיקן זיך אין זיי און מיר קענען ממש נישט עקזיסטירן אָן זיי. אויב מיר זאָלן אורטיילן לויט דער אַנטוויקלונג אין די לעצטע יאָרן, איז די דאָזיקע דערקענטעניש נישט גענוג אַריינגעדרונגען אינעם באַוואוסטזיין פון אַלעמען ביי אונז. מוז עס די היינטיקע קאָנפערענץ פאַרריכטן. מיר וועלן נישט דערפילן אונזער פליכט לגבי דער באַוועגונג, אויב מיר וועלן אָט די, אין פלוג פראָזאַאישע, צווייטראַנגיקע ענינים, נישט באַהאַנדלען אויסשעפנדיק און נישט קומען צו רעזולטאַטן, וואָס זאָלן קענען גוט מאַכן, וואָס מען דאַרף גוט מאַכן.

*

עס גייט איצט אָן אַ וויכוח וועגן דעם, וואָס איז די באַזונדערע פליכט פון אַ ציוניסט. מיר ווילן פּרוּאוון אויף אונזער קאָנפערענץ צו געבן אַן ענטפער דערויף. אויב מיר פּרוּאוון עס צו טאָן, מוזן מיר אָבער אויך גלייכ־צייטיק ענטפערן אויף דער פראַגע: וואָס איז די באַזונדערע פליכט פון אַ חבר פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, פון פּועלי ציון (צ.ס.)־התאחדות, אין חוץ־לארץ. מיר שטעלן נישט אַוועק פאַר דער קאָנפערענץ די אויפגאַבע צו פאָרמולירן נייע הלכות און נייע פּלאַטפאָרמען. מיר קענען נאָך גענוג און איבערגענוג אויפטאָן מיט אונזערע ביז איצטיקע הלכות. אָבער די פראַגע וועגן די פליכטן פון אַ חבר אין חוץ־לארץ אין דער איצ־טיקער צייט, איז שטאַרק אַקטועל און פאָדערט אַן ענטפער.

*

יעדע באַגעגעניש מיט חברים פון פאַרשיידענע לענדער איז פאַר אונז וויכטיק. באַגריסן מיר אייך גאָר האַרציק, חברים דעלעגאַטן און געסט פון אַ סך לענדער און קאָנטינענטן פון דער אידישער צעשפּרייטקייט. מיר באַגריסן ביי דער היינטיקער קאָנפערענץ מיט באַזונדער פרייד אַ גרעסערע דעלעגאַציע פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, באַזונדערס פון אַרגענטינע. אין עטלעכע לענדער אין דרום־אַמעריקע איז אונזער באַוועגונג אויסגע־וואַקסן צו דעם באַדייטנדיקסטן ציוניסטישן און אידישן פאַקטאָר, און דאָס פאַרגרעסערט נאָך די וויכטיקייט פון זייער צאָלרייכן און אַקטיוון אָנטייל אויף אונזער קאָנפערענץ. עס איז פאַר אונז אַ באַזונדערע סאַטיספאַקציע, וואָס אין דער היינטיקער וועלט־קאָנפערענץ נעמען אָנטייל דעלעגאַציעס פון אונזערע יונגע קאַדרען, פון אונזער „משמרת צעירה" אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער. זיי וועלן זיך צוזאַמען מיט אונז,

און אויך באַזונדער, באַראַטן וועגן דער גאָר וויכטיקער פראַגע פון צוציען צו אונזער באַוועגונג וואָס מער יונגע מענטשן, גרייטע צו אַ פול אידיש לעבן און צו חלוצישער פאַרווירקלעכונג. מיר פרייען זיך, וואָס מיר קענען באַגריסן צאָלרייכע חברות פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס שטייען בראש פון די אָרטיקע פיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציעס און צייכענען זיך אויס מיט זייער פאַרשטאַרקטער אַקטיוויטעט. אויך פון צפון־אַמעריקע האָבן מיר היינט אַ רעפּרעזענטאַטיווע דעלעגאַציע פון אַלע טיילן פון דער באַוועגונג — פועלי ציון, פאַרבאַנד, פרויען־פיאָנערן־אָרגאַניזאַציע און הבונים, וואָס זייער פאַרייניקונג און ענגערע געמיינזאַמע אַרבעט באַטראַכטן מיר פאַר דרינגענד וויכטיק און מיר וועלן וועגן דעם נאָך רעדן אין לויף פון דער קאָנפערענץ. מיר באַגריסן מיט באַזונדערער האַרציקייט די חברים פון מאַראָקאָ און טוניס, אַוואו מיר האָבן גוטע, צאָלרייכע, אַקטיווע פּאַרטייען.

אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל וועט מיט אונז מיטאַרבעטן. פאַר אַ טייל פון די דעלעגאַטן פון דער מפא״י־דעלעגאַציע וועט עס זיין די ערשטע באַגעגעניש מיט דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ. האָפן מיר, אַז די באַגעגעניש וועט זיין אַ ברכה פאַר ביידע טיילן.

מיר באַגריסן האַרציק די חברים פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין בורמאַ, וועלכע געפינען זיך היינט דאָ מיט אונז. מיר פאָלגן נאָך מיט סימפּאַטיע און אָנערקענונג דעם געוואַלדיקן אויפטו פון אויפבויען בורמאַ אויפסנײַ אויף יסודות פון פרייען, דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. מיר ווייסן די גרויסע שוועריקייטן אָבער מיר האָפן, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין בורמאַ וועט זיי גובר זיין. מיר פרייען זיך וואָס מפלגת פועלי ארץ־ישראל האָט אַזאַ וויכטיקן אָנטייל אין דער כסדר וואַקסנדער פריינטשאַפט צווישן מדינת ישראל און בורמאַ און מיר האָפן, אַז ביידע פּאַרטייען וועלן זיך באַמיען אָפּצוהיטן די פריינטשאַפט.

נישט אַלע לענדער, אין וועלכע אונזער באַוועגונג איז טעטיק און עס זיינען דאָרט פאַראַן אונזערע חברים, זיינען פאַרטראָטן אויף אונזער קאָנפערענץ. פאַראַן לענדער, וואו די חברים האָבן, צוליב טעכנישע שוועריקייטן, נישט געקענט שיקן קיין דעלעגאַטן. אָבער עס זיינען אויך פאַראַן לענדער, וואו חברים זיינען מיט זייער גאַנצן האַרצן פאַרבונדן מיט אונז, אָבער מען לאָזט זיי נישט, אפילו ווען זיי ווילן עס, אָנטיילנעמען אין אונזערע צוזאַמענקונפטן. דאָס זיינען די חברים אין רומעניע, פוילן, אונגאַרן און ראַטן־פאַרבאַנד. זיי אַלע שיקן מיר אונזער ברכה און פאַרזיכערונג: מיר האָבן אייך נישט פאַרגעסן, מיט אונזער גאַנצן האַרצן זיינען מיר מיט אייך.

דער רוף איז געווענדעט צו אַלע *

...מיט קריטיק אַליין — מעג זי זיין די שאַרפסטע און אויפריכטיקסטע קריטיק, און אַפילו אויב זי איז אינגאַנצן, אָדער טיילווייז, אַ גערעכטע, — בויט מען נישט קיין באַוועגונג. די לאַגע וועט דורך דעם מיט גאָרנישט אויסגעבעסערט ווערן. דער שווערפּונקט איז די טאַט וואָס קומט מיט דער קריטיק און לכל הפּחות נאָך דער קריטיק. מיר זיינען מחוייב זיך צוהערן צו די פראַגן, וואָס טראָגן זיך אין רוים פון דער באַוועגונג און זוכן וועגן צו פאַרריכטן די לאַגע. מיר אַלע צוזאַמען זיינען עס מחוייב צו טאָן. עס וועט נישט זיין גערעכט, אויב מיר וועלן פונאַנדערטיילן אונזער מחנה אויף קריטיקער און קריטיקירטע. ביידע צוזאַמען טראָגן די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דער געשאַפענער לאַגע. ביידע צוזאַמען ווערן אויפגערופן צו פאַרריכטן דעם שאָדן.

אויך איך האָב געוואָלט אַוועקשטעלן פאַר דער קאָנפערענץ עטלעכע פראָבלעמען, אין וועלכע, לויט מיין בעסטן וויסן, די חברים אין חוץ־לארץ פירן נישט אויס זייערע פליכטן. אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט די פאָרם, ווי דידאָזיקע פראַגן זיינען שוין אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער וועלט־קאָנפערענץ, בין איך געצוואונגען צו שטעלן אין דער ערשטער ריי די פראַגע: ווער איז שולדיק, אַז אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ געפינט זיך איצט אין דער לאַגע ווי זי געפינט זיך? צי זיינען דערין שולדיק בלויז די חברים אין חוץ־לארץ, אָדער אויך מיר אין לאַנד זיינען נישט ריין פון דער דאָזיקער שולד? איך וויל נישט באַצווייפלען דאָס געשילדערטע, נאָר נאָכקאָנטראָלירן צי דער אַדרעס אויף וועלכן די קריטיק איז געווענדעט, איז טאַקע דער איינציקער אַדרעס.

פאַראַן אַ סטאַטישע לאַגע און אַ דינאַמישע לאַגע. אויב מיר זאָלן נעמען די סטאַטישע לאַגע פון אונזער באַוועגונג אין יעדן לאַנד באַזונדער, און אויך אין אַלגעמיינעם סך־הכל — און פּרוּוון זי באַטראַכטן אין שיין פון אונזערע באַדערפעניש ן — איז אודאי ריכטיק די שאַרפע קריטיק, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן. אָבער אויך דעמאָלט וועט נישט זיין גערעכט דער אויסדרוק „באַנקראָט”, וואָס מיר האָבן דאָ נעכטן געהערט. אַ באַנקראָט פון אַ באַוועגונג ווערט אַ פאַקט בלויז דעמאָלט, ווען עס איז

---

* אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון איחוד־עולמי, 2־טן אויגוסט 1954.

נישטאָ קיין דינאַמיק, וואָס איז בכוח צו ענדערן די לאַגע פון גרונט אויס. און וואָס שייך אונזער באַוועגונג, אויב מיר וועלן דורכקוקן די דינאַמישע לאַגע און פרואוון אָפּוועגן וואָס עס קען אין דער באַוועגונג געשאַפן ווערן אין יעדן לאַנד באַזונדער, אויב מען וועט אינוועסטירן כוחות און טאָן ריכטיקע אַרבעט, וועלן מיר זיך ערשט איבערצייגן, ווי גרויס עס זיינען די אויסזיכטן און ווי גרויס עס איז די פאַרנאַכלעסיקונג לגבי דער באַ־וועגונג, צוליב מאַנגל אין אויפמערקזאַמקייט און אומטעטיקייט אין משך פון יאָרן. איך קען אויך ברענגען נישט ווייניק פאַקטן, אַז אין יעדן פאַל און אין יעדן לאַנד, וואו עס איז געווען אַ געהעריקע טעטיקייט און צו דער צייט, מיט דער הילף פון ארץ־ישראל, האָבן די רעזולטאַטן געוויזן ווי גרויס עס זיינען די כוחות וואָס שטעקן אין דער באַוועגונג. איך וויל דערמאָנען בלויז איין פּרט פון דער לעצטער תקופה. ווען נישט אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ וואָלט דאָרט דער אָפּרוף אויף דעם פּראַגער משפט געווען גאָר נעבעכדיק. אויב מיר וועלן די ענינים זען אויף אַזאַ אופן, וועלן מיר נישט אַרויפלייגן די גאַנצע שולד אויף איין טייל, נאָר מיר וועלן דערגיין צו אַן אַלגעמיינעם „על חטא״, וואָס נעמט אַרום סיי די קריטיקירטע און סיי די קריטיקער.

די איצטיקע לאַגע אין דער באַוועגונג אין אויסלאַנד איז נישט געשאַפן געוואָרן פּלוצים. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרנאַכלעסיקונג פון אַ סך יאָרן, אויך מצד ארץ־ישראל. און עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָרנט און ווידער געוואָרנט אין משך פון יאָרן, אַז מיר וועלן דערגיין צו אַזאַ לאַגע, און מען האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זייערע וואָרענונגען און פאַרשלאָגן צו פאַרריכטן די לאַגע.

*

לאָמיר נעמען עטלעכע ביישפּילן: אַלע זיינען מודה, אַז די אָרגאַני־זאַציע „הבונים״ אין די פאַרייניקטע שטאַטן איז פון ציוניסטישן, חלוצישן שטאַנדפּונקט אַ וויכטיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע גייט אויפן ריכטיקן וועג, אָבער די אָרגאַניזאַציע איז אַ צו קליינע אין אַ אידנטום וואָס ציילט העכער פינף מיליאָן אין די פאַריייניקטע שטאַטן. דער פאַקט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ חלוצישע אָרגאַניזאַציע, ווייזט אונז, אַז די עצם זאַך איז מעגלעך אויך אין די פאַרייניקטע שטאַטן. דער פאַקט, אַז זי איז קליין, איז נישט בלויז די שולד פון די חברים אין אַמעריקע; עס איז אויך אונזער שולד, און עס איז נישט גערעכט אַרויפצולייגן די שולד בלויז אויף די חברים אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן. אויב עס איז פאַראַן אַ קליינע אָרגאַניזאַציע פון יונגע פּועלי

ציון אין ענגלאַנד, פירט זיך דאָך דער וויכוח נישט וועגן דעם, אַז זי גייט אויף אַ נישט ריכטיקן וועג, נאָר וועגן דעם, אַז זי איז קליין. אַזוי איז עס אויך בנוגע דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „בילו״ אין פראַנקרייך, אָדער אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע אין דרום־אַפריקע, אָדער אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע. די באַוועגונג האָט געוויזן, אַז זי קען אַריינדרינגען אין דידאָזיקע קרייזן, אויך צווישן יונגע מענטשן, אויך אַזעלכע וואָס זיינען איינגעוואָרצלט אין לעבנסשטייגער, קולטור, שפּראַך פון זייערע וואוין־לענדער. דער פאַקט, אַז מיר האָבן געקענט קאָנצענטרירן אין אייראָפּע ווינציקע הונדערטער, אין די פאַרייניקטע שטאַטן ווינציקע טויזנטער, איז פאַר קיין שום פאַל און אופן נישט בלויז די שולד פון די חברים אויפן אָרט. מיר דאָ אין לאַנד האָבן נישט געשאָנקען אין אַ גע־העריקער מאָס אויפמערקזאַמקייט צו די דאָזיקע דערשיינונגען. מיר האָבן נישט דערלאַנגט קיין הילפרייכע, וועגווייזערישע, דערמוטיקנדע ברידער־האַנט. אויך די אָרטיקע חברים האָבן עס נישט געטאָן. ווען מיר וואָלטן דאָס אַלץ געטאָן מיט שוואונג און מיט אַ סך מיטלען, ווי מיר ווייסן צו טאָן זאַכן, וועלכע מיר האַלטן פאַר וויטאַל־נויטווענדיקע און ערשט־ראַנגיקע, וואָלטן פון די הונדערטער אָן אַ ספק געוואָרן טויזנטער, און פון די טויזנטער — צענדליקער טויזנטער.

ס׳איז היינט־צו־טאָג נישטאָ אין אידישן לעבן קיין אַנדערער פאַקטאָר אויסער אונזער באַוועגונג, וואָס איז בכוח און האָט דעם ווילן צו שאַפן אַ גרויסע חלוצישע באַוועגונג, און קען אויך איינפלאַנצן ווערטן פון נאַציאָנאַלער אידישקייט, וואָס זאָל זיין צוגעבונדן צו מדינת ישראל און אַרבעטער־ציוניזם, אָן אַ תנאי און באַוואָרעניש. אויב מען פאַרנאַכלעסיקט אונזער באַוועגונג אין חוץ־לארץ — און מען האָט זי שטאַרק פאַרנאַלעסיקט — ברענגט דאָס שאָדן דער מדינה מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איינעם. די לאַגע פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ־לארץ איז גאָר נישט קיין גרינגע. די שוועריקייטן זיינען אויסערגעוויינלעך גרויס. אין אידישן לעבן אין חוץ־לארץ איז איצט געשאַפן געוואָרן אַזאַ לאַגע, אַז די סאָציאַלע קעגנזאַצן אין אידישן פאָלק, ווי זיי זיינען אַמאָל געווען, האָבן כמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דאָס אידישע פאָלק אין חוץ־לארץ, כמעט אינגאַנצן, אויסער לענדער ווי צפון־אַפריקע, פאַרמאָגט איצט בדרך־כלל איין איינציקן מיטלקלאַס. די וואָס זיינען אין חוץ־לארץ צוגעבונדן צו אונזער באַוועגונג און זיינען אונז געטריי בלב ונפש, געהערן נישט, לויט זייער סאָציאַלער לאַגע, צום אַרבעטער־קלאַס און מיר זיינען זיי מחוייב אויפצו־

קלערן און איבערצייגן, אַז זיי דאַרפן שטיצן די פּאָליטיק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין מדינת ישראל אויך אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט; זיי זאָלן זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז קומענדיק אין לאַנד דאַרפן זיי לעבן אין אַזאַ ווירטשאַפטלעכער ראַם. און כדי צו פירן אַזעלכע קרייזן צו עליה, זיינען מיר מחויב צו שאַפן ספּעציעלע כלים, וואָס נישט תמיד האָבן מיר זיי געשאַפן.

פּילצאָליק זיינען די אויפגאַבן, וואָס ליגן אויף אונזער באַוועגונג אין מדינת ישראל. אַ סך זאָרגן באַלעסטיקן אונז. עס ליגט אויף אונז אַזאַ שווערע משא, וועלכע לאָזט אונז נישט פון צייט צו צייט זיך ווידמען דער דורכפירונג פון די זאַכן וואָס מיר ווילן דורכפירן. נישט תמיד איז אונז געגעבן אַרומצונעמען די אַלע שטחים וואָס האָבן געפאָדערט אונזער אויפמערקזאַמקייט. דעריבער קום איך נישט באַשולדיקן עמיצן, אָבער מיר דאַרפן ריכטיק זען די ענינים. דער אידישער גלות איז היינט־צו־טאָג נישט בכוח אויפצושטעלן מיט זיינע אייגענע כוחות אַן אויפוואַכונגס־באַוועגונג און אַ באַוועגונג פון רעוואָלוציאָנערער פאַרווירקלעכונג אין לעבן פונם יחיד. אויב אַזאַ זאַך וועט נישט געטאָן ווערן מיט גרויסער קראַפט פון ישראל אויס — וועט עס בכלל נישט געטאָן ווערן. אויך קלענערע זאַכן וועלן נישט געטאָן ווערן אָן אינסטרואירונג, איניציאַטיוו און הילף פון ארץ־ישראל. מיר זיינען מחויב זיך דורכצודרינגען מיט דער דערקענטעניש, אַז אויב מיר וועלן נישט מאַכן די דאָזיקע אָנשטרענגונג, שניידן מיר אונטער מיט אונזערע אייגענע הענט דעם בוים־שטאַם, וואָס פון זיינע וואָרצלען דאַרפן מיר ציען יניקה און ער דאַרף דינען אַלס אָנשפּאַר פאַר אונזער טעטיקייט.

מיר האָבן אָנגעהויבן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אַ וויכוח וועגן דעם געבוי פונם ציוניסטישן בודזשעט. ביי דער דאָזיקער דעבאַטע געפינען מיר זיך אין אַ טראַגישער סיטואַציע. פון איין זייט איז נישטאָ קיין זאַך וואָס איז אונז טייער ווי די אַרבעטנדיקע קאָלאָניזאַציע. יעדער איינער פון אונז ווייסט איר ווערט פאַר אונזער ווירטשאַפטלעכער און זיכערהייט־לעכער צוקונפט. מיר זיינען שטאָלץ דערויף, וואָס מיר האָבן געבראַכט די ציוניסטישע באַוועגונג צום באַוואוסטזיין, אַז דעם לייבנטייל פון איר בודזשעט דאַרף מען ווידמען דעם דאָזיקן צוועק, און הגם דאָס ווערט געטאָן, סטייעט דאָס נישט. די באַדערפענישן זיינען דרינגלעכע און איטלעכע פאַר־נאַכלעסיקונג און איטלעכע קירצונג איז פאַרבונדן מיט אַן איינשטעלעניש פון לעבנסוויכטיקע פּאָזיציעס. אָבער פון דער אַנדערער זייט, זעען מיר מיט אונזערע אייגענע אויגן דאָס אומגליק פון נאַציאָנאַלער אויפלייזונג אין די

גלות־לענדער. מיר נויטיקן זיך דאָרט אין אַ גרויסער טאַט, וואָס איז פֿאַר־בונדן מיט אַ סך הוצאות. און אויב מיר זאָלן טאָן דאָס נויטווענדיקע, איז קיין ספק נישט, אַז עס וועלן ליידן אַנדערע טיילן פֿון אונזער אַרבעט. וועלן מיר עס אָבער נישט טאָן און קיין אַנדער רעטער צום טאָן איז נישטאָ אויסער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — עפֿענען מיר אין גלות ברייט די טירן פֿאַר דער אַסימילאַציע. און לויט מיין מיינונג, וועט נישט זיין קיין אויסוועג און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מוז ווידמען מיטלען פֿאַר דער אַרבעט אין גלות, פֿילפֿאַכיק מער ווי ביז איצט, ווייל עס גייט אין לעבן פֿונעם פֿאָלק. און אויב אונזער באַוועגונג וועט דאָס נישט פֿאַרשטיין באַ־צייטנס, וועט גאָרנישט זיין געהאָלפֿן דורך דעם וואָס אין אַ צייט אַרום וועט עמיץ פֿון אונז אויפֿשטיין און וועט מיט שאַרפֿע רייד פּראָקלאַמירן דעם דורכפֿאַל פֿונעם גלות.

*

זאָלן אונזערע חברים פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן נישט אויפֿנעמען ווי אַן אַקט פֿון אומפֿריינדלעכקייט, וואָס מען רעדט אַזוי פֿיל וועגן די פֿאַרייניקטע שטאַטן און מען פֿאָדערט פֿון זיי אַזוי פֿיל. זיי דאַרפֿן נעמען אין אַכט, אַז אויב מען רעדט וועגן גלות־אידנטום און מען וויל אַ באַשטימטע טעטיקייט צווישן גלות־אידנטום, וועט נישט אַרויסוואַקסן קיין שום נוצן, אויב מיר וועלן רעדן וועגן שוועדן, וועגן שווייץ און בראַזיל און פֿראַנקרייך. די אידישע ישובים אין די אַלע ערטער האָבן איטלעכער זיין אייגענעם ווערט, מען דאַרף נישט גרינגשעצן קיין שום אידישן קיבוץ, אויך נישט דעם קלענסטן. עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז די אַנטשיידנדיקע מערהייט פֿון די אידן אין חוץ־לארץ, מיט וועלכע מיר קענען קומען אין באַריר און זיי זיינען פֿריי איינצואָרדנען זייער לעבן ווי זיי ווילן, זיינען די אידן פֿון די פֿאַריי־ניקטע שטאַטן. דעריבער איז קלאָר, אַז ווען מיר רעדן וועגן עליה און וועגן אידישער נאַציאָנאַלער דערציאונג, מוזן מיר קודם־כל רעדן וועגן די פֿאַריי־ניקטע שטאַטן.

מען האָט דאָ אָנגערירט אַ געוויס וויכטיקע פֿראַגע. איך מיין די טענה, אַז אין משך פֿון יאָרן האָט מען פֿון ארץ־ישראל געשיקט שליחים בלויז צו זאַמלען געלט־מיטלען. נישטאָ דעריבן קיין בייז. זאַמלען געלט־מיטלען איז זייער וויכטיק, און אָן אַ צווייפֿל זיינען די שליחים וואָס זיינען געפֿאָרן צו דעם צוועק אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, אָדער אין אַנדערע לענדער, נישט געפֿאָרן כדי זיך צו פֿאַרשאַפֿן גרויס פֿאַרגעניגן. זיי זיינען געפֿאָרן אונטער אַ צוואַנג און דרוק, וואָס האָט אויף זיי געפּרעסט. אַ דרוק, וואָס עס

האָט אים געשאַפן דיווירקלעכקייט אין לאַנד. אָבער פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען באַדויערן, וואָס עס האָט אויף אונז נישט געווירקט אויך דער דרוק צו פאַרשטאַרקן די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, צו שיקן שליחים אויך צו דעם צוועק, אויפצושטעלן אַ חלוצישע באַוועגונג, צו פאָדערן אַן עליה און גרייטן זיך צו איר, און די דאָזיקע פראַגע שטייט פאַר אונז און ווייזט אָן, אַז נישט אַלץ איז געווען ריכטיק אין אונזער אויפפירונג.

און הגם די דאָזיקע פראַגע איז אַ גערעכטע, דאַרף מען נישט לעבן אין אַן אילוזיע, אַז אַרויסשיקן אַ דעלעגאַציע איז אַ גרינגע זאַך. איך ווייס, אַז נישט תמיד נעמט מען אויף מיט גרויס באַגייסטערונג שליחים. איך וועל עס זאָגן אָפן, דאָס שרעקט מיך לגמרי נישט. איך האַלט נישט די באַוועגונג אין אַ באַשטימט לאַנד פאַר אַ נחלה פון די חברים בלויז אין יענעם לאַנד. מיר זיינען אַ וועלט־באַוועגונג און עס איז פאַראַן אַ געמיינזאַמע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ וואָס קומט פאַר אין יעדן לאַנד. איך בין גרייט צו קומען אין דעם אָדער יענעם לאַנד, אויך אַלס אומגעבעטענער גאַסט, אויב איך וועל נאָר וויסן זיכער, אַז די אינטערעסן פון דער באַוועגונג זיינען מחייב מיין קומען. און אַזוי דאַרף מען זיך פירן בנוגע אַלע לענדער.

אויך בנוגע געלט־זאַמלונגען, ווען מען וואָלט יעדעס מאָל געפרעגט די חברים פון אַ באַשטימט לאַנד, צי מען דאַרף און קען דאָרט איינאָרדנען דעם אָדער יענעם קאַמפּיין, בין איך זיכער, אַז נישט איינמאָל וואָלטן מיר באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער. אָבער נישט תמיד האָבן מיר זיך גערעכנט מיט דער נעגאַטיווער תשובה פון די מענטשן אויפן אָרט. די דעלעגאַציע איז אַרויסגעפאָרן, די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן און געברענגט שיינע רעזולטאַטן. פאַרוואָס זאָל נישט געטאָן ווערן דאָס אייגענע אויך לגבי די אינטערעסן פון דער באַוועגונג, פאַר איר שטאַרקונג, דערציאונג צו עליה, פאַר נאַציאָנאַלער דערציאונג, פאַר לערנען העברעאיש א. אַ.וו.?

מיר זיינען געבענטשט געוואָרן מיט אַ וואונדערלעכער אָרגאַניזאַציע פון פרויען פיאָנערן אין אויסלאַנד. אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס עקזיסטירט איצט אין 12 לענדער. לויט מיין מיינונג, וואָלט די דאָזיקע פיינע אָרגאַניזאַציע געקענט טאָן אויסגעצייכנטע אַרבעט אויפן געביט פון העברעאישער דער־ציאונג און אויפשטעלן העברעאישע קינדער־גאָרטנס. פאַרוואָס טוט זי דאָס נישט? דאָ, דאָרט זיינען פאַראַן ווינציקע אָנהויבן אין דער דאָזיקער ריכטונג און זיי האָבן געוויזן ווי וויכטיק די דאָזיקע אַרבעט איז פאַר זיך אַליין און אויך פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג. איך האַלט נישט, אַז דורך דער דאָזיקער טעטיקייט וועט פאַרקלענערט ווערן זייער אָנשטרענגונג פאַר דער

מועצת הפועלות. אָבער אַפילו ווען עס וואָלט געווען אַזאַ געפאַר, איז קיין ספק נישט, אַז אונזערע חברטעס אין ישראל, ביי דעם דאָזיקן צושטאַנד פון דער נאַציאָנאַלער דערציאונג אין גלות, זיינען מחוייב צו אַלאַרמירן פון דאַנען אויס די חברות־אָרגאַניזאַציעס אין גלות, כדי זיי זאָלן זיך איבער־געבן דער דאָזיקער טעטיקייט. באמת, מען קען אויפטאָן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט אויף דעם געביט, ווייל ווער נאָך איז מסוגל אַזוי ווי די מוטערס אויפצושטעלן העברעאישע קינדער־גאָרטנס אין די אַלע לענדער?

עס פאַרן אַ סך שליחים חברים פון מפא״י, אויסצופירן פיל אויפגאַבן אין חוץ־לארץ — פון דער ישראל־רעגירונג, פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון דער הסתדרות. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער שליח איז מחוייב קודם־כל צו זאָרגן פאַר דער דורכפירונג פון דער אויפגאַבע, צוליב וועלכער ער איז געשיקט געוואָרן. עס איז אָבער נישטאָ קיין ספק, אַז ער קען אויך אויפטאָן אַ סך פאַר דער באַוועגונג אינעם לאַנד פון זיין שליחות. נישט איינמאָל הערן מיר חברים פון דער באַוועגונג אין די לענדער באַקלאָגן זיך שווער אויפן מאַנגל פון קאָאָרדינאַציע און פון הילף מצד אַ חבר פון מפא״י, וועלכער ווירקט אין שליחות אין אַ באַשטימט לאַנד. אויב מיר וועלן פאַרריכטן דעם צושטאַנד אויף דעם געביט, קען דאָס ברענגען נישט ווינציק נוצן דער באַוועגונג אונזערער אין חוץ־לארץ.

אַ גרויסער טייל פון דער אחריות פאַר דער באַוועגונג אין חוץ־לארץ, פאַר איר פראַקטישער, אידעאישער און אויפקלערערישער אַרבעט מוז ליגן אויף אונזערע חברים אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. איך האָב זיך אויף דעם אָפּגעשטעלט אַ סך מאָל און איך חזר ווידער איבער די דאָזיקע פאָדערונג.

*

די אויפגאַבן, וואָס די באַוועגונג אין חוץ־לארץ און בפרט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט אויסצופירן אין איצטיקן מאָמענט, האָבן פאַר־נומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אונזערע פאַרהאַנדלונגען. איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז די חברים אין די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרפן זיך דערויף נישט וואונדערן און נישט האָבן קיין תרעומות. לויט מיין מיינונג ווערט די דורכ־פירונג פון די אויפגאַבן פון דער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס עס פאָדערן די צייט און די אומשטענדן — אויף אַן ערנסטן אופן אויפגעהאַלטן דורך דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צעשפּליטערונג פון דער באַ־וועגונג. עס זיינען פאַראַן פיר אונזערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע דאַרפן בעצם פון איין סידור, אָבער זיי קענען נישט דאַרפן בשותפות און יעדע

איינע פון זיי מוז עס טאָן אין איר אייגענעם „שטיבל". צי איז טאַקע ווירקלעך נויטווענדיק, אַז דאָס זאָל אַזוי זיין? ניין, דאָס איז בשום אופן נישט נויטיק.

די חברים פון דער שורה, בפרט אין די פּראָווינץ־שטעט, ווילן נישט די דאָזיקע צעשפּליטערונג און זיי פאַרשטייען זי נישט. מען דאַרף נאָר שטוינען, אַז דאָס איז ביז איצט נישט אַנדערש געוואָרן, הגם מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז די באַוועגונג קען נישט אויספירן אירע אויפגאַבן צוליב דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צעברעקלונג, אין וועלכער זי געפינט זיך.

איך האָב זיך איבערצייגט ביי מיין לעצטן באַזוך אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אַז סיי אין „פאַרבאַנד" און סיי אין פועלי ציון, זיינען פאַראַן קרייזן פון יונגע מענטשן, אויך ענגליש־רעדנדיקע, וואָס גאַרן נאָך אַ פול אידיש לעבן, צום ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק. אָבער דאָס הויפּט־פּראָבלעם איז, ווי אַזוי זיי צוצוציען און פאַראינטערעסירן מיט דער באַוועגונג, ווי אַזוי אויסצובּרייטערן די דאָזיקע קרייזן. געווען אַמאָל אַזעלכע וואָס האָבן גע־טענהט, אַז דאָס אידיש רעדן שטערט דער צוציאונג פון נייע קרייזן. און אָט זיינען מיר דערגאַנגען צום „גליקלעכן" צושטאַנד, אַז אויך אויף דער פועלי ציון קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיע האָט מען גערעדט זייער אַ סך ענגליש (נישט תמיד נייטיקערווייז). אויף זיצונגען פון די פאַרטיי־אינסטאַנצן, אויב עס איז נאָר דאָ איין מענטש, וואָס עס איז אים גרינגער צו רעדן ענגליש, פּאַסן זיך אַלע צו צו אים, און די זיצונגען פירן זיך „על טהרת העגגליש" — כאָטש דער איינער פאַרשטייט גוט אויך אידיש. צי האָט דאָס אַראָפּוואַרפן דעם עול פון אידיש געבראַכט די ישועה? בשום אופן נישט. דאָס האָט שטאַרק פאַראָרעמט די באַוועגונג. דאָס מיינט נישט, אַז מען דאַרף נישט באַנוצן ענגליש אין קרייזן וואו מען פאַרשטייט נישט אידיש — אָבער בלויז דאָרט. מיטן בלויזן אַראָפּוואַרפן דעם עול פון אידיש וועלן מיר נישט פאַר־שטאַרקן די באַוועגונג.

עס איז אייך באַקאַנט, אַז אויף די קאָנפערענצן פונעם פאַרבאַנד און פון פועלי ציון איז באַשלאָסן געוואָרן צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַרייניקונג און איינצואָרדענען אַ רעפערענדום אין פעברואַר—מערץ 1955 וועגן דעם. אויך ווען עס וועט אָנגענומען ווערן אַ פּאָזיטיווער באַשלוס און די פאַרייניקונג וועט פאַרווירקלעכט ווערן, זיכערט דאָס אַליין אויך נישט דעם פונאַנדערוואוקס פון דער באַוועגונג און אַן איבערראַשונג פון די ווערטן. דאָס באַזייטיקט בלויז אַ מכשול. דאָס איז בלויז אַ ווינציקער אָנהויב אויפן וועג צו שאַפן אַ שטאַרקע באַוועגונג, וואָס זאָל קענען געווינען גרויסע און ברייטע קרייזן. דאָס איז אויך אַן אָנהויב פאַר דער מעגלעכקייט צו

שטאַרקן די יוגנט־באַוועגונג און אויפצוהויבן די ווערטן פון חלוציזם. אויך דאָ וואָלט איך ווען, אַז חברים זאָלן נישט לעבן מיט אילוזיעס, אַז מען קען אויפשטעלן אַ שטאַרקע יוגנט־באַוועגונג, אָן אַן אָנשפּאַר אין אַ שטאַרקער באַוועגונג פון דערוואַקסענע. אַ שטאַרקע פּאַרייניקטע באַוועגונג פון דער־וואַקסענע, מיט אַן אידעאישן וועג און אַקטיוויטעט, קען צוזיילן דאָס אויפ־שטעלן אַ יוגנט־באַוועגונג מיט ברייטע חלוצישע טענדענצן.

אויך דער דאָזיקער קליינינקער אָנהויב — די פּאַרייניקונג פון פּועלי ציון און פּאַרבאַנד, איז גאָרנישט געזיכערט אָן אַ גרויסער אָנשטרענגונג, וואָס מען דאַרף דערין אַריינלייגן, אויך פון דאַנען אויס, כדי ער זאָל דורכ־געפירט ווערן. פאַרשטענדלעך, די אָנטשיידונג שטייט איין ביי די חברים אויפן אָרט, און קיינעם קומט נישט אין זינען זי אַרויפצוצווינגען די חברים. אָבער דאָס רעכט פון אויפקלערונג און איבערצייגונג מוזן מיר זיך איבער־לאָזן און באַנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן רעכט.

אין לאַנד און אין חוץ־לארץ פאָדערט זיך אַ גרויסע מאָס פון פּאַטריאָטיזם פאַר די ענינים פון דער פּאַרטיי אין חוץ־לארץ, צו רעכענען זיך מער מיט אירע באַדערפענישן. דאַן וועלן מיר קענען שטאַרקן די באַ־וועגונג אין אַ גרויסער מאָס און אויך קענען קומען מיט גרויסע פאָדערונגען.

די אַנטוויקלונג פון אונזער באַוועגונג איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, טיילמאָל אויך מיט דער טעטיקייט פון דער הסתדרות אין חוץ־לארץ. עס איז, דעריבער, בויטיק, אַז אונזערע חברים, סיי אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און סיי אין דער הסתדרות, זאָלן נעמען אין אַכט, ווי אַזוי די אָדער אַנדערע טעטיקייט, דער אָדער יענער באַשלוס, זיינען עלול צו באַ־ווירקן די מעשים און די אַנטוויקלונג פון אונזער באַוועגונג. צו מיין באַ־דויערן, איז דער דאָזיקער געדאַנק נישט תמיד פאַראַן, און דאָס דאַרף מען פאַרריכטן.

*

אונזער כוח איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מיר האָבן געוואוסט צונויפצושמעלצן די פליכט פון פאַרווירקלעכונג מיט דער פּראָקלאַמירונג פון די אויפגאַבן פון דער באַוועגונג. די דאָזיקע וויכטיקע אייגנשאַפט, וואָס האָט אונז צוגעגעבן צוטרוי און האָט אויפגעהויבן אונזער אָנזען, איז אין דער לעצטער צייט פאַרלוירן געוואָרן און מיר דאַרפן זי צוריקשטעלן. אויב מיר פּראָקלאַמירן נאַציאָנאַלע דערציאונג, לערנען עברית — איז נישט דערלאָזבאַר, אַז פירער פון דער באַוועגונג זאָלן נישט דערציען זייערע

קינדער אין דעם גייסט און אַז זיי און זייערע קינדער זאָלן נישט לערנען העברעאיש. מיר וועלן נישט האָבן קיין שום מאָראַלישע האַפט דאָס צו פאָדערן פון אַנדערע. לויט מיין מיינונג איז נישט געווען נאָך אין אידישן לעבן אַזאַ גינסטיקער צושטאַנד ווי איצט, וואָס דערמעגלעכט צו פאַר־וואַנדלען די העברעאישע שפּראַך אין דער שפּראַך פון אידישן פאָלק אין די תפוצות. אויב מיר וועלן דאָס איצט נישט טאָן, וועלן מיר זינדיקן קעגן אונזער שליחות. דאָס איז נישט גרינג צו מאַכן, אָבער עס איז נויטווענדיק און מעגלעך. בנוגע דעם דאַרפן מיר זיך פירן אין אונזער באַוועגונג מיטן גאַנצן חומר הדין.

דאָס איז נישט קיין שום פגיעה אין די רעכט פון אידיש. דאָס האַרץ טוט מיר וויי, ווען איך זע דעם אימהדיקן פאַרראַט פון די וואָס רופן זיך אידישיסטן אין די פאַרייניקטע שטאַטן — אַנטקעגן דער אידישער שפּראַך אינם אָרטיקן אידישן לעבן. איך בלייב גלייכגילטיק צום הייליקן קריג וואָס זיי פירן פאַר די רעכט פון אידיש אין ארץ־ישראל. איך בין גרייט צו פאַר־טיידיקן די דאָזיקע רעכט, אָבער נישט מיט זיי, און איך בין נישט גרייט אָנצונעמען פון זיי קיין שום עצה. זאָלן זיי פריער אויספירן זייער אויפגאַבע אין ניו־יאָרק און אין זייער משפחה, און דאַן זאָלן זיי קומען מיט פאָדערונגען און עצות צו אונז.

די וואָס האָבן פאַרויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון אידיש אין די פאַרייניקטע שטאַטן, זיינען געווען שוואַרצזעער, און דאָס האָט נישט געשטאַרקט אונזער נאַציאָנאַלע פּאָזיציע. נאָך אַ שוץ־מויער איז איינגע־בראָכן געוואָרן, אַ שוץ־מויער, וואָס האָט אָפּגעהיטן אונזער פאָלק פון נאַציאָנאַלער אויפלייזונג. די דאָזיקע שוץ־מויער וועלן מיר נישט קענען אויפשטעלן איבעראַנייס, סיידן מיר וועלן פלעגן די העברעאישע שפּראַך און מאַכן זי אין מויל פון אונזערע פאָלקס־ברידער אין חוץ־לארץ פאַר אַ גערעדטער שפּראַך. און דערין דאַרף מען ביים היינטיקן טאָג זען איינע פון די וויכטיקסטע און דרינגענדסטע אויפגאַבן פון אונזער באַוועגונג.

דאָס איז אַמאָל געווען דער שטאָלץ פון דער באַוועגונג, אַז זי האָט געקעמפט אויף אָפּצושטעלן די דאָזיקע סכנות. מיר האָבן דאָס געטאָן אויף פאַרשיידענע אופנים. אויך אין פוילן, מיט אירע דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן אידן, מיט זייער ברויזנדיק נאַציאָנאַלן לעבן. מיר האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף נסים און האָבן אַ סך געווירקט אויפן געביט פון דערציאונג און שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל. און זאָל קיינער נישט מיינען, אַז די אידישע עלטערן אין פוילן האָבן גרינג געלאָזט זייערע קינדער זיך אָנשליסן צום

החלוץ. סיי די אידן אין וואַרשע און סיי די אידן אין לעמבערג און אין אַנדערע שטעט, האָבן נישט געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן אַרויס אויף הכשרה. מיר האָבן זיך געראַנגלט איבער יעדן יינגל, מיר האָבן גובר געווען שוועריקייטן און האָבן זיי באַזיגט. דעם דאָזיקן געראַנגל האָבן מיר געקענט גובר זיין, ווייל מיר האָבן געהאַט אַ שטאַרקע באַוועגונג פון דערוואַקסענע. מיר דאַכט זיך, אַז אויך איצט קענען מיר אַרויסרופן אַ שטאַרקע באַוועגונג און אינאיינעם דערמיט אַ ברייט־פאַרמאָסטענע יוגנט־באַוועגונג. אָבער דער פאַרבאַדינג דערצו איז — מער אינטערעס און מער פאַרשטענדעניש פאַר דעם, סיי צווישן אונז אין ישראל און סיי צווישן די חברים אין חוץ־לארץ.

אונזערע צענטראַלע חברים זיינען אַקטיוו אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז פאַר זיי געוואָרן דאָס עיקרדיקסטע טעטיקייט־פעלד. ווען אונזער פאַרטיי רעדן זיי שוין בלשון „זיי״: „זיי״ האָבן נישט געטאָן, „זיי״ האָבן נישט געווירקט. אויף אַזאַ אופן קען קיין פאַרטיי נישט וואַקסן. דער דאָזיקער אופן רעדן מוז פאַרשווינדן. זיי זיינען נישט ווינציקער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם צושטאַנד פון דער פאַרטיי ווי די „זיי״, וואָס צו־פעליק ליגט אויף זיי פאַרמעל די לאַסט פון דער פאַרטיי. אויב די דאָזיקע לאַגע וועט אָנהאַלטן, וועט דאָס מיט זיך בלויז ברענגען אַ באַשטעטיקונג פון דער לאַגע, ווי זי איז נעכטן געשילדערט געוואָרן דורך מאַנכע חברים.

אויב איך האָב עפּעס געזאָגט קעגן דער דאָזיקער שילדערונג, איז עס נישט געווען כדי דעם צושטאַנד צו פאַרשענערן, אָדער צו פאַרזיסן די האַרבקייט. איך האָב בלויז אָפּגעפרעגט דאָס רעכט פון עמיצן פון אונז אַרויסצוטרעטן בלויז אַלס קריטיקער און נישט אויך אַלס קריטיקירטער. און דעריבער: די איצטיקע לאַגע מוז געענדערט ווערן, און דאָס וועט זיין סיי לטובת דער מדינה און סיי לטובת די אידן אין גלות.

דרוק־פעלער

זייט 72, שורה 9, געדרוקט: באַדינגונען — דאַרף זיין: באַדינגונגען.

„ 141, „ 13, „ הענג־האַרציקע — דאַרף זיין: ענג־האַרציקע.

„ 158, קאַפּיטל ב׳ שורה 8, געדרוקט אַ גאַנצע פאַלשע שורה — דאַרף זיין:
לעבן בכלל, קענען איצט פריי ווירקן. אויך אויפן געביט פון שול־
ווען און

„ 195, שורה 3, געדרוקט: מוסטער — דאַרף זיין: מעסטער.

„ 219, „ 25, „ האָבן זיך — דאַרף זיין: האָבן זיך נישט.

„ 228, די באַמערקונג אונטער דעם טעקסט דאַרף קומען אויף דער נעקס־
טער זייט — 229, געדרוקט: 6—3 — דאַרף זיין: 6—13.

„ 236, שורה 9, געדרוקט: אין — דאַרף זיין: איז.

„ 334, „ 4, „ זיבן — דאַרף זיין: אַכט.

TABLE DES MATIÈRES

	Page
Préface	9
Les premiers échos	13
L'Etat d'Israel et le Mouvement Sioniste Mondial	26
Une Organisation Sioniste Unifiée	42
Le Parti après l'établissement de l'Etat	52
De nouvelles méthodes	63
Notre mouvement doit être constructif	70
Ce que nous exigeons du mouvement de la Diaspora	86
D'où vient la crise?	94
La Conférence de l'Ihoud Olami à Tzofit — 1950	101
La question n'est pas "qui" — mais "quoi"	109
Elargissons le champ d'activités des Fédérations Sionistes Nationales	116
A la veille du 23ème Congrès Sioniste	124
L'Etat et le Sionisme — leur but identique	127
Questions sionistes courantes	133
Pour éviter la dissolution	141
A la veille d'importantes décisions	149
Comment renforcer le Mouvement Sioniste	151
Faisons face à la réalité	155
Rencontre Européenne de l'Ihoud — 1951	171
Les activités dans la Diaspora — un devoir sioniste	173
Coalition à sens négatif	183
Une Conférence de la Z.O.A. — 1951	189
Une position importante (Congrés Mondial de l'Ihoud—1951)	193
Comment construire notre mouvement	200
Sur quoi porte la discussion	210
Manifestons plus d'intérêt pour le Mouvement dans la Diaspora	217
Organisons la Diaspora pour soutenir l'Etat	225
Session plénière de l'Exécutif — 1952	231
Plus de clarté	234
Se tourner vers la Diaspora — tache importante	244
"Shnat Shérout" — ses aspects positifs et négatifs	252
Un nom qui oblige	258
Reconstruction de l'Organisation Sioniste	263
A la recherche de voies nouvelles	275
Les taches du mouvement dans la Diaspora	287
Compte-rendu d'une visite à l'étranger — 1953	301
Rester fidèle à notre voie propre	306
Un modeste pas en avant	311
Un Exécutif large ou resreint?	316
Unissons nos forces	319
Contre le courant — s'il le faut	332
Discours d'ouverture au Congrès Mondial de l'Ihoud — 1954	341
L'appel est adressé à tous	346

CONTENTS

	Page
Preface	9
On the Threshold	13
The State of Israel and the World Zionist Movement	26
A Unified Territorial Zionist Organisation	42
The Labour Zionist Movement after the Establishment of Israel	52
New Methods	63
Ours Must be a Movement of Deeds	70
Needs of the Labour Zionist Movement Abroad	86
What has Led to the Crisis?	94
Ichud Olami Conference at Tzofit — 1950	101
Not How — But What	109
Give the Territorial Zionist Organisation Tasks	116
On the Eve of the 23rd Zionist Congress	124
State and Zionism — One Goal	127
Current Zionist Questions	133
Ways which Lead to Liquidation	141
Before Important Decisions	149
How to Strengthen the Zionist Movement	151
Facing Realities	155
Ichud Consultation in Europe — 1951	171
Diaspora Activities — a Zionist Duty	173
Coalitions for the Sake of Negation	183
The ZOA Convention — 1951	189
An Important Assembly (World Conference 1951)	193
How to Build Our Movement	200
What the Controversy is About	210
More Interest in the Movement Abroad	217
Organising the Diaspora to Aid the State	225
Plenary Session of the Zionist Executive — 1952	231
The Need for Clarity	234
Facing the Diaspora — a Central Task	244
Shnat Sherut — Pros and Cons	252
A Name which Involves Duties	258
Reconstruction of the Zionist Organisation	263
Debating New Ways	275
Tasks of the Labour Zionist Movement Abroad	287
Report on a Visit Abroad — 1953	301
Faithful to Our Path	306
A Modest Step Forward	311
Large or Small Executive?	316
With United Efforts	319
Against the Stream, if Need Be!	332
Opening Address at World Conference — 1954	341
The Call is Directed to All	346

MEILECH NOY (Neustadt)

THE NEW REALITY

ESSAYS ON THE ZIONIST AND LABOUR ZIONIST MOVEMENTS AFTER THE EMERGENCE OF THE STATE OF ISRAEL

"LA REALITE NOUVELLE"

ESSAIS SUR LES MOUVEMENTS SIONISTE ET OUVRIER SIONISTE DEPUIS LA NAISSANCE DE L'ETAT D'ISRAEL